STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00467

BAY DER DVINE (ZVIRNHOLM)

Isaac Kozinitz

Permanent preservation of this book was made possible by
The Honorable Rosalind Poll Brooker & Samuel S. Brooker
in memory of
Anna & Israel Poll and Esther & Bernard Brooker

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



ש. י. קאַזיניץ

(1956—1891)

ש. י. קאַזיניץ

ביי דער דווינע

(זווירנהאָלם)

ש. י. קאַזיניץ

ביי דער דווינע

(זווירנהאָלם)

איקוף פארלאג

ניו־יאָרק, נ. י.

S. I. KOZINITZ

BAI DER DVINE

(ZVIRNHOLM)

Copyright 1957, by
LILLIAN KOZINITZ
Brooklyn, N. Y.

Published by
YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)
189 Second Avenue, New York 3, N. Y.

266

Printed in the United States of America, by
Aber Press, Inc., 37 E. 18th St., New York, N. Y.

געווידמעט דעם גייסט פון אויפשטאַנד
ביי די לאַטווישע יידן אין ריגער געטאָ

אינהאַלט

שמואל־יצחק קאַזיניץ
(פאָרוואָרט פון יעקב מעסטל) 9
זווירנהאָלם 17
עליע מאַגנוס 19
דער רבי ירוחם־בער 179
מלכהלע שלמהקעס 194
אייזגאַנג 211
אין שיטערער טיוגע 241
פאַר שלמהקעס באָמען 279
זאַלאַם 298
נאַכט 349
ווערטער פאַרטייטשונגען 356

די נעמען פון די פּערזאָנען אין דעם בוך זיינען אויסגעטראַכטע

שמואל־יצחק קאַזיניץ

מיר האָבן פאַר זיך אַ זעלטן בוך פון אַ זעלטענעם שרייבער. אוןביידע, דאָס בוך, ווי דער מחבר, זיינען אייגנאַרטיק. דאָס בוך מיט דער טעמע פון אַ ניי־אַנטפּלעקטער סביבה, און דער מחבר — נאָך לאַנגיאָריקן שווייגן, מיט זיין פּלוצימדיקן שטראָם פון שאַפן, ווי דער אויסברוך פון אַ צייטווייליק פאַרלאָשענעם וואולקאַן.

הגם אַ געבוירענער אין טשאַשניקי, וויטעבסקער גובערניע (מערץ, 1891) און עטלעכע־און־דרייסיק יאָר געלעבט און געווירקט אין ניו־יאָרק (וואו געשטאָרבן דעם 23 מערץ 1956 אין עלטער פון 65 יאָר), קאָן אָבער שמואל־יצחק קאַזיניץ פאַררעכנט ווערן, ווי אַ יידישער שרייבער פון לעטלאַנד. זינט דעם עלטער פון ניין יאָר אויפגעכאָוועט און דערצויגן אין חדר און שול אין ריגע, ווערט ער דאָרט צו זעכצן יאָר אַ שריפטזעצער, וואָס בלייבט שוין זיין שטענדיקע פּראָפעסיע. ריגע איז דער אָרט, וואוהין קאַזיניץ דעזערטירט פון צאַרישן מיליטער־דינסט און שפּעטער פון דער געפאַנגענשאַפט. דאָרט האָט ער אויך חתונה מיט זיין באַשערטער כאַסיע־לאה. ווען ער פאָרט אַוועק סוף 1921 פון זיין באַליבטער ריגע, לאָזט ער דאָרט איבער כמעט זיין גאַנצע משפחה — דעם פאָטער און די מוטער, זיין שוועסטער און שוואָגער מיט פיר קינדער און זיינע צוויי ברידער און שוועגערינס מיט קינדער — כמעט אַלע שפּעטער דערמאָרדעט פון די פאַשיסטן אין לעטלאַנד אונטער די נאַציס.

אָבער וואָס עס מאַכט דער עיקר קאַזיניצן פאַר אַ „לעטלענדער", איז זיין העכסט־אייגנאַרטיקע טעמאַטיק פון יענער געגנט. די אַמעריקאַנער טעמעס, וואָס ער באַנוצט שפּעטער אין זיינע צוויי דראַמעס („באַדערנאַכט", 1935, און „אין צוזאַמענברוך", 1936) קוקן־אויס צו זיין מינדערוויכטיק קעגן דעם ברייטן פאַרנעם פון זיינע דווינע־געמעלן.

ווי יעדער עכטער קינסטלער, איז קאַזיניץ באַאיינפלוסט געוואָרן פון זיין נאָענטסטער סביבה. איינער פון זיינע ערשטע פּרוּוון אויפן ליטעראַרישן געביט, דער קורצער איינאַקטער „לעאָן" (אויפגעפירט פון אַמאַטאָרן אין ריגע), האַנדלט ביים קראַנקן־בעט פון אַ שווינד־זיכטיקן זעצער, וועלכער איז אויך אַ שרייבער.

דער יונגער קאַזיניץ איז אויך באַווירקט געוואָרן פון די פּאָלי־טישע איבערקערענישן אין יענער צייט. אַ סאָלדאַט אין דער צאַרישער אַרמיי נאָך פּאָר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווערט ער אין 1914 מאָביליזירט און מיטן ספּעציעל פּאַרמירטן „יידישן עשאַלאָן" געשיקט אויפן פראָנט. שוין דאָס אַליין איז געווען סיבה, אַז קאַזיניץ זאָל דעזערטירן. אָבער באַלד נאָך דער רעוואָלוציע מעלדעט ער זיך פריי־וויליק צום מיליטער־דינסט, טרעט אַריין שפּעטער אין דער רויטער אַרמיי און פאַלט אַריין צוויי מאָל אין געפאַנגענשאַפט — איין מאָל צו די דייטשן און דאָס צווייטע מאָל צו די „ווייסע", פון וועלכע ער ראַטעוועט זיך קוים מיטן לעבן.

מיט באַזונדערס ביטערער דערפאַרונג האָבן זיך איינגעקריצט אין זיין זכרון די אכזריותן פון הפקר־באַנדעס בעת דעם בירגער־קריג (1919—1920), וואָס ער שילדערט שפּעטער (אין 1935) אין זיין איינ־אַקטער „אויסגעצוימטע" (אַריין אין זיין בוך דראַמען „פייערן אין נאַכט", ניו יאָרק, 1939).

אָבער ווייזט־אויס, אַז דעם גרעסטן איינפלוס אויף קאַזיניצן האָט געהאַט דער ריינער צופאַל, וואָס זיין פאָטער, חיים־לייב, איז געווען אַן אַנגעשטעלטער ביי געהילץ. דאָס גיט קאַזיניצן די מעגלעכקייט נאָענט זיך צו באַקענען מיט די „יאַקאָרשטשיקעס", די אַרבעטער און אַנגעשטעלטע ביים אויסהאַקן וועלדער און טראַנספּאָרטירן דאָס צע־זעגטע געהילץ איבער די שטורעמדיקע אייזיקע „זאַלאַמעס" און „שי־טערע טיוגעס" פון דער צעברויזטער דווינע. דאָס קומט צום אויס־דרוק שוין אין זיין פולער ערשטלינג־דראַמע אין פינף אַקטן „אָפּן טייך", געדרוקט אין ריגע, 1921.

דער שרייבער און מאָלער מיכאַאיל יאָ איז דעמאָלט דער ערשטער אָנזאָגער פון ש. י. קאַזיניצעס טאַלאַנט. ער שרייבט וועגן דער דראַמע (אין ריגער „דאָס פאָלק"): „דער שאַפונגס־תוך פון קאַזיניצן איז די שילדערונג, די רעאַליסטישע באַמאָלונג פון לעבעדיקע געשטאַלטן. — — — די דראַמע פאַרמאָגט אַ רעכטע צאָל אינערלעכע דעפעקטן,

אָבער דערפֿאַר זײַנען אויך פֿאַראַן אַ רײ אײנהאַלטס־ביואַנסן עפעקט־פֿולע, ערטערווײַז מאָנומענטאַל־בילדלעכע — — — אַ אײנהאַלטס־רײַכער מאַטעריאַל פֿאַרן ייִדיש־סצעניִשן שאַפֿן״.

דערווײַל האָט ש. י. קאַזיניץ פֿאַרלאָזט ריגע און קומט־אָן מיט זײַן פֿרוי און קינד קײן ניו־יאָרק אָנהויב 1922. ניט אַזוי לײַכט קומט אים אָן זיך אײַנצואָרדענען אין נײַעם לאַנד. צוליב שטרענגע יוניאָן־פֿאַרשריפֿטן איז אים שווער צו באַקומען אַרבעט אין זײַן פֿאַך. ערשט אין 1925 געלינגט אים צו ווערן אַ מיטגליד אין דער שריפֿטזעצער־יוניאָן. זינט דעמאָלט אַרבעט ער דרײַסיק יאָר כּסדר אין דרוקערײַען פֿון „רוסקי גאָלאָס״, „מאָרגען זשורנאַל״ און דערנאָך פֿון „טאָג״ (ביז 1954). דאָס פֿאַרזיכערט אים אַ בכּבֿודיק אויסקומעניש פֿאַר פֿרוי און צוויי טעכטערלעך, און גיט אים אַפֿילו אַבּיסל פֿרײַע צײַט זיך אָפּצוגעבן אין די אָוונטן צו זײַן באַליבטסטער באַשעפֿטיקונג — שרײַבן.

די דראַמע „אָפּן טײַך״ איז, לויט קאַזיניצעס „אַ בריוו אין רע־דאַקציע״ („פֿרײַהײט״, 1925), אויפֿגעפֿירט געוואָרן דורך לעאָניד (ליפּמאַן) סאַקאַלאָוו אין קאָמפּאַניעיעצעס טרופּע אין ריגע, דערנאָך — אויך אין וואַרשע, לאָדזש, קאָוונע, ווילנע, רעוועל און אין אַ רײ גרעסערע און קלענערע שטעט פֿון פּוילן, ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד, — און אומעטום אָן דער דערלויבעניש פֿונעם מחבר. באַזונדער דערפֿאָלג־רײַך ווערט די דראַמע געשפּילט דורך ל. סאָקאָלאָוו אין אַרגענטינע.

נאָך אַזאַ דערפֿאָלג אין טעאַטער איז קאַזיניץ געווען באַרעכטיקט צו גלויבן, אַז זײַן שרײַבעריש געביט איז דראַמע. ער שרײַבט דעריבער אין 1923 אַ דראַמע אין פֿיר אַקטן „אײנעם ליכט פֿון באַגינען״, וואָס שילדערט דעם ריס צווישן קינדער און עלטערן אין סאָוועט־רוסלאַנד נאָכן אַוועקגײן פֿון די „ווײַסע״. אין 1924 שרײַבט ער אַ טראַגעדיע אין פֿינף אַקטן „אין די זאַמדן״, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין די ביבלישע צײַטן, בעת דעם וואַנדער פֿון די ייִדן אין מדבר, און שילדערט קריגע־רישע אומצופֿרידנקײט פֿון מאָסן קעגן זײערע פֿירער — מיט אַן אָנ־דײַט אויף די דעמאָלטדיקע פֿאַרהעלטענישן אין סאָוועט־רוסלאַנד.

די צוויי פּיעסן זײַנען אַרײַן אין בוך „צווישן וועלטן״ (ניו יאָרק, 1925) און האָבן געפֿונען אַ שוואַכן אָפּרוף. אָבער קלמן מרמר שרײַבט דעמאָלט (אין „פֿרײַהײט״): „בײדע פּיעסן זײַנען באַגריסונגסווערטע פֿראַוון. בײדע האָבן שײנע שטעלן און אַ סך פֿאַרשפּרעכונגען פֿאַר ווײַטערע פֿולקאָמענערע שאַפֿונגען״. מ. אָלגין שרײַבט (אין „האַמער״, מערץ, 1926): „לאָמיר האָפֿן, אַז דער שרײַבער וועט מיט דער צײַט

אַנטוויקלען אַ בעסערע טעכניק, וואָס וועט מעגלעך מאַכן אויפצופירן זיינע שפּעטערדיקע זאַכן".

אָבער די „פאַרשפּרעכונגען" און „האָפענונגען" אויף וויטערדיקע דערפאָלגן אויפן געביט פון דראַמע זיינען ניט דערפילט געוואָרן. נאָך אין 1923 קערט זיך אום קאַזיניץ צו דער טעמע פון „אָפּן טייך" אין זיין פיר־אַקטיקער דראַמע „אין די פאַראַהעס" — וועגן דעם לעבן פון די אַרבעטער, די „קאַרניקעס", ביי די געפערלעכסטע ערטער אין טייך, וואו „דער פעלזיקער גרונט גייט מיט אָפּבראכן אין מערערע ערטער, אָדער בויגט זיך אַרויס פון די טיפן און צווימט־איבער די וואַסערן מיט טויזנטער אונטערוואַסערדיקע שטיינער־שפּיצן" (פון דער באַמער־קונג צום ערשטן אַקט). אין 1935 באַרירט קאַזיניץ צום ערשטן מאָל אַן אַמעריקאַנער טעמע אין דעם איינאַקטער „באַדערנאַכט" (וועגן אַרבעטסלאָזע) און אין 1936 אויך „אין צוזאַמענברוך" (אַ דראַמע אין פיר אַקטן און זיבן בילדער וועגן גרויסן קריזיס אין אַמעריקע אין אָנהויב פון די 1930ער יאָרן). די דריי דראַמעס, צוזאַמען מיטן איינ־אַקטער „אויסגעצווימטע", גיט ער אַרויס אין אַ בוך „פייערן אין נאַכט" (ניו־יאָרק, 1939). אָבער אַחוץ אין עטלעכע מאָגערע פּרעסע־נאָטיצן ווערט דאָס דאָזיקע בוך פון איבער צוויי הונדערט זייטן ניט באַמערקט. פון אויפפירן אויף אַ בינע — שוין אָפּגערעדט.

מען קאָן זיך לייכט משער זיין, ווי אַזוי אַזאַ איגנאָרירנדיקע באַציאונג האָט געווירקט אויף אַ סענסיטיוון מענטש, ווי קאַזיניץ. ווי אַ טעטיקער מיטגליד פון „בונד" נאָך אין ריגע, איז ער אויך וויטער געזעלשאַפטלעך טעטיק. ער איז יאָרנלאַנג פּרעזידענט פון ריגער רעליף, איז הויפּט־טוער און מיטאַרבעטער פון זייער „אַלמאַנאַך" (1946־1948) און באַטייליקט זיך אין דער שריפט „אונזער ברענטש" פון באַלטיק־וויטעבסקער בר. 33 א. א. א. (1938 און 1939). אָבער ווי אַ קרעאַטיווער שרייבער איז ער אויף לאַנגע יאָרן אַנטשוויגן געוואָרן. פון יענער צייט איז נאָר געבליבן אַ מאַנוסקריפּט פון אַ דראַמע „חלום און וואָר".

נאָר אַ לעבעדיקן קוואַל איז נישט אַזוי לייכט צו פאַרצוימען. ער וועט שפּאַרן פון אונטער פעלזן אַפילו. אַן אַנדערער אויף קאַזיניצעס אָרט וואָלט אפשר זיך מייאש געווען פון שרייבן אויף שטענדיק. אָבער אין אים האָט צו־שטאַרק געברויזט אַן אינערלעכער באַגער צו ליטע־ראַרישער שעפערישקייט. די „דווינע"־טעמע איז אים געלעגן אין די ביינער און געשפּילט אויף זיין געמיט. צוויי מאָל האָט ער די טעמע

שוין פריער געגוצט (אין די דראַמעס „אַפּן טייך" און „אין די פּאַראַהעס"). מיט יאָרן שפּעטער פאַרטשעפּעט ער ווידער די דווינע־טעמע אין דער דערציילונג „דער גיפּטיגער ביס" (געדרוקט אונטערן פּסעוודאָנים „אַנקעל איטשע" אין וואָכנבלאַט „דער אַמעריקאַנער"). און אין אָט־דער טעמע האָט ש. י. קאַזיניץ זיך ווידער געפונען.

קיין חידוש ניט. דער דערציילער וועט זעלטן־ווען „צוטראַכטן" זיינע פּאַרשוינען. ער מוז זיי דערפילן, לעבן מיט זיי, גלויבן אין זיי נאָך איידער ער שטעלט זיי פאַר פאַרן לייענער. און דאָס קאָן ער דער־גרייכן בלויז דורך פּערזענלעכער דערפאַרונג. ער מוז האָבן זיי געזען, מוז זיך אַריינלעבן אין זייער פּסיכיק, שיער נישט ווערן זייערס אַ „דאָפּלגענגער". ער ווערט מיט זיינע געשטאַלטן אויפסניי געבוירן, וויטיקט מיט זיי, פרייט זיך מיט זייער פרייד און פאַרגייט צייטווייליק מיט זייער אָפּשטאַרבן. אויף דעם אופן לעבן אָפּט איבער געשטאַלטן פון גרויסע ווערק זייער באַשאַפער. פאַרן יידישן לייענער איז אפשר טביה דער מילכיקער מער רעאַל, ווי שלום עליכם גופא. ווייל שלום עליכם אַליין האָט טביהן אַרויסגעשטעלט איבער זיך.

מיט דעם דערקלערט זיך, פאַרוואָס ש. י. קאַזיניץ האָט איין מאָל און אַ צווייט מאָל און אַ דריט מאָל און ווידער אַמאָל זיך אומגעקערט צו זיינע דווינע־געשטאַלטן. ער האָט זיי געהאַט אין זיך, געלעבט מיט זיי נאָך אין זיין יוגנט. די לעצטע צוויי יאָר פאַר זיין פּריצייטיקן אַוועקגיין פון אונדז האָט ער גענומען אַרבעטן איבער אַ סעריע דער־ציילונגען אונטער פאַרשיידענע „קעפּלעך" און איבערשריפטן, וואָס האָבן אָבער געהאַט איין געמיינזאַמע טעמע: דאָס לעבן פון די „יאַ־קאַרשטשיקעס", דער עיקר — די יידישע, אויף דעם מזל־ברכהדיקן טייך דווינע מיט זיינע אוצרות ריזיק־וואַלדיקע ברעגן און אינדזלען, אָבער אויך מיט גרויזאַם־שטורעמדיקע, אָפּט טויט־ און פאַרניכטונג־ברענגענדיקע זאַווערוכעס און אייז־קריעס.

עטלעכע קאַפּיטלעך פון די דערציילונגען („דער רבי ירוחם־בער", „זאַלאַם", „אין שיטערער טייגע", „מלכהלע שלמהקעס", „אייז־גאַנג") זיינען געווען געדרוקט אין פערטל־יאַרשריפט „זאַמלונגען" און אין „יידישע קולטור". זיי האָבן געצויגן פאַרחידושטן נייגער אויף דעם אַזוי באַגאַבטן און שיער נישט אינגאַנצן פאַרגעסענעם יידישן דערציי־לער ש. י. קאַזיניץ. ערשט איצט האָט מען ווידער גענומען שענקען אים אויפמערקזאַמקייט, און טאַקע מיט אַ סך באַוואונדערונג.

די קאַפּיטלען אין די דערציילונגען האָבן אָפּט זיך איבערגעפלאָכטן,

ווי די באַזונדערע שטראַמיקע אָדערן פון דער דווינע, האָבן זיך גע־טונקען איינס אין אַנדערן, ווי די אַרומגעוואָרפענע פּליטעס געהילץ אויפן דאָרטיקן, אין כוואַליעס צעשפּילטן וואַסער — זיי זיינען אָבער פאַרט געבליבן אָפּגעריסן פון אַנאַנדער, ווי אָפּגעזונדערטע ווייספּעס.

ערשט אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן האָט קאַזיניץ, צוגלייך מיטן שפּראַכלעך־סטיליסטישן אויספּאָלירן, אויך גענומען סאָרטירן איינ־צעלנע קאַפּיטלען אין אַן איינהייטלעכן בנין, וואָס האָט געזאָלט מיט זיך פאָרשטעלן דאָס ווערק „ביי דער דווינע״.

אַ מערקווירדיקער קאָאינצידענט! אין זיין ערשטן ליטעראַרישן פּרואוו „לעאָן״ גיט־איבער דער שטאַרבנדיקער זעצער־שריפטשטעלער אַ העפט צו זיינעם אַ פריינט: „מיינע שריפטן. — — — די נעכט אָפּגעגעבן אויף דעם ווערק, די טעג — פאַרקויפט [צוליב] נויט־ווענדיקייט. דאָס האָט אונטערגעהאַקט און אונטערגעגראָבן דעם קער־פּער. — — — בלייבט דאָס ווערק ניט פאַרענדיקט״. און דאָס האָט פאַקטיש פּאַסירט מיט קאַזיניצעס לעצטן ווערק. צום גרויסן באַדויערן, און מסתם מיט אַ שאָדן פאַרן איצטיקן בוך, האָט דער טויט איבער־געריסן זיין אַזוי דרינגענדיקע אַרבעט...

אין אַט־דעם ניט פאַרענדיקטן צושטאַנד האָט קאַזיניצעס אלמנה איבערגעגעבן דעם מאַנוסקריפּט צום איקוף־פאַרלאַג.

די אויפגאַבע פונעם פאַרלאַג איז געווען אַ קלאָרע: ערשטנס, אויף ווי ווייט מעגלעך פאַרענדיקן די פון קאַזיניצן אָנגעהויבענע סאָרטיר־אַרבעט, אַז דאָס בוך זאָל אָננעמען אַ דערציילעריש־איינהייטלעך פּנים; צווייטנס, אויס פּיעטעט צום פאַרשטאָרבענעם מחבר, צו מאַכן אַזוי־ווייניק ענדערונגען, ווי מעגלעך.

און דאָס איז אָפּגעהיטן געוואָרן. די איינצלנע קאַפּיטלען זיינען סאָרטירט געוואָרן לויט אַ סוזשעטיש־דערציילערישן המשך, דאָ־און־דאָרט זיינען געמאַכט געוואָרן גאָר קליינע גראַמאַטיקאַליש־סטיליסטישע אויסבעסערונגען, — אָבער די כאַראַקטעריזאַציע פון די טיפן, פאַר־שוינען און לאַנדשאַפטן, די אייגנאַרטיק־קערנדיקע שפּראַך מיט אַלע אירע קנייטשן, ביוואָגסן און אַזוי געשמאַק־פאָלקישע לאָקאַליזמען זיינען געבליבן, ווי אין אָריגינאַל. וואָרום ווער וועט וואָגן צו ענדערן אַזעלכע היימיש־געשאַפענע שפּראַך־אוצרן, ווי „איר איז דאָס אַזוי טוטוויי געווען״ (עס האָט איר — פּסיכיש — אַזוי וויי געטאָן!); אָדער „דאָס אייז איז געווען צעדרוזגעט״ (צעדרויבלט). וויפל בילדלעכקייט און צוגלייך אַראָלער עפעקט אין דעם איינעם אויסדרוק!

ש. י. קאַזיניץ האָט געהאַט, אויב ניט זיין אייגענעם סטיל, איז זיין אייגנאַרטיקן אופן פון אויסדריקן זיך. ער האָט עס טאַקע געשעפּט פון זיין לעטלאַנדישן יידישן פאָלקס־לשון. ער האָט אויך פאַרשטאַנען דעם־דאָזיקן לשון אָנצואווענדן אינדיווידועל פאַר זיינע פאַרשוינען און מיט דעם אונדז קלאָרער מאַכן זייער פּסיכיק.

זייער מעגלעך, אַז דער גאַנג פון דער גאַנצער דערציילונג וואָלט געפירט צו אַן אַנדערן סוף, ווען קאַזיניץ אַליין וואָלט געווען פאַר־ענדיקט דאָס „אויספיילן" פון בוך. מעגלעך אויך, אַז געוויסע געשטאַלטן וואָלטן אפשר אָנגענומען אַן אַנדער פּרצוף־פּנים, ווען ער אַליין זאָל געווען דערפירן ביזן סוף דאָס אָנגעהויבענע איבערפאָרמען פון זיין ווערק. למשל מלכהלע — איינע פון די הויפּטפיגורן, פלינק ווי אַן אַל־פיש, פאַרביק ווי אַן אָריענטאַלישע שלייער־טענצערין און מיט אַזאַ פאָלקסטימלעכן כשרן חן, ווי אַ גאָלדענער זון־שטראַל אויפן אייז פון דער דווינע — — און דאָך קאַרבט זיך אַריין אין איר כאַראַקטער די צו־לאַנג פאַרצויגענע געשיכטע מיטן פּריסטאַוו...

אָבער ווידער האָט די פּיעטעט צום פאַרשטאָרבענעם ניט דערלאָזן „איבערצומאַכן", און אַ סך שטריכן זיינען געבליבן אפשר ניט דער־הובלטע, אָדער ערטערווייז איבערגעחזרטע.

ווען מען נעמט אָבער דאָס בוך, ווי אַ גאַנץ ווערק, שפּילט פון אים אַרויס אַ סימפאָניע פון קלאַנג, פאַרב און אַרכיטעקטאָנישן געבוי, וואָס איז אייגנאַרטיק ניט בלויז אין דער יידישער ליטעראַטור. אמת, דער מקור איז דאָ די אייגנאַרטיקייט פון דער טעמע גופא, וואָס פאַרכאַפּט מיט איר נייקייט, ווי אַמאָל לעאָן קאָברינס דערציילונג פון יידישן פישער־לעבן „יענקל בוילע". אָבער די טעמע פאַר זיך איז דאָך נישט מער, ווי דער פעלזן־בלאָק פאַרן סקולפּטאָרס דאַלעטע. און ניט יעדן איז דאָך באַשערט פון אַ תוהו־ובהו צו באַשאַפן גאָטס שיינע וועלט. אָבער קאַזיניצן איז געלונגען צו מאָדולירן די טעמע מיט אַ ווייסענבערגישן פּלאַסטישן רעאַליזם. זיין עליע מאַגנוסעס פלאַנמעסיק אויסבויען די „מייקעס", די שטיבלעך פאַר די יידישע יאַקאָרשטשיקעס, כדי זיי זאָלן זיין געשיצט קעגן שטורעם און פאַרפלייצונג, דערמאָנט אין דעם פאַנטאַסטישן אויפשטייג פון א. ראבאַיס „שטאָט פאַר קינדער". דער שטורעם און דאָס באַקעמפן דעם „אייז־גאַנג" אין אַ פּסחדיקער נאַכט שטייט ניט אָפּ פון די בעסטע שילדערונגען פון גרויסע עפּיקער. דאָס פאַרשלעפּן דאָס געהילץ דורך די רייסנדיקע וואַסערן און זיי אָנ־

הויפן ביי דער בריק גאָרן־איבער־גאָרן, איינס איבערן אַנדערן, איז גיגאַנטיש!

ביי דער מחשבה אַליין, אַז אַזאַ וואונדערלעך ווערק האָט געקאָנט בלייבן ליגן אין מאַנוסקריפּט און קיינמאָל ניט דערגרייכן דעם לייענער, פילט מען אַ טיפע דאַנקבאַרקייט צו קאַזיניצעס אלמנה פאַר אירע אומדערמידלעכע באַמיאונגען אַרויסצוגעבן דאָס איצטיקע בוך — מיט דער מיטהילף פון אַ געגרינדעטן בוך־קאָמיטעט און פון איקוף־פאַר־לאַג.

מיט דער אויסגאַבע פון ש. י. קאַזיניצעס „ביי דער דווינע” איז די יידישע ליטעראַטור בלי ספק באַרייכערט געוואָרן.

יעקב מעסטל

ניו יאָרק, דעצעמבער, 1956.

זווירנהאָלם

נאָכן אַראָפּטראָגן זיך מיט שטורעם פון די פאָר־לעצטע פאַראָהעסדיקע פעלדז־אָפּברוכן, ווערט די סאָפּעטדיקע און פּיענעדיקע מערב־דווינע — אַן אָנדערהאַלבן צענדליק וויאָרסט ניט דערלויפנדיק ריגע — צעטיילט דורך אַ קייט הערלעמער איינער היגטערן אַנדערן, אין צווי טייכן: פון איין זייט — די ברייטע און טיפע „גרויסע דווינע”, און פון דער אַנדער זייט — די שמע־לערע, אָבער ניט וויניקער טיפע „טרוקענע דווינע”. די לעצטע פאַראָהעס אין קענגערע, נידעריקער פון קורטענהאָף, גייען שוין ביידע דווינעס דורך באַזונדער, מיט זייער אייגענעם שטורעם, מיט זייער אייגענעם שדימדיקן אַראָפּטראָג פון די לעצטע פעלדז־אָפּברוכן.

ביים צוקומען צו ריגע, ווערט די „גרויסע דווינע” ווידער־אַמאָל צעשניטן דורך אַ גאַנץ לענגלעכן האָלעם און שאַפט אַ דריטע דווינע — די „קליינע דווינע”.

אַזוי אַרום האָבן מיר אין ריגע — ביז דער אייזערנער בריק — גאַנצע דריי דווינעס: אין רעכטן מיטן — די ברייטע און זייער טיפע „גרויסע דווינע” און פון די זייטן אירע אָרעמס: די לענגערע „טרוקענע דווינע” פון איין זייט, און די קירצערע „קליינע דווינע” — אַרום ברעג פון מאָסקווער פאָרשטאָט — פון דער אַנדער זייט.

אין רעכטן מיטן שטאָט, ניט דערלויפנדיק די אייזערנע בריק, וואָס הענגט איבער ביידע זייטן ריגע, פאַרענדיקן זיך אַלע העלעמער, און אַלע דריי דווינעס גיסן זיך צונויף אין איין ברייט

וואַסער־פּעלד, און אַזוי טראָגט עס זיך אויפן בריק. קיין מזל איז אָבער ניטאָ. ווי נאָר די דווינע טראָגט זיך דורך די בריק, וואַרטן שוין אויף איר נאָך העלעמער, שניידן פון איר אויס נייע דווינעס און דווינעלעך. ערשט ווייט־ווייט הינטער ריגע גיסן זיי זיך צום לעצטן מאָל אַלע צונויף אין אַ ברייט־וואָרסטיקן שפּיגל און אַזוי גליטשט ער זיך אַריין אין ריגער ים־איינגוס.

פון אַלע העלעמער ביז דער אייזערנער בריק, איז זווירזדענ־האָלם, אָדער „זווירנהאָלם", ווי די איינוואוינער פון האָלעם האָבן אים גערופן, געוועזן דער „יינגסטער" און נאָענטסטער צו מאָסקווער פאָרשטאָט פון ריגע. ער איז דער האָלעם, וואָס האָט גורם געווען די באַשאַפונג פון דער „קליינער דווינע". ער הויבט זי אָן און ער שליסט זי אויך אָפּ, און העלפט אין דער פאַראייניקונג פון אַלע דריי דווינעס ביי זייער אָנקומען צו דער אייזערנער בריק.

זווירנהאָלם קוקט אויס פון ווייטן ווי אַ פישער־דערפל אויפן וואַסער. הילצערנע מייקעס מיט שפּיציקע דעכער און רויטע ציגל־קוימען קוקן תושבדיק אַרויס פון צווישן געדיכט־צעצווייגטע בוימער — בייטאָג, איז אַרומגעשטעלט מיט שיפלעך פון אַלע זייטן אין די אָונטן און אַרומגעצאַרטלט מיט אַ בילן פון הינט דורך די נעכט.

זווירנהאָלם איז אַ יידישער האָלעם און די מייקעס אונטער די בוימער זיינען יידישע מייקעס. ווי אַזוי־זשע קומען יידן אויף אַ האָלעם אין כמעט רעכטן מיטן ריגע, וואו יידן האָבן ניט געטאָרט וואוינען? וועגן דעם האָבן געוואוסט בלויז די תושבים.

עליע מאַגנוס

ערשטער קאַפּיטל

אין רעכטן שפּיץ פון זווירנהאַלם, אַביסל אָן אַ זייט פון אברהם לאַפּאַטעס מייקע — אַ פּאָר קלאַפּטער פון וואַסער אַרויס — איז אַרויסגעלאָפן אַ פּלאַנקען פון הויכע שטייענדיקע ברעטער, אָפּ־געדרוקט אויף אַ פּאָר פינגער איינע פון דער אַנדערער, און צעשניטן דעם האַלעם לענג אויס אין כמעט גלייכע צוויי העלפטן. אין רעכטן מיטן פון האַלעם האָט ער זיך מיטאַמאָל דערלאַנגט אַ בראָך, ווי אַ שאַרפער „דאַלעד״, איז אַראָפּגעפאַלן צו דער „קליינער דווינע״ און עטלעכע קלאַפּטער אין וואַסער געבליבן שטעקן. אויף אַזאַ אופן האָט דער פּלאַנקען אַריינגעכאַפּט דריי פערטל פון האַלעם און איין פערטל אויסגעלאָזן. הינטער דעם הויכן פּלאַנקען איז געלעגן שאַמיראַס גרוי־סער געהילץ־פּלאַץ.

אויפן געהילץ־פּלאַץ — גלייך פון טויער — האָט זיך אָנגעהויבן אַ שורה מייקעס מיט גערטלעך און בוימער און ניט גרויסע הויפן. די מייקעס זיינען געווען אַלע כמעט פון איין גרויס. אין די דאָזיקע מייקעס האָבן געוואוינט שאַמיראַס פּריקאַזטשיקעס.

צוויי מייקעס האָבן זיך בלויז אויסגעצייכנט מיט זייער גרעסער־קייט און באַזונדערער אַנדערשקייט. איינע איז געשטאַנען ווייט אַוועק פון אַלע מייקעס — כמעט אין עק פון געהילץ־פּלאַץ. זי איז געווען אַ גרויסע מיט ברייטע ווערענדעס פון אַלע פיר זייטן, מיט אַרויפ־גאַנגען צו די ווערענדעס, מיט בוימער, וואָס האָבן אַרומגענומען מיט די צווייגן דעם גאַנצן דאַך. דאָ איז געווען די קאַנטאָר פון געהילץ־פּלאַץ. אַלע שבת, פון צוועלף אַזייגער אָן, פלעגט דער גאַנצער פּלאַץ אַרום זיין באַלאַגערט פון אַרטעלען טיאַסטשיקעס, יאַקאָרשטשיקעס

און פֿאַרשיידענע אַנדערע מינים אַרבעטער, וואָס זיינען געקומען נאָך זייערע שכירות און געוואַרט אויף זייער ריי. די צווייטע מייקע איז געשטאַנען די ערשטע ביים טויער פֿון פּלאַנקען. זי האָט געהאַט אַ ווערענדע אַרומגעשפּיצט מיט גרינע פֿלעקלעך, מיט טרעפּ אַרויף. פֿון ווערענדע האָט געפֿירט אַ פּאַראַדנע טיר אין מייקע אַריין. די צווייטע — איז געווען עליע מאַגנוסעס מאַיקע.

עליע מאַגנוס איז געווען אין די מיטל־פּופּציקער. ער איז געווען אַ שטאַרק געבויטער ייִד מיט אַ ברייטער אויסגעזילבערטער באָרד, צעקעמט אין צוויי העלפֿטן. ער האָט געהאַט אַ ברייטן טונקעלן פּנים און טיף אַריינקוקנדיקע אויגן, מיט אַ שטערן צעאַקערט מיט קנייטשן ביז די סאַמע גרויליכע האָר. ער האָט אַלעמאָל געטראָגן אַ ווייסן קראַגן מיט אַ ברייטן שניפּס, אַ קורץ רעקל מיט ברייטע לאַצן, הויכע לאַקירטע שטיוול און אַ שוואַרצן ווייכן הוט אויף אַ זייט. בלויז אין שול שבת און יום־טוב אָדער צו גיין אין שטאָט־קאַנטאָר, פֿלעגט ער אָנטאָן שטיבליעטן מיט לאַנגע הויזן מיט אַ שאַרפֿן קנייטש.

אַלע טאָג, אַרום צען אינדערפֿרי איז ער געגאַנגען איבערן געהילך־פּלאַץ אין זיינע לאַקירטע שטיוול, די הענט אויף הינטן, זיך אָפּגעשטעלט און באַטראַכט די אַרבעט פֿון יעדער גרופּע אַרבעטער, יעדער אַרטעל טיאַסטשיקעס באַזונדער, געפֿרעגט עפּעס, אויסגעהערט, קוקנדיק גלייך אין די אויגן, און געגאַנגען ווייטער. נאָכמיטאָג פֿלעגט ער פֿאָרן אויף שאַמיראָס צווייטן געהילך־פּלאַץ — אויפֿן גרינעם האָלעם, אַ וויאָרסט העכער פֿון זווירנהאָלם, אויף דער אַנדער זייט „גרויסע דווינע”, אויך אונטער זיין אויג. אויך דאָרט האָט ער יעדעס ברעקעלע באַטראַכט און איבערגעקוקט. דאָס איז געווען זיין וועג פֿון קאָנטראָלירן די אַרבעטן, און דורך זיי — די פּריקאַזטשיקעס אונטער אים. ער האָט געוואוסט יעדעס שפּענדעלע אויף די געהילך־פּלעצער. האָט עפּעס געפֿעלט, האָט ער ביים ערשטן קוק געוואוסט, אַז עס פֿעלט, און גלייך געוואָלט וויסן וואו ס'איז אַהינגעקומען. ער האָט געוואוסט וואָס יעדערער טוט און וואָס פֿאַר אַ מינים געהילצן די אָדער יענע אַרטעל אַרבעט איצט אויס; וועלכע געהילצן מ'קייקלט אַראָפּ פֿון די ברעגן אין וואַסער, אָדער מ'לאָדט אין די לייוועס און — וואוהין ס'גייט. ער איז געווען שטרענג, אָבער קיין מאָל ניט געניצט קיין שאַרף וואָרט, אַז ס'איז ניט נויטיק געווען.

אַז מענטשן פון די געהילך־פלעצער פלעגן קומען צו אים וועגן עפּעס, האָט ער אויסגעהערט, ניט געאײַלט מיט קיין ענטפער; אָבער, אַז ער האָט געענטפערט, איז שוין געבליבן אַזוי. פאַר אים האָבן אַלע אויף די העלעמער געהאַט גרויס דרך־ארץ און די אַרבעטער ביי די געהילצן האָבן אים גערופן „גאַספּאָדין מאַגנוס”, אָדער „מאַגנוס קונג”.

עליע מאַגנוס שטאַמט פון שאַמיראָס גרויסער משפחה. עליעס מאַמע איז געווען דעם אַלטן משה שאַמיראָס אַ שוועסטער; און אהרן, זיין טאַטע, איז געווען ביי אים אַ פּריקאַזשטשיק. אַז זיין טאַטע איז געשטאָרבן און איבערגעלאָזן אַן אַלמנה מיט דריי קינדער, איז נאָך עליע ניט אַלט געווען קיין זעכצן יאָר. האָט משה שאַמירא גענומען עליען צו זיך — אַרום די געהילצן. געהאַלטן אים ווינטער אין די וועלדער, זומער אין ריגע אויפן טייך און געצאָלט אים אַ העלפט פון דעם טאַטנס שכירות. אין די וועלדער איז ער געווען ביים האַקן און אַרויספירן די ביימער; אויף די ספּלאַוון — ביים בינדן די פּליטן און ביים אַראָפּלאָזן זיי מיטן ערשטן הויכן וואַסער; אין ריגע איז ער געפאָרן מיט די פּליטן און דאָרטן איינגעשטעלט זיי אין שאַמיראָס אַגאַראָדן, געווען ביים צושטעלן זיי צו די געהילך־פלעצער און זעג־מילן פון אַנדערע געהילך־סוחרים. ער איז געווען אונטער שאַמיראָס פּריקאַזשטשיקעס, אויסגעפאָלגט אַלע זייערע שליחותן, שווער געהאָרע־וועט, אָבער זיך צוגעקוקט צו אַלץ און געלערנט.

אַ גוטן קאָפּ האָט ער געהאַט. אַלץ גיך אויפגענומען און זיך צו אַלץ אויסגעטויגט. אויף רעכענען און שרייבן איז ער אויך געווען שאַרף. האָט ער באַלד איינגעזען, אַז עפּעס איז אין דער גאַנצער איינ־שטעלונג פון די אַרבעטן ניט אַזוי, ווי ס'באַדאַרף צו זיין; אַז אַלץ קאָן געטאָן ווערן אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן, אַ סך גרינגער און מיט ווייניקער הוצאות. די פּריקאַזשטשיקעס האָבן אים דערפאַר ניט האָלט געהאַט.

— דער שנעק גייט אונדז דערציילן ווי אַזוי מ'דאַרף אויסאַרבעטן וואַלד!

אַז ער איז אָבער געוואָרן עלטער, האָט ער דאָרט, וואו ער האָט געדאַרפט טאָן זאַכן אויף זיין אייגענער אחריות, געטאָן זיי אויף זיין אייגענעם אופן און זיך מיט קיינעם ניט גערעכנט. דער פעטער האָט

די אַנדערשקייטן זיינע אין די אַרבעטן באַמערקט און געהאַלטן אונטערן אויג.

אַז עליע האָט זיך געשטעלט צום פּריזיוו, איז ער געווען אַ טיף־ערנסטער בחור מיט ברייטע פּלייצעס, גרויסע, שאַרפע אָבער לעבע־דיקע אויגן, שוואַרצע האָר אַרויפגעקעמט אויף אַרויף, אַ ריין־געגאָלטן פּנים און קליינע וואָנצעס. אין אַ וויכן הוט אויף אַ זייט, אין אַ מאַ־נישקע מיט אַ שניפּס, אין אַ קורצער פּאַדיאָווקע, מיט די הענט אין די קעשענעס, ווי אין בויך אַריינגעשטעקט, אין שטיוול מיט הויכע כאַליעוועס, גוט אויסגעפּוצט, האָט ער אויסגעזען אַ זייער שיינער בחור מיט אַ סך רואיקער זיכערקייט אין זיך. פון פּריזיוו איז ער אַרויס „פּאַ פּערוואַי ליגאַטע", ווי דער איינציקער „קאָרמיליעץ" פון אַן אלמנה מיט יתומים.

געקומען צוריק אין וואַלד, האָט אים דער פעטער אַוועקגעשטעלט אַלס פּריקאַזטשיק אויף די ספּלאַוון און אים באַשטימט דעם טאַטנס פולע שכירות. עליע האָט שוין דאַן געהאַט אַ טבע אַריינצוקוקן אין זאַכן ביזן דנאָ, איידער ער נעמט זיך זיי טאָן.

איבערגענומען די ספּלאַוון, האָט ער אַלץ איבערגעשטעלט אַזוי, אַז אי ער האָט די אַרבעטן אָפּגעטאָן מיט ווייניקער מענטשן, אי פאַר־ענדיקט זיי אין ווייניקער צייט, אי די עצם בינדונג פון די פּליטן איז געווען בעסער און זיכערער, ווי פאַר אים אין אַלע פריערדיקע יאָרן. דער סך הכל איז געווען — ס'האָט פאַרשפּאָרט זייער אַ סך הוצאות און קיין איין פּליט האָט אין ערגעץ ניט געבראָכן אויפן וועג קיין ריגע.

ס'איז געווען אין דעם אַזוי פיל נייעס, אַז שאַמירא האָט אים אַ רוק געטאָן אין סאַמע שפּיץ. דער פעטער האָט קיינמאָל ניט מורא גע־האָט צו ריזיקירן. ס'איז גראָד געשטאָרבן זאַוול, זיין עלטסטער פּרי־קאַזטשיק, האָט ער עליען אַוועקגעשטעלט אויף זיין אָרט.

די אַלטע פּריקאַזטשיקעס האָבן זיך געפילט ווי אויסגעפּאַטשט: אַוועקגעשטעלט איבער זיי אַ יינגל! ווי צווישן זיי וואָלט מען ניט געקאָנט געפינען כאָטש איינעם, וואָס זאָל קאָנען פאַרנעמען זאַוולס אָרט! איבערהויפּט האָט עס געקרענקט קושע מאַגנוסן, איינעם פון די עלטסטע פּריקאַזטשיקעס ביי שאַמיראָן. ער האָט געפילט, אַז זאַוולס אָרט האָט אים געקומט, און אַז דאָס איז ניט נאָר געאיזדיעקוועט זיך איבער אים נאָר אַז דאָס איז שפיכת דמים. און שולדיק איז דער

סמאַרקאַטש מיט זײַנע „מאַכערײַקעס”. ער האָט ניט געקאָנט און ניט געוואָלט מיט דעם שלום מאַכן.

געשטעלט זיך אין שפּיץ פֿון האַקן אַ גרויסע גרופּע וועלדער, האָט עליע אויך דאָ די גאַנצע אַרבעט אָוועקגעשטעלט אויף אַ גאַנץ אַנדער אופֿן: ער האָט געשניטן קירצערע וועגן דורך די וועלדער צו די טײַכן און מיט דעם פֿאַרקירצט אויף אַ סך וויאַרסטן דאָס אַרויספֿירן די באַלקנס צו די ספּלאָוון; וואו נאָר מעגלעך, האָט ער פֿון די הויכע באַרגיקע וואַלד־ברעגן אויסגעבויט טיפֿע מולטער־וועגן, באַגאָסן זיי מיט וואַסער און געלאָזן אײַנפֿרירן אין זיי טיפֿע און לאַנגע גליטשן. אויף די דאָזיקע מולטער־גליטשן האָט מען פֿון די וואַלדיקע ברעג־הויכן אַראָפּגעשלײַדערט די באַלקנס, און זיי האָבן זיך אַליין געטראָגן אַראָפּ צו די ספּלאָוון, אָדער צו די נאָענטסטע שליאַכן פֿון די ספּלאָוון.

אין אָנהויב האָבן די אַלטע פּריקאַזטשיקעס די דאָזיקע מינים אײַנפֿאַלן אויפֿגענומען ווי „יינגלשע שטיקלעך” און אַרומגעגאַנגען און געכיכיקעט. אָבער אַז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַראָפּלאָזן די באַלקנס אויף די גליטשן, און ס׳האָט אָנגעהויבן אויסקוקן ניט אַזוי „יינגליש”, האָט מען געגומען אונטערשטעלן פּיסלעך.

אַז ס׳איז מיטאָמאָל געוואָרן וואַרעם, ס׳האָט צעשמאָלצן די גליטשן און מ׳האָט מער ניט געקאָנט אַראָפּלאָזן די באַלקנס אויף זיי, האָבן די אַלטע פּריקאַזטשיקעס נצחונדיק געיומטובט:

— וואָדען? ווער האָט דאָס ניט געוואוסט, אַז ס׳וועט זײַן אַזוי!

— ווער האָט דאָס ניט געקאָנט זען?

— וואָס פֿאַר אַ גוטס קאָן אַרויס פֿון אַ שטיקל סמאַרקאַטש?

קושע מאַגנוס איז געגאַנגען נאָך ווײַטער. ער האָט אָוועקגעשיקט אַ בריוו צו משה שאַמיראָ, אין וועלכן ער האָט אים געלאָזט וויסן, אַז עליע צעטאַכלעוועט אַ פֿאַרמעגן אויף „יינגלשע שטיקלעך”, און זײַנע „מאַכערײַקעס” וועלן אַרײַנטרײַבן אין אַזעלכע הוצאות, אַז ס׳קאָן פֿירן, חלילה, צו אַן אומגליק: — אַראָפּפֿירן צו גאָרנישט די באַמיאונגען פֿון אַזוי פֿיל יאָרן. ער האָט דערבײַ באַטאָנט, אַז ס׳איז זײַן חוב צו וואָרענען, אײדער ס׳ווערט צו־שפּעט...

דערווײַלע האָבן אַ קלאַפּ געטאָן די פֿרעסט און די אַרבעט איז אָוועק מיט מוראדיקן אימפּעט. איז מען אַנטשוויגן געוואָרן. אָבער אײניקע האָבן זיך פֿאַרנומען אויף מער ערנסטערס.

עליע האָט ניט געוואוסט פֿון קושעס בריוו. ער האָט אָבער גע־

פילט, אַז מ׳גראָבט אונטער אים. ער האָט געזען און געהערט אַלץ, וואָס גייט אָן אַרום, ער האָט אָבער פאַרביסן געשוויגן און אָנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט.

אין רעכטן מיטן פון דער אַרבעט האָט פּלוצלינג געבראָכן דער לענגסטער מולטער־גליטש, איבער וועלכן ס׳האָט זיך געטראָגן די גרעסטע צאָל באַלקנס פון וואַלד צו אַ זייער באַענטן שאָסעי פון ספּלאַוו. ביז מ׳האָט זיך געכאַפּט, האָט אַרויסגעשאָסן עטלעכע הונדערט באַלקנס אין אַ גראָבן. געבראָכן האָט גראָד אין דעם אָרט, וואו דער גליטש־וועג איז געלאָפן איבער אַ בריק, און געבראָכן אינאיינעם מיט דער בריק. די בריק האָט געבויט עליע אַליין. זי האָט אים פאַרשפּאָרט אַכט וויאָרסט אַרומוועג. געבויט האָט ער זי אויף זיין אייגענעם אופן. דער גראָבן איז געווען אַ גאַנץ ברייטער. האָט ער געשטעלט צוואַנציק־פוסיקע קלעצער און איבער זיי איבערגעוואָרפן לאַנגע באַלקנס און פאַרזיכערט, אַז אי די פּאָדפּאָרעס זאָלן שטיין פעסט, אי אַזוי פאַר־בויט, אַז קיין איין לויפנדיקער באַלקן מיטן גליטש זאָל ניט קאָנען אַרויסשפּרינגען אין גראָבן. אויסערן בריק האָבן די שיסנדיקע באַלקנס פון הויכן ברעג וואַלד צעבראָכן גרויסע שטרעקעס פונעם גליטש־וועג.

עליע איז געשטאַנען שעה׳ן אין גראָבן און געזוכט אויסצוגעפינען די סיבות פון דעם ברוך. ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט זען, ווי אַזוי די בריק האָט פון זיך אַליין געקאָנט צוזאַמענברעכן. ער איז דעריבער געקומען צום אויספיר, אַז דאָס איז אַ מעסער אין רוקן. ער האָט אויך געזען די סיבות: דאָס אַראָפּלאָזן די באַלקנס אויפן גליטש־וועג האָט זיך אָפּגעשטעלט. נאָך פערד און וואָזטשיקעס דאַרף מען פאָרן אין די אַרומיקע דערפער. די וואָזטשיקעס, וואָס ער האָט, זיינען בויטיק פאַר אַנדערע אַרבעטן. צי מ׳וועט קריגן וואָזטשיקעס איז אונטער גרויס ספק. וואָזטשיקעס דאַרף מען דינגען אין הערבסט. און אַז מ׳וועט שוין יאָ קריגן, וועלן עס זיין רייכע גויים וועמען מ׳וועט דאַרפן צאָלן וויפל זיי וועלן בעטן. וועט עס אַריינטרייבן אין אַזוי פיל הוצאות, אַז דאָס אַרויספירן די באַלקנס וועט קאָסטן צוויי מאָל אַזוי פיל. פונקט דער היפוך פון דעם, אויף וואָס אַלע זיינע פּלענער זיינען אויסגערעכנט געווען.

די עלטערע פּריקאַזטשיקעס, — איבערהויפּט יאַנקעוו שאַמיראַ, — זיינען אַרומגעגאַנגען און אָנגעקוואָלן. ס׳איז געווען זייער יום־טוב. איצט מער ווי ווען עס איז פריער האָט יעדער געקאָנט זען, אַז זיי

זײנען געװען גערעכט אין זײער װאָרענען קעגן די אַלע „ײנגלשע נאָ־װאָװעדיעניעס״. ענדלעך װעט מען פון אים פּטור װערן.

קושע מאַגנוס איז, פאַרקערט, מיטאַמאָל צו אים געװאָרן זײער פאַטערלעך; איז אַרומגעגאַנגען מיט אײן דאגה: װי אַזױ צו העלפן אים אַרױסקריכן פון דעם אומגליק, אין װעלכן ער האָט זיך אַלײן אַרײנגעשלעפּט. שטײענדיק מיט עליען אין גראָבן בײַ דער צעבראָ־כענער בריק, האָט קושע געהאַלטן אין אײן אײנטענהן מיט אים:

— װעסט מיר מוחל זײַן, עליע, — מ׳קאָן ניט פירן אויף קינ־דערשע שליטלעך קײן באַלקנס פון װאַלד. איך בין עלטער פון דיר — ניט געהערט אַזױנס. אַט האָט געבראָכן אין אײן אָרט, װער װײסט װאו ס׳קאָן ברעכן מאָרגן? װי אַזױ קאָן מען זיך פאַרלאָזן מיט אַרױספירן דעם װאַלד צו די ספּלאַװון אויף אַזעלכע... זאָלסט מיר מוחל זײַן... װאָס טוסטו, אַז מאָרגן הײבט װידער אָן צו שמעלצן? און שמעלצן גאַנצע װאָכן!... צוקלערן עפּעס איז אײן זאַך, און דורכפירן עס אין װאַלד — איז גאָר אַ גאַנץ אַנדערע זאַך! עס לאָזט זיך ניט אַט־אַזױ־אָ... מײן עצה איז — אַרױספאָרן איבער די דערפער נאָך װאָז־טשיקעס. איך נעם אויף זיך פינף דערפער, יאַנקעװ װעט אַרױספאָרן איבער די דערפער פון דער אַנדערער זײט װאַלד, די אַנדערע פּרי־קאַזטשיקעס װעלן דעקן די װײטערע דערפער. אויב מיר װעלן זיך אויפהערן אַרומצושפּילן, איז דאָ נאָך גענוג צײט צו פאַרריכטן אַלע טעותן...

פאַר עליען איז קושעס שפּיל געװען זײער קלאָר. ער האָט אים אָבער געענטפערט מיט אַן אײנגעהאַלטענער רואיקײט:

— אַ דאַנק, ר׳ קושע, פאַר דער עצה. איך האָב מײן אײגענעם חשבון.

— איך מײן דײַן טובה.

— איך װײס דאָס.

— טו װי דו פאַרשטײסט.

זײ האָבן זיך בײדע געזעצט אין שליטן און אָװעקגעפאָרן צו די װאַלד־שטיבער.

עס איז פאַר עליען געװען קלאָר, אַז אין דעם איז עמיצנס אַ האַנט. ער האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ ביז אַזױ, װי אויפצושטעלן צוריק דעם גליטש־װעג, װי אויסצוגעפינען װעמענס אַרבעט דאָס איז. װאָס װעט העלפן פאַררינכטן דעם װעג, אַז מ׳װעט אים באַלד ברעכן אין אַן אַנדער אָרט? דאָ איז איצט געלעגן די הויפּט־סכנה.

אַז אין דער קאַשע איז פלוצלינג אַנגעפאָרן פון ריגע משה שאַמיראָ, כלומרשט אַ קוק טאָן, ווי עס גייען ביי אים די אַרבעטן, איז עליען אַלץ קלאָר געוואָרן. ער האָט ניט געוואוסט ווער ס׳האָט געשיקט אַ דעפּעשע צום פּעטער, פּונקט ווי ער האָט ניט געוואוסט ווער ס׳האָט געבראָכן דעם וועג. אָבער אַז דאָס שטאַמט פון איין, אָדער עטלעכע קעפּ, אין דעם איז ער איצט געווען זיכער און געהאַט אַ פאַרדאַכט אויף עטלעכע מענטשן.

דערזען דעם פעטער, איז ער צו אים אַריינגעשפּרונגען אין שליטן, אַראָפּגעלאָזן דעם טרייבער, איבערגענומען די לייצעס און אַוועקגעפאָרן דורכן וואַלד צום אָרט פון דער איינגעפאַלענער בריק מיט די אַרויסגעשאָסענע באַלקנס אין גראָבן.

— אָט דאָס איז... — האָט עליע געזאָגט.

— פון וואַנעט ווייסטו אַז איך ווייס פון דעם ?

— ביז איר זייט געקומען — ניט געוואוסט.

משה שאַמיראָ, עפּעס העכער פון מיטלוואוקס, מיט גאָלדענע פּענסנע, פּאַפּיראָס אין מויל איבער אַ שיין־פּאַרקעמטן קאָמעץ־בערדל, אין אַ גרויסן פּעלץ מיט אַ הויכן קאַראַקול־היטל און אין הויכע קאַלאָשן, איז אַרויס פון שליטן, באַטראַכט דעם צעבראָכענעם וועג און די אַנגעשליידערטע באַלקנס אין גראָבן.

— ווי אַזוי האָט דאָס געבראָכן ? — האָט דער פעטער געפרעגט.

— אַ גוט אויג...

משה שאַמיראָ האָט אַ ווײַלע געשוויגן, נאָכדעם געפרעגט וועגן עיקר :

— וועלן זיין די וועלדער אין צייט צו ספּלאַוו ?

— וועלן זיין. — האָט עליע געענטפערט.

משה שאַמיראָ האָט גאָרנישט געזאָגט. ער איז אַריין צוריק אין שליטן. עליע האָט זיך געזעצט לעבן אים און אַוועקגעפאָרן צו די ספּלאַוון, און פון דאָרט אין די אַנדערע דערבייאיקע וועלדער, געוויזן אים די דורכגעשניטענע קירצערע וועגן דורך די וועלדער, געוויזן אים אויך די גליטש־וועגן צו די ספּלאַוון. דורכגעפירט אים אַלע טיילן פון די וועלדער, וואו די אַרבעטן זיינען אַנגעגאַנגען, האָט ער זיך פאַרנומען צו די וואַלד־שטיבער.

די צוויי פערד אין שליטן זיינען געלאָפן מיטן סקריפּנדיקן שליטוועג צווישן די צוויי רייען באַזילבערטע סאָסנעס. דער פראָסט האָט געקנאַקט. פון די פערד האָט געשלאָגן אַ פּאָרע און די זון האָט אַרויס־

געקוקט מיט אַ קאַלטן גאָלד צווישן די שטאַמען פון די בוימער. ביי־דע האָבן געשוויגן.

— אָנגיין מיט די אַרבעטן, צי איבערגעבן קושען? — האָט עליע פּלוצלינג קאַלט אַ פרעג געטאָן, מיט אומדירעקטן אָנדייט, אַז אין דעם האַנדלט זיך עס.

משה שאַמיראָ האָט אַ ווײַלע געשוויגן, קוקנדיק דורך די גאָלדענע פּענסנע ווייט אין וואַלד אַריין, נאָכדעם געענטפערט:

— גיי־אָן. די ציפּליאַטעס וועלן מיר ציילן צו נעילה.

און געהייסן זיך פירן צו דער באַן־סטאַנציע. און ניט זעענדיק זיך מיט קיינעם פון די פּריקאַזטשיקעס, אַוועקגעפאָרן צוריק קיין ריגע.

געקומען פון באַן־סטאַנציע, האָט עליע איבערגעגעבן דעם טרייבער די פערד, זיך אָפּגערעכנט מיט אים, און צונויפגערופן אַלע פּרי־קאַזטשיקעס צו זיך אין וואַלד־שטוב, פון וואַנען ער האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אַרבעט אין דער גרופּע וועלדער אַרום.

עס זיינען געקומען קושע מאַגנוס, בנימין ברוידע, אויך אַן אָפּ־צווייג פון די שאַמיראָס אַ פּריקאַזטשיק פון די מיטליאַריקע, וואָס האָט געזען אַ סך נייעס אין עליעס איינפאַלן, אָבער האָט געזען אין זיי זייער אַ סך ריסק, און דעריבער געשטאַנען מיט קושען און יאַנקעוון; יאַנ־קעוו שאַמיראָ, איינער פון די עלטסטע פּריקאַזטשיקעס ביי שאַמיראָן, אין די מיטל־פּופּציקער, איז געשטאַנען מיט קושען, ווייל ער האָט גע־זען אין עליעס „מאַכערייקעס״ אַ קבר פאַר אַלעמען, און בכלל פּיינט געהאַט דעם סמאַרקאַטש, וואָס וויל באַלעבאַטעווען איבער אַלעמען. און וואָס פריער מ׳וועט אים אַרויסוואַרפן פון וואַלד, אַלץ בעסער וועט זיין. דאָ איז אויך געווען מיכל מאַגנוס, אויך אַן עלטערער פּריקאַזטשיק. ער האָט געהאַלטן פאַר אַ חרפה צו דאַרפן שטיין אונטער אַ שנעק, און אַז דאָס איז אַ פּאַטש אין פּנים אַלע עלטערע פּריקאַזשיקעס, וואָס האָבן שאַמיראָן אַרויפגעאַרבעט. קאָפּל־מאיר, פון די יינגסטע, איז גע־שטאַנען מיט עליען און געהאַלטן, אַז לערנען זיך קאָן מען נאָר אין עצם אַרבעט, און אַז ניט זוכנדיק קיין נייעס, וועט מען קיין נייעס קיינמאָל ניט געפינען. שאַרפער איז געווען זלמן סאָסנע, אויך פון די יינגערע:

— איך האָב זיי ניט האָלד די אַלטוואַרג — פלעגט ער זאָגן — מען דאַרף זיי שינדן; און עליע קוקט מיר אויס נישקשה פון אַ בייטש!...

מ׳האָט אויסגעטאָן די פּעלצן און זיך צעזעצט אַרום גרויסן היל־

צערנעם טיש. אין דרויסן איז שוין געווען פינצטער. פון באַלקן איז געהאָנגען אַ קעראָסינאָווע לאָמפּ, אָבער ניט געגעבן קיין סך ליכט. אין וואַלד־שטוב איז דעריבער געווען האַלב־טונקל. דערפאַר איז אָבער געווען גוט וואַרעם.

עליע האָט זיך געזעצט אין שפּיץ טיש. ער איז געווען פאַר־זאָרגט. מיטן קליינעם בערדל, וואָס ער האָט זיך פאַרלאָזן, ער זאָל אויסקוקן עלטער, איז ער געזעסן אַנטקעגן זיי און געקוקט אויף אַלע־מען רואיק און קאַלט. מ׳האָט פון זיין פּנים ניט געקאָנט אַרויסלייענען צוליב וואָס ער האָט אַלעמען צונויפגערופן. ער האָט אַרויסגענומען פון בוזים־קעשענע עטלעכע פּאַפּירלעך, זיי אויסגעגלייכט פאַר זיך אויפן טיש, געשריבן עפּעס מיטן בלייפעדער, אַרומגעקוקט אַלעמען און אָנגע־הויבן:

— מיר גייען אָן ווייטער מיט דער אַרבעט. די בריק האָט פון זיך אַליין ניט געבראָכן. מ׳האָט פון אונטער איר אַרויסגעשלאָגן די פּאָדפּאָ־רעס! דאָס איז פאַר מיר מער ווערט, ווי די עטלעכע הונדערט באַלקנס אין גראָבן. ס׳איז דער בעסטער סימן, אַז מיינע ווענגן זייַנען גוט!

געזאָגט האָט ער דאָס צו קושען און די אַנדערע עלטערע פּריי־קאָזטשיקעס. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ווייל, אַרומגעגאַנגען אַלע־מען מיט אויגן, צו זען, ווי דאָס האָט אויף יעדערן פון זיי געווירקט און צוריק אַריין מיט די אויגן אין די פּאַפּירלעך.

קושע מאַגנוס און יאַנקעוו שאַמיראָ האָבן זיך דערפילט ניט אַזוי גוט פון עליעס בליק אויף זיי, ווייסנדיק, אַז משה שאַמיראָ איז דאָ געווען און זיך אַפילו ניט געזעגנט מיט זיי.

— די עטלעכע הונדערט באַלקנס אין גראָבן וועלן בלייבן אויף לעצט — האָט עליע ווידער אָנגעהויבן. — אויב מיר וועלן זיי ניט באַווייזן אַראָפּצופירן האַיאָר, וועל איך זיי אַרויספירן איבעראַיאָר. איצט ווענגן גליטש־וועג: מיר וועלן פאַנאַנדערלייגן פייערן אַרום בריק און אַרבעטן טאָג און נאַכט. די בריק מוז פאַרטיק ווערן אין דריי מעת־לעתן. אָנצויאָגן די פאַרלאָרענע צייט, וועלן מיר אַרבעטן שפּעט אין די אָוונטן. געבן בלויז געננוג צייט פאַר אָפּרו די מענטשן און די פערד. מיר מוזן אַראָפּלאָזן אַלע באַלקן אויף די גליטשן, איידער די זון וועט אָנהויבן אַראָפּשמעלצן די ווענגן. דאָס איז איינס אַוועק.

ער האָט עס געזאָגט רואיק, אָבער יעדערער האָט געפילט אין דער רואיקייט אַ שטאַלענע אַנטשלאָסנקייט צו צווינגען דורכצופירן, וואָס ער האָט באַר־וואָס אָנגעצייכנט.

— צוויטנס, — האָט ער פאַרגעזעצט, — אַלע מיינע חשבונות זיי־נען מיטן רעכענונג צו שפּאָרן הוצאות וואו ס׳איז נאָך מעגלעך. דורכ־טראַכטנדיק די אַרבעטן, האָב איך איינגעזען, אַז איך האָב צוויי איבע־ריקע פּריקאַזטשיקעס — איך קאָן אויסקומען אָן זיי. כ׳האָב דעריבער באַשלאָסן אַראָפּצונעמען, ר׳ קושע, אייך, און, ר׳ יעקב, אייך. מאָרגן ביינאַכט וועלן זיין פערד צו דער סטאַנציע. זייט גרייט מיט אייערע זאַכן...

אַלע זיינען געבליבן זיצן פּריטשמעליעט. אַ מינוט האָט אָנגע־האַלטן די פאַרגליווערטקייט. נאָכדעם איז קושע אויפגעשפּרונגען מיט אַ טראַסק אין טיש:

— וואָס הייסט ניטאָ פאַר מיר קיין אַרבעט אין וואַלד? ווער ביסטו, וואָס דו הייסט מיר פאָרן אַהיים? וואָס ווייסטו צי מ׳דאַרף, צי מ׳דאַרף ניט? מיר האָבן אונדזערע לעבנס אָוועקגעלייגט אין שאַמיראָס וועלדער, מיר האָבן אים געבראַכט צו דעם, וואָס ער איז היינט, איצט קומסטו אונדז זאָגן ווען מ׳דאַרף און ווען מ׳דאַרף ניט?!...

אין דער זעלביקער צייט האָט זיך יאַנקעוו אָן אויפגעקאָכטער אַ וואָרף געטאָן מיט די קולאַקעס אויף עליען. ס׳איז געוואָרן אַ טומל. די אַנדערע פּריקאַזטשיקעס האָבן זיך אַריינגעוואָרפן צווישן יאַנקעוון און עליען.

— לאָזט מיך צו אים!... — האָט יאַנקעוו געשריען און זיך גע־ריסן מיט די קולאַקעס צו עליען. — איך וועל מאַכן אַ סוף צו אים!... דאָס ברויט גייט ער ביי מיר אָוועקנעמען, דער ממזר בן הנידה!... לאָזט מיך!... כל׳מאַכן אַ סוף צו אים!... ממזר בן הנידה!... — האָט ער געשיפּעט מיט פאַרקנוילטע פויסטן און שוימיקער סלינע פון מויל איבער זיין לאַנגער גרויער באָרד.

עליע איז געזעסן רואיק, ווי געוואוסט, אַז דאָס וועט קומען. ער האָט פאַרצויגן דעם פּאַפּיראָס אויף אַ וואָרף געטאָן מיט אַ קאַלטן פייער פון די אויגן אויף קושען און יאַנקעוון. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער ווייסט וואוהין ער האָט געוואָרפן די העק, און אַז ער וועט וואָרפן נאָך, אַז ס׳וועט נויטיק זיין, אויב מ׳וועט אים שטערן אין די אַרבעטן...

— דאָ האָב איך צו זאָגן, צי איך דאַרף אייך צי ניט. — האָט עליע קאַלט און פאַרביסן געזאָגט. — אויב דער פעטער וועט דענקען אַנדערש, וועל איך פאָרן אַהיים און איר וועט קומען צוריק אַהער. מאָרגן ביינאַכט וועלן זיין פערד צו דער סטאַנציע.

קושע מיט יאַנקעוון האָבן אַ כאַפּ געטאָן די פּעלצן און זיך גע־לאָזט צו דער טיר.

— וואַרט, מיט מיר ביסטו נאָך ניט פאַרטיק! — האָט קושע גע־דראָעט מיטן פינגער, — דו וועסט מיך געדענקען דאָס גאַנצע לעבן!... דו קענסט מיך נאָך ניט!...

— דו וועסט מיט דיין אייגענעם טויט ניט שטאַרבן! — האָט פון זיין זייט שיפּעַנדיק געדראָעט יאַנקעוו. — געדענק דאָס! פאַרשרייב דאָס זיך אויף דיין שטערן! מ־מ־ז־ר בן ה־נ־נידה!...

און ביידע זיינען אַרויס פון וואַלד־שטוב מיט אַ מוראַדיקן טראַסק מיט דער טיר.

מ׳האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט. דער וועג איינאייגעם מיטן בריק איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין דריי מעת־לעתן. און די אַרבעט איז אַוועק מיט נאָך מער אימפּעט ווי פריער, ניט געקוקט, וואָס עליע האָט איצט געהאַט מיט צווי פריקאַזטשיקעס ווייניקער. ניט נאָר האָט מען אַרויסגעפירט אַלץ, וואָס מ׳האָט געדאַרפט אַרויספירן; אַפילו די באַלקנס פון גראַבן האָט מען אויך אַרויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזן מיטן גליטש־וועג צום ספּלאַוו אין צייט.

די איבערשטעלונג פון דער אַרבעט, די קירצערע וועגן דורך די וועלדער און די גליטש־וועגן האָבן פאַרשפּאָרט אַזוי פיל וואָזטשי־קעס; דער שניט אין הוצאות איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַלע זיינען געווען געפּלעפט.

קושעס און יאַנקעווס סטראַשונקעס זיינען געבליבן סטראַשונקעס, וואָס האָבן עליען ניט איבערגעשראָקן; אָבער אין דעם פעטער משהס אויגן האָט עס אים, פאַרקערט, זייער שטאַרק אויפגעהויבן. אים איז גראָד געפעלן געוואָרן, ווי ער האָט געהאַנדלט מיט קושען און יאַנקעוון, און נאָך מער — וואָס ער איז אויסגעקומען מיט צווי פריקאַזטשיקעס ווייניקער.

ס׳האָט געהאַלטן ביי זון־פאַרגאַנג. די אַרבעטן אין וואַלד זיינען נאָך אָנגעגאַנגען. פון אַלע זייטן האָט זיך געהערט אַ ווייטער, טעמפּער דיובען פון העק און אַ קוים דערטראָגנדיקער זשומען פון זעגן.

לעבן דעם צענדליק וואלד־שטיבער, וואס האבן אויסגעזען ווי א קליין דערפל אינמיטן וואלד, איז קיינער ניט געווען. אלע זיינען נאך געווען אויף דער ארבעט. איינגעפארענע שליט־וועגן האבן פון דאנען געפירט אין אלע טיילן פון וואלד. די זון האט מיט א רויטלעכן דורכשפרינקל אפגעשלאגן צווישן די פארזייטע נאדלען פון די הויכע סאסנעבוימער און אויסגעבראנזט די שויבן פון די שטיבער, וואס זיינען געשטאנען מיט גראבע שניי־קאלדרעס איבער די דעכער. א געשמאקער פרעסטל האט אונטערגעקנאקט. דער הימל איז געווען הויך און בלוי און פון די קוימענס האט געשלאגן מיט א געדיכטן רויך איבערן וואלד. קענטיק, אז די קעכין ווארעמט די שטיבער און גרייט די וועטשערעס פאר די העקער.

ס׳האט זיך פון טיפן וואלד געטראגן א שיטער קלינגען פון גלעקלעך. די גלעקלעך האבן זיך געהאלטן אין דערנענטערן. זיי האבן זיך געטראגן מיטן זייטיקן וועג, וואס האט זיך ארויסגעשלענגלט פון וואלד.

ס׳האט נאך עפעס געדויערט, און א פערד, מיט שלאגנדער פארע פון די נאזלעכער, מיט גלעקלעך אינעם אויסבויג פון דער דוהע, מיט אימעצן אין שליטן, האט זיך ארויסגעטראגן פון וואלד און זיך אפגעשטעלט לעבן דער מיטלסטער וואלד־שטוב, וואס איז געשטאנען מיט א באדעכלטן גאניק.

פון שליטן איז ארויסגעשפרונגען עליע: הויך, ברייט, אין א קורצן פעלצל מיט א הויכן קאלנער, אין א פלאכן קיילעכדיקן פעלצענעם היטל, מיט א באשליק ארום די אויערן, אין וואליקעס און וואלענע הענטשיקעס. דער פנים איז בײ אים געווען אנגעברענט פון פרעסטל, די וואנצעס און קליין בערדל — אנגעאייזט, די אויגן — מיט א שארפן בלישטש און פארטראכט. ער האט אנגעבונדן דאס פערד צו איינעם פון די בוימער און איז אריין אין דער מיטלסטער שטוב.

ער איז געקומען היינט פריער. די ארבעטן וועלן נאך אנגיין א פאר שעה. ער איז א גאנצן טאג ארומגעפארן איבער די וועלדער, געווען אויף אלע „דיעליאנקעס״, געזען ווי עס גייען די ארבעטן, גערעדט מיט אלע פריקאזטשיקעס, אנגעוויזן וואו צו שניידן א קירצערן וועג צו די ספלאוון, געווען ביים פארענדיקן א נייעם גליטש־וועג פון הויכן בארג הינטער דעם דערבייאיקן וואלד. אלץ גייט נאך זיינע אנווייזונגען און אין די ראמען פון זיינע חשבונות.

נאכן ארויסווארפן קושען מיט יאנקעוון פארצוויי־יארן, און נאך

עלטערע פריקאָזטשיקעס — פאַראַיאָרן פון וואַלד, האָט מען מיט אים מורא געהאַט אָנצוהויבן, און די אַרבעטן זיינען אָנגעגאַנגען גלאַט. אין דער שטיל האָט מען צוגעגעבן, אַז מ'קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן — ער ווייסט וואָס ער טוט. עליע האָט אָנגעהאַלטן אַ געוויסע קאַלטקייט מיט אַלעמען; מ'זאָל וויסן, אַז מיט די אַרבעטן פירט אָן ער און ניט קיין אַנדערער.

ער איז געקומען היינט פריער, ווייל קאָפּל־מאיר איז גאַנץ פרי געפאָרן נאָך דער פּאָטשט און די בריוו דאַרפן שוין זיין דאָ. זינט ער איז האַיאַריקן ווינטער אין וואַלד, האָט ער זייער אומגעדולדיק גע־וואַרט אויף דער פּאָטשט. ניטאָ פון ביילקען קיין ענטפער אויף קיין איינעם פון זיינע בריוו. דאָס האָט אים זייער שטאַרק באַאומרואיקט. איצט, אַז דאָבקע, זיין ייִנגסטע שוועסטער, גייט אויך אונטער דער חופּה, און ער מיט ביילקען וועלן אויך קאָנען חתונה האָבן, האָט זי אויפגעהערט צו שרייבן.

אין וואַלד־שטוב איז געווען גוט וואַרעם. די אָפּגייענדיקע זון־צעשפּרינקלטקייט איז דורך די שויבן געווען צעשאָטן איבער די ברע־טער פון דער פּאָדלאָגע.

ניט אויסטאָנדיק זיך, האָט ער אַ נעם געטאָן דאָס פּעקל בריוו פון גרויסן הילצערנעם טיש אין מיטן חדר, און אויף גיך איבערגע־קוקט אים. עטלעכע בריוו זיינען געווען צו אים פון שאַמיראָס קאַנ־טאָר, פון ריגע; איין בריוו איז געווען פון דער מאַמען; די איבעריקע בריוו זיינען געווען צו די פריקאָזטשיקעס פון זייערע ווייבער. פון ביילקען איז ווידער קיין בריוו ניט געווען.

אַנטוישט און נאָך מער אומרואיק, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן דעם באַשליק, אויסגעטאָן דאָס פּעלצל מיט דעם היטל, אויפגעהאָנגען אויף אַ טשוואָק לעבן טיר, אַראָפּגענומען דאָס אייז פון די וואָנצעס און בערדל, פאַרקעמט מיטן קעמל די געדיכטע שוואַרצע האָר אויף אַרויף, פאַר־רויכערט אַ פּאַפּיראָס, אָפּגעעפנט דער מאַמעס בריוו און אָנגעהויבן לייענען.

דער מאַמעס בריוו איז, ווי אַלעמאָל, געווען אָנגעפּיקעוועט מיט קליינינקע אותיותלעך. ער האָט ליב געהאַט צו לייענען אירע בריוו. פון זיי האָט ער אַלעמאָל געוואוסט ניט נאָר וואָס עס טוט זיך אינדער־היים, נאָר וואָס עס טוט זיך אין גאַנץ טשאַשניק, כאָטש זי איז געווען אַ גרויסער מאָדים אויף באַהאַלטן זאַכן, אויב זי האָט גערעכנט, אַז מ'דאַרף פון זיי ניט וויסן.

אָנגעהויבן האָט די מאַמע דעם בריוו מיט דעם, אַז ס׳איז געבליבן אײנגאַנצן צוויי וואָכן צו דאָבעלעס גיין אונטער דער חופּה. די שניי־דערקע האָט שוין געבראַכט דאָס חופּה־קלייד און דאָבעלע איז אין איר ווי אַ מלכּה. די גאַנצע סמאָליאַנצער גאַס גרייט זיך צו דער חתונה. מ׳האָט שוין געדונגען קלעזמער. די חתונה וועט מען פּראַווען אין שטוב, און אַז מיט געלט וועט זי אויסקומען.

פון דעם איז זי איבערגעגאַנגען צו אים, צו עליען: — אַז איצט, אַז דאָבעלע וועט אויך אַראָפּ פון קאָפּ, וועט ער שוין אויך קאָנען חתונה האָבן. דאָ האָט זי אים געשריבן וויפל בעכט זי האָט ניט גע־שלאָפן, וואָס אויף אים איז, בעבעך, אַרויפגעוואָרפן געוואָרן דער יאָך פון מפרנס זיין זי מיט די קינדער, חתונה מאַכן די שוועסטער און זיך אין אַלץ לאָזן אויף לעצט; און אַז זי וואָלט שוין וועלן דערלעבן אויך אים צו פירן אונטער דער חופּה. פון דאַנענט איז זי איבערגעגאַנגען צו דעם, אַז שדכנים קלאַפּן אָפּ די טירן, און אַז איין שידוך איז איר זייער שטאַרק צום האַרצן. ס׳איז אַ מיידל מיט אַלע מעלות: שיין, קלוג, פון גרויס יחוס און מיט זייער אַ סך נדן. ס׳איז צאַלקע גרו־בערס — דעם עושרס — בת־יחידה, פון זיין פעטער שאַמיראָס ווייבס רייכער משפּחה. מיט אַזאַ נדן וועט ער קאָנען פאַנאַנדערבעמען די הענט און ניט דאַרפן ליגן דעם גאַנצן לעבן אין די וועלדער. דאָ האָט זי אים דערמאָנט, ווי שווער און ביטער ס׳איז געווען איר לעבן פאַר זיין טאַטן ע״ה. געוועזן אַלע יאָרן אַליין מיט די פּיצלעך קינדער, גע־דאַרפט לעבן מיט אויסקוקן די אויגן פאַר אַ בריוול...

„נײן, זון מיינער״, — האָט זיך כּמעט געפילט איר קרעכץ אין בריוו — „ס׳איז ביטער, ווי דער טויט, אַז יונגע מענטשן דאַרפן זיין אָפּגעריסן איינער פון אַנדערן דאָס גאַנצע לעבן! כ׳וויל זייער ניט, זון מיינער, אַז דו זאָלסט האָבן אַזאַ לעבן!״

אויסגעגאָסן איר האַרץ, האָט זי אים אָנגעזאָגט, אַזוי ווי זייטיק, אַז ביילקע איז מיט מזל געוואָרן אַ כּלה פאַר פּיישקע לייזער־דוד דעם שוסטערס, מיט וועמען ער, עליע, האָט קינדוויז ניט געקאָנט צעטיילן דער באָבעס ירושה. אין אַ וואָך, צי צוויי וועלן זיי שרייבן תּנאָים, און „זאָל זיין מיט גליק! צוויי טייערע קינדער! פּיישקע נעמט זי ווי זי שטייט און גייט, אָן אַ קאָפּיקע נדן.״

פאַרענדיקט דעם בריוו האָט זי — מיט מגלה זיין אים, אַז אַזוי ווי ער, עליע, וועט גליך באַך דאָבעלעס חתונה דאַרפן צוריק אַוועק־פאָרן אין וואַלד, איז געבליבן, אַז מ׳זאָל צו דער חתונה פאַרבעטן די

גרובערס מיט זייער בת־יחידה, „כדי איר זאָלט זיך קאָנען זען, און אַז טאַקע פאַרן גיין צו דער חופה זאָל מען שרייבן תנאים... וועלן זיין צוויי שמחות, מיט גאָטס הילף...״

דער בריוו האָט עליען דערלאַנגט, ווי מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ. ער האָט געוואוסט, אַז סיי די מאַמע און סיי משפחה זיינען קעגן זיין חתונה האָבן מיט ביילקען — שטייט ניט אָן דער יחוס! ער איז געווען זיכער, אַז זייערע אַ האַנט איז אין דעם. ער האָט געזוכט די גאַנצע צייט אין דער מאַמעס בריוו אָן ארויסגעכאַפּט וואָרט, אַ דורכ־געגנבעטע פינטעלע וועגן די סיבות פון ביילקעס ניט ענטפערן אויף זיינע בריוו, אָבער ער האָט אַפילו צווישן די שורות קיין ברעקל אָנ־דייט ניט געפונען. ערשט איצט, אַז אַלץ איז שוין אָפּגעטאָן געוואָרן, און זי איז זיכער, אַז מ׳קאָן שוין קיין זאַך ניט פאַרריכטן, האָט זי אים אַלץ דערציילט. געלאָזן בלויז אַ וואָך, ציַ צוויי ביז די תנאים מיט די גרובערס, כדי צוצוגעוואוינען אים צום געדאַנק, כדי ניט צו זיין גע־כאַפּט פלוצלינג. איצט האָט זי ניט נאָר קלאָר געמאַכט אַלץ, נאָר אָנ־געצייכנט דעם גאַנצן ווייטערדיקן לעבן זיינעם...

ס׳האָט אין אים זיך אָנגעצונדן אַ מוראַדיקע שנאה צו אַלעמען. אַפילו אויף דער מאַמען וואָלט ער איצט קיין רחמנות ניט געהאַט. ער האָט צונויפגעדריקט דעם בריוו אין קולאַק און מיט אַ מוראַדיקער שנאה אים אַ שליידער געטאָן אין מיסט־ווינקל אַריין. ניט ווייניקער פאַר־ביטערט איז ער געווען אויף ביילקען, וואָס זי האָט אים ניט געשריבן וועגן דעם. מיט שנעלע טריט האָט ער גענומען שפּאַנען איבערן שטוב הין־און־צוריק, זיפּנדיק מיט די פינגער די האָר אויפן קאָפּ, געדרוי־כערט פאַרביטערט אַ פאַפּיראָס נאָך אַ פאַפּיראָס, פאַרקנוילנדיק זיך אין אַ געדיכטן וואָלקן רויך.

שפּאַנענדיק אַזוי ביי אַן אָנדערהאַלבן שעה, האָט ער זיך מיט־אַמאָל אָפּגעשטעלט, ווי זיך אויף עפּעס באַשלאָסן, זיך צונויפגענומען, אָנגעטאָן דאָס פּעלצל, היטל, הענטשעקעס און אַרויס אין דרויסן.

די זון איז שוין לאַנג אַראָפּ. איבערן וואַלד איז אַרויס די לבנה און זיך צעגאָסן מיט אַ קאַלטן זילבער צווישן די בוימער. דאָס פרעסטל האָט געקנאַקט אין די נאַדלדיקע סאָסנע־צווייגן. פון וואַלד האָט זיך געהערט אַ טאָפּען פון פערד און שטימען פון מענטשן.

פון וואַלד האָבן גענומען אָנקומען די העקער. מיט אַ שליטן הע־קער איז אויך אָנגעקומען קאַפּל־מאיר, וואָס איז געווען זיין רעכטע האַנט.

— איר האָט געזען, עליע, די פּאַטשט ? — האָט קאָפּל־מאיר פון דערווייטן אַ געשריי געטאָן צו עליען. — דאַכט זיך, עפּעס געווען פאַר איך !

— געזען. — האָט עליע געענטפערט טרוקן.

— עפּעס נייעס פון טשאַשניק ?

— ניטאָ קיין סך, — האָט עליע געענטפערט, ווי פּטור צו ווערן פון זיינע פרעגענעס. — קאָפּל־מאיר, איך דאַרף זיין אויפן וואָקזאַל ניין אינדערפרי. דריי־פערטל אויף צען קומט אָן דער פּאַיעזד.

— קיין טשאַשניק

— טשאַשניק.

— וואָס מיטאַמאָל ? ווער וועט בלייבן אין וואַלד ?

— אָ, די חתונה... און אַנדערע קלייניקייטן... דו וועסט מוזן האַלטן אַן אויג אויף די אַרבעטן אין דער צייט, וואָס איך וועל ניט זיין. איך וועל אַרויספאָרן האַלבע נאַכט. זע, אַז פּאַמענקאָ זאָל צו־גרייטן דאָס פערד...

— גוט.

די העקער מיט די אַנדערע פּריקאַזטשיקעס האָבן געהאַלטן אין אַנקומען מיט אַלע וועגן צו די שטיבער.

ס'איז געווען אַרום האַלבע נאַכט. אין דער מיטלסטער וואַלד־שטוב, אין וועלכער ס'האָבן זיך געפונען די פּריקאַזטשיקעס, און פון וועלכער עליע האָט אַנגעפירט מיט אַלע אַרבעטן אין דעם און אין די אַרומיקע וועלדער, האָט מען שוין געשלאָפן. בלויז עליע, אין זיין חדר, אונטערן צאַנקען פון אַ קליין לעמפּל אויף זיין טישל, האָט אין זיינע שטיוול — אין טשאַשניק פלעגט ער ניט פאָרן אין זיינע וואַליקעס — אַרומגעשפּאַנט פון וואַנט צו וואַנט, רויכערנדיק אַ פּאַ־פּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס. אויפן בעט איז געשטאַנען אַן איינגעפּאַקטער טשעמאָדאַן. פון דער אַנדערער זייט טיר האָט זיך געהערט אַ כראָפּען פון שלאָפנדיקע.

דאָס לעמפּל האָט געוואָרפן אַ קוים אויפהעלנדיקן שיין אַרום. אין חדר איז געווען מער פינצטער, ווי ליכטיק. עליע האָט ניט געדאַרפט קיין העלערע ליכט. ווען דאָס לעמפּל וואָלט גאָר אינגאַנצן ניט געווען, וואָלט ער אַפילו ניט באַמערקט, אַז עס איז ניטאָ. פאַר זיינע אויגן

האָט זיך געדרייט זיין גאַנצע יוגנט, זיין גאַנץ לעבן ביז אין די וועלדער אַריין... און יענע יאָרן האָבן געהאַט זייער אייגן ליכט...

אַט שווימט פאַר אים די צייט, ווען ער איז געווען אַ חדר־ייִנגל. מ׳האָט אים דעמאָלט גערופן עליק. ער האָט זיך געלערנט בעסער פון אַלע קינדער אין חדר און דער רבי האָט געהאַלטן, אַז ער האָט אַ גאָלדענעם קאָפּ. דער טאַטע איז כמעט קיינמאָל ניט געווען אינ־דערהיים. ווינטער פלעגט ער זיין אין שאַמיראָס וועלדער און זומער — אין ריגע מיט זיינע פליטן. קומען פלעגט ער קיין טשאַשניק אויף עטלעכע וואָכן דורכן יאָר: ווינטער אויף קאַליאַדעס, ווען די העקער צעפאָרן זיך פון די וועלדער קאַליאַדעווען אין די דערפער. אייגנט־לעך האָט ער דעם טאַטן ניט געקענט — און געבליבן ניט געקענט. דערפאַר איז אים אָבער געווען גוט: ער האָט געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט. די מאַמע פלעגט טאַקע שרייען אויף אים, ער האָט זי אָבער ניט געפאָלגט.

געהאַט האָט ער אַ טבע צו מייסטרעווען און איז שטענדיק אַרומ־געגאַנגען מיט צעמזיקטע הענט. אין אַן אָפּגעצוימטן חדר אין פאָר־הויז פון שטוב זיינען געווען מכל המינים געציייגן: העק, זעגן, האַ־מערס, הובלען און פאַרשיידענע דלאָטעס, עגבערן און עגבערלעך, עס זיינען אויך געווען קעסטלעך מיט טשוועקלעך פון פאַרשיידענע גרויסן, שרויפן און שרייפלעך, זאַוויעסקעס, קליאַמקעס און קייטלעך. דאָרטן איז אויך געשטאַנען אַן אַלטע הובל־באַנק. דאָס אַלץ איז גע־בליבן בירושה פון דעם טאַטנס אַן עלטער־זיידן — אַ סטאָליער — גראָד אַ גרויסער בעל־תורה און פון גרויס יחוס.

ביילקע, אַ קיילעכדיקע יתומה, האָט זיך געפונען ביי איר זיידן, אפרים פערעוואָזטשיק, אין עק פון סמאָליאַנצער גאַס. זי איז געווען מיט צוויי יאָר ייִנגער פון אים, עליען. זי האָט געהאַט לאַנגע, שוואַרצע צעפּלעך, ביז אַראָפּ, שוואַרצע ברענענדיקע אויגעלעך, וואָס זיינען אַלע־מאָל געווען פול מיט געלעכטער, און אַן אַרויפגעריסן נעזל. זי איז שטענדיק געווען מיט אים אין אַלע געשלעגן צווישן זיין סמאָליאַנצער גאַס־חברה און פיישקעס מאַרק־חברה, און אַלעמאָל געווען זיין רעכטע האַנט.

מיט איר פלעגט ער פאָרן אויפן זיידנס פאַראָם, וואָס איז גע־גאַנגען פון טשאַשניק צו דער אַנדער זייט אוליאַנקע, און פלעגט העלפן שלעפן די שטריק, אויף וועלכער דער פאַראָם איז געגאַנגען. מיט איר פלעגט ער פאָרן אויף איר זיידנס שיפל, און פון דאָרטן טאַקע געזען,

ווי דער פּראָם איז געמאַכט, ווי דער שליוז עפנט זיך, ווען מען דאַרף דורכלאָזן לייווערס מיטן אָנגעקליבענעם וואַסער פאַרן שליוז־טויער.

געמייסטערוועט האָט ער אַפריער הייזלעך מיט גאַניקעס און קוי־מענס, אָבער נאָכדעם אָנגעהויבן צו מאַכן שיפלעך, פּראָמען און שליוזן מיט טויערן. ביילקע איז געווען אין אַלע זיינע מייסטערוואַניעס, און געווען אין זיי פאַרקאָכט פּונקט אַזוי ווי ער. איינמאָל איז אים איינגעפאַלן, אַז איידער טרייבן דעם פּראָם גאַנצע טעג הין און צו־ריק וואָלט געווען גלייכער אויפצובויען אַ בריק איבער דער אוליאַנקע און פאַרשפּאָרן די גאַנצע שלעפּעניש.

ביילקען איז דאָס זייער געפעלן געוואָרן און זי האָט זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט. פון דעמאָלט אָן האָבן זיי „געבויט" אַ בריק. אַזוי ווי דער פּראָם איז באַשטאַנען פון צוויי גרויסע שיפלעך איבערגעלייגט און צונויפגעשלאָגן מיט ברייטע לאַנגע ברעטער, איז דעריבער געווען קלאָר, אַז מ'דאַרף בלויז אויפבויען אַ סך אַזעלכע שיפלעך, אויס־שטעלן זיי איבער דער גאַנצער ברייט פון דער אוליאַנקע, אַוועקלייגן איבער זיי ברעטער פון ברעג צו ברעג, צונויפשלאָגן זיי און — אַ אַ בריק איז פאַרטיק.

ער מיט ביילקען האָבן דעריבער פון דעמאָלט אָן געמייסטערוועט שיפלעך און געהובלט ברעטלעך. אַז זיי האָבן געהאַט צען שיפלעך, האָבן זיי אויסגעגראָבן לעבן דער אוליאַנקע אַ זייער ברייטע און טיפע גרוב, אָנגעגאָסן אין איר וואַסער און איבערן וואַסער אויפגעשטעלט די בריק — פון די שיפלעך מיט די ברעטלעך. עס איז געווען אַן אמתע בריק. ביילקע איז געווען אין זיבעטן הימל. די מאַרק־חברה מיט פיישקען זיינען געווען פריטשמעליעט און ניט פאַרגונען.

אַז די בריק איז געווען פאַרטיק, האָט ער מיט ביילקען געבראַכט דעם זיידן, אפרים'ען, און געוויזן עס אים.

— פאַרוואָס, פעטער אפרים, — האָט ער זיך געווענדט צו איר זיידן — זאָל מען ניט אויפבויען אַזאַ בריק איבער דער אוליאַנקע? מ'וואָלט פאַרשפּאָרן צו שלעפּן דעם פּראָם הין און צוריק גאַנצע טעג.

אפרים פאַראַמשטשיק האָט באַטראַכט די בריק, רויכערנדיק זיין פיפקע, און געזאָגט:

— האָסט אַ פיין קעפּל, עליק. אָבער, אַז מ'בויט אויף אַזאַ בריק,

דאַרף מען אויפן ברעג פאַרזעצן בוימער אויף וועלכע ס'זאָלן וואַקסן לעבעלעך ברויט, אַז ניט וועט מען שטאַרבן פון הונגער...

אפרים פאַראַמשטשיקס ענטפער האָט אָוועקגענומען דעם חשק צו בויען שיפלעך, מיט פאַראַמען און שליוזן. דערפאַר האָבן זיי זיך אָבער פאַרנומען אויף עפּעס אַנדערש.

גייענדיק אין חדר, פלעגט ער דאַרפן פאַרבייגן דעם נייעם טשאַש־ניקער קלויסטער, וואָס איז געשטאַנען אויפן מאַרק־פּלאַץ, מיט די קראָמען און שענקען אַרום. ער פלעגט זיך אַלעמאָל אָפּשטעלן און קוקן אויף די גאָלדענע קופּאָלן מיט די הויכע פאַרצלמטע שפּיצן; אויף די הויכע שטיינערנע טרעפּ צום אַריינגאַנג אין קלויסטער; אויף די קאָלירטע גלאָזן אין די הויכע שמאָלע פענצטער, באַמאָלן מיט פּיל־קאָלירטע בילדער; און אויף דעם טורעם און גלעקער אונטער דעם מיטלסטן העכסטן קופּאָל. ער האָט פיינט געהאַט די צלמים, אָבער אים איז שטאַרק געפעלן געווען דער גאַנצער בנין. ער האָט פון אים די אויגן ניט געקאָנט אַראָפּנעמען.

איינמאָל, אין אַ וואָך־טאָג, זיינען די טירן פון קלויסטער געשטאַנען אָפן און קיינער האָט זיך ניט געזען אַרום. ס'איז געווען זייער אַ הייסער טאָג, נענטער צום אָוונט. ער איז מיט ביילקען געגאַנגען פון זיידנס פאַראַם, האַלטנדיק זי פאַר די הענט. ער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און אַ זאָג געטאָן צו ביילקען:

— קום אַ קוק טאָן אינעווייניק, ביילקע, האַ?

אַ בעלנטע אויף אַלע שמד־שטיקלעך, האָט זי זיך אָנגעכאַפּט:

— טאַקע, קום!

זיך אַרומגעקוקט און קיינעם ניט געזען אַרום, זיינען זיי אַרויף אויף די הויכע טרעפּ פון קלויסטער און אין דער אָפענער טיר געבליבן שטיין.

אַנטקעגן זיי, אויף דער גאַנצער הויך פון דער אַנטקעגנדיקער וואַנט איז אַ הוילער, צעבלוטיקטער מאַן געווען צוגעקלאַפּט מיט טשוועקעס צו אַ גרויסן צלם. אונטערן צלם מיטן מאַן האָבן טרעפּלעך געפירט אין אַ גאָלדענעם שטאַכעטל. אין וואַנט הינטערן שטאַכעטל זיינען געווען אַריינגעזעצט בילדער און אַרום האָבן געברענט וואַק־סענע ליכט.

אין מיטן קלויסטער, אַרום די זיילן און אַרום די ווענט, זיינען אויף שטעקענער געהאַנגען בילדער אויף באַגילדעטע לייוונטן, וועלכע זיי האָבן געזען די גלחים טראָגן אַרום קלויסטער; און אין מיטן

װינטער — איבער גאַנץ טשאַשניק צום מיטן פֿון דער פֿאַרפֿראָרענער אױלאַנקע — צו טובלען דעם יױזל.

דער סופֿיט, אַ באַמאָלענער מיט פֿאַרשײדענע בילדער, איז אױף ברײטע גאָלדענע דוהעס געװען אײַנגעשפּאַרט אין די זײַלן, און פֿון די קאָלירט־באַבילדערטע הױכע גלאָזן, האָט זיך איבערגעבראָכן די אָונטעדיקע אָפּשטראַלונג פֿון דער זון און זיך צעלײגט אױפֿן לײדיקן מיטן פֿון קלױסטער. אין קלױסטער איז קײנער ניט געװען. ס׳איז געלעגן אַ מאָדנע שטילקײט אױסגעשפּרײט אױף אַלץ. פּלוצלינג האָבן זיך פֿון ערגעץ אין קלױסטער דערהערט שטילע טריט. זײ האָבן זיך איבערגעשראָקן, אַראָפּגעשפּרונגען פֿון די טרעפּ און אַװעקגעלאָפֿן אַהײם, באַהאַלטנדיק פֿון אַלעמען דעם סוד, אַז זײ האָבן בגנבה אַרײַנגעקוקט אין קלױסטער.

ער געדענקט, אַז ער איז דערנאָך אױסגעװען אין אַלע טשאַשניקער שולן און ניט געקאָנט פֿאַרשטײן, פֿאַרװאָס קײן אײנע פֿון די שולן איז ניט אַזױ גרױס און ניט אַזױ שײן װי דער קלױסטער; און פֿאַרװאָס אַלע ײדן, אײַנאײנעם מיט זײַן פֿעטער משהן, האָבן ניט געקאָנט אױפֿבױען כאָטש אײן שול, װאָס זאָל זײַן גרעסער און שענער פֿון קלױסטער.

ער האָט דעמאָלט געחלומט, אַז װען ער װעט אױסװאַקסן און װעט זײַן אַזױ רײַך, װי דער פֿעטער, װעט ער אױפֿבױען אַ שול, װאָס זאָל זײַן טױזנט מאָל גרעסער און שענער פֿון אַלע קלױסטערס. ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ גרױסן בנין מיט הױכע מאַרמאָרנע טרעפּ פֿון אַלע זײַטן, מיט גאָלדענע טירן, אױסגעשפּיגלטע קופּאָלן מיט גרױסע מגן דודס און נר תמידס אין די שפּיצן, װאָס זאָלן ברענען יום ולילה, מ׳זאָל זײ קאָנען זען װײַט אַרום און אַרום.

בײלקע איז געװען די אײנציקע, װעמען ער האָט דאָס דערצײלט, און זי האָט אינגאַנצן אױפֿגעלױכטן פֿון דעם. פֿון דעמאָלט אָן האָבן זײ זיך אַרײַנגעװאָרפֿן אין מײסטערעװען פֿענצטערלעך, לאַנגע און שמאָלע, קופּאָלן פֿון פֿאַרשײדענע גרױסן מיט שפּיצן, מגן דודלעך און נר־תמידלעך; הױכע טרעפּ מיט טרעפּלעך; טירן, זײַלן, מאָדנע דוהעס און פֿאַרשײדענע אַנדערע זאַכן פֿון זעלבן מין. דאָס זײַנען געװען טײלן פֿון אײן גרױסן בנין, װאָס ער האָט געװאָלט צונױפֿשטעלן. ס׳האָט געזאָלט זײַן אַ שול טױזנט מאָל גרעסער און שענער פֿון אַלע קלױסטערס.

די מאַמע האָט זײער ניט געװאָלט לײַדן, װאָס בײלקע ליגט

גאַנצע טעג מיט אים אין פּאַרהויז־קאַמער ביים מייסטרעווען. האָט ער אַרײַנגעדרייט אַ קייטל, פאַרשפּאַרט די טיר פון אינעווייניק און די מאַמע האָט קיינמאָל מער ניט געוואוסט אַז ביילקע געפינט זיך מיט אים.

איינמאָל אין אַ געשלעג צווישן דער סמאָליאַנצער גאַס־חברה, פון וועלכער ער איז געווען דער „גענעראַל", און דער מאַרק־חברה, פון וועלכער פּיישקע איז געווען דער „גענעראַל", איז די מאַרק־חברה אַרויס זייער שטאַרק צעשלאָגן. ער געדענקט ניט צוליב וואָס מ'האָט זיך געשלאָגן דעמאָלט. אין גרונט זיינען די געשלעגן אָנגעגאַנגען, דוכט זיך אים, צווישן דער אָרימערער מאַרק־חברה און דער רייכערער פון דער סמאָליאַנצער גאַס — צוליב קנאה און ניט־פאַרגינערײַ. אָבער דאָס לעצטע געשלעג איז אַרויס צוליב ביילקען. ס'איז פּיישקען געגאַנגען אין לעבן אַריבערצוציען ביילקען צו זיך אין דער מאַרק־חברה, ווייל זי איז אַ קיילעכדיקע יתומה און זי דאַרף געהערן צו זיי.

ניט געקאָנט זיך אָפּרעכענען אין געשלעג, האָט זיך פּיישקע אָפּגערעכנט אויף אַן אַנדער אופן: ער מיט זיין חברה האָבן זיך אַרײַנגעגנבעט צו אים אין „מאַסטערסקאַיע", צעבראָכן אַלע זיינע אויפגעמייסטרעוועטע זאַכן, און נאָך מער: אַוועקגענומען אַלע געצייגן — די העק, די זעגן, האַמערס, הובלען, עגבערן, דלאָטעס, און אַלץ, וואָס עס האָט זיך געלאָזט אַוועקנעמען — און אַרײַנגעוואָרפן אין אַ טיפן אָרט אין דער אוליאַנקע, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז דאָס האַלט ביילקען צוגעבונדן צו אים.

דאָס האָט געפירט צו נאָך ביטערערע געשלעגן, וואָס האָבן געזאָלט אויסגעפינען אין וועלכן אָרט פון דער אוליאַנקע זיי האָבן אַרײַנגעוואָרפן די געצייגן. אַלע זיינען אַרומגעגאַנגען צעמזיקטע. אָבער די געשלעגן האָבן צו קיין זאַך ניט געבראַכט.

ס'איז געווען דער שטאַרקסטער קלאַפּ, וואָס פּיישקע האָט אים געקאָנט געבן. אָן געצייגן איז ער געבליבן, ווי אָן הענט. קריגן אַנדערע איז ניט געווען וואו. איז ער אַרומגעגאַנגען אַ פאַרביטערטער אויף דער מאַרק־חברה און מלא רציחה אויף פּיישקען.

די איינציקע, וואָס איז, דוכט זיך, געווען פונקט אַזוי צעווייטיקט ווי ער, איז געווען ביילקע. ער האָט אָבער געמאַכט אַ טעות. אין מיטנדערינען, אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוועָן, האָט זי זיך צעקריגט מיט אים און אַריבערגעגאַנגען צו פּיישקען, זיך גענומען מיט אים שפּילן, אים גענומען צו איר זיידן אויפן פּראָם, געפאָרן מיט אים

אויפן זיידנס שיפל און זיך געהנדלט צו אים מיט מער ברען און מיט מער נאָענטקייט, ווי ווען עס איז צו אים. ביילקעס איבערגאַנג צו פּיישקען איז געווען נאָך אַ גרעסערער קלאַפּ פאַר אים, ווי אַפילו די געציגן. ער איז דעמאָלט אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער און פאַר־קלעמטער, אָנגעלאָדן מיט שנאה צו אַלעמען און מיט נאָך מער שנאה צו ביילקען. אין דער מאַרק־חברה איז געווען יום־טוב. ס'איז געווען זייער גרעסטער נצחון.

קיינער האָט אָבער ניט געכאַפּט ביילקעס שטיקלעך. איינמאָל פאַרנדיק מיט פּיישקען אויפן זיידנס שיפל, האָט זי פון אים אַרויס־געכיטרעוועט דעם אָרט, וואו ער האָט אַראָפּגעוואָרפן די געציגן. אויסגעפונען דאָס, איז זי געקומען צו־לויפן און עליען דערציילט, ווי אַזוי זי האָט פון פּיישקען אַרויסגענאַרט דעם סוד, און אַז דער ברוגז מיט אים איז בלויז געווען צו קאָנען גרינגער אָפּנאַרן פּיישקען.

זיין פרייד איז געווען אַזוי גרויס. אַז ער האָט זי אַרומגעכאַפּט און געקושט און געקושט... ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט זי אַזוי געקושט... ער האָט שיר ניט געוויינט פאַר פרייד. ער איז דעמאָלט נאָך קיין דרייצן יאָר ניט אַלט געווען.

זיי זיינען נאָכדעם אויף איר זיידנס שיפל אַרויסגעפאָרן צום אָרט, וואו פּיישקע האָט אַראָפּגעוואָרפן די געציגן, געטויכט צום גרונט, אַרויסגעשלעפּט, איינס נאָך איינס, אַלע געציגן, און אויף צעפּוקעניש דער מאַרק־חברה, איז די מייסטערוואַניע ווייטער אָנגעגאַנגען.

די מאַרק־חברה האָט געברענט מיט שנאה צו ביילקען. ביטערער פון אַלעמען איז געווען פּיישקע — פאַר אויסנאַרן פון אים דעם סוד. אַ גרויסער כעסן, האָט ער מיט זיין חברה געטשאַטעוועט ביילקען, אָפּצורעכענען זיך מיט איר. אָבער ער, עליע, מיט זיין סמאָליאַנצער גאַס־חברה זיינען געשטאַנען אַרום איר, ווי אַ וואַנט, און די „מאַסטערסקאַיע" מיטן געציג האָט מען געהיט טאָג און נאַכט.

יענע קושן האָבן אָבער דעמאָלט געמאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין אים. פון דעמאָלט אָן האָט ער קיין איין מינוט ניט געקאָנט זיין אָן איר. ער האָט קיין זאַך ניט געקאָנט טאָן, ניט האָבנדיק זי ביי דער זייט. און, דוכט זיך, אַז זי האָט אויך אַזוי געפילט, כאָטש זי איז געווען פול מיט שמד־שטיקלעך און מ'האָט פון איר קיין זאַך ניט געקאָנט דערגיין.

אין דעם יאָר, וואָס זיין טאַטע איז געשטאָרבן. איז ער שוין געווען אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער בחורל, און ביילקע איז זיך צעוואַקסן —

מיט פולע רויטע באַקן, צעברוינטן פּנים און טיפע שוואַרצע שמד־פּייערלעך אין אירע גרויסע שפּילנדיקע אויגן; די לאַנגע, געדיכטע צעפּ זיינען געדיכטער און לענגער געוואָרן, אירע בריסטלעך זיינען גרעסער געוואָרן און מיט שפּיצלעך אויסגעשטאַרצט פון אונטער איר בלוזקע. איר נעזל איז געווען, ווי אַלעמאָל, פאַרריסן אויף אַרויף, איר געלעכטער איז געוואָרן הילכיקער, זיכערער און אָנשטעקנדיקער, איר אויסזען צוציענדיקער און רייצנדער, און אירע איינפאַלן אויסצו־כיטרעווען — שפּילעוודיקער און קונציקער. ער איז נאָך איר אויס־געגאַנגען.

ער איז דעמאָלט ניט געווען זיכער, אַז זי וועט ווען עס איז מיט אים חתונה האָבן. זי האָט זיך מיט אים געדרייצט און געכיטרעוועט, און ער האָט ניט געוואוסט וואו ער האַלט מיט איר. קושן פלעגט זי זיך מער ניט לאָזן פון אים. אַז ער פלעגט זי אָבער מיט גוואַלט אַריינ־כאַפּן אין זיינע אָרעמס און זי קושן, האָט ער ערשט ניט געוואוסט, צי זי האָט טאַקע ניט געוואָלט, אַז ער זאָל זי קושן, צי זי האָט גע־כיטרעוועט, כדי ער זאָל זי מיט גוואַלט אַרומכאַפּן און קושן, ווייל אַזוי איז איר עס בעסער געפעלן געווען. ס'האָט אים זייער באַאומרואיקט. אָבער וויפל ער האָט ניט געזוכט פון איר צו דערגיין עפּעס וועגן דעם איז עס אים קיינמאָל ניט געלונגען.

אַז דער טאַטע איז געשטאָרבן און ער האָט געדאַרפט אַוועקפאָרן צום פעטער אין וואַלד, איז ער געקומען זיך זעגענען מיט איר. זי איז געווען זייער אומעטיק. ס'איז אים דעמאָלט געווען זייער שווער אויפן האַרצן: געבליבן מיט דער מאַמען און די שוועסטער — דער איינציקער „מאַנסביל"... פאָרט אַוועק... ניט געוואוסט ווען ער וועט קומען צוריק... ווען ער וועט זיך קאָנען זען מיט איר...

ביילקע איז געווען פאַרקלעמט. טרערן, ווי קליינע בלישטשענדי־קע גלאָז־שפּליטערלעך זיינען געזעסן אין די ווינקלען פון אירע גרויסע שוואַרצע אויגן. זיי זיינען אַרויסגעפאָרן אויפן זיידנס שיפל, צוגע־פאָרן צום אַנדערן ברעג פון דער אוליאַנקע, אונטערגעפאָרן אונטער די בלעטער פון אַ ברייט־צעצווייגטן בוים, איבערגעבויגן איבערן וואַ־סער, צוגעבונדן זיך צו אַ צווייג און זיךביידע געזעצט אין עק פון שיפל.

זיצענדיק לעבן אים, איז זי, צום ערשטן מאָל, צוגעפאַלן צו אים און זיך ביטער צעוויינט. אים זיינען די אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן. ער האָט זי אַרומגענומען, געקושט, און מיט טרערן אין קול איר גע־

שוואָרץ, אַז וואו ער זאָל ניט זיין, וועט זי שטענדיק זיין אין זיין האַרצן, און אַז קיין זאַך אין דער וועלט וועט אים פון איר ניט אָפּרייסן... זיי האָבן זיך ביידע אַרומגעכאַפּט, זיך געקושט און געוויינט...

פון דעמאָלט אָן פלעגט ער צוויי מאָל אַ יאָר קומען קיין טשאַשניק און די גאַנצע צייט זיין ביי איר. ס׳איז געווען די גליקלעכסטע צייט אין זייער לעבן. מ׳האָט געלעבט מיט דער איינציקער האָפענונג, אַז ווי נאָר די שוועסטער וועלן אַראָפּ פון זיינע פלייצעס, וועלן זיי חתונה האָבן. זיי פלעגן בעת די עטלעכע וואָכן איינוואַקסן איינער אין אַנ־דערן. דאָס שיידן זיך איז געוואָרן ווייטיקדיקער מיט יעדן מאָל. די בריוו — זיינען געווען דאָס איינציקע, וואָס האָט געהאַלטן זייערע הער־צער צוזאַמען.

מיט יעדן יאָר איז זי געוואָרן אַלץ שענער און שענער, אָבער בלייכער. לעצטן יאָר האָט זי אים געזאָגט, אַז זי קאָן מער ניט; אַז זי ווייסט ניט וואָס זי וועט אָפּטאָן; אַז עס מוז נעמען אַ סוף צו דעם. זי האָט אָבער מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט, אַז די מאַמע מיט דער משפחה האָבן אַ האַנט אין דעם... דאָס האָט געמוזט זיין די סיבה. גראָד האָט ער זיך פון לעצטע קאַליאַדעס ניט געקאָנט אַרויס־רייסן קיין טשאַשניק. כמעט אַ גאַנצן יאָר האָט דער פעטער געהאַלטן אים אין איין אַרומשלעפן נאָך זיך. דאָס אָנקוקן נייע וועלדער, און דאָס אַרומשלעפן זיך איבער פריצישע אימעניעס. איידער ער האָט זיך מיטן ערשטן שניי געשטעלט אויסאַרבעטן די וועלדער, האָט ער איר קיין איין בריוו ניט געקאָנט שיקן אָפילו. געווען זייער ווייט פון אַ פּאָטשט. ער פון איר האָט אויך ניט געהאַט קיין בריוו די גאַנצע צייט. זי האָט דאָך, ביז זיין קומען אין די נייע וועלדער, ניט געוואוסט וואו־הין צו שרייבן.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ צופאָרן פון אַ שליטן הינטערן פענצטער. עליע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיינע געדאַנקען, זיך וואָרעם אָנגע־טאָן, אויסגעלאָשן ס׳לעמפּל, גענומען דעם טשעמאָדאַן און אַרויס אין דרויסן.

אין שליטן איז געזעסן פּאַמענקאָ, וואָס האָט אויפגעזען אויף די פערד, און פלעגט פאָרן מיט קאָפּל־מאירן איבער די דערפער, אָדער פון וואַלד צו דער סטאַנציע. ער איז געזעסן אין אַ גרויסן קאָזשוך מיט אַ לאַנגער בייטש.

עליע האָט אַריינגעלייגט דעם טשעמאָדאַן אין שליטן, אָנגעטאָן דעם גרויסן פעלץ, וואָס איז געלעגן אין שליטן, צו האַלטן זיך וואַ־

רעם אין וועג, זיך אָוועקגעזעצט אויפן הינטערשטן זיץ. די פערד האָבן אַ ריר געטאָן און זיך אַוועקגעטראָגן מיטן וועג רעכטס דורכן נאַכטיקן וואַלד.

מיט אַ האַלבער זון אַראָפּ הינטער דעם ווייטן טשאַשניקער וואַלד, איז עליע אָנגעקומען מיטן שליאַך פון באַן־סטאַנציע און זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער מאַמעס שטוב.

ער האָט זיך אָפּגערעכנט מיטן באַלעגאָלע, אַראָפּגענומען דעם טשעמאָדאַן, אַריין אין שטוב, געזאָגט אַ טרוקענעם „גוטן אָוונט” דער מאַמען, אַרומגענומען דאָבקען, וואָס האָט זיך אים אַרויפגעוואָרפן אויפן האַלדז, און איז אַריין צו זיך אין חדר. ער איז אַרויס אין הויף און זיך גוט אַרומגעוואַשן מיט דער קוואָרט וואַסער און זייף, זיך אַרומגעווישט, פאַרקעמט די האָר און ס׳בערדל, אָנגעטאָן דאָס קורצע פעלצל מיט דעם קיילעכדיקן פוטערנעם היטל און אַרויס אין דרויסן.

אויף דער אַנדערער זייט וואַלד איז שוין געשוואומען די לבנה. דער הימל איז געווען בלוי און טיף און זילבערדיק. די קלאַדקעס פון ביידע זייטן גאַס האָבן געבלישטשעט מיט שפּיציקע אייז־בערגלעך. גיין אויף זיי האָט מען ניט געקאָנט, ניט פאַלנדיק. עליע איז דעריבער אַראָפּ פון קלאַדקע און מיטן מיטן־גאַס אַוועק צו אפרים פאַראָמשטשיקס שטוב, וואָס איז געשטאַנען אין עק סמאָליאַנצער גאַס, אַ צענדליק הייזער פון זייער שטוב.

אַריין אין אפרים פאַראָמשטשיקס שטוב, איז עליע, ווי אַלעמאָל, אַריינגעפאַלן אין קיך. אין גרויסן אָפענעם אויוון, וואָס האָט פאַרנומען די גאַנצע רעכטע וואַנט פון קיך, האָבן געפלאַקערט שייטלעך האָלץ, אַרומגעכאַפּטע מיט פלאַמען פון אַלע זייטן און געשפּרונגען מיט פייער־צונגען אין דעם אָפּגעשייערטן סאַמאָוואַר, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל אויף אַ הויכן טובאַרעט אַנטקעגן אויוון.

אויפגעהאַנגען דאָס פעלצל אויפן ברעטל מיט טשוועקעס האַרט ביי דער טיר, האָט ער אָפּגעווישט די שטיוול אויף דער שמאַטע דערביי, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און איז געבליבן שטיין אין דער אָפענער טיר, וואָס האָט געפירט אין דעם גרויסן לענגלעכן חדר — אין דער סטאָלאָווע.

אינמיטן איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש, איבערגעדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך. אינדערמיט אַ הילצערן שיסעלע, אויסצוקלאַפּן אפרים

פאַראַמשטשיקס פּיפּקע. אַרום טיש — שטולן. די סטעליע ניט הויך און אינאיינעם מיט די ווענט ווייס אויסגעקאַלכט. די פּאָדלאָגע — ריין. אין דער אַנטקעגנדיקער וואַנט — צוויי פענצטער, און צווישן זיי אַ קאַנאַפּע איבערגעדעקט מיט אַן אויסגענייטן צודעק. אויף די פּאָד־וואָינע פענצטער — קאָלירטע פאַרהענגלעך; אויף די ווענט, אין אַליין געמאַכטע רעמלעך, זיינען געהאַנגען, אויסגענייטע מיט קאָלירטן פאָדים, פיר בילדער. אין איין רעמל איז געווען אויסגענייט אַ פאַראָם איבערן מיטן טייך, פירנדיק אַ פערד מיט אַ וואָגן; אין אַ צווייטן רעמל — דער טשאַשניקער שליוז מיטן גרויסן טויער; אין אַ דריטן — אַ בריק איבער אַ טייך פון אַ סך שיפלעך מיט ברעטער איבער זיי פון ברעג צו ברעג; אין פערטן — אַ גרויסער, שיינער בנין, האַלב קלויס־טער און האַלב שול, מיט הויכע טרעפ, קאָלירטע פענצטער, די קופּאָלן באַשפּיצט מיט מגן דודס, און אויפן מיטלסטן — גרעסטן און העכסטן — אַ גרויסער נר־תּמיד, וואָס האָט ווי אַ פאַקל ווייט געלויכטן פון איבערן בנין אַרום און אַרום.

אין דער לינקער וואַנט איז געווען אַ טיר צו אפרימס חדר, רעכטס — אַ טיר צו ביילקעס חדר. ביידע טירן זיינען געווען פאַר־האַנגען מיט קאָלירטע ציצענע פאַרהאַנגען ביז אַראָפּ צו דער פּאָד־לאָגע. די פערטע וואַנט אין טיר פון וועלכער ער איז געשטאַנען, איז אין גרעסטן טייל פון איר געווען פאַרנומען מיט דער לאַנגער ליימע־נער וואַנט פונעם אויוון, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אַהער און געוואַ־רעמט די גאַנצע שטוב.

איבערן טיש האָט געברענט אַ הענגענדיקער קעראָסין־לאָמפּ, מיט אַ קוים־צאַנקענדיקן קנויטל, וואָס האָט פאַרגאָסן דעם גאַנצן חדר מיט אַ האַלב־טונקל, אומעטיק ליכט. אין שטוב איז געווען וואַרעם און זייער ריין. זינט די באָבע איז געשטאָרבן מיט אַ פיר יאָר צוריק, איז די שטוב אין ביילקעס הענט און זי האַלט זי אין אויסערגעוויינ־לעכן זויבער.

עליע האָט געוואוסט די בילדער: ביילקעס אַרבעט. אויסגענייט זיי, ווען ער איז געווען אין די וועלדער, אָדער אין ריגע, צווישן איין קומען און אַנדערן. איין בילד איז בלויז פריער ניט געווען: דער האַלב־קלויסטער און האַלב־שול. ער איז דער איינציקער, וואָס ווייסט פון וואַנען זיי שטאַמען, די בילדער. זיי זיינען אים פונקט אַזוי טייער, ווי ביילקען.

ביים טיש איז געזעסן אפרים פאַראַמשטשיק — אַ ייד אין די

זיבעציקער, אָבער נאָך אַ גאַנץ שטאַרקער ייד, מיט אַ צעקודלט־ווייס־לעכער באָרד, מיט אַ שטערן פול מיט קנייטשן, אין אַ וואַטאָווער זשיליעטקע און הויכע צעלאַטעטע שטיוול. ער האָט עפּעס געדעכנט אויף פּאַפּירלעך מיט אַ בלייפעדער דורך זיינע שפּאַקולן איבערן נאָז. דערהערט, אַז עמיצער איז אַריין, האָט ער אויפגעהויבן די שפּאַקולן אויפן שטערן און זיך איינגעקוקט ווער דאָס קאָן זיין.

— אַ גוטן אָוונט, ר' אפרים, — האָט עליע געזאָגט רואיק, פאַר־ציענדיק דעם פּאַפּיראָס.

דערזען עליען, האָט אפרים אויפגעקאָכט:

— ווידער געקומען ריען וואונדן? ווייניק צרות נאָך געהאַט פון אייך? איך האָב אַלע אייערע אַרויסגעוואָרפן דורך אַלע טירן!... איך וויל אייך ניט קענען מיט אייער יחוס!... מער ווי אומגליק האָבן מיר ניט פון אייך!... וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף דער יתומה? וואָס האָט איר צו איר?... גענוג צרות!... גענוג!...

— ר' אפרים... — האָט עליע געוואָלט עפּעס זאָגן, דערשטוינט פון אַזאַ קבלת־פּנים.

אָבער אפרים האָט אים ניט געלאָזט. ציטערנדיק אינגאַנצן פון אויפרעגונג, האָט ער ניט אויפגעהערט:

— קוים געקומען צו אַ ברעג... זי איז פיישקעס כלה!... האָסט דאָ מער גאָרנישט וואָס צו טאָן!... אַ פרעמדע כלה!...

לינקס האָט אַ יונגע פרויען־האַנט אָפּגעשאַרט אַ ברעג פון דער פאָרהאַנקע און אין טיר האָט זיך באַוויזן ביילקע. בידעריקער פון עליען, דאָס פּנים פול, טונקל־ברויז, עפּעס לענגלעך און מיט חן־גריבעלעך אין די באַקן, די אויגן גרויסע, שוואַרצע און לאַכנדיקע, כאָטש מיט אַ היפּש ביסל באַהאַלטענעם אומעט אין זיי. דאָס נעזל פאַרריסן אויף אַרויף, און די האָר מיט ברייטע געדיכטע וואַלן אַרום איר קאָפּ, זיינען מיט צוויי צעפּ געהאַנגען איבערן פאָרנט, ווי זי וואָלט זיי נאָרוואָס פאַר־פלאָכטן.

זי האָט געטראָגן אַ שאַרף־רויטע מולטענע בלוזקעלע, וואָס האָט לייכט אַרומגענומען איר פולן בוזים און זיך פאַרצויגן אַרום איר דינער טאַליע. אַ קליין קאָלנערל איז געלעגן אַרום איר טונקל־ברוינעם אויסגעטאָקטן האַלדז, און צוויי ווייסע פרענזעלעך זיינען געהאַנגען פון אונטערן קאָלנערל אויפן צווישן פון אירע בריסטן, וואָס האָבן אַרויס־געסטאַרטשט מיט צוויי שפּיצלעך. פון טאַליע איז געגאַנגען אויף אַראָפּ אַ טונקל־ברוין ציצן קליידל, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ סך פאַלדן איבער די פאַרקנעפּלטע כאַליאַווקעלעך פון אירע שיך.

דערזען עליען, איז זי פֿאַרגליווערט געבליבן שטיין אין טיר. אָבער זיך גלייך גענומען אין די הענט.

— זיידע, פּע־ע־ע! אַזוי נעמט מען עס אויף אַ גאַסט? פּע־ע־ע, זיידע! ניט דערוואַרט דאָס פֿון דיר... — האָט זי אַ ברען געטאָן ממזריש מיט אירע גרויסע שוואַרצע אויגן און אַ וואַרף געטאָן מיט שטיפֿערישן פֿאַרוואָרף דעם זיידן. — געסט נעם איך אויף, זיידע! זעץ זיך, עליק...

זי איז צוגעגאַנגען צום טיש, זיך אויסגעצויגן צום לאָמפּ און אַרויפֿגעדרייט דעם קנויטל. אין חדר איז געוואָרן ליכטיק.

— זיץ, עליק, — האָט זי אים נאָכאַמאָל געבעטן.

אפֿרים פֿאַראָמשטשיק האָט צונויפֿגענומען די פּאַפּירלעך פֿון טיש, מיט כּעס אַ שפּיי געטאָן און מיט אַ מוראדיקן טראַסק מיט דער טיר אַרויסגעלאָפֿן, אָבער באַלד צוריק אַרײַן און איז, קאָכנדיק פֿון כּעס, דורכגעגאַנגען צו זיך אין חדר.

עליע איז צוגעגאַנגען צום טיש און זיך אַוועקגעזעצט.

— וואָס מאַכסטו עפּעס, עליק?... כ'מיין ע־ל־י־ע... — האָט זי אין האַלב־חוזק און האַלב־שפּילעוודיק פֿאַרריכט. — צייט צו זאָגן ע־ל־י־ע, ניט אַזוי?

— אָט געקומען... — האָט עליע, נאָך אַזאַ קבלת פּנים אויך פֿון ביילקען, געענטפֿערט טרוקן, צוריקגעהאַלטן און פֿאַרזיכטיק.

— געהערט, אַז מ'האָט דיך דערוואַרט איבעראַכטאָג...

— אַז אַרויס פֿון וואַלד, איז גוט מיט אַ וואָך פֿריער, — האָט עליע פֿאַרענטפֿערט זיין קומען פֿאַר דער צייט, געקוקט אויף איר אַ ווײַלע דורכדרינגענדיק, נאָכדעם פֿון זיין זייט געפֿרעגט: — און וואָס מאַכסטו עפּעס?

— אָט, ווי דו קוקסט מיך אָן! — האָט ביילקע ממזריש אַן ענטפֿער געטאָן, אויפֿגעהויבן די הענט אינדערהויך און זיך אַ דריי געטאָן פֿאַר אים אַרום און אַרום, ער זאָל זי קאָנען זען פֿון אַלע זייטן, ווי זי האָט אַלעמאָל ליב געהאַט צו טאָן, אַז זיי פֿלעגן זיך זען. אָבער היינטיקס מאָל איז אין דעם דריי געווען עפּעס, וואָס האָט ווי געזאָגט: דאָס, וואָס האָסט מיר אָפּגעטאָן, הייבט מיך ניט אָן צו רירן אַפֿילו אויף אַ האָר, ווי דו קענסט אָט אַליין זען מיט דיינע אויגן. — ס'גייען תּנאָימס, חתונות — טאַנצן, טאַנצן און טאַנצן!... — האָט זי שפּילנדיק מיט אירע שוואַרצע לאַכנדיקע אויגן פֿאַרענדיקט. דערביי האָט דער אונטערשטער טייל פֿון איר קליידל זיך אַ דריי געטאָן, ווי אַ צעוויעט ראָד און זיך ביסלעכווייז צוריק אַראָפּגעלאָזן אַרום איר.

עליע האָט ליב געהאַט דעם דריי אירן, אָבער הייַנט איז אין אים געוועזן עפּעס, וואָס ער האָט ניט פאַרשטאַנען.

— גוט צו זען דיך אַזוי... גוט צו הערן... — האָט עליע זייער פאַרזיכטיק געענטפערט, אויסוואַרטנדיק, ביז אים וועט קלאָר ווערן וואָס דאָ טוט זיך...

— ווען אָנגעפאַרן?

— נאָר־וואָס.

— און גלייך אַהער?

— אַהער.

ביילקע האָט אָנגעשטעלט אירע גרויסע לאַכנדיקע אויגן אויף עליען מיט פאַרוואונדערונג.

— ניט געטאָרט דאָס טאָן... — האָט זי אַ בליץ געטאָן מיט שמד־פייערלעך — די מחותנים וועלן דאָס ניט וועלן ליידן...

— ס׳זייַנען דאָ אַ סך זאַכן, וואָס מ׳טאָר ניט און מ׳טוט... — האָט עליע געענטפערט.

— אַ־אַ! — האָט ביילקע אַ שפּיל געטאָן מיט אירע לאַכנדיקע אויגן. — דו קלייבסט זיך שוין ווידער אין קלויסטער!... דאָס מאָל וועל איך מיט דיר ניט גיין!... נאָך איין טראָט נאָך דיר און — ס׳וועט פירן צו שמד...

אַ מינוט האָבן זיי געשוויגן.

— דו געדענקסט דאָס? — האָט ביילקע פּלוצלינג אַ פרעג גע־טאָן, ווי איבערצורייסן די שטילקייט, אָנווייַזנדיק אויפן רעמל מיטן אויסגעצייטן האַלב־קלויסטער און האַלב־שול.

— כ׳געדענק.

— נאָך פּסח פאַרקאָנטשעט. ווי געפעלט דיר?

— זייער שיין.

— אַזוי זיך עס פאַרגעשטעלט?

— כמעט אַזוי. אַ היפּש ביסל שותפותדיקס אין די רעמלעך...

— מיר וועלן צעטיילן גלייך־אויף־גלייך: איין העלפט דיר, די אַנדערע — מיר. — האָט ביילקע אַ בליץ געטאָן מיט די אויגן.

— זיין זייער שווער צו טיילן. איין העלפט וועט זייער שטאַרק בענקען נאָך דער אַנדערער... — האָט עליע אונטערשטראָכן יעדעס וואָרט.

ביילקע האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק און זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי זי וואָלט פאַרגעסן אַ זייער וויכטיקע זאַך.

— אַז דו ביזט נאַר־וואָס פון וועג, ביזטו דאָך הונגעריק!... אָט, זיך פאַררעדט און אויף דעם אינגאַנצן פאַרגעסן... איין מינוט און — איך מאַך עפּעס!... איך ווייס, אַז דיין כלה וועט מיר אויסדראַפּען די אויגן דערפאַר, אָבער איך וועל דאָס אַלץ־איינס טאָן... אַ מחיה זיך אַ רייץ צו טאָן... זאָל זי מיינען, אַז איך גיי דיך אַרויסכאַפּן פון איר...

— געלייענט מיינע בריוו? — איז עליע צוגעטראָטן צום עיקר, כדי איבערצוהאַקן דעם מין שטעכווערטלעך.

— בריוו? וועלכע בריוו? אַ!... געהייסן דעם זיידן אַריינ־וואַרפן אין אויוון. ווער וויל דאָס לייענען אַ פרעמדן חתנס בריוו? — האָט ביילקע געענטפערט ערנסט און שאַרף, אָבער גלייך געענדערט דעם טאָן. — זעסטו, ווען דו שיקסט מיר דיין כלהס בריוו, וואָלט איך זיי געלייענט... — האָט זי שמדיק אים אַ וואָרף געטאָן און אַרויס אין קיך.

דאָרטן האָט זי אָנגעטאָן אַ פאַרטוך, אַ קער געטאָן מיטן קאָטשע־רע די ברענענדיקע שייטלעך האָלץ אין אויוון, זיי נעענטער צוגע־רוקט צו די טעפּלעך, וואָס זיינען אינעווייניק געשטאַנען, אַראָפּגענומען פון פּאָליצע אַ פּאָר טעלער, אַריינגעגאַנגען צוריק אין סטאָלאָווע און זיי געשטעלט אויפן טיש.

— נאָך עטלעכע מינוט און ס׳וועט זיין וואָס צו עסן, — האָט ביילקע געזאָגט. — כאָטש אַ שיינס דיין כלה? צי דאַרפן זיך שעמען פאַר פּישקען? מ׳זאָגט, אַז פּיישקע נעמט אַ זייער שיינע מויד... — האָט זי לאַכנדיק אַ ברען געטאָן מיט אירע אויגן.

— אַ בילד שיינע!... — האָט עליע בייז און פאַרביסן געענט־פערט, אַרויסדריקנדיק דעם פייער פון זיין פּאַפּיראָס אין דעם הילצערן שיסעלע אויפן טיש, ניט קענענדיק פאַרשטיין וועגן וואָס זי רעדט אייגנטלעך און וואוהין זי צילט מיט אירע שפּילקעס.

— גוט וואָס ניט קיין פּעקל אַסיגנאַציעס אין אַ קליידל...

עליע האָט גאָרנישט געזאָגט.

— ווערט דער בייט?...

— ווערט! — האָט עליע נאָך בייזער און שאַרפער געענטפערט, אָבער זיך גלייך געטומען אין די הענט און געענדערט דעם טאָן. — ניט וועגן דעם בין איך געקומען. איך בין געקומען וועגן אַ סך, אַ סך ערנסטערס... — האָט ער אונטערגעשטראָכן די לעצטע ווערטער.

ביילקעס פּנים איז געוואָרן זייער ערנסט.

— גערעכנט אַזוינס... — האָט ביילקע געזאָגט.

עליע האָט געשוויגן אַ ווײַלע, נאָכדעם פּאַרזיכטיק, אָבער שאַרף באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט, געפרעגט ביי איר, קוקנדיק איר שאַרף אין די אויגן:

— איז צווישן אונדז... אַלץ... אויס?...

ביילקעס פּנים איז געוואָרן פינצטער. זי איז אַפּגעגאַנגען צו אַ פענצטער, איבערגעוואָרפן די צעפּ אויף הינטן, פאַרביסן די אויבערשטע ליפּ און שווער אָטעמענדיק געקוקט דורך דער טונקעלער שויב. גע־שטאַנען אַ ווײַלע אַזוי, נאָכדעם טרוקן געענטפערט:

— אויס.

ס'האָט אַ ווײַלע געהערשט אַ שווערע שטילקייט, אין וועלכער ס'האָט זיך געהערט ביידנס שווערער פאַרהאַלטענער אָטעם און, דוכט זיך, דאָס אומרואיקע קלאַפּן פון זייערע הערצער.

— און אין הארצן אויך אויס? — האָט עליע געפרעגט נאָך ערנסטער, ניט קאָנענדיק דערלאָזן, אַז דאָס איז מעגלעך.

ביילקע האָט געשוויגן אַ ווײַלע, נאָכדעם ווידעראַמאָל טרוקן גע־ענטפערט:

— ס'וועט זיך פאַרהיילן... ווי אַ סך וואונדן פאַרהיילן זיך... קיינער זעט ניט... קיינעם דאַרף ניט אַרן...

דערפילנדיק האָפענונג אין אירע ווערטער, האָט זיך עליע אויפ־געהויבן פון טיש, צוגעגאַנגען צו איר, זי פעסט אַרומגענומען און גע־וואָלט אַ קוש טאָן. ביילקע האָט אויפגעציטערט, מיט מוראדיקער קראַפט זיך געגעבן אַ ריס אַרויס פון אים, דערלאַנגט אים צוויי ביטערע פּליע־מען אין פּנים אַריין און מיט ווייטיקדיקער שנאה און עקל אַרויסגע־שאָסן!

— ניט וואַגן מיט די הענט צו מיר!... איינע ניט גענוג?... איך וויל דיך ניט קענען מער!... איך וויל אייך מער קיינעם ניט קענען!... קיינעם ניט!... קיינעם ניט!...

אפרים פאַראַמשטשיק איז אַ בלאַסער אַרויסגעלאָפן פון זיין חדר און געבליבן שטיין מיט צעשראָקענע און פרעגנדיקע אויגן, ווי גע־וואָלט אַרויסלייענען וואָס דאָ איז צווישן זיי פאָרגעקומען.

ביילקע איז אַן אויפגעטרייסלטע און צעמישטע אַרויסגעלאָפן אין קיך.

אפרים האָט געקוקט אַ ווײַלע, און ווי געכאַפּט וואָס דאָ איז

פאַרגעקומען, אַ וואָרף געטאָן אַ בליק פול מיט שנאה אויף עליען און צוריק אַריין אין זיין חדר.

עליע, אָנגעצונדן, אָנגעשטרענגט אויף אַלע נערוון, אָבער פאַר־ביסן און איינגעהאַלטן, האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס, פאַררויכערט אים מיט ציטערנדיקע הענט פון אויפרעגונג, און שווער אָטעמענדיק אַרויסגעלאָזן דעם רויך פון די נאָזלעכער. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, געשטאַנען אַ ווײַלע, נאָכדעם זיך דורכגעגאַנגען איבערן חדר עטלעכע מאָל צערודערט, און צוריק זיך געשטעלט ביים פענצטער.

ביילקע, מיט אַלע כחות איינהאַלטנדיק זיך פון פאַנאַנדערוויינען, איז מאַשינאַל מיטן קאַטשערע אַריין אין אויוון צווישן די האַלאָוועש־קעס, זיי אָפּגערוקט אָן אַ זייט, אַרויסגעשלעפּט פון אויוון אַ טעפּל, און ניט ווייסנדיק וואָס צו טאָן מיט אים, צוריק אַריינגערוקט אין אויוון. זי איז אַ ווײַלע געשטאַנען אַ פאַרקלעמטע מיט דער קאַטשערע אין האַנט, שווער אָטעמענדיק, און נאָכדעם גענומען מיטן פאַרטוך ווישן די אויגן, וואָס זיינען אַזוי פאַרלאָפן מיט טרערן, אַז זי האָט קיין זאַך אַרום זיך ניט געזען.

אפרים איז אַרויס פון זיין חדר, דורכגעגאַנגען אין קיך, ווי אַרויס־צוגיין פון שטוב. אָבער אײדער ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן קליאַמקע, האָט זיך געעפנט די טיר און ס'האָבן גענומען אַריינקומען שכנים, וואָס האָבן זיך אָפּגים דערוואוסט, אַז עליע איז געקומען אויף דאָבקעס חתונה און געפינט זיך ביי אפרימען אין שטוב.

אַ סך טשאַשניקער האָבן געוואַרט אויף זיין קומען. די ווײַבער פון שאַמיראָס פריקאַזטשיקעס אונטער אים, האָבן געוואָלט הערן פון זייערע ברויט־געבער; אַנדערע האָבן געוואָלט רעדן מיט אים וועגן זייערע אונטערגעוואַקסענע ייִנגלעך: שיקן זיי אים אין וואַלד זיך „אויסמענטשלען" און דערווײַלע טאָקע אַריינשטעלן זיי מיט אַ פּוס צו שאַמיראָן; דריטע האָבן פון אים געוואָלט הערן וועגן אַנדערע זאַכן. אַלע אין טשאַשניק האָבן זייער אַ סך געהאַלטן פון אים: נאָך אַ בחור און שוין דער עלטסטער פריקאַזטשיק ביי משה שאַמיראָן, גע־מאַכט חתונה איין שוועסטער, איצט — די צווייטע, און גייט אַליין שרײַבן תנאים מיט בצלאלקע גרובערס בת־יחידה, דעם אולער עושרס, דעם גרויסן תבואה סוחרס טעכטערל... פון משה שאַמיראָס ווייבס זייער רייכער משפּחה...

ס'האָט זיך אָנגעקליבן אַ פולע שטוב: מאַנסבילן און ווײַבער. מ'האָט עליען געגעבן „שלום עליכם" און זיך צעזעצט אַרום טיש. עליע

האָט זיך צונויפגענומען און זיך געזעצט אויבנאָן. וואו ס'איז נאָר געווען אַ בענקל, האָט מען געשטעלט נעענטער צו אים. די ווייבער האָבן זיך געשטעלט אין קופּקעלעך הינטער עליען, וואו קיין מאָנסביל זיינען ניט געווען.

עליע האָט מכבד געווען אַלעמען מיט פּאַפּיראָסן. מ'האָט פאַר־רויכערט.

ביילקע האָט זיך אויך גענומען אין די הענט. די אויגן האָבן ווידער געשפּילט ביי איר מיט ממזר־פייערלעך. זי האָט געשטעלט צום טיש טעלער מיט לעקעך און קיכלעך, וואָס זי באַקט אַליין, און האָט אַלעמאָל אין שטוב. זי האָט אויך געשטעלט דעם סאַמאָוואַר. זי האָט אַלעמאָל ליב געהאַט צו שטעלן עפּעס צום טיש, אַז שכנים פלעגן קומען צום זיידן.

אפרים איז אַריין צו זיך אין חדר אַ פאַרביטערטער און אויפ־געדעגטער.

אַרום טיש האָט מען גערויכערט און פאַרוואָרפן עליען מיט פראַגן. איינער האָט געוואָלט וויסן וועגן דער אַרבעט אין די וועלדער און וויפיל פּליטן וועלן זיין ביי שאַמיראַן דעם קומענדיקן זומער, און דערווילע טאַקע געוואָלט וויסן צי וואָלט מען ביי אים ניט געקאָנט קריגן עפּעס צו טאָן זומער; אַנדערע האָבן געוואָלט וויסן וואו מ'קאָן זיך אויפהאַלטן אין ריגע אומגעמעלדעטערהייט, אַז יידן טאָרן דאָרטן ניט וואוינען. און צי קאָן דאָרטן בכלל אַן אומגעמעלדעטער ייד קריגן עפּעס וואָס צו טאָן; אייניקע האָבן געוואָלט וויסן וואָס עס איז אַ מול־טער־גליטש־וועג: אין טשאַשניק רעדן אַלע וועגן זיינע גליטש־וועגן און קיינער ווייסט ניט וואָס דאָס איז; אַנדערע ווידער האָבן געוואָלט וויסן צי קושקע האָט טאַקע אונטערגעבראָמפּנט עטלעכע „וואָזטשיקעס” זיי זאָלן אַרויסשלאָגן די פּאָדפּאָרעס פון אונטערן גליטש־בריק.

עליע האָט געענטפערט קאַרגלעך און מיט ווערטער, וואָס מ'האָט געקענט טייטשן, ווי מ'וויל, און ערשט ניט געוואוסט, ווי מ'זאָל זיי פאַרשטיין.

פון פראַגן וועגן דער אַרבעט אין די וועלדער, איז מען איבער־געגאַנגען צו זיין דאָבקעס חתונה. דאָ האָט ער זיך דערוואוסט, אַז ס'וועט זיין אַ חתונה גאָר אַזוינס און אַזוינס; אַז זיין מאַמע וויל זיך מיט דער חתונה אַ באַרים טאָן פאַר בצלאלקע גרובערן; אַז ס'איז זייער אַ קלוגע זאַך, וואָס ביי דאָבקעס חתונה וועט מען אויך שרייבן זיינע תנאים; אַז זעלדעלע זיין מאַמע, האָט אַ מיניסטערשן קאָפּ: האָט אַלץ

אויסגעדרייט אויפן קליגסטן אופן; אַז ר׳ זאַוול שדכן וועט אָפּלעקן אַ פּעט ביינדל און וועט נאָך דערצו עפּעס מאַכן ביי פּיישקען אויך... און אַז ס׳האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפן, ער זאָל ניט אויספירן קיין שידוך, מעג עס אַפילו זיין אַ וואַנט מיט אַ וואַנט...

די ווייבער הינטער זיין פּלייצע האָבן זיך דערווײַלע געשושקעט, כלומרשט עליע זאָל ניט הערן; אָבער זיי האָבן שוין, קוקט אויס, גע־זען, ער זאָל יאָ הערן. מען האָט געשושקעט איינע דער אַנדערער, אַז עליע איז נאָך מיט זיבן חדשים צוריק געפאָרן פון אַ וואַלד קיין אולע זיך זען מיט בצלאלקעס בת־יחידה, און אַז זיי זיינען שטאַרק געפעלן געוואָרן איינער דעם אַנדערן; ר׳ זאווול האָט דאָס אַליין דערציילט שבת נאָכן דאַווענען אין שול נאָך מיט חדשים צוריק; אַז ער, עליע, האָט ביילקען אַריינגעשלעפּט שיר ניט אין גרויען צאָפּ און זי אַוועקגע־וואָרפן; גוט נאָך וואָס ניט געלאָזן איר צום געדענקען דעם גאַנצן לעבן עפּעס... אַז ביילקע האָט געטאָן אַ קלוגע זאַך, וואָס זי האָט אויף אים אַ שפּיי געטאָן און גייט שרייבן תנאים מיט פּיישקען; ער איז נאָך איר אַלעמאָל אויסגעגאַנגען; אַז די „מיוחסים” דאַרף מען טרייבן פון אָרימע שטיבער מיט פלעקער. און זע, ווי דאָס לאָזט זי ניט אָפּ... ווידער געקומען צו איר... פאַרשטאָכענע אויגן...

עליע האָט אויף זיך געפילט זייערע בליקן, ווי שפּיזן.

אַנדערע ווייבער האָבן זיך געשושקעט אויף פאַרקערט: אַז ס׳איז בעסער אַזוי. וואָס פאַר אַ גליק וואָלט זי געכאַפּט, ווען ער וואָלט שוין יאָ מיט איר חתונה געהאַט? גאַנצע יאָרן אין די וועלדער, און זי וואָלט געחושכט אַ גאַנצן לעבן איינע אַליין; וואָלט געקומען צופאָרן, אויפגעמאַכט אַ קינד, און דו ווייסט איין זאַך — טראָג און האָב!... זיין מאַמע איז גערעכט, וואָס זי וויל אים אַרויסרייסן פון וואַלד; ס׳איז אַ סברה, אַז זיין טאַטע איז ניט געווען פון די „פאַסטערס”... זעל־דעלע האָט דאָס געוואוסט און איר איז דאָס זייער טוטווי געווען... און ווי וויט קאָן דאָס פאַלן אַן עפּעלע פון אַזאַ בוים, גאַנצע יאָרן אַליין?...

עליע איז געזעסן פאַרביסן און פאַרביטערט, אָן אויפהער גערוי־כערט; געוואָרפן מיט אַ וואָרט בלויז דאָרט, וואו ער האָט זיך ניט געקאָנט אויסדרייען פון אַן ענטפער, און אַקוראַט ניט געוואוסט אויף וואָס ער ענטפערט.

ביילקע האָט דערווײַלע אַוועקגעשטעלט גלעזער אויפן טיש און זיך געהאַלטן אין איין אַרומדרייען אַרום אַלעמען, מיט הענט אין די

קעשענעס פון איר פאַרטוך, געשפּילט מיט אירע גרויסע אויגן און גע־האַלטן אין איין בעטן מ׳זאָל עפּעס נעמען אין מויל אַריין און צוגע־זאָגט אַז אין אַ פּאָר מינוט וועט זיין טיי אויך.

עליע האָט איצט געזען זיין לאַגע זייער קלאָר. ס׳איז ניט געווען קיין שום מעגלעכקייט אָפּצוליייקענען עפּעס. ס׳איז געווען פאַרוועבט און פאַרפּלאָנטן פון אַלע זייטן, ווי צווייגן אין אַ געדיכטן וואַלד. ער האָט איצט פאַרשטאַנען ביילקעס אויפּציטער, ווען ער האָט זי אַרומ־גענומען... איין וועג: האַקן אין וואָרצל...

קאָפּל־אברהם, אפרים פּערעוואָזטשיקס שכן, אין איין עלטער מיט אפרימען, מיט אַ ווייסער לאַנגער באָרד ביזן גאַרטל און זילבערנע פאות פאַררוקט אונטערן יאַרמלקע. וואָס האָט זיך אַרויסגעזען פון אונ־טער זיין אויסגעריבענער באַראַשקע־היטל, האָט אַריינגעצויגן צוויי פינגער מיט שמעק־טאַבאַק אין די נאָזלעכער, און זיך געווענדעט צו עליען:

— נו, עליע, זאָל זיין מיט מזל און גליק. מסתמא איז בצלאלקעס בת־יחידה דיין באַשערטע. קיין זאַך טוט זיך ניט אַליין... אַז ס׳איז אָנגעשריבן אויבן אַזוי, קאָן ניט זיין אַנדערש...

אפרים פּעראָמשטשיק איז אַרויסגעקומען פון זיין חדר, צוגעגאַנ־גען צום אויוון, זיך געשטעלט צו אים מיט דער פּלייצע, ווי צו וואַרעמען זיך, אַרויסגענומען זיין זעקעלע מיט טאַבאַק און גענומען אָנשטאָפּן זיין פּיפּקע.

— אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן אַזעלכע שידוכים!

— האָט געזאָגט רפאל דער שוואַרצער, אַ ייד אַ לערנער, וואָס האָט ליב צו מעסטן זאַכן מיט דער מאָס חכמה, וואָס ס׳האָט אין זיך, און צוגעגעבן: — זייער אַ קלוגער שידוך! אי חכמה, אי עשירות; און אויב שיינקייט, ווי מ׳זאָגט, זאָל נאָך אויך זיין, איז דאָך דאָס אַוודאי מהדרין מן המהדרין!...

ביילקע האָט דערווייל געבראַכט דעם קאָכנדיקן סאַמאָוואַר, אים אַוועקגעשטעלט אויפן ברעג טיש און גענומען אָנגיסן טיי אין די גלע־זער.

— און איצט, מסתמא פאַר־זיך אין מסחר? — האָט קאָפּל־אברהם געוואָלט וויסן.

— די תנאים וועלן זיין פאַרן פירן דאָבקען אונטער דער חופה, צי נאָכדעם? — האָט איבערגעהאַקט וועלוול דער וואַסערפירער, ווי אים

וואָלט עס געווען וויכטיקער פון אַלע אַנדערע פּראַגן, און געגאַנגען אים אין לעבן צו וויסן עס טאַקע גלייך.

עליע, וואָס האָט די גאַנצע צייט געזוכט אויסצודרייען זיך פון ענטפערס, האָט אויסגעלאָשן דעם פּאַפּיראָס אין שיסעלע און אים גע־לאָזן דאָרטן, זיך אויפגעהויבן פון טיש, צוגעגאַנגען צום אָרט, וואו ביילקע האָט אָנגעגאָסן די טיי, און מיט אַ רואיקייט, אין וועלכער קיי־נער האָט קיין זאַך ניט חושד געווען, געלאָסן געזאָגט:

— ניין, ס'וועלן ניט זיין קיין תנאים ביי דאָבקעס חתונה.

עליע האָט געשוויגן אַ ווײַלע, אַרומקוקנדיק אַלעמען.

— מ'מוז ניט האָבן קיין תנאים!... ס'וועט זיין גלייך די חתונה. צוויי חתונות...

אַלע האָבן אָנגעשטעלט מויל און אויערן. ס'איז געווען אײַנגאַנצן ביי פּאָר אַלעמען. עליע האָט ווידער געשוויגן אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט געוואָלט אָנציען אַלעמענס נייגעריקייט, נאָכדעם אַרויסגענומען פון זשיליעטקע־קעשענע אַ רינג, אים מיט צוויי פינגער פון דער רעכטער האַנט אויפגעהויבן אינדערהויך, אַלע זאָלן אים זען, און פאָרגעזעצט:

— דאָס איז דער רינג, מיט וועלכן איך וועל זי מקדש זיין. איך האָב אים געקויפט מיט אַ צייט צוריק, געבראַכט אים מיט זיך...

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, נאָכדעם מיט זיין לינקער האַנט אויפ־געהויבן ביילקעס האַנט.

— געזאָלט האָט דער רינג גיין אויף דעם פינגער — האָט ער געזאָט אָנטוענדיק דעם רינג אויף ביילקעס פינגער, — און געוואָלט האָב איך זאָגן צו איר, און איך וויל איר זאָלט הערן וואָס איך זאָג איצט!

ער האָט פעסט אַרומגענומען מיט זיינע שטאַרקע פינגער בייל־קעס האַנט, זי זאָל זי ניט קאָנען אַרויסרייסן און הויך און קלאָר גע־זאָגט:

— הרי את מקודשת לי בטבעת זו כדת משה וישראל! איר האָט אַלע געזען, אַלע געהערט. איר זייט אַלע עדות!

ער האָט אָפּגעלאָזט ביילקעס האַנט מיטן רינג, אָפּגעגאַנגען צום פענצטער, פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס און אַרויסגעלאָזן דעם רויך מיט אַ שווערער אָפּאָטעמונג. אַלע זיינען געבליבן געפּלעפּט און אָן לשון. אַ מינוט האָט אָנגעהאַלטן די פאַרשטיינערונג. נאָכדעם האָט ברכהלע די פּעדערפּליקערקע, אַ יידענע אין די פערציקער, אפרימס אַ שכנה, אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אויסגעשריען:

— אוי, קרוינעלעך מײַנע! ער האָט דאָך אָפּגעזאָגט דעם „הרי את״!...

און גלײַך נאָך איר האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט שאָשקעלע, קאַפּל־אברהמס יידענע, אין די שפּעטע זעכציקער, אַ גרויסע, גראָבע יידענע אין אַ שייטל, מיט אַ האָריקן פּימפּל אויפן גאָמבע.

— אַ ווייטיק איז מיר! ער האָט דאָך זי מקדש געווען!...

און ברײַנדעלע, דעם וואַסערפירערס יידענע, האָט אַרויסגעשאָסן, ווי עמעצער וואָלט זי מיט עפּעס אַ שטאָך געטאָן:

— אוי, זי איז דאָך איצט זײַן ווײַב!...

ביילקע איז, ווי אַ שיכורע אָפּגעגאַנגען אויף הינטער צום וואַנט, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פאַרהיטן פון פאַלן, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויפן קאָסיאַק פון טיר, און פאַרבייסנדיק די אויבערשטע ליפּ שווער געאָטעמט. די אויגן זײַנען איר פאַרלאָפן מיט טרערן. זי האָט קיין זאַך ניט געזען און קיין איין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסרעדן.

עליע איז צוגעגאַנגען צו איר און איר רואיק געזאָגט:

— טראַכט דורך... וועג איבער אַלץ... מ׳האָט זיך אַ שפּיל געטאָן מיט זאַכן, מיט וועלכע מען שפּילט זיך ניט!... און ניט מיט מיר...

ער איז אַרויס אין קיך, גענומען דאָס פעלצל אויפן האַנט און אַרויס פון שטוב.

אפרים פאַראַמשטשיק האָט זיך אַ פאַרשטיינערטער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ טאַבורעט, וואָס מ׳האָט אים דערלאַנגט און קוים געקאָנט דעם אָטעם אָפּכאַפּן.

אַלע זײַנען געבליבן פאַרגליווערט אין זייערע ערטער.

פון אפרים פערעוואָזטשיקס שטוב האָט זיך עליעס מקדש זײַן ביילקען צעטראָגן איבער דער גאַנצער סמאָליאַנצער גאַס, פון דאָרטן אויף דער אונטערסאָד גאַס, און אין עטלעכע שעה — איבער גאַנץ טשאַשניק.

און ברכהלע די פעדערפליקערקע, די גרעסטע בריה אויף פאַנאַנדערצוטראָגן פּאַטשטן, האָט זיך ניט געפוילט און פון אפרימס שטוב גלײַך טאַקע עס אָפּגעטראָגן צו פייקשען — צו זײַן טאָטן דוד־לייזערן אין שטוב אַריין, בשעת זיי זײַנען געזעסן אַרום טיש און געגעסן וועטשערע.

פּיישקע, אַ גרויסער, הויכער בחור, מיט לאַנגע אייזערנע הענט, מיט אַ קאָפּ צעקודלטע האָר ווי ביי אַ שעפּס, מיט אויגן אָדלערדיקע, קיילעכדיקע און גרויסע, לעבעדיקע און לאַכנדיקע; אַ בחור אַ גבר, פאַר וועמען ס׳האָט געציטערט דער גאַנצער אַרום־קלויסטער; אַ טייערער בעל־מלאכה, אַ שוסטער, אָבער אַן אָנגעכאַפּטער. אַז מ׳האָט אים אַריינגעבראַכט אין כעס, איז ביי אים רעכט געווען אַוועקצוהרגע־נען, אויב מען וואָלט אים דערלאָזן דערצו. כאָטש בטבע איז ער ניט געווען קיין שלעכטער. פון „צאַרסקע סלוזשבע״ איז ער געקומען נאָך מער גבר מיט נאָך מער אָנגעכאַפּטקייט, און ס׳איז געוואָרן אַ נאָך גרעסערע סכנה מיט אים זיך אָנצוהויבן.

דערהערט וואָס עליע האָט אים אָפּגעטאָן, האָט זיך אים אַ קער געטאָן דער מוח. די אויגן האָבן זיך אין אים צעקערט און אָנגעגאָסן מיט בלוט. מיט ווילדן כעס האָט ער זיך אַ הויב געטאָן פון טיש, אַרויסגעלאָפן אין קיך, אַ כאַפּ געטאָן די האַק און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר.

דוד־לייזער, דער טאַטע זיינער, איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך. צע־שראָקן אויף טויט פון דעם, וואָס פּיישקע קאָן אָפּטאָן, האָט ער אים איבערגעצוימט די טיר.

— פּיישקע, לייג אַוועק די האַק... איך וועל דיך ניט אַרויסלאָזן מיט דער האַק... — האָט דוד־לייזער אַ ציטערנדיקער ניט געוואָלט אַרויסלאָזן אים.

— טאַטע, לאָז!... — האָט פּיישקע ווילד און דראָענדיק אַ גע־שריי געטאָן.

— פּיישע... — האָט דוד־לייזער נאָך געפּרואווט פאַרהאַלטן אים.

— פּיישעלע... — האָט דוואָשע־ציפּע, די מאַמע זיינע, זיך מיט טרערן ביי אים גענומען בעטן.

— איך וועל אים אַוועקלייגן אַ טויטן!... — האָט פּיישע מיט בלוט אָנגעגאָסענע און איבערגעקערטע אויגן, כמעט וויינענדיק פון ווייטיק, אַרויסגעברומט, אָפּגעוואָרפן דעם טאַטן פון טיר און איז אַרויסגעלאָפן אָן אַ היטל, אַזוי ווי ער איז געזעסן און געגעסן.

דוד־לייזער מיט דוואָשע־ציפּען האָבן עפּעס אַרויפגעכאַפּט אויף זיך און זיך געלאָזט נאָך אים.

— פּיישע, זאָלסט ניט פּאַסמייען!... דו וועסט זיך באַגראָבן לעבעדיקערהייט!... — האָט לויפנדיק נאָך פּיישען, נאָכגעשריען דוד־לייזער.

— פּיישעלע... האָב רחמנות אויף זיך און אויף אונדז... — איז דוואָשע־ציפּע געלאָפן אַ פאַרחלשטע נאָך פּיישען און וויינענדיק זיך געבעטן ביי אים.

— פּיישע, וועסט פאַרפוילט ווערן אין די אָסטראָגן!... וועסט זיך אומגליקלעך מאַכן אויפן גאַנצן לעבן!... — האָט דוד־לייזער ניט אויפגעגעבן די האָפענונג, לויפנדיק נאָך אים.

זעענדיק אַז ס'וועט ניט העלפן ניט דאָס וויינען און ניט דאָס בעטן, האָט דוואָשע־ציפּע, אַ צעמישטע, מיט פאַרבראָכענע הענט, גע־נומען יאָמערנדיק שרייען:

— יידן, העלפט!... אוי, יידן, העלפט! ער לויפט הרגענען אַ מענטשן!... ניט דערלאָזט, יידן!... אוי, העלפט!... העלפט!...

אויף אירע גוואַלדן זיינען יידן ניט טויט, ניט לעבעדיק, אַרויס־געלאָפן פון די הייזער און זיך געלאָזט לויפן מיט טאַטע־מאַמע נאָך פּיישקען. נאָך זיי זיינען אַרויסגעלאָפן די יידענעס און זיך אויך גע־לאָזט לויפן — ניט ווויסנדיק וואוהין און נאָך וואָס מ'לויפט.

עליע איז ביי זיך אין חדר, אין די קליידער, געלעגן אויס־געצויגן אויפן בעט, מיט ביידע הענט אונטערן קאָפּ און געטראַכט. אויפן טישל האָט געברענט אַ לעמפּל מיט אַ האַלב־פאַררויכערט גלעזל. דער חדר איז געווען האַלב־טונקל און ביזן סטעליע איינגעוואָלקנט אין רויך.

מיטאָמאָל האָט עמעצער אַ טראַסק געטאָן אין די שויבן און אַריינ־געשריען:

— עליע, באַהאַלט זיך!... פּיישקע לויפט מיט אַ האַק צו דיר!... באַהאַלט זיך!...

די ווערטער האָבן זיך קוים געהערט דורך די פּאָדוואָיִנע פענצטער, אָבער ס'איז געווען קלאָר זייער צערודערטער, וואָרנענדיקער מיין.

עליע האָט זיך, ניט געאיילט, אויפגעהויבן פון בעט, אָנגעטאָן דאָס רעקל, וואָס איז געהאַנגען אויפן ווענטל פון שטול, אָנגעטאָן דאָס פוטערנע היטל, אויסגעלאָשן דורכן גלעזל דאָס לעמפּל און זיך גע־לאָזט צו דער טיר.

אַז ער האָט געעפנט די טיר פון חדר, איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען די מאַמע. אַ הויכע פרוי אין די פופציקער, אשת־חילדיק, מיט סימנים פון אַמאָליקער שיינקייט. געדיכטע גרוילעכע האָר, ניט קלאָר — צי

אייגענע, צי פון אַ פּאַרוק, האָבן אַרומגענומען ווי אַ קרוין איר ברייטן קאָפּ, וואָס איז אַראָפּ שמאָלער צו אירע באַקן. אירע קלוגע אויגן, אומעטיקע, האָבן מיט איבערלייגטקייט אין זיי, געקוקט אומרואיק אויף עליען. זי האָט געטראָגן אַ קאָסינקע אויפן קאָפּ און אַ פּאַטשיילע אויף די פּלייצעס; קוקט אויס, אַז זי האָט אויך געהערט דעם קלאַפּ אין פענצטער, און זיך געקליבן אַרויסצוגיין.

— פּאָלג מיך, זון מיינער, גיי ניט אַרויס פון שטוב איצט, — האָט זי אים ניט זיכער געבעטן. — וועסט מאַכן ערגער. איך וועל אַרויסגיין, וועל אים אַריינגעמען אין אַ שטוב און זען אויסגלייכן. מען מוז זיך ניט לאָזן קוילענען איבער... איבער...

— מאַמע, — האָט עליע איר רואיק אָבער זייער שאַרף געענט־פערט, — צייט זיך מיר אויפהערן צו מישן!... צייט מיינע זאַכן לאָזן צו מיר!...

אָפּגעזאָגט דאָס, איז ער מיטן פּאַפּיראָס אין ווינקל מויל אַרויס פון שטוב, און זיך געשטעלט אין פערטל פון זייער שטוב.

געציילטע שטערן זיינען געווען צעוואָרפן איבערן טיף־בלויען הימל. די לבנה איז אַ קיילעכדיקע און גרויסע געשוואומען איבערן ברייטן מיטן פון דער סמאָליאַנצער גאַס און פאַרגאָסן מיט אַ פרעסטל־דיקן זילבער די פאַרשנייטע דעכער, די אויסגעצלמטע קופּאָלן פון דעם טשאַשניקער קלויסטער, און אויסגעשפּיגלט די לאַנגע איינגעקוועטשטע פּאַסן פון די שליטן־אייזנס איבער דער גאַנצער ברייט פון דער גאַס.

פון דער קלויסטער־זייט איז מיט דער סמאָליאַנצער גאַס געלאָפן פיישקע מיט אַ האַק אין האַנט און הינטער אים מאַנסבילן און ווייבער. פון די פערטלעך פון ביידע זייטן גאַס האָבן געהאַלטן אין אַרויס־לויפן איבערגעשראָקענע יידן, מיט אַרויפגעכאַפּטע פוטערן אויף איין אַרבל, און ווייבער מיט אַרויפגעוואָרפענע פּאַטשיילעס, ניט וויסנדיק וואָס עס טוט זיך און וואוהין מ׳לויפט.

ס׳האָבן זיך דערטראָגן געשרייען. קולות האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט קולות און זיך ווי אַ וואַנט געטראָגן איבער דער גאַנצער ברייט פון דער גאַס, אַלץ נענטער און נענטער צו זייער שטוב. ס׳האָט אויס־געקוקט, ניט ווי אַלע וואָלטן געלאָפן נאָך פיישקען, נאָר ווי פיישקע וואָלט געפירט אַלעמען נאָך זיך.

עליע איז געשטאַנען אַ ווײַלע אין פערטל, מיטן פּאַפּיראָס אין זייט מויל, נאָכדעם אַרויס אויפן מיטן גאַס, פאַנאַנדערגעשפּרייט די פיס,

פאַרלייגט די הענט אויף הינטער, שאַרף געקוקט אַנטקעגן זיך און רואיק צערויכערט דעם פּאַפּיראָס און אים אַרויסגעשפּיגן.

אַז פּיישקע איז צוגעלאָפן נאָענט צו עליען, האָט ער מיט בלוט־פאַרגאָסענע אויגן פאַרוואָרפן די האַק אינדערהויך, און אויסשרייענדיק „כ'וועל מאַכן אַ סוף צו דיר!", מיטן גאַנצן כח אַראָפּגעלאָזט די האַק איבער עליען. עליע האָט זיך פלינק אַ קער געטאָן אין אַ זייט, מיט אַ מעכטיקן קנאַק מיט דער רעכטער האַנט אַרויסגעשלאָגן פון פּיישקען די האַק און מיטן פוס זי אָפּגעוואָרפן ווייט הינטער זיך. פּיישקע האָט זיך אַ ריס געטאָן נאָך דער האַק, אָבער עליע האָט אים איבערגעצוימט דעם וועג. פּיישקע האָט אים דאַן מיט זיינע אייזערנע הענט אַ כאַפּ געטאָן ביים גאָרגל און גענומען ווערגן. עליע האָט אים אָבער די הענט העכער פון די דלאָניעס אַזוי צונויפגעדריקט, אַז די פינגער האָבן זיך, ווי פאַרקראַמפּטע פון זיך אַליין פאַנאַנדערגענומען, און באַפרייט זיך פון פּיישקעס הענט, האָט ער אים אָפּגעשלידערט פון זיך. אָבער אין איין סעקונדע האָט זיך פּיישקע מיט נאָך מער גיפט איינגעקלאַמערט אין עליען. יידן האָבן געפּרואווט זיי פאַנאַנדעררייסן, אָבער זיי האָבן אָפּגעוואָרפן יעדן איינעם פון זיך. דער געראַנגל איז איצט אַוועק אויף לעבן און טויט, און ס'האָט ניט געהאָלפן ניט דוד־לייזערס שרייען, ניט דוואָשע־ציפּעס וויינען און ניט די אומאויפהער־לעכע פּרואוון פון די אַרומיקע זיי פאַנאַנדערצורייסן.

צעמישט און צעטרייסלט פון דעם, וואָס איז פאָרגעקו־מען מיטן רינגל אויפן פינגער, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן דעם גאַנצן באָדן פון אונטער איר, ניט קענעדיק בשום אופן אַרומכאַפּן מיטן קאָפּ אַלץ, וואָס איז געשען; פאַרפלאָנטערט פון אַלע זייטן און ניט וויסנ־דיק פון וועלכער זייט זיך אָנצוהויבן אַרויסצופּלאָנטערן, האָט זיךביילקע, אַ פאַרלאָרענע און פאַרקלעמטע, אַריינגעוואָרפן אין בעט און זיך צעוויינט.

אפרים פאַראָמשטשיק איז געזעסן, ווי אַ פאַראַליזירטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, געקוקט פאַרגליווערט אין איין פּונקט און שווער געאָטעמט.

אָט אין דער צעטומלטקייט, איז אָן אַן אָטעם אַריינגעלאָפן ברכה־לע די פעדערפליקערקע, אַן איבערגעשראָקענע און כמעט וויינענדיק גענומען שרייען:

— אוי, ביילקעלע! אוי, ביילקעלע!... ער וועט אים דערהרגע־נען!... וואָס איך האָב אָנגעמאַכט!... ווער האָט דאָס געקאָנט וויסן?!...

— ווער וועמען דערהרגענען? — איז ביילקע אויפגעשפּרונגען פון בעט ניט טויט, ניט לעבעדיק, קומענדיק צו זיך ווי פון אַ שרעק־לעכן אויפטרייסל.

— ווי פּיישקע האָט דאָס דערהערט... געכאַפּט די האַק און אַוועק־געלאָפן צו עליען... גאַנץ טשאַשניק איז אויף!... אוי, ווײ, ער וועט אים דערהרגענען!... וועלכע שדים האָבן מיך געטראָגן!... האָט ברכהלע געוויינט, רייסנדיק די האָר אויף זיך.

ביילקע, אויפגעציטערט, אָבער ניט פאַרלאָרן, האָט אויף גיך אַרויפגעכאַפּט איר פאַלטאָ, אַריבערגעוואָרפן די צעפּ אויפן פּלייצע, און פאַרגעסנדיק צו נעמען עפּעס אויפן קאָפּ, מיט אימפּעט אַרויסגע־לאָפן און זיך געלאָזט לויפן צום גרויסן מענטשן־ראָד אין מיטן גאַס.

שוועך־אָטעמענדיק האָט זי זיך מיט די עלנבויגנס מיט אימפּעט דורכגעריסן צו פּיישקען און עליען, וואָס זיינען געווען איינגעקלאַ־מערט איינער אין אַנדערן, זיך אַריינגעריסן צווישן זיי ביידן, מיט דער הילף פון די אַרומיקע זיי אָפּגעריסן איינעם פונעם אַנדערן, און פּייש־קען אַוועקגעשלעפּט אין אַ זייט.

— פון זינען אַראָפּ!... — האָט ביילקע אַ שוועך־אָטעמענדיקע און בלאַסע, געברענט אויף פּיישקען מיט די אויגן. — וואָס אַרט דיך, וואָס ער האָט געטאָן!?... פאַרוואָס לאָזסטו דאָס ניט צו מיר?...

— איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכן אַ סוף צו אים!... — האָט פּייש־קע געדעוועט און זיך געריסן צו עליען. יידן האָבן אים געהאַלטן און ניט געלאָזט.

— וואָס אַרט דאָס דיך? איך וועל פון אים אַרויסרייסן אַ גט, אַפילו ער זאָל זיך שטעלן אויפן קאָפּ! קיינער וועט ניט טאָן מיט מיר וואָס ער וויל!... — האָט זי נאָך שאַרפער געברענט מיט די אויגן אויף אים. — ניט ער, ניט דו — קיינער ניט!...

— איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכן אַ סוף צו אים!... — האָט פּיישקע זיך ניט אויפגעהערט צו רייסן צו עליען.

— אויב דו גייסט מיט מיר ניט אַוועק גלייך פון דאַנען וועט ביי אונדז קיינמאָל קיין תנאים ניט זיין!... איז דאָס דער סוף!... —

האָט ביילקע אָנגעצונדן און נאָך שאַרפער אַ ברען געטאָן אויף אים. און ניט וואַרטנדיק וואָס ער וועט יאָ זאָגן, צי ניט זאָגן, אים אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם און אַ זאָג געטאָן צו אים!

— קום צו מיר!

און ניט קאָנענדיק אים נעמען, ווייל די אָרומיקע האָבן אים געהאַלטן פאַר די הענט, האָט זי זיך אויף זיי צעשריען:

— וואָס האַלט איר אים? לאָזט אים איין! ער וועט זיך מער ניט שלאָגן!... ער וועט גיין מיט מיר!...

די יידן האָבן זיך אַ ווײלע געקווענקלט, אָבער דאָך אים איינגעלאָזט. ביילקע האָט אים גענומען נאָך פעסטער אונטערן אָרעם און אים אַוועקגעשלעפּט נאָך זיך. איר שאַרפע וואָרנונג האָט געווירקט. פישקע האָט זיך ניט געווערט מער און איז אַוועקגעגאַנגען מיט איר, ברומענדיק, אַז ער וועט עליען אַלץ איינס אַוועקהרגענען.

דוד־לייזער און דוואָשע־ציפּע האָבן גרינגער אָפּגעאָטעמט און זיך אַוועקגעשלעפּט נאָך פישקען און ביילקען צו אפרים פערעוואָזטשיקס שטוב.

עליע האָט אַ ווײלע דערשטוינט נאָכגעקוקט די אַוועקגייענדיקע, נאָכדעם אויפגעהויבן ס׳היטל, וואָס איז געלעגן אין שניי אין זייט גאַס, און איז אַריין אין שטוב.

ביז שפּעט אין דער נאַכט זיינען איבער דער גאַנצער סמאָליאַנצער גאַס געשטאַנען רעדלעך און איינע די אַנדערע דערציילט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. די וואָס האָבן אַלץ צוגעזען האָבן דערציילט די שפּעטער געקומענע, ווי אַזוי און פאַרוואָס פישקע האָט שיר ניט דערהרגעט עליען און אַז געראַטעוועט האָט אים ביילקע. אַנדערע האָבן עס געזען אַנדערש: אַז פישקע איז היינטיקס מאָל אַריינגעפלויגן מיטן קאָפּ אין אַ שטיין. ווי נאָר עליע האָט פון אים אַרויסגעשלאָגן די האַק, איז ער שוין געווען פון סכנה אַרויס.

און ברוכל קאָוואַל, וואָס האָט אַליין געהאַט אַ האַנט אין שיינע עטלעכע געשלעגן, האָט געהאַט זיין אייגענע מיינונג:

— וואָלט ביילקע ניט אַוועקגעריסן פישקען, וואָלטן זיי זיך טאַקע צעקוילעט אויף טויט. אָבער ס׳איז נאָך אַ „קאַטשאַנע" ווער ס׳וואָלט געשלאָגן די טשוועקעס אין דער טרונע. מיט עליעס ידים קאָן מען אויך אויסדרייען אַ פּאָדקעווע אויף דער לינקער זייט...

עליע האָט אין דער זעלבער נאַכט פאַרפאַקט דעם טשעמאָדאַן,

און גאַנץ פרי, אַ פאַרביסענער, אַן אַן אַ זיי־געזונט צו קיינעם, אַוועק־געפאָרן צוריק אין וואַלד.

טשאַשניק איז ערשט אַוועק אויף רעדלעך.

געקומען צוריק אין וואַלד, איז עליע געווען פינצטער און פאַרשלאָסן אין זיך. יעדערער פון די פריקאַזטשיקעס האָט געפילט, אַז עפּעס זייער שווערס האָט געמוזט פּאַסירן ביי אים אינדערהיים. קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס, אָבער זיין קומען פאַר דער צייט פון טשאַשניק, האָט אונטערגעזאָגט, אַז ניט אַנדערש, אַז מ׳האָט צוליב עפּעס זייער וויכטיקס אָפּגעלייגט די חתונה.

אַז קאַפּל־מאיר האָט אין אַ וואָך אַרום געבראַכט די פּאָטשט, האָט עליע אַפילו ניט געוואָלט זען צי ס׳איז עפּעס דאָ פאַר אים. ער האָט געוואוסט, אַז אויב ס׳איז דאָ, קאָן עס זיין בלויז איין בריוו — פאָרן געבן ביילקען אַ גט.

— עליע, ס׳איז עפּעס פאַר אייך אין היינטיקער פּאָטשט, — האָט קאַפּל־מאיר אָנגעזאָגט עליען, טרעפנדיק אים אין וואַלד, נאָכן קומען פון סטאַנציע.

— גוט, — האָט עליע געענטפערט קאַלט.

ער האָט ניט געוואוסט פון וועמען, ער האָט אָבער געפילט אַז ס׳איז פון ביילקען. מיט די לעצטע העקער איז ער געקומען צו די שטיבער, און אַפילו איצט ניט געפילט, ווי אַריינצוגיין אין זיין קאַנטאָר־שטוב. ענדלעך איז ער אַריין, זיך אויסגעטאָן, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און אַ נעם געטאָן ס׳פּעקל בריוו פון טיש. יאָ, — אַ בריוו פון ביילקען. אים האָט אָנגעהויבן קלאַפּן ס׳האַרץ. ס׳איז אויך געווען אַ בריוו פון דער מאַמען. ער האָט דער מאַמעס בריוו גאָר אינגאַנצן ניט געוואָלט לייענען. פון דער מאַמעס בריוו האָט ער זיך געקאָנט אויס־דרייען, אָבער פון ביילקעס — ניט. אים פאַרדריסט ניט וואָס ער האָט זי מקדש געווען. ער ווייס אין וואָס פאַר אַ שווערער לאַגע ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט, אין וויפל מיילער ער איז אַריינגעפאַלן. ער ווייסט אויך, ווי ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין דעם פעטערס אויגן. ער איז גרייט געווען אַוועקצוגיין פון פעטער און זוכן אַ שטעלע ערגעץ אַנדערש־וואו. אָבער ווי לאַנג קאָן ער זי האַלטן מיט גוואַלט? ער האָט דאָך אַליין געהערט, אַז זי וועט פון אים אַרויסרייסן אַ גט, אַפילו ער זאָל זיך שטעלן אויפן קאָפּ. און ווי זי איז עס אַוועקגעגאַנגען

מיט פיישקען אונטערן אָרעם!... ניט אַ קוק געטאָן אַפילו אין זיין זייט...

ער האָט עטלעכע מאָל דורכגעשפּאַנט איבערן שטוב, נאָכדעם אַריין צו זיך אין חדר, אָנגעצונדן ס׳לעמפּל, זיך אויסגעצויגן אויפן בעט, אויפגעעפנט דעם בריוו און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ גענומען לייענען.

ביילקעס האַנטשריפט איז געווען אַנדערש פון זיין מאַמעס. נתן דער שרייבער, צו וועמען אפרים האָט זי קינדווייז געשיקט לערנען, האָט זי אויסגעלערנט שרייבן; אָבער ניט אויסגעלערנט די אותיות צו שטעלן מיושבדיק אין גלייכע שורות, ניט געקאָנט אָוועקנעמען פון זיי דאָס שפּרינגען, דאָס טאַנצן, דאָס חנדלען זיך. אַז עליע פלעגט לייענען אירע בריוו, האָט ער אַלעמאָל געזען פאַר זיינע אויגן איר דרייען זיך, דאָס ממזרשע שפּילן מיט אירע גרויסע שוואַרצע, לאַכנדיקע אויגן.

אָנגעהויבן דעם בריוו האָט זי מיט איר אַלטער שפּילעוודיקייט, וואָס איז געווען אי ערנסט, אי חנדלדיק־שטיפעריש:

„מ׳זאָגט, אַז ס׳איז זייער ניט שיין און ניט לייטיש אַרויסצוואַרפן אַ ,הרי אַת׳ אויף אַ פרעמדער מויד ניט געפרעגטערהייט, און דערנאָך אַנטלויפן פון איר. ס׳איז שווער צו דערוואַרטן, אַז אַ מיידל זאָל אָן חופה פאָרן צו ,אַזאַ׳ מאַן און נאָך אין אַ וואַלד אַריין; ניט נאָר טשאַש־ניק, נאָר אַלע וועלדער אַרום וועלן אָוועקגיין כאַדראַם״...

דעריבער: „אויב ער וויל זי אויף אַן אמת, וועט ער מוזן זיך מטריח זיין און קומען נאָך איר״...

פון דאַנענט איז זי אָוועקגעגאַנגען מיט אַ דערקלערונג: „כדי ניט צו בלייבן ,יונגערהייט אַן אַלמנה׳, איז די גלייכסטע זאַך געווען צו פאַרזיכערן פיישקען מיט אַ גט און אָוועקנעמען אים צו זיך אַהיים. איך האָב געפילט, אַז דיר וועט עס אויך זיין זייער שטאַרק צום האַרצן... און וואָס קאָן זיין געשמאַקער, ווי מיט איין שטיינדל אין אַ צענדליק שויבן?״...

נאָכדעם איז זי איבערגעגאַנגען צו ערנסטערס: „אַז פיישקע האָט זיך באַרואיקט, און איך האָב אים אָנגעהויבן געבן צו פאַרשטיין — אַז קיינער פון אונדז איז אין קיין זאַך ניט שולדיק, און אַז עס מוז בלייבן אַזוי ווי ס׳איז, האָט זיך אַלץ אויסגעגלייכט. מיט זיין גאַנצער אָנגעכאַפּטקייט, איז פיישקע ניט קיין שלעכטער. ס׳איז אים זייער טוטווײ. ער האָט, נעבעך, פון קליינווייז אָן ניט געהאַט קיין מזל צו

מיר. ער איז אַוועקגעפֿאָרן קיין וויטעבסק. צוליב מיר, האָט ער מיר געזאָגט, איז ער געלעגן אין טשאַשניק".

פּאַרטיק געוואָרן מיט דעם, איז זי איבערגעגאַנגען צו ניט ווײַניקער ערנסטערס: זי האָט אים געשריבן, אַז טשאַשניק קאָכט. אינדערהיים ביי אים איז תשעה באָב. די מאַמע גייט אַרום שוואַרץ, ווי די ערד. די מחותנים ווילן צערייסן די תנאים. דאָבקע ליגט אין בעט און וויינט. די גאַנצע משפּחה האָט זיך אָ נעם געטאָן צו די מחותנים. די שדכנים קערן וועלטן: „די מאַמע איז געווען ביי מיר אינדערהיים און געבעטן פֿאַרגעסן וואָס געווען און שרייבן דיר, אַז דו זאָלסט קומען, אַז ס'איז צייט — פֿון אַלעמענס טרערן זאָל ווערן פֿרייד. אָנשטאָט אַ חופּה, וועט מען שטעלן צוויי און פֿאַרמאַכן אַלעמען די מיילער. זי איז אַ קלוגע, דיין מאַמע. איך האָב זי ניט האָלט, זי ליגט מיר צו־טיף אין די ביינער, אָבער איך רעכן, אַז דאָס איז דער גלייכסטער אַרויסגאַנג פֿון דעם וויטיקדיקן פּלאָנטער"...

פֿאַרענדיקט דעם בריוו האָט זי מיט ניט ווייניקער וויכטיקס: „ס'איז מיר זייער טוטוויי צו לאָזן דעם זיידן אַליין; אָבער בלייבן אין טשאַשניק אָן דיר קאָן איך ניט און וויל ניט. געהאַט גענוג פֿון דעם. איידער בלייבן אַליין, איז שוין בעסער אַ גט. דער זיידע הייסט מיר פֿאָרן און זיך ניט רעכענען מיט אים. ער זאָגט, ער וועט זיך שוין אָן עצה געבן ווי ניט איז די עטלעכע יאָר, וואָס זיינען אים פֿאַרבליבן. עס ווינט זיך אַזוי".

עליע האָט זיך אויפגעהויבן פֿון בעט אַ פֿאַרשיכורטער. ער האָט גלייך אָן עפּן געטאָן דער מאַמעס בריוו. פֿון אים האָט ער זיך דערוואוסט, אַז די מחותנים האָט מען איינגעבראָכן און די חתונה וועט זיין אין צייט. אויב מ'וועט אָפּלייגן, וועט עס זיין צוליב אים. וויטער זיינען אַוועקגעגאַנגען פֿאַרענטפֿערונגען, וועלכע ער האָט ניט געהאַט קיין געדולד צו לייענען.

ער האָט זיך אָנגעטאָן, אַרויס אין דרויסן, אָפּגעזוכט קאַפּל־מאַירן און געזאָגט אים טרוקן, אַז ער פֿאָרט היינט ביידערנאַכט צוריק אין טשאַשניק, און אַז דאָס מאָל וועט ער קומען שפּעטער, ווי ער האָט פֿריער גערעכנט, ווייל ער פֿאָרט חתונה האָבן; און צוריק וועט ער קומען מיט זיין ווייבל. דערביי האָט ער אים געבעטן, אַז ער זאָל די שטוב ברענגען אין אַ מער היימישן אויסזען.

— אין וואַלד פֿאַר אַ ניט־וואַלד מענטשן איז דאָס ערשטע מאָל ניט אַזוי היימלעך... און פֿאַר אַ יונג ווייבל...

— ברענגען זי אין וואַלד? — האָט קאַפּל־מאיר איבערגעפרעגט פאַרוואונדערט.

— אין וואַלד.

— נו, זאָל זיין מיט גליק. טאַקע צייט צו נעמען אַביסל בראַנפן...

— אַ דאַנק. גרייט מיר צו פערד צו דער סטאַנציע.

— גוט.

דאַבקעס חתונה האָט מען אָפּגעלייגט אויף אַ וואָך, הויפּט־זעכלעך צוליב ביילקען. דערפאַר האָט מען געפּראַוועט צווייִ חתונות. די ערשטע אונטער דער חופּה זיינען געגאַנגען עליע מיט ביילקען. דאַבקע מיט איר חתן ברוך־פּישלען זיינען געגאַנגען נאָך זיי. ס'זיינען געווען צוויי חופּות מיט פיר „אל מלא רחמימס", וואָס האָבן אויף אַ ווײַלע אָפּגעווישט דעם אונטערשייד צווישן אפרים פּאַראַמשטשיק און זעלדעלע מאַגנוס, פון די שאַמיראָס. שווערע טרערן זיינען געפאַלן פון ביידע זייטן ביים דערמאָנען די, וואָס האָבן ניט דערלעבט צו שטיין אונטער די חופּות. אפרים פּאַראַמשטשיק, אויסגעפּוצט אין שבתדיקן סורדוט און זיידענער יאַרמולקע, האָט געטאַנצט אַ ברוגז־טאַנץ מיט זעלדעלען, אויסגעפּוצט אין אַ זיידן קלייד און ליכטיקער קאָסינקע. אָבער אָפּגעווישט די אונטערשיידן האָט עס ניט: די משפּחה האָט קיין שלום ניט געמאַכט. געקומען זיינען זיי ניט צו עליעס, נאָר צו דאַבקעס חתונה. עליען און ביילקען האָט עס ניט אָנגעהויבן צו אַרן. פאַר־קערט, ביי ביילקען איז דאָס געווען די זיסטע נקמה.

גאַנץ סמאַליאַנצער גאַס איז געשטאַנען אונטער זעלדעלעס קלעז־מערדיקע פענצטער כדי צו כאַפּן אַ קוק ניט אַזוי אויף דאַבקען מיט איר חתן, ווי אויף עליען מיט ביילקען. און ס'איז געווען וואָס צו זען. שוין איינמאָל אַ פּאָרל!

אַז עליע מיט ביילקען, ביידע אין פּעלצלעך, זיינען אָנגע־פאָרן פון צווישן די בוימער צו דער מיטלסטער וואַלד־שטוב, איז שוין געווען גוט פינצטער. אָבער די וואַלד־שטיבער זיינען מיט זייערע פענצטער געווען, ווי גרויסע לאַמטערנעס אין מיטן וואַלד.

אַריין אין שטוב, זיינען זיי פאַרגאַפטע געבליבן שטיין. איבערן לאַנגן מיטן פון גרויסן חדר זיינען געווען אויסגעשטעלט טישן מיט

כל טוב: פון שנאַפּס ביז פישן און פליישן. קאָפּל־מאיר האָט זיך „אָקער געטאָן" אין די אַרומיקע דערפער און געבראַכט אַלץ, וואָס מ'האָט געקאָנט קריגן, און די גויאישע קעכין האָט געוויקט און געזאַלצן די פליישן און באַוויזן וואָס זי קאָן.

פּאָמענקאָ, פון שטאַל אַרום די פערד, אָנגעטאָן אין זיין אויסגעבייט יום־טובדיק העמד אַריבער די הויזן, מיט אַ קוטאַש מיט פרענדזלעך אַרום, מיט דער גאַרמאָשקע אויפן רימען איבערן אַקסל, און נאָך צוויי העקערס מיט גאַרמאָשקעס, האָבן אַ שפּיל געטאָן אַ „ווסטרעטשו". זלמן סאָסנע האָט אין אַלעמענס נאָמען זיי אָפּגעגעבן אַ מזל־טוב און זיי אַוועקגעפירט אויבנאָן.

זלמן האָט געהאַלטן דעם ערשטן טאָסט און נאָכדעם זיינען אַוועקגעגאַנגען „לחיימס" אַרום אַלע טישן.

קאָפּל־מאיר האָט נאָך די ערשטע פּאָר כוסות געבדחנט און זלמן סאָסנע האָט אָנגעפירט מיט די „לחיימס". די האַרמאָשקעס האָבן געשפּילט, מ'האָט געגעסן און געטרונקען, געטאַנצט און געהוליעט, ביז שפּעט אין דער וואַלדיקער נאַכט אַריין.

דעם ערשטן ווינטער אין וואַלד איז ביילקע אַרומגעפאָרן מיט עליען איבער אַלע „דיעליאַנקעס". ווי אַמאָל אין זייער שותּפותדיקן מייסטרעווען ביי זיין מאַמען אין פאָרהויז־קאַמער, איז זי איצט אויך געווען אַריינגעצויגן אין עליעס וואַלד־אַרבעטן. ס'האָט זי טיף פאַרכאַפּט דאָס האַקן פון די בוימער, דאָס אַרומהאַקן פון זיי די צווייגן, דאָס אַראָפּלאָזן די פאַרטיקע באַלקנס אויף די מולטערדיקע גליטשוועגן, דאָס בינדן פון די באַלקנס אין פליטן אויף די ברעגן פון די פאַרפראָרענע טייכלעך און דאָס שניידן די קירצערע וועגן צו די ספּלאַוון.

ס'איז פאַר ביילקען געווען אַ ניי וועלטל, פון וועלכן זי האָט געהערט פון עליען, אָבער קיינמאָל ניט געזען און זיך אַפילו ניט געקאָנט פאָרשטעלן, ווי עס זעט באמת אויס — אַ וועלטל אין אַ כמעט דורכאויס מענערדיקן וואַלד. בלויז צוויי פרויען זיינען דאָ געווען: איין עלטערע קעכין, אַ ווייב פון אַן עלטערן העקער, וועלכע האָט צוגעגרייט עסן פאַר אַלעמען, און איין יונגע העקערקע — אינאיינעם מיט איר יונגן מאַן געהאַקט וואַלד. און ס'האָט זיך געדוכט, אַז די מאַנסבילשע אויגן זיינען זיי אַלעמאָל באַהאַלטענערהייט נאָכגעגאַנגען.

פון איין „דיעליאַנקע" צו דער אַנדערער, פון איין גליטש־וועג צום אַנדערן און פון די וועלדער צו די ספּלאַוון, פלעגט ביילקע זיצן מיט די לייצעס אין די הענט און שטאַרק הנאה האָבן דערפון. עליע איז געזעסן לעבן איר און געדרויכערט מיט אַ צופרידענעם שמייכעלע פון איר זיכערקייט מיט די פערד.

אויפגעשטאַנען אינדערפרי, פלעגט זי אויפרוימען איר און עליעס צימער, אויסקערן דעם גרויסן קאַנטאָר־חדר, פון וועלכן עליע האָט אַנגעפירט די גאַנצע אַרבעט אין דעם און אין די אַרומיקע וועלדער, צוגרייטן עסן פאַר זיך מיט עליען און, ביז האָבנדיק מער וואָס צו טאָן, פלעגט זי זיך וואַרעם אַנטאָן אין איר קורצן פעלצל, פוטערנעם היטל און וואַליקעס, און אַרויספאָרן צו עליען אויפן „דיעליאַנקע", אָדער אין אַן אַנדער אָרט פון וואַלד, וואו ער האָט איר אַנגעזאָגט, אַז ער וועט אין דער און דער צייט זיין. אַ פערד מיט אַ שליטן איז אַלע־מאָל געשטאַנען צוגעבונדן צו אַ בוים ביים קאַנטאָר־שטוב.

צומערשט האָט עליע מורא געהאַט צו לאָזן זי אַליין דורכן וואַלד, כאָטש ער האָט געזען איר זיכערקייט מיט די פערד און איר הנאה פון פאָרן אַליין. ביז קאָנענדיק בייקומען די מורא, טאַקע צוליב דעם דורכאויס־מענערדיקן וואַלד, פלעגט ער די ערשטע צייט קומען נאָך איר. אָבער שפּעטער האָט זי אים צוגעוואוינט צו איר פאָרן אַליין. פונדעסטוועגן, אַז זי פלעגט פאַרשפּעטיקן צו קומען צו דער באַשטימ־טער צייט, פלעגט ער ווערן זייער אומרואיק. ווייסנדיק וועגן זיין צי־טערן איבער איר, פלעגט זי גאַנץ אָפט בכיוון פאַרשפּעטיקן און מיט ממזרשער הנאה אין אירע גרויסע אויגן זיך פשוט מחיה זיין פון זיין צעטראָגנקייט. ווען זי וואָלט ניט מורא געהאַט אויפצורייצן די העקער אַרום, וואָלט זי אים אַ קוש געטאָן דערפאַר.

אָנגעקומען צו אים, פלעגט זי שוין די איבעריקע צייט פון טאָג פאַרבלייבן מיט אים אין וואַלד: אַרומפאָרן מיט אים איבער די „דיעל־יאַנקעס", גליטש־וועגן און ספּלאַוון. אַז איר פלעגט קאַלט ווערן, פלעגט זי נעמען פון אַ העקער אַ האַק און אונטערהאַקן אַ בוים, ווי אַלע פריקאַזטשיקעס פלעגן טאָן. דאָס פלעגט אָנוואַרימען און דערוויילע איר געבן אַ געלעגנהייט אַ וויז טאָן די העקער אַרום, אַז אונטער איר האַק קאָן אויך אַ בוים לאַנג ניט איינשטיין. העלפנדיק דעם זיידן פון קליינוויז־אַן שלעפּן דעם פאַראַם איבער דער אוליאַנקע פאַרנדיק גאַנ־צע זומערן מיט די ־ודערס אויפן זיידנס שיפל, זעגנדיק מיטן זיידן האָלץ פאַר יעדן ווינטער, און שפּאַלטנדיק יעדעס מאָל דאָס האָלץ,

ווען זי פלעגט דאַרפן מאַכן דעם איווון, — און געכאַפּט דעם שניט, ווי די העקער האַקן די בוימער — איז אונטערהאַקן אַ בוים ביי איר ניט געווען פון די שווערע זאַכן. זי האָט אפילו ליב באַקומען אַ באַרים צו טאָן זיך מיט דעם פאַר דעם וואַלד־עולם. קומען צוריק פון וואַלד פלעגט זי שוין אינאיינעם מיט עליען.

אַלע וואָך פלעגט זי פאָרן מיט קאַפּל־מאירן צו דער באַן־סטאַנציע נאָך דער פּאָטשט, אָדער אין נאָענסטן שטעטל נאָך פּראָוויאַנט און כשר פלייש פאַר די פּריקאַזטשיקעס.

אַלע העקער און וואַזטשיקעס אין דעם און די אַרומיקע וועלדער האָבן זי געקענט און אַראָפּגענומען די היטלען פאַר איר. איר ווערט־לען זיך אין דאַרפישן גויאיש, וועלכן זי האָט אויסגעלערנט פון די פּויערים ביים פאָרן מיטן זיידנס פּאַראָם, און אירע שטיפעריש־שפּילנ־דיקע אויגן ביים ווערטלען זיך, האָבן אַלעמען אונטערגעקויפט.

זייענדיק אין וואַלד, איז זי פון טאָג־צו־טאָג געוואָרן שענער, אירע פּלייצעס ברייטער, אירע אויגן שפּילעוודיקער, איר געלעכטער רייצנדיקער, אירע חן־גריבלעך טיפער, איר נעזל מער פאַרריסן און איר פּנים איז דורכגעשפּריצט געוואָרן מיט אַ געזונטן עפּלדיקן רויט.

איינמאָל, אין אַ קאַלטן טאָג אין וואַלד, איז זי, כדי אָנצוואַרע־מען זיך, אַוועקגעגאַנגען אין אַ געוועט מיט דער יונגער העקערקע, אַז זי וועט אונטערהאַקן אַ בוים מיט איר אין איין צייט. דעם געוועט האָט זי אָנגעבאָטן אויף אַ קוואָרט בראַנפן. און די יונגע העקערקע, אַ געזונטע מאַלאַדיעצקע ווייס־רוסישע ווייבל, אין איין עלטער מיט בייל־קען האָט עס לאַכנדיק אָנגענומען.

ביילקע האָט אַראָפּגעוואָרפן דאָס פּעלצל מיטן היטל, אַרומגע־בונדן אירע צוויי לאַנגע צעפּ אַרום האַלדז, ווי מיט אַ שאַליק, און אין איין קאָפּטעטשקע און וואַליקעס זיך געשטעלט גרייט צום געוועט. עליען האָט געציטערט ס׳האַרץ: נאָך זיין חשבון האָט זי שוין דאָס ניט גע־טאָרט טאָן... אָבער העלפן האָט ער זיך ניט געקאָנט. זי וואָלט אים ניט געפאָלגט. דער געוועט איז שוין געמאַכט געוואָרן. ער האָט די גאַנצע זאַך געהאַלטן פאַר ניט קיין גלייכער.

דערהערט אַ געוועט אין בראַנפן, האָבן אַלע העקער אויף דער „דיעליאַנקע״ אָפּגעשטעלט דאָס האַקן אַוועקגעשטעלט ביידע לאַכנ־דיקע ווייבלעך ביי צוויי בוימער פון גלייכן גרעב, זיך אַליין אַוועקגע־שטעלט אין אַ גרויסער ראָד אַרום, און נאָך אַ צייכן פון אַן עלטערן העקער, וואָס האָט האַלט געהאַט געוועטן — זיינען ביידע ווייבלעך

צעפּלאָמטע פון פראָסט און שפּילנדיקע אָוועק מיט די העק אין די אונטנס פון די בוימער.

עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ מוראדיקער הורא פון די העקער, ווען ביילקעס בוים איז געפאַלן אין איין צייט מיט דער יונגער העקערקעס בוים. עס איז געווען ביילקעס טריאומף. זי האָט געוואונען. זי האָט אָבער געמאַכט גוואַלדן, אַז דער יונגער העקערקעס בוים איז געפאַלן אויף איין האָר פריער און — עליע האָט געשטעלט בראָנפן.

— נו, אי שטוקאַ! — האָבן די העקער געדרייט די וואָנצעס און לאַכנדיק אָוועק צוריק צו זייער האַקן.

ביי עליען איז אַ גאַנצע וואָך געווען זייער אומרואיק ס'האַרץ. ס'איז אָבער דורכגעגאַנגען בשלום. עליע איז געווען זייער אין כעס אויף איר. ביילקע האָט הילכיק געלאַכט, ווען זי האָט דאָס געהערט פון אים, אים זייער שטאַרק געקושט דערפאַר און אים צוגעזאָגט, אַז זי וועט דאָס מער ניט טאָן.

אַזוי זיינען געגאַנגען וואָכן נאָך וואָכן. די טעג זיינען געוואָרן לענגער, די זון אַלץ העכער און ליכטיקער און די וועלדער אַלץ שיטערער און שיטערער. עס איז געווען די גליקלעכסטע צייט אין ביילקעס לעבן, און חדשים פון פולער פאַרשיכורטקייט ביי עליען.

פון פורים אָן האָבן זיך די טעג איינגעשטעלט ליכטיקע און וואַרעמע. די זון האָט געשמאָלצן גאַנצע טעג פון אויפגאַנג ביז אַראָפּ צו שקיעה. וואַרעמע ווינטן האָבן געבלאָזן. פון די סטרעכעס האָט געראונען און די טיפע שנייען האָבן גענומען אַראָפּזינקען אַלץ נידעריקער און נידעריקער צו דער ערד, אין טויזנטער שלענגלעך און ריטשקעלעך זיך געטראָגן צו די טאָלן און גראָבנס, און פון דאָרטן צו די טייכן.

אַנשטאָט די גרויסע וועלדער, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די וואַלדשטיבער, האָבן זיך איצט געצויגן לאַנגע און ברייטע פעלדער, אָנגעפּיקעוועט מיט גראָבע און דינע פּעניעס פון די אויסגעהאַקטע בוימער. די פעלדער אַרום און אַרום האָבן אויסגעזען, ווי איין גרויסער בית־עלמין מיט געדיכטע נידעריקע מצבות. און געצויגן האָט זיך דער בית־עלמין ווייט־ווייט — ביז די עקן זיינע האָבן זיך איינגעשפּאַרט אין הימל און דאָרטן זיך פאַרלאָרן. אַפילו קיין איין יונג בוימל אין ערגעץ ניט פאַרבליבן; אויסגעהאַקט זיי פאַר שטאַנגען און וויטשקעס — פאַר

בינדן די פּלויטן. בלויז איבערבלײבעכץ פֿון די אַרומגעהאַקטע צװײַגן האָט עדות געזאָגט, אַז דאָ זײַנען גאָר ניט לאַנג צוריק געשטאַנען געדיכטע לעבעדיקע װעלדער. ס'איז געװען שטיל און אומעטיק אַרום. אַנפּליענדיקע פֿויגל פֿון די װאַרעמע מקומות האָבן זיך געדרייט אין שרײַענדיקע רעדער, װי זײ װאָלטן געזוכט זײערע פֿאַראַיאָריקע נעסטן, און ניט דערקענענדיק דעם אָרט מער, אַװעקגעפֿלױגן װײַטער. ס'האָט געשלאָגן מיט אומעט און בית־עולמדיקער אומהײמלעכקײט.

די העקער און „װאָזשטשיקעס" האָבן זיך גענומען פֿאַנאַנדערפֿאָרן אין די דערפֿער צום פֿרילינג־פּאַרזײ. פֿון אינדערפֿרי, ביז שפּעט אין אָװנט איז עליע מיט קאָפּל־מאירן געזעסן אין קאַנטאָר־שטוב און זיך פֿאַנאַנדערגעצאָלט מיט די העקער און װאָזשטשיקעס, און שליטנס נאָך שליטנס זײַנען אָפּגעפֿאָרן פֿון די שטיבער אויף די שוין שטאַרק־צעשמאָלצענע װעגן. בלויז אַ צענדליק מענטשן זײַנען פֿאַרבליבן פֿאַנאַנדערצונעמען די שטיבער, אָפּפֿירן דאָס געהילץ פֿון זײ צו די ספּלאַװן און מאַכן פֿון זײ די לעצטע פּליטן.

אַנשטאָט די העקער און װאָזשטשיקעס, האָבן גענומען אָנקומען, דורכן װינטער אָנגעדונגענע, „גאָנשטשיקעס": פּויערים און פּויערטעס פֿון װײַטע דערפֿער, װאָס האָבן אַפּנים קײן אײגן שטיקל ערד ניט געהאַט, און װעגן פֿרילינג־פּאַרזײ ניט געהאַט װאָס צו זאָרגן. זײ זײַנען געקומען פּאָרלעכװײַז: יונגע, מיטליאָריקע און אַפֿילו עלטערע פּאָרפֿאָלקן — אין לאַפּטשעס, אָפּגעטראָגענע סערמיגעס פֿון אײגן־געװעבטן „סאַמאָדיעל"; די באַבעס אין טיכער אַרום די קעפּ, די מוזשיקעס — אין אַלטע שפּיציקע, אויסגעריבענע באַראַשקע־היטלען איבער די אויערן מיט גרויסע טאָרבעס כאַרטש אויף די פּלײצעס.

די גאָנשטשיקעס זײַנען פֿון קאַנטאָר־שטוב גלײַך אַװעקגעגאַנגען צו די ספּלאַװן און זיך אײַנגעמאָסטיעט אין די שטרױענע בײדלעך, װאָס די ספּלאַװשטשיקעס האָבן אויפֿגעשטעלט אויף די פּליטן. זײ האָבן זיך אײַנגעמאָסטיעט צו אַ פּאָרל אויף אַ פּליט.

אויף די טרוקענע ברעגן פֿון די אַרומיקע טײַכלעך זײַנען איצט פֿון בײדע זײַטן געלעגן לאַנגע קאַראַװאַנען פֿון אויסגעבונדענע פּליטן; אויף יעדער פּליט אַ שטרױ־בײדל מיט „דראַהאַלקעס" אין שפּיץ און עק פֿון יעדן פּליט. ניט געקוקט, װאָס די קאַראַװאַנען זײַנען נאָך געלעגן אויף טרוקן, איז יעדער פּליט פֿונדעסטװעגן געװען צוגעבונדן צו אַ גרויסן פּלאָקן אַרײַנגעשלאָגן טיף אין דער ערד. די גאָנשטשיקעס זײַנען געװען אויף די פּליטן און, בײַ פֿאַנאַנדערגעלײגטע פֿײַערן אויף

קופקעס שטיינער לעבן זייערע בײדלעך, געקאַכט זייערע אָרימע מאָל־צייטן און זיך געוואַרעמט דערוויילע.

אַלץ און אַלע זיינען געווען גרייט אין וועג. מ׳האָט בלויז גע־וואַרט, אַז דאָס שמעלצן פון די שנייען זאָל אָנשווענקען די טייכלעך, אַראָפּ־טראָגן דעם אייז, פאַרפלייצן די ברעגן ברייט און ווייט און אויפהויבן די קאַראַוואַנען פליטן אין וועג אַריין.

פּאַר עליען האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די סאַמע אַרבעט. ער האָט איצט געדאַרפט פאָרן קיין ריגע, דאָרטן אויפנעמען די פליטן און זיי איינשטעלן אין אַגאַראָדן אויף דער „גרויסער דווינע״, זיין אין שאַ־מיראָס קאָנטאָר ביים פאַנאַנדערצאָלן זיך מיט די גאַנשטשיקעס, ווי אָפּגעמאַכט מיט זיי, און נאָכדעם ערשט זיין ביים פאַרקויפן, און מיט די אָנגעפּאַרענע פּריקאַזטשיקעס אונטער אים, אָפּליווערן די פליטן צו די געהילץ־פּלעצער און זעג־מילן. אויסער דעם האָט ער אויך גע־דאַרפט אָפּגעבן אַ חשבון פון אַלע זיינע הוצאות אין די וועלדער, אין וועג און אויף די דווינעס.

ביילקע האָט געפּאַקט אירע און עליעס זאַכן און איר איז געווען זייער שווער אויפן האַרצן. זי וואָלט גרייט געווען צו פאָרן מיט עליען קיין ריגע, כאָטש קיין רעכט צו וואוינען דאָרטן האָבן זיי ניט געהאַט. דאָס וואָלט אָבער קיין אָפּהאַלט ניט געווען: וואָלט זי זיך געפונען מיט אים אין אַ שטרויענעם ביידל אויף אַ פליט. ווי די גאַנשטשיקעס מיט זייערע ווייבער פאַר וואָכן אויף די טייכן. זי איז שוין אָבער געווען אין פינפטן חודש. ס׳איז ניט געווען קיין אַנדער אויסוועג, ווי פאָרן צוריק קיין טשאַשניק.

אויך עליען איז זייער ניט גרינג געווען אויפן האַרצן. ס׳איז אים געווען זייער שווער צו שיידן זיך מיט איר. מ׳האָט אָבער געמוזט פאָרן.

דעם לעצטן אָוונט, אַז אַלץ איז שוין געווען פאַרפאַקט און האַלבע נאַכט געדאַרפט אַוועקפאָרן, איז עליע, מיט ביילקען לעבן זיך אין שליטן, דורכגעפאָרן פאַרביי אַלע קאַראַוואַנען פליטן אויף די טרוקענע ברעגן פון די טייכלעך און אַלעמען צום לעצטן מאָל אָנגעזאָגט וואָס מ׳האָט צו טאָן אין וועג, און די פּריקאַזטשיקעס צעשטעלט אויף פאַר־שיידענע קאַראַוואַנען — צו גיין מיט די פליטן. זען מ׳זאָל קיין פליטן ניט פאַרטרייבן אויף זייטיקע טייכן, אָדער טאָמער טרעפט מיט די פליטן עפּעס, צו זיין אויפן אָרט.

ס׳איז שוין געווען גוט פינצטער, אַז זיי זיינען אַלעמען פאַרביי־

געפאָרן. פון דער ווייטן האָבן די קאַראַוואַנען פליטן אויסגעזען, ווי אַ גרויסע אַרמיי וואָלט געלעגן אַרום הונדערטער פייערן, איבערגעוואַרט די נאַכט, כדי מיט באַגינען זיך רירן אין וועג אַריין.

אַרום האַלבע נאַכט האָט פאַמענקאַ אַריינגעלייגט די טשעמאָדאַנעס אין שליטן. עליע האָט איבערגעגעבן קאַפּל־מאירן די לעצטע אויפ־זיכט איבער אַלץ, זיך געזעצט מיט ביילקען אין שליטן, זיך ביידע געזעגנט מיט קאַפּל־מאירן, און מיט פאַמענקאַן אין די לייצעס. אַוועק־געפאָרן איבער די לעצטע שנייען צו דער באַן־סטאַנציע.

זייענדיק צוריק מיטן זיידן אין טשאַשניק און זייער שטאַרק בענקענדיק נאָך עליען, פלעגט זי זיך גאַנץ אָפּט פאַרטראַכטן וועגן עליעס מאַמעס ווערטער. זי האָט איצט איינגעזען, אַז זי האָט איר ניט געזאָגט קיין ליגן. אירע אָנצוהערענישן וועגן די בעסטע מע־נער גאַנצע יאָרן אַליין... זי האָט עס אַפּנים פון איר אייגן לעבן זייער ווייטיקדיק אַרויסגעלייענט... און דערפאַר געזוכט עליען אַרויס־צורייסן פון וואַלד. קיין עוולה ניט, אויב אַפילו זי האָט זיך אַליין אויך געהאַט אין זינען דערביי... און יחוס אויך... זי פאַרשטייט עס איצט זייער גוט.

זייענדיק אין וואַלד איבער פינף חדשים מיט אַזוי פיל מענער אַרום און זייער קנאה צו די, וואָס האָבן געהאַט זייערע ווייבער מיט זיך אין וואַלד, צו דעם וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט פון דער קעכין: ווי מ׳פאַרט אַלע זונטיק אין די אַרומיקע דערפער... און מ׳גייט אַמאָל אויף מעסער איבער אַ... און אַז די יונגע יידישע פריקאַזטשי־קעס זיינען ניט קיין סך בעסער, כאָטש קיינמאָל אויף מעסער... ס׳איז איר זייער שווער געוועזן אויפן האַרצן פון דעם. זי האָט דעריבער אָפּגעמאַכט ביי זיך — צו זיין מיט עליען וואו ער זאָל ניט זיין, אַפילו מ׳זאָל זיך דאַרפן וואַלגערן אין אַ ביידל אויף אַ פליט מיט אַ קינד...

אין תמוז איז זי געלעגן געוואָרן און געבאָרן אַ זון. ס׳איז געווען אַ זייער שיינער ברית, אָבער אָן עליען. ער איז געווען אַריבערן קאָפּ אין אַרבעט און זיך ניט געקאָנט אַרויסרייסן צום ברית.

סנדק איז געווען דער זיידע. אַ נאָמען האָט מען אים געגעבן נאָך ביילקעס טאַטן עליו השלום — וועלכן זי האָט ניט געקענט — דוד־זיסל. ביי אפרימען האָבן זיך געשטעלט גרויסע טרערן אין די אויגן,

בשעת ער האָט געהאַלטן אין קישן ס׳קינד און דער מוהל האָט אים אַ נאָמען געגעבן נאָך זיין איינציקן זון, עליו השלום.

זעלדעלע, עליעס מאַמע, איז פון קימפּעט אַן ניט אָפּגעטראָטן פון ביילקען. זי איז צוגעבאַקן געוואָרן צום קינד. זי האָט צוגעגרייט דעם ברית. פאַר דער וואָך ביזן ברית, האָט ביילקע זי אַפילו ליב באַקו־מען — זי איז איר געוועזן ווי אַ מאַמע.

מיט די קינדער צעפאָרן פון טשאַשניק, איז זעלדעלע געבליבן איינע אַליין אין איר גרויסער שטוב. זי האָט געהאַט משפחה אין טשאַש־ניק, אָבער ביילקע איז ביי איר, צוליבן קינד, געבליבן די נאָענטסטע. דוד־זיסל איז ביי איר געווען דאָס גרעסטע נחת. ער איז געווען ווי צוויי טראָפּנס צו עליען. די גרויסע, שוואַרצע אויגעלעך, ווי קאַר־שעלעך, זיינען געווען דער מאַמעס. געוואָלט האָט זי, אַז ביילקע זאָל זיך אַריינקלייבן צו איר אין שטוב, אָבער ביילקע האָט ניט געקאָנט לאָזן דעם זיידן אַליין, אַז זי איז אין טשאַשניק. איז זעלדעלע געווען ביים קינד מער, ווי ביי זיך אין שטוב.

פיר וואָכן נאָך יום־טובים, ווי נאָר עליע האָט גענומען אויפשטעלן די ערשטע שטיבער אין דעם גרויסן וואַלד, וואָס שאַמירא האָט געקויפט צום האַקן, איז ביילקע מיטן פיר־חדשימדיקן קינד אויף די הענט אָוועקגעפאָרן צו עליען אין וואַלד.

דעם אָסיען, אויפשטעלנדיק די קאַנטאָר־שטוב אין וואַלד, האָט עליע געבויט גאַנץ אַנדערש, ווי פריערדיקע יאָרן. די שטוב איז באַ־שטאַנען פון צוויי חדרים פאַר זיך מיט ביילקען מיטן קינד, און אַ גרויסן חדר פאַרן וואַלד־קאַנטאָר. די פּריקאַזטשיקעס, וואָס האָבן ביזן לעצטן יאָר געשלאָפן מיט אים אין שטוב־קאַנטאָר, האָט ער פאַ־מעסטיעט אין אַן אַנדער שטוב, נעענטער צו די העקער. ביילקע האָט אויסגעפוצט די פענצטער מיט פאָרהענגלעך, אירע אויסגענייטע ביל־דער פון דעם זיידנס שטוב געבראַכט און אויסגעהאַנגען אויף די ווענט. פאַרן קינד האָט עליע אויפגעמייסטרעוועט אַ קליין, טיף בעטעלע און אויפגעהאַנגען עס אויף פיר שטריקלעך צום סטעליע — צו קאָנען וויגן.

די דריי חדרים זיינען פאַרן ווינטער אין וואַלד געווען דאָס היימ־לעכסטע ווינקעלע. ס׳איז ניט גרינג געווען מיטן קינד אין וואַלד, אָבער

דאָס קינד איז געװען די גרעסטע פרייד זייערע. נאָך מער: עס איז געװען אַ שטיק פרייד בײַ אַלע פּריקאַזטשיקעס, העקער, װאַזטשיקעס, און די קעכין און העקערקע זײַנען אױסגעגאַנגען נאָך אים. געװען דאָס אײנציקע — אַלעמענס — קינד אין גאַנצן װאַלד.

דער טאָג אין װאַלד האָט זיך בײַ ביילקען אײַנגעשטעלט אַזױ: אינדערפרי פלעגט זי אױפשטײן מיט עליען גלײַך; ביז ער פלעגט אָפּדאַװענען פלעגט זי אים צוגרייטן װאָס אָפּצועסן, און נאָכן עסן־אַרױסבאַגלייטן אים אין װאַלד. נאָכדעם פלעגט זי מאַכן דעם אױװן, צושטעלן װאַרמעס און אױפראַמען די חדרים מיטן קאַנטאָר. אַז די שטוב פלעגט װערן גוט װאַרעם, פלעגט זי באָדן ס׳קינד, אָנזױגן עס און פאַרװיגן. אַז ס׳קינד פלעגט אײַנשלאָפן, פלעגט זי װאַשן די װינדעלעך, אױפהענגען אױף די בוימער און זיך זעצן נייען אָדער פאַרריכטן זאַכן. אַרױספאָרן מיטן קינד אין װאַלד, האָט זי מורא געהאַט — ניט צוצוקילן. בלױז אַז דער טאָג פלעגט אױספאַלן אַ זוניקער און זייער אַ װאַרעמער, פלעגט זי אַרױספאָרן מיטן קינד אױפן שליטן צו דער „דיעליאַנקע״, װאו עליע האָט זיך געפונען. אָבער װי נאָר די זון פלעגט אַריבערשפּאַנען דעם מיטן הימל, פלעגט זי צוריק אַװעקפאָרן צו די שטיבער.

אין די אָװנטן פלעגן אַלע פּריקאַזטשיקעס זײַן בײַ עליען אין שטוב, זיצן און פאַרברענגען, זיך שפּילן מיטן קינד, אַז ס׳איז געװען װאָך, טרינקען טײ, שפּילן אַ קערטל און אַפילו אַמאָל אַ שאָך — אַמאָל זלמן סאָסנע מיט קאָפּל־מאיִרן און אַמאָל עליע מיט זלמן סאָסנען. אַלע שבת פלעגט מען עסן בײַ ביילקען געפילטע פיש, אַ טשאָלענט מיט קוגל און אַמאָל אַפילו אַ קישקע מיט אַ געשמאַקן צימעס דערצו.

אַזױ האָט זיך געצױגן ביז קאַליאַדעס.

עטלעכע טעג פאַר קאַליאַדעס האָבן זיך אַלע פון די װאַלד־שטיבער גענומען פאַנאַנדערפאָרן. די העקער מיט די װאַזטשיקעס זײַנען אַװעקגעפאָרן אין זייערע דערפער — צו גײן אין קלױסטער און פראַװען קאַליאַדעס אין די אײגענע כאַטעס. די פּריקאַזטשיקעס זײַנען זיך צעפאָרן צו זייערע װײַבער און קינדער קײן טשאַשניק, אולע און טשאַרעי — די אײנציקע צייט, װען מ׳קאָן זיך אַרױסרײַסן פון די װעלדער אױף אַ צװײ װאָכן. ס׳האָט זיך מער ניט געהערט דאָס דױבען פון העק און דאָס זשומען פון זעגן. אין װאַלד איז געװאָרן שטיל. בלױז

דער ווינט האָט מיט אַ געסווישטש געריסן די פאַרשנייטע קרוינען פון וואַלד און ווי מיט מנורות געוואָרפן מיט די צווייגן.

די שטיבער האָט מען צוגעשלאָסן. קיין לעבעדיקער נפש איז אין זיי ניט פאַרבליבן. עליע און ביילקע מיטן קינד זיינען געווען די איינציקע אין גאַנצן וואַלד. צו זיי בלויז צוויי פערד אין שטאַל. פאַר־מענקאָן האָט עליע אָפּגעלאָזט אויף קאַליאַדעס אַהיים, און פאַר דער צייט דאָס קאָרמען און פּאָיען די פערד גענומען אויף זיך.

עטלעכע טעג נאָך אַלעמענס צעפאָרן זיך, האָט דאָס קינד אָנגע־הויבן הוסטן מיט אַ טיפן כריפּעלע און אָנגעהויבן ברענען. עליע האָט געבראַכט דעם פעלדשער פון נאָענטסטן „סעלאָ". ער האָט געשטעלט דעם קינד באַנקעס און געגעבן טראָפּנס — צוצומישן אין אַ לעפעלע וואַסער און עס געבן דעם קינד, — און איז אַוועקגעפאָרן.

אויף מאָרגן אינדערפרי איז דער הימל געווען אָנגעגאָסן מיט בליי און ווי אַ כמאַרע געהאַנגען איבערן וואַלד. ס'איז אינגאַנצן פינצטער געוואָרן און ס'האָט אָנגעהויבן צו שיטן אַ געדיכטער שניי. שטיקער שניי, ווי גרויסע קאָמעס וואַטע, האָבן זיך געדיכט געטראָגן פון אַלע זייטן און באַדעקט די ביימער, די שטיבער און אַלע וועגן אין וואַלד. ביזן אָוונט האָט אָנגעשאָטן שניי ביז די פענצטער, און דער שניי האָט ניט אויפגעהערט.

עליע האָט עטלעכע מאָל דורכן טאָג מיטן גראַבאַייזן געמאַכט אַ וועג פון שטוב צום שטאַל, צו געבן היי און האָבער די פערד, אָבער באַלד איז דער וועג צוריק פאַרשאָטן געוואָרן מיט געדיכטע פלאַכ־טעס שניי. אין שטוב איז מען אַ גאַנצן טאָג געזעסן ביים קעראָסין־לאָמפּ.

צום אָוונט האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַ פראָסט און ס'האָט זיך צעשפילט אַ זאַווערוכע. ס'האָט אָנגעהויבן דרייען גאַנצע בערג מיט שניי און פאַרוואַרפן מיט זיי די שטיבער. ס'האָט געריסן די ביימער און מיט געסווישטש געיאָמערט אינעם וואַלד.

ביילקע מיט עליען זיינען געזעסן ביים הענגענדיקן וויגעלע און געקוקט זייער צעטראָגן אויפן קינד. די באַנקעס מיט די טראָפּנס האָבן ניט געהאָלפן. דאָס הוסטן און כריפּען איז נאָך שטאַרקער און שווערער געוואָרן, און דאָס ברענען האָט ניט אויפגעהערט. וואָס זיי האָבן אַליין ניט איבערגעטאָן האָט ניט געהאָלפן. מ'האָט געדאַרפט אַ דאָקטאָר. אָבער נאָך אַ דאָקטאָר האָט מען געדאַרפט פאָרן זעכציק וויאָרסט, הין און צוריק — הונדערט מיט צוואַנציק. שווער געווען צו

באַווייזן אין אַזאַ זאַווערוכע, דורך פאַרווייעטע וועלדער און פעלדער. ס'איז געבליבן וואַרטן אויף טאָג.

אָרום האַלבע נאַכט האָט דאָס הוסטן פונעם קינד גענומען, אַלץ שוואַכער און שוואַכער ווערן, ווי ס'וואָלט זיך אויס..עשעפּט פון די כחותלעך. ס'איז שטילער און שטילער געוואָרן. מיטאַמאָל האָט זיך ס'פּנימל ביים קינד געגעבן אַ מאָדנעם קרים, די בעקעלעך האָבן עט לעכע מאָל קרימלעך אַ צוק־געטאָן און דאָס קינד איז שטיל מיט פאַרמאַכטע אויגעלעך געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך.

ביילקע האָט מאָדנע אַ געשריי געטאָן, די פויסט פון דער רעכ־טער האַנט מיט שרעק אין מויל פאַרביסן ביז ווייטיק און מיט גלע־זערנע אויגן געבליבן פאַרשטיינערט. עליע האָט אויפגעריסן אַ קישן, אַרויסגענומען אַ פעדער און צוגעלייגט צום נעזל פונעם קינד. די פע־דער האָט זיך ניט גערירט. דאָס קינד איז געווען טויט.

די אַנדערע האַלבע נאַכט זיינען זיי ביידע געזעסן לעבן וויגעלע און געקוקט פאַרגליווערטע אויפן קינד. זיי האָבן ניט געוויינט און ניט גערעדט. ס'איז ניט געווען וועגן וואָס צו רעדן. אַלץ איז געווען קלאָר. אַפילו אַ „פאַרוואָס" איז אויך געווען איבעריק. קיין טענות איינער צום אַנדערן ניט געהאַט.

אַז די זאַווערוכע האָט זיך איינדערפרי געלייגט, האָט עליע דורכגעגראָבן אַ וועג צום שטאַל, איינגעשפּאַנט ביידע פערד און אַריינ־געלייגט אַ לאָם, אַ גראַבאייזן מיט אַ האַק אין שליטן. ביילקע האָט דאָס טויטע קינד, אינאיינעם מיטן וויגעלע איינגעוויקלט מיט אַלץ וואָס זי האָט געהאַט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז אים וועט זיין קאַלט. עליע האָט עס אַוועקגעלייגט אין שליטן, נאָכדעם האָבן זיי ביידע אַנגעטאָן די קורצע פעלצלעך, פוטערנע היטלען און באַשליקעס, פאַר־שלאָסן די שטוב, זיך געזעצט אין שליטן, און זוכנדיק דעם וועג דורך די הויכע בערג שנייען, אַוועקגעפירט דאָס קינד צום נאָענטסטן יידישן בית־עלמין.

אָרום מיטן־טאָג זיינען זיי אָנגעקומען. פון בית־עלמין צום שטעטל איז נאָך געווען אַ זיבן וויאָרסט. ניט געקאָנט פאָרן אַהין זוכן עמיצן פון חברה קדישא. האָט עליע מיטן גראַבאייזן אָפּגעשאַרט אַ אָרט צווישן די מצבות אויפן בית־עלמין, אויסגעהאַקט מיטן לאָם און האַק אַ קברל, אַראָפּגעלאָזן דאָס וויגעלע מיטן קינד אין גרוב, דאָס לעצטע מאָל מיט ביילקען אויף אים אַ קוק געטאָן מיט פאַרשטיקטע טרערן און — פאַרשאָטן.

כדי צו לאָזן עפּעס אַ סימן וואו ס'ליגט, האָט ער אין פרישן בערגל פאַרגראָבן די האַק מיטן קלינג אַראָפּ און מיטן הענטל אַרויס, ווי אַ קליין מצבהלע. דאָס הענטל פון האַק וועלן זיי אַלעמאָל דערקענען, קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

פאָרנדיק צוריק פון בית־עלמין האָבן זיי ביידע אַ לאַנגע צייט געשוויגן.

דער הימל איז געווען קלאָר. אַ לייכט פּרעסטל האָט אָנגעהאַלטן. די פעלדער מיט די דערפער ווייט פון וועג זיינען געלעגן אונטער בערג מיט שניי. פון די קוימנס האָט געטראָגן מיט לאַנגע עקן רויך. די זון איז שוין אַראָפּ אויף דער אַנדערער זייט הימל און רויטלעך געגומען אויסקעמען דעם מערב. ס'האָט זיך דערנענטערט צו שקיעה.

די פערד זיינען געלאָפן פאַמעלעך, אַרויסשלאָגנדיק מיט פאַרע־וואָנצעס פון די נאָזלעכער. זיי זיינען געלאָפן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, אומעטיקע און ווי פאַרטראַכטע ווי זיי וואָלטן געפילט דעם גרויסן אומגליק, וואָס די, וועמען זיי פירן, טראָגן אין זייערע הערצער.

— וואָס ווייטער? — האָט פלוצלינג ביילקע אַ פאַרקלעמטע, מיט טרערן אין די אויגן, איבערגעריסן די שטילקייט.

זי האָט געשוויגן אַ ווײַלע, נאָכדעם פאַרגעזעצט:

— אין זיבן חדשים אַרום וועט קומען נאָך אַ קינד... ווייטער דאַרפן פירן אַזוי?... פאַר יעדן טראָפּן גליק... פאַר יעדן ביסן ברויט דאַרפן צאָלן מיטן לעבן פון אַן אומשולדיק נפשל?... מיט אייגענע שטיקער לעבן...

עליע האָט שווער און פאַרקלעמט געשוויגן, נאָכדעם דערדריקט, מיט אַ פאַרדעמפט קול געענטפערט:

— מיר וועלן טאָן אַלץ, וואָס אין אונדזערע כחות... אַלץ אין אונדזערע כחות...

זיי האָבן זיך נענטער צוגעדריקט איינער צום אַנדערן און זיך געטראָגן צום וואַלד, וואָס איז נאָך ווייט פון זיי געלעגן אַ פאַר־טראַכטער, און מיטן זון־ראָד אין די קרוינען געדולדיק געוואַרט אויף זיי.

צווייטער קאַפּיטל

דריט יאָרן ביים פעטער משה שאַמיראָן, איז עליעס מבינות אויף וואַלד זייער שטאַרק אויסגעוואַקסן. ס׳איז פאַר אים געווען גענוג דורכצוגיין אַ פינף־זעקס ערטער אין אַ וואַלד, צו קאָנען אָפּשאַצן וויפל און וועלכע געהילצן מ׳וועט קאָנען אויסאַרבעטן פון גאַנצן וואַלד. די פּינקטלעכקייט איז געווען אַזאַ, אַז דער פעטער פלעגט אים פריער שיקן אָנקוקן די וועלדער, איידער ער איז געפאָרן זיי קויפן; און אויפן גרונט פון זיין אָפּשאַצונג איז געבאָטן געוואָרן דער מקח, געקויפט אָדער ניט געקויפט געוואָרן, כאָטש דער פעטער אַליין איז געווען אַ גרויסער קענער פון וואַלד.

אַריינגעטאָן אין דער אָנפירונג פון די אַרבעטן, מיט אַ היפּש ביסל מענטשן אונטער זיך, האָט אָבער עליע פאַר זיך אַליין ניט געזען קיין גרויס תכלית אין דעם. דעם פעטער האָט ער טאַקע נאָך רייכער געמאַכט, אָבער וואָס האָט ער דערפון?

דאָס צווייטע קינד איז אויך געשטאָרבן אין וואַלד. אַז ס׳איז געקומען ס׳דריטע קינד, אַהרעלע, האָט שוין ביילקע מורא געהאַט צו ריזיקירן, און איז געבליבן אין טשאַשניק. פון אַלע חשבונות האָט זיך אויסגעלאָזן אַ טייך. דאָס לעבן איז איצט: אַ בריוול פון אים צו ביילקען און פון איר צו אים איין מאָל אַ וואָך, און אַ צען־צוועלף טעג דורכן יאָר אינאיינעם. אַפילו די בריוולעך קאָן מען אויך ניט אָנהאַלטן רעגלמעסיק: ער איז, אויסער די ווינטערן, קיינמאָל ניט אויף איין אָרט.

אמת, די שכירות זיינען געווען גרויס, אין פאַרגלייך מיט די שכירות פון די אַנדערע פּריקאַזטשיקעס. אָבער פון די צווי הוצאות — ביילקעס אין טשאַשניק און זיינע אין ריגע און אין די וועלדער — און דער מאַמען האָט מען אויך געדאַרפט שיקן אויף דער הוצאה — האָט מען אָפּשפּאָרן געקאָנט זייער ווייניק. און דאָ איז געקומען נאָך אַ קינד. אָבער ניט אַזוי די שכירות — פון דעם עצם לעבן איז גאָרנישט געבליבן. ער קען די אייגענע קינדער ניט, ער געדענקט זייערע פּנימלעך ניט, עס וואַקסט אַן אַ פרעמדקייט צווישן אים און ביילקען...

נעמען זיך צו עפּעס אַנדערש — איז ניט געווען צו וואָס. איין אויסוועג איז געווען: קריגן אַ שותף מיט געלד און אַוועקגיין אין

מסחר. אמת, די ערשטע צייט וועט זיין שווער, אָבער דערפאַר וועט זיין אויף וואָס צו האָפן...

ס'האָבן זיך געמאַכט שותפים, אָבער עס האָט זיך גאָרנישט אויס־געלאָזט. אייניקע האָבן געהאַט ווייניק געלט! ניט געווען מיט וואָס די הענט פאַנאַנדערצונעמען; אַנדערע האָבן געוואָלט זיבעציק פּראָצענט פונעם ריווח פאַר זייער געלט, כאָטש זיי אַליין האָבן ניט געוואוסט פון דאַנען אַהין אין געהילץ־ענינים, און ער, עליע, וואָלט געדאַרפט פירן דאָס גאַנצע געשעפט.

אמת, עס זיינען געווען עטלעכע שותפים אין אויג מיט בעסערע אויסזיכטן, אָבער דערוויל האָט עס זיך געצויגן, און ס'איז ניט געווען קלאָר מיט וואָס ס'וועט זיך אויסלאָזן.

נאָך אַ ביטערער מלחמה, איז משה שאַמיראָן געלונגען אַרויסצורייסן פון גרויסע איינגעפונדעוועטע געהילץ־קאָנטאָרן באַשטע־לונגען פון אַ גרויסער ענגלישער פירמע אויף טעלעגראַף־סלופּעס, שיף־מאַסטן, קאַפּבאַלקן, שפּאַלן און ספּליטהאָלץ. ער האָט זיך אונטער־גומען צוצושטעלן דידאָזיקע געהילצן פאַר אַזוי נידעריק, אַז קיין איין געהילץ־פירמע האָט ניט געקאָנט אַראָפּ צו זיינע פרייזן. ס'איז געווען אַ קאָנטראַקט אויף יאָרן. ס'זיינען אויך געווען אויסזיכטן אויף קאָנ־טראַקטן מיט דייטשע פירמעס.

ביז איצט האָט משה שאַמיראָ פאַרקויפט זיינע אויסגעאַרבעטע וועלדער צו ריגער געהילץ־פּלעצער און געהילץ־קאָנטאָרן, וואָס האָבן די באַלקנס איבערגעאַרבעט אין פאַרשיידענע מינים בוי־מאַטעריאַלן און עס עקספּאָרטירט צו אויסלענדישע פירמעס. איצט האָט זיך משה שאַמיראָ פאַרנומען אויף דירעקטן מסחר מיט די אויסלענדישע פיר־מעס. עס איז געווען זיין ערשטער גרויסער נצחון.

אַרויסגערופן עליען אין ריגער קאָנטאָר, און באַקענט אים מיט די קאָנטראַקטן און די פרייזן, האָט משה שאַמיראָ געוואָלט הערן עליעס מיינונג ווי אַזוי מ'זאָל אָנשטעלן די אויסאַרבעטונגען פון די נייע מינים געהילצן.

עליעס מיינונג איז געווען, אַז די גלייכסטע זאַך איז עפענען אַן אייגענעם געהילץ־פּלאַץ אויף איינעם פון די העלעמער איין, אָדער אַרום ריגע, און אויף אים איבעראַרבעטן די פליטן פון די וועלדער. ער האָט באַוויזן מיט ציפערן, אַז אויף אַזאַ אופן וועט אויסמאַכן אַ סך

ביליקער, איידער איבעראַרבעטן פון בוים אין די וועלדער. זיין חשבון האָט געוויזן, אַז דער „ניוועץ", וואָס וועט מוזן בלייבן אין די וועלדער, ביים אויסאַרבעטן די געהילצן דאָרטן, וועט אין ריגע באַצאָלן אַ גרויסן טייל פון די אויסאַרבעטונגען.

משה שאַמיראָ האָט צוגעשטימט, און אים דאָ גופא טאָקע גע־הייסן זיך דורכפאָרן איבער די דווינעס און געפינען אַ פּאַסיקן האָלעם פאַר אַ געהילץ־פּלאַץ.

אויף מאָרגן האָט עליע געדונגען צוויי יאַקאָרשטשיקעס, זיך גע־זעצט אין עק פון זייער שיפל און זיך געהייסן פירן אין צוויי פּאָר רודערס אַרויף דער „גרויסער דווינע". דער טאָג איז געווען אַ סוף־זומערדיקער. די דווינעס זיינען שוין געווען ליידיקלעך פון פליטן און זיך ליכטיק געשפּיגלט אַנטקעגן דער זון. די דווינעס זיינען עליען געווען גוט באַקאַנט. ער האָט געוואוסט וואו עס געפינט זיך יעדער האָלעם, אָבער וועגן די העלעמער גופא קיין סך ניט געוואוסט. ער האָט דעריבער געהייסן די יאַקאָרשטשיקעס זיך אָפּשטעלן ביי יעדן האָלעם. ער איז אַרויס און יעדן האָלעם דורכגעשפּאַנט פון וואַסער צו וואַסער, אין דער לענג און דער ברייט. דער עיקר — באַטראַכט די צוגאַנגען צו די ברעגן.

די העלעמער אַרויף־דווינע זיינע געווען כמעט ווי ניט באַוואוינט. אויפן קאַטלקאַלן האָבן געוואוינט הייפעלעך לאַטווישע קאַרניקעס, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דורכפירן פליטן און לייוועס דורך די אונ־טערשטע דווינע־פּאַראָהעס אין קענגערע, נידעריקער פון קורטנהאָף, און געכאַפּט לאַקסן אין די שטורעמדיקע וואַסערן צווישן די פּאַראָהע־שטיינער, ווען די לאַקסן שווימען אָן פון ים אַרויף־דווינע צו וואַרפן זייער איקרע. דער אַנדערער איינציקער האָלאַם, וואָס האָט אויף זיך אַמאָל געהאַט אַ פּינף צענדליק לאַטווישע געזינדן, איז געווען דער „האָזנהאָלם". ס'האָט זיי אָבער, אַזוי האָט מען דערציילט, אין אַ שווערן אייזגאַנג אַלעמען אַראָפּגעטראָגן, אינאיינעם מיט זייערע מייקעס, אין ים אַריין. פון דעמאָלט אָן איז אויף אים אַ לאַנגע צייט קיין לעבע־דיקער נפש ניט געווען. נאָר לעצטנס האָבן זיך אויף אים ווידער באַזעצט עטלעכע צענדליק לאַטווישע יאַקאָרשטשיק־געזינדן. די איבע־ריקע העלעמער זיינען געווען באַוואַקסן מיט ווילדן גראָז, יונגע בוימ־לעך און געדיכטן הויכן לאָזע.

פון אַלע העלעמער האָט זיך עליע אָפּגעשטעלט אויפן „זווירנהאָלם".

ער איז אים געפעלן געוואָרן איבער עטלעכע טעמים: ערשטנס, איז ער געווען, אויסער קאַטלקאַלן, און דעם „האָזנהאָלם״, עפּעס העכער פון די אַנדערע העלעמער. אמת, ניט קיין גרויסע פאַרזיכערונג, אָבער דאָך ווייניקער סכנה פאַרטרונקען צו ווערן אין אַ הויך וואַסער, אָדער אין אַ שווערן אייזגאַנג; צווייטנס, איז ער דער נאָענטסטער צו מאָסקווער פאַרשטאָט — אין ריגע גופא — וועט זיין גרינגער צו קריגן זעגער, טיאָסטשיקעס און אַנדערע אַרבעטער. ניט אַלע אַרבע־טער ווילן אָוועקפאָרן ווייט פון זייערע היימען; דריטנס, איז דער זווירנהאָלם געווען נאָענט צום האָפן — דאָס מיינט, אַז די אָפּלאָדונגען פון די פאַרטיקע געהילצן וועלן גיין אַראָפּ־שטראָם: וועט עס ממילא זיין אי שנעלער, אי גרינגער, אי ביליקער; און, פערטנס זיינען די ברעגן פון האָלעם אַראָפּגעגאַנגען זייער גלאַט אין וואַסער פון אַלע זייטן — דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט גרינג אַרויפצוקייקלען די פליטן אויפן האָלעם און צוטשאַליען לייוועס פאַר אָפּלאָדן די קירצע־רע פאַרטיקע געהילצן, ווי שפּאַלן און שפּליטהאָלץ. דאָס אַליין איז געווען פון די גאָר גרויסע זאַכן, ווייל אויסגלייכן ברעגן איז פון די זייער ניט ביליקע ביסנס.

משה שאַמיראָן איז געפעלן געוואָרן דער אויסוואַל, און אים עליען אַליין טאַקע, געהייסן איינשטעלן די געהילץ־אויסאַרבעטונגען אויפן זווירנהאָלם. עליען איז דאָס זייער ניט געווען צום האַרצן. דאָס האָט געמיינט נאָך צייט פאַרנומען, נאָך מער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. און נאָך ווייניקער צייט צו זען פאַר זיך עפּעס. ער האָט אָבער קיין אַנ־דער אויסוועג ניט געהאַט און עס איבערגענומען.

אַרויסגעקראָגן דורך שאַמיראָס קאַנטאָר די נויטיקע פּאַפּירן פאַר אויסאַרבעטן געהילצן אויפן זווירנהאָלם, האָט עליע אַרויסגעקייקלט עטלעכע הונדערט באַלקנס אויפן האָלעם און אָוועקגעשטעלט „פילשטשי־קעס״ זעגן פון זיי ברעטער און פלאַנקען פאַר אַ קאַנטאָר.

גייענדיק אין איינעם אַ נאָכמיטאָג מיטן פּעטער איבערן ליידיקן זווירנהאָלם, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ באַבלימלט פעלד צווישן צווי העכערע ערטער: אַ קליין באַבערגלטקייט אין שפּיץ, און נאָך אַ הע־כערע אויפפאַלדונג אין עק פון האָלעם, מיט שיטערע בוימלעך צעשאָטן איבערן מיטן, האָט משה שאַמיראָ זייער אויפמערקזאַם אויסגעהערט עליעס פּלאַן פון איינשטעלן די אַרבעטן, און די צאָל מענטשן, וואָס ער רעכנט אָנצושטעלן. ער האָט אים אויך אָנגעוויזן וואו ער רעכנט צו שטעלן די קאַנטאָר פון די קופּעס אָנגעזעגטע ברעטער.

דער האָלעם איז געווען איינגעטונקט אין סוף־זומערדיקן גאָלד, געוויגט אין וואַסערדיקע שפּיגלען פון אַלע זייטן.

— די ערשטע מייקע דאָ שטעל פאַר זיך, די קאָנטאָר וועסטו שטעלן אַנדערשוואו, — האָט דער פּעטער פאַרריכט עליעס פּלאַן. — די מייקע איז מיין מתנה צו דיר, — פאַר די יאָרן אין די וועלדער און אויף טייכן. געקומען די צייט צו שטעלן זיך אויף די פיס... גרויסע זאַכן קאָן מען ניט טאָן הענגענדיק אינדערלופטן... אין קאָנ־טאָר איז פאַר דיר אויך דאָ אַן „פּראַוואַזשיטעלסטוואָ" אין ריגע — פאַר דיר מיט דער ווייב און די קינדער.

עליע איז געווען פריטשמעליעט. דער ערשטער חשד איז געווען, אַז דער פּעטער האָט דערשמעקט וועגן זיינע פּלענער צו זיין מיט אַ שותף אין מסחר. אַזוי דורכגעטריבן אַנגענומען פאַרן סאַמע טוט־ווייסטן אָרט.

משה שאַמיראָ האָט אַרויסגענומען אַ פּאַרטסיגאַר, און קוקנדיק זייער ערנסט און שאַרף דורך זיינע פּענסנע, אויף עליען, אים מכבד געווען מיט אַ פּאַפּיראָס. זיי האָבן פאַררויכערט. עליע האָט באַדאַנקט.

— נו, עליע, — האָט דער פּעטער אָנגעהויבן, — איך האָב פאַרוואָרפן גרויסע לייטערס אינדערהויך. גרייט זיך צו גיין אויף זיי ביז די סאַמע שפּיצן. פון דאָרטן וועלן מיר וואַרפן נייע לייטערס צו נאָך העכער. לעבן ליגט אין וואַרפן אַלץ נייע און נייע לייטערס אינדער־הויך צו די העכסטע הויכן. די קינדער מיינע ווייט פון געהילצן... שטודירן. וועלן ווערן דאָקטוירים. פון זיי קאָן איך קיין הילף ניט דערוואַרטן. דו וועסט דאַרפן האַלטן די גאַנצע זאַך אין די הענט, איצט אונטער מיר, שפּעטער — פאַר זיי... קריך אַריין אין דעם מיט לייב און לעבן!... האַלט דאָס, ווי אייגנס!... וועסט אפשר אַמאָל אַליין ווערן אַ טייל פון דעם...

משה שאַמיראָ האָט פאַרצויגן דעם פּאַפּיראָס, געקוקט פאַרטראַכט ערגעץ ווייט דורך זיינע בלישטשענדיקע פּענסנע־גלעזלעך, נאָכדעם שווייגנדיק אָוועק צום שיפל. עליע האָט אים אַריבערגעפירט אויף מאָסקווער פאַרשטאָט. דאָרטן האָט משה שאַמיראָ גענומען אַ איז־וואָזטשיק און איז אָוועקגעפאָרן.

עליע האָט פון פּעטער קיינמאָל אַזוינס ניט געהערט. דער פּעטער איז צו אים קיינמאָל נאָענט ניט געווען. מיטאַמאָל אַזאַ ענדערונג?! אַזאַ פאַרוואָרף מיטן געדאַנק אין דער צוקונפט! אָבער, געבליבן מיט זיך אַליין, האָט ער געפילט ווי פאַרשיכורט. וואָס די סיבות זאָלן

ניט זיין, איז אין די געציילטע ווערטער פון דעם פעטער געווען אַזוי פיל, אַז ער האָט אין דעם ערשטן מאָמענט אַלץ ניט געקאָנט אַרומ־כאַפּן. ניט אַלץ איז געווען קלאָר, אָבער דאָס, וואָס איז געווען קלאָר, איז געווען מער וויפל ער האָט ווען עס איז געקאָנט חלומען. קודם כל — „פּראַוואַזשיטעלסטווע" אין ריגע. אָט ערשט איז דער פעטער געוואָרן אַן „ערשטע גילדיע סוחר", און שוין פּראַוואַזשיטעלסטווע פאַר אים. קוקט אויס, אַז דער פעטער האָט וועגן אים יאָ געקלערט! געהאָט אים אין זינען. „פּראַוואַזשיטעלסטווע" איז געווען די גרעסטע מתנה. דערצו אַן אייגענע מייקע — אַן אייגענע היים! און אַ הוספה! ס'האָט צונישט געמאַכט אַלע חשבונות פון אַ „שותף מיט געלט". קיין איין שותפות וועט אים ניט קאָנען געבן אַזוי פיל פאַר זייער אַ סך יאָרן. אמת, מיט די „פּראַוואַזשיטעלסטוואָ", ווי פאַר זיינעם אַ פּריקאַזטשיק, שמידט אים דער פעטער צו זיך צו, ווי מיט קייטן. אָבער אין די ווערטער „קריך אַריין אין דעם מיט לייב און לעבן און היט דאָס ווי אייגנס, וועסט אַליין אַמאָל ווערן אַ טייל פון דעם", איז געווען אַזוינס, וואָס איז ווערט געווען זייער אַ סך, כאָטש קיין באַשטימטע קלאָר־קייט איז אין דעם ניט געווען, האָט דאָס דאָך געדעגט צו ברייטע חלומות. ער האָט דעריבער דערפילט, אַז מיטן זווירנהאָלם איז אים צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אויסגעוואַקסן אַ האַרט שטיקל ערד אונטער די פיס.

ביז די מייקע מיט דער קאָנטאָר זיינען פאַרטיק געוואָרן, האָט עליע דערוויילן אָנגעדונגען שטאַפּלער, טיאַסטשיקעס יאַקאַרשטשיקעס און אַנדערע מינים אַרבעטער פאַר די איבעריקע זומערדיקע אַרבעטן אויפן זווירנהאָלם, און מיטן פאַרענדיקן די אָפּליפערונגען פון די האַי־יאָריקע פליטן צו די פאַרשיידענע געהילץ־פלעצער און וואַלד־קאָנטאָרן, איז ער אַוועקגעפאָרן איבער די אָנגעקויפטע וועלדער, איינצושטעלן דאָרטן די אַרבעטן פאַרן ווינטער.

אָפּקלייבן פּריקאַזטשיקעס איז גאָר ניט געווען פון די גרינגע זאַכן. ניט האָלט האָבנדיק קיין צעקראָכענע אונטער זיך, האָט ער געקליבן אַן עולם, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ סך ביטערקייט ביי די עלטערע פּריקאַזטשיקעס און אָנגעמאַכט אַ סך שונאים אין דער משפחה.

אַז ביילקע האָט אים געזאָגט אַז זי זעט ניט פאַרוואָס ער מוז זיך אָנמאַכן אַזוי פיל שונאים, האָט ער איר דערקלערט:

— ס'איז אַ נייער בנין. איך מוז האָבן מענטשן, איבער וועלכע

איך זאָל קאָנען איבערוואַרפן אַ דאַך, און דער דאַך זאָל זיך האַלטן. איך דאַרף האָבן הענט און פּלייצעס, הינטער וועלכע ס׳זאָל זיך רואיק קאָנען האָדעווען קליינוואַרג...

און ביי דעם איז ער געבליבן.

דורכן ווינטער האָט ער אָפּגעקליבן פּריקאַזטשיקעס פאַר די שליסל־פּונקטן פון די אַרבעטן אויפן זווירנהאָלם.

דער אייז איז אויף די דווינעס אין ריגע דורכגעגאַנגען בשלום. דער זווירנהאָלם האָט זיך אָנגעהויבן באַדעקן מיט גראָז, די יונגע בוימלעך האָבן זיך גענומען אויסבלעטערן, די זון האָט מיט ליכט און פייער געשלאָגן איבערן טייך. וואַרעמע ווינטלעך האָבן געשטיפּט איבער די דווינעס.

באַלד נאָך פּסח האָט עליע געבראַכט ביילקען מיט די קינדער אויפן זווירנהאָלם. און אין אַ וואָך אַרום האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די ערשטע קאַראַוואַנען פּליטן.

מיטן ערשטן קאַראַוואַן פּליטן איז געקומען נחמן טשופּרינע: אַן אולער, אין די ערשטע דרייסיקער. הויך, ברייט, מיט כח פון אַ לייב. ער האָט געאַרבעט ביי פאַרשיידענע וואַלד־סוחרים, סיי אין די וועלדער, סיי אויף די ספּלאָוון. אין זאַוורוכעס, אַז ס׳האָט געקערט הימל און ערד, איז ביי אים די אַרבעט אויף די ספּלאָוון אָנגעגאַנגען מיט פולן אימפּעט. מיט ברייטע פּלייצעס, געדיכטער טשופּרינע און שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, פלעגט ער זיך טראָגן איבער די ספּלאָוון אין זיינע הויכע וואַליקעס פלאַכן פעלצענעם היטל און באַשליק אַרום די אויערן און געטריבן די אַרבעט ווי אַ רוח. אַז נחמן טשופּרינע האָט אימיצן אַראָפּגעלאָזט מיט אַ האַנט, איז דאָרטן שוין מער קיין גראָז ניט געוואַקסן. מ׳האָט זיך פאַר אים געהיט, ווי פאַר פייער. דער עיקר איז ער פלינק געווען אויפן וואַסער: ער האָט געקאָנט לויפן איבער אַ גאַנצן טייך „קליינע וואַלניצע״, און די שטיוול ניט איינגעצן. ער איז אויך געווען אויסגעצייכנט אין רעכענען און שרייבן.

אים האָט עליע איבערגעגעבן דאָס אויפנעמען און איינשטעלן די פּליטן אַרום די ברעגן, דערלאַנגען צום אַרויסשטאַפּלען זיי אויפן זווירנהאָלם, איינשטעלן שמירה איבערן טייך און פירן אַ גאַנץ גענויעם חשבון פון אַלע אָנגעקומענע פּליטן: די צאָל באַלקנס, זייער לענג און

גרעב. ס'איז געווען אַ גרויסע און שווערע אַרבעט. אָבער עליע איז געווען זיכער, אַז נחמן וועט מיט דעם פּאַרטיק ווערן.

מיט אַ צווייטן קאַראַוואַן פּליטן איז געקומען חיים זלמן — אַ טשאַרייער — אויך קיינמאָל ביי שאַמיראַן פריער ניט געאַרבעט. ער איז געווען אַרום די דרייסיקער, אַ טאַטע פון דריי קינדער. ער איז געווען אַ זייער גרויסער מבין אויף ביימער. ער האָט אַקוראַט גע־וואוסט וואָס מ'קאָן אויסאַרבעטן פון יעדן בוים, בלויז אַ קוק טוענדיק אויף אים. אין די גרעסטע פרעסט פלעגט ער אַרומגיין אין אַ קורצן פּעלצל דורכן וואַלד, אין אַ היטל מיט לאַנגע פּעלצענע אויערן און וואַליקעס, ברייט און גיבורדיק. ער פלעגט ווי אַ לייב אַ געשריי טאָן דורכן וואַלד, אַז מ'פלעגט עפּעס טאָן ניט אַזוי, ווי ער האָט געהייסן. ס'איז ניט געווען קיין איין שטאַרקער העקער, אָדער „וואַזטשיק" אין „זיינע" וועלדער, מיט וועלכע ער האָט זיך ניט געבאַרעט און אויסגעצויגן אויף די „לאַפּעטקעס". ער האָט בכיון אַרויסגערופן די שטאַרקסטע צו באַרען זיך מיט אים, כדי זיי זאָלן וויסן מיט וועמען זיי האָבן צו טאָן, און ניט פאַרקריכן אין צרות.

חיים זלמנען האָט עליע איבערגעגעבן די אויסאַרבעטונג פון די געהילצן אויפן האַלעם. אונטער אים האָט ער אָוועקגעשטעלט אַלע טיאַסטשיקעס. ער האָט זיי געדאַרפט אָנווייזן וועלכע מינים געהילצן פון וועלכע שפּאַלן און פון וועלכע ספּליט־האָלץ, אָדער פון איין באַלקן עטלעכע מינים געהילצן. אַרויסקריגן פון די באַלקנס די בעסט־באַצאָלטע געהילצן, איז געווען חיים זלמנס „קאָניאָק". אין דעם איז צו אים קיין גלייכן ניט געווען.

מיט אַ דריטן קאַראַוואַן — איז געקומען פיניע מאָהילניק אויך קיינמאָל פריער ניט געווען ביי שאַמיראַן. אַן אולער, אַ טאַטע פון צוויי קינדער, אין די לעצטע צוואַנציקער. ער איז געווען נידעריק, אָבער ברייט, מיט אַ גראָבן קאַרק און אַ קליין שוואַרץ בערדל. דער גוף איז ביי אים געווען אַ לאַנגער, אָבער די פיס קורצע. די וואַסער־שטיוול זיינען ביי אים אַרויפגעגאַנגען אַזוי הויך, אַז ס'האָט זיך גע־דוכט אַז דער גוף זיצט אויף די סאַמע כאַליאַוועס פון די שטיוול. די אויגן זיינען ביי אים געווען רואיקע און זיכערע, און אַלעמאָל געווען קאַלט.

וועגן אים האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט פאַרן שד אַליין אויך קיין מורא ניט. אין דער ישיבה, וואו ער האָט אַמאָל געלערנט, איז ער געגאַנגען אין אַ געוועט, אַז ער וועט צוועלף אַזייגער באַדערנאַכט,

אין אַ שטורעם און חושך, ברענגען אַ צלם פון אולער מאָהילניק. ס'איז געווען שפּעטער אָסיען.

אין אַ חושך און מוראדיקן שטורעם, איז ער אַריבערגעשפּרונגען דעם וואַל פון מאָהילניק, אַרויסגעריסן אַ צלם און געוואָלט לויפן צו־ריק — האָט ער פּלוצלינג דערפילט, אַז אימיצער אין ווייסן איז אים אַרויפגעשפּרונגען אויפן רוקן און גענומען ווערגן. ניט אַנדערש — דער מת פון אונטערן צלם. אין ערשטן מאָמענט האָט עס אים צע־טומלט. אָבער באַלד געקומען צו זיך, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם מת פאַרן קאָפּ פאַרדרייט אים אין די תכריכים, פאַרוואָרפן אויפן פּלייצע און געבראַכט אין קלויז אינאיינעם מיטן צלם. ס'איז געווען אַ שפּיצל פון די ישיבה־בחורים. מ'איז צעפּלאַצט געוואָרן פון גע־לעכטער, אָבער דער „מת" איז קוים אַ לעבעדיקער אַרויס פון זיינע הענט — דעם צלם האָט מען אויף מאָרגן מיט גוט טונקל צוריק אַריינ־געשטעקט אין זעלבן בערגל.

אין גרויסע געשלעגן פלעגט ער ניט ווערן, אַנטרונען ווערן. אָבער אין סאַמע געדיכטן, אַז בלויז פלעגט זיך שוין גיסן, פלעגט ער אויס־וואַקסן, ווי פון אונטער דער ערד אין סאַמע רוקן פון שונא און אַריינ־קנאַקן מיט אַ פלאַקן אין פּאַטילניצע פון דעם שטאַרקסטן „זאַביאַקע", און אַראָפּגעשלאָגן אים פון די פיס מיטן ערשטן קנאַק, פלעגט ער אַוועקפאָרן איבער די איבעריקע פּאַטילניצעס. און — דער געשלעג איז געווען אויס. דער, וואָס האָט נאָך געקאָנט, איז געלאָפן ווי פון פייער.

אים האָט עליע אַוועקגעשטעלט אָפּצולאָדן פון האָלעם די פּאַר־טיקע געהילצן. ער האָט געדאַרפט איינשטעלן די לאָדונגען פון די ספּליט־האָלץ און שפּאַלן אין די לייוועס, און די טעלעגראַפנע סלופּעס, קאָפּבאַלקן און שיף־מאַסטן אַראָפּקייקלען צוריק אין וואַסער, מאַכן פון זיי לאַנגע פּאַרטייען און אָפּשיקן מיט יאַקאַרשטשיקעס צו די שיפן אין האַפן, און דער עיקר פירן אַ גאַנץ גענויעם חשבון פון אַלץ, וואָס גייט אַוועק צו די שיפן. ער פלעגט אויך דאַרפן אַרויסהעלפן זלמן טשופּרינען, אַז ביי אים פלעגן אָנשווימען צופיל פליטן מיט איין מאָל.

מיט אַ נייעם קאַראַוואַן פליטן איז אָנגעקומען זלמן סאָסנע — אין די ערשטע דרייסיקער, אַן אולער, פון די שאַמיראָס, אַ טאַטע פון קינדער, וואָס האָבן זיך ניט געהאַלטן. וויפיל זיין וויב האָט אים ניט געהאַט, האָט ער מער ווי צוויי ניט געהאַט. זלמן סאָסנע איז געווען

הויך און שטאַרק, ווי אַ דעמב. ס׳האָט פון אים געשלאָגן מיט גבורה. ער האָט געהאַט אַ גאָלדענעם קאָפּ און געקאָנט גוט לערנען, אָבער פון דעם ניט געהאַלטן. אים האָט געצויגן צום וואַלד, צו דער דווינע, צום געהילץ. אויף רעכענען איז ניט געווען קיין גלייכער צו אים. אַלע רעכענונגען האָט ער געמאַכט אויפן קאָפּ און ס׳האָט געשטימט צו דער האָר. אין הויכע שטיוול, אַ געדיכטע בלאָנדע טשופּרינע אויף אַ זייט, מיט אַ טיכל, אָנשטאָט אַ שניפּס אַרום האַלדז, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטשן, אויף וועלכן מ׳קאָן זיך פאַרלאָזן וואו ס׳זאָל ניט זיין.

אים האָט עליע אָוועקגעשטעלט אין האַפן ביים אָפּלאָדן די געהילצן אין די שיפן, און זען, אַז קיין איין שוועבעלע זאָל ניט אַריין אין די שיפן ניט אונטערגעשריבן פון די קאַפּיטאַנען. עליע האָט דאָס געהאַלטן פאַר דעם וויכטיקסטן שליסל־פונקט. וואָרים ער האָט געוואוסט, אַז ס׳איז גענוג אויף איין ווילע צומאַכן מיט אַן אויג — גאַנצע קייטן־אַכאַפּקעס מיט געהילצן זאָלן פאַרשווינדן אין די בייכער פון די שיפן און זאָלן אַריין ווי אין וואַסער.

דער לעצטער איז געקומען קאָפּל־מאיר, אַ טשאַרייער, אין די דרייסיקער, אַ טאַטע פון צוויי קינדער. ער איז געווען אַ וועלטל פאַר זיך. ער איז געווען עליעס רעכטע האַנט אין די וועלדער. ער איז געווען פול איבעראַל: געווען ביי וואַליען די ביימער אין די וועלדער; געווען אויף די ספּלאַוון, אויב מ׳האָט געדאַרפט; ביים אַראָפּלאָזן די פּליטן מיטן ערשטן וואַסער קיין ריגע; ער איז געפאָרן צו דער נאָענטסטער פאַטשט אָפּנעמען בריוו און געלט פון ריגער קאַנטאָר אויסצוצאָלן די העקערס און וואָזשיקעס, ווי אויך אָפּנעמען און אָפּשיקן בריוו פון די פּריקאַזשיקעס צו די ווייבער און פון די ווייבער צו די פּריקאַזשיקעס. אויסער דעם איז ער געווען דער, וואָס פלעגט אָנדינגען העקערס, וואָזשיקעס, ספּלאַווטשיקעס און גאַנשטשיקעס. אים האָבן אַלע געקענט און אַלע געוואוסט אין די דערפער, אַרום וועלכע ס׳איז אָנגעגאַנגען דאָס האַקן פון שאַמיראָס וועלדער.

ער איז געווען דער נידעריקסטער צווישן אַלע שאַמיראָס פּריקאַזשיקעס. ער איז אָבער געווען בריית און קרעפּקע אין די פּלייצעס, מיט אַ פּאָר הענט, פאַר וועלכע מ׳האָט זיך געדאַרפט היטן. אויב אימיצער האָט געמאַכט דעם טעות און זיך פאַרטשעפּעט מיט אים — פלעגט יענער נאָכדעם אַרומגיין אַ היפּשע צייט אַ הוסטנדיקער. אין אַ קורצן פּעלצל און אַ ווייסן פוטערנעם היטעלע האָט ער זיך זייער

גוט אַריינגעפּאַסט אין עליעס אונטערגעקליבענעם עולם. פון שאַמי־ראָס משפּחה — האָט ער זיך געהאַלטן פאַר אַ יחסן.

קאָפּל־מאירן האָט עליע איבערגעגעבן כמעט די זעלביקע אַרבעט: אַנדינגען מענטשן, אויסצאָלן שכירות, אויספירן נויטיקע שליחותן, האַלטן אונטער אויפזיכט די קאַנטאָר און פאַרבייטן אים, אַז ער וועט דאַרפן אוועקפאָרן פון האַלעם.

ווי נאָר ס׳האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען די פליטן, האָבן די שטאַפּלער אַריבערגעפירט זייערע פערד אויפן האַלעם. עס זיינען אַריבערגעקומען די יאַקאָרשטשיקעס, טיאַסטשיקעס און אַנדערע מינים אַרבעטער, וואָס עליע האָט אָנגעדונגען לעצטן האַרבסט. מ׳האָט אַרויסגעשלעפּט באַלקנס פון וואַסער און אויסגעלייגט פון זיי אין אַ צענדליק ערטער ברייטע הילצערנע „רעלסן" אין יונגן גראָז. מ׳האָט פון זיי אַראָפּגעשיילט די קאָרע, די „רעלסן" זאָלן זיין גליטשיק. מ׳האָט צעשטעלט די פערד מיט די לאַנגע קייטן ביים רעכטן וואַסער פון ביידע זייטן פון די „רעלסן", יאַקאָרשטשיקעס האָבן, שטייענדיק אין וואַסער ביז די אויערלעך פון זייערע וואַסער־שטיוול, מיט די עקן פון די קייטן פאַרטשעפּעט צו דריי־פיר באַלקנס מיט אַמאָל, און די פערד האָבן זיי פאַר ביידע עקן אַרויפגעשלעפּט ווייט אַרויף אויף די „רעלסן". אַרבעטער ביי די עקן פון די „רעלסן", האָבן אַראָפּגעוואָרפן די קייטן פון די באַלקנס און צונויפגעקייקלט זיי אין גלייכע רייען, און די פערד זיינען געגאַנגען נאָך נייע באַלקנס. די באַלקנס זיינען אויפן ברעג גע־וואַקסן צו עטלעכע הונדערט אין אַ שורה. אויף דער ערשטער שורה האָט מען געלייגט נייע „רעלסן" — איצט שוין פון שטאַנגען — און אויף זיי נייע שורות, ווידער „רעלסן" און — ווייטערדיקע שורות, און אַזוי ביז שטאַפּלען אין אַנדערהאַלבן צענדליק שורות הויך.

עס זיינען געוואַקסן די צאָל פון די שטאַפּלען און די הויך פון די שטאַפּלען איבער כמעט דער גאַנצער לענג און ברייט פונעם האַלעם. בלויז איין ווינקל איז געבליבן פאַר צוקונפטיקע אויסאַרבעטונגען. אין איין צייט מיטן שטאַפּלען, זיינען אַ צענדליק אַרטעלן, טיאַסטשיקעס צוגעטראָטן אַרבעטן פון די באַלקנס טעלעגראַפנע סלופּעס, שיף־מאַסטן, קאַפּבאַלקן, שפּאַלן און ספּליטהאָלץ.

די אַרטעלן טיאַסטשיקעס האָבן זיך אַריבערגעקליבן אויפן האַ־לעם. ניט נאָר מיט זייערע העק און זעגן, נאָר אויך מיט טעפּ, קעס־

לען, אַנדערע אַפּילו מיט זייערע יום טובדיקע קליידער. זיי האָבן מיט זיך אויך געבראַכט קעכינס צו קאָכן פֿאַר זיי די מאָלצייטן. זיי האָבן אויפגעשלאָגן פֿאַר זיך ביידלעך און איין שותּפותדיקע ביידל פֿאַר די קעכינס. דאָס האָט פֿאַרשפּאָרט צו פֿאָרן אַלע טאָג אַהיים. און אַר־בעטנדיק פון פוס, האָבן זיי געקאָנט אַרבעטן, ווי שפּעט זיי האָבן גע־וואָלט. פון טונקל ביז טונקל האָבן דעריבער געקלונגען די טיאָס־העק און געזשומעט די זעגן, ביז שפּעט אין די נעכט האָבן געראויכערט שייטערן און רויטע זיילן האָבן זיך געטראָגן איבערן טייך.

די אַרבעטן האָט עליע אָוועקגעשטעלט ברייט, און פון דער ערשטער מינוט אָן זיינען אַלע געווען אַריבערן קאָפּ אין דער אַרבעט. יעדער פריקאַזטשיק האָט פון זיין שליסל־פונקט געטריבן די אַרבעט מיט מוראדיקן אימפּעט. די ערשטע פּאַרטיעס געהילצן האָבן אונטער אַלע אומשטענדן געמוזט באַלד גיין צו די שיפן. עליע האָט געאַרבעט אויסערגעוויינלעך שווער. ער איז געווען איבעראַל: אי אויפן האַ־לעם, אי אויף דער דווינע, אי ביים אָפּלאָדן די געהילצן פון האָלעם, אי ביי די שיפן אין האַפן. ס'איז ניט געווען קיין איין ווינקעלע אין די אַרבעטן, וואו ער איז ניט געווען און געוויזן ווי איינצושטעלן די אַרבעטן.

אַז די ערשטע אָפּליווערונגען צו די שיפן זיינען געמאַכט געוואָרן, און די אַרבעטן האָבן זיך איינגעשטעלט, האָט זיך עליע גענומען פֿאַר די אַנדערע זייער וויכטיקע זאַכן. זיי זיינען דירעקט ניט געווען פֿאַר־בונדן מיט די אויסאַרבעטונגען פון די געהילצן, אָבער זיינען געווען פון גרויס וויכטיקייט: אַז אַלץ וועט זיך איינשטעלן, וועט אויפן האַ־לעם זיין אַ צענדליק יידישע געזינדן. אָן אַ חדר, אָן אַ מלמד, אָן אַ בית מדרש — אַ שבת, אַ יום טוב, אַ קדיש, אַ יזכור — ווי קאָן מען אָן דעם אויסקומען? ער האָט פריער קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן אַזעלכע זאַכן, אָבער איצטער האָט ער דערפילט, אַז אויף אים ליגט די גאַנצע אחריות פאַר דעם. ווער קאָן עס באַזאָרגן, אויב ניט ער? ער האָט עס געזען אין רעכטן אָנהויב, כאָטש ניט מיט דער גאַנצער קלאָר־קייט, ווי איצט.

ער האָט געזען, אַז ניט אַלץ וועט מעגלעך זיין צו שאַפן מיטאַמאָל, אָבער עטלעכע זאַכן האָט מען ניט געטאָרט אָפּלייגן. ביים בויען זיין מייקע, האָט ער עס געהאָט אין זינען און אויסגעטיילט אַ באַזונדערן חדר פֿאַר דאַוונען בציבור. דאָ וועט מען אָוועקשטעלן אַן אָרון קודש. צו קריגן אַ ספר תּורה, האָט ער אָוועקגעשריבן אַ בריוו צום טשאַשני־

קער רב און געבעטן, אַז טשאַשניק זאָל אים אויסלייזן אַ ספר תורה פאַר אַ מנין, ביז מ'וועט זיין בכח צו לאָזן שרייבן אַן אייגענע ספר תורה. וועגן אַ רבין פאַר די קינדער איז אויך ניט געווען קיין סך רייד, אָבער ער האָט ניט געזען וואו ער קאָן איצט קריגן אַ רבין פאַר זיי. פון אויג אַרויסלאָזן עס, האָט מען אָבער ניט געטאָרט. וועגן פליישיקס און מילכיקס און אַנדערע שאלות, וועט מען זיך דערווייל באַגיין, ווי מ'וועט קאָנען. שפּעטער וועט מען זען.

פון די אַנדערע גרויסע זאַכן איז געווען — וואָס גיכער צו קריגן דורכן קאָנטאָר „פּראָוואָזשיטעלסטוואָ" פאַר די פּריקאַזטשיקעס אונטער אים. זיי זאָלן קאָנען אַראָפּברענגען אויפן האָלעם זייערע ווייבער מיט די קינדער: זיי זאָלן וויסן, אַז דאָ איז ניט נאָר זייער ברוֹיט, נאָר זייער גאַנצער לייב און לעבן; אַז דער „זווירנהאָלם" איז אַ טייל פון זיי און זיי פון אים פאַר אַ לאַנג־לאַנגער צייט; זיי זאָלן אים היטן ווי די אויגן אין קאָפּ.

פון די ניט וויכטיקע זאַכן איז ביי אים געווען — איינ־שטעלן אַ פּאַראָם פון האָלעם צו דער מאָסקווער פּאַרשטאָט — מ'זאָל קאָנען פון פּאַרשטאָט ברענגען די פערד און ניט דאַרפן זיי אַריבער־פירן אויפן האָלעם שווימענדיק. און דער עיקר — פּאַזשאַרנע זאָל קאָנען אַראָפּקומען אויפן האָלעם: טאָמער מאַכט זיך אַ שרפה, זאָל אַלץ ניט אַוועקגיין מיטן רויך.

אויף שבועות האָט קאָפּל־מאיר געבראַכט פון טשאַשניק אַ ספר תורה. צו דער צייט איז שוין אין חדר, וואָס עליע האָט אויס־געטיילט פאַר דאַווענען בציבור, געשטאַנען אַן אָרון קודש מיט אַ שיינעם פּרוכת, וואָס ביילקע האָט אויסגענייט. לעבן אָרון קודש איז געשטאַנען אַן עמוּד מיט עטלעכע ערטער פאַר ליכט. אין מיטן חדר איז געשטאַנען אַ שולחן פאַר קריאת התורה, צוגעדעקט מיט טישטוכל. און פון ביידע זייטן זיינען געשטאַנען צו עטלעכע לאַנגע הילצערנע בענק. ס'האָט אויסגעקוקט, ווי אַן אמת שולכל.

עליע מיט די פּריקאַזטשיקעס זיינען געווען אינגאַנצן זעקס. צו אַן אייגענעם מנין האָט געפעלט. אויף די דווינעס זיינען אָבער גע־גען צעוואָרפן יידישע פּריקאַזטשיקעס און אַנדערע וואַלד־יידן. האָט עליע באַשלאָסן צו פּראָוון אַ שבועות מיט אַלע פּיטשעווקס און טאָקע

מיט אַ שבועותדיקן דאַוונען ביי אים אין שולכל, מיט אַ בעל תפילה ביים עמוד און מיט קריאת התורה.

האַיאַריקער שבועות איז אויסגעפאַלן דינסטיק און מיטוואָך. ס'איז דעריבער געווען די מורא, אַז די פרעמדע פריקאַזטשיקעס אויף די דווינעס וועלן זיך ניט קאָנען אַרויסרייסן אויף יום טוב: די אַר־בעטן וועלן דאָך אָנגיין אויף די דווינעס, ווי אין אַלע וואָכעדיקע טעג. עליע האָט דעריבער אָנגעזאָגט אַלע זיינע מענטשן, אַז וואו מ'וועט זען אַ יידן, זאָל מען אים פאַרבעטן צו אים אויף שבועות, און מ'זאָל דערביי זאָגן: אַז ביי אים איז אַ צווייענדיקער יום טוב: ערשטנס, דער שבועות אַליין, און צווייטנס אַ חנוכת הבית, און ער בעט זייער שטאַרק מ'זאָל קומען.

די שטוב ביי עליען איז נאָך כמעט אינגאַנצן געווען לידיק. ס'איז געווען אַ טיש מיט עטלעכע שטולן, אַ בעט, אַ בעטל פאַרן עלטערן ייִנגל, פאַר אַרעלען, און פאַר דעם ייִנגסטן פייטען — אַ קינדער־וויגעלע. דאָס איז געווען דאָס גאַנצע מעבל. ביילקע האָט אָבער אויסגעפוצט די מייקע מיט אַלץ וואָס זי האָט געהאַט. ניט געקוקט אויף דער אָרימקייט אין מעבל, האָט פון יעדן ווינקעלע געשלאָגן מיט יום טוב.

און אָנגעבאַקט און אָנגעקאָכט האָט ביילקע וואָס נאָר זי האָט געקאָנט. עס איז געווען דער ערשטער יום טוב אויף איר ביי־פאַרנו־מענעם לעבן. זי האָט ניט נאָר אָנגעבאַקן לעקעכן מיט טאָרטן, נאָר אויך אויסגעפרעגלט טייגל און איינגעמאַכטס.

צו אַלעמענס פרייד האָט זיך צום ערשטן שבועותדיקן דאַוונען אָנגעקליבן צוויי צענדליק יידן — פריקאַזטשיקעס פון אַנדערע וואַלד־סוחרים, וואַלד־און־געהילץ־יידן, און צווישן זיי עטלעכע, וועלכע עליע האָט קיינמאָל ניט געזען אויף די דווינעס. איינער איז אַפילו געקומען מיט זיין ווייבל.

איינער פון זיי איז געווען ישראל יאַקאַרשטשיק, אַ ייד אין די דרייסיקער, אַ הויכער, אַ ברייטער, מיט גרויסע, שאַרפע אַרויס־סטאַרטשענדיקע אויגן, מיט אַ קורץ, שוואַרץ, ווילד בערדל, אין הויכע וואַסער־שטיוול, אין אַן אַלטן רעקל, אַן איבערגעדרייטער אַלטער הוט אויף אַ זייט מיט אַ טיכל אַרום האַלדז. אויסגעקוקט האָט ער, ווי אַ גיבורדיקער לאַטיש. קיינעם וואָלט ניט איינגעפאַלן, אַז ער איז אַ ייד.

— פון וואַנענט קומט מען? — האָט אים עליע אויפגענומען גאַסט־פריינטלעך און מיט פאַרוואונדערונג.

— אַ טשאַרייער. מיט ווייב און עטלעכע ווערים אויף דער „טרוקענער".

— אין אַ ביידל? — האָט עליע נאָך מער פאַרוואונדערט גע־פרעגט.

— אין אַ ביידל אויף אַ פליט. — האָט ישראל געענטפערט, ווי וועגן אַ זאַך, פון וואָס ס’איז ניטאָ וואָס נתפעל צו ווערן.

— מסתמא ביז אַרויסקריגן „פּראַוואָזשיטעלסטאָ"? דאָ אויס־זיכטן? — האָט עליע ניט אַנדערש פאַרשטאַנען דאָס זיין מיט ווייב און קינדער אויף אַ פליט. מ’קאָן דאָך אַזוי אַ גאַנצן לעבן ניט אָפּ־לעבן.

— כ’האָף. דערווייַלע האָב איך זיי אין דר’ערד. אויף דער מאָרדע הענגט ביי מיר אַ גאַנצער קלויסטער און ווייבער דאַרפן ניט קיין מילה. אַלץ איז כשר, ווי אַ צלם איבער חגא־גלעקער... פאַרלייקענען זיך וויל איך ניט, און דעם אמת זאָגן קיינעם ניט מחויב...

— פאַר דעם וועט מען הייַנט דאַרפן מאַכן אַ ברייטן לחיים. — האָט עליע שמייכלענדיק געזאָגט און אים געבעטן זיך האַלטן נאָענט צום זווירנהאָלם. — ס’וועט זיין גוט פאַר אַ מנין און אַרבעט קאָן אויך ביי מיר זיין דאָ.

דער אַנדערער איז געווען אברהם לאָפּאַטע. דאָס איז געווען אַ מאַן אין די לעצטע צוואַנציקער, מיטלוואוקסיק מיט ברייטע פּלייצן, מיט שטאַרקע, צעשפּרייטע פיס. אַ קאָפּ האָט ער געהאַט אַ גרויסן, אַ קיילעכדיקן, מיט אַ רויט פּנים, אויסגעסמאַליעט פון זון און ווינטן, אויגן האָט ער געהאַט קליינע, גרינע און זייער שאַרפע, כאָטש אַביסל פאַרחלומטע. זיינע האָר זיינען געווען דורכגעפליכלט אין מערערע ער־טער, ווי אויסגעקראַכן פון אַן אויסשיט אַמאָל. און אַ בערדל — אַ בלאָנדס און זייער שיטערס, ווי די הערעלעך וואָלטן זיך געהאַלטן אין איין קווענקלען צי זיי זאָלן אַרויסקריכן אינגאַנצן פון מאָרדע, צי לאָזן אים צורו — ער וועט אפשר מיט אַ ברעקל שיטער בערדל אויסמאַכן אַ סך בעסער. ער האָט געטראָגן אַ היטל מיטן קאָזיראַק אויף אַ זייט, מיט אַ ריטעלע אין רעכטער זייט מויל. ער איז געקומען מיט זיין ווייבל, ריישען — אַ געזונט שטאַרק ווייבל, עפּעס יינגער פון אים מיט רויטע פולע באַקן, ליכטיקע אויגן, לאַנגע בלאָנדע צעפּ און זייער

אַ הויכן בוזים. די קליידער אירע זיינען געווען נייע און אין שאַרפע שיקסע־קאָלירן. האָט אויסגעקוקט, ווי פאַרפוצט.

— דער באַלעבאָס? — איז אברהם צוגעגאַנגען צו עליען.

— דער באַלעבאָס — האָט עליע גאַסטפריינטלעך געענטפערט, באַטראַכטנדיק אברהמען מיט זיין ווייבל.

— אַ פּאַלעץ! — האָט אברהם לאַפּאַטע געזאָגט אַרומוואַרפנדיק די מייקע מיט זיינע קליינע, גרינע, שאַרפע אויגן. — מיר ווען אונדזערע אויפשטעלן ניט ווייט פון דאַנענט. אַ פּאַלעץ! — האָט ער זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערן פון דער גרויס און שיינקייט פון דער מייקע.

— לאַנג אין די מקומות? — האָט עליע אים געפרעגט. — איך קיינמאָל ניט געזען אויף די דווינעס.

— אַ קורלענדער. געאַרבעט אויף שיפן. ניט לאַנג דאָ. — האָט אברהם געענטפערט.

— ווי־זשע קומט איר אַהער?

— אָט געטראָפן מיינע — אין ליבאַווער האַפן, חתונה געהאַט. געגנוג זיך וואַלגערן אויף די שיפן! אויפן רוקן פון אַ וואַלפיש קאָן מען קיין פּלעקער פאַר צווייען ניט אַריינשלאָגן!...

— ווייט פון דאַנענט?

— אויף די פּליטן. וואו ס׳מאַכט זיך. רעכענען זיך אַריבער־קלייבן אַהער. אונדז געפעלט דער שפּיץ האָלעם, אויפן בערגל. אַ וואויל ערטל!...

— קורלענדער? טאָ פאַרוואָס אויפן טייך? האָבן דאָך וואוינ־רעכט אין ריגע. — האָט זיך עליע געוואונדערט.

— אַז מ׳קומט פון ים, קאָן מען ווייט פון וואַסער ניט אַוועק. און מיט ליידיקן פון ים, דאַרף מען אַלץ אָנהויבן פון ס׳ניי...

— דאָ אַרבעט?

— ניט צו פּיל. אָבער... — אַ פּאַלעץ! אַ פּאַלעץ!...

עליע האָט אים אַריינגעפירט אין שוהלכל, און אַוועק אויפנעמען אַנדערע יידן.

ריישע איז אַוועק צו ביילקען אין קיך און זיך פלינק אַריינגע־וואָרפן אין העלפן צוגרייטן אַלץ פאַרן שבועותדיקן וואַרמעס.

— אַז מ׳איז די גאַנצע צייט מיטן באַהאַר אויפן טייך, איז די גאַנצע קאַכעכטס אויף אַ פּייער אַרום ביידל, — האָט ריישע געזאָגט

ביילקען. — דער הימל איז אַ רעגנדיקער דאַך און לאָזט זיך ניט פאַר־שטעקן... אָבער אַראָפּ פון ים, וועט אויך זיין אַ דאַך. ס׳איז שווער־לעך, אָבער ס׳וועט זיין! אַוועק פון ליבאַו, ווייל בלייבן דאָרטן, וואָלט אים ווידער פאַרשלעפּט אויף די שיפן...

דאָ איז אויך געווען ירוחם־בער. אַ הויכער, געזונטער יאַקאָרש־טשיק, מיט אַ קורץ, שפּיציק בערדל, אין די ערשטע דרייסיקער, אָבער שוין מיט גרויע האָר אַרום די שלייפן און דער שטערן פול מיט קנייטשן. ער איז געווען אין הויכע וואַסער־שטיוול און אין אַ היטל מיט אַ בלישטשענדיקן קאָזיראָק. די קליידער אויף אים זיינען גע־ווען אָפּגעטראָגן, אָבער ריין. אויגן האָט ער געהאַט פאַרמאַכטע און שאַרף געקוקט ערגעץ. דאָס פּנים איז געווען ביז שוואַרץ פאַרברענט פון דער זון. גערעדט האָט ער צו קיינעם ניט. געקומען, געזאָגט אַלעמען אַ „גוט יום־טוב״, אָנגעטאָן דעם טלית און זיך געשטעלט ניט ווייט פון אָרון קודש.

אים האָט עליע געטראָפן עטלעכע מאָל אין די וועלדער, אויף פאַרשיידענע טייכן און כמעט אַלע זומערן אויף די דווינעס. געאַר־בעט האָט ער ביי וואָס ס׳האָט זיך געמאַכט. קיין שטענדיקע שטעלע ניט געהאַט. עליע האָט וועגן אים אויך געהערט אין טשאַשניק. מ׳האָט דערציילט, אַז ער האָט צו ניינצן יאָר געהאַט סמיכה אויף רבנות. חתונה געהאַט און געווען אויף קעסט ביים שווער אין טשאַריי. גע־זעסן און געלערנט. נאָך אַ שווערער תורה־מחלוקה מיטן שווער, האָט ער פאַרלאָזן ווייב און קינדער און אַוועק זוכן מלאכה ביי געהילצן. די קינדער זיינען ביי אים געשטאָרבן און דאָס ווייב איז ביי איר טאַטן אין טשאַריי.

געדאַוונט שחרית האָט פּיניע מאַהילניק. מוסף האָט געדאַוונט זלמן סאָסנע. און אַזוי ווי ס׳איז ניט געווען ווער, האָט געלייענט די תורה ירוחם־בער. ווי שמחת תורה האָט ער געלייענט עטלעכע מאָל די סדרה, כדי יעדערן אויפצורופן. מפטיר האָט ער אויפגערופן עליען. דערביי האָט ער אים געזאָגט, אַז ער האָט אים אויפגערופן מפטיר ניט ווייל ס׳איז זיין שמחה, נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט דעם מפטיר פאַרדינט: ס׳קומט אים, ווי אַ שכר פאַר יצירה פון זייער אַ הויכער מדרגה — אַ שמחת יחיד פאַרוואַנדלט אין אַ שמחת רבים. ירוחם־בער האָט דאָס געזאָגט שטיל, ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אָן אַ ברעקל חניפה אין דעם.

קיינער האָט ניט געכאַפּט וואָס ער האָט געזאָגט. עליע האָט

געמאַכט די ברכה, נאָכדעם געזאָגט די הפטרה און וועגן דעם, וואָס ירוחם־בער האָט געזאָגט, האָבן אַלע פאַרגעסן.

נאָכן דאַוונען האָבן זיך אַלע צעזעצט אַרום געגרייטן טיש — אויף די לאַנגע בענק, וואָס מ׳האָט אַרויסגענומען פון שולכל.ביילקע און ריישע האָבן געסאַרווערט. מ׳האָט געמאַכט די ערשטע „לחיימס״, צוגעביסן, נאָכדעם געמאַכט נאָך צו „לחיימס״. אַלע האָבן זיך געפונען אין אַן אויפגעיום־טובטער התלהבות און געוואונטשן עליען און ביילקען געזונט און דערלעבן נחת פון די קינדער און קינדס קינדער אין די נייע אייגענע פיר ווינקעלעך. זלמן סאָסנע האָט אָנגעהויבן זינגען און אַלע האָבן אים אונטערגעהאַלטן.

ירוחם־בער האָט ניט געטרונקען און ניט געגעסן. איז געזעסן פאַרטראַכט. מיטאַמאָל האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט, אָנגעגאָסן אַ גלעזל בראָנפן, זיך אויפגעשטעלט, גענומען ס׳גלעזל אין האַנט אַ גלעט געטאָן ס׳בערדל און זיך געווענדט צו אַלעמען:

— איך טרינק ניט און כ׳וויס ניט, ווי גלייך כ׳וועל קאָנען אַרויסגיין פון דעם חדר נאָך דעם גלעזל. היינט פיל איך אָבער, אַז מ׳דאַרף נעמען אַ קאַפּעטשקע, אַפילו כ׳זאָל אַ שטיקל צייט דאַרפן נאָכדעם אַרומגיין קרומלעך... נעמען אַ קאַפּעטשקע, צו ווינטשן אַלעמען אַ „לחיים״ און די בעל־שמחות אַ מזל־טוב און אַ יישר כח. כדי כ׳זאָל קאָנען זאָגן די פּאָר ווערטער ניכטערערהייט, וועל איך דאָס טרינקען לאָזן אויף שפּעטער.

אַלע האָבן איבערראַשטע געקוקט אויף אים און געוואַרט. ירוחם־בער האָט געטראַכט אַ ווײַלע, נאָכדעם פאַרגעזעצט:

— אין מיין אייגענעם לעבן זיינען ניטאָ קיין סך יום־טובים. דער ים פון ספקות איז דער טיפסטער. אין אים איז גאָר אינגאַנצן ניטאָ קיין גרונט. ס׳איז דאָך אַזוי שווער אויף אים צו ווינטשן זיך אַליין אַ „לחיים״. בלויז די, וואָס זעגלען דורך די דאָזיקע אָפּגרונטן, ווייסן וויפל אַנהאַלט ס׳וואָלט געגעבן אַ מיטאַמאָל אויפגעלויכטענער פייערל ערגעץ אין דער ווייט, אַ ווייט ליכטיק אינדזועלע אינעם חושך. האָפענונג אויף אַזאַ ליכטיק פינטעלע איז דאָס איינציקע, וואָס האַלט נאָך אָפּ פון פאַרזינקען...

ירוחם־בער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געטראַכט אַ ווײַלע, נאָכדעם ווידער פאַרגעזעצט:

— דעם רבונו של עולמס יצירה האָט זיך ניט פאַרענדיקט אין זעקס טעג. די יצירה גייט אָן יום ולילה, און וועט אַזוי אָנגיין, אייביק

אַנגיין. ווי לאַנג, אַז דאָ וואו מיר זיצן איצט און פּראַווען דעם ערשטן יום־טוב, איז ניט געווען קיין סימן פון יבשה? ... און אָט ... — אַז ס׳ווערט כמים עד נפש, דערשטיקט צו ווערן, רוקט זיך אַרויס, פון וואַסער אַרויס, אַ שטיקל יבשה, און ס׳איז דאָ אַ נייער אָנהאַלט, אַ נייער אָנשפּאַר! ... ווער עס שלאָגט אַריין דעם בראשית־פּלעקל — ציט אויף דעם ערשטן געצעלט פון אַ נייעם ישוב. דאָס איז יצירה פון אַ זייער הויכער מדרגה. אין דעם דאָזיקן בן־אדם איז דער צלם אלוקים אין זיין שאַרפסטער אויסשטראַלונג.

ירוחם־בער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעהויבן דעם קעלישעק און פאַרענדיקט:

— לחיים, באַלעבאָס, לחיים, באַלעבאָסטע. זאָל זיין מיט הצלחה. היינט איז דער יום־טוב פון מתן תורתנו. די תורה איז ניט דאָרטן, וואו עס שטייט דער ספר. די תורה איז דאָרט, וואו דער בן־אדם שפּינט ווייטער דעם רבונו של עולמס יצירה און ווערט מיט דעם — אדם בצלם אלוקים ...

ירוחם־בער האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע, און אויפהויבנ־דיק נאָך העכער דעם קעלישעק, פאַרענדיקט מיטן לעצטן וואונטש:

— מזל טוב, בעל שמחות, מזל טוב! לחיים, אַלע!

ער האָט אָפּגעטרונקען אַביסל פון זיין גלעזל, זיך אַוועקגעזעצט און פאַרביסן מיט אַ שטיקל לעקעך.

— גאָלדענע ווערטער! — האָט זלמן סאָסנע אַ באַגייסטערטער אויסגעשריגן. — לאָמיר אַלע טרינקען פאַר די גאָלדענע ווערטער! עליע! דעם יידן טאָר מען פון די הענט ניט אַרויסלאָזן! דאָס איז, וואָס מיר ווילן דאָ דאַרפן האָבן! ... לחיים! ...

אַלע האָבן געטרונקען פאַר די „גאָלדענע ווערטער״, אָבער אויסער זלמן סאָסנען, האָט קיינער ניט אויפגעכאַפּט, וואָס ירוחם־בער האָט געזאָגט.

מ׳האָט געגעסן און געטרונקען און געהוליעט, ביז שפּעט אין דער שבועותדיקער נאַכט אַריין. ס׳איז געווען אַ שבועות, וואָס די צוויי צענדליק יידן האָבן אַ סך, אַ סך יאָרן ניט געהאַט.

דער יום טוב איז אַריבער, דער בראָנפן האָט זיך אויסגעוועפּט, אָבער ירוחם־בערס ווערטער זיינען ניט פאַרלאָרן געגאַנגען. מער פון אַלעמען האָט געטראַכט וועגן זיי עליע. ער האָט זיי ניט פאַרשטאַנען, אָבער אָפּגעלאָזן האָבן זיי אים ניט.

א פינף וואָכן נאָך שבועות האָט עליע, דורך שאַמיראָס קאַנטאָר, אַרויסגעקראָגן ציטווייליקע וואוינרעכט פאַר אַלע זיינע פּרי־קאַזטשיקעס — זיי זאָלן זיך קאָנען פריי אַ קער טאָן און ניט דאַרפן מורא האָבן אַז מ׳קאָן זיי יעדע מינוט אַרעסטירן און אַרויסשיקן פון ריגע. כל זמן זיי וועלן זיין ביי שאַמיראָן, זיינען זיי זיכער מיט זייערע רעכטן.

צו פאַרוואָרצלען זיי, האָט עליע פאַרגעלייגט, זיי זאָלן זיך שטעלן בויען מייקעס אויפן האָלעם — ס׳זאָל זיין וואוהין אַראָפּצוברענגען די ווייבער מיט די קינדער. געהילף פאַר די מייקעס און געלט צום בויען וועט אויסלייען די קאַנטאָר און נאָכדעם צו ביסלעך אַראָפּרעכענען פון די שכירות.

די פריקאַזטשיקעס האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם און זיך גענומען גרייטן צום בויען.

ווי נאָר מ׳האָט זיך געשטעלט זעגן די ערשטע באַלקנס אויף ברעטער פאַר די מייקעס, האָט זיך אַרויפגעקליבן אויפן אויפגעבערגלטן שפּיץ האָלעם אברהם לאַפּאַטע מיט זיין ריישען. זיי האָבן קיינעם ניט געפרעגט, צוגעפאָרן מיט זייער שיפל און אויפגעשטעלט אַ שטרויענע ביידל ניט ווייט פון וואַסער. איבערגעשלאָפן די ערשטע נאַכט אויפן האָלעם, האָבן זיי נאָכדעם יעדן אָונט געבראַכט מיט זיך פון טייך אויפגעכאַפּטע באַלקנס און ברעטער, און זיי אַרויפגעשלעפּט אויפן ברעג ניט ווייט פון זייער ביידל.

אין דער זעלבער וואָך האָט זיך אויך אַרויפגעקליבן אויפן האָלעם ישראל יאַקאָרשטשיק מיט זיין גרויסער, רויטלעכער און הויך־בוזימ־דיקער דבורה־בריינען, מיט זייערע צוויי באָרוועסע, פאַרשמייעטע שטיפערלעך —ביידע מיט ברענענדיקע אויגעלעך און אויסגעשמירטע פּיסקלעך.

ישראל יאַקאָרשטשיק איז געקומען מיט זיין פאַרטיקן ביידל פון ברעטער. ער האָט מיט זיך געבראַכט אַ קאַסטן, סעניקעס, טעפּ, קעסעלעך, אַ טשייניק און צוויי זעק מיט כאַרטש. אין איין שעה צייט איז שוין זיין ביידל געוועזן אויפן ברעג ניט ווייט פון אברהם לאַפּאַטעס. דבורה־בריינע מיט איר צוויי־עמערדיקן בוזים האָט גלייך צעלייגט אַ פייער ביים ברעג, און איבער אים אויפגעהאַנגען אַ קעסל מיט בולבעס און אַ טשייניק מיט וואַסער פאַר טיי. אַז דאָס ביידל איז פאַרטיק געוואָרן, האָבן זיך ישראל מיט דבורה־בריינען געזעצט אויף קלעצלעך אַרום פייער, געשלעפּט די הייסע בולבעס פון קעסל, גע־

שיילט, באַשאָטן מיט זאַלץ, געגעבן די קינדער און אַליין געגעסן מיט ברויט און פּאַרטרונקען מיט טיי. אײנמיטן עסן האָט דבורה־ברײנע גענומען דעם ייִנגערן ייִנגל — זאַוועלען — אַ דריי יאָריקן געזונטן פּוכ־טשערטיק מיט גרויסע שאַרפע צײנדלעך און בלישטשענדיקע אויג־לעך אים אַרײנגעוואָרפן אין שויס, אַרײנגערוקט אים אַ גרויסע ברוסט אין מויל און ווייטער געגעסן די בולבעס מיט ברויט און פּאַרטרונ־קען מיט טיי...

די שנעלקייט מיט וועלכער ישראל יאַקאַרשטשיק מיט דבורה־ברײנען האָבן זיך אַריבערגעקליבן אויפן האַלעם, האָט געוויזן, אַז ס'איז ביי זיי ניט קיין נייעס אַ שפּרונג צו טאָן פון איין פּליט אויפן אַנ־דערן.

פּאַר אברהם לאַפּאַטען מיט ריישען איז ישראל יאַקאַרשטשיקס מיט דבורה־ברײנעס שכנות געווען זייער שטאַרק צום האַרצן. יעדן טאָג, וואָס זיי זיינען אַוועקגעפאָרן אויפן טייך אַרבעטן און געלאָזן זייער ביידל מיט עטלעכע זאַכן — די וויכטיקערע זאַכן האָבן זיי גע־האַלטן אין שיפל — האָבן זיי ניט געוואוסט, צי זיי וועלן עס געפי־נען צי מ'וועט עס אַוועקשלעפּן. אַז זייער ביידל איז געשטאַנען אויף אַ פּליט, האָבן זיי געוואוסט אַז קיינער וועט ניט נעמען. אַ סך ביידלעך אויפן טייך און קיינער נעמט ניט: מ'היט איינער דעם אַנדערנס. אָבער אויפן האַלעם מיט אַזוי פיל אומבאַקאַנטע טיאַסטשיקעס און גרוזטשיקעס — ווער ווייסט?

מיט דבורה־ברײנען און צוויי קינדערלעך דעם גאַנצן טאָג אויפן האַלעם האָרט לעבן זיך, זיינען זיי געווען זיכער, אַז קיינער וועט קיין זאַך ניט נעמען. און ס'איז טאַקע פריילעכער אויך. און די קינ־דערלעך? ריישע האָט שוין לאַנג קיין קינד ניט געזען אַרום זיך. זי איז נאָך ניט זיכער, אָבער אַרום פּסח קאָן אויך אַמאָל זיין אַן אייגנס — וועט זיין פון וועמען צו לערנען, און אַמאָל געבן אַ האַנט איינע דער אַנדערער.

אין תמוז האָט מען זיך געשטעלט בויען נייע פינף מייקעס אויפן האַלעם: זלמן סאַסנעס — פון איין זייט פון עליעס מייקע; קאַפּל מאירס, זלמן טשופּרינעס, חיים זלמנס און פיניע מאַהילניקס — פון דער אַנדערער זייט עליעס מייקע.

וואו צו שטעלן די מייקעס האָט עליע אַנגעוויזן. אָבער ווי צו בויען זיי — וויפל חדרים, ווי איינטיילן זיי, וויפל פענצטער און טירן — דאָס האָט ער געלאָזן צו די פּריקאַזטשיקעס. ניט געוואָלט זיך מישן.

אָבער, אַז מ׳איז געקומען מיט אַן עצה, האָט ער שוין אַרויסגעהאָלפן מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. איין זאַך האָט ער געפאָדערט פון אַלעמען: די מייקעס מוזן האָבן בוידעמער און — גוטע בוידעמער! ער האָט ניט דערקלערט פאַרוואָס, אָבער קיין פינגער אין מויל האָט מען קיינעם ניט געדאַרפט אַריינלייגן. מ׳האָט געטאָן אַזוי און ניט גערעדט וועגן דעם.

געשטעלט די מייקעס האָט עליע אין איין גלייכער שורה, אָפּ־געררוקט איינע פון די אַנדערע. יעדערע זאָל האָבן אַ שטיקל הויף. ס׳האָט אויסגעזען, ווי איין זייט פון אַ בויענדיקער גאַס.

עליע האָט געזען די צוויי ביידלעך אויפן שפּיץ האָלעם. ער איז צוגעגאַנגען צו זיי אין אַן אָוונט, דערזען די צוויי יידן מיט די ווייבער און קינדערלעך — דערקענט זיי פון לעצטן שבועות — האָט ער זיי געזאָגט אַ „גוטן אָוונט״, זיך באַכגעפרעגט אויף ירוחם־בערן, געפרעגט נאָך עפּעס און איז אַוועקגעגאַנגען. דער האָלעם איז טאַקע איבער־געגעבן שאַמיראַן פאַר אַ געהילץ־פּלאַץ, און זיי האָבן געדאַרפט פרעגן איידער זיי זיינען געקומען אַהער, אָבער בעסער אַזוי: ס׳וועט זיין פריילעכער פאַר ביילקען און פאַר די אַנדערע ווייבער, אַז זיי וועלן אַריבערקומען אויפן האָלעם. און וואָסער־מענטשן קענען אַלעמאָל צוניץ קומען. וועט מען דאַרפן דעם אָרט, וועט מען זיי הייסן אַראָפּ. דער־ווילע קאָן ער אָן דעם אָרט זייער גוט אויסקומען.

וואַרטן ביז די מייקעס וועלן פאַרטיק ווערן, האָבן די פריקאַז־טשיקעס קיין געדולד ניט געהאַט. אברהם לאַפּאַטעס מיט ישראל יאַקאַרשטשיקס אַריבערקלייבן זיך אויפן האָלעם מיט די ווייבער און אַפילו מיט קינדער, האָט געוויזן, אַז מ׳מוז דווקא ניט וואַרטן, ביז די מייקעס וועלן פאַרטיק ווערן.

דעריבער זיינען אין איין צייט מיטן וואַקסן פון די ווענט און דעכער, אויסגעוואַקסן אַנטקעגן די בויענדיקע מייקעס — פינף גרויסע ביידלעך. פון דער „האַלבער״ גאַס איז געוואָרן אַ „צוויי־זייטיקע גאַס״. און תיכף האָבן אויפן האָלעם — איינע נאָך די אַנדערע — גענומען אַנקומען די ווייבלעך מיט די קינדערלעך פון די פריקאַזטשיקעס און זיך איינגעמאָסטיעט אין די ביידלעך.

מ׳האָט צעבראָכן איינגעשטעלטע באַלעבאַטישקייטן אין טשאַשניק, אולע און טשאַרעי און אַריינגעקראָכן אין ביידלעך. ס׳איז געווען שווער. מ׳האָט געדאַרפט אָנהויבן אַלץ פון דאָס ניי, אָבער קיינעם האָט עס ניט פאַרדראָסן. הינטער די סקעלעטן פון די נאָך ניט

צוגעדעקטע דעכער, האָט זיך פאַרנומען אַ ניי לעבן — ניט קיין צע־ריסנס, אַ גאַנצעס אַ ליכטיקס — וועגן וועלכן מ׳האָט די גאַנצע צייט געחלומט. ס׳איז געווען שווער, אָבער ליכטיק און יום־טובדיק אויף די הערצער.

מיט דריי וואָכן שפּעטער האָט עליע געהייסן קומען פון די וועלדער נאָך צוויי יידן און זיי אָוועקגעשטעלט פאַר שומרים. איינעם מרדכי שאַמיראָ — אַ יונגערמאַן אין די ערשטע דרייסיקער, אַ טאַטע פון צוויי קינדער, אַ טשאַרייער, — האָט ער אָוועקגעשטעלט אַלס נאַכטיקן שומר אויף די דווינעס; דעם אַנדערן — אַן אולער, אין די מיטל דרייסיקער, אַ טאַטע פון דריי קינדער — אים האָט עליע איבערגעגעבן די בייטאָגיקע שמירה אויף די דווינעס. די שומרים האָט ער געשטעלט אונטער זלמן טשופּרינע. אויך די שומרים האָט ער געהייסן זיך גרייטן צום אַראָפּברענגען די ווייבער מיט די קינדער אויפן האָלעם.

בנוגע די שומרים האָט עליע נאָכגעגעבן משפּחה — ביידע פון שאַמיראָס משפּחה. אָבער נאָכגעגעבן ניט אין אַלץ. אויסגעקליבן גרויסע, געזונטע — מיט פּלייצעס, אויף וועלכע מ׳קאָן אָנלאָדן. זיך ניט גערעכנט מיט פּאַריבלס פון עלטערע פון זיי אין דער משפּחה.

אויפן זווירנהאָלם האָט קיינער פון די טיאָסטשיקעס, יאַקאָרש־טשיקעס און זעגערס ניט געמאַכט קיין וועזן פון די נייע מענטשן מיט זייערע קינדערלעך. ס׳האָט קיינעם ניט געאַרט. נאָך ביידלעך — וועט זיין פּריילעכער. יידן, ניט יידן — וועמען אַרט עס?...

צו די פייערן אַרום די ביידלעך פון די טיאָסטשיקעס זיינען צו־געקומען נאָך פייערן, און אינאיינעם ווי פּעכיקע שייטערן גערויכערט איבערן טייך.

בלויז פון מאָסקווער פאַרשטאָט זיינען איינמאָל צוגעפאָרן אויף אַ שיפל צוויי געזונטע, ברייט־פּלייציקע חברה־לייט, אין די אָנהויב צוואַנציקער. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן האָלעם כלומרשט אַ קוק טאָן וואָס מ׳בויט. אין וואַסער־שטיוול אויף הויכע קאָריקעס, מיט מעסערס פאַרדוקט אין די כאָליעוועס, אין שליאַפּעס אויף אַ זייט און פּאַפּיראָסן אין מויל, פּנימער האַלב־פאַרשיכורטע. מיט די הענט אין די קעשענעס, זיינען זיי געגאַנגען אַרום די בויענדיקע מייקעס און מיט זייערע גנביש־אויסשפּירנדיקע בליקן אַרומגעקראָכן איבער אַלץ. מיט באַזונדערער שאַרפקייט אַריינגעקוקט אין די ביידלעך, און מיט די

אויגן, ווי טריפּענע ליכט, געקראָכן צו די ווייבלעך אין די בוזעמער. פון די פּריקאַזטשיקעס איז דאָ קיינער ניט געווען.

— זשידאָווקי... — האָט איינער דעם אַנדערן צוגעוואָרפן פון האַלב רויכערנדיקן מויל, אַרויסלאָזנדיק דעם רויך, און געשלונגען די ווייבלעך מיט די פאַרזויפטע אויגן.

פון זייערע בליקן האָבן ביי די ווייבלעך געגליוערט די בלוט אין די אָדערן.

אַז עליע האָט זיך דערוואוסט פון די „געסט", האָט ער זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס האָבן געמוזט זיין „נאַבערעזשניקעס".

די „נאַבערעזשניקעס" האָבן זיך אויפגעהאַלטן אויף מאַסקווער פאַרשטאָט אין די הויפן און הייזער, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען מיט די פענצטער אויף די דווינעס. ס'איז געווען אַ חברה וואָס האָט גע־נומען אַלץ, וואָס האָט זיך געמאַכט אונטער דער האַנט. וועגן אָפּזעצן די „סחורה" קיין דאגה ניט געהאַט: רייך־געוואָרענע אַמאָליקע „נאַבע־רעזשניקעס" געהאַט הינטער זיך. די חברה האָט געקענט אַריינקריכן דורך אַ פענצטער און אויסליידיקן אַ דירה ביזן לעצטן פאָדים. דער עיקר האָבן זיי אָבער „געאַרבעט" אויף די דווינעס. דאָ האָט מען גע־קאָנט אַרויסלאָדן פון אָן אָנגעקומענער לייווע מיט תבואה גאַנצע שיפלעך מיט ווייץ; פון אָנגעקומענע פלאַשקאַטן אָנטורעמען שיפלעך מיט פלאַקס אין מיטן דער נאַכט און — ס'זאָל אַריין, ווי אין וואַסער. זיי האָבן דורך די נעכט „אַראָפּגעלאָזן" גאַנצע פליטן באַלקנס צו „זייערע" זעג־מילן, און דורך דער נאַכט זיינען פון זיי אויסגעוואַקסן „כשרע" פלאַנקען און ברעטער און — גיי באַווייז פון וועמענס באַלקנס זיי זיינען אָנגעשניטן!

גנבענען סנאַסטשזן, ביטשאָווקעס יאַקאָרן און אַנדערן יאַקאָרסקן אינסטרומענט, איז געווען פון די קלענערע זאַכן. דאָס האָט מען גע־טאָן אין מיטן העלן טאָג. אַריינגעכאַפּט זיך אין אַ שיפל מיט סנאַסטזשן, ווען קיינער איז אַרום ניט געווען, איז — אַריינגעוואָרפן אַלץ אין וואַסער אַריין און — איידאָ! באַדערנאַכט פלעגט מען קומען מיט שיפ־לעך צו דעם אָרט, וואו מ'האָט עס אַראָפּגעוואָרפן, מיט באַהאָרעס עס אַרויסגעהויבן פון וואַסער און — פאַרטיק!

אין אַ זונטיק, גוט אָנגעשנאַשקעטע, פלעגן זיי אַפילו אַמאָל זיך ניט פוילן אַ כאַפּ צו טאָן אַרום „זייער" טראַקטיר אַ פאַרבייגייענדיקע שיקסע, אַ נעם טאָן זי מיט גוואַלט אונטער די אָרעמס, און כדי צו פאַרליאַרעמען אירע צעשראָקענע געשרייען, פלעגן זיי זיך צעזינגען

אין אַ שיכורן כאָר, אַזוי ברענגען זי צו זייערער אַ שיפּל, אַוועקפירן די אויפן „גראַפּטשיק“ און לאָזן זי דאָרטן אינדערפרי אונטער די בוימער אַ האַלב־טויטע.

דורכן זומער איז דער האַלעם אַרום די בויענדיקע מייקעס פול געווען מיט קינדערשע קולכלעך און מיטן געזונטן געלעכטער פון די יונגע יידישע ווייבלעך, וואָס האָבן געטראָגן עמערס וואַסער פון טייך צו ביידלעך, געקאָכט עסן אויף פאַנאַנדערגעלייגטע פייערן, גע־וואַשן גרעט ביי דער „קליינער דווינע“ און אויסגעהאַנגען טריקענען אויף אויפגעצויגענע שטריק צווישן איין ביידל און דער אַנדערער.

און אַרום די שטאַפּלען האָבן גאַנצע טעג ריטמיש געקלונגען די טיאַס־העק, געזשומעט די זעגן, אַרום די ווענט און אויף די דעכער פון די בויענדיקע מייקעס האָבן געקלאַפּט די האַמערס, און די לופט איז געווען געדיכט מיטן געשמאַקן סאָסנאָוון פעך פון די פריש־אָנגעטיע־סעטע געהילצן.

צו די ערשטע סליחות זיינען די קוימענס אַרויס אויף די דעכער, די פענצטער האָבן זיך אָנגעגלאָזט מיט שויבן און אַלע האָבן זיך אַריינגעקליבן אין זייערע נייע מייקעס.

ימים נוראים האָט מען געדאַוונט מיט אַן אייגענעם מנין. אָבער וואו ס׳איז נאָר געווען אַ ייד אויף די דווינעס, וואָס האָט זיך דער־וואוסט וועגן דעם שולכל אויפן זווירנהאַלם, איז געקומען, און צום אייגענעם מנין זיינען צוגעקומען נאָך אַ צוויי מנינים יידן. עס איז געווען ענג אינעם נייעם שולכל. האָט מען געדאַוונט אין דער גאַנצער שטוב ביי עליען. און שמחת תורה האָט מען געהוליעט אין אַלע מייקעס. יעדער פּריקאַזטשיק האָט געפּראַוועט אַ חנוכת הבית, מען איז געגאַנגען פון מייקע צו מייקע, געגעסן, געטרונקען, געטאַנצט און געזונגען, ביז אין פרימאָרגן אַריין.

די אַרבעטן אויפן האַלעם האָבן זיך פאַרענדיקט, ווען אויף די דווינעס האָט זיך באַוויזן טיוגע. די לעצטע פליטן פון וואַסער האָט מען נאָך סוכות אַרויפגעשטאַפּלט אויפן האַלעם, איבערגעאַר־בעט אין די בויטיקע געהילצן און אָפּגעליוועוערט צו די שיפן. די לעצ־טע לייוועס מיט שפּאַלן און ספּליטהאַלץ האָט מען שוין מיט גוואַלט —

מיט טייך־דאַמפּערס — געדאַרפט אַרויסרייסן פון דער געדיכטער אייז־טיוגע.

די אַרבעטן זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן אין צייט. עליעס חשבון איז געווען צו פאַרענדיקן די אַרבעטן ביז די דווינעס וועלן זיך שטעלן. פירן די געהילצן אויף שליטנס צו די שיפן וואָלט געווען צו טייער. עליעס רעכענונגען האָבן זיך אַרויסגעוויזן ריכטיק: דער „ביוועץ" האָט געדעקט אַ גרויסן טייל פון אויסאַרבעטונגס־קאָסטן. דער צו־טרוי צו אים איז ביים פעטער אויסגעוואַקסן אויך אויפן געביט פון איבעראַרבעטן די געהילצן.

מיטן פאַרענדיקן די אַרבעטן אויפן האָלעם, זיינען זיך צעפאָרן די טיאַסטשיקעס, גרוזטשיקעס, יאַקאַרשטשיקעס און די אַנדערע מינים אַרבעטער. פאַר די פּריקאַזטשיקעס איז ניט געבליבן וואָס צו טאָן אויפן האָלעם. עליע האָט זיי דעריבער צעשיקט פאַרן ווינטער אין די וועלדער.

גלייך נאָך ימים טובים האָט אברהם לאָפּאָטע פון די צונויפגעג־שלעפּטע באַלקנס, ברעטער, שטאַנגען און קלעצער אויפגעקלאַפּט אַ מייקע פאַר זיך מיט זיין ריישען. אָוועקגעשטעלט האָט ער זי אין שפּיץ האָלעם. ריישע האָט אינאיינעם מיט אים געשטעלט די ווענט געלעגן אויפן דאַך און געשלאָגן די ברעטער און געגלאָזט די פענצטער.

אויך ישראל יאַקאַרשטשיק האָט אין די לעצטע עטלעכע וואָכן צונויפגעשלעפּט באַלקנס און ברעטער און אויפן אָרט זיין בײדל אי־בערגעבויט אין אַ מייקע. עליע האָט דאָס געזען, אָבער זיי גאָרנישט געזאָגט. געפונען בלויז פאַר נויטיק אָנצוזאָגן מ׳זאָל מאַכן בוידעמער.

די מייקעס — סיי אברהם לאָפּאָטעס, סיי ישראל יאַקאַרשטשיקס — זיינען געווען מייקעלעך אין פאַרגלייך מיט די מייקעס פון די פּרי־קאַזטשיקעס. אָבער דעכער האָבן זיי געהאַט, אויוונס — אויך, און דאָס איז געווען דער עיקר. ס׳וועט זיין שווערלעך אַ גאַנצן ווינטער אָן פּרנסה, אָבער פיש קאָן מען כאַפּן אין פּראָלעבקע פון אונטערן אייז, אַ טאָג אַרבעט קאָן זיך אויך אַמאָל מאַכן אויף אַ געהילץ־פּלאַץ, אָדער זעג־מיל, און מיטן קניפּל פון זומער וועט מען ווי ניט איז דורכציען ביז נייע פּליטן.

באַלד נאָך די פּריקאַזטשיקעס איז עליע אָוועקגעפאָרן איינשטעלן די אַרבעטן אין די וועלדער, און נאָכדעם פאָרן מיטן פעטער אָנקוקן נייע וועלדער. דער האָלעם איז כמעט געבליבן אָן מאַנסבילן. בלויז אברהם לאָפּאָטע און ישראל יאַקאַרשטשיק זיינען געבליבן ווינטערן.

מיטן שטעלן זיך פון די דווינעס, מיט שנייען, פרעסט און זאַווערוכעס, איז אַלץ אָפּגעשטאָרבן. ס׳איז געבליבן אַ קופּקע מייקעס באַגראָבן אין בערג מיט שניי אינמיטן פון די דווינעס. רויכן פון די קוימענס און פערד מיט שליטנס אַרויף און אַראָפּ איבער די דווינעס, האָבן דערמאָנט, אַז דאָס לעבן איז פאַרפּעלצט און פאַרגראָבן, אָבער ניט אָפּגעשטאָרבן.

די ווייבער פון די פּריקאַזטשיקעס זיינען געווען צופרידן וואָס כאָטש עטלעכע מאַנסבילן זיינען פאַרבליבן אויפן האָלעם און געפילט אין זיי אַ געוויסע זיכערקייט. און סטיעזשקעס האָבן זיך דורכגעטראָטן אין די שנייען צו ריישעס און דבורה־ברײנעס מייקעס.

נאָך פּורים האָבן זיך אויפן האָלעם גענומען אומקערן די פּריקאַזטשיקעס. קיינער איז פון זיי ניט געווען רואיק דעם גאַנצן ווינטער אין די וועלדער, וויסנדיק, אַז די ווייבער מיט די קינדער זיינען אַליין אין מיטן פון די דווינעס. פון אַלע פּריקאַזטשיקעס איז זלמן סאָסנע געבליבן אויף די ספּלאַוון אַראָפּצולאָזן די פּליטן קיין ריגע. פריערדיקע יאָרן פלעגט דאָס טאָן קאָפּל־מאיר. הײַאָר איז ער געקומען אויפן האָלעם דער ערשטער. ער האָט געדאַרפט אָנדינגען פערד, טיאָסטשיקעס, גרוזטשיקעס און יאַקאָרשטשיקעס פאַר די אַרבעטן. זלמן סאָסנע פאַרקערט, האָט ביז די ערשטע געהילצן צו די שיפן, געהאַט גענוג צייט. איז ער געבליבן אויף די ספּלאַוון אָפּצוטאָן די לעצטע אַרבעטן. מיט די פּליטן זיינען געגאַנגען הײַאָר אַנדערע פּריקאַזטשיקעס. דער לעצטער איז געקומען עליע.

כל זמן שאַמיראָס אַרבעטן אין ריגע זיינען באַשטאַנען אין איבערנעמען די פּליטן פון די וועלדער און אָפּליווערן זיי צו די געהילץ־קאַנטאָרן, האָט עליע זיך קיינמאָל ניט אינטערעסירט מיטן אייזגאַנג אויף די דווינעס. אַז ער האָט אָבער געדאַרפט אויסקלייבן אַ האָלעם פאַר אַ געהילץ־פּלאַץ האָט ער וועגן דעם זייער שטאַרק געטראַכט, כאָטש ער האָט דעמאָלט ניט געוואוסט, אַז ער אַליין מיט ווייב און קינדער וועלן דאַרפן זיין אויפן האָלעם. דאָס אַראָפּטראָגן די מייקעס אינאיינעם מיט די מענטשן פון „האַזנהאָלם" אין אַן אייזגאַנג, איז איצט געווען אַן ערנסטע וואָרענונג. אמת, דאָס איז שוין געווען לאַנג צוריק. פון דעמאָלט אָן האָט מען מער אַזוינס ניט געהערט. אָבער גאָר אינגאַנצן איז פון דעם רואיק אויפן האַרצן ניט געווען.

אומרואיקער זײַנען געװען די װײַבלעך. אויסער בײלקען איז קײן אײנע פֿון זײ קײנמאָל ניט געװען אויפֿן װאַסער און פּשוט מורא געהאַט צו זײַן אויפֿן האָלעם אין צײַט פֿון אײַזגאַנג. נאָך מער האָבן זײ געשראָקן — די שיפֿלעך בײַ די טירן און די לײטערס בײַ די בוידעמער. זײ האָבן געװאוסט, אַז עליע טוט ניט קײן זאַך גלאַט אַזױ אין דער װעלט אַרײַן.

פֿונדעסטװעגן האָבן בלויז אײניקע געװאָלט, אַז מ'זאָל זיך פֿאַר דער צײַט פֿון אײַזגאַנג אַריבערקלײבן אויף מאָסקװער פֿאָרשטאָט. זיכערער פֿון אַלעמען איז געװען בײלקע. צי דערפֿאַר, װײַל זי איז איר גאַנצע יוגנט געװען מיטן זײדן אויפֿן װאַסער, צי װײַל דער „זװירנהאָלם" האָט אין איר לעבן געמײנט אַזױ פֿיל, אַז ס'איז װערט געװען צו ריזיקירן, צי בײדע זאַכן אינאײנעם — איר אַנטשלאָסנקײט צו בלײַבן אויפֿן האָלעם האָט אַרײַנגעטראָגן אַ סך רואיקײט אין אַלעמען.

אַ ניכטערן קוק האָט אויך געהאַט לאה, זלמן סאָסנעס װײַבל, כאָטש זי איז פֿריער קײנמאָל אויפֿן װאַסער ניט געװען און איז איצט געװען אײנע אַלײן מיט די קינדער אויפֿן האָלעם.

— װײַבאַלד דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס איז פֿאַרבונדן מיטן זװירנהאָלם — האָט לאה געטענהט צו די אַנדערע װײַבלעך, — מוז מען זיך צוגעװאוינען צו בלײַבן אויף אים אויך אין צײַט פֿון אײַזגאַנג. מ'קאָן ניט אַרומלויפֿן הין און צוריק, װי נאָר ס'גיט זיך אַ הויב ס'װאַסער אין די דװינעס.

אברהם לאַפּאַטען און ישראל יאַקאָרשטשיקן איז אַפֿילו אויף אײן מינוט ניט אײַנגעפֿאַלן אַראָפּצוגײן פֿון האָלעם — יאָ אײַזגאַנג, ניט אײַזגאַנג! אגב, װאוהין קאָן מען גײן — אַ גאַנצן װינטער אָן פּרנסה? און װאוהין קאָנען ישראל מיט דבֿורה־ברײנען גײן אָן פּראַװאָזשיטעלסטװאָ אין ריגע?

רײשע האָט געטענהט:

— שדים װעלן ניט נעמען! אַז „ער" װעט געבאָרן װערן דאָ, װעט „אים" גרינגער זײַן צו לויפֿן איבער די פּליטן!...

מיטן „ער" און „אים" האָט רײשע געמײנט דאָס קינד, װאָס דאַרף בײַ איר געבאָרן װערן. און אַז ס'װעט זײַן אַ ייִנגל, אין דעם איז זי געװען זיכער.

ס'איז בײַ רײשען געװען אַ גרויס גליק, װאָס ישראל מיט דבֿורה־

ברײנען בלײבן אויפן האָלעם. זי האָט ניט געהאַט װער ס'זאָל בײ איר „נעמען" ס'קינד. דבורה־ברײנע איז געװען עלטער פון איר, שױן פיר מאָל געלעגן אין קימפּעט, געדענקט זי דאָך — װעט זי װיסן... און דבורה־ברײנע האָט איר פאַרזיכערט, אַז בײ איר זײנען גאָלדענע הענט. ס'זאָלן זײן אַפילו גאַנצע דרײ, װעט אױך זײן — װי אַ האָר פון מילך.

בײ אַזעלכע שטימונגען זײנען אַלע געבליבן אויפן האָלעם. אַפילו די, װאָס האָבן געװאָלט פאַר דער צײט פון אײזגאַנג זיך אַריבער־קלײבן אויף מאָסקװער פאַרשטאָט, האָבן זיך אױך אָנגענומען מיט האַרץ און פאַרבליבן.

פון פּורים אָן האָט די זון טאָג־אײַן, טאָג־אױס געפּליוכעט מיט פײַער און ניט אָפּגעלאָזן אױף אַ מינוט. ס'איז ניט געבליבן קײן סימן פון די שנײען. אויפן אײז האָבן אָנגעשמאָלצן לאַנגע װאַ־סער־שפּיגלען. קײן פערד מיט שליטנס האָט מען שױן אויפן טײַך אין ערגעץ ניט געזען. אַפילו דאָס אַריבערגײן צו־פוס איז אױך געװאָרן אומזיכער. איז מען געגאַנגען, האָט מען יעדן פוס געשטעלט פאַרזיכטיק, אױספּרואװנדיק צי דער אײז איז נאָך שטאַרק גענוג, צי װעט מען ניט דורכפאַלן.

ניט נאָר די טעג, די נעכט זײנען אױך געװען הײסע, שטיקנ־דיקע. ניט געװען קײן אײן פרעסטעלע דורך די נעכט, װאָס זאָל אױף אַ װײַלע אָפּשטעלן דאָס שמעלצן און לאָזן דאָס װאַסער בים־לעכװײַז אַראָפּלױפן. דאָס זײנען געװען דראָענדיקע סימנים. בײ אַזאַ שמעלצן האָט מען געקאָנט דערװאַרטן זײער הױך װאַסער און אַ שטורמדיקן אײזגאַנג. אַלטע לאַטװישע יאַקאָרשטשיקעס האָבן דער־צײלט אַז זײ געדענקען אַזאַ שמעלצן אין יענעם יאָר, װען ס'האָט פאַרטרונקען די גאַנצע מאָסקװער פאַרשטאָט און ס'האָט אַראָפּגע־טראָגן פון האָזנהאָלם אַלע מײקעס אינאײנעם מיט די מענטשן אין ים אַרײַן.

קײנער האָט גאָרנישט ניט געזאָגט, אָבער רואיק אױף די הער־צער איז בײ קײנעם ניט געװען. דער אײזגאַנג אויפן האָלעם איז בײ אַלעמען געװען דער ערשטער אין זײער לעבן. עליע איז געװען דער אײנציקער, װאָס האָט געהאַט ידיעות װעגן די פריערדיקע אײזגאַנגען אַרום די העלעמער.

די פּריקאַזטשיקעס, יעדערער ביי זיך, איז געווען אין ספק צי מ׳האָט געטאָן אַ גלייכע זאַך מיטן פאַרבלייבן מיט ווייב און קינדער אויפן האָלעם. אַפילו עליע, וואָס האָט געהאַלטן, אַז מ׳מוז דורכגיין דעם אייזגאַנג כדי אויפהערן מורא צו האָבן פאַר אים, האָט אָנגעהויבן טראַכטן, אַז ער האָט געדאַרפט הייסן אַלעמען אַראָפּ פון האָלעם. זיין הייסן וואָלט געווען אַנטשיידנדיק. אָבער פון די ליפּן איז עס ביי אים ניט אַראָפּ. איז עס שוין אַזוי געבליבן.

ס׳איז געווען מיטוואָך אָונט, אַ צוויי וואָכן צו פּסח. די זון איז פאַרגאַנגען אַנטקעגן דעם צעשפּיגלטן טייך מיט אַ ברייט־צעשמאָלצענעם קופּער. די לופט איז געווען אַנגעקאַליעט פון טאָג און זיך איצט גענומען עפּעס אָפּקילן. אַ דין, געשמאַק פרילינג־ווינטעלע האָט געשעוועליעט מיט די יונגע בוימלעך לעבן די מייקעס. די ווייבער זיינען געזעסן אויף די פּאַדאַשיקעס און די קינדער האָבן געשפּילט אַרום. די מאַנסבילן זיינען אַרומגעגאַנגען מיט די ברעגן פון האָלעם און אומרואיק געקוקט אויפן טייך. דער האָלעם איז שוין געווען אָפּגעשניטן פון מאָסקווער פאָרשטאָט. דאָס אייז האָט אינגאַנצן אָפּגעשמאָלצן פון די ברעגן. אַרויפגיין אויף אים האָט מען שוין מער ניט געקאָנט. נעכטן האָט מען נאָך פון די ברעגן געקענט אַרויפגיין אויפן אייז איבער איבערגעוואָרפענע ברעטער היינט האָט מען שוין מיט די לענגסטע ברעטער ניט געקאָנט אים גרייכן.

עליע האָט קיינעם גאָרנישט ניט געזאָגט. ער איז לאַנגזאַם געגאַנגען פון מייקע צו מייקע און באַטראַכט די שיפלעך, וואָס זיינען געלעגן אויף טרוקן ביי די טירן, בודק געווען צי די שיפלעך האָבן ניט קיין לעכער, צי די באַהאַרעס און רודערס האָבן ניט קיין אָנברוכן. ער האָט אויך באַטראַכט די לייטערס, איבערגעטאַפּט די טרעפּלעך צי זיי זיינען גוט צוגעשלאָגן. דאָס האָט געדאַרפט טאָן חיים זלמן, און האָט דאָס זיכער געטאָן. עליע האָט אָבער געהאַט אַ טבע דורכצוקאָנטראָלירן און זיין זיכער אַז אַלץ איז ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. ער איז אויך צוגעגאַנגען צו אברהם לאַפּאַטעס און ישראל יאַקאָרשטשיקס מייקעס, צו זען וואָס עס טוט זיך ביי זיי. אין זייערע מייקעס איז ער געווען ניט צו שטאַרק זיכער — קליינע און אַליין אויפגעקלאַפּטע. אמת, זיי זיינען געשטאַנען עפּעס העכער, אויף דער אויפגעבערגלטקייט, און זייערע שיפלעך זיינען אויך געווען דערביי. ער

האָט געוואוסט, אַז אברהמס ווייבל איז אויף דער צייט און עס וואָלט געווען גלייכער זי זאָל זיין אויף מאָסקווער פאַרשטאָט. ער האָט פאַרגעשלאָגן אַ אברהם לאַפּאַטען, אַ ישראל יאַקאָרשטשיק — זיך פאַר דער צייט פון אייזאַנג אַריבערצוקלייבן צו אים אין מייקע. זיי האָבן אים באַדאַנקט, אָבער זיך אָפּגעזאָגט.

ריישע האָט דעם זעלבן מיטוואָך, פון אינדערפרי אָן, געפילט ניט גוט. זי איז אַרומגעגאַנגען אין אַ ברייט קלייד, וואָס האָט געזאָלט פאַרדעקן איר זייער הויכן בויך. אָבער דאָס קלייד האָט אויסגעזען ווי עס וואָלט פון פאָרנט געווען מיט אַ האַלבן אַרשין קירצער, ווי פון הינטן. דער בויך האָט עס אַרויפגעריסן אַזוי הויך, אַז ס'האָבן זיך אַרויסגעזען אירע באָרוועסע פיס אַריבער די קני. איר פּנים איז געווען פול מיט טונקעלע פליאַמעס און אָנגעדראָלן. איר שיינקייט און פולבלוטיקייט פון אַרום שבועות־צייט איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן. אירע צעפּ זיינען געהאַנגען האַלב־צעשאָטענע און אָפּגעלאָזענע, און אירע אויגן האָבן געהאַט אַ מאָדנעם קרענקלעכן בלישטש. זי האָט זיך אַרומגעשלעפּט, נאָך עפּעס אָפּגעקאָכט פאַר איר „אַוורעמען", אָבער ס'איז איר געווען זייער שווער.

אין אָוונט, ביים זון־פאַרגאַנג איז דבורה־ברײנע אַריין צו ריישען אין מייקע, אַ קוק געטאָן אויף איר, און צעלאַכנדיק זיך מיט איר טרייסלענדיקן צוויי־עמערדיקן בוזים, אַ זאָג געטאָן:

— ריישע, וועסט זיך ניט אַרויסדרייען! אַפילו, אַז דו האָסט דריי, וועסטו זיי אויך מוזן אַוועקגעבן!... גיי, לייג זיך, און לאָז זיי אַרויסקריכן!...

דבורה־ברײנע האָט געהאַלטן, אַז ביי אַזאַ הויכן טראָגן איז ניט ווייניקער ווי צוויי, און אפשר גאַנצע דריי. אַריינגעפּעקלט ריישען אין בעט, איז שוין דבורה־ברײנע פון איר ניט אָפּגעטראָטן. און באַלד טאַקע האָבן זיך אָנגעהויבן ריישעס ווייען.

ריישע איז געווען זייער אומרואיק. זי האָט געפילט, אַז ס'איז געקומען די צייט, אָבער ווער ס'זאָל נעמען ס'קינד — און אפשר עטלעכע — איז ניטאָ. פריער האָט זי אַרויפגעקוקט צו דבורה־ברײנען, איצט האָט זי אָנגעוואָרן דעם גלויבן אין איר, — זי האָט דאָך נאָך ביי קיינעם קיין איין קינד פריער ניט גענומען! ווער ווייסט, צי

זי וועט וויסן וואָס צו טאָן? ברענגען אימיצן פון מאָסקווער פאָרשטאָט, איז ניטאָ מיט וואָס — די עטלעכע רובל פון קניפּל זיינען פאָרן ווינ־טער צעקראָכן, — און אַז ס׳וואָלט יאָ געווען מיט וואָס, וואָלט מען איצט אויך ניט געקאָנט קיינעם אַראָפּברענגען אויפן האַלעם. געצי־טערט האָט זי פאַר „צוויי״ און נאָך מער פאַר „דריי״. זי האָט אַליין געוואוסט פון איינער, וואָס איז געשטאָרבן אין קימפּעט מיט אַ דריי־לינג. אויך ביי יענער איז עס געווען אַן ערשטער קימפּעט. און וואָס וועט זי טאָן מיט „צוויי״, צי „דריי״?

אברהם לאַפּאַטע איז געזעסן אויף דער ערד מיטן פּלייצע אָנ־געשפּאַרט אָן וואַנט פון זיין מייקע, מיטע ריטעלע אין מויל און קאַ־זיריק אויף אַ זייט אָן אומרואיקער. זיך געפילט שולדיק, וואָס ער קאָן זיין ריישען מיט קיין זאַך ניט העלפן. פון מייקע האָבן זיך אַלע ווייל אַרויסגעריסן אירע האַרצרייסנדיקע געשרייען. אַזעלכע גע־שרייען האָט ער פון איר קיינמאָל ניט געהערט. זי האָט געשריען עפּעס, ווי ניט מיט איר קול. זי האָט געשריען, ווי מ׳וואָלט פון איר די געדערים געריסן...

ישראל יאַקאַרשטשיק איז צוגעקומען צו אברהם לאַפּאַטען מיט זיין פּיפּקע אין מויל און זיך אַראָפּגעזעצט לעבן אים. ער האָט זיך צוגעהערט צו ריישעס וויטיקדיקן קרעכצן און שרייען, פאַרצויגן זיין פּיפּקע, געלאָזן דעם רויך פאַרטראַכט, און נאָכדעם אַ זאָג געטאָן ווי צו זיך אַליין:

— קלוגעטשקע... ווילן ניט!... אַ קונץ צו ווערן געבאָרן ווערן אין זיידענע קישעלעך?... ווערן זיך איבערבעטן... מ׳האָט ביי אונדז אויך ניט געפרעגט...

און קוקנדיק מיט זיינע גרויסע אַרויסשטראָטשענדיקע אויגן אין דעם אַראָפּזינקענדיקן קופּער, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן.

דבורה־ברײנע איז אַלע ווײלע אַרויסגעלאָפן אַ רויטערע, ווי אַלע־מאָל, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, אַ גרויסע, אַ באָרוועסע און צעשוויצטע. זי איז געווען אומרואיק און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. זי האָט איבערגעטאָן אַלץ, וואָס מ׳האָט געטאָן ביי אירע קימפּעטן, אָבער ס׳העלפט ניט — זי קאָן ניט האָבן די קינדער!...

ס׳איז געוואָרן גוט פינצטער. קיין שטערנדל אין הימל. די פינצ־טערקייט האָט צוגעדעקט דעם גאַנצן האַלעם אינאיינעם מיט די דווינעס. מ׳האָט קיין זאַך אַרום זיך ניט געזען. בלויז פייערלעך אין

דער פינצטער האָבן זיך דורכגעשניטן פון מיטן האָלעם און דערמאָנט, אַז מ'איז ניט אַליין אין דעם געדיכטן חושך.

ריישעס וויגעשרייען זיינען אַנגעאַנגען אָן אַן איבעררייס, אָן אַן אויפהער.

אַרום האַלבע נאַכט האָט מיטאַמאָל אַ קראַך געטאָן אי־בערן טייך. ווי טויזנטער וועגט, וואָס האָבן עפּעס אונטערגעשפּאַרט און געהאַלטן מיט אַלע כחות, האָבן מיט אַ מוראדיקן קראַך צוזאַמענ־געבראָכן, און גאַנצע בערג וואָלטן זיך אַ ריר געטאָן מיט אַן אונטער־ערדישן פּאַנאַנדערדונערן. אין דער געדיכטער פינצטערקייט האָט מען קיין זאַך ניט געזען. מ'האָט אָבער געפילט, אַז דאָס איז האָט זיך גערירט. די פענצטער האָבן געציטערט פון דער טרייסלונג און אונ־טערגעזונגען מיט די שויבן.

ריישעס וויען האָבן אויף אַ מינוט ניט אויפגעהערט, — ס'האָט איר אַרויסגעשלאָגן פון די כחות. אירע קרעכצן און געשרייען האָבן אַנגעוואָרפן אַ סומנעקייט אויף די הערצער און אַ מורא פאַר איר. אַפילו דער שטורעם האָט ניט געקאָנט פאַרהלושען איר מאַטערן זיך.

— ניטאָ מער אויף וואָס צו וואַרטן! מ'דאַרף די קימפּעטאָרן אַרויפנעמען אויפן בוידעם! — האָט דבורה־ברײנע אַ זאָג געטאָן, און צו אברהמען בייז אַ וואָרף געטאָן! — קיין בעסערע צייט ניט געקאָנט אונטערקלייבן פאַר אַ קימפּעט! און אַ קימפּעטל ס'האָט אויפגעצאַר־בעט דער באַלמעלאָכע!...

— לאָז ניט אַראָפּ די צונג פון דער קייט! — האָט ישראל אַ זאָג געטאָן צו זיין דבורה־בריינען און זיך געווענדט צו אברהמען: — קום, כ'וועל דיר העלפן.

דבורה־בריינע, אין אירע וואַסער־שטיוול, דאָס קלייד פאַרקאָ־שערט און אַרומגעבונדן אַרום די לענדן מיט אַ שטריקל, ס'זאָל ניט אַראָפּפאַלן און זיך איינגעצן אינעם וואַסער, האָט געגומען די קינדער און זיי אַרויפגעטראָגן אויף אברהמס בוידעם, און די מענער אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן אַרויפנעמען אַלע זאַכן פון ריישעס בעט, ס'זאָל זיין אויף וואָס זי אַוועקצולייגן.

אברהם איז צוגעאַנגען צו ריישען איינגעוויקלט זי אין קאָלדרע און ניט געוואוסט ווי זי צו נעמען. די גרינגסטע זאַך וואָלט געווען צו נעמען זי אויפן פּלייצע, אָבער ער האָט מורא געהאַט, ער זאָל ניט

אַ קוועטש טאָן ערגעץ און ניט אָנטאָן קיין צרות. ער האָט זי דעריבער גענומען אויף די הענט, ווי מ׳נעמט אַ קינד. ריישע האָט אים אַרומ־גענומען אַרום האַלדז און האַרצרייסנדיק געיאָמערט פאַר ווייטיק.

ישראל האָט גענומען פון טיש דאָס לעמפל און פליושקענדיק מיט די שטיוול אין וואַסער, געגאַנגען פאַראויס, און אברהם, מיט ריישען אויף זיך, איז אים פאַמעלעך נאָכגעגאַנגען, פאַרזיכטיק שטעלנ־דיק יעדן פוס, כדי זיך ניט פאַרטשעפען, אָדער אויסגליטשן.

אַרויסגעגאַנגען פון מייקע, האָט ישראל, מיטן לעמפל אין האַנט, זיך אָפּגעשטעלט ביים לייטער און צוגעלויכטן. דאָס שטראָמיקע וואַ־סער האָט געריסן די פיס פון די ערטער. דאָס ווינטעלע האָט גע־וואָרפן דעם פלאַם אין גלעזל, אָבער ניט אויסגעלאָשן. דבורה־ביינע איז געשטאַנען אין טירל פון בוידעם און אומרואיק צוגעקוקט.

די סכנה איז איצט געווען, אַז די טרעפּלעך פונעם לייטער וועלן ניט קאָנען אויסהאַלטן די וואָג פון צווייען. מיט קלאַפּנדיקע הערצער האָט מען געקוקט איינער אויפן אַנדערן. אָבער קיין אַנדער אויסוועג איז ניט געווען.

— וואַרט אַ ווײַלע! — האָט פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן ישראל, ווי אים וואָלט עפּעס איינגעפאַלן.

ער איז אַרויף אויפן לייטער און איבערגעגעבן דבורה־ביינען דאָס לעמפל, צוריק אַראָפּ און געזאָגט צו אברהמען:

— איצט גיי.

דבורה־ביינע האָט זיך אויף העלפט אַרויסגערוקט מיטן לעמפל אין האַנט, כדי וואָס בעסער צו באַלייכטן. דאָס שפּרינגענדיקע פלעמל האָט, ווי מיט אַ רויטלעכער ראָד באַגאָסן די רייסנדיקע וואַסערן אַרום לייטער.

אברהם איז פאַמעלעך צוגעגאַנגען צום לייטער, מיט איין האַנט געהאַלטן ריישען אויף זיך און מיט דער אַנדערער זיך גענומען אָן זייט פון לייטער. ישראל האָט מיט ביידע הענט אונטערגעהאַלטן יעדעס טרעפּל, אויף וועלכן אברהם האָט זיך געשטעלט, און מיט דעם פאַר־זיכערט עס פון אָפּברעכן. מיט גרויס אָנשטרענגונג, פון טרעפּל אויף טרעפּל, האָט אברהם ריישען אויפגעהויבן אַלץ העכער און העכער, ביז ער האָט דערגרייכט מיט זיין אייזערנער האַנט דעם אויבן פון בוידעם.

שווער אָטעמענדיק, אינגאַנצן נאַס, האָט ער ריישען אַרויפגע־נומען אויפן בוידעם און זי אַוועקגעלייגט אויפן געלעגער, וואָס דבורה־

ברײנע האָט פֿאַר איר צוגעגרייט. די צוויי פֿלאַקסענע קעפּלעך זײַנען געשלאָפֿן אין אַ ווינקל פֿון בוידעם. דאָס לעמפּל האָט דבורה־ברײנע אַוועקגעשטעלט אויף אַ קלעצל ניט ווײַט פֿון ריישען.

אַראָפּ פֿון בוידעם, האָט אַברהם געפֿילט אַ סך גרינגער, כאָטש פֿאַר ריישען האָט אים זייער שטאַרק געציטערט דאָס האַרץ. צוגע־פֿירט די שיפֿלעך צום לייטער, האָבן ישׂראל און אַברהם זיי צוגעבונדן צו דער מייקע. מיט די באַהאַרעס אין די הענט זיך געזעצט אויף די זייטן פֿון די שיפֿלעך און געשוויגן. רעדן איז געווען שווער: מ׳האָט געדאַרפֿט אַריבערשרייען דעם שטורעם פֿונעם אייזגאַנג אויף די דווי־נעס, און אַפֿילו דעמאָלט וואָלט געווען שווער צו הערן איינער דעם אַנדערן: דאָס דונערן אויף די דווינעס האָט ניט אויפֿגעהערט, אָבער דאָס שטייגן פֿונעם וואַסער האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט, און ביס־לעכווייז אָנגעהויבן צו פֿאַלן. זיי האָבן פֿרייער אָפּגעאָטעמט. ס׳האָט אויסגעזען, ווי די סכּנה וואָלט געווען אַריבער.

פֿון בוידעם האָט זיך דערהערט דבורה־ברײנעס פֿריידיקער אויס־געשריי:

— אַברהמל, דײַן ממזר איז דאָ!... און מער ווי איינער איז ניטאָ!...

— אָט אַ חברה־מאַן! מיט וואָס פֿאַר אַ צעשטורמל אים געדאַרפֿט אַראָפּברענגען!... מזל טובֿ! — האָט ישׂראל, ווי באַפֿרייט פֿון זייער אַ שווערער משׂא, צוגעוואונטשן אַברהמען.

אַ גליקלעכער האָט אַברהם מיט איין שפּרונג פֿון שיפֿל זיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַרן אויבן פֿון בוידעם און אַרויף צו ריישען.

אַז ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, זײַנען די דווינעס געווען זייער הויך, אָבער דער האָלעם איז צוריק אַרויסגעקראָכן פֿון אונטערן וואַסער. דאָס אײַז איז געגאַנגען געדיכט מיט אַ שאַרפֿן גערודער אַרום און אַרום, אָבער די סכּנה איז אַריבער. אַלע זײַנען געווען אויף די גאַנצע נאַכט, ניט אויסגעשלאָפֿן, אָבער מען איז געווען אויפֿגעלעבט.

אַז די זון איז אַרויס מיט אירע שפּיזן איבערן טײַך, איז דבורה־ברײנע אַוועקגעלאָפֿן מיט אַ מזל־טובֿ איבער די מייקעס פֿון די פּרי־קאַזטשיקעס און אָנגעזאָגט, מ׳זאָל גיין צונויפֿנעמען די פֿיש!...

אַברהם לאַפּאַטעס בכור איז געווען אַלעמענס שׂמחה: ניט נאָר

האָט מען קיינעם ניט פאַרלאָרן, נאָר, פאַרקערט, צוגעקומען נאָך אַ ייד — און דער ערשטער הי־געבאָרענער! אַ מזלדיקער אָנהויב!

ביילקע איז גלייך אָוועקגעלאָפן צו ריישען אָפּגעבן מזל טוב און טאָקע זען מיט וואָס מ'קאָן איר העלפן. אַהין איז אויך אָוועקגעלאָפן לאה זלמן סאָסנעס.

אָבער פיש? איבערן גאַנצן האָלעם, אין בלאָטקעס און אויף טרוקן, זיינען אַרומגעשוואומען און זיך געצאַפּלט לעבעדיקע פיש. ביים אָפּפאַלן פון וואַסער האָבן, ווי ס'קוקט אויס, די פיש ניט באַוויזן זיך אַראָפּצוכאַפּן פון האָלעם און געבליבן אויף טרוקן, אָדער אין גריבלעך מיט וואַסער.

מיט עמערס און טעפּ איז מען אַרויסגעלאָפן פון די מייקעס און צונויפגענומען העכט, שלייענס, אָקוניעס און ליעשטשן. נאָך קיינמאָל האָבן זיי אין זייערע לעבנס ניט געהאַט אַזוי פיל פיש, ווי דעם שבת אויפן זווירנהאָלם.

אָבער דער אייזגאַנג איז געבליבן אין די ביינער. און די שיפּ־לעך מיט די סנאַסטזשן און באַהאַרעס אויף טרוקן ביי די טירן, און די לייטערס ביי די בוידעמער, זיינען שוין פאַרבליבן פון יאָר צו יאָר — ווי אַ טייל פון אייזגאַנג — אויף עליעס נאָמען: „עליעס שיפּ־לעך און לייטערס".

דריטער קאַפּיטל

ווי נאָר די דווינעס האָבן זיך אָפּגערייניקט פון אייז האָבן זיך באַוויזן שווימענדיקע דאַמף־האַמערן — קאָפּערן — און אָנגעהויבן קלאָפּן סווייעס אין די שטראָמיקע וואַסערן פון טייך. לאַנגע פאַר־שפּיצטע באַלקנס האָבן די קאָפּערן אויף זייערע דאַמף־קייטן אויפגע־הויבן הויך אַרויף אינדערהויך, אַראָפּגעלאָזן זיי מיט פאַרשפּיצטע עקן אין וואַסער און זיי נאָכדעם אַריינגעשלאָגן אין גרונט אַריין, שיסנדיק מיט פאַרע אין אַלע זייטן נאָך יעדן קלאַפּ.

די טעג זיינען געשטאַנען זוניקע, ליכטיקע און וואַרימע. אויף די בוימלעך האָבן די בלעטלעך זיך גענומען ברייט פונאַנדערצוועפּע־נען; פון אַלע ווינקעלעך האָט געשפּאַרט מיט גערדיכטן גראָז; ס'זיינען אָנגעפלויגן פייגל, וועלכע מ'האָט אַ גאַנצן ווינטער ניט געזען, אויפ־

געפּראַלט די פּרימאָרגנס מיט שפּילנדיקע טרעלן און אָנגעפּילט די לופט מיט אַ טומלדיקן טשוויטשערן. מחיהדיקע פרילינג ווינטלעך האָבן געבלאָזן, און דאָס קלאַפּן פון די דאַמף־האַמערן האָט געטראָגן, ווי מיט אַ קלינגען פון פרילינגדיקע קוזניעס. די קינדערלעך זיינען געלעגן ביי די ברעגן און די אויגלעך ניט געקאָנט אַראָפּנעמען פון די טראַסקענדיקע קלאַפּ־מאַשינען. ס'איז אינגאַנצן ניי געווען פאַר זיי. און אַפילו די ווייבלעך פון די פּריקאַזטשיקעס, אויפגעמונטערטע פון דעם בשלום דורכגעגאַנגענעם אייזגאַנג, פון דעם ברית ביי אברהם לאַפּאַטען און פון דעם אָנקומענדיקן פסח, פלעגן אויך אַלע ווילע אַרויסלויפן פון די מייקעס און כאַפּן אַ קוק אויף די פאַרשפּיצטע קלאַפּ־מאַשינען מיט זייער קלינגען איבער די דווינעס.

די מאַנסבילן זיינען אַלע געווען פאַרנומען. עליע האָט אויסגעאַרבעט אַ גאַנץ גענויעם פּלאַן פאַר די האַיאָריקע אַרבעטן, און איז די גאַנצע צייט געווען אין שטאָט־קאַנטאָר. נחמן טשופּרינע איז געווען אויף דער גרויסער און קליינער דווינע און אָנגעוויזן די מענטשן אויף די קאָפּערן וואו און וויפל סווייעס צו שלאָגן אין די אַרום־האָלעמדיקע וואַסערן פאַר שאַמיראָס אָגאָראָדן. נחמן טשופּרינע וועט דער ערשטער פון שאַמיראָס פּריקאַזטשיקעס, מיט יאַקאָרשטשיקעס אונטער אים, דאַרפן איבערנעמען שאַמיראָס פּליטן פון די וועלדער און זיי איינשטעלן אין די אָגאָראָדן, און די סווייעס וועט ער דאַרפן פאַרן אָנבינדן די פּליטן.

קאָפּל־מאיר איז געווען פאַרנומען מיט אָנדינגען פערד און מענטשן פאַרן זומער. מ'האָט זיך האַיאָר געהיט פון נעמען אַלעמען. לעצטן זומער זיינען געווען מענטשן, וועמען עליע האָט געהייסן אויסמיידן. ס'איז עטלעכע מאָל געקומען צו געשלעגן איבער זיי. זיי האָבן פאַרנאַרט איינע פון די יונגע קעכינס... די טיאָסטשיקעס האָבן זיי שיער ניט צעהאַקט מיט די העק. ס'האָבן אויסער דעם געפעלט זאַכן פון די מייקעס, העק ביי די טיאָסטשיקעס און יאַקאָרסקע אינסטרומענטן ביי די יאַקאָרשטשיקעס. די צרות זיינען געקומען פון פּאַוועל קליוטשעוואָיס „גרוזטשיקעס”.

פּאַוועל קליוטשעוואָי, אַ רייך געוואָרענער אַמאָליקער „נאַבערעזשניק”, האָט געהאַט אַ סך הייזער אויף מאָסקווער פאָרשטאָט וואָס האָבן מיט די פענצטער אַרויסגעקוקט אויף די דווינעס, און די „נאַבערעזשניקעס” האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין זיינע הויפן. מ'האָט געוואוסט, אַז אַלע גנבות פון די נאַבערעזשניקעס בלייבן ביי אים, אָבער וויפיל

אַביסקעס מ׳האָט דאָרטן ניט געמאַכט, האָט מען קיינמאָל קיין זאַך ניט געפונען.

ער האָט זיך פאַרנומען דער עיקר מיט אָננעמען אויסלאָדונגען פון אָנקומענדיקע לייזועס מיט תבואות און פלאַקס פאַר די ריגער תבואה עקספּאָרט־קאַנטאָרן, און מיטן אָנלאָדן לייזועס מיט געהילצן פון געהילץ־פלעצער צו די שיפן אין האָפן. זיינע „גרוזטשיקעס" האָבן געהאַט אַ נאָמען. זיי זיינען כמעט אַלע געווען אַמאָליקע „נאַבערעזש־טשיקעס", וואָס האָבן זיך פאַרנומען אויפן דרך הישר, נאָכן אָפּזיצן אין טורמע פאַר פאַרשיידענע „אַרבעטלעך"; זיי האָבן זיך געהיט פון ווידער אַריינפאַלן. דאָרט וואו זיינע „גרוזטשיקעס" האָבן געלאָדן, האָבן זיינע מענטשן ניט צוגעלאָזן קיין אַנדערע אַרבעטער צו די לאָ־דונגען. ניט געוואָלט האָבן קיין זייטיקע אויגן אויף זיך. דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו באַזאָרגן „אייגענע" מענטשן מיט „כשרער" אַרבעט און ער האָט זיי טאַקע געצאָלט וויפל ער האָט גע־וואָלט. דערפאַר האָבן אָבער זיינע „גרוזטשיקעס" אונטער זיין „כשרן" צודעק געקאָנט ביי אים „אָפּמאַכן" אין זייטיקע „ביינאַכטיקע אַרבעט־לעך" מיט אַ סמיטשיק.

ווי קאָפּל־מאיר האָט ניט געזוכט אויסצומיידן פּאָוועל קליוטשעוואָיס מענטשן, איז עס אים ניט געלונגען. עטלעכע מאָל האָט ער שוין געהאַט אָנגעדונגען גרוזטשיקעס פון ניט פּאָוועל קליוטשעוואָיס עולם, אָבער אין אַ טאָג אַרום האָבן זיי חרטה געקראָגן. אַ וואונק פון פּאָוועל קליוטשעוואָיס מענטשן איז געווען גענוג: מיט די „נאַבערעזשניקעס" האָט זיך קיינער ניט געוואָלט אָנהויבן, הגם דאָס געצאָלט פאַרן לאָדן איז געווען זייער אָנציִענד. ס׳איז ניט געווען קיין אַנדער ברירה — קאָפּל־מאיר האָט געמוזט אָנקומען צו פּאָוועל קליוטשעוואָיס מענטשן.

חיים־זלמן מיט פיניע מאָהילניקן האָבן זיך געגרייט צו באַקן מצה פאַר אַלעמען אויפן האָלעם. באַקן מצה האָט מען געמוזט ביי לאה זלמן סאָסנעס, דער עיקר דערפאַר, ווייל איר אויוון האָט זיך בעסער פאַרהיט פון דער פאַרטרונקענקייט. אין אַנדערע מייקעס האָט אַרויסגעשוואונקט די פּאָדן און מ׳האָט זיי געמוזט פאַרריכטן.

דער ענין פון באַקן מצה איז געווען פאַרבונדן מיט אַ סך אַר־בעט. אויסער צוגרייטן פסחדיקע כלים פאַר האַלטן וואַסער, קנעטן און האַלטן די מיירעס, האָט מען אויך געדאַרפט „קאָזלעס" און געהובלטע ברעטער אויף וואָס צו וועלגערן, און אַ בלעך אויף וואָס צו רעדלען די מצות. און טאַקע די רעדלעך אַליין אויך. און פסחדיקע

לאַפּעטעס און פּאַמעלעס און שטעקנס, אויף וואָס צו זעצן די מצות. מ׳האָט ס׳ערשטע מאָל געבאַקן מצה אויפן האָלעם — ס׳איז דאָך קיין זאַך ניט געווען. ס׳איז געווען נאָך אַ דאגה: וואו ס׳איז נאָר געווען אַ שטיקל האָלץ, האָט עס ס׳וואַסער אַראָפּגעטראָגן. ס׳איז אַפילו ניט געבליבן קיין טרוקן שטיקל האָלץ מיט וואָס פאַנאַנדערצולייגן אַ פייער אָפּצוקאָכן עפּעס. אמת, גאָט האָט געהאָלפן: מיטן אייז האָט זיך גע־טראָגן זייער אַ סך זאַכן אַראָפּגעשווענקטע פון אַנדערע ברעגן, און צווישן זיי — באַלקנס, ברעטער, קלעצער און אַנדערע מינים געהילצן. האָבן די פריקאָזטשיקעס אַרויסגעשאָטן אויף די ברעגן און מיט באַ־האָרעס אָנגעכאַפּט באַלקנס און קלעצער, וואָס ס׳האָט געטראָגן ביי די ברעגן פון האָלעם. אָבער טרוקן זיינען זיי ניט געווען, און זעגן האָט מען זיי אויך געמוזט — מ׳קאָן דאָך ניט רוקן קיין גאַנצע באַלקנס אין אויוון.

שטאַרק אויפגעמונטערט זיינען געווען אברהם לאַפּאַטע מיט זיין ריישען און ישראל מיט דבורה־ברײַנען. אברהם מיט ישראלן האָבן אָנגעכאַפּט גרויסע קופּעס מיט באַלקנס און קלעצער. דבורה־ברײַנע איז פון דער ערשטער מינוט אָן, — פריי פון ריישען, — געשטאַנען מיט ישראלן מיט אַ באַהאָר אין האַנט. און ריישע, נאָך איידער זי האָט געטאָרט אַראָפּ פון בוידעם מיטן קינד, האָט זיך אויך גענומען פאַרן באַהאָר. פון באַגינען ביז שפּעטן פינצטער זיינען זיי געשטאַנען און געכאַפּט יעדעס שטיקל געהילץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט דערגרייכן מיט די באַהאָרעס.

נאָך די עמערס פיש, האָט פון די גרויסע קופּעס אָנגעכאַפּטן געהילץ געשלאָגן מיט יום טוב אויף די הערצער: מ׳וועט קאָנען פאַר־קויפן אויף מאָסקווער פאָרשטאָט — דאָס ערשטע געלט פאַר אַ גאַנצן ווינטער. ס׳וועט זיין מיט וואָס צו מאַכן פּסח און ס׳וועט נאָך בלייבן מיט וואָס צו קויפן אַ ציג.

ריישע, אַ ליכטיקע און פול מיט נייע כחות, שענער ווי זי איז ווען געווען, איז געזעסן נאָכדעם אויף אַ קלעצל לעבן טיר פון מייקע, אַנטקעגן די הויכע קופּעס אַרויסגעשלעפּטע באַלקנס און קלעצער, גע־קוקט אַ שטראַלנדיקע אויף איר פּוכיקן זונדעלע לעבן איר בוזים. ער איז געלעגן מיט זיין גרויסן קעפּל און ליכטיקע, דינענקע הערע־לעך, שוואַרצע בלישטשענדיקע אויגעלעך און געזויגן מיטן פולינקן פּיסקל פון איר גרויסער, ווייסער אָנגעפּילטער ברוסט. זי האָט גע־פילט אַז מיט אים איז געקומען זייער גרויסער מזל. אָנגעזויגן זיך,

האָט ער איינגעשפּאַרט געקוקט אויף איר מיט זיינע שוואַרצע אויגע־לעך, ווי געוואָלט פאַרשטיין פון וואַנענט זי האָט זיך גענומען, די דאָזיקע פרעמדע, אומבאַקאַנטע.

ערב פּסח זיינען אָנגעקומען די ערשטע פּליטן און באַלד דער־נאָך האָבן גענומען אָנקומען פּליטן אין די הונדערטער און נאָכדעם אין די טויזנטער. זיי זיינען געגאַנגען בייטאָג און ביינאַכט — אָן אויפהער; פּליטן פון פאַרשיידענע סוחרים און סוחרימלעך, געהילף־פלעצער און זעגמילן. זיי האָבן פאַרשטעלט אַלע דווינעס פון ברעג צו ברעג. געלאָזן בלויז אַ דורכגאַנג אין מיטן: פאַר נייע אָנקומענדיקע פּליטן פאַר דאַמפּערס, שיפלעך און לייוועס. ס'האָט אויסגעזען, ווי מ'וואָלט זיך פון טויזנטער וועלדער מיט אַלע טייכן געטראָגן אויף גרויסע געהילץ־יאַרידן.

אויפן זווירנהאָלם האָבן זיך אָנגעהויבן די אַרבעטן פּונקט ווי פאַראַיאָרן. נחמן טשופּרינע האָט איבערגענומען שאַמיראָס פּליטן, איינגעשטעלט זיי אין די אָגאָראָדן, איינגעשטעלט שמירה, געציילט, געמאָסטן די באַלקנס און זיי איבערגעגעבן צום אַרויסשטאַפּלען אויפן האָלעם.

עס זיינען אַריבערגעקומען אויפן האָלעם די אָנגעדונגענע מענטשן. עליע האָט געהייסן צונויפשלאָגן פון צוויי ניט גרויסע לייוועס אַ פּאַראָם. איז דאָס אַריבערפירן די פערד דעם פרילינג געווען אַ סך גרינגער, ווי פאַראַיאָרן. עס זיינען אַריבערגעקומען די פאַראַיאָריקע אַרטעלן טיאָסטשיקעס מיט זייערע קעכינס און זיך גענומען אויפ־שלאָגן ביידלעך. עס זיינען אויך אָנגעקומען אויפן האָלעם די יאַקאָר־שטשיקעס מיט זייערע שיפלעך און יאַקאָרסקן אינסטרומענטן, און די אַנדערע מינים אַרבעטער. די אַרבעט איז אַוועק מיט פאַראַיאָריקן אימ־פּעט.

אַ פּאָר וואָכן נאָך פּסח האָבן פּלוצלינג גענומען אָנקומען אויפן זווירנהאָלם טשאַשניקער, אולער און טשאַרייער יידן. מערסטע פון זיי טשאַשניקער. בסך הכל עטלעכע און צוואַנציק יידן. ווער די

טשאַשניקער יידן זיינען האָט עליע געוואוסט, כאָטש ער האָט זיי ניט געקענט. ווער די אולער און טשאַרייער זיינען — האָבן געוואוסט די אַנדערע פּריקאַזטשיקעס.

דאָס זיינען געווען יידן, וואָס טשאַשניק, אולע און טשאַריי האָבן פאַר זיי ניט געהאַט קיין ברעקל פּרנסה און זיי געטריבן וואו די אויגן טראָגן. יידן אויסגעהונגערטע, אויסגעקוואַרטע, אָן אַ ברעקל מלאכה אין האַנט, מיט אַ קרענקלעכן בלישטש אין די אויגן פון שטענדיקן אונטערהונגערן, וואָס זיינען גרייט געווען צו טאָן כל עבודת פּרך, כדי ווי ניט איז צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן און ניט אַראָפּ צו דער טאָרבע.

זיי זיינען געקומען אויפן זווירנהאָלם צו קריגן ביי עליען עפּעס מלאכה. ווער ס׳האָט פּאַרשפּרייט אין טשאַשניק, אַז ביי עליען וועלן זיי קריגן עפּעס צו פאַרדינען, איז געווען אַ רעטעניש. עליע האָט מיט קיין איין וואָרט ניט אָנגעדייט וועגן דעם זיין לעצטן מאָל אין טשאַש־ניק. ער האָט אויך מיט קיין איין אות ניט דערמאָנט וועגן דעם אין די קורצע בריוועלעך, וואָס ער פלעגט צולייגן צו דעם הוצאה־געלט יעדן חודש דער מאַמען. נאָך מער רעטעניש זיינען געווען די אולער און טשאַרייער יידן.

באַלד איז דאָס אָבער קלאָר געוואָרן. די ווייבלעך פון די פּרי־קאַזטשיקעס, אין זייערע בריוו צו טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועס־טער, האָבן לעצטן זומער געשריבן וועגן די אַרבעטן אויפן זווירנ־האָלם. פון מויל צו מויל האָט זיך עס צעטראָגן איבער טשאַשניק, אולע און טשאַריי. דעם אויספיר — אַז מ׳קאָן קריגן עפּעס צו טאָן ביי עליען — האָט שוין יעדערער ביי זיך אַליין געמאַכט: אויב אַזוי פיל גוים האָבן ביי אים פּרנסה, פאַרוואָס זאָל ער זיי אויך ניט געבן עפּעס צו פאַרדינען? און ס׳האָט זיך — יעדערער ביי זיך — גענומען גרייטן קיין ריגע. דער עיקר האָבן אַ הויב געטאָן די ביידלעך אויף די פּליטן, וועגן וועלכע די ווייבלעך האָבן געשריבן אין די בריוו. דאָס איז דאָך געווען ווי מן השמים: אַן אָרט וואו אויפצוהאַלטן זיך!

אַריבערגעקומען דעם פּסח, האָט מען פאַרבונדן עטלעכע הריוו־ניעס אין אַ קניפּל אונטערן בוזים, אַריינגעלייגט דעם טלית און תפילין, אַ העמד און עטלעכע לעבלעך ברויט אין אַ זעקל, אָנגעטאָן די צעפּליקטע ווינטערדיקע מאַנטלען, אַרויפגעוואָרפן די זעקלעך אויף די פּלייצעס און זיך אַוועקגעלאָזן אין וועג. מיט וואָס צו פאָרן איז

דאָך ניט געווען, האָבן זיך אייניקע געלאָזן מיט פאַרביישווימענדיקע פליטן אויף דער אוליאַנקע, אַנדערע מיט לייוועס תבואה, און דריטע — צופוס, אויפן וועג אונטערגעפאָרן מיט אַ גויאישער פור צו דער ווייטער באַן, דאָרטן זיך אַריינגעגנבעט אונטער אַ באַנק אָן אַ בילעט און געלעגן באַגראָבן, דער קאָנדוקטאָר זאָל ניט כאַפּן.

געקומען קיין ריגע, האָבן זיי זיך פאַרקליבן אין דיביידלעך אויף די פליטן אַרום זווירנהאָלם. ס'האָט געהאַט אַ סך מעלות: אי מ'האָט געהאַט וואו אויפצוהאַלטן זיך ניט געמעלדעטערהייט, אי ס'האָט גאָרנישט געקאָסט און אי ס'איז געווען ניט ווייט פון עליעס געהילץ־פּלאַץ. שאַמיראַס געהילץ־פּלאַץ האָט ביי זיי געהייסן עליעס געהילץ־פּלאַץ.

עליע האָט אַ קוק געטאָן אויף די יידן און ס'איז אים געוואָרן שווער אויפן האַרצן. זיי זיינען געווען אויסער אַלע זיינע חשבונות. די אַרבעט אויפן געהילץ־פּלאַץ איז געווען ניט פאַר זייערע ביינער און ניט פאַר זייערע כחות. אָבער ווי לאָזט מען זיי הונגערן? האָט ער געהייסן קאַפּל־מאירן געבן זיי אַרבעט ביים אויפקלייבן דעם „ביוועץ".

ס'איז געווען ניט קיין גרינגע אַרבעט פאַר זיי. מ'האָט געדאַרפט צונויפנעמען טשורבאַנעס, עקן פון באַלקנס, שטאַנגען און שפענער פון פאַרשיידענע ערטער פון האָלעם אין איין אָרט, זעגן, שפּאַלטן און צונויפנעמען אין קלאַפטערס. קיין סך צאָלן דערפאַר האָט מען ניט געקאָנט, אָבער בעסער ווי גאָרנישט איז עס געווען.

שווער איז פאַר די יידן געווען די אַרבעט, אָבער מען האָט זיך צו איר צוגעכאַפּט מיט ליבשאַפט, געאַרבעט מיט אַלע כחות, איבער אַלע כחות, שיער ניט געפאַלן אונטער דער שווערקייט, אָבער זיך ניט אונטערגעגעבן. ניט געטאָרט זיך אונטערגעבן! דרייסיק קאָפּיקעס אַ טאָג איז געווען זייער אַ סך געלט! פלעגט מען ליגן נאָך יעדן טאָג אַרבעט אין די שטרויענע ביידלעך אויף די פליטן צעבראָכענע מיט אָנגעשוואָלענע פלייצעס פון שלעפּן די עקן פון די באַלקנס מיט קלעצער, און מיט וואונדן אויף די הענט פון זעגן, שפּאַלטן און לייגן דאָס האָלץ אין קלאַפטערס. די אברים זיינען ניט געוואוינט געווען צו אַזאַ האָרעוואַניע.

דורך די נעכט זיינען די פלייצעס מיט די הענט נאָך מער אויפגעלאָפן, האָט מען מיט אַן אויג ניט געקאָנט צומאַכן אין די ביידלעך. געלעגן און געקרעכצט אין דער שטיל. און זיך אויפגעהויבן מיט באַגינען, צעלייגט אַ פייער לעבן די ביידלעך אויף די פליטן, צוגעשטעלט קעסעלעך מיט וואַסער פאַר טיי, אָנגעטאָן טלית און תפילין,

געדאַוונט און זיך געוואַרימט בײַם פֿײַער אין דער פּאַרטאָגיקער קילקייט. אָפּגעדאַוונט, געגעסן טרוקן ברויט מיט הייסע רויטלעך וואַסער, צוגעביסן מיט אַ שטיקל צוקער, געבענטשט, געלויבט דעם אויבערשטן פֿאַר זײַן רחמים, אויף אַלע פֿיר איבער די פּליטן, ניט אַרײַנצופֿאַלן צווישן די באַלקן אין וואַסער, צוגעקראַבקעט זיך צום זווירנהאָלם און געגאַנגען צו עליען נאָך אַ נײַעם טאָג אַרבעט.

אין איין וואָך צײַט האָט זיך די אַרבעט בײַם „ביוועץ" אויסגענומען. די צווייטע וואָך האָט זיי עליע געגעבן עטלעכע טעג אַרבעט מער צוליב רחמנות. ווי די עצם אַרבעט איז נויטיק געווען. אָבער ווי לאַנג קאָן מען אַזוי אָנגיין? וואָס נאָך פֿאַר אַן אַרבעט קאָן ער זיי געבן? פֿאַר אַרבעט אויפֿן וואַסער האָבן זיי ניט געטויגט, בײַ אַנדערע אַרבעטן אַרום געהילץ — אויך ניט. לאָזן זיי הונגערן, כּדי זיי זאָלן זיך צעפֿאָרן אַהיים — דאָס איז אפֿשר געווען דער איינציקער אויסוועג. אָבער וואו נעמט מען הארץ פֿאַר אַזוינס? עליע האָט דעריבער באַשלאָסן אַוועקצושטעלן זיי לאָדן די שפּאַלן מיט די ספּליטהאָלץ אין די לײַוועס פֿאַר די שיפֿן. עס איז אַ סך אַ שווערערע אַרבעט, ווי צונויפֿקלײַבן דעם „ביוועץ". וועלן זיי זיך אָבער אײַנבערעכן, וועלן זיי האָבן אַרבעט אַ גאַנצן זומער, ביז די לעצטע געהילצן אויפֿן האָלעם.

זונטיק אינדערפֿרי, ווען אַלע אָנגעפֿאָרענע אומגעמעלדעטע ייִדן האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אַרום שאַמיראָס קאַנטאָר אויפֿן האָלעם צו קריגן אַ טאָג אַרבעט, איז עליע אַרויס אויפֿן ווערענדע און זיי נאָך אַמאָל באַטראַכט פֿון דער ווײַטנס. אײַנגעדאַרטע, אײַנגעקוואַרטע, אַרומגעשליסענע, מיט צעריסענע שיך, אונטערגעבונדן די פֿאָדעשוועס מיט שטריקלעך: די שיך זײַנען זיך צעפֿאַלן אין דער לעצטער וואָך. די צעריסענע קליידער, אויסגעשמירט מיט בלאָטע פֿון טראָגן דעם „ביוועץ", און צעקאָרטשעטע פֿון שלאָפֿן אין זיי אין די ביידלעך; אײַנגעפֿאַלענע אויגן, צעפּאַטלטע בערד, פֿאַרדרייטע פּאות אונטער די היטלעך, מיט צעשפּאָלטענע קאַזיריקעס אויף אַ זײַט. אמת, די זון האָט זיי אַביסל אַרומגעברענט פֿאַר די כּמעט צוויי וואָכן אויפֿן האָלעם, און פֿון ווייניק אַרבעט די לעצטע וואָך, האָבן זיי זיך אויסגערוט און האָבן אויסגעקוקט אַביסל לעבעדיקער, ווי זיי האָבן אויסגעקוקט בעת זייער קומען אַהער, אָבער נאָך אַלץ מער חורבות, ווי מענטשן. אויף אַלעמען איז דערצו געלעגן אַן אומרואיקייט, וואָס מ'האָט כּמעט געקאָנט אָנטאַפּן מיט די הענט.

פֿון אַלעמען האָט זיך עליע אָפּגעשטעלט אויף מרדכי־דודן. דאָס

איז געווען אַ ייד אַרום די פופציקער. אַ קלייניבקער, אַ דאַרינקער, אַ בלייכער, הויט מיט ביינער; אַ שטערן פול מיט קנייטשן, מיט אַ קליין שיטער בערדל; אין אַ יאַרמולקע אונטערן היטל און מיט פאות פאַררוקט הינטער די אויערן, וואָס זיינען געווען ווייס, ווי ביי אַ טויטן; אין אַ צעריסענער און צעקאַרטשעטער קאַפּאָטע, מיט אַראָפּ־הענגענדיקע לאַנגע ציצית; די שיך צעריסענע און די פּאָדעשוועס מיט שמאַטעס צוגעבונדן, זיי זאָלן ניט אַראָפּפאַלן, און אַ פּאָר שפּאַ־קולן האָט ער געטראָגן, — איז ניט געווען קלאָר צוליב וואָס ער האָלט זיי אויפן נאָז ווייל געקוקט האָט ער אַלעמאָל אַריבער זיי.

ער איז געקומען פון טשאַרעי מיט זיין יינגל, אַ בחורל אַ יאָר פערצן. אַ הויכער, אַ דאַרער, ווי אַ שטעקן, מיט שוואַרצע אומעטיקע קינדערשע אויגן. ער האָט געטראָגן אַ פּאַרלאַטעט רעקל מיט אַרבל, וואָס האָבן זיך קוים אַריבערגעכאַפּט די עלנבויגנס. די הויזן זיינען געווען זייער קורץ און שמאָל אויף אים, אין צעריסענע שיך מיט אַ באַדאַשיקט קליין היטעלע אויפן קאָפּ, מיט פּאותלעך, ווי אַראָפּהענגענ־דיקע שרייפלעך, מיט ציצית פון אונטערן קורצן רעקל און מיט ערשטע הערעלעך אויף דער אויבערשטער, עפּעס אַרויפגעהויבענער ליפּ. די קליידער זיינען אויף אים געווען אויסגעשמירט און צעקאַרטשעט, ווי ביי אַלעמען. פון אַרבעטן ביים „ניוועץ״ איז זיין קינדיש פּנים גע־ווען אָפּגעברענט פון דער זון און זיינע שוואַרצע אויגן האָבן גע־קראָגן אַ לעבעדיקערן בלישטשט, אָבער דאָס האָט די אומעטיקייט פון זיי ניט אַוועקגענומען. ער איז געקומען מיטן טאַטן אויף אַ לייווע מיט תבואה — זיך קוים איינגעבעטן מ׳זאָל זיי נעמען.

עליע האָט די גאַנצע צייט מרדכי־דודן מיט זיין יינגל געהאַלטן אונטערן אויג. ער האָט געזען, אַז מרדכי־דוד האָט ניט קיין כח צו שלעפּן די קלעצער. ער האָט געהאַלטן אין איין פאַלן אונטער דער משא; ער האָט זיך שיער ניט צעקאַליעטשעט עטלעכע מאָל ביים פאַלן. דאָס יינגל האָט אים יעדעס מאָל געהאָלפן זיך אויפהויבן. מיט אַלע כחות האָט ער אָבער געזוכט צו אַרבעטן מיט אַלעמען גלייך. ער איז ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפן, געצעטערט אָפּצושטיין, מ׳זאָל ניט באַמערקן זיין שלאַפקייט, אָבער ניט געקאָנט נאָכהאַלטן. איינמאָל איז ער אַזוי שווער געפאַלן מיט אַ קלאָץ אויף זיך, אַז ער האָט זיך קוים געקאָנט אויפהויבן און זיך געמוזט אַוועקזעצן. זיין יינגל האָט זיך אַזש צעוויינט. אָבער ווי נאָר מרדכי־דוד איז געקומען אַביסל צו זיך, איז ער ווידער אַוועקגעלאָפן טראָגן די קלעצער.

עליע האָט געהייסן פּיניען אַוועקשטעלן די יידן לאָדן די שפּאַלן אין איינער פון די לייוועס און מרדכי־דודן אַריינשיקן צו אים אין קאַנטאָר. אַליין איז ער אַריין אין קאַנטאָר און זיך אַוועקגעזעצט ביים גרויסן טיש מיט פּאַפּירן.

מרדכי־דוד איז אַריין אין קאַנטאָר אַ ציטערנדיקער און איבער־געשראָקענער. געזען, אַז פּיניע האָט אַלעמען אַוועקגעפירט אויף אַרבעט, דאָס יינגל געלאָזן אין דרויסן און אים געהייסן גיין אין קאַנ־טאָר צו עליען, האָט ער דערפילט, אַז עפּעס דראָענדיקס הענגט איבער אים. ער איז אין טיר געבליבן שטיין.

— זעצט זיך, — האָט אים עליע אָנגעוויזן אויף אַ שטול אַנט־קעגן זיך.

מרדכי־דוד האָט זיך זייער פאַרזיכטיק אַוועקגעזעצט און געקוקט אַריבער זיינע שפּאַקולן אויף עליען, ווי איינער, וועמען מ׳האָט גע־כאַפּט ביי עפּעס.

עליע האָט צו אים געזאָגט:

— מרדכי־דוד, איר טויגט ניט פאַר דעם מין אַרבעט. לאָדן שפּאַלן מיט ספּליטהאָלץ איז ניט פאַר אייערע כחות. ניט געטאָרט זיך לאָזן אַהער.

מרדכי־דוד האָט געפילט, ווי מ׳וואָלט אים מיט עפּעס דערלאַנגט איבערן קאָפּ. ער איז אינגאַנצן צעמישט געוואָרן. אָבער געקומען צו זיך, האָט ער ווי אַ טרינקענדיקער געכומען זוכן כאָטש אַ שטרוי זיך אָנצוכאַפּן. מיט פאַרשטיקטן ציטער, מיט טרערן אין די ווינקלען פון די אויגן, האָט ער זיך גענומען אָפּבעטן פון דער גזירה, וואָס איז איצט איבער אים געהאַנגען.

— געמוזט לאָזן זיך... אַ שטוב מיט קינדערלעך... אַכט זאָלן געזונט זיין... פון צוועלף געבליבן... דאָס יינגל מיינס איז דער עלטסטער איצט... ווי לאַנג קאָן אַ טאַטע צוקוקן, ווי קינדער הונ־גערן?... ווי קאָן מען איינזיצן, אַז מ׳דערהערט — אַז ערגעץ קאָן מען פאַרדינען אויף ברויט?... ברויט... ברויט... איר ווייסט וואָס עס מיינט ברויט?... ברויט, אַז קינדער הונג...

מרדכי־דוד האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אָבער טרערן האָבן אים פאַרוואָרגן און ער האָט ניט געקאָנט פאַרענדיקן דאָס לעצטע וואָרט. אַז ער האָט ווי־ניט־איז אַראָפּגעשלונגען די טרערן, האָט ער ווייטער אָנגעהויבן:

— ווי לאַנג קאָן מען צוקוקן, אַז קינדער הונגערן?... ווי קאָן

מען איינזיצן?... ר׳ עליע, איך מוז האָבן די אַרבעט... איך מוז... אָן אַרבעט בלייבט מיר פון בריק אין וואַסער... וואָס בלייבט, אויב אַרבעט אויך ניט?...

— אָבער ס׳איז ניט פאַר אייערע כחות, — האָט אים עליע געוואָלט ער זאָל פאַרשטיין.

— כחות... כחות... — האָט מרדכי־דוד געקייט די ווערטער ווי סם המות. די דאָזיקע ווערטער זיינען אים איצט געהאָנגען, ווי שווערע שטיינער אויפן האַלדז. אים האָט אַ בליאַסק געטאָן אַ געדאַנק. ער ווייסט ניט ווי עליע גלויבט אין דעם, ער איז אָבער זיכער אין דעם: — כחות... כחות, זאָגט איר? דער אויבערשטער גיט און וועט געבן כחות! ער האָט אַ סך כחות!... איר הערט, ס׳איז ניטאָ קיין סך קליאַק אינעם ברויט מיטן שטיקל הערינג, אָבער דער אויבערשטער שטאַרקט! די האָרעוואַניע אַליין האַלט אויף די פיס און מאַכט פון טאָג צו טאָג גרינגער די אַרבעט. דורך דער האָרעוואַניע גיט ער די כחות!... ער וועט מיר געבן כחות... וועט געבן...

— איר קאָנט עפּעס לערנען, מרדכי־דוד? — האָט אים עליע געפרעגט נאָכן אויסהערן אים.

— וואָס הייסט עפּעס. אַ ייד און ניט קאָנען לערנען? — האָט זיך מרדכי־דוד ווי באַליידיקט. — וועלכער ייד קאָן דאָס ניט לערנען?...

עליע האָט געקוקט אויף מרדכי־דודן אַ ווײַלע, נאָכדעם אַנטשלאָסן געזאָגט:

— מרדכי־דוד, איך וועל אייך קיין אַרבעט אויפן געהילץ־פּלאַץ ניט געבן. איר וועט פאַלן אונטער דער אַרבעט.

— דער אויבערשטער האָט געהיט ביז איצטער, וועט ער היטן ווייטער... — האָט מרדכי־דוד געפּרואווט זיך ראַטעווען פון דעם לעצטן קלאַפּ. ער האָט אָבער געפילט, אַז עס איז פאַרשפּילט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און ווייטיקדיק אַרויסגעקרעכצט:

— איצט איז כמים עד נפש...

— מרדכי־דוד, איך האָב פאַר אייך עפּעס אַנדערש. אויפן האָלעם זיינען דאָ ייִנגלעך, וואָס דאַרפן אַ רבין. אַנשטאָט שלעפּן שפּאָלן מיט ספּליטהאָלץ, וועט איר זיך זעצן לערנען מיט זיי. און מיט די מיידלעך דאַרף מען אויך עפּעס לערנען. איך ווייס ניט צי איר טויגט פאַר דעם, אָבער קיין בעסערן האָבן מיר ניט...

— קיינמאָל ניט געלערנט... אָבער... כ׳וועל פּרואוון... כ׳וועל...

— לערנען וועט איר טאָקע אָנהויבן היינט — ביי מיר אין מייִ־
קע, אין חדר, וואו ס'שטייט דער אָרון קודש.

— שיער ניט געזינדיקט... — האָט מרדכי־דוד מחילה גע־
בעטן פאַר זיינע זינדיקע געדאַנקען.

— גייט צו מיר אין מייקע. מיין ווייב וועט אייך זאָגן וואָס און
ווי אַזוי צו טאָן. זי ווייסט וועגן אייך. פאַר אייער ייִנגל וועל איך אויך
עפּעס זען.

פּיניע מאַהילניק האָט פון קאַנטאָר אָוועקגעפירט די יידן צווישן די שטאַפּלען באַלקנס צו גרויסע קופּעס צונויפגעלייגטע שפּאַלן און פון דאָרטן צום ברעג פון דער „קליינער דווינע”, וואו עס זיינען געשטאַנען צוגעטשאַליעטע לאַיוועס מיט אַרויפגעוואָרפענע ברעטער צו זיי. ער האָט זיי געהייסן לאָדן די שפּאַלן אין דער ערשטער לאַיווע. דערביי האָט ער זיי אָנגעוויזן, ווי אַזוי צו לייגן די שפּאַלן אין לאַיווע, כדי זיי זאָלן ליגן אין אַ סדר, מ'זאָל זיי קאָנען ציילן.

דעם זונטיק, ווי אַלע זונטיקן, האָט קיינער אויפן געהילץ־פּלאַץ ניט געאַרבעט. דער טאָג איז פון פרימאָרגן אָן געווען אַ זוניקער און הייסער. דער הימל איז געווען הויך און בלוי. וואו־ניט־וואו, זייער הויך, האָבן זיך געזען דורכזיכטיקע וואָלקנדלעך. ווי דורכגעלויכטענע שווימענדיקע וואָלן האָבן זיי זיך פויל געצויגן ערגעץ. פייגל האָבן געטשוויטשערט אין דער לופט און זונטיקדיקע גלעקער־איבער־קלאַנגען פון די קלויסטערס האָבן זיך געטראָגן איבער די דווינעס.

די טיאָסטשיקעס מיט די קעכינס זיינען נאָך נעכטן אָוונט אָוועק־געפאָרן אַהיים אויף זונטיק: צו גיין אין קלויסטער און נאָכדעם פאַר־ברענגען מיט ווייב און קינדער אין די טשיינעס. די אַנדערע אַרבע־טער זיינען זיך צעפאָרן נאָך פריער פאַר זיי.

אויפן טייך האָט מען כמעט ניט געזען קיין מענטשן. די פליטן זיינען געשטאַנען צוגעבונדן צו די סוואַיעס. קיין שיפלעך מיט טייך־דאַמפּערס האָט מען אין ערגעץ ניט געזען. אַלץ האָט גערוט. בלויז שומרים אויפן טייך האָבן געהאַלטן די געהילצן אונטער וואַך, און פליטן פון אַרויף־דווינע, פון די וועלדער, זיינען געגאַנגען אין מיטן טייך צו סוחרישע אָגאַראָדן הינטער דער אייזערנער בריק: פליטן, וואָס שטעלן זיך קיינמאָל ניט אָפּ, אַפילו איבערצוהערן זונטיקדיקע גלעקער.

די יידן האָבן זיך צוגעכאַפּט צו דער אַרבעט מיט פרייד. זיי האָבן געפילט, אַז די עטלעכע טעג אַרבעט וואָס זיי האָבן לעצטע וואָך באַקומען, איז געווען מער נדבה, ווי אַרבעט. ס'איז געווען פון איר זייער שווער און אומרואיק אויף די הערצער.

אין דער לאַדונג פון די שפּאַלן איז דעריבער געווען האָפענונג, אַז מ'וועט האָבן — און אַ סך — אַרבעט. האָט מען אויפגעשייטנטע גע־האָלפן איינער דעם אַנדערן אויפהויבן די שפּאַלן אויף די פּלייצעס און צו איינציקע געטראָגן זיי פון די קופּעס אין מיטן האָלעם און איבער די איבערגעוואָרפענע ברעטער אין לאַיווע אַריין. מ'האָט ניט געטראָגן, נאָר מיט שמחה געלאָפן איינער היגטערן אַנדערן מיט די שפּאַלן אויף די פּלייצעס. אמת, די גוישע גרוזטשיקעס טראָגן צו צוויי דריי שפּאַלן מיטאַמאָל, אָבער דאָס איז ניט פאַר זייערע יידישע כחות. מ'צאָלט פון דער צאָל פאַרלאָדענע שפּאַלן, וועט מען פאַרדינען ווייניקער.

אָבער אַפילו צו איינציקע איז אויך געווען זייער שווער. אַזעלכע שווערע זאַכן האָבן זיי נאָך פאַר דער גאַנצער צייט אויפן האָלעם ניט געטראָגן. די קלעצער פונעם „ניוועץ" זיינען געווען קירצער, דינער, גרינגער. די שפּאַלן האָבן ווידער אַנגעריבן די אָפּגערוטע און עטוואָס צוגעהיילטע פּלייצעס. האָט מען אויסגעטאָן די קאָפּאָטעס און די רעקלעך, געמאַכט פון זיי קישעלעך, צוגעבונדן מיט שטריק־לעך צו אַקסלען, ס'זאָל אַזוי ניט רייבן, און אין טלית־קטנס מיט אַראָפּהענגענדיקע ציצית איבער די צעריסענע העמדער און מיט שטריקלעך אַרומגעבונדענע פּלודערן, געטראָגן די שפּאַלן.

אַרום מיטאָג־צייט האָט מען זיך אויסגעשעפּט פון די כחות. אויס־געמאַטערטע האָט מען זיך צוגעשלעפּט צום ברעג, מ'האָט זיך אָפּ־געפרישט מיט קאַלט וואַסער, זיך אויסגעזעצט אַנטקעגן לייווע, זיך אָפּגערוט אַ ווײַלע, נאָכדעם געוואַשן די הענט, געגעסן ברויט מיט אַ שטיקל הערינג און ציבעלע, וואָס מ'האָט געבראַכט מיט זיך פון די ביידלעך, פאַרטרונקען מיט וואַסער, אָפּגעבענטשט מיט אַ מזומן און זיך אויסגעצויגן אין שאָטן פון אַ דערבייאיקן שטאַפּל. גאָכן אָפּרוען זיך אין דער שעה צווישן איין האַלבן טאָג און צווייטן, מיט אַ ביסל אָפּגעפרישטע כחות, האָבן זיי זיך ווידער גענומען צום לאָדן.

צום זון־פאַרגאַנג איז געווען פאַרלאָדן אַ דריטל לייווע. ס'איז געווען גאָר ניט שלעכט און ס'האָט זיי שטאַרק הנאה געטאָן. אָבער פון דער אַרבעט איז מען אַוועק האַלב־טויטע: זיך קוים דערשלעפּט

צו די ביידלעך אויף די פּליטן און דאָרטן איז מען ממש אָוועקגעפאַלן. ס'איז געווען דער ערשטער טאָג אין זייער אַלעמענס לעבן אָפּצואַרבעטן גאַנצע צוועלף שעה אונטער אַזעלכע משאות און נאָך אין אַזאַ הייסן טאָג. ניט געקוקט, וואָס מ'האָט די שפּאַלן געטראָגן אויף די קישעלעך, זיינען די פּלייצעס ווידער געווען צעמזיקט און אָנגעשוואָלן.

מאָנטיק גאַנץ פרי איז מען פונדעסטוועגן אויפגעשטאַנען, אָפּ־געדאַוונט ביי די פייערן, אָפּגעגעסן, אָפּגעבענטשט און ווייטער אַוועק צו עליען נאָך אַרבעט. פיניע האָט זיי געשיקט צו די שפּאַלן — פאַרענדיקן לאָדן די אָנגעהויבענע לייווע.

אַז זיי זיינען אָבער געקומען צום אָרט וואו זיי האָבן נעכטן געלאָדן די שפּאַלן, האָבן זיי דאָרטן געטראָפן פאַוועל קליוטשעוואָיס גרוזטשיקעס.

דערזען די יידן קומען לאָדן די שפּאַלן, האָבן די גרוזטשיקעס אויסגעסטאַרטשעט אויף זיי פאַרוואונדערטע און חוזקדיקע אויגן. אַליין געזונטע און שטאַרקע, האָבן זיי ניט געקאָנט פאַרשטיין פון וואַנענט ס'האָבן זיך גענומען אַזעלכע צעדאַרטע, צעקוואַרטע און אַרומגעריסענע. די קאַפּאָטעס, די בערד און בערדלעך מיט די עקלעך ביי די אויערן, האָבן זיי אינגאַנצן פאַרטשמעליעט. זיי האָבן די לעצטע צוויי וואָכן געזען עטלעכע אין זייער עק האָלעם — ביים צונויפקלייבן דעם „ניוועץ". זיי האָבן זיי אויך דעמאָלט באַטראַכט, ווי חיות פון עפּעס אַן אַנדער וועלט. אָבער זיי — און אַזוי פיל — לאָדן שפּאַלן? טאָן זייער אַרבעט? פון וואַנענט איז דאָס אַראָפּגעפאַלן? די דאָזיקע אַר־בעט האָבן זיי געהאַלטן פאַר זייערער, און קיינער האָט נאָך ביז איצט ניט געוואַגט צו שטעלן זיך לאָדן דאָרטן, וואו זיי טוען דאָס... און בכלל ניט האָלט געהאַט, אַז זייטיקע זאָלן זיי קוקן אין הענט...

די יידן זיינען אַ ווילע געשטאַנען אין ניט זיכערקייט אונטער זייערע האַלב־חוזקדיקע און פאַרטשמעליעטע אויגן, נאָכדעם גענומען צוטרעטן צום לאָדן.

פאַוועל קליוטשעוואָי איז געווען אַ גוי פון אַ יאָר זיבן־אַכט און דרייסיק, אַ געזונטער, הויכער, מיט אַ פּנים אָנגעגאָסן מיט קאַל־טער כיטרער רציחה, און אַרויסגעבלישטשעט מיט קליינע, שאַרפע חזיר־אויגעלעך. די האָר זיינען ביי אים געווען אונטערגעשאָרן ווי אונטער אַ קיילעכדיקער שיסל און מיט אַ פאַרטוכל ביז די אויגן געווען צעשאָטן איבערן שטערן.

פאַוועל קליוטשעוואָי האָבן אַלע געקענט און זיך געהיט פון אים.

ער איז דער „קאַפּ" פון די באַבערעזשניקעס. ער איז אָפּגעזעסן שיינע עטלעכע יאָר פאַר צעשניידן אַ שומר ביי אַ באַכטיקן „ארבעטל". פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך „אויסגעמענטשלט". ער טראָגט מער ניט קיין מעסער מיט זיך, כדי ווידער ניט אַריינפאַלן אין אַן אויפגעקאָכטער מינוט. אויב מ'דאַרף זיך אָפּרעכענען, האָט ער אַנדערע וועגן.

פּאַוועל קליוטשעוואַי איז געשטאַנען אָן אַ היטל מיטן האָר־פּאַרטוכל איבערן שטערן, גערויכערט אַ פּאַפּיראָס און געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס. ער האָט געקוקט אויף די יידן מיט איין אויג און ס'אַנ־דערע צוגעזשמורעט, ווי געוואָלט זאָגן, צי מיינען זיי אויף אַן אמת זיך שטעלן לאָדן די שפּאַלן.

דערזען, אַז די יידן האָבן זיך געשטעלט אַרבעטן, האָט ער אַרויפ־געהויבן די הויזן, ענגער זיי אַרומגעצויגן מיטן רימען, אַרויסגעשפּיגן דעם פּאַפּיראָס פון מויל, אַ וואונק געטאָן צו זיינע מענטשן, אינאיינעם מיט זיי אויפגעהויבן פּלעקער, וואָס האָבן זיך דאָ געוואַלגערט, און אַ געשריי געטאָן, אַז ביי די יידן זיינען איינגעפאַלן די הערצער.

— וואָן אַטסיודאַ, זשידי פּאַרכאַטהיע! אוביאַם, זשידיוגי!...

[אַוועק פון דאַנען, יידעלעך פּאַרכאַטע! מיר וועלן הרגענען...].

און זיך אַ לאָז געטאָן פון אַלע זייטן אויף די יידן מיט די פּלעקער.

די יידן, צעשראָקענע אויף טויט, און ווייס ווי קאַלך, זיינען זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן. די, וואָס האָבן ניט באַוויזן צו אַנטלויפן אין צייט, האָבן געכאַפּט גאַנץ שטאַרק מיט די פּלעקער. פון די שטאָפּלען אַרום האָט זיך אויפגעהויבן אַ געלעכטער פון די יינגערע טיאָסטשיקעס און אַנדערע אַרבעטער ביי די שטאָפּלען. געלאַכט האָבן זיי מער פון דעם צעלויפן זיך, ווי פון פּאַוועל קליוטשעוואַיס פּלעקער.

— טשעוואָ ווי סמעיאָטעס, דוראַקי? [וואָס לאַכט איר, נאַראָ־נים?].

— נו! גאַלאַדנהיע!... ראַבאָטאַ נוזשנאַ... [נו, הונגעריקע... דאַרפן אַרבעט...].

האָבן עטלעכע בערדיקע טיאָסטשיקעס אָפּגעזידלט די לאַכערס. דאָס לאַכן האָט זיך אָפּגעהאַקט.

פיניע מאָהילניק איז געווען אין דער אַנדער זייט האַלעם, וואו מ'האָט געקייקלט קאַפּבאַלקן אין וואַסער. דערהערט דעם טומל אויפן האַלעם און דערזען די לויפנדיקע — און צווישן זיי אויך עטלעכע

צעשלאָגענע יידן, האָט ער צוערשט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז פאַרגעקומען. ער האָט זיך אָוועקגעלאָזן אַנטקעגן די לויפנדיקע יידן. דערוואוסט זיך פון זיי וואָס ס'איז פאַרגעקומען, האָט עס אים אָנ־געצונדן.

דערהערט דעם טומל אויפן האָלעם, זיינען אַרויס פון די מייקעס חיים־זלמן, נחמן טשופרינע, קאָפל־מאיר און זלמן סאָסנע. זיי האָבן ערשט געהאַלטן ביים צעגיין זיך אין זייערע ווינקלעך פון אַרבעט. עס זיינען אויך אַרויסגעלאָפן פון די מייקעס זייערע ווייבלעך.

דערהערט עפּעס אומרואיקס אויפן האָלעם, זיינען אויך אַראָפּ פון די פליטן אויפן ברעג ישראל יאַקאָרשטשיק און אברהם לאָפּאַטע. זיי האָבן האַיאָר געאַרבעט ביי עליען. האָבנדיק די מייקעס מיט די ווייבער און קינדער אויפן האָלעם, האָבן זיי געזוכט אַרבעט ביי עליען, כדי ניט צו זיין ווייט פון די היימען.

דער טומל אויפן האָלעם און דאָס לויפן פון די צעשלאָגענע יידן, האָט אַ שלאָג געטאָן איבער די הערצער מיט געלאָפן פון די מערק אין אַ חגא, מיט גוואַלדן: „מ'שלאָגט יידן!"... פאַר די אויגן האָט אַ שווינדל געטאָן מיט צומאַכן קראָמען, פאַרקלאַפּן לאָדנס און פאַר־ריגלען טירן.

פּיניע מאָהילניק, נידעריק און ברייט, מיטן גראָבן קאַרק און קליין שוואַרץ בערדל מיטן לאַנגן גוף, וואָס איז געזעסן אויף די סאַמע כאַליאַוועס פון זיינע הויכע וואַסער־שטיוול, איז אַוועק צום אָרט, וואו פּאַוול קליוטשעוואַי מיט זיינע מענטשן האָבן געלאָדן ספּליט־האָלץ אין די אַנדערע לאַיוועס. צוגעקומען צו פּאַוולען, האָט פּיניע מאָהילניק אים קאַלט און אַנטשלאָסן געהייסן אָפּשטעלן דאָס לאָדן.

— מ'וועט מער ניט לאָדן, פּאַוול. וועגן דיין ווייטערדיקער אַר־בעט דאָ וועסטו גיין צו גאָספּאָדין מאַגנוס אין קאַנטאָר.

— ניעט, טאַק ניעט! [ניט, איז ניט] — האָט פּאַוועל קליוטשעוואַי גלייכגילטיק געענטפערט. — פּרעקראַטיט גרוזקו! [אָפּשטעלן דאָס לאָדן!] — האָט ער אַ געשריי געטאָן צו זיינע מענטשן.

די גרוזטשיקעס זיינע האָבן אָפּגעשטעלט ס'לאָדן און זיך צונויפ־געקליבן אַרום אים.

— צו מאַגנוסן? כאַ! מיר בעטן ניט מ'זאָל אונדז געבן לאָדן. מ'קומט צו אונדז, אַז מ'דאַרף אונדז!... — האָט פּאַוול קליוטשעוואַי געזאָגט רציחהדיק קאַלט, מיט באַהאַלטענער כיטרעקייט, וויסנדיק אַז עליע וועט ניט קריגן קיין אַנדערע גרוזטשיקעס.

פּאַוועל האָט אַ ווײַלע געקוקט מיט זײַנע קלײנע שאַרפֿע לאַכנדיקע חזיר־אויגלעך אויף פּיניען און פֿאַרגעזעצט:

— און איך זע טאַקע ניט פּאַרוואָס דו קאָנסט ניט אויסקומען אָן אונדז!... אַזוי פֿיל זשידעס!... און זשידעס האָסטו אויסגע־קליבן!... כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ!... איין בלאָז און... כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ! אַ, זשידיוגעס!... כאַ־כאַ־כאַ! כאַ! כאַ! כאַ־כאַ־כאַ!... — איז ער זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ בײַזוויליקן געלעכטער, וואָס האָט גע־זוכט אָנצושטעקן מיט אים אַלעמען אַרום.

די גרוזטשיקעס האָבן זיך צעלאַכט אַרום אים. די טיאַסטשיקעס און די אַנדערע אַרבעטער ביי די אַרומיקע שטאַפּלען האָט אויך אַ קיצל געטאָן פּאַוול קליוטשעוואַיס שנײַדנדיקער חוזק. אָבער זעענדיק כמעט אַלע פֿריקאַזטשיקעס אַרום, האָבן זײ פֿאַרוואָרגן דאָס געלעכטער, פֿילנדיק, אַז אַפּלאַכנדיק פֿון די יידן, לאַכט פּאַוול באַליידיקענדיק זײ אין פּנים אַרײַן.

חיים־זלמן איז אײַנגאַנצן אַ רואיקער צוגעגאַנגען צו פּאַוול קליו־טשעוואַי, און אײדער עמעצער האָט געקאָנט חושד זײַן אויף וואָס ער האָט זיך פֿאַרנומען, אַ כאַפּ געטאָן פּאַוולען פֿאַרן העמדל אַרום האַלדז, אים אַ שלעפּ געטאָן אָן אַ זײַט פֿון זײַנע מענטשן, אַ הויב געטאָן אים מיט אַ מוראַדיקער גבורה אינדערהויך, מיט איין דריי אים אַ שלײַדער געטאָן אויף דער ערד, מיטן קני אים אַרויפֿגעפּאַרן אויפֿן ברוסט און מיט דער אַנדערער פֿאַרקנוילט אין אַ פֿויסט, אים גענומען שנײַדן איך פּנים מיט אַזאַ כח, אַזש ס'האָט אַ שפּריץ געטאָן מיט אַ שטראָם בלוט פֿון זײַן מויל און נאָז.

עטלעכע פֿון פּאַוול קליוטשעוואַיס מענטשן האָבן אַ כאַפּ געטאָן פֿלעקער און צוויי האָבן אַרויסגעכאַפּט מעסער פֿון די כאַליאַוועס און זיך אַ וואָרף געטאָן צו חיים־זלמנען. אָבער אײדער זײ האָבן באַוויזן אַרויפֿצוואַרפֿן זיך אויף אים, האָט ישראל יאַקאַרשטשיק אַ כאַפּ גע־טאָן אײנעם פֿאַרן האַנט אינאײנעם מיטן פֿלאָקן, אַרויסגעריסן פֿון אים דעם פֿלאָקן און אים מיט אַ מוראַדיקן שניט אָפּגעשלײַדערט אָן אַ זײַט. אברהם לאַפּאַטע האָט פֿלינק זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אײנעם מיט אַ מעסער, מיט איין קנאַק אים אַראָפּגעבראָכן אויף דער ערד, מיטן פֿוס אים אַרויף אויף דער מאָרדע, אַרויסגעריסן דאָס מעסער און געווען גרייט פֿאַר אַנדערע; קאָפּל־מאיר האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם אַנדערן מיטן מעסער. האָט אים פֿאַרבראָכן די האַנט מיטן מעסער אויף הינטן, אַרויסגעריסן דאָס מעסער, און אים אַזוי אַרײַנגעפּאַרן מיטן קולאַק אין

דער אויסגעדרייטער מאָרדע אויף הינטן, אַזש ס׳האָט אַ שפּריץ געטאָן מיט בלוט, און אַ שליידער געטאָן אים אָן אַ זייט, געווען גרייט פאַר די אַנדערע. אין דער זעלבער צייט האָט זלמן סאָסנע אַרויסגעריסן דעם פלאָקן פון נאָך איינעם און מיטן זעלבן פלאָקן מיט אַ מוראדיקן טראַסק אים אָפּגעשליידערט פון זיך און אַוועקגעפאָרן איבער די אַנ־דערע. מיט דער זעלבער שנעלקייט איז נחמן טשופּרינע פּאַרטיק געוואָרן מיט דעם לעצטן מיטן פלאָקן.

דערזען אַזוינס, האָבן פּאַולס איבעריקע מענטשן מיט רציחה זיך אַ וואָרף געטאָן צו פלעקער און זיך אויך אַריינגעוואָרפן אין געשלעג. דער געשלעג איז איצט אַוועק מיט פלעקער קעגן פלעקער, אַכזריות־דיק און פאַרביטערט. פּאַול קליוטשעוואַי איז געלעגן אין אַנמאַכט. און די שלעגער זיינען איצט געווען ישראל יאַקאָרשטשיק, אברהם לאָפּאַטע, חיים־זלמן, נחמן טשופּרינע, קאָפּל־מאיר און זלמן סאָסנע. אַנטקעגן זיי האָבן זיך געשלאָגן אַ צענדליק פון פּאַול קליוטשעוואַיס מענטשן. מיט וואָס ס׳וואָלט זיך פאַרענדיקט, איז געווען שווער צו זאָגן. אָבער דאָ איז פּיניע מאַהילניק, מ׳ווייסט ניט ווי אַזוי, ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן אין רוקן פון פּאַול קליוטשעוואַיס מענטשן מיט אַ סוקעוואַטן פלאָקן אין די הענט, גענומען פאָרן אומ־ברחמנותדיק אין די פּאַטיליניצעס און מיט יעדן טראַסק אַראָפּגע־שלאָגן איינעם פון די פיס.

דאָס פלוצלינגדיקע אַרויספאָרן פון פּיניען מיטן סוקעוואַטן פלאָקן פון הינטן, האָט אינגאַנצן צעטומלט פּאַוועלס מענטשן. אַלץ איז פאַר־געקומען אַזוי שנעל, פלוצלינג און אומדערוואַרט פון אַלע זייטן, אַז די, וואָס האָבן נאָך געקאָנט, האָבן געוואָרפן די פלעקער און זיך געלאָזט לויפן צו זייערע שיפלעך. ווער הינקענדיק, ווער צעבלוטיקט, ווער האַלטנדיק זיך פאַרן פּאַטיליניצע, האָט זיך געזוכט צו ראַטעווען פון די אומברחמנותדיקע פלעקער.

ווי נאָר פּאַול קליוטשעוואַי איז געקומען צו זיך און באַגריפן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, האָט ער זיך אויפגעהויבן, און אַ צעבלו־טיקטער זיך מיט אַלע כחות געלאָזט לויפן צום שיפל. דאָס בלוט איז אים גערונען פון מויל און פון נאָז. ער איז געלאָפן און געפאַלן, זיך אויפגעהויבן און ווייטער געלאָפן, ביז ער איז ענדלעך דערלאָפן צום שיפל. ער איז געווען אַזוי צעמזיקט און פאַרפליוכעט מיט בלוט פון אַלע זייטן, אַז מ׳האָט פון אים ניט געקאָנט אַרויסזען קיין ברעקל פּנים.

בלויז דאָס פאַרבלוטיקט פּאַרטוכל איבערן שטערן האָט דערמאָנט, אַז דאָס איז ער.

די פּריקאַזטשיקעס מיט ישראלן און אברהמען האָבן זיי נאָכ־געיאָגט מיט די פלעקער, ביז פּאַוועל קליוטשעוואָי אינאיינעם מיט זיינע מענטשן האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין זייערע שיפלעך און אָפּגעפאָרן פון האַלעם. די פּריקאַזטשיקעס, ישראל און אברהם זיינען נאָך גע־שטאַנען אַ ווײַלע צעקאָכטע און שווער־אָטעמענדיקע ביים ברעג מיט די פלעקער אין די הענט, נאָכדעם זיך גענומען פאַנאַנדערגיין. אַלע זיינען כמעט אַרויס טרוקן פון שווערע קלעפּ.

קיינער פון זיי האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי דאָס אַלץ איז פאָר־געקומען, ווייל אייגנטלעך זיינען זיי קיינעם ניט געגאַנגען שלאָגן. זיי זיינען בלויז צוגעקומען אַ קוק טאָן וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען און פאַרוואָס. זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס ס'האָט אין זיי אַרויסגעריסן אַזאַ בלוטיקן און אכזריותדיקן פאַנאַנדערדערעכנען זיך. אָבער איצטער האָבן זיי געפילט אַן אָפּגעקילטקייט און באַרואיקטקייט אין די הער־צער, כאָטש געוואוסט, אַז מיט דעם וועט זיך עס ניט ענדיקן.

די טיאַסטשיקעס, יאַקאָרשטשיקעס און די אַנדערע גויאישע אַר־בעטער ביים שטאַפּלען די באַלקנס אין דעם ווינקל האַלעם, האָבן צו־געקוקט מיט נייגער און זיך ניט געמישט. זיי האָבן געפילט, אַז פאַ־ווערן האָט עס געקומט. זיי זיינען אָבער געווען געפּלעפט פון דער בלי־ציקער גבורה, מיט וועלכער די פּריקאַזטשיקעס מיט אברהמען און ישראלן האָבן צעשלאָגן פּאַוועלן מיט זיינע מענטשן. מיט אַ סך רעס־פּעקט האָבן זיי געקוקט אויפן הייפל יידן, וואָס איז זיך איצט פאַנאַנ־דערגעגאַנגען אין אַלע ווינקעלעך פון האַלעם.

עליע האָט זיך דערוואוסט דערפון מיט עטלעכע שעה שפּעטער. ער איז גאַנץ פרי אַוועקגעפאָרן אין שטאָט — געדאַרפט זיין אין שטאָט־קאַנטאָר. אים האָט פאַרדראָסן, וואָס ער איז ניט געווען דערביי. ער האָט ניט געוואוסט, אַז פּאַוועל קליוטשעוואָי וועט ניט לאָזן די יידן אַרבעטן. ס'איז געווען איין זאַך, אין וואָס ער האָט אים ניט געקענט נאָכגעבן, איבערהויפּט ווען ס'איז פאַר אַלעמען דאָ גענוג אַרבעט. דאָס צעלויפן זיך פון די יידן האָט אים אָבער פריטשמעליעט.

ער האָט געהייסן צונויפרופן די אומגעמעלדעטע יידן צו זיך אין האַלעם־קאַנטאָר.

אַלע האָבן זיך צונויפגעקליבן. זיי האָבן אָנגעפילט דעם גאַנצן

זײטיקן חדר אין קאַנטאָר. דאָס איז אײגנטלעך געװען דאָס ערשטע מאָל, װאָס עליע איז מיט זײ אַלעמען געשטאַנען פּנים אל פּנים.

— אַלע זײַנען דאָ? — האָט עליע זײ געפרעגט.

אַלע האָבן כּמעט געענטפערט אין אײן צײַט, אַז אַלע, אױסער מרדכי־דודן מיט זײַן ייִנגל. עליע האָט זײ אָנגעקוקט אַ װײַלע, נאָכדעם רויִק און זײער קאַלט געזאָגט, אונטערשטרײַכנדיק יעדעס װאָרט:

— פון דאַנענט לױפן איז ניטאָ װאוהין — אַרום און אַרום װאַסער! פאַרן שטיקל ברויט מוז מען שטײן מיט צײן און בעגל! דאָס קאָן קײנער ניט טאָן פאַר אײַך. פאַר אַנטלױפּענדיקע האָט קײנער ניט קײן דרך־ארץ. אַנטלױפנדיקע שלאָגט מען און מ׳װעט אַלעמאָל שלאָגן!...

די ייִדן האָבן זיך געפילט ניט הײמלעך אונטער עליעס קאַלטן, אײַנגעהאַלטענעם מוסר, כאָטש זײ האָבן ניט געזען, װאָס אַנדערש זײ האָבן געקאָנט טאָן.

עליע האָט געקוקט אַ װײַלע אויף זײ, װי ער װאָלט געװאָלט, אַז דאָס, װאָס ער האָט זײ געזאָגט, זאָל טיפער אַרײַנדרינגען אין זײ, און נאָכדעם איבערגעגאַנגען צו װײטערדיקס:

— איר װעט צוריקגײן לאָדן די שפּאַלן. ס׳װעט קײן זאַך ניט אָנקומען גרינג. פאַרקערט, ס׳װעט זײַן זײער שװער. דער מין אַרבעט איז ערגעץ ניט גרינג, דאָ און פאַר אײַך װעט עס זײַן אַ סך מאָל שװערער. איר װעט דאַרפן דורכשלאָגן אַ װעג אי אין זיך, אי אַרום זיך... אָבער דאָס איז אײער ברויט! איכ׳ל זען, אַז ס׳זאָל זײַן ברויט...

עליע האָט זײ אָנגעקוקט נאָך אַ װײַלע, נאָכדעם זײ געהײסן גײן לאָדן די שפּאַלן. די ייִדן זײַנען דערדריקטע אַרױסגעגאַנגען.

אַז פּיניע איז באַלד נאָך זײער אַװעקגײן אַרײַן אין קאַנטאָר, האָט אים עליע געהײסן האַלטן די לאָדונגען אונטערן אויג, און אָנזאָגן חײם־זלמנען, ישׂראלן, אברהמען, נחמנען, קאָפּל־מאירן, מרדכין און בענטשען — זיך צו האַלטן ניט װײט פון די לאָדונגען. די „נאַבערעזשניקעס" קאָנען זיך צעשפּילן מיט די מעסערס. פּיניע האָט אויך קײן בעסערס ניט דערװאַרט.

די ייִדן האָבן זיך געשטעלט לאָדן די שפּאַלן. די אַרבעט איז זײ געפאַלן זײער שװער צוליב דער אַנגעשװאָלנקײט פון די פּלײצעס און צוליב דער מורא מ׳זאָל זײ װידער פּלוצלינג ניט באַפאַלן.

מ׳האָט דאָס אָבער געזוכט צו באַהאַלטן. זיי האָבן ניט געוואָלט, אַז די גויים אַרום זאָלן זען, אַז זיי איז זייער שווער די מלאכה, אָדער זיי האָבן מורא פאַר עמעצן. אמת, מ׳האָט די ציצית אַריינגערוקט אין די הויזן און די יאַרמולקעס באַהאַלטן אין די קעשענעס — געאַר־בעט אין די היטלען — ניט אויפצורייסן די אויגן; אָבער מ׳האָט פאַרביסן די ליפּן, געאַרבעט מיט אַלע כחות, איבער אַלע כחות און געזוכט צו גיין גלייך, ניט קרימען זיך און ניט קרעכצן. נאָך אַלעמען איז אין דער דאָזיקער אַרבעט געלעגן זייערע אַלע האָפענונגען.

די טיאָסטשיקעס, די יאַקאַרשטשיקעס און די שטאַפּלער ביי די פערד מיט די קייטן האָבן ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון די יידן. זיי האָבן בשום אופן ניט געקאָנט צונויפפּאָרן אין זייערע מחות אַט די שלאָפּע, אויסגעדאַרטע יידן — מיט שלעפּן אַפילו איינציקע שפּאַלן אויף די פּלייצעס. סיי די מענטשן, סיי זייער אָנטועכטס, זיינען גע־ווען פרעמד און אומפאַרשטענדלעך און זייער ניט צוגעפּאַסטקייט צו דער דאָזיקער אַרבעט איז פאַר זיי געלעגן אויבנאויף. זיי האָבן אַזעלכע יידן אויף די דווינעס ערגעץ ניט געזען. זיי האָבן די יידן געזען ביים צונויפקלייבן דעם „ניוועץ״, אָבער דאָס איז דאָך קינדערשע אַר־בעט אין פאַרגלייך מיט לאָדן שפּאַלן. אָבער מיט יעדער שעה, וואָס די יידן האָבן געאַרבעט, אַלץ מער האָבן זיך זייערע אויגן צוגעוואוינט צו דעם.

איוואַן פּעטראָוויטש, איינער פון די עלטערע טיאָסטשיקעס, אַ הויכער לאַנג־באָרדיקער רוס, אַ יאָר זעכציק, מיט ברייט־ביינערדיקע פּלייצעס, דער עלטסטער פון דער דערבייאיקער אַרטעל טיאָסטשי־קעס, האָט אַפּנים אויך ניט שטאַרק געגלויבט, אַז די דאָזיקע מענטשן וועלן קאָנען טאָן דעם מין אַרבעט, און רחמנות געהאַט אויף זיי. זיי האָבן ניט געקאָנט באַהאַלטן פון זיין געניטן אויג זייער איבערמענטש־לעכע אָנשטרענגונג צו טאָן די דאָזיקע אַרבעט. ער האָט אָבער פריִער אָפּגעאָטעמט, ווען ער האָט דערזען, אַז זיי האָבן זיך איינגעאַרבעט. ער האָט צופרידן אַ שמייכל געטאָן אין באָרד אַריין, און טיעסיענדיק מיטן ברייטן שאַרפן קלינג אַ לאַנגן באַלקן, אַ זאָג געטאָן צו די טיאָסטשיקעס פון זיין אַרטעל:

— נו, וואָט, אי ראַבאָטאַיוט! טשעוואָ גאַלאָד ניע סדיעלאַיעט: אי מאָגילי ראָיעט, אי גאָרי וואָראָטשאַיעט!... וואָט אָנאָ!... [נו, אָט אַרבעטן זיי! וואָס הונגער קאָן אַלץ באַווייזן: אי קברים גראָבן, אי בערג איבערקערן].

פיניע מאָהילניק, חיים־זלמן, נחמן טשופּרינע, קאָפּל־מאיר, מרדכי שאַמיראָ און בענטשע מאַגנוס האָבן זיך געהאַלטן ניט ווייט פון דעם אָרט, וואו די יידן האָבן געלאָדן די שפּאַלן. ישראל און אברהם זיינען אויך געווען ניט ווייט. אויך עליע איז כמעט די גאַנצע צייט געווען אין דעם ווינקל. ער האָט כלומרשט באַטראַכט די אַרבעטן ביים שטאַפּלען; זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדער אַרטעל, געשטעלט פראַגן און אויסגעהערט ענטפערס.

איין זלמן סאָסנע איז אַוועקגעפאָרן אין האַפן. ער האָט ניט געקאָנט בלייבן אויפן האָלעם. אין האַפן האָבן זיך געלאָדן צוויי שיפן. די לאָדונגען האָבן ניט געקאָנט פאַרהאַלטן ווערן אַפילו אויף איין מינוט. ביי די שיפן איז יעדע מינוט מיט גאָלד גלייך.

עליע האָט קיין טעות ניט געמאַכט.

נאָך האַלב טאָג זיינען צוגעפאָרן אויף אַ שיפל צוויי „נאַבערעזשניקעס" — די זעלביקע, וואָס האָבן זיך פאַראַיאָרן באַוויזן אויפן האָלעם ביים בויען די מייקעס און געקראָכן מיט חלבנע אויגן צו די ווייבלעך אין די בוזעמער.

זיי זיינען צוגעקומען צום אָרט, וואו די יידן האָבן געלאָדן, און מיט די פּאַפּיראָסן אין די זייטן פון די מיילער געקוקט, ווי זיי לאָדן. פון די כאַליעוועס האָבן אַרויסגעשטעקט די הענטלעך פון די מעסערס.

חיים־זלמן, נחמן טשופּרינע, קאָפּל־מאיר און פיניע מאָהילניק זיינען צוגעקומען נעענטער צום אָרט פונעם לאָדן. עס זיינען אויך צוגעקומען מרדכי שאַמיראָ און בענטשע מאַגנוס. מען האָט קיין גוטס ניט דערוואַרט פון די צוויי חברה־לייט. מ'האָט זיך דעריבער געשטעלט אַזוי, אַז טאָמער וואָס, זאָלן זיי זיין אין די הענט איידער זיי באַווייזן זיך אַ קער צו טאָן.

דערזען, אַז זיי זיינען אַרומגענומען פון אַלע זייטן, זיינען זיי געשטאַנען אַ ווײַלע, ווי אומשולדיקע צוקוקער, זיך איבערגעוואָרפן מיט קורצע פיילִיקע בליקן און צוריק אַוועק צו זייערע שיפלעך. זיך אַריינגעזעצט און אַוועקגעפאָרן.

די יידן האָבן אָפּגעאַרבעט דעם טאָג, פאַרלאָרן אַלע שפּאַלן, און נאָכן הודאָק פון די אַרומיקע זעג־מילן, האַלב־טויטע אַוועקגעשלעפּט זיך צו זייערע ביידלעך. זיי זיינען געווען צופרידן מיט זייער אָפּגעטאָנענער אַרבעט, כאָטש ס'איז געווען אַ סך ווייניקער, ווי גויאישע גרוזטשיקעס וואָלטן אָנגעלאָדן פאַר דער זעלבער צייט. אָבער זייערע

פלייצעס זיינען געווען מער צעמזיקט ווי נעכטן, און פון אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען דורכן טאָג, איז אויף די הערצער געווען זייער שווער און אומרואיק. זיי ווייסן ניט וואו ס'האָבן זיך ביי זיי גענומען כחות דורכצושלעפן דעם היינטיקן טאָג און איין גאָט ווייסט וועגן מאָרגן.

ניט געקוקט אויף דער צעהרגעטקייט און צעבראָכנקייט, איז מען פונדעסטוועגן דינסטיק גאַנץ פרי אויפגעשטאַנען — מערסטע פון זיי מיט אַ קרענקלעכן בלישטש און שווינדלען פאַר די אויגן — און ווידער אַוועק לאָדן. מ'האָט געציטערט צו בלייבן קראַנקערהייט אין די ביידלעך איינע אַליין, מ'זאָל שוין ניט בלייבן ליגן אַזוי.

זיי האָבן זיך געשטעלט לאָדן ספּליט־האָלץ. אַ שטיק ספּליט־האָלץ איז אַ סך גרינגער פון אַ שפּאַל. איז דאָס געווען ווי מן השמים. אמת, ווייניקער פון צוויי שטיקער האָט מען ניט געקאָנט נעמען. די גויאישע גרוזטשיקעס האָבן געטראָגן צו פינף און זעקס שטיקער מיט אַמאָל. אָבער צוויי שטיקער איז אויך געווען גרינגער פון אַ שפּאַל. דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט איבערצוכאַפּן דעם אָטעם. ביסלעכווייז האָט מען זיך אַריינגעשלעפּט אין דער אַרבעט. עטלעכע שעה האָט מען געטראָגן צו צוויי שטיקער, נאָכדעם איז מען איבערגעגאַנגען צו דריי. עס איז געווען איבער די כחות, אָבער דער ווייטיק אין די פלייצעס האָט זיך אָפּגעטעמפּט און מיט ניט אַזאַ שאַרפן ווייטיק, ווי אינדערפרי, און מיטן אויפהערן שווינדלען פאַר די אויגן, איז געוואָרן עפּעס גרינגער.

אַרום צוויי בייטאָג האָבן זיך אויפן האַלעם אַראָפּגעלאָזן בייע „געסט" — דריי אַנדערע חברה־לייט: הויכע, געזונטע „נאַבערעזשניקעס". זיי זיינען אויך געקומען כלומרשט אַ קוק טאָן, ווי די יידן לאָדן. אויך זייער קומען איז געווען זייער קלאָר. אָבער דערזען די פריקאַזטשיקעס און עליען אַרום, זיינען זיי געשטאַנען אַ ווײַלע און ווי אַנטוישטע אין עפּעס, אויך אַוועקגעפאָרן.

אָבער אַרום פיר האָבן זיך ווידער באַוויזן די זעלביקע דריי, נאָכדעם זיינען צוגעקומען די ערשטע צוויי, און צו זיי — נאָך דריי. די סכנה איז איצט געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. מער וואַרטן האָט מען ניט געטאָרט. די פריקאַזטשיקעס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נעענטער צום אָרט, וואו די יידן האָבן געלאָדן, און אָנגעהויבן מיט זיך אָפּטיילן די חברה־לייט פון די יידן. אָבער איידער מ'האָט נאָך באַוויזן דאָס צו טאָן, האָבן אַ בלאַנק געטאָן אַכט מעסערס אינדערהויך. ווי חיות האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די פריקאַזטשיקעס.

חיים־זלמן, נחמן טשופרינע, קאַפל־מאיר, עליע, פיניע מאָהילניק, ישראל יאַקאָרשטשיק, אברהם לאַפאַטע, מרדכי שאַמיראָ און בענטשע מאַגנוס האָבן זיך ניט דערשראָקן. מיט אַ מוראדיקער פלינקייט זיך אַ שניט אַריין געגעבן אין דער חברה, אָפגעטיילט איינעם פון אַנ־דערן, און איידער זיי האָבן נאָך באַוויזן מיט די מעסערס עמיצן צו צעשעדיקן, זיינען שוין די מעסערס געווען אַרויסגעדרייט פון זייערע הענט און זיי אַליין זיינען געלעגן אונטער די פריקאַזטשיקעס. מ׳האָט זיי איצט געשלאָגן מיט גרויס רציחה — אַפילו עטלעכע פון די אָנ־געפאָרענע יידן האָבן געהאָלפן שלאָגן, אויסצולאָזן צו זיי, וואָס ביי זיי איז געווען אויף די הערצער. צוויי פון די חברה־לייט זיינען גע־בליבן אויפן אָרט — אין אָנמאַכט. די אַנדערע האָבן שווער געסאָ־פעט און קוים געזשאַוועט. חיים־זלמנען האָט עליע מיט גוואַלד אָפ־געריסן פון איינעם, וואָס האָט אויסגעקוקט צו זיין דער „פירער". ער וואָלט אים דערהרגעט.

מ׳האָט זיי אָפגעלאָזן, כדי צו געבן זיי אַ געלעגנהייט זיך אָפצו־טראָגן. די, וואָס האָבן זיך נאָך געקאָנט האַלטן אויף די פיס, האָבן גענומען אונטער די אָרעמס די, וואָס זיינען געלעגן אין אָנמאַכט, און צעבלוטיקטע, שלעפנדיק זיי נאָך זיך ווי הענגענדיקע זעק, זיך גע־לאָזט מיט די לעצטע כחות צו די שיפלעך. כדי ניט צו לאָזן ביי זיי דעם איינדרוק, אַז מ׳האָט זיי אינגאַנצן אָפגעלאָזן, האָט מען אַ נעם געטאָן פלעקער און זיך אַ לאָז געטאָן נאָך זיי, און געוואָרנט, אַז אויב זיי וועלן זיך נאָכאַמאָל ווייזן אויפן האָלעם, וועט דאָ זיין זייער סוף. די „נאַבערעזשניקעס" האָבן זיך קוים אַריינגעכאַפט אין די שיפלעך און אָפגעפאָרן, אָפוואַשנדיק מיטן וואַסער דאָס בלוט פון די קעפ און פנימער און זוכנדיק צו ברענגען צו־זיך די האַלב־טויטע.

נאָך אַזאַ „צאתך לשלום" האָט זיך חברה מער אויפן האָלעם ניט געוויזן.

פון דעמאָלט אָן זיינען די לאָדונגען אָנגעגאַנגען אומגעשטערט. די אומגעמעלדעטע יידן האָבן פאַרלאָדן אַ לאַיווע נאָך אַ לאַיווע. דער־זען דעם אָפשניט פון פאַוועל קליוטשעוואָי מיט די „נאַבערעזשניקעס", זיינען די גרוזטשיקעס, וואָס האָבן פאַר פסח חרטה געקראָגן אויף דער אָנדינגונג, געוואָרן דרייסטער, אַריבער אויפן האָלעם און זיך גע־שטעלט לאָדן. ס׳האָבן זיך אָנגעקליבן ביי קאָפל־מאירן אַ צוועלף גרוזטשיקעס, צוזאַמען מיט די יידן — עטלעכע און דרייסיק מענטשן.

מ׳האָט שוין איצט געקאָנט דעריאָגן די ניט־דערלאָדונגען. די אַרבעט איז אַוועק מיט אַ נייעם אימפּעט.

ס׳איז אַריבער אַ וואָך, צוויי, דריי און פיר. די יידן האָבן זיך איינגעבראָכן אין דער אַרבעט. די וואונדן האָבן זיך פאַרהיילט. די הויט אויף די אַקסלען איז געוואָרן גרעבער און ווייניקער פיל־באַר. די פּנימער זיינען געוואָרן פאַרברענט פון דער זון ביז שוואַרץ און מער אויסגעפּילט. דאָס עסן איז געוואָרן קרעפטיקער. די זון, די פרישע לופט בייטאָג און ביינאַכט, און טאַקע די אַרבעט אַליין — האָבן פעסטער אין זיי צונויפגעשלאָגן די ביינער, אויסגעברייטערט די פּלייצעס. מ׳האָט שוין געלאָדן צו צוויי שפּאַלן און צו פיר־פינף שטיקער ספּליט־האָלץ. ס׳האָבן זיך אָנגעקליבן עטלעכע רובל אין די קניפּלעך אונטערן בוזים. מ׳האָט אָנגעהויבן פילן אַ שטיקל זיכערקייט אין זיך. ס׳האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל אויף די פּנימער, אַ טריף און שפּיציק ווערטל, און אַפילו אַ חשק צום עמוד ביי עליען אין שולכל.

מ׳האָט זיך מער ניט געשעמט צו אַרבעטן אין די יאַרמולקעס. די טיאָסטשיקעס און יאַקאַרשטשיקעס האָבן זיך צוגעוואוינט צו דעם און מ׳האָט שוין מער ניט געקוקט אויף זיי, ווי די ערשטע צייט. פאַרקערט, מ׳האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף זיי, ווי אויף גלייכע. זיי האָבן שוין געוואוסט, אַז שבת אַרבעטן זיי ניט און אָנשטאָט דעם אַרבעטן זיי זונטיק.

די פּריקאַזטשיקעס האָבן זיי שוין מער אַזוי ניט געהיט, ווי די ערשטע צייט.

שטאַפּלען זיינען אויסגעוואַקסן און פאַרשוואונדן אין לאַיוועס, און אין פאַרטייען, פאַרטיקע געהילצן צו די שיפן. די אַרטעלן טיאָסטשיקעס זיינען געגאַנגען פון שטאַפּל צו שטאַפּל, אין זייערע טריט זיינען געגאַנגען די גרוזטשיקעס. עס האָבן געהירזשעט די פערד מיט די קייטן ביים שטאַפּלען, עס האָבן געדויבעט די קלינגען פון די טיאָס־העק, דאַמפּערן האָבן זיך געטראָגן איבערן מיטן טייך, געקערט דעם הימל מיט די רויכערנדיקע עקן און באַסאָווע געהודיעט מיט רייסנדיקער פאַרע פון די רערן אַרום די קוימנס; יאַקאַרשטשיקעס האָבן געאַרבעט אַרום און אַרום, און אַן אומאויפהערלעך זשומען פון די זעג־מילן אויף די טייך־ברעגן האָבן צונויפגעגאָסן דעם טייך מיט דער שטאָט אין איין זינגענדיקן טייך־יאַריד.

און אַזוי פון הודאָק צו הודאָק, פון די רויטע שפּיציקע זון־פרימאָרגנס, ביז די מערבדיקע פלאַמען איבערן טייך.

עס איז געווען אַ וואָך נאָך שבועות.

שבת נאָך האַלבן טאָג האָבן, ווי אַלע וואָך, אַלע אַרום די שטאָפּלען אַוועקגעלייגט די אַרבעט און זיך צונויפגעקליבן אַרום קאַנטאָר. אָפּגענומען די שכירות פֿאַר דער אָפּגעאַרבעטער וואָך, איז מען זיך צעפֿאָרן ביסלעכווייז פֿון האַלעם. ביי פֿינף אַזייגער זיינען אָפּגעפֿאָרן די לעצטע מענטשן.

די אַנגעפּאַרענע יידן האָט מען ניט געזען אויפֿן האַלעם. ווי אַלע שבת, האָבן זיי זיך אַ גאַנצן טאָג געפּונען ביי עליען אין בית־מדרש. שואל ראַפּאָפּאָרט, אַ טשאַרייער, אין די פּערציקער, אַ הויכער, דאַרער ייד, מיט אַן אויסגעבויגענעם רוקן, געל און שיטער בערדל, מיט איינגעזונקענע אויגן, אָבער אַן אַרומגעבריגטער פֿון דער זון און אַ סך לעבעדיקער, ווי ווען ער איז געקומען אַהער, האָט געדאַוונט ביים עמוד. מ׳איז נאָכן דאַוונען דעם גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען אין די טליתים, כדי צו פֿאַרדעקן דעם צעפֿליקטן הילוך, זיך געשעמט פֿאַר ביילקען. ס׳האָט זיך ניט געוואָלט אַוועקגיין. אַ גאַנצע וואָך אונטערן אָפֿענעם הימל אויפֿן טייך, האָט זיך געבענקט נאָך אַ דאַך איבער זיך, נאָך דער היים, נאָך ווייב און די קינדער... נאָך אַ היימישן ווינקעלע... ביילקעס האַרציק ווערטלען זיך מיט זיי האָט געוואַרעמט ס׳האַרץ. איז מען געשטאַנען אין רעדלעך אַרום אָרון קודש און זיך געאַמפּערט וועגן פֿאַרשיידענע זאַכן. אַנדערע האָבן צווישן מנחה און מעריב זיך צוגעהערט ווי מרדכי־דוד האָט געלערנט מיט זיין יינגל, וואָס האָט אַ גאַנצע וואָך צונויפֿגעקליבן „ביוועץ״ אויפֿן האַלעם, די סדרה פֿון דער וואָך.

ביילקע האָט רחמנות געהאַט אויף די יידן און דעריבער געזוכט זיי מהנה צו זיין מיט וואָס זי האָט געקאָנט; געמונטערט מיט אַ שפּיציקן ווערטל און מיט אַ האַרציקן שפּיל מיט די אויגן. אגב איז, מיט די יידן אַ גאַנצן שבת אין מייקע, דער שבת געווען שבתדיקער. זי פֿלעגט צוליב די יידן צושטעלן פּרייטיק פֿאַרן פֿאַרחתמענען דעם איוווק, אַ גרויסן הליאַק און עטלעכע טעפּ מיט הייסע וואַסער און שבת בייטאָג זיי מכבד זיין מיט טיי און קיכלעך.

די לעצטע וואָך איז געווען זייער אַ הייסע. די זון האָט אומברחמנותדיק געסמאַליעט. ס׳איז ניט געווען וואו אַהינצוטאָן זיך. די קינדער זיינען אַ גאַנצע וואָך מער געלעגן אין טייך, ווי געלערנט. מרדכי־דוד וואָלט בעסער געוואָלט מיט זיי לערנען, אויסלערנען זיי

עפּעס, כדי ער זאָל זיך האָבן מיט וואָס צו ווייזן פאַר עליען מיט די פּריקאָזטשיקעס. ער האָט אָבער ניט געקאָנט איינהאַלטן די קינדער אויף די בענקלעך.

פון די שטאָפּלען באַלקנס און די אַנדערע געהילצן האָבן זיך גע־צויגן וואַלקנדלעך פּאַרע אינדערהויך; די הונדערטער און הונדערטער קוביקן ספּליטהאָלץ, אויסגעשטעלטע אין לאַנגע שורות צווישן די שטאָפּלען באַלקנס, האָבן זיך אויסגעטריקנט, געוואָרן ווי קינעלעך אויף דער זון, און די לאַנגע שורות קוביקן האַרץ־האָלץ, וואָס זיינען אַלע־מאָל אַזוי אויך טרוקן, זיינען איצט געוואָרן טרוקן, ווי ביין.

די מענטשן און פערד האָבן זיך געבאָדן אין שווייס פון אינ־דערפרי ביז זון־פאַרגאַנג. כדי צו קאָנען אַרבעטן, האָט מען זיך אַלע ווײַלע געוואָרפן אין וואַסער אין די קליידער און נאַסערהייט ווייטער געאַרבעט. און די פערד האָט מען יעדעס מאָל, ביים קומען מיט די קייטן צום ברעג, אַריינגעטריבן אין וואַסער ביז די העלדזער און נאָכ־דעם ווייטער מיט זיי געשטאָפּלט די באַלקנס.

דעם שבת, פון נאָכמיטאָג אָן, איז געוואָרן עפּעס קילער. ס'האָט ניט געוויזן אויף רעגן אָבער אַ געשמאַק ווינטעלע האָט געבלאָזן און אָפּגעפרישט אַלץ און אַלעמען.

שבת נאָך מעריב האָט מען זיך אַרויסגעשאָטן אויף די פּאָדאָסי־קעס אַרום די מייקעס. די אָנגעפּאַרענע יידן זיינען אַוועק צו זייערע ביידלעך אויף די פּליטן. מען האָט געדאַרפט מאָרגן ווידעראַמאָל לאָדן שפּאָלן, איז צייט געווען אויפצוקאָכן עפּעס אויף די פייערן לעבן די ביידלעך, אָפּעסן און גיין שלאָפן.

די ווייבער זיינען געזעסן און געפּעפּערט וועגן פרומע ווייבלעך מיט שייטלעך אין טשאַשניק, אולע און טשאַרעי און הילכיק געלאַכט. קליינוואַרג האָט געשפּילט זיך אַרום.

די פּריקאָזטשיקעס זיינען געגאַנגען איבערן האַלעם און אַרומגע־רעדט די נייע מינים געהילצן, וואָס מ'וועט מוזן אויסאַרבעטן, אויב שאַמיראָ וועט שליסן די נייע אויסלענדישע קאָנטראַקטן. פון דעם איז מען איבערגעגאַנגען, ווי גרעסער און שענער צו מאַכן די מייקעס. מ'האָט באַקומען וואָוינרעכט, מען שטייט שוין ברייטער און פעסטער אויף די פיס. נאָך אַלעמען זיינען די מייקעס אַ היפּש ביסל ניט דערבויט. אין יעדער פרייער מינוט האָט יעדערער פון זיי עפּעס אַליין צוגעבויט, צוגעמייסטרעוועט אין און אַרום זיין מייקע. איינער האָט זיך צוגעהערט צום אַנדערנס עצות. דער מלמד איז ניט געווען דאָס,

וואָס מ׳וואָלט געדאַרפט, אָבער בעסער ווי גאָר אָן אַ מלמד. די פראַגע איז — וואו קריגט מען אַ בעסערן?

עליע איז אַרומגעגאַנגען איבערן האָלעם איינער אַליין און גע־קלערט וועגן עפּעס אַנדערש. ער איז געווען זיכער, אַז קומענדיקן נאָך־פּסח וועלן זיך אַראָפּלאָזן אויפן האָלעם אַ סך מער יידן, ווי האַ־יאָר. ס׳קאָן דאָך ניט געמאָלט זיין, אַז נאָכדעם, ווי די האַיאָריקע יידן וועלן זיך נאָך ימים נוראים צעפאָרן אַהיים מיט אַ זעכציק־זיבעציק רובל אין די קניפּלעך, אַז אַנדערע יידן, אָן אַ ברעקל פּרנסה, זאָלן זיי ניט נאָכטאָן! וואָס פאַר אַן אַרבעט ער וועט זיי קאָנען געבן, איז אים ניט געווען קלאָר. מסתמא וועט ער עפּעס געפינען אויך פאַר זיי און אַז זיי וועלן זיך איינבערעכן אין דער אַרבעט, וועלן זיי גע־פינען אַרבעט ערגעץ אַנדערשוואו אויך. ער האָט דעריבער איינגעזען, אַז דער חדר, וועלכן ער האָט געבויט פאַרן דאָוונען בציבור, איז קליין. שוין האַיאָר קליין! וואָס־זשע וועט שוין זיין איבעראַיאָר? ס׳וועט דאָך ניט זיין קיין אָרט אָפּצודאַווענען אַ געוויינלעכן שבת. ווער רעדט שוין ימים נוראים? האַיאָריקן שבועות איז דאָך ניט געווען וואו אַהינצוטאָן זיך. ניט אַלע האָבן געקאָנט אַריין אַפילו אין שטוב.

ער האָט איצט קלאָר געזען, אַז ער האָט ניט דערחשבונט, און אַז ס׳איז צייט צו שטעלן זיך בויען אַ גרעסערע שול אויפן האָלעם. אויב ניט האַיאָר, איז איבעראַיאָר נאָך פּסח. ער האָט זיך אָפּגע־שטעלט אויפן לײדיקן אָרט, וואָס איז געלעגן צווישן אברהם לאַפּאַטעס און ישראלס מייקעס פון איין זייט און זלמן סאָסנעס מייקע פון דער אַנדער זייט. ס׳איז געווען אַ שטיקל ווילד פעלד, באַוואַקסן מיט הויכן גראָז און בלומען, מיט עטלעכע בוימלעך דורכגעוואָרפן. אויף דעם אָרט האָט מען ניט געשטאָפּלט ניט פאַראַיאָרן און ניט האַיאָר. עליע האָט געזען, אַז דאָ איז דער בעסטער אָרט פאַר אַ שול.

קומענדיק צו דער גרויס פון דער שול, האָט ער צום ערשטן מאָל דערזען, אַז אויף דעם דאָזיקן לײדיקן אָרט וועט אויסוואַקסן אַ יידיש ישובל. ס׳וועלן אונטערוואַקסן קינדער, חתונה האָבן צווישן זיך און וועלן זיך שטעלן בויען מייקעס אויף דעם אָרט, וואו ער שטייט איצט, — וועט ער זיי ניט לאָזן? און צו די קינדערשע — אַנדערע יידישע מייקעס? אָט זיינען געקומען אברהם און ישראל און — זיינען דאָ! טיף אין האַרצן האָט ער געוואָלט זייער קומען. נאָך דער מלחמה מיט פּאַוועל קליוטשעוואָי — ווי וויכטיק עס איז, וואָס זיי זיינען דאָ.

און זייער פֿאַראַיאָריקער ווינטערן מיט די ווייבער און קינדער אויפֿן האָלעם?

אַרומוואָרפֿנדיק מיטן אויג דאָס שטיקל לײַדיק פֿעלד, האָט ער אויסגערעכנט, אַז אַפֿילו די אַרבעטן אויפֿן האָלעם זאָלן זיך אויסבריי־טערן, וועט נאָך אַלץ בלײַבן פּלאַץ פֿאַר אַ צוואַנציק מייקעס — אין דעם ווינקל אַליין, ניט רעכענענדיק די מייקעס פֿון די פּריקאַזטשיקעס. אַרײַנדרינגענדיק טיפֿער אין דעם האָט ער קלאָר געזען פֿאַר זיך אַ יידישן ישוב דאָ אַ סך פֿריער אַפֿילו, ווי די קינדער וועלן אונטער־וואַקסן. אויף וויפֿל דאָ איז דאָ און קאָן זײַן ברויט, וועלן קומען יידן און אויפֿשטעלן מייקעס. מ׳וועט שוין געפֿינען וועגן. דער עיקר איז דאָס ערשטע פֿלעקל — פֿאַר וואָס זיך אָנצוכאַפּן. און דער האָלעם איז אַ גאַנץ טיף אַרײַנגעשלאָגן פֿלעקל.

ער האָט איצט געהאַט אַ מער אָדער ווייניקער קלאָרן חשבון, ווי גרויס ס׳דאַרף זײַן די שול, וועלכע מ׳וועט זיך דאַרפֿן שטעלן בויען. דער חשבון איז געווען אויבן־אויף: ערשטנס, די יידן פֿון צוקונפֿ־טיקן האָלעם־ישובֿ; צווייטנס, די יידן פֿון די דווינעס — סוחרים, פּריקאַזטשיקעס און אַנדערע טייך־ און וואַלד־יידן; און דריטנס, די אָנגעפּאַרענע יידן פֿון די שטעטלעך, וואָס וועלן פֿון האַיאָריקן זומער־ אָן אַלע נאָך־פּסח קומען אויפֿן האָלעם. בסך־הכּל אַ צען מנינים יידן.

פֿון דאַנענט האָט זיך ביי אים גענומען קייטלען ווייטער: אַז אויפֿן זווירנהאָלם וועט ווערן ענג — און ס׳וועט זיכער ווערן ענג — פֿאַרוואָס זאָלן זיך יידן ניט אַרויפֿקלײַבן אויף די אַנדערע האָלעמער? אַזוי פֿיל האָלעמער אַרום: האָזנהאָלם, גרינערהאָלם, ליבעקהאָלם גראַפֿנ־האָלם און — נאָך און נאָך העלעמער. אמת, ניט אַלע פֿון זיי זײַנען געענוג הויך איבערן וואַסער. אָבער העלעמער האָבן אַ טבע צו וואַקסן, האַלטן זיך אין איין אַרויסהויבן פֿון וואַסער. אַ יידישע שטאָט אויף העלעמער, אויפֿן וואַסער! אַ יידישע שטאָט פֿון טייך־מענטשן, מיט אַ סך בוימער, זון און ליכט, געהילך־פֿלעצער און זעג־מילן! דער גע־דאַנק פֿון אַזאַ שטאָט האָט אים פֿאַרכאַפּט. ס׳איז געווען אַן אויסטער־לישע שטאָט! צוערשט האָט ער עס פֿון זיך אָפּגעוואָרפֿן, ווי אַ פֿאַר־אויס אַוועקגעלאָפֿענער געדאַנק, אַ פֿאַרקראָכענער אין אַ חלום. אָבער וואָס טיפֿער ער האָט זיך אַרײַנגעטראַכט אין דעם, אַלץ קלאָרער איז אים געוואָרן, אַז ס׳איז ניט קיין חלום. ניט נאָר קאָן עס ווערן — ס׳וועט זיכער ווערן!...

ער איז נאָך געשטאַנען אַ ווײַלע, באַטראַכט נאָכאַמאָל דעם אָרט,

נאָכדעם פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, און מיטן באַשלוס צו שטעלן זיך בויען די שול גלייך נאָך פּסח, איז ער אַוועק צו דער מייקע.

ס׳איז געווען איינע פֿון יענע נעכט, ווען ס׳איז ניטאָ ניט קיין לבֿנה און ניט קיין שטערן. די נאַכט איז איינגעטונקט אין איר אייגענעם בלוי און זינקט ביסלעכווייז אַראָפּ אין אַ געדיכטער טונקע־לער סודותדיקייט.

עליע איז געלעגן לעבן ביילקען און דערציילט איר וועגן דער צוקונפֿטיקער ייִדישער וואַסער־שטאָט און וועגן זיין באַשלוס זיך צו שטעלן בויען אַ שול אויפֿן האָלעם. איר איז זייער שטאַרק געפֿעלן געוואָרן דער געדאַנק פֿון אַ ייִדישער אינדזל־שטאָט און פֿון שטעלן זיך בויען אַ שול אויפֿן ליידיקן אָרט צווישן ישׂראלס און זלמן סאָסנעס מייקעס, און פֿון איר זייט גענומען אויסלייגן, ווי זי וואָלט געמאַכט דעם אינעווייניק און אויסווייניק פֿון דער שול. און זי האָט ממזריש גענומען מאָלן ווייסע מאַרמאָרנע אַרויפֿגאַנגען פֿון אַלע זייטן, מיט שמאָלע, הויכע פֿענצטער, געגלאָזט מיט פֿיל־קאָלירטע גלאָזן, מיט מגן דודס אין הויכע שפּיציקע קופּאָלן און אַ גרויסן נר־תמיד אין העכסטן מיטלסטן קופּאָל, וואָס זאָל אייביק לייכטן ברייט און ווייט אַרום. ס׳איז אין דעם געווען אַן אָנדייט, אַז אין אים האָבן צוריק אויפֿגעקלונגען זייערע אַמאָליקע חלומות, אין וועלכע ס׳איז איצט אַזוי שווער צו גלויבן. און ברענענדיק מיט אירע שפּילנדיקע אויגן, אים אַרומגע־נומען און זייער שטאַרק געקושט. ער האָט זי מיט טיפֿער ליבע צו־געדריקט צו זיך. ניט געקוקט אויף דער אויסגעניכטערטקייט פֿון זייער אַ סך חלומות האָט ביילקעס דערמאָנען זיי צוריק אומגעקערט די ווייטע פֿאַרגאַנגענע יוגנט מיט אירע געפֿליגלטע קינדערשע חלומות און צונויפֿגעגאָסן זיי אין איין גליקלעכער גאַנצקייט מיטן היינט! ווי זיי וואָלטן ווידער געבויט איין און דעם זעלביקן בנין אין די הערצער און נשמות.

עליע איז איינגעשלאָפֿן מיט ביילקען אין איין צייט, אָבער באַלד זיך אויפֿגעכאַפּט און ניט געקאָנט צוריק איינשלאָפֿן. ליגנדיק וואַך, האָט זיך אים מיטאַמאָל אויסגעדוכט, אַז ער זעט דורך די שפּאַרונעס פֿון די לאָדנס רויטלעכע פּאַסיקעס. ס׳האָט אויסגעקוקט, ווי די ערשטע שטראַלן שלאָגן פֿון מזרח. קוקט־אויס, אַז ער האָט היפּש אַ שלאָף גע־טאָן. ס׳האָט זיך אים אָפּנים בלויז געדוכט, אַז ס׳דאַרף זיין אַרום

האַלבע נאַכט. ס׳איז געווען שטיל. ס׳האָט זיך געהערט דער גרינגער און דער ריטמישער אָטעמען פוןביילקען אויפן קישן לעבן אים און דאָס שנאָרכן פון די קינדערשע בעזלעך אין דערבייאיקן חדר.

אָנשטאָט די רויטע פּאַסיקעס, האָבן אָבער ביסלעכווייז, דורך די לאָדנס, געגומען קריכן שפּיצן פון פייערדיקע מעסער, און אַ מאָדנע קנאַקן האָט זיך גענומען אַריינטראָגן פון דרויסן. עליע איז אַרויס־געשפּרונגען פון בעט און מיט מוראדיקן כח אַ רייס־אויף געטאָן די פענצטער אינאיינעם מיט די לאָדנס.

דער הימל איז געווען רויט ווי אַ קאַלכאויוון. פון דעם אָרט, וואו עס זיינען געשטאַנען די קוביקן האַרץ־ און שפּליט־האָלץ, האָט גע־שלאָגן מיט הויכע שפּיציקע פלאַמען, ווי מיט גרויסע ליכט אין הימל אַריין. גרויסע וואָלקנס רויך האָבן די נאַכט פאַרוואַנדלט אין גרויסע צעגאָסענע פייערן און אָנגעצונדן די דווינעס, און דער ווינט האָט געטריבן די קנאַקנדיקע פלאַמען אויף די מייקעס. דער שלאָף־חדר איז אָנגעפילט געוואָרן מיט ברענענדיקן פלאַקער.

פון עליעס אויפשפּרינגען פון בעט און זיין טראַסק אין די פענצ־טער, איז אויך ביילקע אַרויסגעשפּרונגען און אין העמד און צעשאָ־טענע צעפּ צוגעלאָפן צום פענצטער.

— טו־אָן די קינדער און נעם זיי צו די שיפלעך אויף דער „קליי־נער דווינע״! — האָט עליע, אויף גיך אָנטועענדיק זיך, געזאָגט ביילקען.

— דאָס לאָז צו מיר, — האָט ביילקע אים געענטפערט און פלינק אַרויפגעוואָרפן אַ קליידל מיט אַ בלוזקע, געמאַכט אַ קנופּ פון די צעפּ און אַוועק מיט אימפּעט צו די קינדער.

עליע האָט אַרויפגעצויגן די שטיוול, גענומען די עמערס און אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. דאָ האָט ער דערזען, אַז עס ברענט אויך חיים־זלמנס מייקע. די פלאַמען האָבן מיט גרויסע פייערדיקע צונגען אַרומגעכאַפּט אַ הינטערשטן ווינקל פון זיין מייקע און מיט אַ קנאַקעריי זיך געריסן צום דאַך. אין דרויסן האָט מען קיין לעבעדיקן מענטשן ניט געזען. אַלע האָבן שטאַרק געשלאָפן. די לאָדנס זיינען געווען ביי אַלעמען פאַרקלאַפּט. בלויז פון דעם צעפלאַמטן מיטן־טייך איז פון זיין שומר־ביידל געלאָפן איבער די פליטן צום האָלעם מרדכי שאַמירא און געשריען. אָבער וואָס ער האָט געשריען, האָט מען ניט געקאָנט הערן.

עליע האָט פריער פון אַלץ אויפגעריסן חיים־זלמנס לאָדנס מיט די פענצטער און אַריינגעשריען:

— חיים־זלמן, אַרויס פון די בעטן! דיין מייקע ברענט!

פון די אויפגעריסענע לאָדנס האָט געשלאָגן מיט רויך. עליע האָט לכתחילה געוואָלט אַריינשפרינגען אין פענצטער און אַרויסרייסן זיי פון דאָרטן, אָבער דערהערט אַ וויינען, אַ הוסטן פון קינדער און באַלד דערזען חיים־זלמנען אין די גאַטקעס מיט צוויי וויינענדיקע און הוסטנ־דיקע קינדער אויף די הענט, און זיין ווייב, אין העמד מיטן דריטן קינד, איז עליע אַוועקגעלאָפן איבער די אַנדערע מייקעס.

ס'האָבן זיך אויפגעריסן די לאָדנס מיט די פענצטער פון די אַנ־דערע מייקעס, און צעשויבערטע קעפּ און אויפגעריסענע אויגן האָבן מיט שרעק אַרויסגעקוקט אין ברענענדיקן דרויסן.

— די ווייבער מיט די קינדער צו די שיפלעך, און די מענער צו מיר מיט עמערס און צעבערס! — האָט עליע געשריען צו אַלעמען.

— טוט זיך אָן און אַרויס פון די מייקעס! — האָט עליע איצט געזעוועט, זעענדיק אַז מ'רירט זיך ניט פלינק גענוג.

— עליע, מ'צאָלט אונדז! — האָט חיים־זלמן, אין די הויזן און שטיוול און צעשויבערטע האָר, אַ זאָג געטאָן עליען, דער ערשטער קומענדיק מיט די עמערס.

— מ'צאָלט. בלינד געוועזן ניט צו זען דאָס, — האָט עליע גע־ענטפערט און ווידער געגומען רעווען מ'זאָל זיך שנעלער אַ ריר טאָן.

פון די ביידלעך אויף די פליטן זיינען דערוויילע אַרויסגעשפּרונ־גען די אומגעמעלדעטע יידן און זיך געלאָזט לויפן צום ברענענדיקן האָלעם. ס'זיינען אויך אַרויסגעשפּרונגען ישראל יאַקאָרשטשיק און אברהם לאָפּאָטע פון זייערע מייקעס און בענטשע מאַגנוס איז געלאָפן אויף אַ שיפל פון דער קליינער דווינע.

עליע האָט געזען, אַז מיט די אייגענע כחות וועט מען די שריפות ניט פאַרלעשן, האָט ער דעריבער אַוועקגעשיקט קאָפּל־מאירן אויף מאָסקווער פאָרשטאָט נאָך פּאָזשאַרנע און געהייסן אַריבערטרייבן דעם פּאַראָם צום פאָרשטאָט־ברעג, די פּאָזשאַרנע זאָלן קאָנען אַריבערקומען אויפן האָלעם.

די ווייבער זיינען אַוועק מיט די קינדער צו די שיפלעך. די מע־נער האָבן צונויפגעשלעפּט, וואו ס'איז נאָר געווען אַן עמער, אַ צעבער, אַ טאָפּ. עליע האָט די מענטשן צעשטעלט אין צוויי שורות. איין שורה פון חיים־זלמנס ברענענדיקער מייקע, ביז צו דער קליינער דווינע; די

צווייטע שורה — פון דעם ברענענדיקן ספּליט־ און האַרץ־האָלץ ווידער־אַמאָל צו דער קליינער דווינע, ווי די נעענטסטע צו דער שׂרפה. ביילקע האָט אַלע קינדער איבערגעגעבן צו ריישע אַברהם לאַפּאַטעס און די איבעריקע ווייבלעך צונויפגענומען און זיך מיט זיי אַריינגע־וואָרפן אין די שורות. עליע האָט געהאַפּט, אַז מיטן לעשן דעם גרויסן פייער, וועט ער ניט דערלאָזן די פלאַמען צו די מייקעס, לכל הפחות ביז פּאָזשאַרנע וועט קומען, און מיטן לעשן חיים־זלמנס מייקע קאָן זיך אפשר איינגעבן ניט דערלאָזן די פייער־צונגען אַ כאַפּ טאָן דעם דאַך, און פון דאָרטן די דעכער פון די אַנדערע מייקעס.

נחמן טשופּרינע איז אַריין ביז די אויערלעך פון זיינע וואַסער־שטיוול אין וואַסער, געשעפּט עמער נאָך עמער, איבערגעגעבן פון האַנט צו האַנט אין איין שורה, און חיים־זלמן אַנטקעגן דער ברענענדיקער וואַנט פון זיין מייקע האָט געפליוכעט די עמערס וואַסער אין פייער אַריין.

אַברהם לאַפּאַטע איז געשטאַנען אין וואַסער ביי דער צווייטער שורה און געוואָרפן עמערס און צעבערלעך איבער דער קייט צו ישׂראל יאַקאַרשטשיק, און יענער איז געשטאַנען מיטן פּנים אין בראַנד פון די גרויסע רייסנדיקע און קנאַקנדיקע ליכט צום הימל, און געפליוכעט דאָס וואַסער אין די שפּרינגענדיקע פייער־צונגען, ווי אין די אויגן פון אַ צעיושעטער חיה.

ליידיקע עמערס, צעבערלעך און טעפּ זיינען געפלויגן פון האַנט צו האַנט צום וואַסער, און אָנגעפילטע, ווי איבער מענטשלעכע רינגען, געפלויגן צוריק און זיך אויסגעליידיקט אין דער שׂרפה אַריין. מ'האָט מיט שרעק אָנגעגאָסענע אויגן, אונטעריאָגנדיק איינער דעם אַנדערן, געשריען:

— גיכער! נאָך גיכער! נאָך אַן עמער! נאָך אַ צעבערל! נאָך! נאָך!...

מ'האָט זיך געביטן: עליע און זלמן סאָסנע האָבן פאַרביטן דאָ איינעם דאָ דעם אַנדערן ביים גיסן דאָס וואַסער אין די פלאַמען. דאָ איז געוועזן זייער היים און דאָס פליוכען ס'וואַסער אין פייער — זייער שווער.

ניט געקוקט אויפן מיטן נאַכט, איז דער גאַנצער דווינע־ברעג פון מאַסקווער פאָרשטאָט געוועזן פול מיט מענטשן, אַרויסגעריסענע פון די בעטן פון די הייזער אַרום ברעג. מערערע זיינען אויף שיפ־לעך אַריבער אויפן האָלעם און זיך געשטעלט אין די רייען העלפן

לעשן די שרפה. ס'האָט געדויערט ביז ס'האָט זיך דערהערט דאָס געלאַף פון די פּאָזשאַרנע אויף מאָסקווער פאַרשטאָט.

די שרפה האָט זיך דערווייל אויסגעשפּרייט, פאַרכאַפּט נייע קלאָפּ־טערן ספּליט־האָלץ און נייע שטאַפּלען באַלקן. די דווינעס האָבן גע־ברענט, ווי מיט אונטערוואַסערדיקע קאַלכאויוונס. די פלאַמען האָבן געשלאָגן הויך אין הימל אַריין און די לופט איז פול געווען מיט פייער. אָבער די פליוכענדיקע קייטן האָבן פון איין זייט געהאַמעוועט די פלאַמען אויף חיים־זלמנס מייקע, און פון דער אַנדער זייט, ניט דערלאָזן די גרויסע טראַגנדיקע פלאַמען פון די ספּליטהאָלץ און שטאַפּ־לען באַלקנס צו די אַנדערע מייקעס. ס'איז אָבער געווען די סכנה, אַז די אָנגעגליטע לופט זאָל ניט אַ כאַפּ טאָן די אָנגעהיצטע דעכער מיט איבערשפּרינגענדיקע פלאַמען.

די פּאָזשאַרנע זיינען אָנגעלאָפן צום ברעג טייך, מיטן פּאַראָם אי־בערגעוואָרפן אַלע לעש־מאַשינען אויפן האָלעם, זיי צעשטעלט אַרום ברעג און אַרויסגעוואָרפן די שלויכן צום פייער. ס'זיינען אָנגעלאָפן פּאָזשאַרנע קאָמאַנדעס פון אַנדערע ריגער פאַרשטעט און זיך נאָך ברייטער צעשפּרייט איבער די ברעגן פון האָלעם מיט זייערע פּאָזשאַר־נע מאַשינען; ס'זיינען אויך אָנגעלאָפן פון הינטערן בריק די טייך־דאַמפּערן, וואָס האָבן געאַרבעט ביי שאַמיראַן, אַרויסגעוואָרפן אויך זייערע וואַסער־קישקעס צום פייער. דער גאַנצער האָלעם איז איצט געווען דורכגעפלאָכטן מיט שלויכן, ווי מיט לאַנגע אויסגעצויגענע שלאַנגען. די פייער־לעשער האָבן מיט זייערע בלישטשענדיקע מע־שענע היט אַרומגעכאַפּט די שרפה, ווי אין אַ שפּיגלדיקן רינג און מיט צענדליקער שטראָמען געשניטן אין בראַנד. די פלאַמען האָבן זיך געריסן און געשפּרונגען ווי חיות, פאַרכאַפּטע אין אַ רינג פון שינדנדיקע בייטשן.

אויפן האָלעם האָבן זיך אויף שיפלעך אַרויפגעשאָטן אַזוי פיל נייגעריקע מענטשן פון פאַרשטאָט, אַז זיי האָבן מיט זיך געשאַפן אַ קיילעכדיקע מענטשן־קייט אַרום דער שרפה. זיי זיינען געשטאַנען אינדערהויך אויף די אַרומיקע ניט־ברענענדיקע שטאַפּלען, פון וואַ־נען ס'איז בעסער געווען צו זען די אַרבעט פון די פייערלעשער, און אַפילו צווישן די שטאַפּלען. ס'איז געווען דורך זיי שווער דורכצוגיין און שווער דורכצוקריכן.

מיטן קומען פון די פּאָזשאַרנע אויפן האָלעם, האָבן די האָלעמישע יידן אויפגעגעבן די עמערס מיט צעבערס און טעפּלעך און זיך גענו־

מען העלפֿן פּומפּען די לעש־מאַשינען. די פּאָזשאַרנע האָבן זיך ניט געקאָנט אַנגעמען קיין אייגענע הענט.

אַרום זעקס אינדערפֿרי, אַז די זון איז שוין געווען הויך איבערן מזרח, האָט זיך דער פֿייער געלייגט. און אַרום צען אינדערפֿרי איז די שׂרפֿה געווען כּמעט אויסגעלאָשן. וואו ניט וואו האָט זיך נאָך ער־געץ גערויכערט. פּאָזשאַרנע האָט זיך גענומען פּאַנאַנדערפּאָרן. אַלע אויפֿן האָלעם זיינען געווען אויסגעמאַטערט אויף טויט. עליעס אויפֿ־רייסן די פֿענצטער האָט געראַטעוועט חיים־זלמנען מיט זיין ווייב און קינדער, און זיין איינשטעלן די שורות מיט די עמערס האָט געראַטע־וועט ניט נאָר חיים־זלמנס מייקע — מער ווי איין ווינקל האָט פֿון איר ניט אויסגעברענט — נאָר אַלע איבעריקע מייקעס.

אָבער, אַז מ׳האָט זיך גענומען צוריק אַריינקלייבן אין די מייקעס, האָט מען באַלד דערזען, אַז מ׳האָט פֿון די מייקעס אויסגערייניקט ביזן לעצטן פֿאָדים. מ׳האָט געלאָזן בלויז דאָס, וואָס מ׳האָט ניט געקאָנט אַרויסנעמען.

דער גרעסטער חורבן איז אָבער געווען ביי עליען אין מייקע. ניט נאָר האָט מען אַרויסגעשלעפּט אַלץ פֿון מייקע, נאָר אין חדר, וואו מ׳האָט געדאַוונט בציבור, האָט מען צעבראָכן די בענק, דעם עמוד, דעם אָרון קודש און די ספֿר תּורה האָט מען צעפּליקט אויף שטיקלעך און צעוואָרפֿן איבערן גאַנצן חדר.

אַז איבערן שטאָט האָבן געקלונגען די זונטיקדיקע גלעקער, איז אויפֿן האָלעם געווען תּשעה באָב.

ס׳איז געווען קלאָר. אַלץ זייער קלאָר. מ׳האָט געוואוסט פֿאַר־וואָס און פֿון וואַנען דאָס איז געקומען. מיטן צערייסן די ספֿר תּורה האָט פּאַוועל קליוטשעוואַי געלאָזט וויסן, אַז דער חשבון מיט אים איז נאָך ווייט ניט קיין אונטערגעפֿירטער.

נאָך דער שׂרפֿה האָבן זיך מיט די לעצטע פֿייערלעשער אויך אַראָפּגעקליבן די לעצטע פֿרעמדע צוקוקער פֿון האָלעם. מ׳איז ענדלעך געבליבן אַליין. מ׳האָט זיך געדאַרפֿט צונויפֿנעמען אַביסל. ס׳איז געווען זייער אַ שטאַרקער קלאַפּ און מ׳האָט געמוזט האָבן אַ שטיקל צייט צו קומען צו זיך פֿון אים.

מיטן צערייסן די ספֿר תּורה האָט יעדערער געפֿילט, ווי מ׳וואָלט אים מיט אַ מעסער אין האַרצן דערלאַנגט און מ׳איז געווען גרייט צו

נעמען פאַרן גאַרגל דערפאַר. די ווייבלעך פון די פריקאַזטשיקעס, ניט אויסגעשלאָפענע און אויסגעמאַטערטע, זיינען אַרומגעגאַנגען ווי צעמישט און ניט געוואוסט פאַר וואָס זיך פריער צו נעמען. זלמן סאָסנע האָט צונויפגעשלאָגן אַ שמאָלן און לאַנגן אָרון, ווי פאַר אַ מת, און מ׳האָט אין אים אַריינגעלייגט די צעריסענע שטיקער פון דער ספר תורה.

מיט דער גאַנצער שווערקייט אויפן האַרצן און אויסגעמאַטערטקייט, האָט עליע ניט געהאַט קיין צייט פאַר זיך. מ׳האָט געמוזט נעמען אַלץ און אַלעמען אין די הענט אַריין און לאָזן אַלץ צוריק אין גאַנג. דער פעטער איז אין ריגע ניט געווען, איז אַלץ געלעגן אויף אים. ס׳וועלן קומען פאַרשטייער פון „פייער פאַרזיכערונג״, ס׳וועט קומען פאָליציע אויספרעגן וועגן די סיבות פון דער שרפה, מ׳וועט זיי דאַרפן אַלעמען אויפנעמען, ווייזן דערקלערן. און, דער עיקר — די שווערסטע זאַך — וואָס ווייטער מיט די מענטשן אויפן האָלעם? ווי שטאַרק זיינען זיי ביי זיך? ווי גרויס זיינען די ווייטערדיקע סכנות?

מ׳האָט פריער פאַר אַלץ געדאַרפט גאַנץ גענוי וויסן וויפל און וואָס ס׳איז פאַרברענט און איבערגעפירט געוואָרן. ער איז אַוועק צום אָרט פון דער שרפה.

אַ גרויסער שטח צווישן די שטאַפּלען איז געווען אויסגעברענט. עס זיינען געלעגן בערג מיט ניט־דערברענטע ספּליטהאָלץ, שפּאָלן, קאַפּבאַלקן, טעלעגראַפנע סלופּעס און שיף־מאַסטן. און די באַלקנס אין פינף אַרומיקע שטאַפּלען זיינען געווען — וועלכע איינגאַנצן, וועלכע דריי־פערטל און וועלכע האַלב־פאַרברענט און שטאַרק פאַרקוילט. דער גאַנצער אָרט האָט אויסגעזען, ווי אַנגעוואָרפן מיט בערג און מיט שטאָפּלען האָלאָװעשקעס, איבערגעריסן אין זייער פלאַקער. דער גאַנצער אָרט איז געווען דורכגעווייקט אין וואַסער פון די פאַזשאַרנע קישקעס און אין ריטשקעלעך און שנירעלעך זיך געצויגן צום טייך.

ערשט איצט האָט עליע דערזען, ווי גרויס ס׳וואָלט געווען דער אומגליק, ווען ער כאַפּט זיך ניט אויף אין צייט. ווען אָט די אַלע שטאַפּלען וואָלטן זיך אַראָפּגעברענט ביז זייער גאַנצער טיף און די פלאַמען וואָלטן זיך צעגאָסן איבערן גאַנצן האָלעם, וואָלטן די פייערן אַלץ אַראָפּגעטראָגן ביזן לעצטן שפּענדל און קיין איינער וואָלט קיין לעבעדיקער זיך ניט געקאָנט אַרויסרייסן פון די ברענענדיקע מייקעס. ס׳וואָלט אַפילו אָנגעצונדן די פּליטן אויפן וואַסער.

ער האָט איצט קלאָר געזען, אַז דער חשבון פון דער שרפה איז

געווען צו פאַרברענען אַלעמען לעבעדיקערהייט. די אויסליידיקונג פון די מייקעס און דאָס צערייסן די ספר תורה איז געקומען נאָכדעם, ווי דאָס ערשטע האָט זיך ניט איינגעגעבן.

באַקומען אַ באַגריף פון דעם שאָדן, איז עליע אַוועק און געהייסן קאַפּל־מאירן צונויפשטעלן אַ חשבון פון דעם היזק פאַר דער „סטראַ־כיר־געזעלשאַפט. פיניע מאַהילניקן האָט ער געהייסן מאָרגן גאַנץ פרי אַרומצוימען דעם גאַנצן אָרט פון דער שרפה און קיין זאַך פון דאָרטן ניט רירן, ביז די „פייער־סטראַכירונג" וועט זיך ניט אויס־גלייכן מיטן שטאָט־קאַנטאָר וועגן שאָדן. נחמן טשופּרינען האָט עליע אָנגעוויזן וואו אַרויסצושטאַפּלען נייע באַלקנס, כדי די טיאַסטשיקעס פון די אויסגעברענטע שטאַפּלען זאָלן האָבן וואָס צו טאָן. מ׳האָט ניט געטאָרט אָפּשטעלן די אויסאַרבעטונג פון די געהילצן אַפילו אויף איין טאָג. חיים־זלמנען האָט ער געהייסן אָנזאָגן די אומגעמעלדעטע יידן, אַז זיי זאָלן זיך ניט ווייזן אויפן האָלעם, ווייל מ׳קאָן יעדע מינוט דער־וואַרטן פּאָליציע.

מ׳האָט דעריבער היינט ניט געלאָדן. מ׳האָט שוין ממילא מיט די קינדער אויך ניט געלערנט. אגב איז עס היינט קיינעם אין קאָפּ ניט געלעגן.

אויסער דער צעטומלעניש פון דער שרפה און דעם תשעה באָב אויף די הערצער איבער דער צעריסענער ספר תורה, איז די אָנגעפּאַרענע יידן באַזונדערס שווער געווען פון וויסן, אַז זיי זיינען די שולדיקע אין אַלע צרות. וואָלטן זיי ניט געקומען אויפן האָלעם וואָלט דאָך צו דעם ניט געקומען. און ווער ווייסט וואָס נאָך די „נאַ־בערעזשניקעס" גרייטן זיך אָפּצוטאָן? אָבער נאָך שווערער איז זיי געווען אויף די הערצער, ווען זיי האָבן אַ קלער געטאָן וועגן זיך אַליין. זיי האָבן זייער קלאָר געזען, אַז אייגנטלעך זיינען די מעסערס געווען געצילט אין זיי; ווען ניט די פּריקאַזשטשיקעס — ווער ווייסט וויפיל פון זיי עס וואָלטן שוין איצט געלעגן אין דער ערד. און פון וואָס איז געדרונגען, אַז דער חשבון מיט זיי איז שוין פאַרענדיקט? די „נאַבערעזשניקעס" זאָלן זיך אַ וויז טאָן באַדערנאָכט אין זייערע בייד־לעך, וועלן זיי דאָך אַלעמען צעשניידן אויף שטיקער און אין וואָסער אַריין! מ׳וועט דאָך אַפילו ניט וויסן וואו זייער געביין איז אַהינגע־קומען...

ס׳איז שוין איצט ניט געווען קיין פראַגע פון יאָ אַרבעט, צי ניט אַרבעט. ס׳איז געווען די פראַגע צי זאָל מען איינשטעלן ס׳לעבן צו־ליב דעם שטיקל ברויט. ווי גוט וועט זיין זייערע ווייבער און קינ־דער, אַז זיי וועלן בלייבן אלמנות און יתומים?

מיט די דאָזיקע שווערע געדאַנקען איז מען געלעגן אויסגעמאַ־טערטע, ניט אויסגעשלאָפענע — און קיין זאַך אין מויל ניט געהאַט, געפאַסט — אין דיביידלעך, יעדערער אַראָפּגעזונקען אין זיין אייגע־נעם פּאַק ספקות, און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

דער שכל האָט אונטערגעזאָגט, אַז די גלייכסטע זאַך איז צו פאָרן אַהיים און ניט שטעלן דאָס לעבן אין סכנה. אָבער פון דער אַנדערער זייט איז דאָך דאָ דאָס שטיקל ברויט און פאָרן זומער וועט זיך דאָך אָנקלייבן דורכצוקומען דעם ווינטער ביז פסח, און ס׳וועט נאָך עפּעס בלייבן...

מיט דער צעריסענער ספר תורה אין אָרון, ווי מיט אַ מת אין האַרצן, איז עליע געזעסן אין קאַנטאָר און געשריבן צווויי בריוו. אַז ער האָט פאַרענדיקט, האָט ער געהייסן קאַפּל־מאירן אַלעמען אי־בערגעבן, אַז מ׳זאָל קומען היינט אָונט צו אים אין מייקע אויף אַ גלאָז טיי. און מיט דעם וואָרט „אַלעמען", האָט ער אונטערשטראָכן, מיינט ער אויך די ווייבער מיט די קינדער.

די זון האָט זיך געהאַלטן ביים זעצן און אָנגעצונדן דעם מערב. אַ קליין ווינטעלע האָט געטראָגן מיט עסנדיקן שרפה־רויך פון די בערג האַלאָוועשקעס. קיין פויגל האָט מען ניט געזען. ס׳קוקט־אויס, אַז די ביטערקייט אין דער לופט האָט זיי פאַרטריבן פון האַלעם.

אַז ביילקע האָט דערהערט פון עליען, אַז ער האָט פאַרבעטן דעם גאַנצן האַלעם אויף טיי, האָט זי אויף אים אויסגעשטעלט אירע גרויסע שוואַרצע אויגן און ניט געוואָלט גלויבן, אַז ער מיינט דאָס ערנסט.

די מייקע איז געווען אויסגעליידיקט ביזן לעצטן פאָדים. מ׳איז געבליבן אין וואָס מ׳האָט אויף זיך אַרויפגעכאַפּט ביים אַרויס פון די בעטן, אי אַליין, אי די קינדער. מ׳האָט אַוועקגענומען די קליידער, דאָס בעטגעוואַנט, די וועש; מ׳האָט אַרויסגענומען די בעטן, די סאָפע, די שטולן, דעם סאַמאָוואַר, די לייכטער, דעם לאָמפּ, די געשיר, די טעפּלעך און פענדלעך; מ׳האָט אַראָפּגענומען פון בוידים די פסחדיקע כלים. מ׳האָט אַפילו אַראָפּגענומען די פאַרהאַנקעס פון די טירן און

פענצטער און די בילדער פון די ווענט, וואָסביילקע האָט מיידלווייז אויסגעצייט אין טשאַשניק, וועלכע זיינען געווען זייער טייער אי בייל־קען, אין עליען.

ס׳איז געבליבן דער גרויסער טיש אין מיטן פון די ליידיקע ווענט און די עמערס, מיט וועלכע מ׳האָט געלאָשן די שרפה, און איין טאָפּ, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און די חברה האָט אים אַפּנים פאַר־זען. דער טיש איז געווען צו־גרויס און זיי האָבן, ווי ס׳קוקט אויס, ניט געוואָלט שלעפּן אַזאַ מאַכינע.

ביילקע האָט אָבער עליען פאַרשטאַנען אויפן וואונק. זיך צונויפ־געטראָפן מיט זיינע בליקן, איז איר געוואָרן קלאָר, אַז דאָס היינטיקע פאַררופן אַלעמען איז זייער נויטיק. זי האָט גאָרנישט געפרעגט און גענומען צוגרייטן די מייקע פאַרן אָוונט.

אַרום האַלב ניין אין אָוונט האָבן זיך ביי עליען אין מייקע צו־נויפגעקליבן אַלע פריקאַזטשיקעס מיט די ווייבער און קינדער. עס זיינען אויך געקומען ישראל יאַקאַרשטשיק מיט זיין גרויסער דבורה־ברײנען מיט די פלאַקס־קעפּלדיקע חברה־לייט, און אברהם לאָפּאַטע מיט זיין ריישען און זייער קליינס. דאָ זיינען אויך געווען די שומרים: מרדכי שאַמיראַ און בענטשע מאַגנוס.

אַלע זיינען געקומען אין וואָס מ׳איז ביידערנאַכט אַרויסגעשפּרונ־גען פון די מייקעס. מ׳איז ניט געווען אויסגעשלאָפן, פּינצטער אין די פּנימער, די ליפּן פאַרטריקנט. צוליב דער ספר תורה האָבן אַלע היינט געפאַסט.

דעם טיש מיט וואָס צוצודעקן, האָט טאַקע ביילקע ניט געפונען אָבער אויפן ניט־צוגעדעקטן טיש זיינען געשטאַנען צוויי טעפּ מיט אָפּגעקאָכטע בולבעס אין די „העמדלעך״; צעשניטענע הערינג אויף לאַנגע ברעטלעך — אַנשטאָט טעלער; דערביי ברויט און חלה, און אין רעכטן מיטן אַ פלעשל בראָנפן. דאָס אַלץ האָט ביילקע צונויפ־גענומען פון אַלע מייקעס — וואו ס׳איז נאָר עפּעס פאַרבליבן פון די „נאַבערעזשניקעס״. דער עיקר האָבן אַרויסגעהאָלפן די שומרים. פון זייערע שמירה־ביידלעך אויף די פליטן האָט מען קיין זאַך ניט אַוועק־גענומען. כדי אָפּצופאַסטן זיך אינאיינעם, האָבן די ווייבלעך איבער־געגעבן ביילקען אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט אין זייערע מייקעס. דאָס פלעשל בראָנפן האָט זיך פאַרוואַלגערט ביי לאה זלמן סאַסנעס אין קעלער — געווען פאַררוקט אין אַ ווינקל און די „נאַבערעזשניקעס״ האָבן עס ניט באַמערקט.

קיין לאָמפּ איז ניט געווען. האָט ביילקע אַריינגעשטעקט שבת־דיקע ליכט אין די העלדזלעך פון ליידיקע פלעשער און זיי צעשטעלט איבער דער לענג פון טיש. אָנשטאָט שטולן האָט מען פון געהילץ־פּלאַץ געבראַכט קלעצלעך און מ'האָט זיך צעזעצט אַרום טיש און וואו ס'איז נאָר געווען אַ ליידיק שטיקל אָרט. ריישעס קליינס האָט זיך צעשריען. האָט זי אַרויסגענומען אַ ברוסט, אים אַריינגעשטעקט אין פּיסקל און עס שטיל געמאַכט.

די ליכט אין די פלעשער, די צעשניטענע הערינג אויף די לענג־לעכע ברעטלעך, די קעלישקעס אַרום פלעשל בראָנפן, די ערנסטע און חושכדיקע פּנימער, באַלויכטן פון די שפּרינגענדיקע פלעמלעך, דער טונקעלער הימל דורך די אָפענע פענצטער, דער עסנדיקער רויך אין דער לופט פון דער שרפה, די פּאַרמעט־שטיקער אין אָרון, ווי אַ מת אין דערבייאיקן חדר, און אַלע אויף קלעצלעך — פון דעם אַלעם האָט געשלאָגן מיט אַבלדיקער אומהיימלעכקייט ווי אַלע וואָלטן געזעסן שבעה נאָך עמעצן און ניט געוואוסט ווי צו טרייסטן איינער דעם אַנ־דערן.

אַלע האָבן געשוויגן. קיינער האָט ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. כמעט יעדערער האָט געפילט, אַז מ'וואָלט מיט עפּעס געדאַרפט איבעררייסן די דריקנדיקע שטילקייט. מ'האָט אָבער געוואַרט אויף עליען. ער האָט דאָך ניט גלאַט אַזוי צונויפגערופן אַלעמען.

עליע האָט זיך געזעצט אין שפּיץ פון טיש אויף אַ העכערן קלעצל מיט אַ פּאַפּירל פאַר זיך, געריוויכערט אַ פּאַפּיראָס און באַטראַכט יעדערן באַזונדער, ווי ער וואָלט געוואָלט אַרויסלייענען וואָס יעדערער טראַכט: אויף וויפיל יעדערער פון זיי האָט זיך איבערגעשראָקן. ער איז געווען ערנסט און איינגעקלאַמערט אין אַ קאַלטער רואיקייט. די טיפע קנייטשן אויפן שטערן, דער ניט־צוגעדעקטער קאָפּ מיט געדיכטע האָר, מיט די פינגער אַרויפגעזיפּט אויף אַרויף, וואָס האָבן ניט געוואָלט ליגן, און די קורצע באָרד פון שוואַרצע שטאַרקע האָר, וואָס איז געווען צעטיילט אין צוויי טיילן ווייל אין שפּיץ מאָרדע האָט ביי אים קיין האָר ניט געוואַקסן — האָבן אונטער די פלעמלעך פון די ליכט צו־געגעבן נאָך מער וואָג זיין קאַלטער רואיקייט.

ער האָט אָנגעגאָסן פאַר זיך אַ גלעזל בראָנפן און איבערגעגעבן ס'פלעשל, די אַנדערע זאָלן זיך אָנגיסן. אָפּגעוואַרט ביז אַלע מאַנס־בילן האָבן אָנגעפילט זייערע גלעזלעך, האָט ער אָנגעהויבן רואיק,

ניט הויך, אָבער אין יעדן וואָרט איז געווען אַן אַנטשלאָסענע קאַלט־קייט פון שטאָל:

— איך האָב אַלעמען פאַרבעטן, כדי צו זיין אינאיינעם היינטיקן אָוונט. ס׳איז נויטיק, אַז יעדערער זאָל פילן, אַז ער איז ניט אַליין, אַז מ׳איז זיכער איינער אינעם אַנדערן, אַז מ׳שטייט פעסט און מ׳וועט פון קיין זאַך ניט אָפּטרעטן! מיר האָבן אַראָפּגעבראַכט אויפן האָלעם אונ־דזערע ווייבער מיט די קינדער; צום ערשטן מאָל צונויפגעפירט אונ־דזערע צעריסענע לעבנס אונטער איין דאַך; וועלן מיר אָפּבראַכן יעדע האַנט, וואָס וועט זיך פאַרמעסטן אויף אונדז!

עליע איז אַנטשוויגן געוואָרן ווי ער וואָלט וועלן, אַז אַלע זאָלן באַנעמען וואָס ער האָט געזאָגט. געוואָרט אַ ווײַלע, האָט ער ווייטער אָנגעהויבן:

— די שרפה ווייזט, אַז די טעג זיינען שוין אונדזערע. זיי ציטערן דעם נאָז צו ווייזן בייטאָג אויפן האָלעם. מיר וועלן זיי אויך אָפּשלאָגן דעם חשק צו שפּילן זיך מיט פייער. מיר קאָנען דאָס, און וועלן דאָס טאָן!...

עליע האָט עס געזאָגט רואיק, זאַכלעך און אָן אַ סימן פון קינסט־לעכער אויפמונטערונג. זיינע ווערטער האָבן אָבער אַרויסגערופן אַ סך דרך־ארץ צו אים פאַר זיין רואיקער זיכערקייט אין זיך אַליין און אַלעמען. עליע האָט פאַרצויגן דעם פּאַפּיראָס און אַריינגעקוקט אין פּאַפּירל. אַלע האָבן געפילט אַז דאָס, וואָס עליע האָט געזאָגט ביז איצט, איז בלויז געווען אַן אַריינפיר, אַז דאָס וויכטיקסטע דאַרף ערשט קומען. מ׳האָט פאַרצויגן די פּאַפּיראָסן און געוואַרט. זיי האָבן עליען זייער גוט געקענט.

— אָנהויבן וועלן מיר אַזוי: — האָט עליע ווידער אָנגעהויבן. — איך וועל פון מאָרגן אָן אָוועקשטעלן אַ נאַכט־שומר אויפן האָלעם. דאָס איז אָבער ניט גענוג. אַ שומר קאָן מען „אַראָפּנעמען" ביידער־נאַכט. ביי פאָוול קליוטשעוואָיס חברה איז דאָס קיין נייעס ניט. וועלן מיר אויסערן שומר איינשטעלן אַן אייגענע נאַכט־שמירה. זיך בייטן: איין נאַכט איינער, אַ צווייטע נאַכט — אַן אַנדערער. דיר, חיים־זלמן וועל איך אַרויסגעבן געהילץ און געלט צו פאַררי‍כטן דיין מייקע — אויפן חשבון פון קאָנטאָר. מיט דעם וועלן אַלע אויסגעגלייכט ווערן. אויף אויסקליידן זיך אַביסל און איינצוקויפן זיך פונדאַסניי אַ שטיקל באַלעבאַטישקייט, וועט די קאָנטאָר יעדן אַרויסגעבן אַ הלוואה.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע, נאָכדעם ווייטער אָנגע־הויבן:

— איצט קום איך צו נאָך צוויי וויכטיקע זאַכן: איך האָב אָנגעשריבן צוויי בריוו. איינער איז צו ר' זעמל סופר קיין טשאַשניק. איך שרייב אים, ער זאָל זיך זעצן שרייבן אַ ספר־תורה פאַר אונדז. כ'וואָלט וועלן, אַז די ספר־תורה זאָלן מיר שרייבן אַלע אינאיינעם. יעדער זאָל צוטראָגן וויפיל ער קאָן: ווער מער, ווער ווייניקער. דער צווייטער בריוו איז צום רב אין טשאַשניק. איך שרייב אים וועגן דעם גורל פון זייער ספר־תורה ביי אונדז און בעט אים, אַז קהל זאָל אונדז אויסלייען אַ צווייטע, ביז מיר וועלן קאָנען אַריינשטעלן אין אָרון קודש אונדזער אייגענע. דאָס איז איינס אַוועק. צווייטנס שוין די וואָך שטעל איך זיך בויען אַ גרויסע שול אויפן האָלעם; אַ שול אויף פינף־און־צוואַנציק מנינים יידן! מיט אַ באַזונדערער ווייבערשער שול, איבערגעטיילט מיט אַן אינעווייניקסטער וואַנט, אָפן פון אויבן, דורכגעצויגן מיט אַ דורכזיכטיקער פאָרהאַנגע. מ'וועט זיך שטעלן זי בויען אויפן ליידיקן אָרט צווישן, זלמן סאָסנע, דיין מייקע, און דיינער — ישראל!

עליע האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט אַ קאַלטער שאַרפקייט, ווי דאָס וואָלט געווען זיין ענטפער אויף דער שרפה. אַלע זיינען געבליבן זיצן מיט אָפענע מיילער. אַפילו ביילקע האָט אויף אים אויסגעשטעלט אירע גרויסע שוואַרצע אויגן פון איבערראַשונג — פינף־און־צוואַנציק מנינים?!... — עליע האָט עס קלאָר געמאַכט:

— דער חדר פאַרן דאַוונען בציבור ביי מיר אין מייקע איז געוואָרן קליין. אויפן ליידיקן אָרט וועט אויסוואַקסן אַ יידישער ישוב, וואָס וועט אַריבערשלאָגן די ברעגן פון אונדזער זווירנהאָלם. ער וועט זיך צעפלייצן איבער די אַרומיקע העלעמער און וועט זיכער אַרויסקריכן אויך אויף די פאַרשטאָט־ברעגן פון דער דווינע. איך ווייס ניט וויפיל שולן ס'וועט האָבן, אָבער די ערשטע שול שטעל איך זיך בויען שוין די וואָך. מיר וועלן שלאָגן ניט נאָר מיט די פויסטן, נאָר מיט אַ סך מער, ווי דאָס — מיט בויען! מיט מער בויען, גרעסער בויען, ברייטער בויען!

פאַרענדיקט, האָט ער אויפגעהויבן דעם קעלישעק צו אַלעמען. אַלע האָבן אויפגעהויבן זייערע גלעזלעך:

— ס'איז געווען אַ קלוגע זאַך דאָס אָפּפּאַסטן זיך אינאיינעם. לחיים! פאַר מער זיכערקייט אין זיך און פאַר אַ גרויסער נייער יידישער אינדזלשטאָט אַרום אונדז!...

מ'איז געבליבן זיצן אַ ווײַלע פריטשמעליעטע ווי עליע וואָלט

מיט זיינע ווערטער צוגעטראָפן זיי אין אַ טיפער באַהאַלטענער אָנט־שלאָסנקייט, וואָס איז ביי זיי טיף געלעגן אין די נשמות: די עקשנות צו לעבן להכעיס אַלע אוממענטשלעכע שווערקייטן און ליידן, און אויף אַלע אומגליקן צו ענטפערן מיט נייעם בויען, גרעסערן און ברייטערן בויען. מ'איז געזעסן אַ ווײַלע אַזוי, נאָכדעם האָט מען אויפגעהויבן די גלעזלעך, אויפגעמונטערטע און אויפגעלעבטע געוואונטשן איינער דעם אַנדערן „לחיים" און מ'האָט זיך גענומען צום ברויט, בולבעס און הערינג. מ'האָט געגעסן, געטרונקען און געשוויגן. די ווייבלעך האָבן געגעבן די קינדער, אַליין געגעסן און געהאָלפן ביילקען דערלאַנגען צום טיש נאָך ברויט, נאָך הערינג און נאָך בולבעס.

אַז מ'האָט אונטערגעלענט די הערצער, האָט מען גענומען אַרומרעדן דעם ענין פון אַלע זייטן. חיים-זלמן האָט אויסגעלייגט אַ פּלאַן, ווי אַזוי אַריינצונאַרן פּאָוועל קליוטשעוואָיס חברה אין אַ נאָכטיקער פּאָסטקע און אַזוי אָנלערנען, „אַז זיי זאָלן פאַרזאָרגן אַ צענטן זיך אָנצוהויבן מיט אונדז". נאָך אַ שאַרפערן פּלאַן האָט אויסגעלייגט ישראל יאָקאָרשטשיק. זיין פּלאַן איז געווען — צו שטעלן עטלעכע קברים אויף שמירה: — „זיי וועלן זיין די בעסטע שומרים. דאָס איז דער איינציקער ענטפער פאַר דער שרפה מיטן צערייסן די ספר-תורה. פאַר מיילן וועט מען וויכן פון אונדז". פיניע מאָהילניקס מיינונג איז געווען אַז דער בעסטער וועג איז צו דערלאַנגען פון הינטן אין פּאַטילניצע „זיי זאָלן ניט וויסן פון וואַנענט ס'פליט זיי". זלמן סאָסנע איז אַרויס מיט אַ פּלאַן פון צווייענדיקער שמירה, וואָס זאָל זיין אין זיך גופא אַ שטיק פאַסטקע. צו דעם האָט ער צוגעגעבן נאָך עפּעס: אַז די קאָנטאָר דאַרף אַוועקשטעלן אויפן האָלעם אַן אייגענע פּאָזשאַרנע מאַשין, „מ'זאָל ניט דאַרפן לעשן אַ שרפה מיט טעפלעך און פינגערהוטן ביז פּאָזשאַרנע קומט. וואו געהילץ, קאָן אַלעמאָל זיין אַ שרפה אַפילו אין די זיכערסטע צייטן, און אונטערצינדער קאָנען זיך אַלעמאָל געפינען. מ'דאַרף זיין גרייט פאַר אַזעלכע זאַכן!"

מ'האָט צוגעשטימט צו לאָזן שרייבן אַ ספר תורה אינאיינעם און נאָך מער: אַז די שול זאָל מען אויך בויען בשותפות.

נאָך די בולבעס מיט הערינג האָבן ביי ביילקען אויפגעקאָכט טעפּ מיט וואַסער. און זי מיט אַנדערע ווייבלעך האָבן דערלאַנגט טיי צום טיש. צוקער מיט טיי האָט געבראַכט מרדכי שאַמיראָ פון זיין שמירה־ביידל און גלעזער האָבן זיך אויך צונויפגעקליבן צו עטלעכע אין יעדער מייקע.

גאַנץ שפּעט, אַז די ליכט זײַנען שוין מיט זייער לעצטן חלב אַראָפּגערונען איבער פאַרשמאָלצענע העלדזלעך פון די פלעשער, און די מייקע איז פול געוואָרן מיטן רויך פון פאַפּיראָסן און דעם פעטן עסנדיקן רויך פון די אויסגייענדיקע ליכט, איז מען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

מאָנטיק

גאַנץ פרי האָבן זיך די אַרבעטן אויפן האָלעם אָנגעהויבן ווי אַלעמאָל — אויסער אין דעם ווינקל, וואו די שרפה האָט אויסגעברענט די געהילצן. די טיאָסטשיקעס און אַלע אַנדערע אַרבעטער זײַנען געווען אויף זייערע ערטער — פריטשמעליעטע פון דער שרפה. בלויז די אָנגעפאָרענע ייִדן האָט מען אויפן האָלעם ניט געזען.

אַרום צוועלף אַזייגער זײַנען געקומען אויפן האָלעם פאָרשטייער פון דער „סטראַכיר־געזעלשאַפט". זיי זײַנען געקומען אָפּצושאַצן דעם שאָדן פון דער שרפה, אָבער, דער עיקר, — צי דאָ איז ניט געווען קיין „בורא מאורי האש", הגם אין דעם פאַל פון שאַמיראָס פאַרנעם פון געשעפטן איז אין רעכטן אָנהויב געווען אויסגעשלאָסן אַזאַ זאַך.

עליע האָט זיי אויפגענומען, געוויזן די בערג האָלאָיזשקעס, אַרויסגעזאָגט זײַן מיינונג וועגן די סיבות פון דער שרפה און אין קאַנטאָר זיי איבערגעגעבן גענויע טאַבעלן פון אַלץ, וואָס איז פאַרברענט, אָדער איבערגעפירט געוואָרן, און זייער שאָדן אין געלט. אַלץ איז אָפּגעטאָן געוואָרן געשעפטסמעסיק. דאָס איבעריקע וועט זיך שוין פירן צווישן דער „סטראַכיר געזעלשאַפט" און שאַמיראָס אַדוואָקאַט.

אינגאַנצן אַנדערש איז געווען, אַז אויפן האָלעם האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער פריסטאַוו פון מאָסקווער פאָרשטאָט מיט זײַנע אָקאָלאָדאָטשניקעס און גאָראָדאָוואָיעס.

דער פריסטאַוו האָט געדאַרפט צושטעלן אַ רעפּאָרט וועגן דער שרפה צום פּאָליציימייסטער. ס'איז געווען אַ צו־גרויסע שרפה און ער האָט פריער אַליין געוואָלט זען דעם אָרט און פאַרנעם פון דער שרפה. אגב איז ער נאָך קיינמאָל אויפן האָלעם ניט געווען און האָט אַליין געוואָלט זען וואָס עס טוט זיך דאָרטן. פון ידיעות האָט ער געוואוסט, אַז אויפן האָלעם האָבן זיך האַיאָריקן זומער „פאַרפלאָדיעט" אַ סך זשידעס.

דער פריסטאַוו פון מאָסקווער פאָרשטאָט, גריגאָרי יעפימאָוויטש

ספּירידאָנאָוו, איז געווען אַ הויכער, שייך־געבויטער גוי פון אַרום פינף־זעקס און דרייסיק, מיט אַ ריין־אויסגעגאָלט פּנים, שוואַרצע הור־סאַרסקע וואָנצעס מיט שפּיצלעך פאַרדרייט אויף אַרויף. אויגן האָט ער געהאַט גרויסע, גרינע און שאַרפע, מיט קאַלטע לאַכנדיקע זשולי־קעוואַטע פייערלעך אין זיי. אַז מ'האָט געדעדט צו אים האָט זיך גע־דוכט, אַז די לאַכנדיקע פינטעלעך אין זיי האָקן איבער: „אַרויסגע־וואָרפן דיינע רייד; איך ווייס אַלע דיינע הינטישע שטיק, ווערסט מיך ניט אָפּנאַרן". דערזען זיין קוקעלע האָט שוין אָפּגענומען ס'לשון צו רעדן צו אים.

אין זומערדיק־ווייסן פּריסטאַווסקן מונדיר, ענג אַרומגענומען אַרום זיין קרעפּקן גוף, אין ווייסן היטל און ווייסע הענטשקעס, מיטן רעוואָל־ווער אין דער שפּיגלדיקער פּאַרטופּייע פון איין זייט, שפּאָגע אויפן רימען איבער דער פּלייצע, אויף דער אַנדערער זייט, אין גלאַנציקע שטיוול מיט שפּאָרן, איז ער מיטן פּאַפּיראָס אין מויל, אַרויס פון שיפל. פון אים האָט געטראָגן מיט געשמאַקן אָדעקאָלאָן.

די אַקאָלאָדאָטשניקעס, אויך אָנגעטאָן אין ווייסע זומערדיקע מונ־דירן, האָבן אים אָפּגים גוט געקענט. ווי נאָר אַרויס פון שיפל, האָבן זיי צוגעלייגט — אמת, פאַ־אָפּיצערסקי — די הענט „פּאָד קאָזיריאָק". וואָס איז נוגע די גאָראָדאָוואָיעס — אין ווייסע העמדלעך און היט־לען — האָבן זיי ניט געוואוסט, ווי צו גיין און שטיין אַרום אים.

די יידן אויף די דווינעס האָבן געקענט דעם פּריסטאַוו. ער איז אַ סך פון זיי געלעגן טיף אין די ביינער. זיי האָבן געוואוסט, אַז ער איז אַ גרויסער שונא ישראל. איז מען צו אים אַריינגעפאַלן, האָט מען געהאַט אויסגעריסענע יאָרן.

וועגן אים אַליין האָט מען געהערט, אַז ער איז אַ כאָלאָסטיאַק, אַ געוועזענער זשאַנדאַרמסקער אָפיצער, מיט אַ גרויסער שוואַכקייט צו פרויען. מאַכט זיך עפּעס אַ „רעכטס" צווישן „אויסגעגליטשטע" מיט עפּעס קעגן געזעץ, „נעמט" ער זי שוין, ווי ער וויל און ווי אַזוי ער וויל — ביז זי דערעסט אים. ער איז געווען איינגעזוגגען פאַר איינעם, וואָס נעמט ניט קיין כאַבאַר. האָט איינער געפּרוואווט מיט אַ „מתנת־יד", האָט ער אים אַרעסטירט און אים אָנגעטאָן גרויסע צרות. פונדעסטוועגן האָט מען גערעדט בסוד, אַז אין „גרויסע זאַכן" געפינט מען צו אים „סטיעזשקעס". און פרויענשע „שיינקייט" איז איינע פון די כאַבאַרן וועלכע ער קאָן ניט ביישטיין, איבערהויפּט ווען ס'קומט אינאיינעם מיט אַ וואָגיקן מתנת־יד.

עליע האָט אים געקענט פונדערווייטן פון די יאָרן אין ריגע. ער האָט זיך זייער שטאַרק געהיט פון אים. אים איז ניט געווען צום האַרצן דאָס טרעפן זיך מיט אים אויך איצטער, כאָטש ער האָט פאַר אים מער ניט געדאַרפט מורא האָבן. ס׳האָבן אים אויך געקענט די אַנדערע פריקאַזטשיקעס.

עליע האָט אים געטראָפן, ווען ער איז אַראָפּ פון שיפל. די ערשטע פראַגע צו עליען איז געווען אויף „דו״:

— טי קטאָ? [דו ווער ביסט?]

— זאַוועדווישטשי, גאָספּאָדין פּריסטאַוו [פּאַרוואַלטער, הער פּריס־טאַוו], — האָט אים עליע געענטפערט אין אַ גוטן רוסיש.

— יעווריי? [אַ ייד?]

— יעווריי.

— פּאַספּאָרט!

עליע האָט אַרויסגענומען דעם פּאַס און דערלאַנגט דעם פּריס־טאַוו. דער פּריסטאַוו האָט אַריינגעקוקט אין פּאַס, אים אומגעקערט עליען און געהייסן פירן צום אָרט פון דער שרפה. גייענדיק מיט עליען, מיט די אָקאָלאָדאָטשניקעס און גאָראָדאָוואָיעס נאָך זיך, האָט דער פּריסטאַוו אים געשטעלט אַ גאַנצע ריי פראַגן, דורך וועלכע ער האָט געזוכט צו קריגן אַ באַגריף וועגן די סיבות פון דער שרפה.

נאָכן באַטראַכטן דעם גרויסן אויסגעברענטן אָרט מיט די בערג האָלאָוועשקעס, האָט דער פּריסטאַוו געבעטן עליען באַקענען אים מיט די אַרבעטן אויפן האָלעם. עליע האָט אים געפירט פון שטאַפּל צו שטאַפּל, פון איין אַרטעל צו דער אַנדערער, פון איין גרופּע אַרבעטער צו דער צווייטער, און אים אויבערפלעכלעך באַקענט מיט די מינים געהילצן, וואָס ווערן אויסגעאַרבעט פון די שטאַפּלען און צו וואָס יעדער מין געהילץ ווערט גענוצט.

דער פּריסטאַוו האָט זיך אָבער זייער ווייניק צוגעהערט צו אים. ער איז מער געווען פאַראינטערעסירט אין די מענטשן ביי די שטאַפּ־לען. ער איז אַרומגעקראָכן מיט זיינע שאַרפע אויגן פון פּנים אויף פּנים, ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט צווישן זיי, און יעדן פאַרדעכטיקן אָפּגעשטעלט:

— טי קטאָ?

— יאַקאָרשטשיק או שאַמיראָ [אַ יאַקאָרשטשיק ביי שאַמיראָן].

— יעווריי?

— פּראַוואָסלאַווני [אַ פּראַוואָסלאַווגער — אַ קריסט].

דאָס איז געווען גענוג. מער האָט ער ניט געפרעגט. געגאַנגען ווייטער, ביז אָנגעטראָפן אויף פיניע מאַהילניק.

— אַ טי קטאָ? [און דו ווער ביסט ?] — האָט אים דער פּריסטאַוו אָפּגעשטעלט.

— פּריקאַזטשיק או שאַמיראַ.

— יעוורעי? [אַ ייד?]

— יעוורעי. — האָט פיניע געענטפערט.

דאָ איז געקומען אַ רואיקער, אָבער קאַלטער אכזריותדיקער באַפעל:

— פּאַספּאָרט!

און גענומען ביי פיניען דעם פּאַס, האָט ער אים איבערגעגעבן איינעם פון די אָקאָלאָדאָטשניקעס און פיניען געהייסן גיין נאָך זיך. אַזוי האָט ער איינעם נאָך איינעם אָפּגעשטעלט אַלע פּריקאַזטשיקעס, צוגענומען פון זיי די פּעסער און געהייסן גיין נאָך זיך. פון געהילך-פלאַץ האָט ער זיך געהייסן פירן איבער די מייקעס.

אויף אַלע פראַגן וועגן די סיבות פון דער שרפה, האָט עליע געפירט צו איין אַנדייט, אַז דאָס איז די אַרבעט פון די „נאַבערעזשניקעס".

— זאָגט איר, גאָספּאָדין זאַוועדויושטשי, — האָט זיך דער פּריסטאַוו געווענדט צו עליען שוין אויף „איר" — אַז די שרפה האָט זיך ניט געקאָנט אָנהויבן פון אַ צופעליקן פונק, נאָר ס'איז אַ פּאָדזשאָג?

— אַלע סימנים פירן צו דעם, גאָספּאָדין פּריסטאַוו.

— עטאָ מניעניע. מניע נוזשני פאַקטי [דאָס זיינען השערות. איך דאַרף פאַקטן] — האָט דער פּריסטאַוו געזאָגט קאַלט און מיט דעם אָפּגעהאַקט די ווייטערדיקע רייד וועגן די סיבות פון דער שרפה.

דער פּריסטאַוו איז אַריין אין דער מייקע, אַרומגעקראָכן מיט גרינגע, שאַרפע, לאַכנדיקע אויגן אויף די ווייבלעך, גענומען פון אָקאָלאָדאָטשניק דעם פּאַס פון פּריקאַזטשיק פון יעדער מייקע, דורכגעקאָנטראָלירט, צי די ווייבער מיט די קינדער זיינען דאָ אין די פּעסער, און געפונען אַלץ אין אָרדענונג, — אומגעקערט די פּעסער. ס'האָט אויסגעקוקט, אַז אים האָבן מער אינטערעסירט די בוזימער פון די ווייבלעך און צי די יידן האָבן רעכט צו וואוינען אין ריגע, ווי די גנבות מיט דער שרפה.

צוקומענדיק צו ישראל יאַקאָרשטשיקס מייקע, זיינען טיר און

פענצטער געווען פאַרשלאָגן קרייץ־אויף־קרייץ מיט ברעטער און קיי־נער איז דאָ ניט געווען. נאָך מער, קיין סימן ניט געווען, אַז דאָ איז ווען עס איז עמעצער געווען.

צולעצט איז דער פּריסטאַוו אַריין צו עליען אין מייקע. עליע האָט אים אַריינגעפירט אין חדר, וואו מ׳האָט צעריסן די ספר־תורה און אים געוויזן וואָס מ׳האָט דאָ אָפּגעטאָן. דער פּריסטאַוו האָט גע־קוקט אַ ווײַלע גלייכגילטיק, נאָכדעם געבעטן עליען דערקלערן, ווי ער וואָלט ניט געוואוסט וואָס די צעריסענע שטיקער פאַרמעט זיינען. עליע האָט אים דערקלערט. דער פּריסטאַוו האָט אויסגעהערט און זיך דערנאָך געווענדט צו עליען מיט עטלעכע פראַגן, פון וועלכע ס׳איז לכתחילה ניט קלאָר געווען וואוהין ער צילט מיט זיי.

— גאָספּאָדין מאַגנוס! איר זייט דער זאַוועדויושטשי איבער דעם גאַנצן געהילץ־פּלאַץ, און אַלע מענטשן וואָס אַרבעטן דאָ, זיינען אונ־טער אייך?

— סאָווערשענאָ וויערנאָ [גאַנץ ריכטיק], גאָספּאָדין פּריסטאַוו, — האָט עליע געענטפערט.

— דאָס מיינט, אַז איר זייט דער מענטש וועמען גאָספּאָדין שאַ־מירא האָט אָנפאַרטרויט זיין גאַנץ פאַרמעגן, מיט דעם גלויבן, אַז ס׳איז אין פעסטע און זיכערע הענט?

— מ׳דאַרף רעכענען אַזוי... — האָט עליע געענטפערט פאַרזיכ־טיק, פילנדיק אַז דער פּריסטאַוו זוכט אים אַריינצונאַרן אין אַ פּאַסט־קע.

— דענקט איר, גאָספּאָדין מאַגנוס, אַז אויך דאָס דאַרפן מיר פאַר אייך היטן?... — האָט דער פּריסטאַוו אָנגעוויזן אויף די צעריסענע שטיקער ספר־תורה אין הילצערנעם אָרון, מיט אַן אויסגערעכנטן חוזק, וואָס האָט געצילט אין סאַמע האַרץ אַריין.

ביי די אָקאָלאָדאָטשניקעס האָט אויפגעשפּילט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן. עליען מיט די פּריקאַזטשיקעס האָט עס אָנגעצונדן. ס׳האָט געטראָפן אין אַ זייער ווייטיקדיקער וואונד. מ׳איז אָבער געשטאַנען פאַר־גליווערטע.

— גאָספּאָדין פּריסטאַוו, — האָט עליע געענטפערט איינגעקלאַ־מערט, פאַרביסן, רואיק און קאַלט, — מיר ווייסן ווי צו היטן עס. ס׳איז אין זיכערע הענט...

עליעס ענטפער האָט דעם פּריסטאַוו פאַריטשמעליעט. ער האָט גע־קוקט אַ ווײַלע אויף עליען מיט ברייט געעפנטע, אָנגעצונדענע אויגן

פאַר דער חוצפה אינעם ענטפער. אַלע זיינען געשטאַנען פאַרשטיי־נערט. די פריקאַזטשיקעס זיינען ניט געווען קיין שטאַרק פרומע, פונקט ווי עליע אַליין, אָבער זיי האָבן געפילט, אַז עליעס ענטפער איז געווען אין פינטל.

דעם פריסטאַווס פנים האָט אַ ווײַלע געקוקט אַנגעצונדן, נאָכ־דעם האָט ער זיך אָבער גענומען אין די הענט און זיין פנים האָט זיך איבערגעגאָסן אין אַן אָנגענעמען, אָבער זשוליקעוואַטן שמייכל:

— פּראַווילנאַ. טאַק אי דאָלזשנאַ ביט!... [גערעכט, אַזוי דאַרף עס אויך זיין].

און ווערטלענדיק זיך וועגן זייטיקע זאַכן, איז ער, מיט די אָקאָ־לאָדאָטשניקעס און גאָראָדאָוואָיעס נאָך זיך, אַרויס פון מייקע און אַוועק צום שיפל. ער האָט איבערגעלאָזן אַן אָקאָלאָדאָטשניק צונויפצו־שטעלן אַ פּראָטאָקאָל און מיט זיין סוויטע אַוועקגעפאָרן צוריק אויפן פאַרשטאָט. אַלע האָבן געפילט, אַז ניט געקוקט אויף זיין שמייכל, איז אַ ביטערער שונא זייערער אַראָפּ פון האָלעם, און האָבן פרייער אָפּגע־אָטעמט.

עליע האָט געפילט, אַז קיין גוטער פריינט איז אים דער פריסטאַוו ניט געבליבן, אָבער אים האָט עס ניט פאַרדראָסן.

דעם זעלבן טאָג האָט עליע מיט זלמן סאָסנען אַוועקגעפירט דעם אָרון מיט די פאַרמעט־שטיקער פון דער ספר־תורה אויפן ריגער בית־עלמין, ווייט הינטער מאָסקווער פאַרשטאָט, און עס מקבר געווען.

דינסטיק זיינען שוין די אַרבעטן אויפן האָלעם געווען אין פולן שוואונג. נייע באַלקנס האָט מען פאַר מאָנטיקדיקן טאָג אַרויס־געשטאַפּלט אין אַנדערע ערטער אויפן האָלעם און די אַרטעלן טיאָס־טשיקעס האָבן ווידער געאַרבעט אויף אַלע טיאָס־העק.

דעם זעלבן פרימאָרגן איז אויך ישראל יאַקאַרטשטיק, ווי אַלע־מאָל, געווען אויפן טייך אין זיינע הויכע וואַסער־שטיוול און לאַנגן באַהאַר און אינאיינעם מיט אברהם לאָפּאַטען און אַנדערע יאַקאָרשטשי־קעס געבונדן פליעניצעס פון די אַראָפּגעקייקלטע טעלעגראַפנע סלו־פּעס און קאָפּבאַלקן פאַר די שיפן אין האָפן. זיין מייקע איז ווידער געשטאַנען מיט אָפענע טיר און פענצטער. דבורה־ברײַנע האָט געוואַשן די איינציקע קינדערשע העמדעלעך און הויזקעלעך און די פלאַקסענע קעפּלעך האָבן זיך היילנדיקע געפליוסקעט אין וואַסער אַרום איר.

דעם זעלבן פֿרימאָרגן האָבן זיך אויך געוויזן די אָנגעפּאָרענע אומגעמעלדעטע ייִדן אויפֿן האָלעם. אָבער געשטעלט לאָדן האָבן זיך בלויז פֿיר פֿון זיי. די איבעריקע האָבן באַשלאָסן צו פֿאָרן אַהיים. זיי זײַנען געקומען צום קאַנטאָר אָפּנעמען וואָס זיי האָט געקומט פֿאַרן לאָדן די לעצטע וואָך.

מרדכי־דוד האָט זיך געזעצט לערנען מיט די קינדער. ער האָט ניט געוואוסט, צי זאָל ער בלײַבן, צי פֿאָרן אַהיים. ער האָט געזען, אַז מ׳איז אין גרויס סכּנה, אַז מ׳איז מיטן לעבן ניט זיכער. מער פֿון אַלץ האָט אים געציטערט ס׳האַרץ פֿאַרן ייִנגל. אָבער דער הונגער אינדערהיים?... דאָס שטיקל ברויט — פֿון וואַנעט וועט קומען?... האָט ער אײַנגעטלעך באַשלאָסן צו בלײַבן. דאָס פֿאָרן פֿון כּמעט אַלע־מען אַהיים האָט אים אָבער אינגאַנצן צעטומלט און ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. האָט ער זיך דערווײַלע געזעצט לערנען מיט די קינדער — ווי ס׳זאָל זיך ניט אויסלאָזן...

דערזען די ייִדן אַרום קאַנטאָר גרייטע צו פֿאָרן אַהיים, האָט עס עליען אָנגעצונדן. ס׳האָט אויך אָנגעצונדן די פּריקאַזטשיקעס. עליע האָט זיי לכתּחילה ניט געוואָלט אָנקוקן. אָבער איבערגעקלערט, האָט ער קאָפּל־מאירן געהייסן אַרײַנשיקן זיי צו אים אין באַזונדערן קאַנטאָר־חדר.

אַז די ייִדן האָבן זיך צונויפֿגעקלײַבן אין גרויסן קאַנטאָר־חדר, איז עליע געזעסן אָנטקעגן זיי בײַם טיש און מיט ביטערקייט באַ־טראַכט יעדן איינעם. די ייִדן האָבן זיך געפֿילט זייער שלעכט אונטער זײַנע בליקן. ער האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף זיי, נאָכדעם קאַלט און שנײַדנדיק געזאָגט צו זיי:

— מעגלעך, אַז מ׳וועט ווידער אונטערצינדן דעם האָלעם. מעג־לעך, אַז מ׳קאָן יעדערן פֿון אונדז פֿון אַ פֿינצטערן ווינקל אַרײַנזעצן אַ מעסער אין זײַט — מעגלעך!... איך ווייס דאָס... און ס׳איז מעגלעך, אַז צעפּודזשעטע פֿערד זאָלן אָוועקהרגענען אין רעכטן מיטן גאַס אין טשאַשניק, אולע און טשאַרעי! מ׳קאָן פֿון קיין זאַך ניט אַנטלויפֿן — לויפֿן איז דער ערגסטער מין ראַטעווען זיך!... ווער פֿון אײַך ס׳וועט ניט גלײַך גיין שטעלן זיך לאָדן, זאָל מער זײַן פֿוס ניט ווײַזן אויפֿן האָלעם! איך וועל ניט געבן קיין גראָשן צו פֿאַר־דינען!...

עליע האָט זיי נאָך אָנגעקוקט אַ ווײַלע מיט אײַנגעהאַמעוועטן צאָרן, און פֿאַרענדיקט:

— איר קאָנט איצט גיין! קאַפּל־מאיר וועט אייך באַצאָלן וואָס אייך קומט.

די יידן זיינען אַרויס פון קאַנטאָר אויפגעטרייסלטע און צעמישטע. עליעס שאַרפער אויסבייטשנדיקער הייסן גיין צו דער אַרבעט, אָדער קיינמאָל מער זיך ניט וויזן פאַר זיינע אויגן, האָט אַלעמען צעטומלט. מ׳האָט מורא געהאַט צו פאַרברענען אַלע בריקן הינטער זיך. בלויז דריי זיינען געבליבן ביי זייעריקן — צו פאַרן אַהיים. די איבעריקע האָבן מיט זייער שווערע געמיטער זיך געשטעלט לאַדן. דאָס האָט שוין אויך אַנטשיידן מרדכי־דודס גורל. ער איז מיט אַלעמען געבליבן אויפן האָלעם.

מ׳האָט זיך דעם זעלבן טאָג געשטעלט זעגן ברעטער פאַר דער נייער שול אויפן האָלעם.

מ׳איז ביסלעכווייז אויפן האָלעם געקומען צו זיך. מ׳האָט פאַר דער הלוואה פון שאַמיראָס קאַנטאָר זיך אויסגעקליידט אַביסל און זיך צוריק אָפּגעקויפט אַ שטיקל באַלעבאַטישקייט. סטאַליאַרעס האָבן אַריינגעבויט אַ נייע וואַנט אין חיים־זלמנס מייקע. מ׳האָט זיך צוריק געשטעלט אויף די פיס.

אין עליעס מייקע האָט מען, אויסער אַלץ, אויך פאַרריכט דעם אָרון קודש, דעם עמוד און די בענק. מ׳האָט געבראַכט אַן אַנדערע ספר־תורה פון טשאַשניק. ביילקע האָט באַהאַנגען דעם אָרון־קודש מיט אַ נייעם פּרוכת און די פענצטער — מיט נייע פאַרהענגלעך. ס׳איז ווידער געוואָרן אַ יום־טובדיקער ווינקעלע פאַר דאַווענען בציבור. און אַלע שבת האָט מען ווידער געדאַוונט ביים עמוד און אויסגערופן צו קריאת התורה.

אין דער זעלבער צייט זיינען שוין אַלע געווען פאַרנומען מיט דער נייער שול. עס זיינע אויסגעוואַקסן אויפן אָרט, וואו מ׳האָט זיך געקליבן שטעלן די שול, גרויסע קופעס מיט ברעטער און אַנדערע בויטיקע בוי־מאַטעריאַלן. מ׳האָט שוין אַפילו געבראַכט ציגל פאַר די הרובעס מיט די קוימענס.

ביילקע האָט זיך פאַרנומען אויסצונייען אַ פּרוכת פאַר דער נייער שול. אויפן פּרוכת האָט זי באַשלאָסן אויסצונייען צוויי טאָוולען מיט די עשרת הדברות, אַ קרוין איבער זיי און צוויי לייבן פון ביידע זייטן

פון די טאָוולען. די אַנדערע ווייבלעך האָבן גענייט מענטעלעך פאַר דער ספר תורה און טישטוכער פאַרן שולחן.

דאָס לעבן אויפן האָלעם איז אָבער געווען אָנגעשטרענגט. די אייגענע נאַכט־שמירה אין געפאַלן שווער. יעדערער אויפן האָלעם איז כמעט איין נאַכט אין וואָך געווען אויף וואַך. צו מאַכן גרינגער די מענער, האָבן די ווייבער זיי פאַרביטן די ערשטע האַלבע נאַכט. צוליב פריילעכקייט זיינען די ווייבלעך געגאַנגען פאַרוויַז. דבורה־ברײַנע איז געגאַנגען מיט ריישען, וואָס איז זיך צעוואַקסן כמעט אַזוי גרויס, ווי דבורה־ברײַנע, כאָטש דינער און קרעפטיקער. דבורה־ברײַנע האָט נאָר געבעטן, אַז גאָט זאָל זיי עמעצן צושיקן אויף זייער שמירה, אויס־צוקילן אַביסל ס'האַרץ.

די אומגעמעלדעטע יידן האָבן פון דער שמירה ניט געוואוסט. מ'האָט פון זיי קיין הילף ניט פאַרלאַנגט — זיך אויף זיי ניט פאַר־לאָזן.

אין איינעם אַ נאָכמיטיק האָט צום זווירנהאָלם צוגעטשאַליעט אַ לאַיווע מיט נייאינקע סנאַסטזשן, יאַקאָרס, ביטשאָווקעס, יאַקאָרסקע מאַשינקעס און אַן אַנדערער יאַקאָרסקער אינסטרומענט. ס'האָט אָנגע־טראָפן אַ פאַרמעגן.

כדי צו שניידן הוצאות, האָט עליע באַשלאָסן איינצושטעלן אייגענע יאַקאָרסקע שיפלעך מיט אינסטרומענטן און ניט דאַרפן אָנקומען צו פאָדריאַדטשיקעס. ער האָט אויסגערעכנט, אַז מיט אייגענע יאַקאָרסקע שיפלעך וועט אים קאָסטן פונקט אַ העלפט, ווי די קאָנטאָר צאָלט אויס די פאָדריאַדטשיקעס. אויסשטאַטן האָט דאָס געדאַרפט קאָפּל־מאיר און אָנפירן מיט דעם — נחמן טשופרינע.

די לאַיווע מיטן נייאינקן יאַקאָרסקן אינסטרומענט איז אַוועק־געשטעלט געוואָרן אין דער אָפּן אויף דער „קליינער דווינע", אַנטקעגן מאָסקווער פאָרשטאָט, פונקט אַנטקעגן די הייזער, וואו ס'האָבן זיך אויפ־געהאַלטן די „נאַבערעזשניקעס".

די לאַיווע איז געשטאַנען און געוואַרט אויף די נייע שיפלעך, וואָס מ'האָט געדאַרפט ברענגען פאַרן אינסטרומענט. אויך דער לאַיווע האָבן זיך ניט געזען קיין שומרים. ס'האָבן זיך אויך ניט געזען קיין שיפלעך, אָדער מענטשן אַרום איר. געווען אויסגעשטעלט, ווי אויף הפקר. זי איז אַזוי געשטאַנען אַ גאַנצע וואָך.

אָבער שוין אויף מאָרגן אינדערפרי, נאָך דער ערשטער נאַכט,

האָט מען געזען זייער אומרואיקע „נאַבערעזשניקעס" אַרומגיין מיטן שטאָט־ברעג פון דער „קליינער דווינע", ווי אַרומגעזוכט עמעצן.

ערשט אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט מען פון פאַרשיידענע ערטער פון דער דווינע, ווייט פון זווירנהאָלם, אַרויסגעשלעפּט דריי דערטרונקענע „נאַבערעזשניקעס". מ'האָט זיי אײַנציקווייז, אין קערבּ, געבראַכט אין מאַרג פון רעטונגס־אַנשטאַלט. ס'האָט אויסגעקוקט, אַז ס'האָט זיי פאַרטראָגן פון ערגעץ מיטן שטראָם. די שוואַרצקייט פון די קערפּערס האָט געוויזן, אַז זיי זײַנען שוין עטלעכע וואָכן געלעגן אין וואַסער. ס'איז שווער געווען צו טרעפן וואו און ווי אַזוי זיי זײַנען דערטרונקען געוואָרן. צווישן זיי איז אויך געווען פּאַוועל קליר־טשעווי.

אויפן האָלעם האָט קיינער פון די, וואָס האָבן געוואוסט, וועגן דעם ניט גערעדט — ווי וועגן אַ ענין, וואָס גייט קיינעם ניט אָן. פון דעמאָלט אָן האָט מען אָבער מער קיין „נאַבערעזשניקעס" אויפן האָלעם ניט געזען, ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט. די שמירה האָט מען נאָך אַ געוויסע צייט אָנגעהאַלטן, נאָכדעם ביסלעכווייז אַראָפּגענומען.

עס האָט זיך דערנענטערט חודש אלול. די אַרבעטן אויפן האָלעם זײַנען אָנגעגאַנגען מיט פולן ברען, אָבער דער זומער האָט זיך גערוקט צום סוף און די דווינעס האָבן זיך גענומען אָפּליידיקן פון די געהילצן. צווישן די פליטן האָבן זיך שוין געשפּיגלט גרויסע שטיקער ליידיקער טייך און זייער אַ סך סוואַיעס האָבן פון וואַסער אַרויסגעשטעקט, ווי אינגאַנצן איבעריקע און קיינעם ניט נויטיקע.

די פריערדיקע מורא אויפן האָלעם איז פון אַלעמען אַוועק, ווי מיטן האַנט אַוועקגענומען. די אָנגעפּאַרענע יידן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן האָלעם אַרבעטן, האָבן געבענטשט עליען פאַר זיין אויסבייטשן זיי. אין די קניפּלעך אונטער די טלית־קטנס האָבן זיך אָנגעקליבן שיינע עטלעכע רובל, און מ'האָט אָנגעהויבן קלערן וועגן פאָרן נאָך יום־טובים אַהיים. מ'האָט שטאַרק געבענקט נאָך די ווייבער מיט די קינדער, און מ'האָט געפּילט די שמחה, וואָס ס'וועט זיין אינדערהיים, אַז זיי וועלן קומען מיט אַזאַ פאַרמעגן, קיין עין הרע. מ'וועט זיך פאַנאַנדערצאָלן מיט די חובות, האָבן מיט וואָס דורכ־צוקומען דעם ווינטער און ס'וועט נאָך עפּעס בלייבן אויך. טאַקע

געוואַלגערט זיך דעם גאַנצן זומער, אויסגעריסן און אויסגעקערט געוואָרן, אָבער ס׳האָט זיך געלוינט.

ביי די פּריקאַזטשיקעס האָט זיך פאַרן זומער אויך פאַרנומען אויף עפּעס נייעס: די ווייבלעך האָבן גענומען ווערן קיילעכדיקער און שווערער. חיים־זלמנס און נחמן טשופּרינעס, קאָפּל־מאירס און ביילקע, פּיניע מאָהילניקס און דבורה־ברײנע און אַפילו ריישע אברהמס האָט זיך שוין אויך פאַרנומען אויף עפּעס „נייעס".

די מאַנסבילן האָבן אונטערגעוואונקען איינער צום אַנדערן, קוקנדיק אויף די ווייבלעך, און די ווייבלעך האָבן געלאַכט. אייניקע האָבן באַשולדיקט דעם „אייזגאַנג" און אַנדערע האָבן לאַכנדיק געמאַכט עס קונציקער: אַז שולדיק איז די „שרפה"...

עס איז געווען דאָנערשטיק פאַר דעם שבת מברכים ר"ח אלול.

ס׳איז געווען אַ זייער קאַלטער און רעגנדיקער טאָג. פון אינדערפרי אָן איז דער הימל געווען אָנגעלאָדן מיט בליי. ס׳איז געווען כמעט פינצטער. דער ווינט האָט געריסן און דער רעגן האָט געשניטן אינדערקרים ביז די סאָמע ביינער.

די אַרבעטן אויפן האָלעם האָבן זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט. מ׳האָט אונטערן רעגן געשטאַפּלט נייע באַלקנס אויפן ברעג. די פערד מיט נאַסע פעלן און צעשאָטענע אויסגעווייקטע גריוועס האָבן געשפּריצט מיט בלאָטע פון אונטער די גראָבע אָנגעפּאַדקעוועטע פיס און געשלעפּט מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ די באַלקנס אויף קייטן פון וואַסער. אַ טייל יאַקאַרשטשיקעס האָבן געקייקלט קאַפּבאַלקן און טעלעגראַפנע סלופּעס פון ברעג, אַנדערע האָבן זיי געבונדן אין פּליעניצעס אונטערן רעגן. טיאַסטשיקעס זיינען געשטאַנען אינגאַנצן דורכגענעצטע און מיט זייערע טיאָס־העק ריטמיש אויסגעטעסעט נייע קאַפּבאַלקן. אויך די לאָדונגען זיינען אָנגעגאַנגען. מ׳איז געווען דורכגעווייקט ביזן לעצטן פאָדים, אָבער פון דער אַרבעט איז קיינער ניט אוועקגעגאַנגען.

צום אָוונט האָט זיך דער רעגן פאַרשטאַרקט. דער ווינט האָט געסוויסטשעט, דער הימל איז געווען אָנגעלאָדן מיט וואָלקנס פון אַלע זייטן און ס׳איז ניט געווען קענטיק ווען דער רעגן וועט אויפהערן. מ׳האָט דעריבער די אַרבעטן אויפן האָלעם פאַרענדיקט פריער, ווי אַלעמאָל.

די טיאַסטשיקעס האָבן ניט געוואָלט בלייבן אויפֿן האָלעם אין אַזאַ פֿליוך און חושך און זיינען אַוועקגעפֿאָרן אין שטאָט צו זייערע ווייבער און קינדער.

די אָנגעפֿאָרענע יידן זיינען אַוועק צו זייערע ביידלעך אויף די פּליטן. אין זייערע ביידלעך איז אַלץ געווען דורכגעווייקט ביזן לעצטן שטרויעלע. אַלץ איז געווען נאַס אויסצודרייען. פֿאַנאַנדערלייגן פֿייערן לעבן די ביידלעך אונטערן צעבעררדיקן גוס, האָט מען ניט געקאָנט — ס'האָט אויסגעלאָשן. און ליגן אין די דורכגענעצטע און דורכרינענ־דיקע ביידלעך איז אויך געווען אוממעגלעך. איז מען אַרויס פֿון די ביידלעך אויפֿן ברעג, איינגעוויקלט אין די דורכגענעצטע מאַנטלען, און זיך געזוכט איינצומאָסטיען צווישן די אויסגעשטעלטע לאַנגע שורות מיט ספּליטהאָלץ.

די קלאָפּטערן ספּליטהאָלץ זיינען געשטאַנען צווישן די שטאַפּלען באַלקנס אין גלייכע לאַנגע שורות — זיבן פֿוס די הויך, זיבן פֿוס ברייט און זיבעציק פֿוס לענג — אָפּגערוקט איינע פֿון דער אַנדערער. צווישן שורה און שורה זיינען געווען שמאָלע דורכגאַנגען, ברייט גענוג פֿאַר צווייען קוים זיך דורכצוקוועטשן. די דורכגאַנגען זיינען אויסגערעכנט דער ווינט זאָל שנעלער קאָנען דורכטריקענען דאָס ספּליטהאָלץ, ס'זאָל זיין גרינגער פֿאָרן לאָדן אין די שיפֿן.

די יידן האָבן זיך פֿאַרקליבן אין איינעם פֿון די דורכגאַנגען, אַרויפֿגעקראָכן אויף קלאָפּטערן און מיט די אויבערשטע שטיקער ספּליטהאָלץ איבערגעדעקט דעם דורכגאַנג, ווי מיט אַ דאַך. אַזוי, אַז ס'האָט אינעם דורכגאַנג מער ניט אַריינגערעגנט. די ערד איז געווען נאַס און בלאָטיק, האָט מען אַריינגעשטעלט שפּאַלן און געמאַכט אַ שטיקל „פּאָדלאָגע". כדי ס'זאָל ניט אַריינבלאָזן, האָט מען ביידע אַריינ־גאַנגען פֿאַרשטעלט מיט שטייענדיקע שפּאַלן. ס'האָט זיך באַקומען אַ לאַנג און זייער שמאָל שטעלכל. ס'איז געווען זייער ענג, דערפֿאַר האָט אָבער דאָ ניט אַריינגערעגנט און אויך ניט אַריינגעבלאָזן. אַנט־קעגן דרויסן איז דאָ געווען אַ שטיקל גן־עדן.

ליגן זיך אויף דער „פּאָדלאָגע" אין די נאַסע קליידער איז געווען קאַלט. האָט מען זיך אויסגעזעצט אין אַ לאַנגער שורה אויף דער „פּאָדלאָגע", אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אין איין שורה ספּליטהאָלץ, ווי אין אַ וואַנט. וואו אויסצוציען די פֿיס איז ניט געווען, האָט מען די פֿיס איינגעבויגן אין די קניען, זיי אַרומגענומען מיט די הענט, זיך

צוגערוקט אײנער צום אַנדערן און זיך געוואַרעמט אײנער מיטן צווײטנס וואַרעמקײט.

אַזוי װי געשלאָפֿן האָט זיך ניט, האָט מען באַלאַקעט. װער ס׳האָט געהאַט טאַבאַק, האָט פֿאַררויכערט, װעמענס טאַבאַק ס׳איז געװען נאַס, האָט אויסגעליען פֿון דעם, װעמענס טאַבאַק ס׳האָט זיך יאָ גערויכערט. װער ס׳האָט עפּעס דערצײלט, די איבעריקע האָבן זיך צוגעהערט. אַנ־דערע האָבן, הערנדיק, אײַנגעדרימלט מיט די הענט אַרום די קניען, די היטלען איבער די אויערן און די מאָרדעס אין די בערד, װי אין קישעלעך.

מרדכי־דוד, מיטן ייִנגל לעבן זיך, איז געזעסן האַרט לעבן דער־צײלער און זיך צוגעהערט. געציטערט אַלײן אײַנצושלאָפֿן און אַלע װײלע געװעקט זײַן דרימלדיקן ייִנגל — ער זאָל ניט אײַנשלאָפֿן און זיך, חלילה, פֿאַרקילן.

די צײַט האָט קײנער ניט געװאוסט. דער רעגן האָט נאָך אַלץ אין דרויסן געפּליוכעט. אין דעם שמאָלן שטעלכל איז געװען שטאַרק פֿינצטער און אָנגערויכערט. בלויז די רויכערנדיקע פּאַפּיראָסן פֿלעגן אַלע װײלע אויפֿגליען אין דעם חושך און זיך װידער פֿאַרלעשן, און יעדער אויפֿלויכט פֿון אַ שװעבעלע בײַם פֿאַררויכערן האָט באַלויכטן דאָס לאַנגע שטעלכל פֿון עק צו עק און די זיצנדיקע פּנימער, מיט די הענט אַרום די קניען.

אַזוי האָט זיך געשלעפּט שעה נאָך שעה. דער װינט האָט גע־סויסטשעט, דער רעגן האָט געשטשאָבעט און צו דער נאַכט האָט קײן סוף ניט גענומען.

מיטאַמאָל האָבן זיך דערהערט טריט און שטימען אין דרויסן אַרום די קלאַפּטערס ספּליטהאָלץ. די ייִדן האָבן אויף גיך אויסגעלאָשן די פּאַפּיראָסן, מיט די עלנבויגנס אויפֿגעטורכעט די דרימלענדיקע און פֿאַרהאַלטן די אָטעמס. װער קאָן דאָס זײַן אײַנמיטן אַזאַ נאַכט דאָ? צי דען האָט אָן אויפֿגעריבן שװעבעלע אַרויסגעלויכטן אײנעם חושך און אַרויסגעגעבן װאו זײ זײַנען? די הערצער האָבן געקלאַפּט און די אויגן זײַנען אויפֿגעריסענע געהאַנגען אין דער פֿינצטער אויף די אַרויס־גאַנגען. דער ערשטער חשד איז געװען — די „נאַבערעזשניקעס״.

פּלוצלינג האָבן אין אײן אַרויסגאַנג אַ פֿאַל געטאָן די שפּאַלן און ס׳האָט אַ לײַכט געטאָן אַ לאַמטערנע. אײנעם שטראַל האָבן אַ בלישטש געטאָן גאַראַדאָװאָיִסקע מעשענע קנעפּ, אויסגעגעצטע מאָרדעס און קאָקאַרדע־היטלען. און גלײַך האָט אַ דונער געטאָן:

— וויכאַדי, זשידאָווסקיע מאָרדי! [אַרויס, יידישע מאָרדעס!].

אַ ווײַלע זײַנען אַלע געבליבן פאַרגליווערט. נאָכדעם האָבן זיי זיך אַ הויב געטאָן און, ניט טויט, ניט לעבעדיק, זיך געלאָזט לויפן צום אַנדערן אַרויסגאַנג, כדי וואָס שנעלער אַרויסצורײַסן זיך פונעם שטראַל און ראַטעווען זיך אינעם חושך. זיך אַרויסגעכאַפּט, האָבן זיי זיך געלאָזט לויפן צעטומלטע אין אַלע זײַטן.

ס'האָבן זיך באַלד אינעם חושך דערהערט גזלנישע געשרייען:

— סטאָי! סטאָי! סטאָי! [שטיי!].

— סטרעליאַט בודיעם! [מיר וועלן שיסן!].

— סטאָי, זשידאָוויאַ!

— סטאָי, זשידאָווסקיע מאָרדי! [שטיי, יידישע מאָרדעס!].

די יידן האָבן אָבער אין צעטומלעניש קיין זאַך ניט געהערט, קיין זאַך ניט באַנומען און קיין זאַך ניט פאַרשטאַנען. מ'איז געלאָפן צעמישטע וואוהין די אויגן האָבן געטראָגן.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסערײַ פון אַלע זײַטן.

מ'האָט אין דער פינצטער געזען אַרום די ספּליטהאָלץ־קלאָפּטערן און צווישן די שטאַפּלען אויפבליץ־פײַערלעך פון רעוואָלווערן, געהערט אַ לויפן און אַ פאַלן; ווײַטערדיקע אויסגעשרייען, פון די, וועמען ס'האָט געטראָפן אַ קויל; שאַרפע איבערגעריסענע גוואַלדן פון געשלאָגענע; אומאויפהערלעכע געשרייען „סטאָי!" „סטאָי!", און ווידער שיסערייען. ס'האָט זיך ווידער געהערט אַ שלאָגן פון מענטשן, איבערגעריסענע פאַרצווייפלטע אויסגעשרייען, אַ פליוסקעדיק פאַלן פון מענטשן אין בלאָטע, געלאָפן, געשרייען, שיסערייען, גוואַלדן. ס'האָט אָנגעהאַלטן אַ ווײַלע אַזוי, נאָכדעם איז שטיל געוואָרן. די נאַכט האָט אַלץ צוגעדעקט.

אין דער זעלבער צײַט איז די אָבלאַווע אָנגעגאַנגען אויך אין אַנדערע טײלן פון האָלעם. דער גאַנצער האָלעם איז געווען פול מיט פּאָליציע. אַלע מייקעס זײַנען געווען אַרומגערינגלט. מ'האָט אָנגעקלאַפּט, און ווי נאָר געעפנט, אַרײַנגעריסן זיך, ניט געגעבן קיין צײַט זיך אָנצוטאָן און קיינעם ניט אַרויסגעלאָזן. דער אָביסק איז אײַנצײַטיק אָנגעגאַנגען אין אַלע מייקעס. מ'האָט געזוכט ניט־געמעלדעטע יידן. מ'האָט געזוכט אויף די בוידעמער, אין די קעלערן, אונטער די בעטן, הינטער די זאַסלינקעס פון די אויוונס און אַפילו

ביי די ווייבלעך אונטער די קאָלדרעס — צי האָבן זיי עמעצן לעבן זיך ניט באַהאַלטן.

די פּריקאַזטשיקעס זיינען געשטאַנען אין די גאַטקעס, די ווייבער בלאַסע און איבערגעשראָקענע אונטער די קאָלדרעס. די מענער זיינען געשטאַנען באַליידיקטע, אויפגערעגטע, אָבער אינגאַנצן הילפלאָזע. ס'איז ניט געווען קיין אײן זאַך, וואָס זיי האָבן געקאָנט טאָן. די שיסערייען אין דרויסן האָבן אויפגעטרייסלט די הערצער, אָבער מער ווי פאַרקנוילן די פויסטן און פאַרבייסן די ליפּן פאַר ווייטיק האָט מען ניט געקאָנט.

מיטן באַגינען האָט אויפגעהערט דער רעגן. צו דער זעלבער צייט האָט זיך אויך פאַרענדיקט די אַבלאַווע. אַזוי שנעל ווי מ'האָט געקאָנט אַרויס פון די מייקעס, זיינען די פּריקאַזטשיקעס אַרויסגעלאָפן אין דרויסן, אויסצוגעפינען וואָס עס איז פאָרגעקומען. ס'איז נאָך געווען גוט טונקל, אָבער מ'האָט שוין אין גרויען פאַרטאָג־ליכט זיך געקאָנט פאַנאַנדערקלייבן אין זאַכן ניט צו־ווייט אַוועק.

ביים ברעג פון דער „קליינער דווינע" זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין איין לאַנגער שורה, מיט די רוקנס צום וואַסער, די אַנגעפאַרענע יידן. אויסגענעצטע, צעשלאָגענע, מיט אָנגעשוואָלענע פּנימער און מערסטע פון זיי שטאַרק צעבלוטיקטע. אַנטקעגן זיי זיינען אויף דער ערד געלעגן אויסגעצויגן פיר טויטע יידן, צווישן זיי — מרדכי־דוד מיט זיין יינגל.

מיט אויסגעלאָשענע אויגן זיינען די יידן געשטאַנען פאַרגליווערטע אַנטקעגן די מתים.

אַרום און אַרום זיינען געשטאַנען גאָראָדאָוואָיעס און אָקאָלאָדאָטשניקעס פון אַ סך ריגער אוטשאַסטקעס, און אין שפּיץ פון זיי איז געשטאַנען דער פּריסטאַוו פון מאָסקווער פאָרשטאָט, גריגאָרי יעפימאָוויטש ספּירידאָנאָוו. צוגעלאָזן צו די אַרעסטירטע האָט מען קיינעם ניט. געהאַלטן אַלע האָלעמישע פון דערווייטן.

עליע האָט געזוכט דורכצורייסן זיך צום פּריסטאַוו. ער איז געווען אינגאַנצן צעטרייסלט פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען. אין אים האָבן געקאָכט די בלוטן, אָבער אויסלעשן ס'האַרץ האָט מען ניט געקאָנט. געוואָלט האָט ער זען דעם פּריסטאַוו, צו דערגיין עפּעס וועגן דעם ווייטערדיקן גורל פון די אַרעסטירטע, צו זען מיט וואָס ער קאָן זיי

העלפן. מ׳האָט אים אָבער צום פּריסטאַוו ניט צוגעלאָזט. אויף זיין באַשטיין צו זען דעם פּריסטאַוו, האָט דער פּריסטאַוו געענטפערט דורך אַן אַקאַלאַדאַטשניק, אַז וועגן אַלע ענינים איז צייט, אַז ער זאָל וויסן וואו אים צו געפינען.

אַריינגעלייגט די מתים אין איין שיפל, די אַרעסטירטע יידן אַריינגעזעצט אין אַנדערע שיפלעך און, מיט דער פּאָליציע אויף אַ קייט שיפלעך אַרום, זיינען זיי אַלע אָפּגעפאָרן פון האָלעם.

אַז די פּאָליציע איז אָפּגעפאָרן, האָט זיך עליע אַ כאַפּ געטאָן, אַז ער האָט ניט געזען ניט ישראלן און ניט דבורה־בריינען. און וואו זיינען די קינדער? דער ערשטער געדאַנק איז געווען, אַז זיי ליגן ערגעץ צעשאָסענע צווישן די שטאָפּלען. ער איז מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אַוועק צו ישראל יאַקאָרשטשיקס מייקע. אַז ער איז צוגעקומען צו איר, האָט ער געפונען טיר און פענצטער — קרייץ־אויף־קרייץ — פאַרשלאָגן מיט די זעלבע ברעטער, ווי דעם מאָנטיק נאָך דער שרפה, ווען ער איז מיטן פּריסטאַוו צוגעקומען צו אים.

ביי דער גאַנצער ביטערקייט, האָט עליע פרייער אָפּגעאָטעמט.

ס׳האָט עליען געקאָסט אַ סך געזונט און געלט, אי אייגענע, אי קאָנטאָרסקע, אָבער ער האָט אויסגעפועלט, אַז מ׳זאָל די יידן לאָזן פאָרן אַהיים אויף זייערע אייגענע הוצאות, און מ׳זאָל אים אַרויסגעבן די מתים, צו ברענגען זיי צו קבר ישראל.

עליע האָט אַרויסבאַגלייט די לעבעדיקע און אינאיינעם מיטן גאַנצן האָלעם מקבר געווען די מתים. ער האָט אָנגעשריבן בריוו צו די אלמנות און אָפּגעשיקט זיי דאָס געלט, וואָס זייערע מענער האָבן פאַרדינט פאַרן זומער, און צוגעלייגט אביסל אייגנס. זייער ווייטיקדיק איז אים געווען צו שרייבן צו דער אומגליקלעכער אלמנה מיט די יתומים וועגן מרדכי־דודן מיטן ייִנגל. ער האָט זיך געפילט שולדיק קעגן זיי אַלעמען. געדאַרפט זיי לאָזן פאָרן אַהיים נאָך דער שרפה...

גרויס טרויער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן זווירנהאָלם. עס זיינען געווען פרעמדע און ווייטע יידן, אָבער דער ווייטיק פונעם אומגליק איז געווען, ווי פון אייגענע און זייער באַקענטע מענטשן. און אַ שנאה איז אַראָפּ אין די הערצער, וואָס עס איז שווער געווען צו זאָגן ווען און ווי אַזוי זיי וועלן זיך ווען־עס־איז אויסקילן.

עליע האָט אָפּגעשטעלט בויען די נייע שול. ווייטער בויען האָט מער ניט געהאַט קיין זין.

אין די אלולדיקע טעג איז עליע, אין יעדער פֿרײַער מינוט פֿון געהילץ־פּלאַץ ענינים, וואָס זײַנען אים איצט געפֿאַלן זייער שווער, אַרומגעגאַנגען איבערן האַלעם זייער שטאַרק פֿאַרטראַכט. די נאַכט פֿון דער אָבלאַווע איז אים פֿון קאָפּ ניט אַרויס. ער האָט צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן איבערגעלעבט אַזוינס... ס׳האָט אים טיף אויפֿגעטרייסלט און אַלץ אין אים איבערגעקערט.

דאָס מוראדיקע טראַסקען אין טיר אינמיטן דער נאַכט, מיט דעם גזלנישן „אָטקראָי!״, דאָס אכזריותדיקע אַרײַנרײַסן זיך אין מייקע, נאָך איידער ער האָט רעכט באַוויזן צו עפֿענען די טיר, די איבערגעשראָקענע קינדער, דאָס אַראָפּרײַסן די קאָלדרע פֿון זײַן טראָגעדיקער ביילקען — צי זי האָט עמעצן ניט באַהאַלטן לעבן זיך אונטערן קאָלדרע, — די טיף באַליידיקנדיקע ווערטלעך דערבײַ, זײַן שטיין דערבײַ אַ הילפֿלאָזער אין הוילע גאַטקעס, די שיסערײַען אין דרויסן און די צעבלוטיקטע יידן אין אַ לאַנגער שורה אַנטקעגן די מתים — אומשולדיקע קרבנות — האָט אים אַזוי צעריעט די נשמה, אַז ס׳האָט זיך ניט געלאָזט אַרויסשלאָגן ניט פֿון קאָפּ און ניט פֿון האַרצן.

ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזוי קלאָר, ווי הפֿקר ס׳זײַנען זייערע לעבנס. בײַ אים האָבן זיך איצט געקייטלט זאַכן, וואָס ער האָט פֿרײַער אויך געזען, אָבער זיי ניט פֿאַרשטאַנען. ווײַל יעדע זאַך איז בײַ אים געווען באַזונדער און ניט צונויפֿגעבונדן צווישן זיך, און דערפֿאַר אפֿשר געפֿילט אַזוי פֿיל זיכערקייט אין זיך.

ער האָט דערזען דאָס צעריסענע לעבן אינדערהיים, בשעת ער איז געווען אַ קינד. ער האָט איצט געגלויבט אין וואָס מ׳האָט גערעדט אין טשאַשניק אויף זײַן טאַטן ע״ה. ער האָט דעם טאַטן ניט באַשולדיקט. ס׳איז די גרינגסטע זאַך צו באַשולדיקן. ער ווייסט, ווי שווער ס׳איז אים אַליין געווען אָפּצוהאַלטן זיך פֿון דעם... אָבער וואָס פֿאַר אַ גליקלעך לעבן האָט שוין געקאָנט זײַן צווישן טאַטע־מאַמען, אַז די מאַמע האָט געוואוסט פֿון דעם און זייער ווייטיקדיק עס אויפֿגענומען? ער איז געווען זיכער, אַז זייער לעבן וואָלט געווען אינגאַנצן אַנדערש, ווען דער טאַטע וואָלט געקאָנט האָבן די מאַמען מיט די קינדער אַרום זיך, ווען ער וואָלט געהאַט רעכט זיך אַ קער צו טאָן, ניט זײַן צוגעשמידט צו טשאַשניק.

נאָך מער: ער איז זיכער, אַז דער טאַטע וואָלט נאָך היינט געלעבט, ווען די מאַמע וואָלט געווען לעבן אים אין ריגע, ווען ער איז קראַנק געוואָרן. ער וואָלט זיך אַרויסגעקראַבקעט: ער איז געווען

אַ זייער שטאַרקער מאַנסביל און די חולאת איז אויך ניט געווען פון־די צו־שווערע. אָבער אין אַ בײדל אויף אַ פּליט איינער אַליין, אָן אַ דאָקטאָר, אָן רפואות און אָן עמעצן אים עפּעס צו דערלאַנגען, האָט אים דער טויט בייגעקומען.

און זיין אייגן לעבן? ער וואָלט זיך דאָך אויך גאַנץ אַנדערש פאַרנומען! ער וואָלט אויף זיך ניט געהאַט דעם יאָך פון דער מאַמען מיט די קינדער. ער וואָלט נאָך היפּשע עטלעכע יאָר געלערנט און געוואוסט אַ סך מער, ווי ער ווייסט היינט. ער האָט אַלעמאָל זייער שווער געפילט דעם דוחק אין וויסן. אַלץ, וואָס ער ווייסט, האָט ער מיט די אייגענע כחות מיט געוואַלט אַרויסגעריסן אָן עמעצנס הילף. יעדעס ברעקעלע וויסן איז אָנגעקומען אַזוי שווער! און ווער ווייסט ער קאָנען אָנפירן מיטן פּעטערס געשעפטן, אַז זיי וועלן זיך נאָך מער צעוואַקסן? וואו קאָן מען אַוועקשטעלן אַ פּינטל צום וואַקסן, אַז דער באַרג אַרויף טאָר זיך קיינמאָל ניט אָפּשטעלן, ווי דער פּעטער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט?

עס קאָן אויך זיין, אַז ווען ער וואָלט זיך ווייטער געלערנט, וואָלט זיך זיין גאַנץ לעבן פאַרנומען אויף אַ גאַנץ אַנדערן וועג. ער האָט פון זיין פריער יוגנט האָלט געהאַט צו מייסטרעווען, צו בויען. ער דערמאָנט זיך די „בריק", וואָס ער האָט אויפגעבויט איבערן גרוב מיט וואַסער ביים פּערעוואָז. ער האָט איצט באַוואונדערט, ווי ריכטיק ער האָט זי אויפגעבויט. ער האָט געזען אַ היפּש ביסל אַזוינע בריקן. און די „שול" מיט די הויכע טרעפּ, קופּאָלן, מגן דודס און נר תמידס? ווער ווייסט וואָס פון אים וואָלט געקאָנט ווערן, ווען ער וואָלט זיך ווייטער געלערנט? און ביילקעס אויסנייען?

און נאָך דער חתונה? פּאַר אים זיינען אויפגעשטאַנען די פאַר־גראָבענע העק מיט די קלינגען אויף אָראָפּ אין די יונגע קברים־בערגלעך פון זייערע ערשטע צוויי קינדער. ער איז געווען זיכער, אַז וואָלטן זיי דאָ, אָנשטאָט ווינטערן אין די וועלדער, געקאָנט זיין אין איינער פון די דערבייאיקע דערפער, וואָלט אי דאָס לעבן ניט געווען צעריסן — ער וואָלט אַלע אָוונט געקאָנט קומען פון וואַלד אַהיים — אי די קינדער וואָלטן געלעבט. אַ פעלדשער וואָלט מען געקאָנט קריגן אין די דערפער גופא, און אַ דאָקטאָר וואָלט מען אויך געקאָנט גרינגער קריגן, אַפילו אין אַ זאַווערוכע.

ער האָט איצט אויך בעסער פאַרשטאַנען די גרויסע אָרימקייט אין טשאַשניק. וואָלט מען ניט געווען אָנגעשלאָגן ווי הערינג אין

אַ פּעסל, וואָלטן אין דעם אַרום ניט געווען פֿאַרשלאָגן טיר און טויער, וואָלטן ניט געווען אַזוי פֿיל הונגעריקע. וואו קאָן טשאַשניק געבן ברויט אַזוי פֿיל מיילער? און די זעלבע זאַך איז דאָך אויך אין אולע און טשאַרעי! און אויף וויפֿל ער האָט געהערט, איז דאָך אין אַנדערע יידישע שטעטלעך אויך אַזוי...

ער האָט געפֿילט, אַז אַ טיפֿע, בלוטיקע שנאה האָט זיך אָנגעזעצט אויפֿן יידישן לעבן. אָבער פֿון וואַנעט קומט זי, די דאָזיקע שנאה? ווי אַזוי און פֿון וואָס איז זי אויסגעוואָקסן? אין וועמענס הערצער איז זי אַזוי שלאַנגיש פֿאַרנאַרעט? ווער נערט און כאָוועט זי?

אים איז געקומען אויפֿן זכרון דער „פֿאַרבלוטיקטער מאַן" — ווי ער האָט אים דאָן אָנגערופֿן — אויפֿן גרויסן צלם אין טשאַשניקער קלויסטער. פֿון דעמאָלט אָן האָט ער אים געזען אויף צלמים אין זייער אַ סך קלויסטערס און אויף קרייץ־וועגן און אין אַלע דאָרפֿישע כאַטעס. עס איז אים געווען קלאָר, אַז דער „צוגעשלאָגענער אויפֿן צלם", מיטן שטענדיקן פֿינגער אויף די יידן, קאָן אָנהאָדעווען זייער אַ סך שנאה אָפּילו אין זייער ערלעכע הערצער. אַז דאָס איז איינער פֿון די מקורים, אין דעם איז ער געווען זיכער. אָבער ווער שטייט הינטער אָט דעם העצערישן פֿינגער? און פֿאַרוואָס ברענט דאָרטן אַזוי שטאַרק די שנאה — דאָס האָט ער ניט געזען.

ער האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען נאָך אַ מקור פֿון שנאה: אין די קאָנטאָרן, פֿון וועלכע דער פֿעטער האָט אַרויסגעריסן די קאָנטראַקטן מיט די ענגלישע פֿירמעס. די שנאה איז דאָרטן אַזוי געדיכט, אַזוי בלוטיק, אַז ווען זיי וואָלטן געקאָנט, וואָלטן זיי ניט נאָר אָוועקגענומען פֿון פֿעטער אַלץ, וואָס ער פֿאַרמאָגט, נאָר וואָלטן אים אומגעבראַכט אינאיינעם מיט אַלע יידן, כאָטש ער האָט ניט געזען מיט וואָס זיינען שולדיק אַלע יידן אין דעם. אמת, די שנאה זיצט דאָ הינטער געפֿרעסטע העמדער מיט שטייפֿע, הויכע קראַגנס, גייט אַרום אין צילינדער־היט מיט ווייסע האַנדשו און רעדט זייער שיין און מאַנירלעך. דאָ, האָט זיך אים געדוכט, זעט ער ניט נאָר די עצם שנאה, נאָר אויך איינע פֿון אירע סיבות. אָבער ווי אַזוי די דאָזיקע שנאה גייט איבער צו העכער — ביז גאָר הויך — פֿון וואַנענט דער חלף לאָזט זיך אַראָפּ אויף יידישע העלדזער — דאָס האָט ער ווידעראַמאָל ניט געזען און ניט געקאָנט דערגראָבן זיך צו דעם.

ניט באַמערקנדיק ווי אַזוי, האָבן זיך ביי אים איבערגעוואָרפֿן אומזעבאַרע בריקן צווישן די עטלעכע מקורות מיט די „נאַבערעזשניקעס".

מיט דעם אונטערשייד, וואָס מיט די „נאַבערעזשניקעס", ווי געפּערלעך זיי זאָלן ניט זיין, קאָן מען געפינען אין זיך גענוג כחות צו צעשלאָגן זיי, — בעת מ'איז אינגאַנצן הילפלאָז קעגן די גרויסע כחות, וואָס ליגן הינטער דער אַנדערער זייט פון די בריקן. דאָ לאָזן זיך אַראָפּ די הענט ביי די שטאַרקסטע, און מער ווי הילפלאָזע ברענענדיקע שנאה, פאַרבלייבט ניט אין די הערצער.

מיט וואָס פאַר אַ חשבון האָט ער זיך פאַרנומען בויען אַ שול אויף פינף־און־צוואַנציק מנינים יידן? וואָס פאַר אַ אינדזל־שטאָט קאָן אויסגעוואַקסן? פון וואַנען וועלן זיי זיך בעמען נאָך אָט די צעבלוטיקטע אַנטקעגן די מתים? אַ וויסטער חשבון פון אַ מח, וואָס לעבט אין אומגעלומפּערטע חלומות! קינדערשע בריקן איבער דער אוליאַנקע! אַ שול, טויזנט מאָל העכער פון אַלע קלויסטערס, קופּאָלן פאַרשפּיצט מיט מגן דודס און נר־תמידס אין די הימלען!...

די ביטערע שנאה צום פּריסטאַוו איז אין אים איבערגעגאַנגען אין אַ ברייטער און זייער טיפער שנאה צו די אַלע, וואָס האָבן פאַר־וואָרפן אַזעלכע שווערע קייטן אויפן יידישן לעבן און מיט אַזוי פיל חלפים אַרומגעצוימט אַלע אַרויסגאַנגען. וואָלט זיך פון ערגעץ אויפ־געהויבן אַ כח צו פאַרניכטן זיי אַלעמען, וואָלט ער זיך אים איבער־געגעבן מיט לייב און לעבן...

מיט די דאָזיקע שווערע געדאַנקען האָט ער ניט געפילט, ווי צו גיין צו די ערשטע סליחות. ס'האָבן זיך אויפגעהויבן זייער אַ סך פראַגן, וואָס האָבן זיך ניט געלאָזט פאַרענטפערן מיט קלאַפּן „אשמנו". ס'איז געווען זייער שווער צו נעמען אויף זיך דאָס אַלץ, ווי אַ שטראָף פאַר די אייגענע זינד.

אָבער וואָס מער ער האָט זיך אַראָפּגעגרונטעוועט, אַלץ מער האָבן זיך גענומען אויסשיילן אויך ליכטיקערע ווינקעלעך.

אָט האָט ער כמעט אַלע זיינע יאָרן — פון ערשטן טאָג אין וואַלד — געלעבט צווישן גויים: העקערס, וואָזשיקעס, ספּלאַווטשיקעס, גאָנ־שטשיקעס; נאָכדעם: יאַקאָרשטשיקעס, טיאַסטשיקעס, פּילשטשיקעס, גרוזשטשיקעס און אַנדערע מינים אַרבעטער — אין די וועלדער, אין די דערפער, אין ריגע. ביי קיינעם פון זיי האָט ער ניט געזען קיין שנאה ניט צו זיך און ניט צו די אַנדערע יידן. מ'האָט געאַרבעט צו־זאַמען, געלעבט צוזאַמען, אָן וועלכער ניט איז שנאה צווישן זיך. ס'האָט, אין גרונט גענומען, ניט אינטערעסירט, צי זיי זיינען יידן, צי ניט־יידן; צי זיי האָבן רעכט צו וואוינען אין דעם, אָדער יענעם אָרט.

זיי האָבן אַפילו ניט געוואוסט, ווי אַזוי מענטשן קאָנען עס ניט האָבן קיין רעכט צו וואוינען וואו זיי ווילן. ס׳איז דאָך גאָטס וועלט, דאָס שטיקל ברויט איז דאָך דער עיקר...

אַז ער איז געווען מיט ביילקען אין די וועלדער, איז גאָר קיינעם ניט איינגעפאַלן צו פרעגן, צי מעגן זיי דאָרטן זיין, צי ניט. און יידן האָבן דאָך אין זיי ניט געטאָרט זיין, פונקט ווי אין די דערפער אַרום זיי.

און די גויים אויפן האָלעם — האָבן זיי ווען עס איז געפרעגט צי עמעצער פון די יידן האָבן דאָ רעכט צו זיין? ווי דאָס: איינעם געראָנגל מיט די „נאַבערעזשניקעס" זיינען זייערע הערצער דאָך געווען מער אויף דער זייט פון די יידן. אַז ניט וואָלט דאָך אוממעגלעך געווען צו צעשלאָגן די „נאַבערעזשניקעס". און ווי דערדריקט זיי זיינען געווען פון דער אָבלאַווע און פונעם דערשיסן די אומשולדיקע יידן! ערשט פון דעם האָבן זיי זיך דערוואוסט, אַז יידן טאָרן ניט זיין אין ריגע.

דאָס מיינט דאָך טיפע מענטשלעכקייט. אַ טיף־פאַרוואָרצלטער געפיל פון ערלעכקייט און יושרדיקייט. אַזוי טיף, אַז אַפילו דער שטענדיק אָנרייצנדיקער פינגער פון צלם האָט ניט באַוויזן אויס־צומעקן...

עליע האָט צום ערשטן מאָל אין זיינע שווערע געדאַנקען דערזען דאָס דאָזיקע גרויסע ליכט, דעם דאָזיקן גרויסן נס! דאָס זיינען געווען אָרימע מענטשן, טיף געקריוודעטע מענטשן, זייער אָפט הונגעריקע מענטשן, אָבער וואָס האָבן קיינמאָל ניט אָנגעוואָרן אין זיך דעם מענטש־לעכן עיקר. אים האָט זיך געדוכט, אַז די דאָזיקע מענטשן זיינען פאַר־קאָוועט אין די זעלביקע קייטן, נאָר אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופן. און אַז אויך זיי טראָגן אַ טיפע שנאה אין זייערע הערצער פאַר זייער שווערן און אָרימען לעבן.

ער האָט דעריבער דערפילט, אַז דאָס יידישע לעבן, ניט געקוקט אויף אַלע אומגליקן, העגנט ניט איינדערלופטן; אַז דער גרונט איז אַ סך פעסטער, ווי עס דוכט זיך פון אויבן אויף; אַ מ׳איז ניט אַליין. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס יידישע לעבן איז ווי אַן אינדזל, וואָס איז קליין און אָרום מיט וואַסער, אָבער טיף אונטן איז ער שטאַרק פאַרוואָרצלט אין דער ברייטער און שטאַרקער מאַמע־ערד, און איז אַ טייל פון איר.

ער האָט אין די אַלע מענטשן, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן,

דערזען אַ גיבורדיקע האַנט, וואָס ווייסט נאָך ניט וואָס צו טאָן. אָבער אַז די שנאה וועט ווען ס'איז פון איר צונויפקנוילן אַ נקמהדיקע פויסט, וועט ער זיך אַראָפּלאָזן אויף די שונאים מיט אַזאַ צעשמעטערנדיקן כח, אַז ס'וועט אַראָפּשלאָגן די קייטן פון אַלעמען. אָבער אויך זי, ווי ער, ווייסן ניט אַקוראַט וואו ס'ליגט דער אמתער שונא...

דאָס דאָזיקע גרויסע ליכט האָט אין עליען די טיפע, ביטערע שנאה ניט אויסגעלאָשן, אָבער די הילפלאָזיקייט אין אים האָט זי, ווי מיטן האַנט אַוועקגענומען. עס איז צו אים געקומען צוריק די אַלטע זיכערקייט אין זיך און די אַנטשלאָסנקייט צו טאָן זאַכן, ניט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן.

און אומקערנדיק זיך אין די געדאַנקען צוריק צו די צעבלוטיקטע יידן אַנטקעגן די מתים, האָט ער אָנגעהויבן צו זען, אַז ניט געקוקט אויף דעם גרויסן אומגליק, וועלן — אויב ניט אַלע — דאָך פילע פון זיי געוויס ווידער קומען אַהער. און אַנדערע — אַוודאי און אַוודאי! מ'וועט קומען!

מיט די דאָזיקע נייע געדאַנקען, האָט עליע צוריק אַוועקגעשטעלט די סטאָליאַרעס בויען די שול, און מיט גלויבן אויפגעשטאַנען צו די ערשטע סליחות. ס'איז געוועז אויף וואָס צו האָפן.

דער רבי ירוחם־בער

ירוחם־בער, דער רבי אויפן זווירנהאָלם, איז געווען אַרום די זיבעציק. אַ הויכער, אַ דאַרער, אַ הינקענדיקער אויפן רעכטן פוס, אָבער נאָך אַ גאַנץ שטאַרקער ייד. ער האָט געהאַט אַ ווייס, קורץ און שיטער בערדל, ווייסע און געדיכטע אַראָפּהענגענדיקע ברעמען מיט שאַרפע פינטעלעך אין די אויגן. אַז ער האָט אויף עמעצן געקוקט, האָט זיך געדוכט, אַז ער זעט יענעם דורך־און־דורך.

געוואוינט האָט דער רבי אין זיין אייגענער מייקע, אַ היפּש־ביסל אַלט און שוין אַביסל אויף אַ זייט. ביי אים אין מייקע איז אויך געווען דער חדר פון זווירנהאָלם.

געלעבט האָט דער רבי פון שכר־לימוד. אַלע קינדער פון האָלעם האָבן געלערנט ביי אים. דער שכר־לימוד איז אָבער געווען קליין. ס׳איז געווען שווער דורכצוקומען.

לאה איז ביים רבין געווען דאָס צווייטע ווייב. זי איז געווען נידע־ריקער און אַ סך ייִנגער פון אים. אירע האָר זיינען אָבער געווען אינגאַנצן ווייס. די סימנים פון איר אַמאָליקער שיינקייט האָבן איר צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן. ניט געקוקט אויף איר איבערגעהאָרעוועט־קייט, האָט זי געהאַט אַ שאַרפע בויגונג צו זויבערקייט און פוצונג. אַלע מאָל געטראָגן הויכע שיך מיט שוואַרצע קנעפּלעך צו פאַרשפּיליען די כאַליעווקעלעך, און די האָר זיינען אַלעמאָל געווען ביי איר פאַר־קעמט פון אַלע זייטן אויף אַרויף, צו מאַכן זי העכער, צו זיין מיט ירוחם־בערן אין איין הויך. און ס׳האָט זי טאַקע געמאַכט העכער.

אַז שאַמיראָס פליטן פלעגן פון די וועלדער אַנהויבן פלייצן צום זווירנהאָלם, און דער האָלעם פלעגט פול ווערן מיטן געזשום פון זעגן

און געקלאַנג פון העק, פלעגט לאה באַקן ברויט און פאַרקויפן צו די אַנגעפאַרענע יאַקאַרטשטיקעס, טיאַסטשיקעס און אומגעמעלדעטע יידן אַרום האַלעם אויפן טייך. מיט פאַרקויפן ברויט פלעגט זי דערשטו־קעווען, וואו ס׳האַט ניט דערטראַגן דער שכר־לימוד. ווינטער פלעגט זי טראַגן פאַרקויפן טינט אויף מאַסקווער פאַרשטאַט, ווייל רעכט צו וואוינען אין ריגע האָט דער רבי געהאַט ווי אַ טינטנמאַכער, און מ׳האַט געדאַרפט ווייזן, אַז, אַ דאַנק גאָט, מ׳דאַרף צו אַנדערע פרנסות ניט אַנקומען...

לאה האָט געהאַט צוויי זין פון איר ערשטן מאַן. זיי זיינען שוין געווען טאַטעס פון קינדער. זיי זיינען געווען אין אַמעריקע, געשריבן בריוו, אָבער מיט קיין זאַך העלפן ניט געקאַנט — אַליין קוים דורכ־געשלאָגן זיך.

דער רבי ירוחם־בער האָט מיט לאהן געהאַט איין זון — חיימקע האָט מען אים גערופן. ער איז געווען הויך, מיט אַ פלאַקסענער טשופריבע און אויגן שאַרפע און ערנסטע. ער האָט געהאַט אַ טייערן קאָפּ, גוט געלערנט, אָבער געהאַט זיין אייגענע אויסטייטשונג פון דעם, וואָס ער האָט פון טאַטן געהערט און געלערנט, און געמאַכט זיינע אייגענע אויספירונגען. געהאַט אַ שטעלע אויף אַ גרויסן געהילץ־פלאַץ, אָבער זיך אַריינגעלאָזן מיט לאַטישן אין „טריפענע זאַכן" קעגן קייסער.

פאַראַיאָרן, דעם זומער פאַרן דאַרפן זיך שטעלן צום פריזיוו, האָבן אים זשאַנדאַרמען אַנגעהויבן אַרומזוכן. אין ריגע בלייבן האָט ער מער ניט געקאַנט, האָט ער חתונה געהאַט מיט פערלעטשקען, ישראל יאַקאַרשטשיקס טאָכטער — אינאיינעם געוואַקסן אויפן האַלעם, פון קליינוויס געווען צוגעבאַקן איינער צום אַנדערן, און אויך אַריינגעטאָן מיט אים אין „זיינע טריפענע זאַכן" — און פון אונטער דער חופה גלייך אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

דעם רבין ירוחם־בער האָבן אַלע אויפן האַלעם ליב געהאַט און געהאַט פאַר אים גרויס דרך־אֶרץ. צו אים איז מען געקומען מיט שאלות, ווען אַן עוף פלעגט אויסזען ביים עפענען עפּעס ניט אַזוי, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין; וועגן טעפּלעך, וועגן פליישיקס און מילכיקס און אַפילו וועגן שאלות־נשים. ער איז קיין רב אויפן האַלעם ניט געווען, אָבער ער פלעגט זאָגן וואָס מ׳מעג און וואָס מ׳טאָר ניט. ווי ער פלעגט זאָגן, אַזוי פלעגט מען טאָן.

אַלע האָבן געוואוסט, אַז דער רבי וועט רעדן וועגן אַלץ אין דער

װעלט, אָבער װעגן אײן זאַך װעט ער ניט רעדן: װי אַזױ ער קומט אױפֿן האַלעם, און װי אַזױ קומט ער צו װערן אַ מלמד.

אברהם לאַפּאַטע האָט געװאוסט, אַז דער רבי איז אַמאָל געװען אַ טײַך־מענטש, אַ יאַקאַרשטשיק. ער האָט אױך געװאוסט װען דער רבי איז געקומען אױפֿן זװירנהאַלם. ער האָט אָבער ניט געקאָנט פֿאַרשטײן, װי אַזױ פֿון אַזאַ למדן איז געװאָרן אַ יאַקאַרשטשיק, און האָט געהאַלטן אין אײן שטעלן פֿראַגעלעך װעגן דעם.

ס'איז געװען שבת בין מנחה למעריב. דער רבי ירוחם־בער איז געזעסן אין שול בײַם טיש. אַרום אים זײַנען געזעסן יאַקאַרשטשיקעס, און ער האָט זײ, װי אַלעמאָל, דורך מעשהלעך פֿאַרטײַטשט די סדרה פֿון דער װאָך. אברהם לאַפּאַטע איז, װי שטענדיק, געזעסן מיטן ריטעלע אין רעכטן זײַט מויל, מיטן קאַזיריק פֿון היטל אױף אַ זײַט און זיך צוגעהערט.

אין הפסקה צװישן אײן מעשהלע און דעם צװײטן איז אברהם לאַפּאַטע אַרױסגעפּאָרן מיט זײַן אַלטער פֿראַגע, פֿון װעלכער דער רבי ירוחם־בער האָט זיך אַלעמאָל אױסגעדרײט צו ענטפֿערן.

דער רבי ירוחם־בער האָט אַ קוק געטאָן אױף אברהם לאַפּאַטען זײער ערנסט, געטראַכט אַ װײַלע און ס'האָט זיך אױסגעדאַכט, אַז ער האָט הײַנטיקס מאָל באַשלאָסן צו דערצײלן, װי אַזױ דאָס האָט פּאַסירט. אַלע האָבן אָנגעשטעלט מויל און אױערן.

דער רבי האָט אָבער געטראַכט אַ װײַלע און נאָכדעם געזאָגט, װי פֿאַרענטפֿערנדיק זיך פֿאַרװאָס ער קאָן דאָס ניט דערצײלן:

— דאָס איז אַן ענין בין אדם למקום... אַ װינקעלע, װאו דער מענטש פּירט־אונטער אַמאָל זײַן אײגענעם חשבון אײנס־אױף־אײנס מיטן רבונו של עולם... דאָס איז זײער אַ װײטיקדיקער ענין... ניט גרינג צו פֿאַרשטײן און נאָך שװערער צו רעדן װעגן דעם...

מיט דעם האָט זיך פֿאַרענדיקט די הפסקה, און דער רבי ירוחם־בער האָט אָנגעהױבן דערצײלן אַ נײַ מעשהלע.

חיים־לײב — דעם רבינס פּלימעניק, פֿון זײַן שװעסטערס זײַט, אַ פּריקאַזטשיק בײַ געהילץ, מיט װײַב און קינדער אױפֿן זװירנהאַלם, — האָט אָבער יאָ געװאוסט, װי אַזױ דער פֿעטער זײַנער איז געװאָרן אַ יאַקאַרשטשיק און פֿון אַ יאַקאַרשטשיק אַ מלמד. ער האָט עס געהערט פֿון זײַן טאַטן, װען ער איז נאָך געװען אַ חדר־ײנגל אין טשאַשניק. דאָס האָט זיך אים טיף אײַנגעקריצט אין זכרון און אַרױסגערופֿן גרױס דרך־ארץ צו אים. דער פֿעטער איז שױן דעמאָלט געװען אין ריגע.

חיים לייבס טאַטע, מאיר דוד־זלמנס, און דער פעטער ירוחם־בער, זיינען געוואַקסן אינאיינעם אין טשאַשניק; ביידע געלערנט ביי איין רבין און נאָכדעם געלערנט ביי די זעלבע ראשי־ישיבות. ירוחם־בער האָט אָבער געהאַט אַ שאַרפערן קאָפּ און צו ניינצן יאָר געהאַט סמיכה אויף רבנות.

ירוחם־בערס טאַטע, ר' שמואל חסיד, האָט אים פאַרקנסט צו דער טאָכטער פון אַ טשאַרייער למדן, אַ גרויסן בעל־יחוס. נאָך דער חתונה האָט אים דער שווער אַוועקגעזעצט ביי זיך אויף קעסט; ער זאָל זיצן און לערנען. דער שווער האָט אין אים געזען אַ צוקונפטיקן גדול בתורה.

ירוחם־בער איז אָבער ניט געווען פון די בעלי־תורה, וואָס זעען קיין זאַך ניט אַרום זיך אויסערן ספר, און זיינען גרייט צו גיין בלינד־דערהייט אין די אָפּגעצוימטע דרכים.

ער האָט געזען די גרויסע יידישע אָרימקייט אַרום און געזוכט אין דער תורה אַן ענטפער: פאַרוואָס און צוליב וואָס? און ניט געפונען, — איז ער געקומען צו אַן אויספיר, וואָס האָט זיך צעצווייגט אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע פראַגן, וואָס זיינען נאָך שווערער צו פאַרענטפערן.

ער האָט ניט געקאָנט אָננעמען, אַז די וועלט אונדזערע איז בלויז אַ פאָרהויז צו יענער וועלט. קומען פון הינטערן כסא־הכבוד ריינע און הייליקע נשמות אין אַ פאָרהויז אַריין, כדי דורך אַ ים פון פיין און טרערן ערשט קומען אויף יענער וועלט! וואו איז דאָ גאָטס יושר, וואו איז דאָ גאָטס גערעכטיקייט און וואו איז דאָ גאָטס חכמה? אָדער זיינען די געטלעכע פעדים טעותדיק פאַרקניפּט, אָדער מיר הויבן ניט אָן צו פאַרשטיין דעם רבונו של עולמס דרכים!

ירוחם־בערס אויספיר איז געווען, אַז עס איז אין היפוך צו דער גאַנצער חכמה, יושר און גערעכטיקייט פון דעם רבונו של עולמס יצירה... ניטאָ קיין צווי וועלטן, נאָר איינע איז דער המשך פון דער צווייטער, און ממילא איז עס איין וועלט!

ניין, מיר פאַרשטייען ניט די דרכים פון השם יתברך! די וועלט, אונדזער עולם התחתון, איז פונקט אַזוי הייליק, ווי דער עולם העליון, און ס'איז ניטאָ — און ס'טאָר ניט זיין — קיין אָרט פאַר גיהנומס ניט אויף דער וועלט און ניט אויף יענער וועלט! ס'איז איין וועלט און זי קאָן — און דאַרף זיין אַ וועלט פון כולו גן־עדן!... אין אַ וועלט פון

כולו גן־עדן װעט ניט קאָנען זײַן קײן אָרט פֿאַר זינד, און ממילא װעט ניט דאַרפֿן זײַן קײן אָרט פֿאַר שטראָף!...

און אַ װעלט פֿון כולו גן־עדן קאָן קומען בלױז דורך יצירה פֿונעם אדם אַלײן. אַז דער השי״ת האָט געװאָלט האָבן אַ װעלט, האָט אַפֿילו ער — דער כביכול אַלײן — זי געמוזט באַשאַפֿן! קײן זאַך קומט ניט פֿון זיך אַלײן! אַלץ קומט פֿון יצירה — דורך מלאכה!

דאָס זײַנען געװען טריפֿה געדאַנקען און זײ האָבן געפֿירט צו אַ לאַנגער און גרױסער מחלוקה צװישן אים און דעם שװער. טשאַרעי און טשאַשניק זײַנען געגאַנגען כּאַדאַראַם. אױף דער זײַט פֿונעם שװער האָבן זיך קעגן אים אױך געשטעלט די שאַרפֿע תּורה־קעפּ. עס איז אַזױ װײַט דערגאַנגען, אַז דער שװער האָט אים געזאָגט, אַז ער װיל מער ניט האָבן בײַ זיך אונטערן דאַך קײן כּופר בעיקר.

האָט ירוחם־בער, אַן אַ גראָשן בײַ דער נשמה, פֿאַרלאָזן װײַב און קינדער — ער איז שױן דאַן געװען אַ טאַטע פֿון דרײַ קינדער — און איז אַװעק פֿון טשאַרעי. קײן פֿאַך אין האַנט האָט ער ניט געהאַט, האָט ער געפֿונען מלאכה בײַ געהילץ. צוערשט איז אים דאָס געפֿאַלן זײער שװער; ניט געװאָאױנט געװען צו שװערער אַרבעט. אָבער שטאַרק געבױט איז ער געװען, האָט ער זיך אַזױ צוגעװאָױנט צו דער אַרבעט, אַז ער איז געװאָרן אַ נײַער מענטש.

ער האָט דאָס לערנען אינגאַנצן אױפֿגעגעבן און איז אַרײַן מיט לײַב און לעבן אין דער אַרבעט. ער האָט געאַרבעט אױף די ספּלאָװן, געפֿירט פּליטן אױף דער דװינע; געפֿאָרן װאָכן־לאַנג מיט לײַװעס תּבֿואה אױף דער אוליאַנקע און דורך די דװינע־פּאַראָהעס קײן ריגע; געװען אין די װעלדער אױף די אַרומיקע טײַכן, װאָס פֿאַלן אַרײַן אין דער דװינע. עס האָט זיך פֿון אים אױסגעקאָװעט אַן אײַזערנער מענטש. די שכירות זײַנען ניט געװען גרױס, אָבער ער איז געװען צופֿרידן: די אַרבעט האָט אין אים אַרײַנגעטראָגן אַן אינערלעכע גאַנצקײט און רואיקײט, און דאָס אַלײן האָט ער געהאַלטן פֿאַר אַ גרױסן שכר.

ער האָט געשיקט רעגלמעסיק בריװ מיט ביסלעך געלט צום װײַב. אָבער די בריװ פֿון איר זײַנען געװען אײנער ערגער פֿון אַנדערן: ס׳האָט פֿריער געקרענקט און געשטאָרבן אײן קינד, נאָכדעם אַ צװײט, און צולעצט — אױך דאָס דריטע קינד. נאָכדעם האָבן אינגאַנצן אױפֿגעהערט די בריװ. אַ צײַט שפּעטער האָט ער זיך דערװוּסט, אַז זײַן װײַב, חנה, איז שױן אױך ניטאָ — האָט ניט געקאָנט אַריבער־טראָגן...

דאָס זיינען געווען קלעפּ, וואָס האָבן איינגאַנצן צעשלאָגן זיינע געדאַנקען. ער האָט אין די קלעפּ דערזען דעם אצבע אלוקים. אָבער פאַרוואָס? וואו האָט ער אַזוי שאַרף איבערגעטראָטן, וואָס די שטראָף האָט געשלאָגן אין סאַמע וואָרצל? אָן קינדער — איז דאָך כרת־ימים אויף אַ ברייטן אופן... ס'איז דאָך עוקר מן השורש!... פאַרוואָס האָט ער אים אַליין ניט געשלאָגן?...

„צו וואָס דאַרף ער מיך? אויב ער איז אַ נוקם ונוטר, פאַרוואָס רעכנט ער זיך ניט אָפּ מיט מיר אַליין? צו־וואָס האָט ער געדאַרפט אויסלאָזן צו די קינדער? פאַרוואָס קומט די קינדער כרת־ימים פאַר מיינע זינד? און פאַרוואָס קומט כרת־ימים קינדער פון נאָך אַ מענטשן — פון חנהן ע"ה? מיט וואָס האָט זי זיך פאַרזינדיקט? און ווי אַזוי קומט צו אים — נוקם ונוטר? אויב אדם איז בצלם אלוקים — וואָס קאָן ער פון אים דערוואַרטן?"

מיט די שווערע געדאַנקען איז ער איינמאָל אַוועק זוכן אַ טאָג אַרבעט. ער איז דאַן געווען אין ריגע. זייער אַ שווער יאָר געווען פאַר אַלעמען. ער האָט אַ לאַנגע צייט ניט געאַרבעט און האָט אונטער־געהונגערט. ער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין אַ ביידל אויף אַ פליט לעבן זווירנהאָלם. ביי שאַמיראַן איז ניט געווען וואָס צו טאָן, איז ער אַוועקגעפאָרן מיט אַ שיפל צו מיכעלסאָנען אויף דער זעג־מיל. דאָרטן האָט ער געפונען עטלעכע טעג אַרבעט. מ'האָט געדאַרפט פון פאַראַיאַ־ריקע שטאָפּלען דערלאַנגען די באַלקנס צו די זעגן.

פאַרענדיקט דאָס איבערקייקלען איין שטאָפּל באַלקן, האָט מען אים מיט אַנדערע עטלעכע אַרבעטער אַוועקגעפירט צו אַ צווייטן שטאָפּל.

עס איז געווען זייער אַ הויכער שטאָפּל. עטלעכע טויזנט באַלקן זיינען געווען הויך אָנגעלייגט איינע אויף די אַנדערע אין שורות, מיט דינע פּערעקלאַדינעס צווישן שורה און שורה. צו דערלאַנגען די באַלקנס האָט מען געדאַרפט אַרויף אינדערהויך אויפן שטאָפּל, און מיט אַ פלאָקן אַראָפּקייקלען די באַלקנס איינציקווייז, כדי די פערד זאָלן זיי קאָנען נעמען אויף די קייטן צו די זעגן.

ירוחם־בער איז אַרויף אינדערהויך אויפן שטאָפּל, אָבער ווי נאָר ער האָט מיטן פלאָקן אַ ריר געטאָן דעם ערשטן באַלקן, האָט עס אַ בראָך געטאָן דעם גאַנצן ברעג פון שטאָפּל און ביי אַ הונדערט באַלקנס האָבן מיט אַ קראַך אַ פלי געטאָן אויף אַראָפּ, שפּרינגענדיק איינער איבערן אַנדערן. די באַלקנס אונטער ירוחם־בערן האָבן אין געפלי

אים אַ שליידער געטאָן אויף אַראָפּ, און איידער וואָס־ווען — איז ער געווען אונטער דער הרודע באַלקנס.

אַז מען האָט אים אַרויסגענומען פון אונטער די באַלקנס, האָט מען אין אים קיין סימן פון לעבן ניט געזען. דער דאָקטאָר, וועלכן מ׳האָט געבראַכט פון נאָענטן רעטונגס־אנשטאַלט, האָט אָבער געזאָגט, אַז ער לעבט נאָך.

מ׳האָט אים אַוועקגענומען אין שטאָטישן קראַנקנהויז און דאָרט איז ער אַ לאַנגע צייט געהאַנגען צווישן לעבן און טויט. דער רעכטער פוס, אונטערן קני, איז געווען צעבראָכן, פינף ריפּן — צעדרוזגעט און שווערע צעשעדיקטקייטן אין אַנדערע אברים.

העננגנדיק צווישן לעבן און טויט, האָט זיך זיין לעבן געבלעטערט פאַר אים בלאַט נאָך בלאַט, פון דעם ערשטן קינדערשן קוק פון ווי־געלע אַרויס, וואָס זיין זכרון האָט פאַרצייכנט, ביז אַראָפּ צום לעצטן הרף־עין, ווען זיין זכרון האָט זיך אויסגעלאָשן. טויזנטער מאָל איז פאַר אים דורכגעגאַנגען זיין לעבן הין־און־צוריק. ליגנדיק אין מורא־דיקע יסורים, האָט ער אויף טויזנטער אופנים געזוכט צו פאַרשטיין דעם אצבע אלוקים.

אויב ער איז אַ כופר בעיקר, וואָס קאָן דאָ העלפן כרת ימים? אויב דורך נוקם ונוטר אַרויפוואַרפן אימה, אַרויפצווינגען הכנעה, אונטערטעניקייט — וואָס איז ווערט אַזאַ גלויבן? אויב גלויבן שלאָגט ניט אַרויס, ווי אַ קלאָרער קוואַל, פון זיך אַליין, פון דער טיפער פאַר־וואָרצלטקייט, אַז זיין, כביכול׳ס, יצירה איז געבויט אויפן יסוד פון טיפסטער חכמה און העכסטער גערעכטיקייט — איז דאָך דאָס קיין גלויבן ניט! וואָס קאָן דאָ העלפן כרת ימים?

דאָס זיינען געווען פראַגן, וואָס האָבן זיך ניט געלאָזט פאַרענט־פערן.

אַז זיינע יסורים זיינען איין מאָל דערגאַנגען עד השמים, — האָט ער דערפילט, אַז ס׳איז צייט פאַר ווידוי. אָבער אין וואָס זאָל ער זיך מתוודה זיין? עס איז ניט געווען אין וואָס זיך מתוודה צו זיין... ניט געווען וואוהין אָפּצוטרעטן... עס איז דעריבער געווען אַ מאָד־נער ווידוי. אונטער די זייער גרויסע יסורים איז ער געבליבן ביי זייניקס.

מיט גרויס יראה פאַר יעדן וואָרט, האָט ער קוים אַרויסגעמורמלט יעדע זילב פון זיינע ליפּן אַרויס.

— רבונו של עולם, — האָט ער געוויינט אין האַרצן, — פאַר

מיינע אַלע אופנים פון וועלן פאַרשטיין דיך, קאָן איך זיך ניט שלאָגן קיין „אָשמנו”... איך קאָן קיין איין געדאַנק מיינעם ניט נעמען צוריק... איין טראָט אויף צוריק, און איך וועל ווערן אין די לעצטע מינוטן מיינע אַ כופר בעיקר... אין מיינע לעצטע הרף־עינס שטיי איך פאַר דיר אין מיין גאַנצער אָפנקייט... אין מיין לעצטן ווידוי קאָן איך ניט בעטן קיין מחילה... און אויך ניט קיין רחמים... אַזוי שטאַרבן... וועט מיר זיין גרינגער...

און זיינע געדאַנקען האָבן זיך אויסגעלאָשן.

און ס׳האָט געטראָפן דער גרעסטער נס. קעגן אַלעמענס דער־וואַרטונגען, האָט ירוחם־בערס האַרץ דורכגעטראָגן. נאָך הענגען אַ לאַנגע צייט צווישן לעבן און טויט, איז אים בעסער געוואָרן. די ערטער פון די ריפּן זיינען זיך צונויפגעוואַקסן, די וואונדן האָבן זיך פאַרהיילט, און דער פוס איז אויך צוריק געוואָרן אַ פוס — די ביינער זיינען זיך צונויפגעוואַקסן. אַרויס פון ריגער קראַנקנהויז איז ער אויף קוליעס, אויסגעדאַרט, בלייך און מיט זייער ווייניק כחות, אָבער מיט גענוג אויף צו לעבן. וועגן אַרבעטן אויפן טייך האָט אָבער קיין רייד ניט געקאָנט זיין פאַר אַ גאַנץ לאַנגער צייט.

געקומען צוריק אויפן זווירנהאָלם און ניט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען, האָט אים עליע אַריינגענומען צו זיך אין מייקע, אינעם חדר, וואו ס׳איז פריער געשטאַנען דער אָרון קודש — ס׳ערשטע שולכל אויפן האָלעם.

ירוחם־בערן איז געווען שווער צו זיצן ביי עליען אויף אַלעם פאַרטיקן. אַרומהינקענדיק אויף די קוליעס, אָן עפּעס צו קאָנען טאָן און אָן וואוינרעכט, האָט ער אָנגעהויבן קלערן וועגן פאָרן צוריק קיין טשאַשניק. עליע האָט אים אָבער פון האָלעם ניט אָפּגעלאָזט. אויפן האָלעם איז צו יענער צייט קיין רבי ניט געווען. עליע האָט דעריבער געוואָלט, אַז ער, ירוחם־בער, זאָל זיך זעצן לערנען מיט די קינדער. ער האָט וועגן אים געהערט נאָך אין טשאַשניק און געוואוסט, אַז ער האָט סמיכה אויף רבנות. דער האָלעם האָט אים דעריבער אויך גע־דאַרפט — ס׳זאָל זיין צו וועמען צו קומען מיט אַ שאלה.

ירוחם־בער האָט זיך זייער שטאַרק געקווענקלט. ווי אַזוי קומט ער צו לערנען מיט קינדער? ער האָט קיינמאָל מיט קינדער ניט גע־לערנט. אָבער דורכטראַכטנדיק, האָט ער איינגעזען, אַז אין לערנען מיט

קינדער ליגט יצירה פון אַ גאַר הויכער מדרגה. אין זיין געזונט ווערן האָט ער געזען דעם אצבע אלוקימס הסכמה צו זיינע דרכים פון פאַרשטיין אים. ס'איז געווען אַן אָנגעצייכנטער וועג פון אים אַליין — צו לערנען אי מיט גרויס, אי מיט קליין. וואָס אַנדערש צו טאָן, האָט ער אויך ניט געזען, האָט ער זיך געזעצט לערנען מיט די קינדער.

אַז זלמן סאָסנעס עלטסטער ייִנגל איז געוואָרן בר־מצוה, האָט מען אים שבת אויפגערופן מפטיר. נאָך זיין הפטורה, וואָס האָט ביי אַלעמען אויסגענומען, האָט זלמן נאָכן דאַוונען פאַרבעטן אַלעמען צו זיך אויף לעקעך־און־בראַנפן. עליע איז גראַד אַוועקגעפאָרן מיט שאַמיראָן אָנקוקן וואַלד, איז ער צו דער בר־מצוה ניט געווען.

ירוחם־בערן האָט זלמן סאָסנע אַוועקגעזעצט אַנטקעגן זיך. ירוחם־בער האָט אונטערגעהונקען, אָבער שוין לאַנג אַרומגעגאַנגען אָן קוליעס. דאָס אונטערהינקען איז שוין אַזוי פאַרבליבן.

מ'האָט געטרונקען, פאַרביסן און ווייטער געטרונקען. לאה, זלמנס ווייבל, האָט געהאַלטן אין איין דערלאַנגען צום טיש: לעקעך און בראַנפן, קיכלעך, טייגלעך און איינגעמאַכץ, וואָס זי האָט אַליין אָנגעבאַקן און אָנגעפּרעגלט.

אַז זלמן סאָסנע איז נאָך אַ צענדליק „לחיימס" געוואָרן אַביסל בגילופנדיק, האָט ער זיך אויפגעהויבן מיט אַ קעלישעק אין האַנט צו ירוחם־בערן:

— ירוחם־בער! די צוויי חברה־לייט, — האָט ער אַ וויז געטאָן מיט זיין גרויסער האַנט אויף זיינע צוויי ייִנגלעך ביים טיש, — ווי דו קוקסט זיי אָן, איז אַלץ וואָס איך האָב! די אַנדערע דריי האָבן זיך ניט געהאַלטן. פון שאַמיראָס משפחה — בעל־גאווהס! געקומען אויף אונדזער וועלטל, אַ קוק געטאָן און — ניט געפעלן געוואָרן!... די שאַמיראָס זיינען ניט געוואוינט געוואָרן צו לעבן אין אַ „פאַרהויז", זיי זיינען געוואוינט צו סטאַלאָוועס! האָב איך צו זיי קיין טענות ניט. זיי זיינען גערעכט — ס'איז אַ „פאַרהויז"! ירוחם־בער! דו ווייסט, אַז איך קען אין די שוואַרצע פינטעלעך — איך האָב זיי ניט האַלט... ביז — איך האָב דיך געהערט לערנען מיט די קינדער! עליע איז אַ חכם, וואָס ער האָט דיך ניט געלאָזן צוריק קיין טשאַשניק! דאָס איז דער וועג, ווי מ'דאַרף לערנען מיט קינדער! גראָז, ביימער, וואַלד און טייך, ברויט און צום ברויט, און — יצירה! מענטשלעכע יצירה —

דורך מלאכה! אַט־דאָס איז דאָס: ניט קיין אַנדערע, נאָר מענטשלעכע יצירה!... אַ מענטש איז באַשאַפן בצלם אלוקים, דאַרף ער גיין מיט אַ פאַררימען־קאָפּ! און בלויז דורך יצירה קאָן מען אים האַלטן הויך!... לחיים, ירוחם־בער! לחיים — אַלע! לאָמיר זיין געזונט און טרינקען לחיים!...

זיין לאה, נידעריקער פון אים, אָבער אַ יאַדערדיקע, אַנגעטאָן אין יום־טובדיקן, מיט אוירינגלעך אין די אויערן, האָט מיט אירע לאַכעדיקע אויגן און קליינע חן־גריבעלעך נחתדיק דערלאַנגט אַלעמען, צוואָרפנדיק יעדען אַ האַרציק וואָרט, אָבער אַלע ווילע געלאָפן מיט אירע אויגן צו איר הויכן און ברייטן זלמנען מיט דער בלאָנדער טשופּרינע אויף אַרויף און אָן אַ היטל, געשיינט פון זיין רעדן און אַפילו פון זיין טרינקען, ווייל אין זיין בגילופנדיקייט האָט זיך אַלעמאָל אַנטפּלעקט דער זלמן, פאַר וועלכן איר האַרץ איז אויסגעגאַנגען, און וועלכער איז איר געווען אַזוי ליב און טייער...

זלמן סאָסנע האָט געהאַלטן אין איין רעדן, אין איין אַנגיסן בייע גלעזלעך און אין איין מאַכן „לחיימס" מיט אַלעמען. אַז מ'האָט שוין געהאַט איבערגעענוג, האָט זלמן אויפגעהויבן נאָך אַ קעלישעק צו ירוחם־בערן:

— ירוחם־בער! ס'איז נאָך יום־טובים! דער האַלעם און די דווינעס האָבן זיך אָפּגעליידיקט פון געהילצן און איך גיי, ווי אַ חיה צוריק אין וואַלד אַריין. מען דאַרף האָבן בייע פּליטן, בייע געהילצן! די זעגן דאַרפן האָבן וואָס צו זעגן און די טיאַס־העק וואָס צו טיעסען. מ'דאַרף האָבן ברויט... חיונה אויף אַ גאַנץ יאָר, פאַר זיך און פאַר אַלעמען!... לאָז איך דיר מיינע חברה־לייט — מאַך פון זיי מענטשן! מענטשן פון איבעוויניק... אונדזערע מענטשן! קינדער דאַרף מען צוגרייטן מיט עטלעכע פאָר פליגלען און דו ביזט דער, וואָס קאָן דאָס טאָן! לאָמיר טרינקען לחיים!...

ירוחם־בער האָט כמעט ניט געטרונקען. ער האָט געקוקט אויף זלמנען און מיט יעדן וואָרט זיינעם איז ער אים אַריין אַלץ טיפער און טיפער אין האַרצן. ער האָט געטראָפן זלמנען אין די וועלדער, אויף די ספּלאָוון אויף דער דווינע, אָבער ער האָט קיינמאָל זלמנען ניט געזען אַזוי אָפן. ער האָט געהערט, אַז זלמן קען גוט לערנען, אָבער ער האָט ניט געוואוסט, אַז אין זלמנס לערנען זיינען דאָ פּינטעלעך פון גרויס נאָענטקייט צו אים. אָבער אין די ווערטער „איך לאָז דיר איבער מיינע חברה־לייט — מאַך פון זיי מענטשן" איז געווען עפּעס אַזוינס,

וואָס האָט זיך געלייגט זייער שווער אויפן האַרצן. אין די ווערטער האָט אים געפעלט זיכערקייט אין זיך בנוגע זיינע קינדער. און אין די ווערטער „מאַך פון זיי מענטשן — אונדזערע מענטשן!" איז געווען נאָך שווערערס. ליגט עס אין זיינע כּחות?

אין זייער אַ געדריקטער שטימונג איז ער אַוועק פון דער בר־מצוה. ס'איז געווען אַ קנויפּ פון געדאַנקען, וואָס זיינען געווען ביי פּאַר אים. זייער שאַרף האָט זיי פּאַר אים זלמן אַוועקגעשטעלט.

אין אַסיענדיקע שלאַקס־רעגנס איז זלמן סאָסנע אַוועקגעפאָרן אין וואַלד. איז אָבער צוריק פון דאָרטן ניט געקומען. אין די ערשטע גרויסע שנייען איז ער דערהרגעט געוואָרן פון אַן אונטערגעהאַקטן פאַלנדיקן בוים. צו קבורה האָט מען אים געבראַכט אין אַ שטעטל אַ פינף־און־צוואַנציק וויאָרסט פון יענעם וואַלד.

די ביטערע בשורה איז געקומען אין אַ בריוו פון די אַנדערע פּריקאַזטשיקעס אין וואַלד. אַז ער איז געבראַכט געוואָרן צו קבר־ישראל, האָט מודיע געווען דער רב פון יענעם שטעטל — די קינדער זאָלן וויסן, אַז זיי דאַרפן זאָגן קדיש, און דאָס ווייב, אַז זי איז געבליבן אַן אלמנה.

ס'האָט אויפגעטרייסלט דעם גאַנצן האָלעם. לאהן האָט עס גע־טראָפן, ווי אַ דונער. ס'האָט זי אינגאַנצן פאַרשטיינערט. זי האָט ניט געהערט און ניט פאַרשטאַנען וואָס מ'האָט גערעדט צו איר. ס'האָט זיך געדוכט, אַז זי האָט זיך גערירט פון זיבען. זי איז געזעסן אויף איין אָרט און געקוקט ערגעץ אין איין פונקט פאַרגליווערט. די ווייב־לעך פון האָלעם האָבן געזוכט זי צו טרייסטן, ס'איז אָבער געווען אומ־מעגלעך אַריינצודרינגען אין איר מיט ווערטער. אַפילו די קינדער האָט זי אויך ניט געזען אַרום זיך. זיי זיינען אַרומגעלאָפן ניט געגעסן, ניט געטרונקען. אַליין האָט זי אויך קיין זאַך אין מויל ניט גענומען. זי איז געוואָרן אינגאַנצן ווייס, איינגעדאַרט און חושך — ניט צו דער־קענען. ניט קיין מענטש, נאָר אַ פאַרגליווערטער שאָטן...

ירוחם־בער האָט איצט פאַרשטאַנען פאַרוואָס אים האָבן זיך אַזוי שווער געלייגט אויפן האַרצן זלמנס ווערטער „איך לאָז דיר מיינע חברה־לייט — מאַך פון זיי מענטשן!". זלמן האָט אַליין ניט געוואוסט וואָס עס איז געלעגן אין זיינע ווערטער. ירוחם־בער האָט געפילט,

אַז זלמן האָט אַרויפגעלייגט אויף אים אַ גרויסע אחריות פאַר זיינע קינדער.

אָבער די קינדער דאַרפן פריער פאַר אַלץ אַ מאַמען. ס'איז ניט געבליבן קיין אַנדער וועג, ווי אַרויסרייסן זי פון איר פאַרגליווערטקייט. האָט ער יעדן טאָג נאָכן חדר אָוועקגעפירט די ייִנגלעך אַהיים. די האַלעמשע ווייבלעך האָבן צוגעגרייט פאַר די קינדער עסן און איר אויך עפּעס געזוכט צו געבן אין מויל אַריין, און ער האָט זיך אָוועקגעזעצט אַנטקעגן איר און געפּרואווט זי דורך פאַרשיידענע וועגן טרייסטן. ער האָט געזען, אַז זי הערט אים ניט. אָבער ער איז אָנגעגאַנגען, ווי זי וואָלט אים געהערט. ער איז אָנגעגאַנגען מיט ביישפּילן פון לעבן און מיט מעשהלעך, אַז אחרי מות שטעלט זיך קיין זאַך ניט אָפּ אין דער וועלט, ווייל כולו טויט איז ניטאָ. אויב אייִנער האָט געלעבט, קאָן ער קיינמאָל ניט שטאַרבן, ווייל אמתער לעבן איז יצירה. זלמן לעבט אין אַלץ, אין וואָס זיין יצירה האָט זיך אָפּגעזעצט, אינעם לעבן און אין דער צוקונפטיקער יצירה פון זיינע קינדער. אין אַלץ און אין אַלעמען לעבט עמעצענס נר־תמיד... זי איז געווען זייער ווייט פון אים, גע־קוקט ערגעץ פאַרגליווערט מיט שווערע גלעזערנע אויגן. ער איז אָבער ווייטער אָנגעגאַנגען, ווי זי וואָלט זיך צוגעהערט צו אים. ער האָט גע־קייטלט מעשהלעך אין מעשהלעך, וואָס האָבן פון פאַרשיידענע ווינקעלעך געפירט צום זעלבן אויספיר, אַז מ'מוז לעבן, אַז מ'מוז געפינען כחות צום לעבן, ווייל קיינער לעבט ניט צוליב זיך אַליין. לעבן מיינט התחייבות צו אַנדערע, ווי אַלע אַרום האָבן התחייבות צו אונדז, צי זיי ווייסן עס, צי ניט...

נאָך לאַנגע וואָכן פון ניט הערן אים האָבן זיך זיינע ווערטער ביסלעכווייז גענומען דורכרייסן צו איר און זי האָט פּאַמעלעך גענומען קומען צו זיך. אָבער ווי נאָר זי איז אַרויס פון איר פאַרגליווערטקייט, איז זי אַזוי קראַנק געוואָרן, אַז מ'האָט שוין פון איר ניט געהאַלטן. אָבער אויך פון דעם איז זי ביסלעכווייז אַרויסגעקראָכן, און ענדלעך צוריק געוואָרן אַ מאַמע צו אירע קינדער.

פון דעמאָלט אָן איז ירוחם־בער צו איר אין מייקע מער ניט גע־גאַנגען. עס האָט אים אָבער געפרייט, וואָס ער האָט געהאַט אַ האַנט אין איר געזונט־ווערן, און וואָס זלמנס קינדער האָבן צוריק אַ מאַמען.

איינמאָל, אַז זי איז געקומען אין חדר מיט איר שכר־לימוד — זי איז נאָך אינגאַנצן ניט געקומען צו זיך אין איר געזונט — האָט ער זי געבעטן זיצן. דער חדר איז נאָך אַלץ געווען ביי עליען אין צימער,

וואו עס איז אַמאָל געשטאַנען די ספר־תורה. ס׳איז געווען נאָך שבועות. די קינדער האָבן זיך געשפּילט אין דרויסן — ער פלעגט די קינדער געבן צייט זיך דורכצושטיפן צווישן איין האַלבן טאָג און צווייטן. זייענדיק אַליין מיט לאהן, האָט ירוחם־בער איר אָנגעהויבן צו דער־ציילן וואָס ער האָט דורכגעלעבט, ווען זיין ווייב מיט די קינדער זיינען געשטאָרבן. זי איז געווען די איינציקע, וועמען ער האָט דערציילט זיינע שווערע און טיפע איבערלעבונגען. ער האָט דערפילט אַ מאָדנע באַדערפניש זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן, און אין איר האָט ער דער־פילט דעם מענטשן, וואָס וועט אים פאַרשטיין. זי האָט ניט אַלץ פאַר־שטאַנען, צו־טיף איז פאַר איר געווען דאָס, וואָס ער האָט איר דער־ציילט. אָבער די גאַנצע זאַך איז געווען זייער נאָענט צו איר. זי האָט געפילט, אַז ער איז דער איינציקער מענטש, וואָס פאַרשטייט אַזוי טיף איר אומגליק — ווי זיי וואָלטן געווען צוויי מענטשן, וואָס האָבן גע־בראָכן זייערע לעבנס אויף די זעלביקע אונטערוואַסער־שטיינער, כאָטש יעדערער פון זיי האָט אויפגענומען דעם אומגליק אויף אַ באַזונדערן אופן.

אַז צום יאָר נאָך זלמנען האָט ביילקע, עליע מאַגנוסעס ווייב, אַ פּרואוו געטאָן צונויפּפירן ירוחם־בערן מיט לאהן, איז קיין סך ניט געווען וואָס צו רעדן, און מ׳האָט געשטעלט אַ חופּה. נאָך דער חתונה איז דער חדר אַריבערגעגאַנגען אין זלמן סאָסנעס מייקע.

מיט אַ ווייב און צוויי קינדער, איז דער שכר לימוד געווען מאָגער־לעך. האָט ירוחם־בער געוואָלט אויפגעבן דעם חדר און צוריק אַוועק אויפן טייך. ער האָט אונטערגעהונקען, אָבער ער האָט געפילט, אַז ער האָט נאָך געניג כּחות פאַרן באַהאַר, מיט די שיפלעך, מיט די פליטן, מיטן יאַקאַר. אָבער קיינער האָט ניט געוואָלט קיין הינקענדיקן אויף די וואַסער־אַרבעטן. מיט ניט קיין גרינגן האַרץ האָט ער זיך געמוזט אונטערגעבן, און שוין אַזוי פאַרבליבן אויף אַלעמאָל ביים חדר.

אַז זייער חיימקע איז ביי זיי געבאָרן געוואָרן, זיינען זיי שוין געווען טיף איינגעוואַקסן איינער אין אַנדערן. דער צווייטער זיווג איז געווען פאַר זיי אַ טיפע פאַרהיילונג פון די וואונדן אין די שיף־ברוכן פון זייערע לעבנס.

נאָכן אָפּלערנען מיט די קינדער פלעגט ירוחם־בער, מיט די הענט אויפן רוקן, אונטערהינקענדיק, אַוועקגיין איבער שאַמיראָס געהילץ־פּלאַץ. די אַרבעט פלעגט נאָך צו דער צייט אויפן געהילץ־

פלאַץ זיין אין פולן ברען. פערד אויף קייטן פלעגן שלעפן באַלקנס פון וואַסער און זיי געלייגט אין שורות אויף הילצערנע „רעלסן", און שורה אויף שורה זיי פאַרוואַנדלט אין שטאַפּלן; טיאַסטשיקעס פלעגן שניידן און אויסטיעסען פון די באַלקנס שיף־מאַסטן, טעלעגראַפנע סלופּעס, קאַפּבאַלקן און שפּאַלן; אין אַנדערע ערטער פלעגט מען שפּאַלטן שפּליט־האָלץ און לייגן אין קוביק־קלאַפטערן; אַרום ברעג שטייען לאַיוועס, און גרוזטשיקעס פלעגן לאָדן דאָס שפּליט־האָלץ און די שפּאַלן אין די לאַיוועס; דער טייך פלעגט פול זיין מיט יאַקאַרשטשיקעס, מיט שלעפּ־דאַמפּערס, וואָס האָבן געפירט לאַיוועס און פליטן צו די שיפן אין האַפן.

ירוחם־בער פלעגט אַרומגיין, זיך זייער ערנסט און טיף צוקוקן צו יעדער זאַך אויפן געהילץ־פּלאַץ. געזוכט האָט ער אַן ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס ער האָט ניט געקאָנט פאַרענטפערן: יצירה!

אויב יצירה איז דער צלם אלוקים באדם, איז דאָך דאָ אַרום כולו יצירה, און מכל המינים יצירה! יצירה פון פריען באַגינען, ביז שפּעטער שקיעה! פאַרוואָס־זשע אַזאַ אַרעמקייט אַרום? פאַרוואָס־זשע איז די יצירה אָן ברכה און אָן שכר? ס'קומען ליידיקע לאַיוועס, לאָדן זיך אָן און גייען אַוועק. פאַר די יצירים פאַרבלייבט ניט אַפילו אויף אַ שטעלכל אויפצושלאָגן, ניט שייך צו זאָגן עפּעס מער. יצירה גייט דאָך דאָ איבער אין קללה!

צוקוקנדיק זיך און דורכטראַכטנדיק טיפער דעם גאַנצן ענין, איז ער געקומען צו אַ זייער שווערן אויספיר: אַז דער יחיד מיט זיין יחידישער יצירה וועט ניט נאָר קיין גן־עדן התחתון קיינמאָל ניט בכח זיין צו באַשאַפן, נאָר אַפילו אַ קליין וועלטל פאַר זיך אַליין אויך ניט!

דאָס האָט אים אָבער בהדרגהדיק געבראַכט צו אַ צווייטן אויספיר: אַז יצירה וועט קאָנען האָבן אי ברכה אי שכר בלויז דאַן, ווען דער יחיד וועט זיין יצירה איבערגעבן ברשות הכלל, און דער כלל — בלויז דער כלל וועט בכח זיין פון אַלעמענס יצירה צו באַשאַפן דעם גן־עדן התחתון, און ביידע וועלטן צונויפגיסן אין איינס. דאָס איז פאַר אים געווען קלאָר.

אָבער ווי אַזוי צו מאַכן, אַז דער יחיד זאָל זיין ווילּיק איבערצוגעבן זיין יצירה ברשות הכלל; און ווי אַזוי און פון וואַנען עס קאָן קומען אַזאַ כלל, וואָס זאָל זיין ווילּיק און גרייט איבערצונעמען אַלעמענס יצירה צו באַשאַפן דעם גן־עדן התחתון — דאָס האָט ער

ניט געזען. דאָ האָט זיך זיין געדאַנק אָפּגעהאַקט און ניט געהאַט וואוהין ווייטער צו גיין. דאָ האָט זיך דער הימל אַראָפּגעלאָזט, ווי אַ פאַרהאַנג האַרט ביז צו דער ערד, און זיך ניט געלאָזט אויפהויבן.

ער האָט ניט געזען ווי אַזוי ווייטער צו שפּינען דעם געדאַנק. אָבער איין זאַך איז אים געווען קלאָר און אין דעם איז ער געווען זיכער: אַז דאָס קאָן זיין בלויז „עם כל העמים" און אויפן ברייטן יסוד פון „ואהבת לרעך כמוך".

ער האָט דאָס אין מעשהלעך און משלים געפּרואווט דערציילן אין שול בין מנחה למעריב. די מעשהלעך זיינען זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן, אָבער מ'האָט זיי ניט פאַרשטאַנען. ער האָט זיך ניט געוואונ־דערט: אייגנטלעך זיינען זיי ניט קיין פאַרענדיקטע מעשהלעך. ווי אַזוי קאָן מען זיי פאַרשטיין, אַז אים אַליין איז ניט קלאָר זייער איבערלע־כער געוועב, און ער אַליין ווייסט ניט ווי זיי צו פאַרענדיקן.

ער מיט זיינע אייגענע כחות האָט ניט געזען קיין מעגלעכקייט אַריינצוטראָגן קלאָרקייט אין דעם. אים איז זייער שווער געווען אויפן האַרצן דערפון. אָבער ער האָט געגלויבט און געהאָפט, אַז ווען־עס־איז וועט עמעצער קומען, וואָס וועט וויסן אַ סך מער פון אים און זען ווייטער פון אים, און ער וועט קאָנען אויפהעלן דאָס, וואָס ביי אים איז פאַרבליבן פאַרהוילט אין טונקל.

כדי יענעם צו העלפן מיט עפּעס, האָט ער אין זיינע מעשהלעך ביים לערנען געפירט צו איין אַרויסדרינגונג: אַז יצירה דאַרף מען פאַרשטיין בלשון רבים און ברשות הכלל. און בלויז אין יענער יצירה וועט ליגן גאָטס ברכה און גאָטס שכר אויף דער וועלט.

ווען דער יחיד וועט זיין יצירה שטעלן אין רשות פון „ואהבת לרעך כמוך", וועט זיך אין אים אויך אַן אמת אַנטפּלעקן דער צלם אלוקים און ער וועט קריגן דעם שכר פאַר זיין יצירה...

אין זעלבן דרך האָט ער פון דעמאָלט־אָן אויך געלערנט מיט די קינדער אין חדר.

מלכהלע שלמהקעס

עס זיינען אַריבער אַ היפּש ביסל יאָרן זינט דער בלוטיקער אַבלאַווע. אין משך פון די דאָזיקע יאָרן האָבן זיך זייער אַ סך זאַכן געענדערט אויפן האָלעם.

דעם ערשטן נאָך־פּסח נאָך דער אַבלאַווע זיינען געקומען בלויז עטלעכע פון די, וואָס האָבן זי איבערגעלעבט. ס׳זיינען אָבער געקומען ייִדן, וואָס זיינען לעצטן זומער ניט געווען, אויך — טשאַשניקער, אולער און טשאַרעיער.

מיט צוויי יאָר שפּעטער זיינען שוין כמעט אַלע ייִדן, וואָס האָבן איבערגעלעבט די אַבלאַווע, ווידער געווען אויפן האָלעם. בסך הכל זיינען יענעם זומער געווען אויפן האָלעם עטלעכע און פופציק אומגע־מעלדעטע ייִדן. דער הונגער האָט בייגעקומען.

מ׳האָט במשך פון די ווייטערדיקע יאָרן זיך אויסגעלערנט ניט צו לויפן אַפילו אין צייט פון אַבלאַוועס, ווען פאַר באַהאַלטן זיך איז שוין געווען צו־שפּעט. מ׳האָט זיך געלאָזט אַרעסטירן און געזוכט צו פאָרן „אויף אייגענע הוצאות” אַהיים. אַרויפגעזעצט מיט עטלעכע גאַראַ־דאַוואַיעס אויפן פאַיעזד, איז מען אַפּגעפאָרן עטלעכע סטאַנציעס, און מיט אַן אַנטקעגנדיקן צוג פאַרקירעוועט צוריק — אויפן זווירנההאָלם. דער עיקר: מ׳האָט זיך מער ניט פאַרלאָרן. מ׳האָט זיך צוגעוואוינט צו שווערער האַרעוואַניע, צו היצן און קעלטן, צו רעגן און צעשטורעמ־קייטן. מ׳האָט זיך אויסגעלערנט אַרבעטן מיטן באַהאַר, געוואָרן היימיש אויפן שיפל, און זיך אַפילו אויסגעלערנט לויפן אויף לויזע באַלקנס אויפן וואַסער — ס׳מאַכט ניט אויס, ווי זיי האָבן זיך געדרייט אונטער די פיס.

ס׳האָבן זיך אויסגעברייטערט און איינגעאייזנט די ביינער, און

די הענט האָבן זיך אויסגעלערנט צו שלאָגן, אַז מ'האָט זיך פֿאַר־טשעפּעט. ניט געלאָזט זיך שפּייען אין קאַשע.

עליע האָט זיי איבערגעגעבן, אויסער די לאָדונגען, אויך דאָס אַראָפּקייקלען די קאַפּבאַלקן, טעלעגראַפֿנע סלופּעס און שיפֿמאַסטן פֿון ברעג און מאַכן פֿון זיי „פּליעניצעס" אין וואַסער. דאָס איז אָבער ניט געווען אויפֿן חשבון פֿון די גויאישע יאַקאַרשטשיקעס, וואָס האָבן גע־אַרבעט ביי אים.

אַ סך וואַלד־ און וואַסער־יידן ביי אַנדערע וואַלד־סוחרים האָבן „אויסגעכלאַפּאַטשעט" פֿאַרשיידענע סאָרטן רעכטן צו וואוינען אין ריגע. איינע אַלס „טינטנמאַכער", אַנדערע אַלס „שניידער" און דריטע אַלס אַנדערע באַלמעלאָכעס". אַ צאָל יידן זיינען אַפֿילו געוואָרן „אַכציקער", אַריבערגעקליבן זיך אויף מאָסקווער פֿאַרשטאָט און געעפֿנט געהילץ־פּלעצלעך דאָרטן. כדי זיך צו געפֿינען וואָס ווייטער פֿון די פּאָליציייִשע אויגן, האָבן אַ סך „באַלמעלאָכעס", וואָס האָבן געאַרבעט אויפֿן טייך, זיך פֿאַרקליבן אויפֿן זווירנהאָלם. דאָ איז עפּעס געווען זיכערער. כדי צו האָבן וואו צו זיין, האָט מען גענומען בויען מייקעס פֿאַר זיך.

אין גאַר אַ קורצער צייט איז די שול אַרומגעוואַקסן מיט מייקעס און ס'האָבן זיך אויסגעטראָטן עטלעכע געסלעך צווישן זיי. עליע האָט געהאַט אין יעדער מייקע אַ שטיקל חלק. ווען ער האָט אַרויס־געהאָלפֿן מיט אַ ביסל געהילץ, ווען מיט אַן עצה, ווי אַזוי צו בויען זיין מייקע און ווען אַפֿילו מיט אויסלייען געלט צו פֿאַרענדיקן דאָס בויען.

די ווייבער זיינען געוואָרן עלטער, ברייטער און געזעצטער. זיי האָבן זיך אַלע אויסגעלערנט פֿאָרן אויף שיפֿלעך, האַלטן אַ באַהאָר אין האַנט און — שווימען. מ'האָט מער פֿאַרן וואַסער קיין מורא ניט גע־האַט. די מענער זיינען אויך געוואָרן עלטער און מער איינגעאייזנט.

ס'זיינען אַריינגעשפּרונגען אין זעכצן־אַכצניאָריקייט די עלטערע פֿון די קינדער ביי די פּריקאַזטשיקעס אברהמען, ישראלן, ביי די שומרים און די אַנדערע יידן אויפֿן האָלעם. ס'זיינען אויסגעוואַקסן יונגאַטשעס מיט ברייטע פּלייצעס און זיכערן געלעכטער, און מוידן, ווי בוימער — פֿאַרברענטע פֿון זון־ווינטן. זיי זיינען שוין געווען, ווי שדים אויפֿן וואַסער. זיי האָבן זיך געטראָגן אויף שיפֿלעך סיי אין ווינט און סיי אין שטורעם. זיינען ניט געווען קיין רודערס, האָט מען זיך געשטופּט מיט אַ באַהאָר. איז ניט געווען קיין שיפֿל, איז מען געפֿאָרן אויף צוויי ברעטער מיט אַ שטעקן, אָדער אויף אַ באַלקן, אָדער

אויף צוויי שפּאַלן. אויף אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר געהאַלטן אויפן וואַסער, איז מען געפאָרן שטייענדיק, זיצנדיק, ליגנדיק. און אַז מ׳האָט געדאַרפט, איז מען געשוואומען אין די קליידער, ווי אָן די קליידער. אין הייסע אָוונטן פלעגן די בחורים און מיידלעך אין די קליידער זיך אַוועקלאָזן אין אַן עטלעך־וויאָרסטיקן דורכשווים איבערן מיטן פון דער „גרויסער דווינע״.

אַ טייל יונגוואַרג איז פרי אַוועק מיט די באַהאָרעס אויף די דווינעס, אַנדערע — אויף די געהילץ־פּלעצער. זייער גאַנצער וויסן איז באַשטאַנען פון דעם וואָס זיי האָבן געלערנט ביי ירוחם־בערן. די טאַטעס האָבן ניט געקאָנט זיי האַלטן לאַנג ביים לערנען, און עטלעכע האָבן אַפילו אַוועקגעגעבן זייערע יינגלעך אויף מאַסקווער פּאַרשטאָט זיך אויסצולערנען אַ מלאכה. בלויז עליעס און קאַפּל־מאירס קינדער זיינען געגאַנגען אין „רעאַלנאַיע אוטשילישטשע״ און נאָכדעם זיך פּאַרנומען העכער. ס׳האָט עליען געקאָסט זייער אַ סך געלט און געזונט, ביז ער האָט זיי אַהין אַריינגעגעבן. פּיניע מאַהילניק, נחמן טשופּרינע און חיים־זלמן האָבן דאָס ניט געקאָנט באַווייזן. צו זייערע קינדער איז געקומען אויפן האַלעם אַ גויאישער לערער, אַ סטודענט פון ריגער פּאַליטעכניקום.

די „נאַבערעזשניקעס״ זיינען געבליבן די זעלבע „נאַבערעזשניקעס״. איינע זיינע אַוועק אין די טורמעס, אַנדערע האָבן אין קריגערייען צע־שניטן איינע די אַנדערע. ווער ס׳האָט אויסגעלעבט און ווער ס׳ליגט ערגעץ אויפן מאַהילניק. אָבער זייערע רייען זיינען שיטערער ניט געוואָרן. „יונגוואַרג״ האָט פּאַרנומען די ליידיק־געבליבענע ערטער, און די „אַרבעטלעך״ זיינען אָנגעגאַנגען אָן אָן איבעררייס. זייער אויפ־האַלט איז נאָך אַלץ געווען אין איוואַן דעם שוואַרצנס הויפן ביים ברעג פון דער „קליינער דווינע״. אָבער פון האַלעם האָבן זיי געווייכט — ער האָט באַקומען ביי זיי אַ „שלעכטן נאָמען״.

ס׳האָבן עטלעכע מאָל אויסגעבראָכן שרפות אויפן האַלעם, אָבער די „נאַבערעזשניקעס״ האָבן צו זיי קיין שייכות ניט געהאַט. זיי זיינען אַרויסגעשפּרונגען פון אַ צופעליק־אַראָפּגעוואָרפענעם סמאַליענדיקן פּאַ־פּיראָס, אָדער פון אַ שלעכט פּאַרלאָשענעם שוועבעלע. מ׳האָט אָבער די שרפות אויסגעלאָשן מיט דער אייגענער פּאָזשאַרנער מאַשין נאָך איידער שטאָט־פּאָזשאַרנע האָט באַוויזן צו קומען.

בלויז די אָבלאַוועס זיינען געוואָרן אָפּטער, שווערער און אַכזריות־דיקער. זיי פלעגן יעדעס מאָל אויפּקאָכן די בלוטן און צערודערן די

הערצער. אָבער קיין מענטשלעכע קרבנות זיינען ניט געווען, כאָטש אויפן האָלעם זיינען געווען זייער אַ סך אומגעמעלדעטע יידן. האָט מען דערשמעקט אַן אַבלאַווע, איז מען זיך צעפאָרן פון האָלעם אויף שיפלעך צו איבערוואַרטן ביי די ברעגן פון די אַנדערע העלעמער, אָדער אין די ביידלעך אויף די פליטן. אָבער דעם פריסטאַווס אָפטע קומען אויפן האָלעם איז אַלעמאָל געווען, ווי אַ מעסער אין אַלעמענס הערצער, ווייל יעדעס מאָל איז עמעצער אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט און געהאַט פון אים בערג מיט צרות.

די אַרבעטן ביי שאַמיראָן האָבן זיך אויף אַזוי פיל פאַרגרעסערט, אַז מ׳האָט געמוזט אָנהויבן אויסאַרבעטן געהילצן אויך אויפן „גרינעם האָלעם", אַ שכנותדיקער האָלעם אויף דער אַנדערער זייט פון דער „גרויסער דווינע" — העכער פון „האַזנהאָלם". ס׳איז עליען געוואָרן נאָך שווערער. אנשטאָט איין געהילץ-פלאַץ, האָט ער, אויסער די וועלדער, אויף זיך איצט געהאַט צוויי געהילץ-פלעצער. ס׳האָט אים אָבער ניט פאַרדראָסן, וואָס ער האָט דערלאָזן דאָס בויען פון די מייקעס אויפן זווירנהאָלם.

אַז דער ווינקל האָלעם אַרום שול איז געוואָרן געדיכט מיט מייקעס, האָט עליע אָוועקגעשטעלט אַ הויכן פלאַנקען אַרום שאַמיראָס געהילץ-פלאַץ. דער פלאַנקען האָט געהאַט דעם ציל מ׳זאָל מער ניט בויען קיין מייקעס, ווייל מער קיין אָרט אויפן זווירנהאָלם האָט ער ניט גע-קאָנט געבן. דער פלאַנקען האָט אַרומגעכאַפּט דעם גרעסטן טייל פון האָלעם און אין דעם איבעריקן טייל איבערגעלאָזן אַלע מייקעס פון ניט שאַמיראָס מענטשן, כאָטש אויך זיי פלעגן גאַנץ אָפט אַרבעטן ביי שאַמיראָן.

ניט געקוקט אויפן פלאַנקען, האָט די צאָל יידן אויפן זווירנהאָלם ניט אויפגעהערט צו וואַקסן. מיט יעדן יאָר זיינען אויפן האָלעם אָנ-געפאָרן אַלץ מער און מער אומגעמעלדעטע יידן און זיך צעשפּרייט איבער די פליטן אין די שטרויענע ביידלעך. געאַרבעט האָבן זיי וואו ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. די שול איז אַלע שבתים געווען פול און ימים נוראים איז ניט געווען וואו אַ שפּילקע אַריינצוּוואַרפן.

וואָס ענגער ס׳איז געוואָרן אויפן זווירנהאָלם, אַלץ געדיכטער האָבן גענומען ווערן די קופּקעלעך יידן אויף די אַנדערע העלעמער. אויפן „האַזנהאָלם" האָט מען שוין אויך געדאַוונט מיט אַן אייגענעם מנין. ס׳האָט אויך גענומען אַריבערשלאָגן מיט יידישע קופּקעלעך אויף מאַסקווער פאָרשטאָט. מ׳האָט זיך פון זווירנהאָלם און פון די אַנדערע

העלעמער אַריבערגעקליבן אין „שטאָט" און די מייקעס אַרויסגעדונגען צו ניי־געקומענע יידן אויפן האָלעם. ס'האָבן זיך אויך גענומען אָב־קלייבן אמתע יידישע באַלמעלאָכעס פון די שטעטלעך קיין ריגע און זיך באַזעצט אויך מאָסקווער פאָרשטאָט. ס'האָבן זיך געעפנט יידישע קראָמען, זיך געיאָוועט אייגענע שוחטים, מוהלים. מ'האָט אָנגעשטעלט עטלעכע רבנים, ס'האָבן זיך געעפנט יידישע שאַרן מיט כשר פלייש און — עטלעכע שולן.

דער בית־עלמין, — ווייט הינטער מאָסקווער פאָרשטאָט, — מיט שטיינערנע היכלס און מאַרמאָרנע מצבות, מיט דייטשישע אויפשריפטן אויף זיי, האָבן עדות געזאָגט, אַז ערגעץ־וואו אין ריגע וואוינען זייער רייכע דייטשישע יידן. מ'האָט געהערט, אַז ערגעץ־וואו אַרום „אַלט־שטאָט" געפינט זיך זייערע אַ כאָר־שול מיט אַן אָרגל און זיי דאַוונען דאָרט אין דייטשישע סידורים. דאָס זיינען אָבער געווען פאַר די יידן אויף די העלעמער, ווי פאַר די יידן אויף מאָסקווער פאָרשטאָט, — פרעמדע און זייער ווייטע גויאישע יידן. ס'האָט ניט געצויגן ניט צו זיי און ניט צו זייער שול.

דאָס איינציקע, וואָס האָט צום־ערשט מיט זיי פאַרבונדן, איז געווען זייער מוהל, וואָס איז אויך געווען דער שוחט. איצט האָבן זיך אַפילו די דאָזיקע פעדים אויך איבערגעריסן. דאָס איינציקע, וואָס האָט זיי איצט פאַראייניקט, איז געווען דער שוואַרצער וואָגן מיטן „צדק לפניו יהלך", וואָס האָט אַלעמען געפירט מיט איינעם און דעם זעלבן — לעצטן וועג.

צווישן די אַריבערגעקליבענע אויפן האָלעם איז אויך געווען שלמהקע מיט זיין מלכהלען.

מלכהלע

שלמהקעס איז געווען אַ ווייבל קוים אַריבער־געכאַפּט די איין־און־צוואַנציק — הויך, ברייט אין די פּלייצעס, מיט אַ טיף־טונקעלער ציגיינערישער שיינקייט. אַ פּנים האָט זי געהאַט אַ לענגלעכן מיט אַ שאַרפער געמבעטשקע, אויגן שוואַרץ־קאַרשנדיקע מיט אַ שעלמיש ברענעלע אין זיי. אוירינגלעך האָט זי געטראָגן גרויסע, רעדערדיקע, בלישטשענדיקע, מיט אַ סך שנירלעך קאָלירטע פּאַטשערקעס אַרום איר האַלדז. געדיכטע שוואַרצע צעפּ זיינען איר געהאַנגען אויפן פּראַנט. אַ בוזים האָט זי געהאַט אַ הויכן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין וויגן אויף איר. דערצו האָט זי געטראָגן בלוזקעלעך, וואָס האָבן

ווי געהעריק אירע בריסטן ניט צוגעדעקט. א קליידל האט זי גע־טראגן, א שארף־קאלירטס, שמאל ארום איר טאליע, אבער ברייט אראפ מיט א סך ציגיינערישע פאלדן, וואס האבן זיך געהאלטן אין איין דרייען ארום איר. א גענגעלע האט זי געהאט א פלינקס, א בריה־דיקס, אזוי אז מיט יעדן קער אירן, האט זיך אלץ אויף איר און ארום איר געהאלטן אין איין דרייען, וויגן און באוועגן זיך.

דאס איז געווען א פינף וואכן נאכדעם, ווי שלמהקע — א הויכער, רויטער יאקארשטשיק פון א יאר פיר־און־צוואנציק, — האט זיך מיט זיין מלכהלען ארויפגעקליבן אויפן זווירנהאלם.

ס׳איז געווען א הייסער זוניקער נאכמיטיק. ער איז געפארן אויף צווי באלקנס איבערן מיטן פון דער „גרויסער דווינע״, שטופנדיק זיך אין גרונט מיט א לאנגן באהאר; געפירט די באלקנס פון איין געהילץ־סוחר צום אנדערן. אין הויכע שטיוול, אן א העמד, די הויזן פארספראנזקעט ארום הוילן בויך, די רויטע האר ארויפגעזיפט מיט די פינגער אינדערהויך, מיט א רויטער בארשט הערלעך איבער דער ברייטער ברוסט, האט ער אויסגעזען גיבורדיק און זיכער.

אים אנטקעגן איז אנגעפארן אין א שיפל נחמן טשופרינע, שאמיראס פריקאזטשיק אויפן זווירנהאלם.

— שלמה! — האט נחמן א געשריי געטאן פונדערווייטנס און פארלאנגזאמט דעם גאנג פון זיין שיפל.

— וואס, נחמן?

— האסט געלייענט דיין ווייבלס כתובה?

— אונטערגעשריבן אין וואסער בלינדערהייט! וואס שטייט דארטן?

— לחם לאכול ובגד ללבוש! פארוואס קויפסטו ניט דיין ווייבל עפעס — צוצודעקן די כלים?...

— כ׳האב זי האלטער אזוי ווי זי איז! — האט שלמהקע לאכנ־דיק געענטפערט.

— זי פטרט די ווייבלעך די אויגן, און די מאנסבילן האבן אויך אויפגעהערט צו זען ווי ס׳באדארף צו זיין!...

— גוט אזוי! — האט שלמהקע הנאהדיק געלאכט. — זאל ניט קוקן ווער ס׳קאן ניט! און פאר די ־אויגן ארט מיך ניט! בעסער מיט קאסאקע ארום!...

— מ'וועט זי אָוועקנעמען פון דיר! אויף איר הענגען אַ סך אויגן!... איך וואָלט געווען יינגער, וואָלט איך זי דיר אויך ניט איבערגעלאָזט!...

— ווער ס'קאָן, זאָל נעמען! — האָט שלמהקע געענטפערט צו־פרידן, וואָס מלכהלע נעמט אַלעמען ס'לעבער און מ'פאַרגינט זי איר ניט, און ווי אויף צוויי לאַנגע שווימענדיקע שטיבליעטן, זיך אָוועק־געשטופּט אויף די צוויי באַלקנס אַרויף־טייך, איבערלאָזנדיק נחמן טשופּ־רינע הינטער זיך.

שלמהקע דער רויטער איז אַראָפּגעקומען מיט זיין מלכהלען און קינד אויפן זווירנהאָלם באַלד נאָך היי־יאָריקן פּסח — ווי נאָר ער האָט אַרויסגעקראָגן זיינע רעכט צו וואוינען אין ריגע אויף זיין שוסטעריי.

ער האָט געדונגען אַ ליידיקע מייקע פון אַ האָלעמישן יידן, וואָס האָט זיך אַריבערגעקליבן אויף מאָסקווער פאָרשטאָט, ביים פענצטער אין קיך אָוועקגעשטעלט אַ שוסטער־טישל מיט אַ בענקל, אָנגעוואָרפן אויפן טישל שוסטערשע געצייגן, געקויפט לעדער פאַר פאָדעשוועס און יוכט פאַר שטיוול און געוואָרן אַ שוסטער אויפן זווירנהאָלם. אָבער צוגערירט צו דער שוסטעריי האָט ער זיך פון יוצא וועגן: טאָמער קומט נאַטשאַלסטווע אַ קוק טאָן, צי ער פאַרנעמט זיך מיט זיין שוסטעריי.

אַ שוסטער־יינגל ביים טאַטן פון קליינוויז־אָן, האָט שלמהקע פיינט געהאַט די שוסטעריי ווי דעם טויט. אַנטלאָפן פון טאַטנס קאַפּילן — נאָך קיין צוועלף יאָר ניט געווען — מיט אַ פאַרבייגייענדיקער לייווע מיט תבואה אויף דער אוליאַנקע און אַזוי אָנגעקומען אין ריגע. פון קליינוויז האָט געהאַט צו פלעסקען זיך אין דער אוליאַנקע, איז ער פאַרבליבן וואַלגערן זיך אויף די דווינעס און אויסגעוואַקסן אַ יאַקאַר־שטשיק אָן אייזן. געווען אַ ריי ווינטערן ביים האַקן וועלדער, האָט ער עס נאָך מער פיינט געקראָגן, ווי דעם טאַטנס שוסטער־טישל, און אַ שפּיי געטאָן אויף דעם:

— פאַרשפּאַרן זיך אויף גאַנצע ווינטערן אין די וועלדער אָן איין מויד אַרום? ניט פאַר מיר, בראַטיקעס! איך האָב אין ד'רערד אַזעלכע פאַרצעניאַנעס! זאָלן עס אַנדערע טאָן!

פלעגט ער שוין פון דעמאָלט אָן קומען צוריק צום טאַטן אויף די

ווינטערן אין אולע. צו די קאַפּילן האָט ער זיך אָבער ניט צוגערירט, כאָטש געקאָנט די מלאכה. פונעם אָפּגעשפּאָרטן געלט פאַר די זומערן געגעבן צושטייער אין שטוב, און מיט די הענט אין די קעשענעס זיך געדרייט אַרום די מוידן.

גיבורדיק און שיין, האָבן מוידן געקלעפּט צו אים. אַ פאַרדינער דורך די זומערן און אַ בן־יחיד מיט ערשטער ליגאָטע אין קעשענע, האָבן שדכנים שיער ניט אָפּגעבראָכן די זאָוויעסעס פון די טירן. ער האָט זיי אָבער געטריבן פון זיך מיט פלעקער:

— כ׳וועל דאַרפן, וועל איך אַליין געפינען!...

געוועזן איז עס פאַר־פיר־יאָרן, אַ וואָך אָנדערהאַלבן פאַר זיין, שלמהקעס, שוועסטערס חתונה. די חופה האָט מען געזאָלט שטעלן דעם צווייטן פרייטיק נאָך שבועות. איז ער שוין יענעם נאָך־פסח געבליבן אין אולע איבער דער שוועסטערס חתונה.

געצויגן האָט אים דאָן צו אַ פלאָם־צאָפּיקער שיקסע, אויפן ווייטן ברעג פון דער גרויסער אָזערע, וואָס הינטער אולע. דערזען זי איין־מאָל איינע אַליין אויף צוריק פון אַ יאַריד, און אים זייער שטאַרק אַריין אין אויג, האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט צו איר אויפן וואָגן, און ווערטלענדיק זיך און לאַכנדיק, אַזוי אָנגעקומען צו איר אַהיים. און פון דעמאָלט אָן געהאַנגען אַרום איר.

ניט געפונען זי איינמאָל אין דער אַלטער גויעס כאַטע — די שיקסע האָט קיין טאַטן ניט געהאַט — האָט ער, ביז זי וועט קומען פון דערבייאיקן הינטערוואַלדיקן דאָרף, גענומען דער גויעס שיפל און אַוועקגעפאָרן איבערן אָזערע.

ס׳איז געווען אַ זייער הייסער נאָך־שבועותדיקער טאָג — נענטער צום אָוונט. די זון האָט געפּאַליעט פון אינדערפרי אָן און איצט פאַר־גאַנגען. אונטערן שיפל האָבן געבערענט קופּערנע וועלדער. ער איז געזעסן אויפן מיטלסטן ברעטל, איבערגעלייגט, ניט געאיילט, די רודערס און די אויגן געהאַלטן ווייט אויפן געשלענגלטן וועג פון וואַלד אַרויס, וואָס האָט געפירט פונעם דערבייאיקן דאָרף — צי ווייזט זיך ניט אַ פורל פון דאָרטן. אַז ער האָט זיך געפונען ביי אַ פערטל וויאָרסט פון ברעג, האָט ער דערהערט פון וואַסער אַרויס אַ קלינגענדיקן מיידלשן קול:

— רויטער! האַ, רויטער!...

ווי געטראָפן מיט אַ שפּיציק שטיינדל אין פּאָטילניצע, האָט ער שאַרף זיך אַ קער געטאָן. אין וואַסער, ניט ווייט פון זיין שיפל, איז געשוואומען אַ הויכבוזימדיקע ציגיינער־מויד פון אַ יאָר זיבעצן, מיט אַ לענגלעכן פּנים און שאַרפער געמבעטשקע, שעלמיש־לאַכנדיקע אויגן, לאַנגע צעפּ איבערן וואַסער, בלישטשענדיקע רעדער־אוירינגלעך אויף די אויערן, איינגאַנצן איינגעטונקט אין אונטערוואַסערדיקן קופּער. דער־זען איר הוילן אויסגעטאָקטן לייב, האָט עס אים, ווי מיט פייער, אַ פּליוכע געטאָן אין די אויגן.

— קאָנסט עפּעס שווימען, רויטער, הא, רויטער? — האָט די מויד פון וואַסער אַ געשריי געטאָן?

— ווי אַ פיש, הויכבוזימדיקע! — איז שלמהקע געקומען צו זיך פון דער פאַרכאַפּטקייט, מיט די אויגן איינגעפרעסן אין איר.

— טאָ ווייז וואָס דו קאָנסט, אויב דו קאָנסט! — האָט די מויד ווידער פון וואַסער אַ געשריי געטאָן. — וועסט זיך טרינקען, וועל איך דיך אַרויסשלעפּן!...

— מיט דיר, סמאַליענדיקע פּאַווע, אין פייער און אין וואַסער! — האָט ער, פאַרכישופט פון דער שעלמישער מויד, אַ געשריי געטאָן צו איר, אין איין מינוט ביזן לעצטן פאָדים אַלץ אַראָפּגעוואָרפן פון זיך, און מיטן קאָפּ־אַראָפּ אַריין נאָך איר אין וואַסער. זי האָט זיך אַוועקגעיאָגט פון אים ממזריש לאַכנדיק, ער נאָך איר. זי האָט זיך געריצט מיט אים: געהאַלטן זיך נאָענט פון אים, אָבער זיך ניט געלאָזט כאַפּן. געמאַכט פאַרשיידענע קונצן אין וואַסער און געצוואונגען אים צו יאָגן זיך נאָך איר אין די טיפן, און אַזוי לאַנג געוועזן אונטערן וואַסער, אַז ער האָט עטלעכע מאָל געמוזט אַרויפשווימען נאָך אַ ביסל לופט. צולעצט, אַז ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן, האָט זיך זיך אַרויס־געגליטשט פון אים און מיט מוראדיקער שנעלקייט זיך אַוועקגעטראָגן צום ברעג, פאַרקלינגענדיק די אַזערע מיט איר רייצנדיקן געלעכטער. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט נאָך איר. זי איז די ערשטע געקומען צום ברעג און אַרויסגעלאָפן פון וואַסער צו אירע קליידער אונטער די בוימער. אָבער איידער זי האָט נאָך באַוויזן עפּעס אַרויפצוואַרפן אויף זיך, האָט ער זי שוין געהאַלטן אין זיינע הענט.

אָבער — דאָ האָט זי אים שוין באַגראָבן אינאיינעם מיט דער שיקסע.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט ער מיט איר חתונה געהאַט — איין וואָך נאָך זיין שוועסטערס חתונה. און אונטער דער חופּה, ביי זיי,

טאַטן אין שטוב, ער איז געשטאַנען, אים אויף צו להכעיס, מיט אַ שעלמישער, אָבער כּשרער יידישער מויד.

באַלד נאָך דער חתונה איז ער אַוועקגעפאָרן מיט איר קיין ריגע אויף די דווינעס.

אין אולע, אין איר טאַטנס פּישער־שטיבל, האָט זי געלאָזן אַ שטיפמאַמען מיט אַ שטיפשוועסטערל פון אַ יאָר דריי. די גאַנצע משפּחה, אינאיינעם מיט טאַטן און מאַמען, האָט זי איבערגעלאָזט אונ־טער ברעטלעך אויפן אולער בית עלמין. די שטיפמאַמע איז אַפילו צו איר חתונה ניט געקומען.

ס'איז געווען זונטיק אַרום זעקס אינדערפרי. די זון איז נאָרוואָס אַרויסגעקראָכן פון הינטערן אויסגעבראָנזטן מזרח און נאָך אַ האַלב־פאַרשלאָפענע זיך געפּאַטשאַוועט אַנטקעגן טייך, וואָס האָט זי אַריינגענומען אין אירע רויטע גלאָזן.

אויפן טייך איז געלעגן אַ זונטיק־פרימאָרגנדיקע שטילקייט. די „אַגאַראַדן" האָבן נאָך אין זיך געהאַט אַ היפּש־ביסל געהילצן, אָבער עס זיינען שוין געווען אַ סך ליידיקע ערטער אויפן טייך. אַ סימן, אַז דער זומער האָט שוין היפּשלעך אַריבערגעשפּאַנט דעם אַנדערן האַלב תּמוז.

אויף די אָפּגעליידיקטע שטיקער טייך זיינען געווען צעוואָרפן זונטיקדיקע פּישכאַפּער־שיפלעך, פאַראַנקערט מיט אַראָפּגעוואָרפענע שטיינער אויף שטריק. די זונטיקדיקע פּישער זיינען געזעסן אין די עקן פון זייערע שיפלעך מיט לאַנגע פאַרוואָרפענע אודעס, געראָיכערט — איינע פּיפּקעס, אַנדערע פאַרדרייטע מאַכאָרקעס — און געדולדיק גע־וואַרט אויף אַ צאַפּל פון די פּאָפּלאַווקעס, כּדי ניט צו פאַרפעלן אין צייט אַרויסצוכאַפּן עפּעס אויף די אָנגעוואָרעמטע האַקנס.

איבערן טייך האָבן חגאדיק געשלאָגן די ערשטע זונטיק־גלאָקן, און אין הודיענדיקע רעדער זיך געטראָגן ברייט און ווייט.

פון אַ מייקע אויפן הויכן ברעג זווירנהאָלם, אונטער אַ יונגן ברייט־צעצווייגטן בוים, איז אַרויס מלכהלע שלמהקעס. זי איז נאָך געווען פאַרשלאָפן.

— וואוהין אַזוי פרי? — האָט זיך דערהערט פון מייקע שלמהקעס פאַרשלאָפענער קול.

— בחורים וואַרטן אויף מיר אויפֿן דווינע, — האָט מלכהלע געענטפֿערט.

— זאָל דיר וואויל באַקומען! זע ס'זאָל זיין עפּעס רעכטס! כ'זאָל זיך ניט דאַרפֿן שעמען מיט דיר!

— קויל־שוואַרצע! קיין איין רויטער ניט!

פֿון מייקע האָט זיך אַרויסגעטראָגן שלמהקעס פֿאַרשלאָפֿענער געלעכטער.

מלכהלע איז געווען באָרועס, אין אַ ברייט־צעפֿאַלדעוועט ציטענעם אונטערקליידל, די רעדערדיקע אוירינגלעך אויף די אויערן און אירע צעפּ האַלב צעשאָטן. זי איז ניט געווען איינגעוואַשן. די ווייסע בלוזקע האָט קוים אַריבערגעכאַפּט די נאָפּלען פֿון אירע בריסטן, און די אַר־בעלעך האָבן אַפֿילו ניט איבערגעדעקט די שולטערן. פֿון אונטער אירע יונגע, געזונטע, טונקעלע אָרעמס, האָבן זיך אַרויסגעזען שוואַרצע זיידענע הערעלעך. פֿון איר האָט געטראָגן מיט אויסגערוטער פֿריש־קייט און פֿרימאָרגנדיקער אויסגערויטלטקייט.

זי האָט אַרויסגענומען פֿונעם דערבייאיקן שטעלכל אַ ליידיקן הילצערנעם עמער, גענומען אַ רודער פֿון די אָנגעשפּאַרטע רודערס און באָהאָרעס אין וואַנט פֿון מייקע און פֿלינק אַוועק צום ברעג פֿון דער „קליינער דווינע". זי איז אַריינגעשפּרונגען אין זייער אַלטן שיפֿל, וואָס איז געשטאַנען לעבן קלאָדקע אין וואַסער, אַוועקגעשטעלט דעם עמער, זיך אָפּגעבונדן, אָפּגעשטויסן זיך פֿון ברעג, און — אַוועקגע־שטעלט זיך אויפֿן הויכן זיץ אין עק שיפֿל, — מיטן רודער, ווי מיט אַ לאָפּעטע, גענומען גרעבען דאָס וואַסער. דאָס שיפֿל האָט זיך אַוועק־געגליטשט אַרויף דער „קליינער דווינע", וואו ס'איז געווען אָנגע־פּיקעוועט מיט די שיפֿלעך פֿון די זונטיקדיקע פֿישכאַפּערס. פֿון איר גרעבען מיטן רודער האָט זיך אַלץ אויף איר און אַרום איר געהאַלטן אין דרייען, וויגן און באַוועגן זיך, און געצויגן די אויגן פֿון די פֿיש־כאַפּערס.

— אַ סך פֿיש אַרויסגענאַרט? — האָט מלכהלע אַ געשריי געטאָן פֿון ווייטן צו די פֿישכאַפּערס אין איר גויאיש, ווי זי האָט אַלעמאָל ליב געהאַט צו פֿאַרטשעפּען אומבאַקאַנטע מענער.

— קלוג געוואָרן! לאָזן זיך ניט! — האָט מען צו איר געשריען פֿון די פֿישער־שיפֿלעך, צופֿרידענע פֿון איר אַריינרייסן זיך אין זייער לאַנג־שעהדיקן דערעסענעם שווייגן.

— מוידן וואָלטן אַזוי געוואָרט אויף כלאָפּצאָקעס, וואָלטן זיי

אַריינגעזעסן אין גרויע צעפּ! — האָט זי צוריקגעשריען, גרעבענדיק אָן איבערדרייס מיט שאַרפע שטריכן. — גלעקלעך אויפן גרונט פון טייך זיינען נויטיק, אָט וואָס!...

— וועלן ניט העלפן! צו־קלוג געוואָרן! — האָט מען איר גע־ענטפערט פון אַלע זייטן, ווי יעדערער וואָלט געזוכט צו כאַפּן מיט איר אַ וואָרט.

— ווערים אויף שפּיציקע גלעקעלעך איבערן גרונט!...

— ביזט באַמאַנט? שוואַרץ־אויגיקע?

— באַמאַנט!...

— ווי האָסטו אים געכאַפּט?

— אויף גלעקעלעך פון וואַסער אַרויס!

— מוז זיין אַ נאַרישער פיש!

— אַ רויטער דורכגעטריבענער ממזר! נאַרישע פיש זוך איך ניט!

די פישכאַפּערס האָבן געלאַכט אויפגעלעבטע.

— נאָך פיש אַ כאַפּ טאָן, שוואַרץ־אויגיקע?

— נאָך פיש!

— מירן זען וואָס דו וועסט באַווייזן! — האָט מען ווידער צו איר געשריען.

— וועל באַווייזן! — האָט זי געענטפערט. — פון קינדוויז אָן ביי פיש! דער טאַטע געווען אַ פישער, דער זיידע אַ פישער און דער עלטער־זיידע אויך!

זי איז צוגעפאָרן צו אַן אָרט, וואו אַ לענגלעך שטיקל האָלץ האָט זיך מיט אַן אַראָפּגעזונקענעם עק אומבאַוועגלעך געהאַלטן אויפן וואַסער, אָוועקגעלייגט דעם רודער, אַרויסגעהויבן מיטן שטיקל האָלץ פון וואַסער אַ שטריקל מיט אַ שטיין, און פון שטיין האָט זיך געצויגן, פון גרונט אַרויס, אַ לאַנגער שנור מיט פישער־האָקנס. כמעט אויף יעדן האָקן האָט זיך געוואָרפן און געריסן אַ פיש. פון עטלעכע און צוואַנציק האָקנס זיינען בלויז פיר געווען ליידיקע מיט אַראָפּגעפרעסענע ווערים. אַז זי האָט אַרויסגעצויגן דעם לעצטן שטיין פון דער אַנדער זייט שנור און אַראָפּגענומען די פיש פון די האָקנס, איז ביי איר געווען אַ פולער עמער מיט אָקוניעס, העכטלעך און שלייענס.

— געזען? — האָט זי באַרימעריש אַ געשריי געטאָן צו די פישכאַפּערס, ווייזנדיק זיי דעם עמער פיש. — אָט אַזוי דאַרף מען זיי כאַפּן!

— אַ שאָד, ניט געוואוסט! מיר וואָלטן זיי אַראָפּגענומען פון די האָקנס איידער דו ביזט געקומען! — האָט מען צו איר געשריען.

— מורא געהאַט דערפאַר! — האָט זי צופרידן צוריקגעשריען.

און צונויפגעלייגט דעם שנור אין אַ בייגל, די האָקנס זאָלן זיך ניט פאַרפּלאָנטערן איינער אינעם אַנדערן, האָט זי, אומדערוואַרט פאַר די פישכאַפּערס, אַראָפּגעוואָרפן די קליידער און מיטן קאָפּ־אַראָפּ אַריין אין וואַסער און — ניט געוואָרן. די פישכאַפּערס, געפּלעפטע פון איבעררּאַשונג, האָבן זי געזוכט אַ היפּשע ווײַלע מיט די אויגן אין אַלע זייטן, און ערשט, אַז זיי זײַנען געוואָרן זייער שטאַרק אומרואיק פון איר ניט אַרויס אַזוי לאַנג פון אונטערן וואַסער און זיך גענומען גרייטן אַרויסצולאָזן זיך זוכן זי, האָט זי אַרויסגעטויכט אין אַן אומדערוואַרטן אָרט, זייער ווייט פון איר שיפל. זי האָט אָפּגעאָטעמט און זיך אַוועקגעלאָזן אין קונצן איבערן וואַסער.

די פישכאַפּערס האָבן זיך צופרידענע און לאַכנדיקע צוכאַליערעט אויף איר חשבון און מיט די אויגן נאָכגעלאָפן איר רייצנדן לייב אויפן וואַסער.

— דיין מאַן היט דיך ניט גוט! — האָבן עטלעכע פישכאַפּערס צו איר געשריען.

— ער וועט דאַרפן היטן, וועט ער ניט איינהיטן! — האָט זי פון וואַסער אַרויסגעשריען צו זיי און דערביי געמאַכט פאַרשיידענע קונצן אין וואַסער.

זיך דורכגעשוואומען, האָט זי אָנגעיאָגט דאָס אַוועקגעטראָגענע שיפל, אָנגעכאַפּט עס ביי אַ זייט, מיט איין צי זיך אַריינגעגליטשט אין אים, אַרויפגעוואָרפן ס'העמד און קליידל, אויסגעדרייט די צעפּ פון וואַסער, מיטן רודער זיך ווידער געשטעלט אויפן זיץ אין עק שיפל, און גרעבנדיק, צוריק אַוועקגעפאָרן אַהיים.

צוגעבונדן דאָס שיפל צום קלאָדקע, האָט זי גענומען דעם רודער, דעם עמער פיש און דעם צונויפגעבייגלטן שנור מיט האָקנס און, כמעט לויפנדיק, אַוועק צום מייקע. פון מייקע האָט זיך געריסן אַ שאַרף, פאַרגייענדיק געוויין פון אַן עופעלע.

— איך בין דאָ, איך בין דאָ! — האָט מלכהלע איילנדיק אַרייןגעשריען צום קינד אין מייקע. — דיינס קיינעם ניט אַוועקגעגעבן!

זי האָט אַוועקגעשטעלט דעם רודער צום וואַנט פון מייקע, דעם עמער פיש — אין שאָטן פון בוים, דעם שנור מיט האָקנס אויפגעהאַנגען אין שטעלכל, אַריינגעלאָפן אין מייקע און באַלד אַרויס מיט

אַ געװיקלט, שאַרף־װײַנענדיק עופּעלע. זי האָט זיך פֿלינק אָװעק־געזעצט אויפֿן באַנק אונטערן בוים און אַרײַנגערוקט אים אַ ברוסט אין פּיסקל. דאָס קינד האָט זיך צוגעכאַפּט און שטיל געװאָרן.

— געװאואוסט, אַז הונגעריק, געװאואוסט... — האָט זי גערעדט צום קינד און אים געגעסן מיט די אויגן.

— אַ סך בחורים געװאַרט אויף דיר? — האָט זיך דערהערט שלמהקעס קול פֿון מײַקע.

— אַ פּולער עמער און קײן אײן רױטער ניט! — האָט מלכּהלע געענטפֿערט. — קריך אַרויס פֿון בעט און גײ שװים זיך דורך. דאָס װאַסער איז גאָלד!

שלמהקע איז אַרויס פֿון מײַקע אַ באָרװעסער, אָן אַ העמד, די רױטע האָר צעשױבערט, די ברוסט מיט דער באַרשט רױטע הערעלעך, און אַרומרימענענדיק די הױזן אַרום הױלן בױך, צוגעגאַנגען צום עמער פֿיש.

— אַהאָ! װען האָסטו באַװיזן אָנצוכאַפּן אַזױ פֿיל פֿיש? דאָך נאָר־װאָס אַרויס פֿון מײַקע?!

— אויף אַ שנור.

— װאו האָסטו גענומען אַ שנור?

— אַלײן אויפֿגעמאַכט. אָנגעגראָבן װערים און נעכטן מיט זון־פֿאַרגאַנג פֿאַרלײגט.

— װאָס װעלן מיר טאָן מיט אַזױ פֿיל פֿיש?

— פֿינף פּריקאַזטשיקעס האָב איך הײַנט אויף װאַרמעס. ס׳װעט בלײַבן אָנדערהאַלבן רובל פֿאַרן קניפּל.

— װאו האָסטו געכאַפּט גאַנצע פֿינף פּריקאַזטשיקעס?

— װי דעם רױטן הערינג, — פֿון װאַסער אַרויס! — האָט מלכּהלע אַ שעלמעװע געטאָן. — אַרויסגעפּאָרן אויפֿן טײַך און געכאַפּט!

שלמהקע האָט זיך הנאהדיק צעלאַכט.

— כ׳האָב אויסגערעכנט, — איז מלכּהלע איבערגעגאַנגען אויף ערנסט, — אַז איך זאָל קאָנען האָבן כאָטש אַ דרײַ פּריקאַזטשיקעס פֿאַר די זונטיקס און אַ פֿינף־זעקס פֿאַר די שבתים און יום־טובים, װאָלט מען געקאָנט אײַן חדר אויספּוצן אַזױ, אַז מ׳זאָל קאָנען אַרײַנלאָזן ניט נאָר פּריקאַזטשיקעס, נאָר אויך װאַלד־סוחרים פֿאַר שבתדיקע און יום־טובדיקע װאַרמעסן. און מיט אַרבעט װינטער בײַ דײַן טישל װעט זיך אָנקלײַבן מיט װאָס די הענט פֿאַנאַנדערצונעמען — פֿאַר עפּעס ברײַטערס. איך װײס נאָך ניט אַקוראַט װאָס...

שלמהקע איז, מיט אַנשפּאַר פון טיפער ליבשאַפט, צוגעגאַנגען צו איר, אַרומגענומען זי פון הינטן אין זיינע אָרעמס און זיך איינגעגעסן אין איר מיט די ליפּן.

— אויב דו גייסט ניט אַוועק, וועל איך דיך אויפעסן... — האָט מלכהלע, האַלטנדיק ס׳קינד ביים ברוסט מיט איין האַנט, מיט דער אַנדערער אַרומגענומען זיין קאָפּ און זיך איינגעגעסן אין אים.

אַז זיי האָבן זיך אָנגעקושט, איז שלמהקע געבליבן הינטער איר, האַלטנדיק זי אַרומגענומען, מיט זיין באַק צו אירער.

— גרויסע זאַכן האָסטו פאַרטשעפּעט מיט די האָקנס! פאַרוואָס האָסטו מיר פריער ניט געזאָגט וועגן דעם?

— געוואָלט זיין זיכער צי ס׳לוינט זיך וועגן דעם צו רעדן.

— איך קלער די גאַנצע צייט, מלכהלע, אַז דער קניפּל וועט אויסוואַקסן, צו קויפן אַ שיפּל מיט אייגענעם יאַקאַרסקן אינסטרומענט. אונדזער שיפּל טויג פאַר דעם ניט. פאַר אַרבעטן אויף פרעמדן אינסטרו־מענט צאָלט מען פון האַנט אין מויל. מיט איין אייגן שיפּל איז שוין גרינגער צו אַ צווייטן מיט אַ פּאָר יאַקאַרשטשיקעס. נאָכדעם אַ דריטס, אַ פערטס און אַ פינפטס. און פון פינף צו אַ גרויסן פּאַדראַדטשיק, איז עטלעכע שפּרונגען. נאָכדעם אַן „אַכציקער״, און פּטור פונעם שוסטער־טישל! און אמתע פּערל אָנשטאָט גלעזערנע פּאַטשערקעס, און אַנטאָן דיך, ווי אַ מלכה! אַ קוק טאָן אויף דיר זאָל אַלעמען ברענען אויף די הערצער! געציטערט וועגן דעם זיך אַפילו מיט אַ האַלבן וואָרט אַרויסצוכאַפּן! אָט וואָס דאָס מיינט!...

— גערעכט וועגן עפּעס אַזוינס... — האָט מלכהלע געענטפערט און מיט ליבשאַפט אים צוגעצויגן צו זיך.

ביידע האָבן זיך ווידער צונויפגעגאָסן אין אַ טיף־ליבנדיקן קוש.

צום ערשט איז מלכהלעס גאַנגעלע, אירע שטיקלעך, איר שאַרפער אויפרייצערישער פּיסקל צווישן מענער, געווען פריקרע די האַלעמישע ווייבלעך. אָבער איר שפּרודלדיקע יוגנט, איר חן און דער עיקר די טיפע ליבשאַפט צווישן יונגן פּאָרל, האָבן אויסגעקויפט אַלע אירע „עבירות״ און מ׳האָט זיך צוגעוואוינט צו איר.

פאַר די מאַנסבילן איז איר דורכגאַנגעלע, אירע שאַרף־אונטער־געווירצטע ווערטלעך דווקא צווישן מענער, געווען ווי אַ שאַרף ביסעלע משקה. מ׳האָט זי אַפילו ליב באַקומען דערפאַר. אַפילו איר שאַרף

אָפּבריען, ווען אימיצער האָט געפּרוּווט לאָזן אַ האַנט אַרום איר, האָט אויך געהאַט איר אייגענעם חן.

נאָך יום־טובֿים האָבן זיך די דווינעס, ווי אַלע יאָר, אָפּגערייניקט פֿון געהילצן. אַרבעט אויפֿן טײַך איז געוואָרן אַלץ ווייניקער און ווייניקער. מיט די קעלטן איז געקומען טיוגע, נאָכדעם האָבן אַ קלאַפּ געטאָן די פֿרעסט, און מיטן פֿאַרקאַווען פֿון די דווינעס, איז אַלץ אויפֿן טײַך אָפּגעשטאָרבן.

אין ווינטער זײַנען שלמהקע מיט מלכהלען אַרײַנגעפֿאַרן מיט אַ גאַנץ פֿײַנעם קניפּל. צו פֿאַרהיטן דעם קניפּל פֿון אויסרינען, האָט זיך שלמהקע אויף אַן אמת אָוועקגעזעצט בײַם שוסטער־טישל. אָבער נײַען נײַע שיך איז ניט געווען פֿאַר וועמען. פֿון לייגן לאַטעס איז ניט געווען קיין וואַסער אויף קאַשע. האָט ער אויפֿגענייט אַ פּאָר שטיוול און מלכהלע האָט זיי אַוועקגעטראָגן אויפֿן טאַלקוטשקע, אויף מאַסקווער פֿאַרשטאָט, פֿאַרקויפֿן. האָט זיך עס ניט פֿאַרקויפֿט. אָפּגעפֿאָרן גאַנצע טעג אויפֿן טאַלקוטשקע און געקומען מיט זיי צוריק. צו־גוט געמאַכט, ניט געקאָנט אומזיסט אַוועקגעבן. הורטאָווניקעס האָבן געבאָטן מיט אַ פֿינגער אין אויג — קוים באַצאָלט פֿאַרן לעדער. קיין טאַנדעטנע אַרבעט ניט געקאָנט מאַכן. אַרבעט פֿון דער זײַט? ווער וועט פֿון מאַסקווער פֿאַרשטאָט זוכן אַ שוסטער אויפֿן זווירבהאָלם?

אַפֿילו מיט פֿאַרקויפֿן ביסלעכווײַז דאָס ביסל אָנגעקליבענע האָלץ אויף די דווינעס, האָט מען אַלץ געמוזט לעבן מער אויפֿן קניפּל. דערצו איז דאָס קינד ניט געזונט געוואָרן. מיטן טויט פֿונעם ערשטן קינד אין אַ בײַדל אויף אַ פּליט פֿאַרצווייט־יאָרן, האָט מען זיך אַ וואָרף געטאָן צו דאָקטוירים און רפֿואות. איז פֿון קניפּל צו פּורים אַפֿילו אַ צענט־חלק ניט געבליבן. און מיט פֿינף־זעקס וואָכן ביז נײַע פּליטן אויף די דווינעס — און מיטן פּסח אינמיטן — וועט פֿון דעם איבעריקן אויך גאָרנישט בלײַבן.

שלמהקען און מלכהלען איז געווען פֿון דעם זייער ביטער אויף די הערצער. דער חלום פֿון אַן אייגענעם שיפֿל מיט אינסטרומענט האָט זיך ווידער אָפּגערוקט זייער ווײַט. מ׳דאַרף אָנהויבן אַלץ איבעראַנײַעס. דאָס שוסטער־טישל האָט אין שלמהקען אויפֿגעריעט די אַלטע שׂנאה צו דעם, ניט געקוקט, וואָס איצט האָט עס אים געגעבן וואוינרעכט אין

ריגע. דורכן ווינטער איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן דעם טאַטנס אָרעמקייט, דאָס שטענדיקע אויספעלן פונעם שטיקל ברויט אין שטוב. אָבער מיטן צעשיינען זיך פון דער זון איבער די דווינעס, מיט אַלץ מער און מער אָנגעשמאָלצענע שפיגלען אויפן אייז, האָבן זיך ברייטער צעלויכטן די האָפענונגען. ס'האָט זיך דערנעענטערט דער אייזגאַנג.

אייזגאַנג

חיים־לייב קאַזער, אַ פּריקאַזטשיק אין די מיטל דרייסיקער, האָט געבראַכט זיין ראַזען מיט די קינדער אויפֿן זווירנהאַלם נאָך פּורים. די דווינעס זייַנען נאָך געווען איינגעקאָוועט אין אייז. פערד מיט געלאָדענע שליטנס, פון די צעוואָרפענע לאַטווישע כוטאָרעס אַרום ריגע, האָבן זיך נאָך געשלעפּט אַראָפּ און אַרויף איבער דער גאַנצער לענג פון דער „גרויסער דווינע". אָבער די זון האָט שוין גאַנצע טעג געגאָסן מיט פייער, אַראָפּגעשמאָלצן דעם גאַנצן שניי פון טייך און — ס'האָבן זיך באַוויזן בלאָטקעס, טייכלעך און גאַנצע אָזער־קעס אויפֿן טרוכנ־יענדיקן אייז.

דאָס פאָרן מיט פערד אויפֿן אייז איז געוואָרן אומזיכער. אַ וואָך נאָך חיים־לייבס ברענגען ס'ווייב מיט די קינדער אויפֿן האָלעם, איז אַ פערד מיט אַ שליטן דורכגעפאַלן אין אייז — קוים אַרויסגעשלעפּט. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער זייַנען אין פיר באַזונדערע ערטער אויפֿן טייך פערד מיט שליטנס דורכגעפאַלן. דריי האָט מען באַוויזן צו ראַ־טעווען, אָבער איינער איז אַראָפּ אונטערן אייז אינאיינעם מיטן פויער און שליטן און ס'איז פון זיי קיין זכר ניט געבליבן.

פון יענעם טאָג אָן, האָט מען מער קיין פערד מיט שליטנס אויפֿן אייז ניט געזען. דאָס לעבן אויף די דווינעס האָט זיך אָפּגעשטעלט. מ'האָט געקוקט אויף דער גליענדיקער זון, געקוקט אויף די צעגאָסענע שפּיגלען אויפֿן שמעלצנדיקן טייך און געוואַרט אויפֿן אייזגאַנג.

ביי חיים־לייבן און זיין ראַזען איז דער טאָג, וואָס זיי האָבן זיך אַרויפגעקליבן אויפֿן זווירנהאַלם, געווען דער גרעסטער יום־טוב. כמעט די לעצטע זיבן יאָר נאָך דער חתונה באַזונדער. ער — די ווינטערן אין די וועלדער און די זומערן אויף די דווינעס אין ריגע, און זי —

יאָר־איין, יאָר־אויס איינע אַליין מיט די קינדער אין טשאַשניק. געווען אינאיינעם אַ צען טעג איין מאָל דורכן יאָר. איצט זיינען זיי — דאָס גאַנץ ביסעלע אייגן בלוט — אין איין אָרט. ענדלעך געקראָגן אַ שטעלע מיט וואוינרעכט אין ריגע. אמת, צייטווייליקע וואוינרעכט, אָבער אריינגעשטעלט אין ריגע אַ פוס, וועט שוין גאָט העלפן.

אויפן זווירנהאָלם האָט מען זיך געגרייט, ווי אַלע יאָר, צו די עטלעכע געוויינטלעכע, אָבער זייער וויכטיקע געשעענישן. ערשטנס, טאָקע, דער אייזגאַנג. די יידן אויפן זווירנהאָלם האָבן פאַרן וואַסער קיין מורא ניט געהאַט. כמעט יעדערער האָט געקענט פאָרן אויף אַ שיפל סיי אין ווינט און סיי אין שטורעם, אָבער אייזגאַנג איז עפּעס אַנדערש. דאָ העלפן ניט קיין בריהשקייטן אויפן וואַסער. אַלע געדענקען נאָך די עטלעכע שווערע פאַרטרינקונגען פון די פריערדיקע יאָרן און די סכנות, אין וועלכע מ׳איז געשטאַנען.

מ׳האָט דעריבער, ווי אַלע יאָר, אויך הייַ־יאָר אויף פערד צוגעפירט שיפלעך צו די טירן פון אַלע מייקעס. מ׳האָט אין זיי אַנגעלייגט באַהאָרעס, רודערס, סנאַסטזשן און ביטשאַוועקס. צו די אָפּגעעפנטע בוידעם־טירלעך האָט מען צוגעשטעלט די לייטערס — טאָמער גיט מיטאַמאָל אַ פאַרטרינק דעם האָלעם. מ׳האָט אַראָפּגעפירט פון האָלעם די עטלעכע בהמות פון שאַמיראָס פריקאַזטשיקעס. מ׳האָט זיי איינגעשטעלט אין שטאַלן אויף מאָסקווער פאַרשטאָט פאַר דער צייט פון אייזגאַנג. געלאָזן האָט מען בלויז די ציגן, די הינער און די הינט.

דאָס צווייטע געשעעניש איז געווען דער פסח. מ׳האָט געדאַרפט באַקן מצה, אַראָפּטראָגן די פסחדיקע כלים פון די בוידעמער, טראָגן די כלים טובלען צום טייך, און אַ סך אַנדערע זאַכן. און דאָס באַקן די מצה איז אין זיך אַליין געווען פון די גאָר גרויסע זאַכן.

דאָס דריטע — און דאָס וויכטיקסטע פון אַלע זאַכן — זיינען אָבער געווען די פליטן. מ׳האָט אַרויסגעקוקט און זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן, אַז די דווינע זאָל זיך עפענען און מ׳זאָל אָנהייבן עפּעס צו פאַרדינען. אין דעם, וויפל פליטן ס׳וועלן אָנקומען אויפן דווינע, האָט זיך געוועגדט, צי מ׳וועט האָבן פרנסה דעם יאָר, צי ניט. די דאגה איז געלעגן אויף אַלעמען דעם גאַנצן ווינטער, אויסער, פאַרשטייט זיך, שאַמיראָס פריקאַזטשיקעס, וואָס האָבן געהאַט יערלעכע

שטעלעס ביי שאַמיראַן — זומער אויף זיינע געהילץ־פּלעצער און ווינ־טער ביים האַקן זיינע וועלדער, און מיט פּרנסה געווען פאַרזאָרגט אַ אַ קיילעכדיקן יאָר.

ס'איז אַוועקגעגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג און דאָס אייז האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן אין די ברעגן. דורך די טעג איז די זון, ווי אַ קאַלכאויוון געהאַנגען איבערן טייך, און ס'האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט און דאָס אייז רירט זיך, אָבער דורך די נעכט האָבן פרעסטלעך די דווינע צוריק פאַרקאָוועט. אַזוי האָט זיך אַריינגעצויגן ביזן סאַמע פּסח.

ערב פּסח איז דער טאָג פון אינדערפרי אָן געווען אַ ברענענדיקער. דער הימל איז געווען הויך און בלוי, אָן אַ סימן וואָלקנדלעך אַרום. די זון האָט אויסגעגריבלט אַ פאַרבאַהאַלטן קופּ־קעלע שניי, אַ פּאַרטאַיעט בערגעלע אייז אויפן האַלעם, געטריבן אין ריטשקעלעך צו די ברעגן, און אויסגעשמאַלצן גרויסע שטיקער טייך, ווי אָנגעזעצט זיך אויפן אייז: אָדער דו גייסט אַליין אַוועק, אָדער כ'וועל מאַכן פון דיר אַ תל.

מ'האָט פאַרברענט דעם חמץ, מ'האָט די לעצטע חמצדיקע כלים אַרויפגעטראָגן אויף די בוידימער, מ'האָט געריבן כריין, געגרייט דעם ווייַן פאַר די אַרבע כוסות און זיך געגרייט צום ערשטן סדר. דער טאָג איז אַראָפּ צום מערב. די זון האָט זיך אַראָפּגעזעצט אין די רויטע טייך־שפּיגלען און אָנגעצונדן דעם הימל אַרום.

מ'האָט זיך אָנגעהויבן קלייבן אין שול. ביסלעכווייז האָט זיך צונויפגעקליבן דער גאַנצער האַלעם. אין מזרח זיינען געשטאַנען עליע מאַגנוס מיט אַלע שאַמיראַס פּריקאַזטשיקעס הינטער אים, נאָר־וואָס געקומען פון די ווינטערדיקע וועלדער. ניט ווייט פון עליען איז גע־שטאַנען דער רבי ירוחם־בער, צווישן עולם זיינען אויך געווען אברהם לאַפּאַטע און חיים־לייב מיט זיינע צווי ייִנגלעך.

ישראל יאַקאַרשטשיק, אַ ברייטביינִיקער ייד אין די זעכציקער, מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד און שוואַרצע אַרויסשטאַרטשענדיקע אויגן אונטער געדיכטע ברעמען, אין הויכע וואַסער־שטיוול אַריבער די קני, אין היטל מיטן בלישטשענדיקן קאַזירעק, וואָס האָט קיין סך ניט גע־וואוסט אין די שוואַרצע פינטעלעך, אָבער איז געווען געאַכטעט פון אַלעמען פאַר זיין אויסערגעווייִנטלעכער דרייסטקייט אין די גרעסטע

סכנות, איז געשטאַנעןביים שולחן אינמיטן שול, געגלעט די באָרד און געקוקט דורך די פענצטער, ווי אויף עפּעס פון דאָרטן געוואָרט.

זינט עליע האָט מיטן ערשטן קופּקעלע יידן אויפגעבויט די שול אויפן האָלעם, האָט ישראל גענומען אויף זיך — אָן וועלכער ס'איז באַלוינונג — צו זיין איר שמש. ווי אַ שכר דערפאַר, האָט מען אים מכבד געווען צו זיין אויך דער גבאי. ער האָט געזען, אַז די הרובעס זאָלן זיין געהייצט, די פּאָדלאָגעס געוואַשן, די פּאַדוואָינע פענצטער אַריינגעשטעלט אין צייט, דער דאַך זאָל ניט רינען, און ער פלעגט אויך האַלטן דעם חשבון פון יושרדיקן פאַרטיילן די עליות און פאַרקויפן די הקפות, שמחת תורה, ס'זאָל זיין אויף די הצטרכותן פון דער שול. וואָס איז נוגע דעם סדר התפילות און קריאת־התורה־ענינים, האָט ער דאָס געלאָזן צום רבין ירוחם־בערן.

איידער מ'האָט זיך אָנגעהויבן קלייבן אין שול, האָט ער אָנגעצונדן די קעראָסינאָווע לאָמפּן, וואָס זיינען געהאַנגען פון באַלקן און צוליב יום־טוב הויך אַרויפגעדרייט די קנויטן. ער האָט אויך אָנגעצונדן די ליכט אין דער בלעכענער מנורה פון עמוד. אין שול איז דערייבער געווען זייער ליכטיק, געשמעקט מיטן חלב פון די ברענענדיקע ליכט און געטראָגן פון אַלע ווינקעלעך מיט דעם אַזוי לאַנג דערוואַרטן יום־טוב.

אין שול איז מען געשטאַנען אין רעדלעך און גערעדט וועגן דעם פאַרשפּעטיקטן אייזגאַנג און וועגן דער ווירקונג, וואָס מ'קאָן האָבן אויף דער צאָל פּליטן, וואָס וועלן הייַיאָריקן זומער אָנקומען אויף די דווינעס. אַז די לעצטע פונקען פון דער שקיעה זיינען אַראָפּ פון די מערב־שויבן, האָט ישראל יאַקאַרשטשיק אַ פּאַטש געטאָן אין שולחן און הויך אַ זאָג געטאָן: „זמן מעריב!" אַלע האָבן זיך געשטעלט אויף זייערע ערטער און ס'איז געוואָרן שטיל.

— אַז דו ביזט שוין מיט דיין ווייב און ציפּליאַטעס מיט אונדז אויפן האָלעם, — האָט נחמן טשופּרינע זיך אַ ווערטל געטאָן צו חיים־לייבן, — מעגסטו זיך מיט דיין שיפל אַ שטופּ טאָן צום עמוד און אויסבעטן אַ גוטן אייזגאַנג...

— ניט שטאַרק זיכער, צי מיין באַהאַר וועט דאָ קאָנען אַ סך אויפטאָן, — האָט חיים־לייב געענטפערט אין זעלבן טאָן. — שוין אים לאַנג אין די הענט ניט געהאַלטן...

— בישקשה, בישקשה, מ'קען דיך! — האָט זיך אויפגעהויבן פון אַלע זייטן.

חיים־לייב האָט זיך נאָך געלאָזט בעטן אַ ווײַלע, נאָכדעם אָנגעטאָן דעם טלית, זיך געשטעלט בײַם עמוד און אָנגעהויבן דעם ערשטן פּסחדיקן מעריב.

בײַ חיים־לייבן זײַנען יום־טוב ניט געווען קיין וואָכעדיקע תּפילות. יעדע וואָכעדיקע תּפילה האָט געהאַט איר יום־טובדיקן נגינה־מלבוש. געדאַווענט האָט ער, ווי אַלעמאָל, געשמאַק, מיט טיפֿער אַרײַנדרינגונג אין אַלעמענס הערצער.

דער רבי ירוחם־בער האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פֿון חיים־לייבס נגינהדיקער אויסטייטשונג פֿון די תּפֿילות. מיט אים בײַם עמוד האָט זיך געפּילט, אַז עס שטייט אַ שליח פֿון אַן עדה, וואָס ווייסט וואָס ער וויל און וועט ניט אָפּטרעטן, ביז ער וועט ניט אויספֿירן זײַן שליחות. ירוחם־בער האָט געזען אין חיים־לייבן אַ געבאָרענעם שליח צבור, ווײַל אין לעבן איז ער אויך געווען אַזוי: אַלעמאָל געפּילט אויף זיך אַן אחריות פֿאַר אַלעמען אַרום אים. ירוחם־בער איז געווען זיכער, אַז ווען חיים־לייב וואָלט, צוליב דער אָרעמקייט בײַ זײַן טאַטן אין שטוב, ניט געמוזט יונגערהייט אַוועק פֿאַרדינען זײַן אייגן שטיקל ברויט, און מ'וואָלט אים געלערנט אין הלכות נגינה, וואָלט פֿון אים אַרויסגעוואַקסן אַ גרויסער מנגן בײַ ייִדן.

די האַלעמישע ייִדן האָבן האַלט געהאַט צו הערן חיים־לייבן דאַווענען. מ'האָט דעריבער, ווי אַלעמאָל, מיט אים בײַם עמוד, אָנגעהויבן יום־טובדיק דעם מעריב, געזונגען, געדריידלט, איבערגעשלשלשט איינער דעם אַנדערן, אָבער נאָך יעדער תּפֿילה שטיל געוואָרן און געלאָזט חיים־לייבן איבערנעמען די אָפּגעזאָגטע תּפֿילה — בקול רם זיך אויסצוטענהען פֿאַר זיי מיטן רבונו של עולם. אַזוי איז אָנגעגאַנגען, ביז מ'האָט זיך געשטעלט שמונה עשרה.

שמונה עשרה איז יעדער שטיל געשטאַנען אויף זײַן אָרט, געקוקט אין סידור און זיך געשאָקלט. אין שול איז געשטאַנען אַ שטילער זשומען אונטער די שפּרינגענדיקע פֿלעמלעך אין דער מנורה און דעם יום־טובדיקן ליכט פֿון די לאָמפּן.

מיטאַמאָל האָט אָנגעהויבן אַ מוראַדיקער קראַכן אין דרויסן — ווי גאַנצע בערג וואָלטן זיך אַ ריר געטאָן מיט אַן אונטערערדישן פֿאַנאַנדערדונערן. ס'האָבן אַ ציטער געטאָן די ווענט אין שול און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן וויגן די לאָמפּן.

דער עולם איז געבליבן פֿאַרגליווערט, אָבער קיינער האָט זיך ניט גערירט פֿון אָרט. מ'איז געשטאַנען אַזוי אַ ווײַלע, נאָכדעם אויף

גיך דערזאָגט די שמונה עשרה, אָפּגעכאַפּט דעם איבעריקן מעריב און האַסטיק זיך אַרויסגעשאָטן אין דרויסן.

מ׳האָט זיך אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער שורה אויפן בערגל, אין שפּיץ האָלעם, הינטער אברהם לאַפּאַטעס מייקע. פון דאָרטן האָט מען געקאָנט אַריבערקוקן איבער שאַמיראָס הויכן פּלאָנקען און זען וואָס עס טוט זיך אויפן גאַנצן טייך.

די לבנה איז געהאָנגען אַ קיילעכדיקע, אַ גרויסע, אַ קלאָרע, ווי איינגעפּרעסטלט אין אַ קאַלטן זילבער. דער טייך האָט געקראַכט, געברעוועט און טעמפּ אונטערגעדונערט. גאַנצע פעלדער צעקריעטע אייז האָבן זיך געטראָגן מיט שטורעם איבערן טייך. אין געטראָג אויפגע־טורעמט מוראדיקע בערג און גלייך צעשלאָגן זיי; אויפגעשלאָגן טורעמס און זיי גלייך צעמאָלן; אויפגעגאָרנטע אייז־קייטן האָבן זיך געוואָרפן איינע אויף די אַנדערע, צעשמעטערט און צעמאָלן איינע די אַנדערע; פאַרשוואונדן אין די טיפן, אָבער באַלד צוריק פון זיי אַרויסגעשפּרונגען און געוואָרפן זיך איינע אויף די אַנדערע אין דעם מאָלנדיקן און רעוועגדיקן געקאָך. גאַנצע בערג מיט אייז האָבן זיך אַרויסגעריסן פון געראַנגל און זיך אַרויפגעשליידערט אין לאַנגע שפּיציקע בערג־קייטן פון ביידע זייטן טייך, ווי פון דאָרטן בעסער צוקוקן דעם אָנ־גייענדיקן געראַנגל.

פּלוצלינג האָט זיך דאָס אייז אָפּגעשטעלט מיט אַ מוראדיקן סקריפּען און קרעכצן, ווי אַ ריזיקער כח וואָלט איבערגעצוימט דעם טייך און ניט געלאָזן אים ווייטער גיין. ס׳איז געוואָרן מאָדנע שטיל. דאָס וואַסער האָט אָבער געגומען וואַקסן פון מינוט צו מינוט.

— דער אייז האָט אַרום בריק פאַרשפּאַרט די דווינע ביזן גרונט!...

— האָבן די יאַקאָרשטשיקעס באַלד פאַרטייטשט דעם פּלוצלינגן אָפּ־שטעל פון דעם אייזגאַנג און דאָס שטייגן פון וואַסער.

אַלע האָבן פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט, און זיך גלייך געלאָזט לויפן צו זייערע מייקעס.

חיים־לייב האָט אַ כאַפּ געטאָן אונטער די אָרעמלעך די צוויי קינדער, וואָס זיינען מיט אים דאָ געווען, און זיך געלאָזט לויפן. אַז ער איז געקומען צום מייקע, איז שוין ביים טיר געווען וואַסער. ער האָט די קינדער אַראָפּגעלאָזן אויפן גאַניק און בעסער צוגעבונדן דאָס שיפל, וואָס איז געלעגן ביים טיר. ס׳איז נאָך געלעגן אויף אַ זייט, ווייל ס׳איז נאָך ניט געווען גענוג וואַסער אויסצוגלייכן עס.

אַז חיים־לייב איז מיט די קינדער אַריין אין מייקע, איז ראָזע,

זײַן װײַב, געשטאַנען אַנטקעגן אים אַ בלאַסע. מיט אײן האַנט האָט זי געהאַלטן שרהלען, אַ בלײַך מײדעלע פֿון אַ יאָר פֿיר, װאָס האָט זיך אַ צעשראָקענע געטוליעט צו איר, מיט דער אַנדער האַנט האָט זי זיך געהאַלטן בײַם האַרצן. דערזען חיים־לײבן מיט די קינדער, האָט זי פֿרײַער אָפּגעאָטעמט. זי האָט גאָרנישט געזאָגט, אָבער עס איז געװען קאַנטיק, אַז דאָס דונערן און ריטשען פֿון טײַך און דאָס שטילע ציטערן פֿון די װענט האָבן זי זײער שטאַרק איבערגעשראָקן.

הינטער איר אין צװײטן חדר איז געשטאַנען גרײט דער סדר־טיש. אױף אים האָבן געברענט ליכט אין לײַכטער, ס'איז געשטאַנען אַ גראַפֿין מיט װײַן, קעלישקעס פֿאַר די אַרבע כּוסות, דערבײַ אַ טע־לער מיט דרײַ מצות איבערגעדעקט מיט אַ סערװעטקע.

ראָזע איז געװען זײער אַ שײנע. זי איז געװען אין אײן הױך מיט חיים־לײבן. ניט געקוקט, װאָס זי איז שױן געװען אַ מאַמע פֿון פֿיר קינדער — דאָס ערשטע קינד, אַ ײנגעלע, איז געשטאָרבן, אַז ס'איז אַלט געװען עלף חדשים — איז זי נאָך אַלץ געװען דין, צאַרט און פֿול מיט חן. דער קאָפּ איז געװען אַ הױכער, אַ שטאָלצער; דאָס פּנים פֿול און לענגלעך; אירע אױגן טיף־בלױע, ערנסטע; אירע לאַנגע שװאַרצע צעפּ זײַנען געלעגן, װי אַ קראַנץ אַרום איר שטערן און זיך צונױפֿגענומען הינטן אין אַן אָנגעבײגלטן קנופּ, אָנגעזעצט מיט קע־מעלעך. זי האָט הײַנט געטראָגן אַ שװאַרצע זײַדענע בלוזקע מיט אַ קאָלנערל, װאָס האָט זיך פֿאַרשפּיליעט מיט קײַלעכדיקע זילבערנע קנעפּלעך פֿון אױבן אױף אַראָפּ. די בלוזקע האָט ענג אַרומגענומען איר פֿולן בוזים, און אױרינגלעך, בלישטשענדיקע, װי טרערן אױפֿן ליכט, זײַנען געהאַנגען פֿון אירע אױערן און צוגעגעבן די לעצטע חן־פֿינטעלעך צו איר יום־טובֿדיקן אױסזען.

פֿאַר ראָזען איז דאָס געװען דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן — צו זײַן אױפֿן װאַסער און נאָך אין רעכטן מיטן פֿון אַן אײַזגאַנג. פֿאַר די נאָענט צו פֿיר װאָכן אױפֿן האָלעם, האָט זי זיך זײער אַ סך אָנגע־הערט פֿון די האָלעמישע װײַבלעך װעגן אײַזגאַנג. זי האָט זיך געשעמט אױסצוזאָגן, אָבער זי האָט מורא געהאַט פֿאַרן װאַסער און דערװאַרט דעם אײַזגאַנג מיט אַ סך אומרואיקײט.

— מיר האָבן אַביסל װאַסער צום הײַנטיקן סדר, — האָט חיים־לײב געזאָגט צו ראָזען. — מ'דאַרף גײן אױפֿן בױדים. דאָס װאַסער איז שױן בײַם טיר.

חיים־לײב האָט עס געזאָגט רואיק, — זי ניט איבערצושרעקן.

ראָזע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיטן האַנט פאַרן מויל, ווי זי וואָלט געוואָלט ניט דערלאָזן איר שרעק זאָל זיך אַרויסרייסן אין אַ געשריי. חיים־לייב האָט זי אַרומגענומען און געזאָגט באַרואיקנדיק:

— אויפן האָלעם דאַרף מען זיך אויסלערנען ניט מורא האָבן פאַר אַ ביסל וואַסער...

ראָזע האָט זיך צוגעטוליעט צו אים און געווישט אַ טרער. ס'קוקט אויס, אַז די אַנגעשטרענגטקייט פון די לעצטע וואָכן, און איבערהויפּט דאָס היינטיקע זיין אַליין מיט שרהלען אין מייקע, און איצט דאָס וואַסער ביים טיר, האָבן זיך מער ניט געלאָזט פאַרשטיקן. חיים־לייב האָט זי פאַרשטאַנען. ער האָט זי נאָך מער צוגעדריקט צו זיך, און ווי לאָזנדיק איר פילן, אַז קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ, געזאָגט:

— קיין סך צייט איז ניטאָ, פּאַק אַלץ, וואָס מ'קאָן.

ראָזע האָט זיך צונויפגענומען, זייער אומרואיק אָבער טיכטיק זיך גענומען צו דער אַרבעט. חיים־לייב האָט איר געהאָלפן. זי האָט וואַרים אָנגעטאָן די קינדער, צונויפגעבונדן אין ליילעכער דאָס בעט־געוואַנט, די קליידער און די אַנדערע זאַכן, אַרויס מיט די קינדער אויפן גאַניק און אַרויף אויפן בוידים. חיים־לייב האָט איינציקווייז אַרויפגעטראָגן די קינדער אויפן לייטער און זיי איבערגעגעבן ראָזען, נאָכדעם האָט ער איבערגעגעבן דעם גאַנצן פּסח, דאָס בעטגעוואַנט, די ליכט, דעם לאָמפּ. ער האָט אויך צונויפגענומען די עטלעכע הינער, וואָס זיי האָבן ניט לאַנג געקויפט, און זיי אַרויפגעלאָזן אויפן בוידים.

אויפן בוידים האָט ראָזע אָנגעצונדן אַ ליכט. חיים־לייב האָט אויף די צוויי פעסער מיט די חמצדיקע כלים אַרויפגעלייגט עטלעכע ברע־טער, וואָס זיינען דאָ געלעגן, און געמאַכט אַ לאַנגן טיש איבער דער לענג פון בוידים.

— דאָ וועלן מיר פּראַווען דעם סדר, — האָט חיים־לייב געזאָגט ראָזען. — גרייט צום טיש. איך וועל דערווייל פאַרן ברענגען דעם פעטער ירוחם־בערן מיט דער מומע לאהן. זיי זיינען איינע אַליין אין זייער מייקע.

חיים־לייב איז אַראָפּ אין שיפל, אָפּגעבונדן זיך און מיטן באַהאַר זיך אָפּגעשטופּט. דער גאַנצער האָלעם איז איצט געווען פאַרטרונקען און האָט אויסגעזען אַזוי ווי אַ גרויסע אָזערע, אַ צעשפּאָלטענע מיטן הויכן פּלאָנקען פון שאַמיראַס געהילץ־פּלאַץ. דער פּלאָנקען האָט באַוויזן, אַז

דער האַלעם איז שוין נאָענט צו צוויי פוס אונטערן וואַסער. דער גאַנצער האַלעם אַרום און אַרום איז געווען אַרומגעשלאָגן מיט הוי־כע בערג אײַז און זיי האָבן ניט צוגעלאָזן דאָס אײַז פון די דווינעס אַהער.

די לבֿנה איז ברייט געשוואומען איבערן הימל, געגאָסן מיט זילבער און אָפּגעוואָרפן מיט שאָטנס הינטער די פּאַרטרונקענע מייקעס אויפן וואַסער. אַרום איז געווען שטיל.

פון אַלע מייקעס האָט מען נאָך געטראָגן איבער די לייטערס די זאַכן אויף די בוידימער. דאָס וואַסער האָט נאָך געהאַלטן אין שטייגן.

חיים־לייב איז אַפריער צוגעפאָרן צו דער שול, אַרויסצונעמען די ספר תורה. דאָ האָט ער אָבער שוין געפונען ישראל יאַקאַרשטשיק מיט זיין יאַנקען, דעם יינגערן פון זיינע בנים, אין זיין שיפל. יאַנקע האָט געעפנט אַ פענצטער, — דאָס וואַסער האָט שוין געהאַלטן ביים פּאַדאָקאָניק. ישראל האָט אים דערלאַנגט צוויי ברעטער, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט אין שיפל. יאַנקע האָט איין ברעט אַריבערגעלייגט פון פענצטער צום שולחן אין מיטן שול, און דאָס צווייטע — פון שולחן צום פּאַרטרונקענעם אָרון קודש, איבער די ברעטער איינציקווייז אַרויסגענומען די ספר תורהס און זיי איבערגעגעבן זיין טאַטן.

חיים־לייב האָט זיך אָוועקגעשטופּט צום רבינס מייקע. אָבער אויפן מיטן וועג איז שוין דער פעטער מיט דער מומען, אָנגעטאָן אין די ווינטערדיקע מאַנטלען, מיטן גאַנצן פסח אין שיפל, געפאָרן אים אַנט־קעגן. ביים פעטער אין שיפל איז אויך געווען דאָס בעטגעוואַנט און זיין האַלב צענדליק הינער און די ציג. דער פעטער האָט געשטופּט דאָס שיפל מיט איין באַהאַר, די מומע מיט אַ צווייטן.

— איך פאָר דאָך נאָך אייך, פעטער. אייניינעם ביים סדר וועט זיין פריילעכער — האָט געזאָגט חיים־לייב.

— גערעכנט צו פאָרן צו ישראלן, אָבער אפשר טאַקע גלייכער צו דיר — האָט געענטפערט די מומע לאה. — ווי פילט דיין ראָזע?

— איבערגעשראָקן, — האָט געענטפערט חיים־לייב.

— קיין וואונדער ניט, דאָס ערשטע מאָל אין אייזגאַנג — האָט די מומע לאה זי פאַרענטפערט און געשטופּט מיטן באַהאַר דאָס שיפל, ווי אַן אַלטע יאַקאַרשטשיצע.

— וועט זיך צוגעוואוינען. אַלעמען איז דאָס ערשטע מאָל שווער — האָט חיים־לייב געזאָגט.

— דער אייזגאַנג קוקט צו מיר אויס זייער ניט גוט האַיאָר — האָט געזאָגט דער פעטער ירוחם־בער, שטופנדיק דאָס שיפל, און זיך אויסגעגליכט מיט חיים־לייבן.

חיים־לייב האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. ער האָט עס אַליין געוואוסט: דאָס אייז איז אַזוי פאַרשפּאַרט, דאָס וואַסער הערט ניט אויף צו שטייגן, — ווער ווייסט ווי הויך ס׳וועט דאַרפן אַרויף צו קאָנען דורכרייסן דאָס פאַרשפּאַרטע אייז? חיים־לייב האָט אויסגעדרייט זיין שיפל מיטן שפּיץ אַנטקעגן שטראָם אוןביידע שיפלעך האָבן זיך געשטופּט אין איין ריי צו חיים־לייבס מייקע. אַז זיי זיינען צוגעקומען צו איר, איז ראָזע געשטאַנען אין אָפענעם טירל פון בוידים און גע־וואַרט אויף זיי. זי האָט זיך זייער דערפרייט מיט זייער קומען. חיים־לייב איז צוגעפאָרן צום לייטער און צוגעבונדן ביידע שיפלעך.

צום ערשט איז די מומע אַרויף אויפן בוידים מיט עטלעכע זאַכן, נאָכדעם איז דער פעטער אַרויף מיט אַ פּעקל קליידער. דאָס בעט־געוואַנט האָט אַרויפגעטראָגן חיים־לייב. די ציג מיט די הינער זיינען פאַרבליבן אין שיפל. חיים־לייב איז דער לעצטער אַרויף אויפן בוידים, אַרויפגעשלעפּט די לייטער און געבליבן שטיין מיטן פעטער אין טירל פון בוידים.

ראָזע האָט זייער פריינטלעך אויפגענומען די מומע לאָהן און ביידע האָבן גענומען גרייטן דעם טיש צום סדר.

פון די בוידעמער האָבן זיך מיטאַמאָל צעבילן די הינט. וואָס ס׳האָט זיי אַ כאַפּ געטאָן, איז שווער געווען צו זאָגן. צי זיי האָט זיך געוואָלט גלאָט זיך דורכבילן, צי לאָזן וויסן איינער דעם אַנדערן וואו מ׳געפינט זיך, צי עפּעס אַנדערש, אָבער זייער בילן איז געווען רייסנדיק, בייז. אַז דאָס בילן האָט זיך איינגעשטילט, איז געוואָרן מאָדנע שטיל אַ ווײַלע, נאָכדעם האָט איין הונט אָנגעהויבן וואָיען. ער האָט געוואָיעט פאַר זיך אַליין, ווי אימיצן באַקלאָגט. זיין וואָיען האָט אויסגעשאָטן מוראַשקעס איבער די לייבער און אָנגעוואָרפן אַן אימה.

חיים־לייב מיטן פעטער האָבן זיך איבערגעקוקט, גאָרנישט געזאָגט און באַטראַכט דעם אָרום. דער טייך איז איצט געווען זייער הויך. קיין העלעמער האָט מען מער ניט געזען — אַלץ איז געווען אונטערן וואַסער. ס׳האָבן זיך בלויז דאָ און דאָרט געזען קופּקעס פאַרטרונקענע מייקעס אויף די ערטער, וואו ס׳זיינען געווען די העלעמער. אַלע דריי דווינעס האָבן זיך איצט צונויפגעגאָסן אין איין אומענדלעך ברייט, ווייס פעלד,

חיים־לייב מיטן פּעטער האָבן זיך איבערגעקוקט, גאָרנישט געזאָגט איינער דעם אַנדערן, אָבער פאַרשטאַנען, אַז נאָך אַ צוויי־דריי פּוס וואַסער און — ס׳וועט אַ הויב טאָן די בערג אייז אַרום האַלעם, זיי אַ וואָרף טאָן אויף די פאַרטרונקענע מייקעס און ס׳וועט זיין נאָך אַלעמען. זיי האָבן געזען, אַז אין די בוידים־טירלעך פון די אַנדערע מייקעס איז מען אויך געשטאַנען און געקוקט מיט דער זעלבער אומרו און מסתמא מיט דער זעלבער אָפּשאַצונג פון דער לאַגע. דער הונט האָט נאָך אַלץ געוואָיעט.

— לאָמיר, פּעטער, פּראַווען דעם סדר, — האָט חיים־לייב איבער־געריסן די שווערע שטילקייט.

דער סדר־טיש איז געווען געגרייט אויף די לאַנגע ברעטער, וואָס זיינען געווען איבערגעדעקט מיט אַ סערוועט. די ליכט האָבן געברענט אין די לייכטער, דער וויין האָט געפינקלט אין דעם גראַפין. עס זיינען געשטאַנען די קעלישקעס, די קערות מיט מצות. די ליכט האָבן גע־וואָרפן אַן אומעטיקן שיין אין אַלע ווינקעלעך פונעם בוידים מיטן פיר־קאַנטיקן ציגל־קוימען אַרויס דורכן דאַך. אַלע האָבן געשוויגן.

מ׳האָט געפּראַוועט דעם סדר. איצעלע, חיים־לייבס עלטערער ייִנגל, זעקס יאָר אַלט, האָט געפרעגט די פיר קשיות. מ׳האָט געגעסן שווייגנדיק. דאָס עסן איז געווען קאַלט. די פלעמלעך פון די ליכט האָבן זיך געריסן אין אַלע זייטן פונעם ווינטל דורכן בוידים־טירל. מ׳האָט געטרונקען די כוסות און געזאָגט די הגדה. ס׳האָט זיך דער־טראָגן דאָס זאָגן פון דער הגדה אויך פון די אַנדערע בוידימער. דאָס וואָיען פונעם הונט האָט אויפגעהערט.

חיים־לייב איז געווען אויסגעמאַטערט פונעם טאָג — געווען אַזוי פיל צו טאָן! ראָזע איז געזעסן אַנטקעגן אים ביים טיש אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אין קוימען. איר קראַנץ האָר אַרום שטערן האָט זיך צונויפ־גענומען הינטן אין אַן אָנגעבייגלטן קנופּ און געבלישטשעט מיט די אָנגעשטעקטע קעמעלעך אין אים. די קינדער האָבן איינגעשלאָפן אויפן בעטגעוואַנט נאָכן וויין. ראָזע איז פאַרשטיינערט. די מומע לאה איז געזעסן און געזאָגט די הגדה.

חיים־לייב האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש, איז צוגעגאַנגען צום טירל פון בוידים און אַרויסגעקוקט. דאָס וואַסער איז איצט געווען ביי די אויבערשטע שויבן. די שיפלעך זיינען שוין געווען ביים בוידים, מען האָט שוין אין זיי געקאָנט אַריינשפּרינגען פון טירל. די ציג מיט די קליינע הערנערלעך און שוואַרץ־ווייס בערדל איז געשטאַנען אין פּעטער

ירוחם־בערס שיפל און האַלב־שלעפעריק געמאַלעגיירעט. די הינער האָבן אַריינגערוקט די קעפּלעך אונטער די פליגלען און זיצנדיק אויפן דעק פון שיפל געדרימלט. אויפן קאַכנדיקן וואַסער אַרום די מייקעס האָט זיך קיין איינער ניט געזען. ס׳איז געווען שטיל. ערגעץ־וואו איז נאָך אָפּגעשטאָרבן אַ לעצטער ניגון פון דער הגדה. דאָס וואַסער איז נאָך געשטיגן.

— ניין, מ׳טאָר מער ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, — האָט חיים־לייב פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן.

ער האָט עס געזאָגט רואיק, קאַלט, אָבער מ׳האָט געפילט, אַז איז געקומען צו דעם, ווייל ס׳האַלט ביי אַ זייער שווערן סכנה־פּונקט אין אייזגאַנג. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, נאָכדעם צוגעגעבן:

— כ׳וועל פאָרן צונויפנעמען וועמען מ׳קאָן און זען וואָס מ׳קאָן טאָן.

דערפילנדיק אין חיים־לייבס ווערטער גרויס סכנה, איז ירוחם־בער צוגעגאַנגען צום טירל און באַטראַכט דעם אַרום. דאָס ניט אויפ־הערנדיקע שטייגן פונעם וואַסער איז געהאַנגען, ווי אַ חלף. ער האָט זיך איבערגעקוקט מיט חיים־לייבן און גאַרנישט געזאָגט. ראָזע האָט אויפגעציטערט פון חיים־לייבס ווערטער אַרויסלאָזן איצט אויפן טייך, אָבער מורא געהאַט צו זאָגן עפּעס — ווער ווייסט וואָס ס׳איז בעסער? חיים־לייב איז אַראָפּגעשפּרונגען אין זיין שיפל, זיך אָפּגעבונדן און זיך אַוועקגעשטופּט מיטן באַהאַר. דער באַהאַר איז איצט אַראָפּ זייער טיף אין וואַסער. אַז דער פּעטער האָט צוריק אַוועקגעהונקען אויף זיין אָרט, איז ראָזע צוגעגאַנגען צום טירל פון בוידים און באַגלייט חיים־לייבן מיט די אויגן, ווי געוואָלט אויף אים נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן, זיך אָנגעשפּאַרט אין קאָסיאַק פון טירל און געבליבן פאַרגליווערט שטיין אַזוי.

חיים־לייב איז געפאָרן פון מייקע צו מייקע און אַרויסגעשריען, אַז מ׳זאָל זיך צונויפקלייבן ביי ישראל יאַקאָרשטשיק אויפן בוידים. פון די בוידימער זיינען אַראָפּגעשפּרונגען יאַקאָרשטשיקעס אין זייערע שיפלעך און זיך געלאָזט נאָך אים. מ׳האָט זיך צונויפגעקליבן ביי ישראל יאַקאָרשטשיק אויפן בוידים. ישראל האָט ניט פאַרשטאַנען נאָך וואָס מ׳איז געקומען. ער האָט אָבער קיינעם ניט געפרעגט, — דערוואַרט מ׳זאָל אים זאָגן. אַלע זיינען געווען ערנסט. יעדערער האָט פאַר־שטאַנען די סכנה אין וועלכער מ׳געפינט זיך, אָבער ריידן וועגן דעם

האָט קיינער ניט געוואָלט. מ׳איז געקומען הערן. געמיינט ישראל האָט גערופן, האָבן זיי אַלע געקוקט אויף ישראלן און געוואַרט.

— ניט ישראל, נאָר איך האָב אייך צונויפגערופן, — האָט חיים־לייב איבערגעריסן די אָנגעשטרענגטע שטילקייט.

אַלע האָבן זיך אומגעקערט צו חיים־לייבן. זיי האָבן אים זייער גוט געקענט. געוואוסט, אַז ער איז דורכגעגאַנגען פייער און וואַסער, צענדליקער מאָל געגאַנגען מיט פליטן דורך די פּאַראָהעס, אַ סך מאָל געקוקט דעם מלאך המות אין די אויגן אַריין און זיך קיינמאָל ניט פאַרלאָרן. האָבן זיי געוואַרט צו הערן צוליב וואָס ער האָט זיי צונויפּגערופן.

— דאָס וואַסער האַלט איצט ביים צודעקן די אויבערשטע שויבן, — האָט חיים־לייב אָנגעהויבן. — ס׳איז צייט צו קוקן דער חיה אין בלוטיקן פּיסק אַריין. מ׳קאָן דערוואַרטן, אַז דאָס וואַסער וועט אַ הויב טאָן די בערג אייז אַרום האָלעם און אַ וואָרף טאָן זיי אויף אונדז...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע, נאָכדעם אָװעקגעשטעלט זייער שאַרף:

— וואָס־זשע רעכנט מען צו טאָן? זיצן מיט פאַרלייגטע הענט טאָר מען מער ניט!...

אַלע האָבן געשוויגן. קיין ענטפער איז פון קיינעם ניט געקומען. וואָס האָט מען געקאָנט ענטפערן? חיים־לייב האָט געוואַרט אַ ווײַלע, נאָכדעם אַרויס מיט זיין אייגענער מיינונג:

— כ׳רעכן, אַז מ׳וועט דאַרפן טאָן אָט־וואָס: נאָך איידער ס׳וואַסער וועט דערגרייכן די סטרעכעס, זאָל מען אַרויס אויף די דעכער. אמת, אונדזערע דעכער זיינען שפּיציקע און ס׳איז זיך זייער שווער אויף זיי צו האַלטן. ס׳איז אָבער קיין אַנדער אויסוועג ניטאָ. זעצן זיך אין די שיפלעך? קיין איין שיפל וועט ניט אויסהאַלטן דעם דרוק און וואָג פון די קריעס. בלייבט — אַרויס אויף די דעכער. מ׳וועט ניט קאָנען זיך איינבינדן אין די קוימענס, ווייל טאָמער גיט עס אַ הויב די מייקעס, וועלן די קוימענס זיך אָפּברעכן און מיט זיך פאַרשלעפּן אין אייז נאָך איידער ס׳וועט צעברעכן די מייקעס. מ׳וועט דעריבער דאַרפן דורכברעכן ערטער אין די אויבנס פון די דעכער און זיך איינבינדן אין די אונטערשטע פערעקלאַדינעס. די קינדער — איינבינדן אין שפּיץ פון די דעכער, און אַלע הענט מיט באַהאַרעס וועלן מוז אַראָפּ צו די קאַרניזן. אויב ס׳וועט דאָס אייז אַ וואָרף טאָן אויף די דעכער, וועט מען דאַרפן אָפּשטופּן יעדע קריע אייז, וואָס וועט גיין אויף אונדז.

כל־זמן די מייקעס האַלטן זיך, האָבן מיר נאָך עפּעס אונטער אונדזערע פיס. אויב אָבער — האָט ער פאַרגעזעצט — אויב נאָך אונדזער גאַנצער מי וועט עס דאָך אונדז אַראָפּטראָגן, זאָלן מיר זיך פֿון־ייִסטוועגן ניט פאַרלירן. מיר זאָלן מיט די באַהאַרעס פּרוואָון טרייבן די אַראָפּ־טראָגנדיקע מייקעס צום עק פון האָלעם. דאָרטן איז דער אָרט אַ הע־כערער און דאָרטן קאָן זיך איינגעבן צו בלייבן זיצן אויף פלאַך. פאַר־שטייט זיך, — אויב דאָס וואַסער וועט ניט אַרויפשטייגן אַזוי הויך, אַז ס'וועט אויפהויבן די בערג אייז אויך דאָרטן. אויב די שיפלעך וועלן זיך ניט צעברעכן פריער, וועלן זיי זיין אונדזערע לעצטע האָפענונג...

חיים־לייב האָט געטראַכט אַ ווײַלע, נאָכדעם פאַרענדיקט:

— דאָס אַלץ איז מיט באַרוועסע פיס אויף אַ שאַרף פון אַ מעסער, אָבער דאָך אַ סטיעזשקע.

חיים־לייב איז אַנטשוויגן געוואָרן און געוואַרט, אַז אימיצער זאָל אָנווייזן עפּעס בעסערס. אַלע האָבן געשוויגן מיט שווער אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. די ליכט האָבן געהאַלטן אין אויסגיין, געשמאָלצן מיטן חלב און פאַרגאָסן מיט אַ שווערן האַלב־טונקל דעם אָנגעפּילטן אונטערדאָך פון ישראלס מייקע.

— חיים־לייב איז גערעכט. ס'איז ניט געבליבן קיין אַנדער זאַך, ווי דער באַהאַר, — האָט זייער ערנסט אָוועקגעלייגט זיין מיינונג ישראל יאַקאַרשטשיק.

— דער איינציקער וועג. קיין אַנדערער זעט זיך ניט, — האָט צוגעשטימט אברהם לאַפּאַטע.

— ניטאָ פון וואָס אויסצוקלייבן, — האָבן נאָך עטלעכע צוגע־געבן.

— רעכן ווי דו ווילסט, קומסטו צו דעם זעלביקן, — האָט געזאָגט שמעון־מאיר חיימס, אַ יאַקאַרשטשיק אין די מיטל פּופּציקער.

— אין חשבון איז ניטאָ קיין סך האָפענונג, — האָט כמורנע גע־זאָגט אברהם־איטשע שומר.

— האָסט עפּעס בעסערס? — איז אַרויסגעשפּרונגען מנחם פּערע־וואָזניק. — גיב אַהער, אַז דו האָסט!

אברהם־איטשע האָט געשוויגן.

— צי גוט, צי שלעכט וועלן באַווייזן די באַהאַרעס! — האָט ישראל יאַקאַרשטשיק זיך אַריינגעמישט צווישן אברהם־איטשען און מנחמען. — אַ שאַרף פון אַ מעסער איז זייער אַ ברייטער וועג, אויב

קיין אַנדערער איז ניטאָ, — וועלן מיר אים גיין... מיר גיבן קיין זאַך ניט אויף!

אַלע האָבן צו דעם צוגעשטימט.

— אויב ס'בלייבט אַזוי, — האָט חיים־לייב געזאָגט, — איז נויטיק אַ פיר־פינף מענטשן פאַר דער שול; עטלעכע מענטשן צו חנא דעם שניידער — ער איז מיט אַ קופּע קינדערלעך און זיי זייַנען איבּ־גאַנצן צווייַ. עטלעכע מענטשן זייַנען נויטיק אויף מיין מייקע; דער פעטער מיט דער מומע זייַנען ביי מיר, מ'דאַרף אָבער אויך זייער מייקע פאַרהיטן. מ'דאַרף אויך אויסגעפינען, ווי ס'האַלט מיט מענטשן ביי עליע מאַגנוסן און זייַנע פּריקאַזטשיקעס אויפן געהילץ־פּלאַץ. מיר דוכט זיך, אַז ס'איז דאָ מענטשן פאַר אַלעמען.

— יאַנקע! — האָט ישראל יאַקאַרשטשיק אַ רוף געטאָן.

— יאַנקע איז ניטאָ, — האָט געענטפערט דבורה־בריינע, ישראלס ווייב.

— ער איז דאָך דאָ נאָר־וואָס געווען! — האָט זיך ישראל גע־וואונדערט.

— יאַנקע איז ביי מיר, — האָט געזאָגט אברהם לאַפּאַטע, — נאָכן סדר געקומען.

— ביי כיענקען, וואו דען? וואו דען וועט ער זיין אויב ניט ביי כיענקען? אייזגאַנג, ניט אייזגאַנג — כיענקע! זי פאַרדרייט אים דעם קאָפּ, דיין מויד, אברהם! איך דאַרף אים נאָך האָבן פאַר זיך!...

אברהם לאַפּאַטע האָט אים ניט געענטפערט, אָבער אין זיין שמייכלענדיקן קוקעלע פון אונטערן קאַזיריק אויף אַ זייט איז געלעגן: אויב זי האָט זיך אָנגעזעצט אויף זיין קאָפּ, מעגסטו זיך שוין זעגענען מיט אים, און מיך הויבט עס ניט אָן צו אַרן. זאָל מען נאָר דורכקריכן דעם אייזגאַנג...

— אברהם, וועסט אים זאָגן ער זאָל פאָרן צו חיים־לייבן.

— זאָגן. און איך וועל דיר אויך געבן אימיצן, — האָט אברהם לאַפּאַטע צוגעזאָגט חיים־לייבן.

יעדערער פון די יאַקאַרשטשיקעס, וואָס האָבן געהאַט איבעריקע מענטשן, האָט צוגעטיילט פאַר דער שול, צו חנא דעם שניידערס און דעם רבינס מייקעס. צו חיים־לייבס מייקע האָט נאָך שמעון־מאיר צו־געגעבן זיין מענדעלן, איינעם פון זיינע בנים. עליע מאַגנוס איז אָנ־געפאָרן מיט איינעם פון זייַנע מענטשן אין אַ שיפל, צו וואָרענען וועגן דער סכנה און אויסגעפינען וואָס מ'רעכנט צו טאָן. חיים־לייבס

פלאַן איז אים געפעלן געוואָרן. קיין מענטשן האָט מען אויפן געהילץ־פּלאַץ ניט געדאַרפט. ווי נאָר עליע מאַגנוס איז אַפּגעפאָרן, האָט מען איינגעטיילט די מענטשן, אַריינגעשפּרונגען אין די שיפלעך און זיך צעפאָרן צו די בוידימער פון די מייקעס.

אַז חיים־לייב איז צוגעפאָרן צו זיין מייקע, איז שוין דאָס וואַסער געווען כמעט ביי די סטרעכעס. דער פלאַנקען אַרום שאַמיראַס געהילץ־פּלאַץ איז שוין איצט געווען איינגאַנצן אונטער וואַסער. מ׳האָט אים ניט געזען מער. חיים־לייב איז אַרויף אויפן בוידים. די ליכט האָבן אויסגעברענט. כדי צו שפּאָרן קעראָסין, איז מען געזעסן ביי אַ קוים צאַנקענדיקן פלעמל. חיים־לייב האָט מיט געמאַכטער רואיקייט געזאָגט:

— מיר מוזן גיין אויפן דאַך. אויפן בוידים וועלן מיר באַלד האָבן וואַסער.

ס׳איז אַ מינוט געווען שטיל. ירוחם־בער האָט פאַרשטאַנען וואו מ׳האַלט. די מומע לאה האָט זיך אויך אָנגעשטויסן, אָבער אויפגענומען עס רואיק. ראָזע איז אָבער ווי פאַרגליווערט געוואָרן פון דעם, וואָס זי האָט געהערט. אַלע האָבן זיך גענומען געשווינדט צו דער אַרבעט. ראָזע האָט אויפגעוועקט די קינדער און זיי גענומען נאָך וואַרעמער אָנטאָן. זי האָט לכתחילה געטאָן מיט פאַרלאָרענער צעמישטקייט, ניט געוואוסט פאַר וואָס זיך פריער צו כאַפּן, אָבער באַלד געקומען צו זיך און געטאָן אַלץ רואיק און קאַלט, ווי מיט איר פלעגט טרעפן אין זייער ערנסטע מאָמענטן, אַז זי איז געווען אַליין מיט די קינדער אין טשאַשניק. די מומע לאה האָט איר געהאָלפן.

חיים־לייבס מייקע, ווי די אַנדערע מייקעס אויפן האָלעם, האָבן אַרויפגעקוקט מיטן בוידים־טירל אויף דער „גרויסער דווינע" און מיט דער לינקער זייט דאַך געשטאַנען אַנטקעגן שטראָם. אויב דאָס איז זאָל זיך אַ צעשפּיל טאָן, וועט פון דער זייט העגגען די סכנה. די אַנדערע זייט דאַך, פאַרקערט, איז געלעגן הינטערן מייקע און איז געווען באַשיצט סיי פון שטראָם און סיי פון אייז. כל זמן די מייקע האַלט זיך, איז דאָ געווען דער „זיכערסטער" אָרט.

חיים־לייב האָט דעריבער אַריינגעלאָזן די הינער פון בוידים אין פעטער ירוחם־בערס שיפל, האָט עס אָנגעלאָדן מיט אַלע זאַכן פון בוידים, אָפּגעפירט הינטער דער „זיכערער" זייט דאַך און עס דאָרט צוגעבונדן. ער איז דאַן אַריבער אין צווייטן שיפל, אַריינגעזעצט אין אים ראָזען מיט די קינדער. אין אים זיינען אויך אַריין די מומע

מיטן פעטער. חיים־לייב האָט דאָן דאָס שיפל צוגעפירט צום קאַרניז פון דער דראָענדיקער זייט דאַך און דאָ עס צוגעבונדן. ער האָט דער־נאָך גענומען דעם באַהאַר, אַרויפגעוואָרפן אויפן אַקסל אַ צונויפ־געבייגלטע ביטשאָווקע און גלייך פון שיפל זיך אַרויפגעטראָגן צום קוימען. ער האָט דורכגעבראָכן מיטן שפּיץ פון באַהאַר אַ לאָך אין רעכטן אויבן פון דאַך און איינגעבונדן דעם עק פון דער ביטשאָווקע אין דער אונטערשטער פּערעקלאַדינע. ער איז נאָכדעם אַראָפּ צום ברעג פון דאַך און זיך דאָ אַרומגעוויקלט עטלעכע מאָל אַרום גאַרטל מיט דער זעלבער ביטשאָווקע, — מיטן חשבון ער זאָל קאָנען גרייכן אויף איר אַלע זייטן פון דאַך, — זיך פאַרבונדן און אָפּגעשניטן. זיינע הענט זיינען איצט געווען פריי און אין דער זעלבער צייט איז ער געווען זיכער, אַז ער וועט ניט אַראָפּפאַלן פון דאַך.

ער האָט איצט גענומען איינציקוויז די קינדער, אַרויפגעלאָפן מיט זיי צום שפּיץ דאַך, איינגעוויקלט אין אַ קאָלדרע און איינגעבונדן זיי אין דער פּערעקלאַדינע. צולעצט האָט ער אַרויפגענומען ראָזען און זי איינגעבונדן לעבן די קינדער. דער פעטער ירוחם־בער מיט דער מומע לאהן זיינען אַרויס אויפן ברעג דאַך מיט די באַהאָרעס. חיים־לייב האָט זיי געהאָלפן זיך איינבינדן, איז נאָכדעם אַריינגעשפּרונגען אין שיפל און עס אָפּגעפירט הינטער דער „זיכערער" זייט דאַך. דאָרטן האָט ער עס צוגעבונדן, איז אַרויס אויפן שפּיץ דאַך און געבליבן שטיין לעבן ראָזען מיט די קינדער. דער פעטער ירוחם־בער און די מומע לאה האָבן זיך אָוועקגעזעצט אויפן ברעג דאַך מיט די באַהאָרעס אין די הענט — טאָמער דאַרף מען פּלוצלינג...

חיים־לייב האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, זיך אָנגעשפּאַרט אויפן באַהאָר און געקוקט ווייט אַרום. שטייענדיק איצט אויפן שפּיץ דאַך אין זיין גאַנצער הויך, מיט זיינע ברייטע פּלייצעס, אין דער קורצער פּאַדיאָווקע און הויכע וואַסער־שטיוול, מיט די צעקודלטע האָר און טיכל אַרום האַלדז, מיט די עקן אונטערן זשילעטקע, האָט ער אויס־געזען מיט זיין שיטער בערדל און ברייטע קינבאַקן, ווי אַ קאַפּיטאַן פון אַ האַלב־פּטרטרונקענער שיף, וואָס איז ניט גרייט אויפצוגעבן.

פון שפּיץ דאַך האָט מען געזען, אַז דער גאַנצער האַלעם איז שוין איצט אויף די דעכער: די קינדער ניט ווייט פון די קוימענס, די איבעריקע אויף ביטשאָווקעס מיט באַהאָרעס אין די הענט — אויף די קאַרניזן פון די דעכער. די ציגן, די הינער און די הינט — אין די שיפלעך.

אין דעם פּעטער ירוחם־בערס הילף איז חיים־לייב געווען ניט צו שטאַרק זיכער. דער פּעטער איז אַמאָל געווען אַ שטאַרקער ייד, איז נאָך איצט אויך גאַנץ קרעפטיק, אָבער אַזוי פיל יאָרן ניט געווען אויפן וואַסער, און דער שלאַפער פוס — ווער ווייסט וויפיל ער קאָן העלפן טאָמער וואָס... ער האָט דעריבער אַרויסגעקוקט אויף יאַנקען און די אַנדערע.

ירוחם־בער איז געזעסן לעבן לאָהן מיטן באַהאָר אין האַנט, געקוקט אַרום און געשוויגן. ער האָט געטראַכט וועגן דער קליינער עדה יידן אויף די דעכער, וועמענס לעבנס ס'הענגען איצט אויף אַ האָר. ס'האָט אים דערמאָנט, ווי די יידן פון מצרים זיינען אַמאָל געגאַנגען צווישן די הויכע וואַסער־ווענט פונעם צעשפּאָלטענעם ים־סוף. ער האָט געזען די גרויסע סכנות, אין וועלכע די יידן האָבן זיך אַלעמאָל געפונען. ער האָט ווי אַלע פּסח, זאָגנדיק די הגדה, געזען אין דעם אַ טיפערן זין. ס'זיינען דאַן געווען זייער שווערע חבלי־לידה: ס'האָט געהאַלטן ביים אַרויסגעבוירן ווערן אַ ניי יונג פאָלק... חבלי־לידה קומען אָבער ניט אַליין — זיי קומען מיט די כחות זיי דורכצוטראָגן, בייצוקומען. זיי האָבן געשפּאָלטן דעם ים־סוף און זיי האָבן אויך געהאַלטן די הויכע וואַסער־ווענט. זיינען ניטאָ די דאָזיקע כחות, קאָן קיין זאַך ניט געבאָרן ווערן און קיין זאַך ניט באַשאַפן ווערן. אין דעם ליגט דער גרויסער נס פון יצירה!... דאָס גאַנצע לעבן איז פול מיט שטענדיקע חבלי־לידה און ממילא פול מיט כחות זיי בייצוקומען. אין דעם האָט ער געזען די איינציקע האָפענונג אויך איצט.

פון אברהם לאַפּאַטעס דאַך איז אָפּגעפאָרן אַ שיפל מיט דרייען. ס'האָט עפּעס געדויערט און דאָס שיפל איז צוגעפאָרן צו חיים־לייבס דאַך. אין שיפל זיינען געשטאַנען יאַנקע, ישראל יאַקאַרשטשיקס בנ'אָקל, כיענקע, אברהם לאַפּאַטעס מיידל, אַ יאָר זעכצן, און מענדע שמעון־מאיר — אַ ברייטער, געזונטער יאַקאַרשטשיק, אַ יאָר צוואַנציק, מיט אַ לאַנגן איינגעפלאַטשיקטן פּנים, מיט אַ קאָפּ האָר, וואָס זיינען געשטאַנען, ווי אַ דראָטענע באַרשט. ער איז געווען אין הויכע וואַסער־שטיוול, מיט אַ באַהאָר אין האַנט.

יאַנקע איז געווען אַ יאָר זיבעצן. מיט זיין הויך און ברייט האָט ער אָבער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ בחור פון אַ יאָר איין־צוויי און צוואַנציק. אַ ברייט אָפן פּנים מיט פּוכיקע, נאָר וואָס אַרויסשפּראָצנ־

דיקע וואַנצעלעך, גרויסע לאַכנדיקע אויגן מיט אַ געגרייזלטער טשופּ־רינע אויף אַ זייט. אין הויכע וואַסער־שטיוול אַריבער די קני, אין אַ פּאַדיאָווקע, אָן אַ היטל, מיט אַ באַהאָר, ווי מיט אַ ביקס אויפן רעכטן אַקסל.

כיענקע אברהם לאַפּאַטעס איז געווען עפּעס נידעריקער פון יאַנקען. זי האָט געהאַט גרויסע קאַרשן־אויגן, וואָס האָבן אַלעמאָל געלאַכט; אַ הויכן בוזים איינגעפּרעסט אין אַ געשטריקטן יאַקל, לאַנגע שוואַרצע צעפּ, אַרומגעדרייט אין עטלעכע בייגל אַרום קאָפּ; טיפע חן־גריבעלעך איןביידע באַקן און פּערלדיקע ציינדלעך, וואָס האָבן גע־שפּרודלט מיט פרייד און געלעכטער. זי איז געווען אָנגעטאָן אין איר ברודערס אַ פּאָר הויזן, וואָס זיינען געווען גרויס אויף איר, אַרומ־גענומען מיט אַ רימען, און אין אַ צווייטן ברודערס אַ פּאָר וואַסער־שטיוול. דעם באַהאָר האָט זי געהאַלטן אויפן נאַקן, ווי מ'טראָגט אַ קאַראָמיסל מיט צוויי עמער וואַסער. איר ווילד אַנטוועכטס האָט איר צוגעגעבן טויזנט חנען.

חיים־לייב האָט דערפילט אַ דערלייכטערונג. מיט אַזעלכע חברה וועט מען זיך קאָנען אַ קער טאָן טאָמער וואָס.

יאַנקע און כיענקע זיינען אַרויפגעשפּרונגען אויפן דאַך מיט די באַהאָרעס און שטיקער ביטשאָווקעס אויף די אָרעמס. מענדע האָט אָפּגעפירט דאָס שיפל הינטער דער „זיכערער" זייט דאַך, עס דאָרטן צוגעבונדן לעבן די אַנדערע שיפלעך, און איבער דער אַנדערער זייט דאַך צוריקגעקומען צו יאַנקען און כיענקען.

— אַראָפּגענומען די מזוזות פון די טירן? — האָט זיך יאַנקע געווענדט צו חיים־לייבן מיט זיינע לאַכנדיקע אויגן. געוואַרט אַ ווילע און באַלד אַליין געענטפערט: — פאַרשטאַנען, אַז ניט! זיי וועלן דאָך פּסול ווערן! איך האָב אברהמס געבראַכט אַהער! ווי געפעלט איך, חיים־לייב, אברהמס מזוזהלע? אָבער לאָזט זיך ניט אַ קוש טאָן! כאָטש קוילעט זי, לאָזט זי זיך ניט!...

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— איך וועל דיר צעפּלעמען דיין פּיסק, יאַנקע, אויב דו וועסט ניט אויפהערן! — האָט כיענקע אַ וואָרן געטאָן יאַנקען.

— נו, חיים־לייב, אָט האָט איר זי! — האָט זיך יאַנקע צעלאַכט. — כאָטש קוילעט זי!...

— נו, חברה, בינדט זיך איין אין די ביטשאָווקעס! — האָט חיים־

ליב איבערגעריסן יאַנקעס שטיקלעך. — און זעט ס׳זאָל זיין גוט צוגעבונדן!

— נו, קראַסאָוויצע מיינע, גיב אַקאַרשט דעם עק... פון דיין ביטשאָווקע מיין איך... — האָט זיך יאַנקע כלומרשט פאַרכאַפּט.

— היט דיין פּיסק, יאַנקע! — האָט אים כיענקע ווידער געוואָרנט.

יאַנקע האָט צונויפגענומען די עקן פון די ביטשאָווקעס ביי מענדען און כיענקען, אַרויפגעלאָפן צום שפּיץ דאַך און אי זיי, אי זיך דאָרטן איינגעבונדן. געקומען צוריק צום קאַרניז, האָט ער זיך איינגעבונדן מיטן אַנדערן עק פון דער זעלבער ביטשאָווקע. דאָס זעלבע האָבן געטאָן מענדע און כיענקע. אָפּגעטאָן דאָס, זיינען זיי אַלע דריי אָוועקגעלאָפן איבערן דאַך, יאָגנדיק איינער די אַנדערע, צו זען ווער ס׳וועט זיין דער ערשטער. אויסגעשטרעקט זיך די שטיקער ביטשאָווקעס וועלן גרייכן אַלע זייטן פון דאַך.

ירוחם־בער האָט געקוקט אויף יאַנקען און ניט געקאָנט פון אים די אויגן אַראָפּנעמען. יאַנקע, ניט געקוקט אויף זיין אָפענעם מויל, וואוילינגערישקייט און שפּילנדיקער יינגלשער שטיפערישקייט, איז אים איינגעבאַקן אין האַרצן, ווי אַן אייגן קינד. ניט ווייל זיין חיימקע האָט חתונה געהאַט מיט פּערלעטשקען, ישראל יאַקאַרשטשיקס עלטע־רער טאָכטער, און זיי זיינען מחותנים; און ניט ווייל ער, יאַנקע, האָט ביי אים געלערנט אין חדר און ער קען אים דורך און דורך, נאָר איבער עפּעס גאַנץ אַנדערש:

ער געדענקט עס ווי היינט. יעדעס מאָל, ווען ער קוקט אויף יאַנקען, שטייט עס אים פאַר די אויגן, ווי אַט וואָלט עס פּאַסירט. יאַנקע איז דעמאָלט געווען אַ פיר־יאָריק פּויקעלע, מיט פּוכיקע בעקלעך, שאַרפע ברענענדיקע אויגעלעך און אַ געקרייזלטן קעפּל. ס׳איז געווען אַ הייסער זומערדיקער טאָג. יאַנקעלע איז דאַן געזעסן אין עק פון אַ שיפל פול מיט אַ קופּקע שפּענדלעך, געמאַכט פון זיי „פּליטעלעך” און געלאָזן מיטן וואַסער. דאָס שיפל, אין וועלכן ער האָט זיך גע־שפּילט, איז ניט געווען צוגעבונדן; עס איז בלויז געווען אַרויפגעשלעפּט מיטן שפּיץ אויפן ברעג.

דערווייל האָט זיך גענומען פאַנאַנדערשפּילן אַ ווינט פון ים. דאָס וואַסער אין די דווינעס האָט זיך גענומען הויבן און גענומען אַראָפּ־טראָגן אַלץ פון די ברעגן. דאָס וואַסער האָט אויפגעהויבן דאָס שיפל, אין וועלכן יאַנקעלע האָט זיך געשפּילט, און עס גענומען אָפּטראָגן פון ברעג. יאַנקעלע האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס שיפל גייט אָפּ, — האָט

ער געלאָזן די שפּענדלעך, אָוועקגעלאָפן אין שפּיץ שיפל און גענומען אַרויסקריכן. אַז ער האָט זיך אָבער אַראָפּגעלאָזן אויף די הענטלעך פון שפּיץ שיפל, האָט ער דערפילט, אַז זיינע פיסלעך זיינען אין וואַסער. ער האָט זיך דערשראָקן און געפּרואווט צוריק אַריינקריכן אין שיפל, אָבער ער האָט ניט געקאָנט. איז ער געבליבן הענגען אַזוי אויף די הענטלעך, מיט די פיסלעך אין וואַסער, און זיך צעוויינט.

דער ווינט האָט דערווייל אָפּגעטראָגן דאָס שיפל אַלץ ווייטער און ווייטער פון ברעג. קיינער איז גראָד דערמאָלט אַרום ניט געווען, אויסער כיענקען, דעמאָלט אַ מיידעלע פון אַ יאָר דריי, מיט נאָך עטלעכע קינדער אין איר עלטער. דערזען יאַנקעלען אָפּטראָגן מיטן שיפל, זיינען זיי אָוועקגעלאָפן מיט באַנומענע קולות איבערן האָלעם: „יאַנקעלע טרינקט זיך! יאַנקעלע טרינקט זיך!”

גראָד איז ער, ירוחם־בער דעמאָלט געווען ניט ווייט פון ברעג. דערהערט די גוואַלדן פון די קינדער, איז ער אָוועקגעלאָפן צום טייך. דערזען דאָס אָוועקטראָגנדיקע שיפל מיט יאַנקעלען אויף די הענטלעך הענגענדיק, — קיין שיפלעך זיינען אַרום ברעג ניט געווען, — האָט ער אַ כאַפּ געטאָן צוויי גראָבע ברעטער, זיי אַריינגעוואָרפן אין וואַסער און זיך אַרויפגעכאַפּט אויף זיי, און מיט אַ לאַנגן שטעקן זיך אָוועקגעשטופּט צום קינד. ער געדענקט ווי היינט, ווי אים האָט געציטערט ס'האַרץ, דאָס קינד זאָל זיך ניט אָפּרייסן פון די הענטלעך. ער האָט זיך מיט אַלע כחות געשטופּט אויף די צוויי ברעטער און געשריען: „האַלט זיך, יאַנקעלע, האַלט זיך! אָט קום איך נאָך דיר!”

אָבער די הענטלעך האָבן זיך אָפּגעריסן. יאַנקעלע איז אַראָפּ טיף אין וואַסער; נאָכדעם האָט אים דאָס וואַסער צוריק אַרויפגעטראָגן אויפן אויבערפלאַך און ער איז געבליבן ליגן מיט די הענטלעך אויסגעשפּרייט, מיטן פּנימל אויף אַראָפּ. גראָד איז ער, ירוחם־בער, שוין געווען אויפן אָרט. ער איז פון די ברעטער אַריינגעשפּרונגען אין שיפל, אַרויסגעכאַפּט דאָס קינד פון וואַסער און אויסגעצויגן אויפן דעק אין שיפל. דאָס קינד איז געלעגן בלאַס, מיט פאַרמאַכטע אויגעלעך, מיט אַ דינינקן שוים אין איין ווינקל פון זיין מיילכל, אָן אַ סימן לעבן.

אין ערשטן מאָמענט האָט ער געמיינט, אַז דאָס קינד איז טויט. ער האָט אָבער ניט געוואַרט קיין מינוט, גענומען דאָס קינד פאַר די הענטלעך מיט די פיסלעך, מיטן פּנימל אויף אַראָפּ, און גענומען טרייסלען, מונטערן און טרייסלען. אַ היפּש ביסל וואַסער איז פון אים אַרויס, ביז ער האָט ענדלעך אָפּגעזיפּצט, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און

זיך צעוויינט. ער געדענקט, ווי אים האָבן דאָן אַרויסגעשלאָגן טרערן, ווען ער האָט דערהערט דאָס קינדישע געוויין.

אין דער צייט איז מען שוין געפלויגן אויף שיפלעך פון אַלע זייטן, אָבער ער איז שוין געפאָרן מיטן קינד צום האָלעם. יאַנקעלע איז געלעגן אויפן דעק פון שיפל איבערגעדעקט מיט זיין רעקל און רחמנותדיק געוויינט. וויפל פרייד ס'האָט דאָן געטראָגן פון דעם קינדישן געוויין! אים האָט אויפגעטרייסלט פון געדאַנק אַליין, אַז ס'האָט געהאַלטן אַ האָר פון ברענגען אים אַ טויטן צו טאַטע־מאַמע.

די זעלבע וואָך האָט ישראל געבראַכט יאַנקעלען צו אים:

— זאָל ער גיין אין חדר, וועט ער וויניקער אַרומקריכן אויפן טייך, — האָט ער געזאָגט.

דאָס קינד האָט געהאַט אַ טייער קעפל צום לערנען. אַ שאָד, וואָס ישראל, אַ מטופל מיט קינדער, האָט אים געמוזט אָוועקנעמען צו צוועלף יאָר אויפן טייך. אָבער, מיט אַלע זיינע חסרונות, איז יאַנקע פאָרט אַ טייערער בחור. ער דערמאָנט זיך, ווי פאַראַיאָרן זומער, אין אַ זונטיק, זיינען אַרויסגעפאָרן בחורים מיט מיידלעך אויף גרויסע שפּאַציר־שיפלעך פאַרברענגען אויפן טייך. דאַכט זיך אַרבעטער גע־פאָרן אויף אַ „סכאָדקע", — אַזוי האָט מען גערעדט. אים איז ניט איינגאַנצן קלאָר וואָס מ'טוט דאָרטן אויף די „סכאָדקעס" אויפן טייך. איין שיפל איז געוועזן איבערגעפאַקט. אימיצער האָט אַפּנים, ניט גוט זיך אַ קער געטאָן, האָט זיך דאָס שיפל איבערגעקערט און זיי אַלעמען צוגעדעקט. גראָד איז יאַנקע געוועזן ניט ווייט מיט זיין שיפל. איז ער אויף שנעל צוגעפאָרן, אַריינגעשפּרונגען מיט די קליידער אין וואַסער און פון אונטערן איבערגעקערטן שיפל אַרויסגעשלעפּט איינעם נאָך איינעם — ביין מענער און אַכט פרויען, און זיי, אין זיין שיפל, אָוועקגעפירט צו דער „סכאָדקע". וויפל ס'קאָן אַמאָל ווערט זיין איין לעבן! — האָט ירוחם־בער ווי אונטערגעפירט דעם סך־הכל.

חיים־לייב איז געשטאַנען, ווי פריער, אויפן שפּיץ דאַך און גע־קוקט אויפן טייך, ווי ער וואָלט געהאַלטן אונטערן אויג די פאַרדעכטיקע שטילקייט פון די אָנגעהרודעטע אייז־בערג אַרום. מענדע האָט פאַר־רויכערט אַ פּאַפּיראָס און געקוקט אויף יאַנקען, ווי ער וואָלט געוואוסט, אַז יאַנקע וועט ווידער עפּעס אויפשפּילן. יאַנקע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין באַהאָר, אָנגעשטעלט זיינע לאַכנדיקע אויגן אויף ביענקען און זיך ווידער פאַרטשעפּעט מיט איר:

— נו, צו וואָס ביסטו געקומען אַהער, קראַסאַוויצע מיינע? ווער

דאַרף דיך דאָ? וואָס וועט מען מיט דיר דאָ קאָנען אויפטאָן? ס׳איז דאָך ניט זומער, חנעוודיקע מיינע! מ׳קאָן זיך ניט אַריינוואַרפן אין וואַסער און — פּאַטש־פּאַטש — אָפּשווימען עטלעכע וויאָרסט הין און צוריק! מ׳קאָן דאָך אָפּפרירן דעם עק אין אַזאַ וואַסער!...

— איך בין געקומען דיך היטן, העלדעניו מיינער! זאָלסט ווידער ניט בלייבן הענגען אויף דיינע הענטעלעך אויפן ברעג שיפל!... — איז כיענקע אים אַריינגעפאָרן אין זעלבן שפּילנדיקן טאָן. — דער רבי זאָל ווידער ניט דאַרפן פאָרן נאָך דיר אויף צוויי ברעטער!...

— אוי, אַ לעבן אין דיין קאָפּ, האָסט מיך אָפּגעקוילעט אָן אַ מעסער! — איז זיך יאַנקע גאָר מחיה געווען פון איר ענטפער. — ווי קאָן מען זיך אָבער פאַרלאָזן אויף דיר, אַז אָנשטאָט צוהאַלטן, דאָס שיפל זאָל ניט אַוועקגיין, ביסטו גאָר אַוועקגעלאָפן שרייענדיק: „יאַנ־קעלע טרינקט זיך! יאַנקעלע טרינקט זיך!” — האָט יאַנקע איבער־געמישט איר אַמאָליק וויינענדיק שרייען, און זיך געווענדט צו חיים־לייבן: — וואָס טוט מען מיט איר? ווי לעבט מען מיט אַזאַ־אַ אַרום? מ׳איז דאָך מיט איר מיטן לעבן ניט זיכער!...

— איך שווער דיר, יאַנקעניו, אַז היינטיקס מאָל וועל איך ניט אַנטלויפן! שפּרינג אַריין, יאַנקעניו! ווייז וואָס דו קאָנסט, העלדעניו! ווייז, אַז דו האָסט אַפילו פאַר קאַלט וואַסער אויך קיין מורא ניט, האַ, יאַנקעניו? — איז אים כיענקע אונטערגעפאָרן מיט אַ ממזל אין אירע קוועלנדיקע אויגן, אין זעלבן שפּילנדיקן טאָן. — גיב נאָר אַ שפּרונג אַריין! איך שווער, אַז איך גיי גלייך נאָך דיר, דיך אַרויסצו־ראַטעווען!

— אויב נאָך מיר, בין איך גלייך אין וואַסער! — האָט זיך יאַנקע אָנגעכאַפּט. — אַי ווילט זיך מיר דיך קריגן אין וואַסער! אַי וועל איך זיך מיט דיר דאָרטן אָפּרעכענען!...

— איך גיי גלייך נאָך דיר! — האָט זיך כיענקע אָנגעכאַפּט מיט טאַנצנדיקע ווערימלעך אין די אויגן.

— אָט האָט איר זי, חיים־לייב! אין אַזאַ וואַסער איז ביי איר רעכט איך זאָל פאַר איר שפּרינגען!

— קאַלטע פיס, האַ? איך האָב געוואוסט, אַז ס׳וועט זיין אַזוי!...
— האָט כיענקע אָם גענומען דאָס לעבער.

— וואָס טוט מען מיט איר, חיים־לייב? ווי לעבט מען מיט אַזאַ־אַ אַרום? — האָט יאַנקע אָנגעקוואָלן פון איר. — איך וועל דיך שפּעטער אָנקושן דערפאַר, חנעוודיקע מיינע!...

— איך וועל דיר אויסשלאָגן אַלע ציינדעלעך, ביז איינעם, העלדעניו!...

דער שפּרודלדיקער ווערטער־דורכשפּיל צווישן יאַנקען און כיענ־קען, אין וועלכן ס'איז גאָרנישט ניט געווען אַזוינס, האָט אָבער אויפ־געוועקט אין אַלעמען זייער אַמאָליקע יוגנט און אַריינגעטראָגן אַ סך אויפמונטערונג. אַלע האָבן געלאַכט און אויף אַ ווײַלע פֿאַרגעסן אויף אַלץ אַרום.

מיטאַמאָל האָט אַ קראַך געטאָן אין שפּיץ האַלעם ערגעץ אַרום אברהם לאַפּאַטעס און ישראלס מייקעס, און ס'האָט זיך פֿון דאָרטן אַ ריר געטאָן דאָס אייז — מיט אַ געסקריפּעריי, מיט אַ געכראָמשק, מיט אַן אונטערדונערן, ווי חיות וואָלטן זיך אַרויסגעריסן פֿון ערגעץ מיט אַ געברום, מיט אַ ריטשען און אַ רעווען. פֿון אַלע דעכער האָט מען מיט שרעק און צערודערונג גענומען שרייען:

— דער אייז האָט זיך גערירט!... דער אייז האָט זיך דורכגע־ריסן!... גייט אויף די מייקעס!...

חיים־לייב האָט פֿון שפּיץ דאַך אַ געשריי געטאָן צו די אַנדערע דעכער מיט אַן אויסערגעוויינלעכן כח, אין וועלכן ס'איז געלעגן אַן אייזערנע אַנטשלאָסנקייט צו שטיין ביזן לעצט:

— אין די באַהאַרעס! זיין גרייט! ניט צולאָזן דעם אייז צו די דעכער!...

אינסטינקטיוו האָט מען פֿון אַלע דעכער גענומען איבערשרייען חיים־לייבס ווערטער, ווי זיי וואָלטן געווען גרייט צו שטיין אונטער זיין פּירערשאַפֿט אינעם געראַנגל מיטן אייז.

חיים־לייב איז אַראָפּ צום ברעג דאַך, וואו דער פּעטער, די מומע און דאָס יונגוואַרג איז געשטאַנען. אויף דער זייט דאַך האָט מען געדאַרפֿט טרעפֿן דאָס אייז.

— רואיק, קאַלט, ניט פֿאַרלירן זיך! יעדעס שטיק אייז נעמען אין די באַהאַרעס און טרייבן פֿון ביידע זייטן דאַך. איר, פּעטער און מומע, שטעלט זיך צווישן אונדז, וועט איך זיין גרינגער, — האָט חיים־לייב אַלעמען איינגעשטעלט אויפן דאַך.

דאָס אייז איז געגאַנגען אויף די דעכער. ס'איז ניט געווען קלאָר פֿון וואַנענט עס האָט זיך גענומען. אויפן גאַנצן טייך איז נאָך דאָס אייז געווען פֿאַרפֿרעסט און זיך נאָך ניט גערירט פֿון אָרט. ס'קוקט אויס, אַז דאָס וואַסער האָט זיך אויפגעהויבן צו־הויך ערגעץ אין שפּיץ האַלעם און מיט דעם אויפגעהויבן דאָס פֿאַרשפּאַרטע אייז דאָרטן.

דער טויט איז געשטאַנען פאַר די אויגן. מ׳האָט אים בפועל ממש דערפילט אין אַלע אברים. די הענט האָבן זיך געטרייסלט, די אונטערשטע ליפּן אונטערגעציטערט, די בלוטן האָבן געגליוועט.

ראָזע האָט מיט שרעק אַרומגענומען די קינדער, ווי געגרייט צו פאַרשטעלן זיי מיט זיך.

חיים־לייב, מענדע און יאַנקע האָבן אַראָפּגעוואָרפן די פּאַדיאָווקעס, כיענקע — ס׳יאַקל, האָבן שווייגנדיק פעסטער אַרומגעבונדן אַרום זיך די ביטשאָווקעס און שטאַרקער פאַרדריקט די באַהאָרעס אין די הענט. דער פעטער ירוחם־בער און די מומע לאה האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מאַנטלען און פאַרנומען די ערטער אין מיטן.

— ניט פאַרלירן זיך! ניט דערלאָזן קיין איין קריע אויף די דע־כער! גיט עס איבער איינע די אַנדערע! — האָט חיים־לייב מיט אַ סך אינערלעכער קראַפט געשריען צו די אַרומיקע דעכער.

מ׳האָט חיים־לייבס ווערטער איבערגעשריען פון דאַך צו דאַך, ווי מ׳וואָלט געוואָלט, אַז זיינע ווערטער זאָלן דערגיין צו אַלעמען. ירוחם־בער האָט געפילט, אַז איצט הענגט עס אָפּ פון די כחות, וואָס דאַרפן בייקומען...

דאָס איז איז געגאַנגען אין גאַנץ גרויסע קריעס, אָבער ניט צו־געדיכט. אין דער ערשטער ריי צו טרעפן די קריעס זיינען געווען אברהמס און ישראלס דעכער. מיט די באַהאָרעס אין אייז האָבן זיך דאָרטן אַריינגעוואָרפן ישראל און אברהם מיט זייערע בני־בית. אַלע האָבן געקוקט אָנגעשטרענגט אין יענער זייט און געפילט, אַז זייער גורל ווערט באַשטימט אויף יענע צוויי דעכער: וועט דאָרטן ברעכן, וועט קיין דאַך ניט אויסהאַלטן — זייערע מייקעס שטייען דאָך אויף אַ העכערן אָרט.

כיענקע האָט געקוקט אַהין זייער אָנגעשטרענגט און מיט אַ שטאַרק־קלאַפּנדיק האַרץ. יאַנקע איז געשטאַנען לעבן איר, געהאַלטן זיינע אויגן אויף די צוויי דעכער אין שפּיץ האַלעם און געווען איינ־געקלאַמערט אין אַן אויפגעטרייסלטער אומרואיקייט. דער געראַנגל איז אויף יענע דעכער אָנגעגאַנגען פאַרביטערט און פאַרביסן. דאָס אייז האָט געשפּאַרט, אָבער די דעכער האָבן געהאַלטן.

דאָס אייז איז איצט געגאַנגען אויף די אַנדערע דעכער. אויך אויף יענע דעכער האָבן זיך די יאַקאָרשטשיקעס אַריינגעוואָרפן מיט די באַהאָרעס אין אייז און ניט דערלאָזט צו די דעכער. נאָך אַ קורצן

גערײַנגל האָט זיך דערטראָגן ישראל יאַקאָרשטשיקס אויפמונטערנדיקער לייבן־געשריי צו אַלעמען:

— מיר האַלטן! מיר וועלן זיך איינהאַלטן! אים האָט אונטער־געהאַלטן אברהם לאַפּאַטע. חיים־לייב האָט אויפגעכאַפּט ישראלס און אברהמס אויפמונטערנדיקע געשרייען און זיי געוואָרפן צו די אַנדערע דעכער.

זיינע געשרייען האָט מען איבערגעשריען פון דאַך צו דאַך און ס׳האָט אויפגעמוטיקט אַלעמען. דאָס אייז איז איצט געגאַנגען אויף חיים־לייבס דאַך.

— נו, צו די באַהאָרעס. — האָט חיים־לייב רואיק אַ זאָג געטאָן צו אַלעמען אויף זיין דאַך. — טרעפן רואיק יעדע קריע אייז, ניט דערלאָזן צום דאַך.

חיים־לייב מענדע יאַנקע, כיענקע, דער רבי ירוחם־בער און די מומע לאה זיינען איצט געהאַנגען אויף די ביטשאָווקעס און מיט די באַהאָרעס, ווי מיט פּיקעס, אַריין אין אייז; יעדעס שטיק געטראָפן מיט שפּיצן פון די באַהאָרעס און געטריבן מיטן קאַרניז אַרוםביידע זייטן דאַך. די קריעס זיינען געגאַנגען אָן אויפהער. איידער מ׳האָט געטראָפן איינע, זיינען אָנגעקומען אַנדערע. ווען זיך דאָס אייז דורכ־רייסן און אַרויף אויפן דאַך, וועט עס אים איינברעכן און ס׳וועט זיין נאָך אַלעמען. מ׳האָט זיך דעריבער געוואָרפן אויף יעדן שטיק, גע־כאַפּט, איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן, געהאָלפן איינער דעם אַנ־דערן, געהיט איינער דעם אַנדערן.

יאַנקע איז געשטאַנען לעבן כיענקען און זי אויף קיין איין מינוט פון אויג ניט אַרויסגעלאָזן: געהיט זי און געהאָלפן איר ביי יעדער קריע אייז. כיענקע האָט זיך אָבער געוואָרפן, ווי אַ שטאָל, פון איין קריע צו דער אַנדערער. זי איז געווען די ערשטע וואו מ׳האָט גע־דאַרפט העלפן; געטראָפן קריעס, וואָס זיינען געגאַנגען אויף דער מומע לאהן, און געשריען אויף יאַנקען, ווען ער פלעגט לויז מאַכן די ביטשאָווקע אויף זיך און אַרויפשפּרינגען אויף די טראָגנדיקע קריעס, ניט צו דערלאָזן זיי צום דאַך, און מיט דעם זיך געשטעלט אין גרויס סכנה. ס׳האָט אויסגעקוקט, אַז זי, אין איר צעקאָכטקייט, האָט ניט ווייניקער געהיט יאַנקען, ווי יאַנקע זי.

ראָזע איז געלעגן לעבן די קינדער אין שפּיץ דאַך און זיך גע־פּילט זייער שלעכט. זי האָט געזען מיט וואָס פאַר אוממענטשלעכע

כחות מ׳ראַנגלט זיך, נאָך אַ האַנט וואָלט דאָך געמיינט אַזוי פיל, און זי איז אַזוי הילפלאָז...

דער געראַנגל איז אָנגעגאַנגען אַן אַן אויפהער, אָן אַ סוף — דאָס אייז האָט זיך גאָר ניט אויסגענומען. אַ נס, וואָס דאָס וואַסער האָט אויפגעהערט צו שטייגן און דאָס אייז איז געווען ניט זייער געדיכט.

ס׳זיינען געגאַנגען שעהן נאָך שעהן. די לבנה איז וויט אַראָפּ צום אַנדער זייט הימל און ניט געוואָרן. אַרום האָט גענומען גוט פינצטער ווערן — פּאַרטאַגיקע פינצטערקייט. אַלע זיינען געווען אויף טויט אויסגעמאַטערט און איינגאַנצן נאַס. ס׳איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער, אָבער קיינער האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. די געשרייען פון די דעכער האָבן אָנגעהאַלטן. זיי זיינען געוואָרן הייזעריקער, כריי־פּענדיקער, מער אויסגעמאַטערט, אָבער חיים־לייב האָט זיי אָנגעהאַלטן. זיי האָבן אונטערגעגעבן מוט, געמאַכט פילן, אַז מ׳איז אַלע אינאיינעם, אַז מ׳וועט אויסהאַלטן...

ביסלעכווייז האָט זיך גענומען אַראָפּזעצן אַ געדיכטער פּאַרטאַגי־קער נעפּל. אַ ווייסע געדיכטע קאַשע האָט גענומען אַנזויגן אין זיך אַלץ און אַלעמען. די נייע סכנה איז געווען פאַר אַלעמען קלאָר. אויב דער נעפּל וועט אַראָפּ צום אייז, און מ׳וועט ניט קאָנען זען די אָנ־קומענדיקע קריעס, איז אַלץ פאַרלאָרן. אויף די אויסגעמאַטערטע הער־צער איז געוואָרן נאָך שווערער. אָבער די מלחמה מיטן אייז איז אָנ־געגאַנגען. דער נעפּל איז געוואָרן נידעריקער און געדיכטער. מ׳האָט שוין ניט געזען מער די אַנדערע דעכער; מ׳האָט געקאָנט קוים זען איינער דעם אַנדערן אויף אַ פּאָר טריט פון זיך. די געשרייען אויף די דעכער זיינען איצט געווען דאָס איינציקע, וואָס האָט געלאָזט וויסן איינער דעם אַנדערן, אַז מ׳איז נאָך דאָ, אַז מ׳האַלט זיך. די עטלעכע טריט, וואָס מ׳האָט נאָך געקאָנט זען פון זיך, האָבן געגעבן אַ מעג־לעכקייט איבערצונעמען די קריעס אייז. די כחות האָבן אָנגעהויבן נאָכגעבן, אָבער דער אימפּעט האָט געהאַלטן.

פּלוצלינג האָט אַ בראָך געטאָן איבערן טייך מיט אַ מוראדיקן פאַנאַנדערדונערן פון אַלע זייטן. דער טייך האָט זיך צעקראַכט, צע־ברומט, צערעוועט. דער דאָך האָט גענומען ציטערן אונטער די פיס. דורכן נעפּל האָט מען ניט געקאָנט זען וואָס עס קומט פאָר. ביי אַלע־מען זיינען די הערצער איינגעפאַלן און די בלוטן פאַרקילט אין די אָדערן. דאָס געפיל איז געווען, אַז ס׳האָט אַ הויב געטאָן די אָנגע־

שלאָגענע בערג אייז פון אַרום און אַרום און זיי אַ וואָרף געטאָן אויף מייקעס. ס'האָט אַלעמען פאַרטויבט און פאַרהלושעט. מ'האָט איצט דערוואַרט, אַז נאָך אַ מינוט און די בערג וועלן אַלעמען אַריינמאַלן אין זיך.

דורך דעם ריטשען, רעווען און קראַכן אַרום, איז מען אינגאַנצן אָפּגעשניטן געוואָרן פון די אַרומיקע דעכער און מ'האָט ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך דאָרטן.

— ניט פאַרלירן זיך! טאָמער אויפגעהויבן די קריעס, טרייבן זיי אין עק האַלעם!... — האָט חיים־לייב איצט געשריען מיט אַלע כחות אין דער ווייסער קאַשע אַריין. ער האָט געזוכט איבערצושרייען זיין הייזעריקייט, ווי ציטערנדיק, אַז אין דעם גיהנום אַרום זאָל מען זיך ניט פאַרלירן.

פון דער ווייסער קאַשע אַרויס, פון דעם פאַנאַנדערגעשפּילטן גיהנום האָט מען אָבער מער קיין ענטפער ניט געהערט. אַלץ איז געווען אָפּגעבראָכן און פאַרזונקען אין דונערדיקן שליידערן פון בערג און מוראַדיקע קראַכנדיקע צוזאַמענברוכן.

חיים־לייב האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו שרייען, ווי ער וואָלט מיט געוואַלד געוואָלט אָנהאַלטן דעם גלויבן, אַז מ'איז ניט געבליבן אַליין, אַז מ'איז ניט אומגעקומען, אַז מ'איז נאָך ערגעץ דאָ... אַז מ'האַלט זיך נאָך... אַז מ'וועט זיך ראַטעווען...

פּלוצלינג האָבן פייערדיקע גאָפּלען אַרויסגעשאָסן אין מזרח און צעריסן דאָרטן דעם נעפּל, און דאָס וואָסער האָט גענומען בידעריקער ווערן. אין איינע פופצן מינוט איז דאָס וואָסער אַראָפּ ביז די אויבערשטע שויבן און דאָס אייז האָט זיך אויסגענומען. דער נעפּל האָט גענומען צעריבען און מ'האָט דערזען איינע די אַנדערע אויף די דעכער. ס'האָט אָנגעוואָרפן גרויסע הרודעס אין שפּיץ האַלעם אַרום אברהמס און ישראלס מייקעס און פאַרצוימט דעם וועג דעם אייז פון די דווינעס אַהער. דאָס וואָסער אַרום די מייקעס איז צוריק געוואָרן ריין און דאָס אייז איז געגאַנגען איבערן גאַנצן טייך. די מלחמה איז געווען אַ געוואונענע.

פון אַלע דעכער האָט מען אויסגעשאָסן מיט אַ הייזעריקן און כריפּענדיקן „הורא"!

יאַנקע האָט אַ וואָרף געטאָן דעם באַהאַר אויפן דאַך און, אַן אָנ־געגאָסענער אַריבער אַלע ברעגן מיט שטורעמדיקער פרייד, אַ כאַפּ

געטאָן אין זיינע אָרעמס די צעקאָכטע און מיט פרייד שפּרודלדיקע כיענקען און זיך איינגעגעסן אין איר מיט זיינע ליפּן:

— האָב חתונה מיט מיר, כיענעלע!... דו האָסט פאַרכישופט!...

כיענקע האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ שטראַלנדיקן געלעכטער.

— כ'וועל חתונה האָבן מיט דיר, דו זאָלסט מיך אַפילו קוילע־נען!... — האָט יאַנקע זי פון די הענט ניט אַרויסגעלאָזן.

ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ מוראדיקער געלעכטער פון אַלעמען אויף די דעכער. ס'איז געווען אַ געלעכטער, וואָס האָט אויסגעלאָדן די גרויסע פרייד פון אַלעמענס הערצער; די פרייד וואָס מ'האָט ביי־געקומען! ביי אַלעמען אין די אויגן זיינען געשטאַנען טרערן.

— לאָז מיך איין... — האָט כיענע געלאַכט, און ניט געמאַכט אַפילו קיין פּרואוו צו באַפרייען זיך פון יאַנקען.

— וועסט חתונה האָבן מיט מיר, צי ניין? — האָט יאַנקע ניט אָפּגעלאָזן.

— גוט... חתונה האָבן...

— ווען?

— זאָג דו ווען...

— ל״ג בעומר!

— גוט, ל״ג בעומר...

— רבי, זייט מיין עדות! — האָט יאַנקע, אַן אָנגעגאָסענער מיט פרייד און אויפגעריסענער פון גליק, אַ געשריי געטאָן צום רבין, און די נאָך מער צעשטראַלטע כיענקען אין זיינע אָרעמס אַריינגעשלונ־גען.

אַלעמענס געלעכטער האָט זיך נאָך מער צעשאָסן פון אַלע זייטן.

— זאָל זיין מיט מזל. — האָט ירוחם־בער שמייכלענדיק צוגע־וואונטשן, און אַן אויסגעשעפּטער פון אַלע כחות, שווער אָטעמענדיק, אָבער אַ גליקלעכער, זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן דאַך.

פון אַלע דעכער האָט מען זיך מיט הייזעריקן געלעכטער צע־שריען צו אברהמס און ישראלס דעכער:

— מזל טוב, אברהם! מזל טוב, ישראל! זאָל זיין מיט גליק! זאָל זיין מיט מזל!

די זון איז אַרויס אַ גרויסע, אַ קיילעכדיקע, און ווי אַן אָפענע טיר פון אַ קאַלכאויוון אַרויסגעפּליוכעט איר גאַנצן פייער איבערן טייך. דער האָלעם איז נאָך געווען פאַרטרונקען, אָבער דאָס וואַסער איז שוין געווען אַראָפּ, ביז די אונטערשטע שויבן.

דאָס אייז איז געגאַנגען איבער דער גאַנצער ברייט פון דער דווינע מיט שטורעם, מיט געדודער, מיט אַ ריטשען און אַ רעווען, מיט אַן אונטערדונערן, אָבער די הויכע בערג אַרום די ברעגן האָבן עס איצט געהאַלטן פאַרקאָוועט, געטריבן און ניט געלאָזן זיך אָפּשטעלן אַפילו אויף אַ רגע.

אַלע מייקעס זיינען געשטאַנען אויף זייערע ערטער. בלויז דער גרויסער פּלאַנקען, וואָס האָט אָפּגעצוימט שאַמיראָס געהילץ־פּלאַץ פון דעם איבעריקן האַלעם, און די פּלאַנקענס פון די באַזונדערע מיי־קעס זיינען געווען דורכגעבראָכן, ווי ס׳וואָלט אָפּגעווישט אַלע צוימען, מיט וועלכע מ׳איז געווען אָפּגעצוימט איינער פונעם אַנדערן.

די יאַקאָרשטשיקעס, אויסגעמאַטערטע און אויסגעשעפּטע, האָבן זיך אויסגעצויגן אויף די דעכער אונטער דער מחיהדיקער וואַרעמ־קייט פון דער זון, אָבער איינשלאָפן האָט קיינער ניט געקאָנט; מיט צופיל פרייד זיינען אָנגעגאָסן געווען אַלעמענס הערצער.

יאַנקע מיט כיענקען, שטראַלנדיקע פון גליק, זיינען מיט מענדען אָפּגעפאָרן אין זייער שיפל צו אברהם לאַפּאַטעס מייקע.

חיים־לייב איז אַרויף צום שפּיץ דאַך און זיך אָוועקגעזעצט לעבן ראָזען מיט די קינדער. ער איז געווען זייער שטאַרק הייזעריק און אַ סך מער אויסגעמאַטערט, ווי ער וואָלט געשטאַנען אַ גאַנצן יום כפור ביים עמוד. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף ראָזען מיט די קינדער און זיך געפילט גליקלעך. די קינדער זיינען געשלאָפן. ראָזע איז גע־לעגן אויף אַ זייט לעבן די קינדער און געקוקט אויף אים מיט אָנגע־טרערטע אויגן. וויפל ליבשאַפט ס׳איז געווען צו אים אין אירע אויגן!...

חיים־לייב האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, פאַרצויגן אים, זיך אויסגעצויגן אויפן דאַך, אונטערגעלייגט ביידע הענט אונטערן קאָפּ און געקוקט אין ליכטיקן און בלויען הימל אַריין.

אין שיטערער טיוגע

ס'איז געווען אויף מאָרגן נאָך פּסח.

דער „גרויסער" אייז איז שוין אַריבער. דער „קליינער" אייז איז איצט געגאַנגען פון די אויבנס פון דער מערבדיקער דווינע און פון די זייטיקע טייכן און טייכלעך, וואָס פאַלן אין איר אַריין. דאָס אייז איז דעריבער געווען צעדרוזגעט, אָרומגעשמאָלצן און צעמאָלן פון אַזוי לאַנג אין וועג. קיין גרויסע שטיקער אייז האָבן זיך אין ערגעץ ניט געזען. איבער די דווינעס האָט זיך געטראָגן אַ שיטערע טיוגע, — אַ סימן, אַז דאָס אייז איז אַזוי גוט ווי דורכגעגאַנגען. נאָך אַ פינף־זעקס טעג, און די דווינעס וועלן זיך איינגאַנצן אָפּרייניקן פון אייז.

מ'האָט שוין געקאָנט פאָרן אויף שיפלעך. דאָס וואַסער איז, אמת, געווען זייער שטראָמיק און צו פאָרן אַנטקעגן שטראָם האָט מען גע־דאַרפט זיין אַ גיבור. כדי אַריבערצופאָרן די „קליינע דווינע", האָט מען געדאַרפט אַפריער „אויפהויבן" דאָס שיפל פאַזע־ברעג — וואו דער שטראָם איז ניט אַזוי שטאַרק — אַזוי הויך, ווי ביזן סאַמע שפּיץ זווירנהאָלם, און פון דאָרטן לאָזן זיך אין די רודערס אַריבערן טייך. און אַרויסקומען פלעגט מען אויף דער אַנדערער זייט זייער ווייט אַראָפּ. אַזוי שטאַרק האָט אַראָפּגעטראָגן דער שטראָם. אָבער דאָס האָט ניט אָפּגעהאַלטן פון פאָרן, — מ'איז געפאָרן.

ביי אַזאַ שווערן פאָרן איז אינדערפרי צו שלמהקען אויפן זווירנ־האָלם געקומען מיכל־לייב. אַ הויכער, שטאַרקער ייד אין די מיטל־פערציקער, אין וואַסער־שטיוול אַריבער די קני, אין אַ קורצן רעקל, שניפּס און ווייכן שוואַרצן הוט. אונטער דעם פאַנאַנדערגעשפּיליעטן רעקל — אַ זשילעטקע מיט זילבערנער זייגער־קייט. די הענט האָט ער געהאַלטן אונטער די אָרעמלעך פון דער זשילעטקע און מיט די

לאַנגע פינגער זיך צונויפגעגאַנגען איבערן מיטן פון זיין ברייטער ברוסט. אַ באָרד האָט ער געהאַט אַ שוואַרצע, אַ דראַטיק־שפּיציקע. אַ גאַנג האָט ער געהאַט אַ ברייטן, אַ פעסטן און זיכערן. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן פאַרריסן און געקוקט ערגעץ ווייט אויפן טייך.

מיכל־לייב האָט מיט ווייב און קינדער געוואוינט אויף מאָסקווער פאַרשטאָט. געהאַט אַ צען אייגענע שיפלעך מיט יאַקאַרסקן אינסטרו־מענט, און אָנגענומען פאָדריאַדן: איבערצופירן געהילצן אויפן וואַסער פון איין געהילץ־סוחר צום אַנדערן און פון איינע „אַגאַראָדן" אין די אַנדערע. ער אַליין איז שוין מיט זיין אינסטרומענט ניט געפאָרן. זיין אַרבעט איז איצט געווען אָננעמען פאָדריאַדן. מיט זיינע יאַקאַרשטשי־קעס געווען פאַני־בראַט און צו דער פאַני־בראַטסטווע ניט צוגעלייגט. ביים אָנדינגען יאַקאַרשטשיקעס צו זיינע שיפלעך האָט ער אונטער־געקליבן איינע אין איינע, וואָס זאָלן קאָנען פאַרוואַרפן אַ יאַקאָר שפּילנדיק.

שלמהקע האָט לעצטן זומער געאַרבעט ביי אים אויף אַ שיפל.

דערזען מיכל־לייבן גייענדיק צו אים, איז אים שלמהקע געגאַנגען אַנטקעגן.

— שלמה! — האָט זיך מיכל־לייב צו אים געווענדט, — איך דאַרף דיך פאַר אַ שטיקל אַרבעט אין שפּיץ האַזנהאַלם!

— מיכל־לייב, מיינע הענט האָבן שוין אויסגעוויינט די אויגן נאָך אַ שטיקל אַרבעט אויפן וואַסער! — האָט זיך שלמהקע אָנגעכאַפּט אַן אויסגעהונגערטער נאָך אַ שטיקל פאַרדינסטל. — וואָס פאַר אַן אַרבעט?

— מיכלסאָנס געהילץ־פלאָץ האָט געקויפט אַ הונדערט באַלקנס אויפן האַזנהאַלם. זיי זיינען שוין אָראָפּגעקייקלט אין וואַסער און צו־נויפגעבונדן אין אַ פליטל. ס'קריכן זיי די אויגן פון קאָפּ פאַר די באַלקנס. דער געהילץ־פלאָץ מוז זיי האָבן אין פינף טעג צו די שיפן. אין די עטלעכע טעג דאַרף מען זיי איבעראַרבעטן און אָפּליווערן. דו וועסט זיי דאַרפן אַריבערוואַרפן די „גרויסע דווינע" — פון האַזנהאַלם אויף מאָסקווער פאַרשטאָט.

— ווען ווילסטו זיי אַריבערוואַרפן?

— היינט, באַלד! דאָס וואַסער איז זייער שטראָמיק און ס'איז נאָך אַ היפּש ביסל אייז אויף דער דווינע, אָבער דו וועסט עס באַ־וויזן. איך האָב קיין אַנדערן ניט פאַר אַזאַ שטיקל אַרבעט.

— מיכל־לייב, איך וועל זיי אַריבערוואַרפן דורך צען מאָל אַזעלכע שטראָמען — האָט אים שלמהקע פאַרזיכערט.

— האָסט אַ דריי מיט אַ האַלב וויאָרסט אַראָפּ־וואַסער. ס׳איז ניט קיין סך אין אַזאַ שטראָם. נאָך אַ וויאָרסט, צי צוויי, וואָלט געווען בעסער, אָבער איך פאַרלאָז זיך אויף דיר. געדענק, ס׳טאָר ניט זיין קיין סך נידעריקער פון דער אייזערנער בריק.

— כ׳וועל באַווייזן, אַפילו ווען כ׳וואָלט געהאַט מיט אַ וויאָרסט ווייניקער! — האָט אים שלמהקע ווידער פאַרזיכערט. — וויפל וועל איך האָבן דערפאַר?

— אַ צווייערל.

— ס׳טויג ניט. ניט ווייניקער פון אַ דרייערל. ס׳איז אַן אַר־בעטל פאַר צוויי יאַקאָרשטשיקעס. פון איינעם אַנשטאָט צוויי, בלייבט דיר נאָך אַלץ אַ ריווחל אַפילו אין אַ מענטשן.

— דו ווייסט, אַז איך האָב זיך ניט האָלט צו דינגען. איז אַ דרייערל!

— איז אָפּגעמאַכט. מיכל־לייב, האַלט מיך אין אויג פאַרן זומער.

— צווישן די ערשטע, שלמה, צווישן די ערשטע! כ׳דאַרף אַזעלכע, ווי דו.

— ביזטו אַ בראַט.

— כ׳וועל זיין אין זאַטאָן. צוגרייטן פאַר דיר אַ שיפל.

— גוט, — האָט שלמהקע געענטפערט. — אָפּעסן עפּעס און אין וועג!

אָפּגעמאַכט מיט שלמהקען, איז מיכל־לייב אַוועקגעפאָרן צוריק אויפן פאַרשטאָט.

שלמהקע איז אַן אויפגעלעבטער אַריין מיט דער גוטער בשׂורה אין מייקע. מלכהלע, אַ שיינענדיקע און גליקלעכע, האָט אַוועקגעלייגט דאָס קינד אין הענגענדיקן קעסטעלע פון באַלקן אין שלאָף־חדר, און איילנדיק, אים דערלאַנגט עסן. דאָס ערשטע דרייערל נאָך אַזאַ ביי־טערן ווינטער האָט אַרומגעשלאָגן מיט יום־טובדיקייט אַלע ווינקעלעך און אַרויסגעלויכטן מיט שמחה פון די הערצער.

אָפּגעגעסן, האָט שלמהקע פעסטער אַרומגערימענט די הויזן, אָנ־געטאָן אַ טיכל אַרום האַלדז, אַרויפגעוואָרפן ס׳רעקל, און אַן אַ היטל, מיט די רויטע האָר אויף אַרויף, געגומען זיין באַהאַר מיט רודערס, זיך געזעצט אין זיין שיפל און זיך אַריבערגעריסן די „קליינע דווינע״. צוגעבונדן דאָס שיפל צום ברעג פון דער אַנדער זייט, איז ער מיטן

באַהאַר אויפֿן פּלייצע אַוועק אַרויף מיטן דווינע־ברעג צום ליבעק־האַלם, וועלכער איז געלעגן אַריבער אַ שמאָל באַבריקלט וואַסער, וואָס האָט אים אָפּגעטיילט פֿון מאָסקווער פֿאַרשטאָט. דאָס דאָזיקע זייטיקע טייכל, וואָס האָט געגומען זיין אָנהויב פֿון דער „גרויסער דווינע" דורך זייער אַ שמאָלן דורכגאַנג, האָט פֿון אייזגאַנג קיינמאָל ניט געוואוסט. דאָ איז דאָס אייז צעשמאָלצן געוואָרן אויפֿן אָרט. דאָ האָבן דעריבער געווינטערט פּאַראָמען, לייוועס און שיפֿלעך. דאָס וואַסער איז דאָ געווען איצט ריין פֿון אייז און שפּיגלדיק. אין זאַטאָן האָט שוין מיכל־לייב געוואַרט אויף אים.

מיכל־לייבס שיפֿלעך זיינען געשטאַנען אויף לאַנגע, דינע קייט־לעך צוגעשלאָגענע צו עטלעכע קלאָדקעס אין וואַסער. די שיפֿלעך זיינען געוועןליידיקע און פֿרישינקע. אַ סימן, אַז נאָכן ווינטערן אויפֿן ברעג, האָט מען זיי איבערגעקאַנאָפּאַטיעט, אויסגעפּעכט און פֿריש אי־בערגעפֿאַרבט. זיי זיינען געווען אין שאַרפֿן שוואַרץ מיט ווייסע פּאַסן אַרום די אויבערשטע ראַנדן, — דער סימן אויף זיינע שיפֿלעך. שיפֿ־לעך פֿון אַנדערע פֿאַדריאַדטשיקעס האָבן געהאַט אַן אַנדערע סימנדיקע אויספֿאַרבונג, כדי זיי ניט צו פֿאַרבייטן.

איין שיפֿל איז געשטאַנען ביי אַ קלאָדקע אין וואַסער, אָנגעלאָדן מיט יאַקאַרסקן אינסטרומענט. מיכל־לייב האָט צוגעפֿירט שלמהקען צו דעם פֿאַרלאָדענעם שיפֿל:

— אָט האָסטו דיר אַ שיפֿל מיט אַלץ, וואָס דו דאַרפֿסט: אַ יאַ־קאַרסקע מאַשינקע, אַ יאַקאַר, סנאַסטזשן, ביטשאַוועקעס, אַ לעדערנעם פֿאַרטוך, עטלעכע פּאָר רודערס, העק. דאָס שיפֿל איז נאָר־וואָס פֿון ברעג — דאַרף ניט רינען. אָבער טאָמער וואָס, איז אין עק, אונטערן ברעטל, אַ לייקע — האָט מיכל־לייב געזאָגט, האַלטנדיק די הענט אונטער די אָרעמס פֿון זיין זשילעטקע און מיט לאַנגע פֿינגער זיך צונויפֿגעגאַנגען איבערן מיטן ברוסט.

— כ'דאַרף נאָך אַ יאַקאַר, — האָט שלמהקע געזאָגט, באַטראַכטנ־דיק דאָס שיפֿל מיטן אינסטרומענט.

— וועסט איבערלאָדן ס'שיפֿל, וועט דיר זיין שווער זיך אַ קער צו טאָן אין אַזאַ טיוגע, — האָט מיכל־לייב אים אָפּגערעדט פֿון אַ צווייטן יאַקאַר.

— וואָס וועל איך טאָן, אַז דער שטראָם וועט אַוועקטראָגן ס'פּליטל אינאיינעם מיטן יאַקאַר? וועט ניט האַלטן איינער, וועל איך אַרייג־

וואַרפן צו אים דעם צווייטן. אויף צוויי יאָקאָרס וועל איך עס פאַר־האַלטן, אַפילו שדים אַליין זאָלן עס טראָגן!

— גערעכט, שלמה, גערעכט! דער שטראָם קאָן טאַקע אַמאָל זיין צו־שטאַרק פאַר איין יאָקאָר, — האָט מיכל־לייב איינגעזען זיין טעות. — וועסטו נעמען אין מיין אינסטרומענט־מייקע נאָך אַ יאָקאָר. וויפל וועט דיר נעמען אַריבערצוּוואַרפן דאָס פליטל?

— אַ פיר, פינף שעה.

— ס'מיינט, אַרום פינף וועסטו אים האָבן אויף דער זייט? — האָט מיכל־לייב אַ קוק געטאָן אויפן זייגער.

— אַרום פינף, אויב ניט פריער.

נו, איידאַ! מאַך אַ גוטן אָנהויב! — האָט מיכל־לייב געזאָגט און איז אַוועק אין קאַנטאָרקע, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ ווינקל פון זיין אינסטרומענט־מייקע.

שלמהקע האָט אַוועקגעלייגט זיין באַהאַר אין שיפל, אויסגעטאָן דאָס רעקל און אַוועקגעלייגט אונטערן רודער־באַנק אַריין אין דער אינסטרומענט־מייקע, אַרויסגעטראָגן אויף זיינע ברייטע פלייצעס אַ יאָקאָר מיט אַ צונויפגעביגלטן סנאַסטזש צו אים און אַוועקגעלייגט אים לעבן ערשטן יאָקאָר אין שיפל. ער איז אַריין אין שווער־פאַר־לאָדן שיפל, וואָס איז איצט כמעט ביז די סאַמע ראַנדן געזעסן אין וואַסער, פאַררויכערט אַ פאַפּיראָס, זיך אָפּגעשטופּט פון קלאַדקע, אַרויס־געפאָרן אויף דער „קליינער דווינע", אַריבערגעריסן זיך אויף דער אַנדער זייט און פון דאָרט — אַרום שפּיץ זווירנהאָלם, — אַרויס אויף דער „גרויסער דווינע"".

ס'זאָל ניט אַראָפּטראָגן צופיל אויף אַראָפּ, האָט ער מיטן ברעג גראַפּנהאָלם, אָן אינדזל, וואָס איז געלעגן אויף איין ליניע, אָבער העכער פון זווירנהאָלם, זיך אַרויפגעהויבן אַרויף־שטראָם אויף אַ וויאָרסט אַנדערהאַלבן און פון דאָרט זיך אַוועקגעלאָזט אַריבער דער „גרויסער דווינע" צום האַזנהאָלם.

דער שטראָם האָט געריסן, ווי ניט־גוטע וואָלטן אים געטראָגן. דאָס וואַסער איז געווען פול מיט טראָגנדיקער, שיטערער, אייז־קאַשע, — שיטערער טיוגע. דאָס האָט געמאַכט זייער שווער דאָס פאָרן. די רו־דערס זיינען באַוואַקסן געוואָרן מיט אייז און שווער געמאַכט יעדעס אַרויסהויבן זיי פון וואַסער. ניט געקוקט אויף דער שאַרפער זון, האָט פון דער אייזיקער קאַשע געטראָגן מיט אַ קעלט איבערן טייך.

שלמהקע האָט געהאַלטן ס'שיפל מיטן שפּיץ אַנטקעגן שטראָם

און ביסעכווייז געבויגן זיך צום אַנטקעגנדיקן ברעג. ער האָט געהיט דאָס שיפל פון פאַרכאַפּן אין אַ זייט מיטן קאַשעדיקן שטראָם און אַראָפּטראָגן צו ווייט אויף אַראָפּ.

נאָך אַן אַנדערהאַלבן שעה שווערער אַרבעט אין די רודערס, אַנשטאָט צוואַנציק מינוט זומערצייט, איז ער ענדלעך געווען אויף דער אַנדערער זייט פון דער „גרויסער דווינע" — פּונקט אין שפּיץ האַזנהאָלם, ביים פּליט באַלקנס, וואָס איז געווען צוגעבונדן מיט אַ סנאָסטזש צו אַ בוים אויפן ברעג און זיך געשליידערט און געוואָרפן אויפן רייסנדיקן, אייז־און־פּיענענדיקן וואַסער.

אויפן ברעג, אונטערן בוים, אויף אַ ליגנדיקן קלאָץ, איז געזעסן אַן אַלטער שומר, אַ לאַטיש, און געצויגן אַ פּיפּקע, אַרויספּופּענדיק עגבערלעך רויך אַרום זיינע שפּאַקולן.

— דאָס זיינען זיי, האַ, פּאַטערל? — האָט שלמה אין אַ געבראָ־כענעם לאַטוויש אַ געשריי געטאָן צום אַלטן. אַנווייזנדיק אויפן פּליט באַלקנס.

— פאַר וועמען? — האָט דער אַלטער געפרעגט.

— פאַר מיכלסאָנס געהילץ־פּלאַץ!

די זעלבע, יאָונס קונגס! — האָט דער אַלטער געענטפערט. — אַ שווערע אַרבעט זיי אַריבערצוואָרפן אויף יענער זייט אין אַזאַ שטראָמיקן אייז! — האָט דער אַלטער געוואָרנט מיט אַ מבינות פון אַן אַלטן יאַקאַרשטשיק.

— כ'וועל אַריבערוואָרפן! — האָט שלמהקע געענטפערט.

— די האַזנהאָלמער יאַקאַרשטשיקעס האָבן זיך אָפּגעזאָגט עס אַריבערצונעמען.

— פאַר וואָס אַנדערע האָבן מורא, האָב איך קיין מורא ניט!

שלמהקע האָט צוגעבונדן דאָס שיפל צו די פאָדערשטע באַלקנס און אַרויס אויפן פּליט. ס'איז ניט געווען קיין „פּליטל", ווי מיכל־לייב האָט אים געזאָגט, נאָר זייער אַ גרויסער און לאַנגער פּליט. די הונדערט גראָבע און זייער לאַנגע ספּירן — זיבעציק־פינף־און־זיבעציק פוס לאַנג — האָבן זיך אויסגעצויגן אין פיר פּליעניצעס איינע אונטער דער אַנדערער, אויף אַ גרויסן שטיק וואַסער.

שלמהקע האָט אַ פּרואוו געטאָן די קנופּן. ער איז געווען צו־פרידן. די בינדונג איז געווען גוט. דער שטראָם וועט דעם פּליט ניט צעשלאָגן. ער האָט דעריבער אַרויסגענומען פון שיפל די צענומענע אויף באַזונדערע טיילן יאַקאַרסקע מאַשינקע, זי צונויפגעשטעלט אין

שפּיץ פּליט און צוגעשלאָגן זי צו די ספּירן מיט אירע אײַזערנע סקאַבעס, זי זאָל זיך ניט אָפּרײַסן. כּדי צו זײַן נאָך זיכערער, האָט ער די יאַקאָרסקע מאַשינקע אײַנגעבונדן מיט סנאַסטזשן צו די ספּירן.

איצט האָט ער צום קאַלאָוואָראָט־אַקסל פון דער יאַקאָרסקער מאַשינקע צוגעבונדן די עקן פון צווײ ביטשאָווקעס און די אַנדערע עקן זײערע צוגעבונדן צו די רינגען פון די יאַקאָרס אין שיפל. אַרויסגענומען די יאַקאָרסקע מאַשינקע, די סקאָבעס און עטלעכע סנאַסטזשן, איז דאָס שיפל גרינגער געוואָרן און האָט זיך היפּשלעך אַרויסגעהויבן פון וואַסער. פאַרטיק געוואָרן, האָט ער פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און אַ געשרײ געטאָן צום שומר:

— נו, אָט אַזוי, פּאָטערל! כ׳וועל אויסרויכערן דעם פּאַפּיראָס און זיך לאָזן אין וועג אַרײַן. ניט קײן גרויסער קונץ אַריבערוואַרפן עס אויף דער אַנדערער זײַט. די רעדעלעך אין קאָפּ דאַרפן בלויז זײַן אונטערגעדזשעגעכצט! ניט איך, נאָר די „גרויסע דווינעלע” אַלײן וועט עס פאַר מיר טאָן! איז אָט־וואָס, פּאָטערל: אַז איך וועל פאַרוואַרפן די יאַקאָרס און דיר אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, זאָלסטו אָפּבינדן דעם פּליט און לאָזן אים טראָגן וואוהין ס׳וויל. פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען! — האָט דער אַלטער געענטפערט, אַרויספּופּנדיק בײַע עגבערלעך רויך פון זײַן פּיפּקע. — אַ שווער אַרבעטל אויף זיך גענומען, יאַונס קונגס! אַ שווערע!... דאַרפן האַלטן אַ טויזנט פערד אונטער די צוימען!...

— וועל האַלטן, פּאָטערל! ניטאָ קײן גרינגע אַרבעט!

שלמהקע האָט דעררויכערט דעם פּאַפּיראָס און, כּדי ניט צו ווערן אויסגענעצט פון קאַלטן וואַסער בײַם אַראָפּוואַרפן און אַרויסהויבן די יאַקאָרס, האָט ער אָנגעטאָן, ווי אַ שמיד, דעם יאַקאָרסקן פאַרטוך אויפן האַלדז, פאַרבונדן אים פון הינטן, זיך אַרײַנגעזעצט אין שיפל און, אין די רודערס, אַוועקגעלאָזן זיך אַריבער דער „גרויסער דווינע”, שלעפּנדיק נאָכן שיפל בײדע אָנגעבונדענע ביטשאָווקעס צום קאַלאָוואָראָט־אַקסל פון דער יאַקאָרסקער מאַשינקע אויפן פּליט. אַז ער איז געקומען אויף דער גאַנצער לענג פון די ביטשאָווקעס, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן בײדע יאַקאָרס און די עקן פון די יאַקאָר־סנאַסטטזשן צוגעבונדן צום שיפל. דאָס שיפל איז געבליבן הענגען אויף די יאַקאָרס אין מיטן פון דער שיטערער, שדים־טראָגנדיקער טיוגע אַרום. שלמהקע האָט זיך איצט אַוועקגעשטעלט אין דער גאַנצער הויך און מיטן האַנט אַ מאַך געטאָן צום אַלטן אויפן ברעג:

— נו, פּאַטערל, לאָז אים צו אַלדי רוחות!

דער אַלטער האָט אָפּגעבונדן דעם סנאָסטזש און נאָך איידער ער האָט באַוויזן אַראָפּצונעמען אים פֿון דער אַנגעבייגלטקייט אויפֿן בוים, האָט עס דעם פּליט אָוועקגעריסן מיטן מוראדיקן שטראָם. אָבער ווי נאָר דער פּליט איז געקומען אויף דער גאַנצער לענג פֿון די פֿאַר־אַנקערטע ביטשאָווקעס, האָט עס אים אַ נעם געטאָן, ווי אַ פֿאַנאַנדער־געטראָגן פֿערד פֿאַר די צוים־קייטן, און מיט מוראדיקן כח אָפּגע־שטעלט. די ספּירן האָבן אַזש אַ ציטער געטאָן אין די סקריפּענדיקע איינגעבונדקייטן. געבליבן הענגען אויף די פֿאַרוואָרפֿענע יאַקאָרס, האָט עס דעם פּליט איצט אָפּגעטראָגן אויף איין ליניע מיט שלמהקעס שיפֿל און געבליבן הענגען אויף די ביטשאָווקעס, ווי אויף אָנגעצויגענע סטרונעס פֿון גרונט אַרויס.

— אָט אַזוי, בראַטקעלע מיינער! — האָט שלמהקע מיט נצחון גערעדט איצט צום פּליט. — ווּעסטו פֿאָלגן וואָס גוטע און פֿרומע יידן הייסן דיר צו גוטן טאָן, ווּעסטו זיין געבונדן הענט און פֿיס, יעדערער וועט דיר שניידן דעם האַלדז וואו און ווען ער׳ט וועלן, און ס׳וועט דיר זיין גוט ווי די וועלט! ווּעסטו ניט פֿאָלגן, ווּעסטו טאַקע זיין פֿריי ווי אַ פֿויגל, אָבער מיר ווּעסטו קיין נחת ניט פֿאַרשאַפֿן. פֿאַרשטאַ־נען, בראַטקעלע מיינער?...

דער פּליט האָט זיך געריסן און געוואָרפֿן אין אַלע זייטן.

איצט האָט שלמהקע אַרויסגעשלעפּט די יאַקאָרס פֿון וואַסער, אַריינ־געבייגלט די סנאָסטזשן אין שיפֿל און, פֿייל אויסן בויגן, זיך אָוועקגע־טראָגן צו פֿאַרכאַפּן אַ נייעם שטיק טייך אין דער ברייט, איידער דער פֿון די יאַקאָרס באַפֿרייטער, טראָגנדיקער פּליט, וועט אַראָפּ צו ווייט. געקומען צו די ביטשאָווקע־עקן, האָט ער ווידער אַראָפּגעוואָרפֿן די יאַקאָרס. דער פּליט, אַרומגעשלאָגן מיט אייז פֿון אַלע זייטן, האָט זיך ווידער פֿאַרהאַלטן אויף די יאַקאָרס און מיטן שטראָם ווידעראַמאָל אָפּגעטראָגן אויף איין ליניע מיט די סטרונע־אָנגעצויגענע ביטשאָוו־קעס.

דער פּליט איז איצט געווען ניט ווייט פֿונעם מיטן פֿון דער „גרוי־סער דווינע. שלמהקע איז געווען צופֿרידן. אַלץ איז געגאַנגען ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. נאָך אַ דריי מאָל פֿאַרוואַרפֿן די יאַקאָרס, און דער פּליט וועט זיין אויף דער אַנדער זייט, און — דאָס דרייערל אין קע־שענע!

— עך, — האָט שלמהקע געטראַכט, — ווען מ׳קאָן אַ כאַפּ טאָן

ערגעץ נאָך אַ צענדליק אַזעלכע אַרבעטלעך כּל זמן די דווינעס האָבן זיך נאָך אינגאַנצן ניט אָפּגעריײניקט פֿון אײז! אַ דרײַ און דרײַסיק רובל אין פֿינף־זעקס טעג! עטלעכע אַזעלכע אָכאַפּקעס, דער קניפּל זומער, און מלכּהלעס עפּעס פֿון שבתים און יום־טובֿים און — מ׳וואָלט געקאָנט האָבן אַן אײגן שיפֿל מיט אינסטרומענט שוין צום קומענדיקן נאָך־פּסח.

מיט די געדאַנקען האָט שלמהקע אויפֿגעהויבן די יאַקאָרס און זיך ווידער אַוועקגעטראָגן צו פֿאַרכאַפּן אַ נײַעם פֿינפֿטל טײַך אינדער־ברייט. געקומען אויף די עקן פֿון די ביטשאָווקעס, האָט ער פֿלינק אַראָפּגעוואָרפֿן אײן יאַקאָר און באַלד דעם צווייטן. אָבער ווי נאָר דער צווייטער איז אַראָפּ פֿון שיפֿל, האָט אים, שלמהקען, אַ ריס־אַרויס געטאָן פֿון שיפֿל פֿאַר אַ פֿוס, און מיטן יאַקאָר אַראָפּגעטראָגן אויף אַראָפּ.

דאָס וואַסער האָט אים אַ כאַפּ געטאָן, ווי מיט שאַרפֿע קאַלטע מעסערס און פֿאַרגליווערט. ער האָט אונטערן וואַסער באַלד געכאַפּט וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען. ער האָט שלעכט אַוועקגעשטעלט דעם לינקן פֿוס. אָנשטאָט ביים זייט פֿונעם יאַקאָר־סנאַסטזש, — אין רעכטן מיטן פֿונעם סנאַסטזש־בייגל. דער פֿוס איז איצט געווען פֿאַרפּעטליעט צום יאַקאָר אַ זעקס־זיבן פֿוס פֿון גרונט. געבליבן הענגען אין דער פּעטליע, האָט ער, ניט געקוקט אויפֿן רייסנדיקן וואַסער, זיך אָנגעכאַפּט אין סנאַסטזש און געזוכט אַרויסצובאַפֿרייען דעם פֿוס. די פּעטליע איז אָבער געווען פֿאַרקנופּט אַרום פֿוס זייער שטאַרק און די פֿאַרשטייפֿטע פֿינגער פֿון דער קעלט האָבן ניט געקאָנט פֿאַנאַנדערקניפּן די פּעטליע. די בלוטן האָבן געגליווערט, דער אָטעם איז געווען פֿאַרשטיקט. ער האָט אָבער ניט אויפֿגעגעבן. ער האָט מיט אַלע כּחות, קעגן שטראָם, פֿאַרגליווערטקייט פֿון אַלע אבֿרים און פֿאַרוואָרגנקייט פֿונעם אָטעם, אַרויסגעקראָגן דאָס מעסער פֿון קעשענע און עס געעפֿנט. די איינציקע האָפֿענונג — איבערשניידן דעם סנאַסטזש. הענגענדיק אויפֿן פֿוס מיטן קאָפּ אַראָפּ, האָט ער זיך מיט איין האַנט געהאַלטן אייַנגעשטשעמעט אין סנאַסטזש און מיט דער אַנדערער געשניטן אים אונטער זיך. דער סנאַסטזש איז אָבער געווען אַ האַרטער און דאָס מעסער ניט שאַרף גענוג. דערצו האָט די שטעכיקע קעלט פֿונעם וואַסער צונויפֿגעצויגן און פֿאַרגליווערט אַלע אבֿרים און ס׳איז געוואָרן מיט זיי זייער שווער צו באַוועגן, און די פֿאַרשטיקטקייט פֿון אָטעם האָט אינגאַנצן פֿאַרוואָרגן. דער עיקר איז איצט געווען אַ ביסעלע לופֿט.

געדאַרפט לכתחילה זיך נעמען פאַרן מעסער און ניט פטרן קיין צייט אויף באַפרייען דעם פוס פונעם שליף. ער האָט עס איצט געזען. מ׳האָט איצט ניט געטאָרט עפענען ס׳מויל. ס׳האָט אים אָבער געריסן פון אינעווייניק, ווי אַ מוראדיקער כח וואָלט אים געזוכט מיט גוואַלט אויפרייסן. ער האָט מיט אַלע כחות פאַרשטשעמעט די ציין, אָבער קעגן אַלע זיינע אָנשטרענגונגען האָט עס זיך אויפגעריסן. אַ קאַלטער שטראָם האָט זיך אַריינגעריסן אין האַלדז און דורך די באַזלעכער אין די לונגען, און ס׳האָט אים פאַרכליניעט. ס׳האָט געדויערט אַ ווײַלע, נאָכדעם האָט אים גענומען פינצטער ווערן אין די געדאַנקען און אַלץ האָט זיך אויסגעלאָשן.

אויבן האָט זיך דער פליט אויסגעגלייכט אויף איין ליניע מיט די יאַקאָרס און געבליבן הענגען אויף די אָנגעצויגענע ביטשאָווקעס. ס׳האָט געבורבלט אַ ווײַלע אַרום דעם פאַראַנקערטן שיפל צווישן אייז, נאָכדעם איז אַפילו קיין סימן ניט פאַרבליבן, אַז נאָר־וואָס איז דאָ געווען שלמהקע, וואָס האָט געלאָזן אַ ווייב מיט אַ קינד, ווי אויפן וואַסער, אינגאַנצן צוליב אַ דרייערל.

דאָס אַראָפּטראָגן שלמהקען מיטן יאַקאָר האָט צוגעזען דער אַל־טער שומר אין שפּיץ האַזנהאַלם. מ׳האָט עס אויך באַמערקט אויפן זווירנהאַלם. ס׳האָט אויפגעטראָגן די מענטשן אויף די העלעמער. יאַ־קאָרשטשיקעס האָבן זיך אויף שיפלעך פון אַלע זייטן אָוועקגעלאָזן צום אָרט פון אומגליק. ס׳האָט לאַנג געדויערט, ביז זיי האָבן זיך דורכ־געריסן צו דעם לײדיקן, אויף די יאַקאָרס הענגענדיקן שיפל.

מ׳האָט אַרויסגעשלעפּט די יאַקאָרס און מיט איינעם — שלמהקען. ער איז מיט איין האַנט געווען איינגעשטשעמעט אין סנאַסטוש, מיט דער אַנדערער — מיטן מעסער געהאַלטן אין שניידן אים אונטער זיך. גע־בליבן פאַרגליווערט אינמיטן שניידן. מ׳האָט אים באַפרייט פון דער פּעטליע און אים אויסגעצויגן אין זיין שיפל. ער איז געווען בלוי ביז שוואַרצקייט. ס׳איז געווען שווער אים צו דערקענען. זייער שאַרף האָט זיך אַלץ געענדערט אין אים. אַפילו די האָר האָבן, דוכט זיך, אויך אָנגעוואָרן זייער לעבעדיקן רויט און אַראָפּ צו אַ מין טויט־פאַרגליווערטן ברוין. אָבער אין דער רעכטער האַנט איז געבליבן פאַרשטשעמעט דאָס אָפענע מעסער, מיט וועלכן ער האָט זיך געראַנגלט מיטן טויט, ביז דער לעצטער מינוט. מ׳האָט דאָס מעסער ניט אַרויס־גענומען פון דער טויטער האַנט. געלאָזן אַזוי.

די יאַקאָרשטשיקעס האָבן געברענט אויף מיכל־לייבן פאַר וועלן

זיך אַרויסדרייען מיט איין מענטשן דאָרט, וואו מ׳דאַרף צוויי. וואָלט געווען נאָך אַ מענטש אין שיפל, וואָלט ער באַלד שלמהקען אַרויס־געשלעפּט אינאיינעם מיטן יאַקאָר פון וואַסער און ער וואָלט געווען געראַטעוועט. זיי האָבן צוריק פאַראַנקערט דעם פּליט און געלאָזן אים אינמיטן דווינע — „זאָל אים מיכל־לייב אַליין אַריבערוואַרפן!״...

מ׳האָט שלמהקען געבראַכט צו מלכהלען אין מייקע און אים אויס־געצויגן אויף דער פּאָדלאָגע. מלכהלע איז צוגעפאַלן צו אים מיט אַן אויפטרייסלענדיקן יאָמער, רייסנדיק אויף זיך די האָר, פאַרוואָס זי האָט ניט געזען די סכנה און אַרויסגעלאָזן אים פון מייקע אין אַזאַ וואַסער.

דער גאַנצער זווירנהאָלם איז זיך צונויפגעלאָפן אַרום שלמהקעס מייקע. די ווייבער האָבן געוויינט אויף מלכהלעס בראָך. מאַנסבילן זיינען אַריין און אַרויס און געשטאַנען אין דרויסן אין רעדלעך. גע־רעדט האָט מען וועגן דער פאַרגליווערטער עקשנות אין שלמהקעס אַלע גלידער און וועגן דעם מעסער אין זיין האַנט. מען האָט אויך דאָ דאָס מעסער פון זיין האַנט ניט אַרויסגענומען. מ׳וועט אים מקבר זיין אין די קליידער, יאַקאָרסקן פאַרטוך און שטיוול, זאָל דאָס מעסער אויך בלייבן מיט אים.

די דווינע האָט גענומען דעם ערשטן היי־יאָריקן קרבן און זייער שווער מיט אים געטראָפן, אָבער דעם מעסער פון האַנט ביי קיינעם אין געראַנגל פאַר ס׳לעבן ניט אַרויסגעריסן.

ביז צום שיפל האָט שלמהקען באַגלייט דער גאַנצער זווירנהאָלם. אויף לאַנגע שטריק צוגעבונדן צו זייערע שיפלעך, האָבן איבערן שטראָ־מיקן וואַסער פון דער „קליינער דווינע״, דורך דער שיטערער טיוגע, געפירט דאָס שיפל מיטן אָרון כמעט אַלע יאַקאָרשטשיקעס פונעם האָלעם — אי צוליב וועלן האָבן אַן אַקסל אונטערן אָרון, אי כדי ס׳זאָל דאָס שיפל מיטן אָרון ניט אַראָפּטראָגן צו נידעריק אויף אַראָפּ.

אויף דער צווייטער זייט האָבן זיי דעם אָרון פון שיפל אַרויפגע־שטעלט אויפן שוואַרצן וואָגן מיטן פערד, וואָס האָט דאָרט גע־וואַרט; געהאָלפן דעם באַבאָרדיקטן יידן אין דער שוואַרצער פאַלערינע און צילינדערהוט איבערדעקן דאָס פערד און אָרון מיט שוואַרצע טיכער און, נאָך מלכהלען מיטן קינד אויף די הענט נאָכגעגאַנגען דעם וואָגן מיטן „צדק לפניו יהלך״ ביז אויפן בית־עלמין.

אַז די קברות־לייט האָבן אַרויפגעשאָטן די לעצטע לאָפּעטעס ערד,

איז מלכהלע געבליבן ליגן מיט די הענט צעשפּרייט איבערן פרישן קבר:

— ווּעמען האָב איך איבער דיר, שלמהלע?... וואוהין זאָל איך גיין מיט מיין צעבלוטיקט האַרץ?... פאַרוואָס האָסטו מיך ניט גענו־מען מיט זיך?... וואָס איז מיר געבליבן אָן דיר?... — האָט זיך ווייטיקדיק געריסן פון איר יאָמערדיק האַרץ, דאָס פּנים איינגעגראָבן אינעם זאַמד פון בערגל.

אין מייקע איז זי געקומען זייער שפּעט; ס׳איז שוין גע־ווען גוט פינצטער.

זי האָט אויפגעוועקט ס׳קינד אין הענגענדיקן קעסטעלע, אָנגע־צונדן ס׳לעמפּל און זיך אַרומגעקוקט אַ ווילע. אַלץ איז געווען פּוסט און פרעמד... זי האָט אויסגעטאָן די שיך, זיך אַוועקגעזעצט ביים וואַנט אויף דער ערד, איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין שויס און געבליבן אַזוי אַ פאַרגליווערטע.

דאָס רחמנות צו מלכהלען איז געווען זייער גרויס ביי אַלעמען אויפן זווירנהאָלם. די ווייבער זיינען געקומען צו איר, מ׳האָט זי געזוכט צו טרייסטן, מ׳האָט איר געהאָלפן מיט וואָס מ׳האָט גע־קאָנט. זי האָט אָבער ניט געהערט וואָס מ׳רעדט צו איר. זי איז געווען ווי אין אַ טומאַן. אַלץ איז געווען צעמישט און ניט געוואוסט פון וואָס און צוליב וואָס אָנצוהויבן. זי האָט פאַרגעסן צו עסן, צו טרינקען; זי האָט געוואוסט נאָר איין זאַך: אָנזויגן ס׳קינד, אַז ס׳האָט זיך צעווייַנט, און זיצן אויף דער ערד ביי דער וואַנט מיטן קאָפּ צווישן די קני. די ווייבער האָבן איר אונטערגעשטופּט עפּעס צו נעמען אין מויל, דאָס קינד זאָל האָבן וואָס צו זויגן, און דאָס האָט זי געהאַלטן אויף די פיס.

אויפן פינפטן טאָג שבעה, אַרום זעקס, בעת מלכהלע איז געווען אַליין אין מייקע — געזעסן אויף דער ערד מיטן קאָפּ צווישן די קני — איז אַריינגעקומען אַ גאַראַדאָוואָי, געהייסן איר נעמען דעם מאַנס פּאַפּירן און גיין נאָך אים אין אוטשאַסטאָק.

מלכהלע האָט זיך אָנגעטאָן, גענומען שלמהקעס פּאַפּירן, אַרויס־

געוואָרפן ס'טיכל אויף די אַקסלען און אַוועק נאָכן גאַראַדאָוואָי. דאָס קינד איז געשלאָפן אין הענגענדיקן קעסטעלע, האָט זי עס געלאָזן אַזוי.

מ'האָט זי באַגלייט פון האַלעם שווייגנדיקע — ניט געוואוסט צוליב וואָס מ'דאַרף זי. די ווייבלעך האָבן געוואָרפן אַן אויג אויפן קינד.

אַז זיי זיינען געקומען אין אומשאַסטאַק, האָט דער גאַראַדאָוואָי גענומען פון איר די פּאַפּירן, געהייסן איר זעצן זיך אויף אַ באַנק, און אַריין אין אַ טיר. ער האָט זיך דאָרט אויפגעהאַלטן אַ ווילע, נאָכדעם צוריק אַרויס צו איר:

— זשדאַט פּאָקאַ פּאַזאָוואוט [וואַרטן ביז מ'וועט אַריינרופן] — האָט ער איר געזאָגט און איז אַרויס.

דער חדר אין פּאָליציי־אוטשאַסטאַק, וואו מ'האָט געוואַרט ביז מ'וועט רופן, איז געווען אַ גרויסער און גרויער, מיט טירן אין צוויי זייטן, מיט ערטער צו זיצן אַרום די ווענט און עטלעכע לאַנגע בענק מיט די ווענטלעך איינע צו די אַנדערע — איבערן מיטן. דורך די צוויי הויף־פענצטער האָבן אַריינגעשלאָגן — פון איבער דער הויכער, אַן־פענצטערדיקער וואַנט — די אָפּגאַנג־שטראַלן פון דער זון.

קיין סך מענטשן זיינען אינעם חדר ניט געווען. דאָ און דאָרט זיינען געזעסן עטלעכע דוואָרניקעס, אין ווייסע פאַרטוכער מיט גראָבע הויז־ביכער אונטער די אָרעמס; אַ גרויסע, ברייט־הינטנדיקע הענדלערקע מיט קוישן פון דער דערבייאיקער טאָלקוטשקע; עטלעכע סטאָראָאָבריאַדצעס מיט די היטלען אין די הענט, מיט אונטערגעשאָרענע האָר, ווי אונטער קייַלעכדיקע שיסעלעך, מיט ברייטע בערד און פלאַטשיקע נעזער; און צוויי מיטליאָריקע מענער אין הויכע קראַגנס, שניפּסן און אין האַרטע היטלען אויף די קעפּ. איינער אין פענסנע מיט אַ קליין שפּיציק בערדל, פאַרטפּעל אונטערן אָרעם, דער אַנדערער מיט אַ געגאָלט פּנים, אַ שטעקל מיט אַ זילבערן הענטל און אַ פּאַפּיראָס אין אַ לאַנגן ביינערנעם מונדשטוק. קענטיק — אַלע אַרויסגערופענע אויף פּאָוויעסטקעס, געוואַרט מ'זאָל זיי אַריינרופן אין איינער פון די טירן.

צוליב זיין גרויס האָט דער חדר אויסגעזען ווי ליידיק. ס'האָט געטראָגן מיטן ריח פון בראָנפן, ברודיק פּרעל און אָנגערויכערטקייט. דער חדר איז געווען איינגעוויקלט אין בלוי־גרינלעכע קנוילן, וואָס זיינען געשוואומען פאַר די אויגן און געגעסן אין האַלדז. אַ סימן, אַז

דאָ זיינען פאַרן טאָג איבערגעווען אַ היפּש ביסל מענטשן און קיין שיכורים האָבן אויך ניט געפעלט.

מלכהלע איז געזעסן אויף אַ זייטיקער באַנק און קיין זאַך ניט געזען אַרום זיך. פאַר אירע אויגן איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע שלמהקע. ער איז געלעגן מיטן טיכל אַרומגעבונדן אַרום האַלדז, ווי ער איז אַרויס פון מייקע דאָס לעצטע מאָל; אין שוואַרצן לעדערנעם פּאַרטוך; אין די הויכע וואַסער־שטיוול מיט די נעזלעך אויף אַרויף; מיטן קאָפּ צווישן די ליכט; דאָס פּנים איינגעשטיינערט אין אַ טיפן בלוי, אַזש ביז שוואַרצקייט... זי האָט געקוקט אויף אים מיט גלעזערנע אויגן פאַרגליווערט...

די מענטשן האָט מען אַריינגערופן דאָ אין איין טיר, דאָ אין אַ צווייטער. זיי זיינען אַריין און אַרויס, און אַוועקגעגאַנגען. די פּיסאַרעס, די גאָראָדאָוואָיעס און די אַנדערע אוטשאַסטאָק־באַדינער זיינען זיך צעגאַנגען איינער נאָכן אַנדערן. אין חדר איז געבליבן מלכהלע איינע אַליין. ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אין אוטשאַסטאָק איז מער קיינער ניט פאַרבליבן.

ערשט, אַז ס׳איז געוואָרן גוט טונקל, איז אַרויס פון אַ טיר אַ גאָראָדאָוואָי, אין די פּופּציקער, מיט אַ רייך־אויסגעגאָלט פּנים, לאַנגע וואָנצעס און בראַנפן־קישעלעך אונטער די אויגן, אָן אַ היטל, מיט אויסגעפּוצטע שטיוול, מיט אַ שפּאַגע אויפן רימען איבערן אַקסל. ער איז צוגעגאַנגען צו מלכהלען און, מיט מאַנירן, וואָס זיינען געוואוינט צו באַדינען העכערע פּאָליציי־נאַטשאַלסטווע, זי געבעטן גיין נאָך אים.

מלכהלע האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון איר פאַרגליווערטקייט און געגאַנגען נאָך אים. ער איז מיט איר אַריינגעגאַנגען אין אַ טיר, פון דאָרטן דורך אַ קאָרידאָר אין אַ קאַבינעט מיט אַ גרינעם שרייב־טיש, שטולן מיט ווייכע געזעסן, אַ סאָפע און בילד פון קיסר אויפן וואַנט הינטערן שרייב־טיש. ווי ס׳קוקט אויס, אַ קאַבינעט פאַר באַראַטונגען און פאַר אויפנעמען העכערע נאַטשאַלסטווע.

ביים שרייב־טיש, אונטער אַ ברענענדיקן לאָמפּ מיט אַ גרינעם אַבאַזשור, איז געזעסן דער פּריסטאַוו גריגאָרי יעפימאָוויטש ספּירידאָנאָוו. ער האָט זיך פון זיין ערשטן קומען אויפן זווירנהאָלם — באַלד נאָך דער גרעסטער שרפה — אויסערלעך כמעט ניט געענדערט: דאָס פּנים ריין אויסגעגאָלט, מיט די הוסאַרסקע שוואַרצע וואָנצעס פאַרדרייט מיט די שפּיצלעך אַרויף. די אויגן, גרויסע, גרינע און שאַרפע, מיט שמייכלענדיקע, אָבער קאַלטע אכזריותדיקע פייערלעך אין זיי. ער איז

געזעסן אין פּריסטאַווסקן גרויען מונדיר, אָבער אָן געווער, אָן אַ היטל און פּאַנאַנדערגעשפּיליעט, די קורץ־געשאָרענע האָר אויף אַרויף. ס'האָט, ווי אַלעמאָל, געטראָגן פון אים מיט אַ לייכטן אָדעקאָלאָן.

מלכהלע איז געבליבן שטיין אַנטקעגן אים. זי איז געווען אָנגעטאָן אין איר ברייט אָנגעפּאָלדעוועט קליידל, וואָס זי האָט אַלעמאָל געטראָגן; די צעפּ זיינען געווען, ווי־ניט־איז, אייליק צונויפגעפלאָכטן און געהאָנגען אויפן רוקן ביז אַריבער די אויסבויגן פון אירע קני; די קאָפּטעטשקע האָט, ווי אַלעמאָל, זייער קאָרגלעך אַרומגענומען אירע הויכע בריסטן; דאָס קאָלירטע טיכל אויף אירע אַקסלען האָט זיי אָבער איצט עפּעס בעסער צוגעדעקט. איר גאַנצער אָנטאָן איז אויף איר געווען אָפּגעלאָזן, ווי זי וואָלט פאַרגעסן, פאַרן פאָרן מיטן גאָראָדאָוואָי, אַ קוק צו טאָן אויף זיך. אירע אויגן האָבן אָנגעוואָרן זייער לעבעדיקע שאַרפקייט, האָבן זיך ווי אויסגעלאָשן. בלויז עלנטע דערשלאָגענע פייערלעך זיינען פאַרבליבן בלאָנדזשען אין זיי. איר פּנים איז געוואָרן דין און פּינצטער, אָבער די טונקלקייט פון איר הויט האָט עס אַריינגענומען אין זיך און עס ניט אַזוי קאָנטיק אַרויסגעוויזן. ניט געקוקט אויף דער געענדערטקייט, האָט פון איר אָבער אַרויסגעשלאָגן אַ באַזונדערע שיינקייט, וואָס האָט זיך מיט קיין זאַך ניט געלאָזט אַוועקנעמען. פאַרקערט, אונטערן גרינעם אַבאַזשור־ליכט האָט עס איר צוגעגעבן אַ באַזונדערן, שאַרפערן רייץ.

דער פּריסטאַוו האָט זיך איינגעגעסן אין מלכהלען מיט די אויגן, ווי זי וואָלט אים פאַרכאַפּט מיט עפּעס זייער שאַרפס און איבערראַשנדיקס. ער האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף איר אַזוי, נאָכדעם אויפגעהויבן פון איר די אויגן צום גאָראָדאָוואָי און צו אים אַ זאָג געטאָן:

— סוואָבאָדיען. טי מניע באָלשע ניע נוזשען. [ביזט פריי; מער דאַרף איך דיך ניט].

דער גאָראָדאָוואָי, וואָס האָט, נאָכן פּריסטאַווס באַנעמונג צו אים, אויסגעזען צו זיין זיין פערזענלעכער באַדינער, האָט באַדאַנקט פאַרן באַפרייען אים פאַר היינט, זיך אַ קער געטאָן אויף די קאַריקעס און איז אַרויס.

מלכהלע קען דעם פּריסטאַוו פון זיין פּאַראַיאַריקן אָפּטן קומען אויפן זווירנהאָלם. ביי זיין ערשטן מאָל דערזען זי אויפן האָלעם האָט ער זי זשעדנע דורכגעשטאָכן מיט שאַרף־אָנגעצונדענע אויגן, ווי ער וואָלט קיינמאָל פריער אַזאַ שיינקייט ניט געזען, און איר געזאָגט, אַז זי איז „נאַסטאַיאַשטשאַיאַ ציגאַנסקאַיאַ קראַסאַוויצאַ". [אַן אמתע ציגיינערשע שיינהייט]. נאָכדעם פלעגט ער יעדעס מאָל, נאָכן אַרומגיין דעם זווירנ־

האַלם, זיך אָפּשטעלן לעבן זייער מייקע, עסן זי מיט די אויגן, ווערטלען זיך מיט איר און באַשיטן זי מיט קאָמפּלימענטן. זייך עסן זי מיט די אויגן האָט איר ניט שטאַרק געאַרט. פאַרקערט, ס'האָט איר הנאה געטאָן, ווייל דאָס האָט אים אָפּגעהאַלטן פון גריבלען זיך אין שלמהקעס שוס־טעריי. בלויז איין מאָל — גראָד איז דעמאָלט שלמהקע געזעסן ביים שוסטער־טישל — איז ער אַריין אין מייקע, אַריינגעקוקט אין שלמהקעס פּאַס און אין די פּאַפּירן, וואָס האָבן אַ שייכות צו זיין שוסטעריי. פון דאַן אָן, ווי זי פלעגט אים נאָר דערהערן, פלעגט זי אַרויס אין דרויסן און אים טרעפן ביי זיין צוקומען צום מייקע און פלעגט אים שוין פאַר־האַלטן פון אַריינגיין אינעווייניק.

אָבער געבליבן זייער שאַרף אין איר זכרון איז די לעצטע אָבלאַווע פאַראַיאָרן אין הערבסט. דעמאָלט האָט זי אים אויף אַן אמת דער־קענט. ס'האָט געמוזט זיין אַרום דריי ביינאַכט. אַ גאָראָדאָוואָי האָט גע־וואָלט אויפהויבן אַ ברעג פון איר קאָלדרע צו זען, צי זי באַהאַלט ניט קיין אומגעמעלדעטן יידן לעבן זיך אין בעט. אַז זי האָט ניט געלאָזן, איז צוגעגאַנגען דער פּריסטאַוו און האָט מיט גוואַלד אַראָפּגעריסן פון איר די קאָלדרע, מיט אַ כלומרשטער אַנטשולדיקונג: „זאַקאָן!" זי האָט געפילט ווי אַריינצוטראַסקען אים אין מאָרדע דערפאַר. שלמהקע איז געשטאַנען אַן אויפגעקאָכטער, און וואָלטן צווישן אים און דעם פּריסטאַוו ניט געשטאַנען קיין גאָראָדאָוואָיעס, וואָלט ער אים אַ כאַפּ געטאָן ביים גאָרגל, מאַכט ניט אויס וואָס דערפון וואָלט נאָכדעם אַרויס־געקומען. פון דער לעצטער אָבלאַווע איז ביי איר געבליבן צו אים אַ טיפע שנאה און אַ מורא פאַר אים.

מלכהלע האָט ניט געוואוסט צוליב וואָס דער פּריסטאַוו דאַרף זי. זי האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז ס'מוז האָבן אַ שייכות צו שלמהקען. איר איז איצט אַלץ איינס געווען וואָס ער קאָן מאָנען, אָדער ווילן וויסן וועגן שלמהקען. לעבעדיק מאַכן אים קאָן ער דאָך ניט.

דער פּריסטאַוו האָט געעפנט אַ פּאַפּקע מיט פּאַפּירן פאַר אים אויפן שרייב־טיש, אַריינגעקוקט אין זיי, איבערגעקוקט שלמהקעס פּאַס מיט די אַנדערע פּאַפּירן, וואָס דער גאָראָדאָוואָי האָט פון איר צוגע־נומען, נאָכדעם זיי אָוועקגעלייגט, פאַררוקט אַ פּאַפּיראָס, אויפגע־הויבן אויף איר די אויגן און צוגעטראָטן צום ענין, צוליב וועלכן ער האָט זי געהייסן ברענגען:

— סעריאָזנאָיע דיעלאָ או נאַס ס'טאָבאָי. אָטשען סעריאָזנאָיע. [אַן ערנסטן ענין האָבן מיר מיט דיר, זייער אַן ערנסטן] — האָט דער פּריסטאַוו אָנגעהויבן, עסנדיק זי מיט די אויגן, נאָכדעם קלאָר

געמאַכט איר, אַז איר זײַן אין ריגע ביז איצט איז געווען אויף איר מאַנס רעכט. איצט האָט זי עס אָנגעוואָרן. און, קאַק זשידאָוקו [ווי אַ יידישקע], האָבן זיי קיין אַנדערן אויסוועג ניט, ווי אַרויסשיקן זי פֿון ריגע — זאַקאָן!

ס'האָט מלכהלען, צום ערשטן מאָל נאָך איר גרויסן אומגליק, אַרויסגעטרייסלט פֿון איר פֿאַרגליווערטער צעשלאָגנקייט און דורכגע־בליצט מיט שווידערלעכער קלאָרקייט, אַז זי איז געבליבן עלנט מיט אַ קינד אויף די הענט, אַז זי דאַרף האָבן וואו צו זײַן, וואָס צו עסן פֿאַר זיך מיטן קינד, און אַז זי האָט איר ווינקעלע, וואָס זי האָט נאָך ביז איצט געהאַט, אויך אָנגעוואָרן. זי האָט זיך דערפֿילט, ווי איבער אַן אָפּגרונט און ס'האָט זי צעמישט.

— ווערסטו אַליין ניט אַוועקפֿאָרן, וועלן מיר דיך מוזן אַרויסשיקן „עטאַפּנים פּאָריאַדקאָם", — האָט איר דער פּריסטאַוו דערקלערט אין רוסיש און אַרויסגעלאָזן דעם רויך פֿון פּאַפּיראָס אינדערהויך.

מלכהלע האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז „עטאַפּניס פּאָריאַדקאָם" מוז מיינען אַרויסשיקן מיטן עטאַפּ, אָבער אין איר צעמישטקייט ניט באַ־נומען, אַז דאָס מיינט זיך שלעפּן מיטן קינד אויף די הענט הונדערטער וויאָרסטן צופֿוס.

— ווען און וואוהין רעכנסטו צו פֿאָרן? — האָט דער פּריסטאַוו געוואָלט אַ קלאָרן ענטפֿער.

— איך ווייס ניט... — האָט זיך בײַ מלכהלען אַרויסגעריסן אין איר גויאיש, ניט ווייסנדיק וואָס זי קאָן אים ענטפֿערן. — איך האָב ניט וואוהין צו פֿאָרן...

איר קול איז געווען טרוקן, פֿאַרוואָרגן און יעדעס וואָרט איז אַרויס, ווי פֿון אַ וואונד.

דער פּריסטאַוו האָט פֿאַרצויגן דעם פּאַפּיראָס, אַ קוק געטאָן אין די פּאַפּירן און איר דערמאָנט:

— מיטן עטאַפּ, אויב דו וועסט אַליין ניט אַוועקפֿאָרן, וועלן מיר דיך מוזן שיקן קיין אולע. וועמען האָסטו דאָרטן?

— קיינעם ניט...

— קאַק טאַק קיינעם ניט? [וואָס מיינסטו, קיינעם ניט?]

— אַלע מיינע נאַ מאָהילניק [אויפֿן בית עלמין]... — האָט מלכהלע געענטפֿערט.

— איז וואָס־זשע וועסטו דאָרטן טאָן? — האָט דער פּריסטאַוו געפֿרעגט מיט איבעראַשנדיקן בייגער און שיער ניט מיט אַ רחמנות־דיקן מיטגעפֿיל.

— איך ווייס ניט... — האָט מלכהלע געענטפערט.

— פלאַכאַ [שלעכט] — האָט דער פריסטאַוו געזאָגט, ווי ער וואָלט פאַר איר ניט געפונען קיין אויסוועג. — אַ דיענעג מנאָגאַ אימעיעש? [און געלט האָסטו אַ סך?].

— דענגי? — האָט מלכהלע ווי זיך אויפגעכאַפּט; אין גרויסן אומגליק גאָר איינגאַנצן פאַרגעסן אויף אַזאַ זאַך, ווי געלט. אָבער באַלד זיך געכאַפּט, אַז אפשר דאַרף מען עפּעס צאָלן פאַר שלמהקען, אָדער פאַר עפּעס אַנדערש, געענטפערט דערשלאָגן: — עטלעכע און זיבעציק קאָפּיקעס...

— אָטשען פּלאָכאַ [זייער שלעכט]!...—האָט דער פריסטאַוו געזאָגט מיט מכלומרשטן באַדויער, אָבער הינטן אַרום האָבן ביי אים אַ שפּיל געטאָן חגא־פייערלעך אין די אויגן,—וואָס־זשע רעכנסטו צו טאָן?

— איך ווייס ניט... — האָט זי געענטפערט.

— און וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען דו וואָלסט יאָ געקאָנט בלייבן אין ריגע?

מלכהלע האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. דער פריסטאַוו האָט פאַר איר אויפגעהויבן פראַגן, פון וועלכע זי האָט ניט געוואוסט, אַז זיי עקזיסטירן פאַר איר; און אַנדערע, וואָס זיינען ביי איר דורכן אומגליק אַראָפּגעשטופּט געוואָרן אַזוי טיף ערגעץ, אַז זי האָט זיי ניט געזען און ניט געהאַט פאַר זיי קיין ענטפערס.

דער פריסטאַוו האָט געשוויגן אַ ווײַלע, קוקנדיק אויף איר, עסנדיק זי מיט די אויגן, אויסגעלאָשן דעם פּאַפּיראָס, און נאָכדעם געזאָגט מיט צערייצט־אויפגעלאָפענע פייערלעך אויף איר:

— טי מאָלאָדאַ, קראַסיוואַ [דו ביזט יונג, שיין]... שטרעק אויס די הענט און נעם גאַנצע זשמעניעס, ווי אין אַ געדיכטן סאָד מיט קאַרשן... ס'וועט דיר קיין זאַך ניט פעלן...

מלכהלע האָט דעם פריסטאַווס רוסיש ניט גוט פאַרשטאַנען, און זיינע פרעסנדיקע פייערלעך אין די אויגן ניט באַמערקט. ס'איז איר איצט אין קאָפּ ניט געלעגן.

— דו דאַרפסט בלויז קריגן דעם ריכטיקן פריינט... און קיין גרעסערן פריינט פון מיר האָסטו ניט... — האָט דער פריסטאַוו פאַרגעזעצט, דערביי זיך אויפגעהויבן פון שרייב־טיש, אַרויסגענומען פון בומאַזשניק צוויי צען־רובלדיקע אַסיגנאַציעס, צוגעגאַנגען צו איר און אָן צערעמאָניעס, ווי זי וואָלט צוגעשטימט צו דעם, אַריינגעשטעקט איר די אַסיגנאַציעס אין בוזים טיף צווישן די בריסטן, און פרעסנדיק זי מיט די אויגן, אַריינגענומען זי אין זיינע אָרעמס.

— ניקודאַ יאַ טיעביאַ ניע ווישליו, ניקודאַ ניע פּאָיעדיעש. בודיעשטי אַר מעניאַ וו׳ריגע... [אין ערגעץ וועל איך דיך ניט אַרויסשיקן, אין ערגעץ וועסטו ניט פֿאָרן, וועסט בײַ מיר זײַן אין ריגע...].

מלכהלע האָט שוין ניט געהערט זײַנע ווײַטערדיקע ווערטער. זײַנע אָרעמס פֿעסט אַרום איר טאַליע און זײַנע היהשע פֿײַערן אין די אויגן האָבן זי איבערגעשראָקן און אויפֿגעשווידערט. זי האָט זיך מיט צעמישטן אימפּעט געגעבן אַ ריס אַרויס פֿון אים און אַן אויפֿגעטרייסלט־צערודערטע זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר.

אָבער אײדער זי האָט דערגרייכט די טיר, איז זי ווידער געווען אין זײַנע אָרעמס און ניט געקוקט, וואָס איר איז געלונגען עטלעכע מאָל אַרײַנצוטראַסקען אים אין פּנים, האָט ער זי פֿעסט צוגעדריקט צו זײַן ברוסט און מיט זײַן וואָנציקן מויל אַרײַנגעפּרעסן זיך אין אירן. זי האָט זיך געריסן פֿון אים מיט אַלע כּחות. אָבער מיטאַמאָל האָבן זײַנע הענט זי אַ בראָך געטאָן, אויפֿגעהויבן אינדערהויך, — דער גאַנצער קאַבינעט האָט אַ שווינדל געטאָן פֿאַר אירע אויגן און זיך איבערגעקערט אויף איר. ס׳האָט זי אַ שלײדער געטאָן אויפֿן סאָפֿע מיט אַן אַרומגעקלאַמערטער ברעכנדיקער שווערקייט. זי האָט זיך געראַנגלט, געריסן זיך, ביז זי איז אינגאַנצן אַן אויסגעשעפּטע, מאַכטלאָז צוזאַמענגעבראָכן...

אַרויס אין דרויסן פֿון אוטשאַסטאָק אַן אויסגעשעפּטע פֿון די כּחות און צעטרייסלטע — ס׳האָט געמוזט זײַן אַרום עלף — האָט זי מער ניט געוואָלט לעבן. איר ערשטער געדאַנק איז געווען — מאַכן אַ סוף צו זיך. אָבער דערמאָנט זיך אויפֿן קינד — אַז זי האָט קײנעם ניט אויף דער וועלט, אויף וועמען זי קאָן אים איבערלאָזן, איז זי געשטאַנען אַ ווײַלע, ניט ווויסנדיק וואוהין צו גיין, נאָכדעם אַ פֿאַרצווײפֿלטע אַוועקגעשלעפּט זיך מיט דער גרויסער מאָסקווער גאַס — די הויפּט־גאַס פֿון מאָסקווער פֿאָרשטאָט — אַהיים. אָבער וואָס נעענטער זי איז צוגעקומען צום אַריבערפֿאָר צום האָלעם, אַלץ מער האָט זי אָנגעהויבן מורא צו האָבן, אַז זי וועט זיך ניט קאָנען אײַנהאַלטן — וועט זיך אַרײַנוואַרפֿן אין דווינע און לאָזן ס׳קינד אַלײן אויף דער וועלט. זי האָט דעריבער פֿאַרקערט אויף מילן גאַס, וואָס ווײַטער פֿון וואַסער. זי האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די ליידיקע בײנאַכטיקע גאַסן, און ניט וויסנדיק וואוהין צו גיין, זיך אַוועקגעשלעפּט אויפֿן בית־עלמין. דאָרטן איז זי צוגעפֿאַלן צו שלמהקעס קבר און אַ יאָמערדיקע אָפּגעלעגן ביז ליכטיק.

מיט די ערשטע זוניקע קרוין־שפּיצן אין די בית־עלמין בוימער, האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ, אַז ס׳קינד איז פון נעכטן אָן אַליין אין מייקע! ווי אַ מוראַדיקער כוח וואָלט זי פאַר די האָר אַ ריס־אויף געגעבן, האָט זי זיך אויפגעהויבן פון קבר צו לויפן אַהיים, אָבער ניט געקאָנט. פון ליגן אויף דער קאַלטער און פייכטער ערד זיינען די ביינער געווען צונויפגעצויגן און אַלע אברים האָבן ווי געטאָן. די פיס זיינען געווען פאַרגליווערט פון דער אָנגעצויגענער פייכטקייט און געווען, ווי אונטערגעהאַקט.

זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, האָט זי אָנגעהויבן צו גיין אַלץ שנעלער און שנעלער. אויפן האַרצן איז געווען פינצטער און די אויגן האָבן כמעט קיינעם און קיין זאַך ניט געזען אַרום. אָבער אין קאָפּ איז עפּעס ווי קלאָרער געוואָרן. זי האָט געפילט, אַז זי איז איינגעשפּאַנט אין אַ יאָך, וועלכן זי מוז שלעפּן, צי זי וויל, צי ניט. אירע דורכלעבונגען ביים פּריסטאַוו האָבן איר אַלע ווילע אויפגעשווידערט. זי האָט זיך געפילט באַברודיקט און באַשפּיגן — מיט קיינע וואַסערן ניט אָרומ־צוואָשן.

מיטן יאָך פון קינד אויף זיך, האָבן געבומען אַרויפקומען פראַגן, וועלכע זיינען פאַר איר פריער ניט געשטאַנען. אַלע האָבן זיי גע־פּירט צו איין עיקר: וואָס ווייטער? וואָס וועט זי טאָן טאָמער הייסט דער פּריסטאַוו זי ווידער ברענגען צו אים? ווער קאָן אים ניט לאָזן טאָן מיט איר וואָס ער וויל? פאַר וועמען קאָן זי זיך קלאָגן אויף אים? אויף וועמען קאָן זי זיך אָנשפּאַרן קעגן אים? מאָרגן קאָן ער זי פאַרשפּאַרן, און אויב ער וויל — אַרויסשיקן מיטן עטאַפּ. איצט האָט זי זייער קלאָר געזען, אַז זיך שלעפּן מיטן עטאַפּ קאָן מיינען אַ ניי קברל אויף אַ זייט פון אַ וועג... זיך דערמאָנט דאָס קברל פונעם ערשטן קינד, און טרערן האָבן איר אַרויסגעשלאָגן... און וועמען קאָן זי דערציילן וועגן דעם? וועמען קאָן זי עפּענען ס׳האַרץ וועגן אַזאַ זאַך? מער ווי צעקליגנען איר באַברודיקטקייט, וועט זי דאָך ניט דער־גרייכן מיט דעם. ס׳גאַנצע לעבן וועלן נאָכדעם זייטיקע טייטלען אויף איר מיט די פינגער, איזדיעקעווען זיך איבערן קינד, אַז ס׳וועט אויס־וואַקסן.

זי האָט דעריבער באַשלאָסן צו פאַרשטיקן עס אין האַרצן, אָפּגע־מען די פאַפּירן און אַוועקפאָרן קיין אולע. זי ווייסט ניט וואָס זי וועט דאָרטן טאָן. שלמהקעס טאַטע איז געשטאָרבן, זיין מאַמע איז קראַנק און אַוועקגעפאָרן פון אולע צו אירער אַ שוועסטער, און זי ווייסט ניט

װאו זי איז. ניט פון איר משפחה און ניט פון שלמהקעס איז איצט עמעצער דאָ צװישן די לעבעדיקע אין אולע. צו דער שטיפמאַמען? שױן בעסער צו פרעמדע, װי צו איר. אָבער אין דעם מאָמענט איז דאָס װיכטיקסטע — װאָס גיכער אַרױסרײַסן זיך פון דעם הפקר, אין װעלכן זי געפינט זיך.

אַז זי איז געקומען אין מײקע, האָט זי געפונען די צװײ־עמערדיקע דבורה־ברײַנען אין בעט מיט איר דודלען בײַ די בריסטן.

— העי, דו! װאָס מײנסטו, דו גײסט אַװעק און לאָזט איבער ס׳הונגעריקע קינד אײניקן אַלײן פאַר אַ גאַנצער נאַכט? געדאַרפט מיט גװאַלד אַרױסרײַסן פון מײן אײגענעם ממזרל ס׳ביסל מילך, כדי צו האָבן עפּעס פאַר דײַנעם!... ער װאָלט דאָך אױסגעגאַנגען שרײַענדיק!... װאו ביסטו עס געװען אַ גאַנצע נאַכט? װען ניט אין שבעה, װאָלט איך שױן אױף דיר אָנגעקלערט היפּש װערמדיקע זאַכן...

— געװען אױף שלמהקעס קבר... זיך אַראָפּגעװײנט אַביסל... — האָט מלכהלע זיך פאַרענטפערט אַ צונױפגענומענע. — אַ דאַנק, דבורה־ברײַנע, פאַרן גאָלדן האַרץ און פאַר אַלץ... װער װײסט, צי כ׳װעל קאָנען מיט עפּעס אָפּצאָלן פאַר דעם...

איר קול איז געװען טרוקן, צעװײטיקט, אָבער אײַנגעהאַלטן. זי האָט גענומען פון דבורה־ברײַנען ס׳קינד, זיך געזעצט אױף דער ערד בײם װאַנט און אַרײַנגערוקט אַ ברוסט אין קינדס מײַלכל.

דבורה־ברײַנע האָט זיך אױפגעהױבן פון בעט און פאַרשפּיליעט די קאָפטעטשקע אַרום איר גרױסן בוזים.

— איז װי לאַנג רעכנסטו זיך צו װאַלגערן בײַ אים אױפן קבר? אין קימפּעט װעט ער דיך מער ניט לײגן און אױף דער הוצאה אױך ניט ברענגען... — האָט דבורה־ברײַנע האַרט, אָבער האַרציק זי פאַרגענומען. — מ׳דאַרף אָפּזיצן שבעה און זיך נעמען אין די הענט אַרײַן! קײן פאַרשלאָפענע ביסטו ניט; װעסט אַ דרײַ־טאָן מיטן קלײדל, װעט זיך עמעצער געפינען... װעסט קײן אײביקע אלמנה ניט בלײַבן... — האָט דבורה־ברײַנע זי געמינטערט און געטרײסט אױף איר האַרטן אופן.

מלכהלע האָט גאָרנישט געענטפערט.

— האָסט עפּעס אין די בריסטן פאַרן קינד?

— װאָס קען שױן דאָרטן זײַן? — האָט מלכהלע טרוקן געענטפערט. — בלױז פון האַרצן; אפשר איז דאָס ניט ערגער פון מילך...

— אױב דו װעסט זיך ניט נעמען אין די הענט, װעסטו אים

אַוועקפּטרן מיט אַזאַ מילך!... — האָט איר דבורה־ברײַנע געוואָרנט. — אויף וואָס האָט מען דיך געדאַרפֿט אין אוטשאַסטאָק?

מורא־האָבנדיק אַרויסצוכאַפּן זיך מיט אַ וואָרט, וואָס קאָן זי מיט עפּעס אַרויסגעבן, האָט זי געענטפֿערט ניט קלאָר, אויסמײַדנדיק צו טרעפֿן זיך מיט דבורה־ברײַנעס אויגן:

— ווענן שלמהקען... וואָס און ווי אַזוי דער אומגליק... איך ווייס נאָך ניט וואָס זיי ווילן... כ׳דאַרף קומען נאָך די פּאַפּירן, וועל איך זיך מסתמא דערוויסן...

אַ קוק־טוענדיק אויף מלכהלעס פֿאַרטריקנטע ליפּן, אויסגעחושכט און דין געוואָרענעם פּנים, ניט אויסגעשלאָפֿנקייט, דאָס קבר־זאַמד אויף איר קליידל און די עלנט־צעשלאָגענע פֿייערלעך אין אירע אויגן, האָט דבורה־ברײַנען פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ.

— מיר האָבן אַ גוטן גאָט. ער זאָגט ניט פֿאַרוואָס און דער־טרינקט... אָבער, אַז ער לאָזט זיך מאַטערן, מוז מען שוין לעבן, צי מ׳וויל צי ניט, מ׳זאָל ניט זינדיקן מיט די רייד... — האָט דבורה־ברײַנע אָפּגעווישט אַ טרער. — זיץ אָפּ שבעה, נעם זיך אין די הענט אַרײַן און דער עיקר — דו מוזט ווערן צוריק אַ שטיקל מענטשעכע, אויב דו ווילסט לעבן אויף דער וועלט... — האָט דבורה־ברײַנע פֿאַרענדיקט האַרציק־ווייך און מיט פֿאַרשטיקטע טרערן אַרויס פֿון מייקע.

אויפֿגעשטאַנען

פֿון שבעה איז מלכהלע אַ צעווייטיק־טע און אומרואיקע. ס׳איז געווען דאָנערשטיק נאָך זון־פֿאַרגאַנג. די באַברודיקטקייט האָט שטאַרק געדריקט אויפֿן האַרצן. די צוויי צען־רובלדיקע אַסיגנאַציעס, וואָס זי האָט געפֿונען אין קליידל־קעשענע און ניט געדענקט ווי אַזוי ס׳קומט אַהין, האָבן איר געברענט די פֿינגער. דער אָוונט מיטן פּריסטאַוו איז געשטאַנען פֿאַר די אויגן און ניט אָפּ־געלאָזט.

פֿרייטיק איז זי אויפֿגעשטאַנען שטאַרק אָפּגעשוואַכט, ווי די אויפֿ־טרייסלונגען פֿון די לעצטע ביין טעג וואָלטן זיך איצט געלאָזט פֿילן אין אַלע אבֿרים. גערעכנט האָט זי היינט פֿאָרן אין אוטשאַסטאָק, אָבער אי ניט געהאַט קיין כּוחות, אי ניט געפֿילט צו גיין ערגעץ.

שבת איז זי אין ערגעץ ניט געגאַנגען און זונטיק איז דער או־טשאַסטאָק צוגעמאַכט. פֿאַר די דריי טעג האָט זי זיך אַביסל אָפּגערוט, שטאַרקער געוואָרן, געקומען צו זיך און זיך צונויפֿגענומען. אין קאָפּ

איז אַ סך קלאָרער געוואָרן: מ׳האָט זיך געמוזט לאָזן אין לעבן מיט וואָס מ׳איז געבליבן און הענגען אויף די אייגענע כחות. זי, ווי זי, — דאָס קינד איז אין קיין זאַך ניט שולדיק. און ער איז אַלץ, וואָס איר איז געבליבן אין לעבן.

מאָנטיק אינדערפֿרי האָט זי זיך אָנגעטאָן, געבעטן דבורה־ברײַנען און ריישע אברהם לאָפּאַטעס צו וואַרפֿן אַן אויג אויפֿן קינד, ביז זי וועט צוריק קומען, און אַוועקגעפֿאָרן אין אוטשאַסטאָק נאָך די פּאַפּירן, צו קאָנען אַוועקפֿאָרן קיין אולע.

געקומען אין אוטשאַסטאָק, איז זי אַרײַנגעפֿאַלן אין זעלבן חדר, אין וועלכן דער גאָרדאָוואָי האָט זי געבראַכט לעצטן דינסטיק. דער חדר איז אָבער איצט געווען פֿול מיט מענטשן. דאָ זײַנען געווען צע־שלאָגענע גוים מיט פֿאַרטריקנט בלוט אויף די פּנימער, קענטיק צו־נויפֿגענומענע אין אַ זונטיקדיקן געשלעג; קרעמער, בלאָנדע לאַטווישע יאַקאָרשטשיקעס אין הויכע וואַסער־שטיוול, אַרבעטער פֿון געהילץ־פֿלעצער, אַלטע גויעס מיט צעקנייטשטע פּנימער און אָנצײַנערדיקע מיילער, וואָס האָבן זיך פֿאַרמאַכט ביז די סאַמע נעזער; אַ קאַפּיטאַן פֿון אַ שלעפּ־דאַמפֿער אויפֿן דווינע און אַן אַלטער סטאַרעץ מיט לאַנגע האָר און ווייסער באָרד ביזן גאַרטל און סוקעוואַטן שטעקן אין האַנט. קאָנוואָינע מיט בלויזע שווערדן האָבן געבראַכט און אַוועקגעפֿירט אַרעס־טירטע. גאָראָדאָוואָיעס זײַנען געשטאַנען ביי די טירן. אין חדר איז געווען שטאַרק אָנגערויכערט.

מלכהלע איז געקומען פֿריער, כדי אָפּצופּאַרטיקן זיך פֿאַר מי־טאָג־צײַט, — ניט צו דאַרפֿן בלייבן ביזן אָוונט אין אוטשאַסטאָק און ווידער אַרײַנפֿאַלן צום פּריסטאַוו אין די הענט. געהאָפֿט, אַז זי וועט קריגן די פּאַפּירן דורך עמעצן אַנדערש.

זי האָט אָנגעהויבן זוכן צו וועמען זיך צו ווענדן. מ׳האָט זי גע־נומען שיקן פֿון איין טיר אין דער צווייטער און פֿון איין טיש צום אַנדערן. ביז ענדלעך זיך דערשלאָגן, וואו מ׳האָט איר געזאָגט, אַז זי וועט קריגן וואָס זי דאַרף.

אין אַ חדר, ביי אַ שרייב־טיש איז געזעסן אַ יונגער אָקאָלאָדאָטש־ניק אין אַ שטייף־אַרומגעצויגענעם מונדיר, קליינע וואָנצעלעך און שאַרפֿע גרויע אויגן. ער איז געזעסן אָפּגעוואָרפֿן אויפֿן ווענטל פֿון זײַן שטול, וואָס איז געווען אָפּגעבויגן אויף די הינטערשטע פֿיסלעך צום וואַנט. ער האָט גערויכערט אַ פּאַפּיראָס, מיט איין אויג צוגע־מאַכט, מיטן אַנדערן שאַרף אויף איר, — זי באַטראַכט, קאַלט אויס־

געהערט, נאָכדעם געפרעגט איר נאָמען און פאַמיליע, אָנגעשריבן עפּעס אויף אַ בויגן פּאַפּיר און אַ רוף געטאָן:

— דעזשורני!

— ס'איז אַריינגעקומען אַ גאַראָדאָוואָי און זיך געשטעלט פאַר אים „פאַד־קאַזיריאַק".

— עטו זשידאָווקו בעז בומאַג זאַדערזשאַט פּאַקאַ וויהיאַסניטסיא וו'טשאַם דיעלאָ [די דאָזיקע יידישקע פאַרהאַלטן ביז ס'וועט קלאָר ווערן וואָס דאָ האַנדלט זיך] — האָט ער געשעפּטסמעסיק אַ זאָג געטאָן צום גאַראָדאָוואָי, אים איבערגעגעבן דעם אָנגעשריבענעם בויגן פּאַפּיר און איבערגעגאַנגען צום אויפנעמען אַנדערע:

— סליעדויושטשי! [דער צווייטער, נעקסט!].

ס'האָט ניט געהאָלפן איר בעטן און דערקלערן אין איר גויאיש, אַז אירע פּאַפּירן זיינען ביים פּריסטאַוו, אַז זי האָט געלאָזן אַ קינד איבערהיים איינעם אַליין. דער גאַראָדאָוואָי האָט זי אָוועקגענומען אין קאָרידאָר, אויפגעשלאָסן אַ טיר, אַריינגעשטופּט זי אין אַ חדר מיט פרויען אינעווייניק, מיט פאַרגראַטעוועטע פענצטער און הוילע ברעטערדיקע נאַרעס, און צוגעשלאָסן הינטער איר די טיר.

אַז זי איז געקומען צו זיך פונעם אומדערוואַרטעטן און צעטומלעבדיקן קלאַפּ — פון דער לאַגע, אין וועלכער זי איז אַריינגעפאַלן — איז דאָס ערשטע אויפן געדאַנק געווען דאָס קינד! ווער ווייסט ווי לאַנג מ'וועט זי דאָ האַלטן און וואוהין מ'וועט זי אָוועקשיקן? זי איז געוואָרן זייער אומרואיק. איר האָט שוין איצט ניט געאַרט וואָס מ'וועט טאָן מיר איר, געוואָלט נאָר האָבן ס'קינד מיט זיך.

אין חדר איז קיין איין בענקל ניט געווען. מלכהלע איז געשטאַנען אַ ווילע אַ פאַרצווייפלטע, נאָכדעם זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ברעג נאַרע און געקוקט אויפן טיר: טאָמער עפנט מען זי — צו פועלן, מ'זאָל זי לאָזן גיין נאָכן קינד. אויב מ'גלויבט איר ניט, אַז זי וועט צוריקקומען, זאָל מען מיט איר שיקן אַ גאַראָדאָוואָי. די טיר האָט זיך אָבער ניט געעפנט. וואָס לענגער ס'האָט געדויערט, אַלץ אומרואיקער איז זי געוואָרן.

אין חדר איז געווען אַ צענדליק פרויען. קוקט־אויס — אין די לעצטע עטלעכע טעג געבראַכט אַהער. צווי יונגע פרויען מיט פאַרשיכורטע פנימער זיינען געלעגן אויף איין זייט נאַרעס. איינע, אַ קרענקלעכע, איז זייער שווער געשלאָפן: פון יעדער אַרויסאָטעמונג האָט זיך אַרויסגעריסן אַ ווייטיקדיקער קרעכץ. די אַנדערע איז געלעגן מיט

די הענט אונטערן קאָפּ, געדרויכערט אַן אויפהער און שווער־אָטעמדיק אַרויסגעלאָזן דעם רויך צום באַלקן.

אַ דריטע איז געזעסן אויפן דיל, אונטערן פּאַרגראַטעוועטן פענ־צטער, מיט די פיס צעשפּרייט; דאָס פּנים שטאַרק צעשלאָגן און הויך אויפגעשוואָלן. זי האָט געדרויכערט און מיט אַ קרענקלעכן שמייכל דערציילט מיט אַלע אייבצלהייטן, ווי אַזוי זי איז לעצטע נאַכט גע־שלאָגן מיט אַ שיכורן מאַן, וואָס האָט זי שיער ניט פאַרמאַטערט צום טויט. אַז ער איז איינגעשלאָפן, האָט זי דערזען, אַז זיין טייסטער ליגט לעבן בעט אויפן דיל. זי האָט זיך ניט איינגעהאַלטן, אַרויסגענומען דאָס געלט און דעם טייסטער צוריק אין זיין הויזן־קעשענע אַריינגע־לייגט. אָבער אינדערפרי האָט ער זיך געכאַפּט, איבערגעקערט דעם גאַנצן חדר, געפונען דאָס געלט, צוגענומען זיינס און אויך אַלץ, וואָס זי האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט אייגנס, צעשלאָגן זי און נאָך אַרעסטירט זי אויך דערצו — דער סוואָלאָטש!...

אַנדערע זיינען געזעסן לעבן איר אויפן דיל אין אַ האַלב־רעדל, געשפּילט אין קאָרטן, געדרויכערט און עס צוגעהערט גלייכגילטיק, ווי אַ געוויינטלעכע זאַך.

איינע, מיט לאַנגע בלאָנדע קינדערשע צעפּלעך, נאָך גאָר אַ יונגיטשקע — אפשר אַן יאָר פופצן — האָט זייער באַזאָרגט דער־ציילט דער צווייטער — אַן עלטערער פון איר — ליגנדיק איינע קעגן דער אַנדערער אויף דער אַנטקעגנדיקער זייט נאַרעס — פאַרוואָס מ'האָט זי אַרעסטירט: זי דאַרף גיין אַלע חודש פאַרן מעדיצינסקן סמאָטר [מעדיצינישער קאָנטראָל איבער פּראָסטיטוטקעס]. אָבער ווי קאָן זי גיין, אַז זי האָט זיך „אָנגעשטאָכן" פון אַ פאַרשיוון פאַרוטשיק? געדעכנט זיך פריער אויסהיילן... איצט וועט מען זי אָוועקשיקן אין שפּיטאָל, וועד ווייסט אויף ווי לאַנג, און די קראַנקע מאַמוליע מיט די שוועסטערלעך וועלן ניט האָבן וואָס צו עסן...

— די מאַמוליע — האָט זי דערקלערט — ניט געוואוסט פון וואַנען ס'געלט געבראַכט. זי וואָלט בעסער געשטאָרבן... און איצט וועט זי זיך דערוויסן... — האָט זי פאַרענדיקט זייער טרויעריק.

קוקנדיק אויף די פרויען דאָ און צוהערנדיק זיך, ניט ווילנדיק, צו זייערע רייד, האָט זיך מלכהלע אָנגעשטויסן, אַז דאָס מוזן זיין פרויען, וואָס פאַרקויפן זיך. זי האָט געהערט, אַז ס'זיינען דאָ אַזעלכע פרויען, אָבער זיי קיינמאָל פריער ניט געזען.

דערמאָנענדיק זיך דעם פּריסטאַווס צען־רובלדיקע אַסיגנאַציעס

צווישן די בריסטן, האָט דאָס בלוט איר אַ שלאָג געטאָן אין פּנים. דאָס האַרץ האָט שטאַרק גענומען קלאַפּן, טראָפּנס שווייס האָט אַרויס־געשלאָגן אויפן שטערן און דער אָטעם איז געוואָרן האַסטיק און שווער. ס׳האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט, ביז זי האָט זיך באַרויִקט אַביסל.

זי איז געזעסן אויפן ברעג נאַרע און די אויגן פון טיר ניט אַראָפּ־גענומען. פון יעדן טראָט און יעדן דערנעענטערנדיקן קלונג פון די שליסלעך פון יענער זייט טיר האָט אויפגעשלאָגן די האָפענונג, אַז מ׳גייט זי אַרויסנעמען פון דאַנעט און זי וועט זיך צו עמיצן קאָנען ווענדן. די טריט פלעגן זיך אָבער דערווייטערן, דאָס קלינגען פון די שליסלען ווידער פאַרזינקען און ס׳פלעגט צוריק ווערן שטיל. אַזוי האָט זיך געצויגן אַ שעה נאָך אַ שעה.

ערשט שפּעט אין אַנדערן האַלבן טאָג האָט זיך געעפנט די טיר און דער גאַראַדאָוואָי, וואָס האָט זי אינדערפרי פאַרשפּאַרט, האָט זי אויסגערופן ביים נאָמען און געהייסן גיין נאָך אים. זי איז אים נאָכ־געגאַנגען און ווידער — צו איר שטוינונג — געווען אין זעלבן קאַ־בינעט, וואָס לעצטן מאָל, און ווידער אַנטקעגן פּריסטאַוו.

מלכהלע איז צעטומלט געוואָרן. דאָס האַרץ האָט ווידער זייער שטאַרק גענומען קלאַפּן. זי האָט פאַרביסן די ליפּן צו באַהאַלטן איר טיפע אומרויִקייט און איר שווער אָטעמען.

דער פּריסטאַוו איז געזעסן אַנטקעגן איר ביים שרייב־טיש, אָנ־געטאָן פונקט, ווי לעצטן דינסטיק, מיט אַ קוים־באַמערקטן שמייכל און מיט גרינע כיטרע פייערלעך אויף איר. ער האָט געקוקט אַ ווײַלע אויף איר, נאָכדעם אָנגעוויזן אויף אַ שטול ניט ווייט פון אים און געזאָגט אויף „דו":

— סאַדיס [זעץ זיך].

מלכהלע האָט זיך געקווענקלט. פאַריקן מאָל האָט ער זי געהאַלטן די גאַנצע צייט אויף די פיס. דאָס בעטן זי איצט זיצן האָט קיין גו־טעס ניט צוגעזאָגט. זי האָט אומזיכער און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ זיך געזעצט אויפן ווינקל פון אָנגעוויזענעם שטול.

— פאַרוואָס אַרעסטירט? — האָט דער פּריסטאַוו געפרעגט מיט אַ קאַלטן שמייכעלע, ווי ער וואָלט ניט געוואוסט פאַרוואָס מ׳האָט זי פאַרשפּאַרט, כאָטש פאַר אים איז געלעגן דער בויגן פּאַפּיר, וואָס דער אָקאָלאָדאָטשנער האָט אינדערפרי איבערגעגעבן דעם דעזשורנעם גאָ־ראָדאָוואָי. — געכאַפּט מיט אַ פרעמדן מאַן ביידערנאַכט, ווי די אַנדערע דאָרטן?

זיינע ווערטער האָבן איר אַ פּלאַם געטאָן ס'פּנים און איבערגע־שראָקן, ווי פון אַן אַרויפגעוואָרפענעם בלוט־בלבול. פאַר די אויגן זיינען איר אויפגעלאָפן די פּרויען פונעם חדר, און די מורא, אַז מ'וועט זי צוריק אַהין אַריינוואָרפן.

— איך בין ניט פון די... קיינמאָל ניט געוואוסט אויסער מיין אייגענעם מאַן... — האָט זי אין איר גויאיש געזוכט אַראָפּצוואַרפן פון זיך דעם בלבול. — בין געקומען נאָך די פּאַפּירן... וויל אַוועק־פאָרן פון דאַנען און — מיך פאַרשפּאַרט...

און דערפילנדיק אין פּריסטאַווס קאָלט, באַהאַלטן שמייכעלע, אַז וואָס זי זאָל ניט זאָגן, איז אַרויסגעוואָרפן — ער וועט אַלץ איינס טאָן מיט איר וואָס ער וועט וועלן — האָט ס'קול ביי איר זיך איבער־געבראָכן:

— איך קאָן ניט אַזוינס... איך קאָן ניט... ס'זיינען דאָ גענוג, וואָס קאָנען דאָס... — האָט זי געבעטן מיט פאַרוואָרגענע טרערן.

דער פּריסטאַוו האָט אויף איר געקוקט, עסנדיק זי מיט די אויגן, ווי פאַרכאַפּט פון איר אינערלעכער זויבערקייט.

אַראָפּגעשלונגען די טרערן, וואָס האָבן פאַרוואָרגן און ניט גע־לאָזן ווייטער רעדן, האָט זי ווידער אָנגעהויבן:

— בין געקומען נאָך די פּאַפּירן... וועל אַוועקפאָרן פון דאַנענט. גיט מיר זיי און לאָזט מיך גיין. ס'קינד ביי מיר אַ גאַנצן טאָג ניט געגעסן. — כ'וועל אַלץ איבערלאָזן און וועל מאָרגן אַוועקפאָרן...

— קיינער וועט דיך אין ערגעץ ניט אַרויסשיקן און וועסט אין ערגעץ ניט פאָרן, — האָט דער פּריסטאַוו איר קאָלט און שאַרף אי־בערגעהאַקט. — און וועסטו אַליין אַוועקפאָרן אָן די פּאַפּירן, וועט מען דיך ברענגען צוריק אַהער „עטאַפּנים פּאָריאַדקאָם"...

דעם פּריסטאַווס שאַרפער אָפּזאָג פון די פּאַפּירן און זיין קאַלטע וואָרנונג ניט אַוועקצופאָרן אָן די פּאַפּירן, האָט מלכהלען אָפּגענומען ס'לשון.

דער פּריסטאַוו האָט נאָך געקוקט אויף איר אַ ווײַלע ערנסט, נאָכדעם איבערגעגאַנגען אין אַ שמייכל. ער האָט אַרויסגענומען פון שופלאָד אַ געדרוקטן בלאַנק, אים אויסגעפּילט, אונטערגעשריבן, אַרויפ־געלייגט אַ שטעמפּל, אַריינגעלייגט עס מיט נאָך עפּעס אין אַ קאָנווערט. פאַרקלעפּט, אויסגעשטרעקט אים צו איר, און אין אַ געענדערטן ווייכן טאָן, געזאָגט צו איר אין רוסיש:

— גיי אַהיים און באַרואיק זיך. קיינער וועט דיך מער ניט

אַרעסטירן. וועט דיך ווער פאַרהאַלטן — ווייז מיין „ראַזרעשעניע״ [דערלויבעניש] אין דעם קאָנווערט.

— וועסט קומען מאָרגן! פּאָגאָוואָרים טשטאָ, אי קאַק, אי אָ בומאַ־גאַך... [וועלן מיר זיך דורכריידן וועגן וואָס און ווי אַזוי, אויך וועגן די פּאַפּירן] — האָט ער געזאָגט און דערביי איר אָנגעזאָגט וואו און ווען צו קומען, און פאַרענדיקט מיט אַן אומבאַמערקבאַרן זשוליקעוואַטן שמייכעלע און גרינגע כיטרע פייערלעך אויף איר:

— סוואָבאָדנא. מאָזשעש אידטי [ביסט פריי. קאָנסט גיין].

מלכהלע האָט זיך ניט זיכער אויפגעהויבן און אַוועק צום טיר, ניט גלויבנדיק, אַז ער מיינט אויף אַן אמת זי אַרויסצולאָזן פון דאַ־נענט. אָבער זי איז אַרויס פון קאַבינעט, דורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר און קיינער האָט זי ניט אָפּגעשטעלט.

אַרויס פון אוטשאַסטאָק, האָט זי זיך ערשט געפילט צעמישט. אַלץ האָט זיך געדרייט אַ גאַנצן טאָג אַזוי אויפטרייסלענדיק און אויסגע־לאָזן זיך אַזוי אַנדערש און פאַרדרייט, אַז זי האָט ניט געוואוסט אויף וועלכער וועלט זי איז.

אויפן זווירנהאָלם און אויף די דווינעס האָט זיך אין די לעצטע צוועלף טעג אַלץ זייער שטאַרק געענדערט. ווי נאָר דאָס אייז איז דורכגעגאַנגען, האָבן טייך־דאַמפערס געבראַכט צופירן קאַפּערן און זיי צעשטעלט אין פאַרשיידענע ערטער פון די דווינעס. די קאַפּערן האָבן מיט זייערע שווערע דאַמף־האַמערן, ווי אַלע יאָרן, גענומען אַריינשלאָגן סוואַיעס אין דער לענג און דער ברייט פון די דווינעס. פון די באַגינענס, ביז שפּעט אין די אָוונטן, האָבן זיי געקוזניעט און געהאַמערט און געשאָסן מיט פאַרע־וואָנצעס אין אַלע זייטן.

די דווינעס האָבן זיך גענומען פאַרדעקן מיט הונדערטער און הונדערטער אַרויסשטעקנדיקע גראָבע באַלקנס פון וואַסער — וואו אין גלייכע רייען און וואו אין אויסגערעכנטע קוואַדראַטן. און נאָך איי־דער די קאַפּערן האָבן באַוויזן צו פאַרענדיקן זייער אַרבעט, האָבן גע־נומען אָנקומען פליטן. עס האָבן זיך צומערשט באַוויזן איינציקע, נאָכדעם זיך גענומען שיטן אין די הונדערטער און הונדערטער — בייטאָג און ביינאַכט.

די טעג זיינען געשטאַנען ליכטיקע, זוניקע און הייסע. די בוי־מער האָבן זיך ברייט צעוואָרפן און זיך אויסגעבלעטערט. די פייגלען

זײַנען צוריקגעקומען אין די צווײַגן און מיט טומלדיקע צוויטשערײַען גענומען איבערמײַסטרעווען די אַלטע און בויען נײַע נעסטן. געשמאַקע און פֿרישע ווינטלעך האָבן געבלאָזן און דער הימל איז געווען הויך, טיף און בלוי.

אַלע אויפֿן זווירנהאָלם זײַנען איצט געווען אויף די דווינעס פֿון די סאַמע אינדערפֿריִען, ביז שפּעט אין די אָוונטן — אַנדערע אַפֿילו אויך דורך די נעכט; בלויז צוגעוואָרפֿן זיך עטלעכע שעה שלאָף דורך די מעת־לעתן, צו קאָנען ווײַטער אָנגײן.

ווי אַלע יאָרן, האָבן זיך אויך הײַאָר אַרום זווירנהאָלם גענומען אויסציִען שאַמיראָס אַגאַראָדן און אין זיי זיך אײַנשטעלן די הונדערטער פּליטן, וואָס האָבן זיך געשאָטן פֿון שאַמיראָס וועלדער; און אויף שאַמיראָס געהילך־פּלאַץ האָבן זיך אָנגעהויבן די אַרבעטן מיט מוראדיקן שוואונג. פֿערד מיט קייטן האָבן אַרויסגעשלעפּט די באַלקנס פֿון וואַסער און אין גלײַכע רייען — און ריי אויף ריי — אויפֿגעקייקלט טויזנט באַלקנדיקע שטאַפּלען. טיאָסטשיקעס האָבן מיט זייערע זעגן און טיאָס־העק פֿאַנאַנדערגעוויקלט די איבעראַרבעטונג פֿון די שטאַפּלען, גרוזטשיקעס האָבן געלאָדן די ערשטע פּאַרטיעס פּאַרטיקע שפּאָלן אין די לײַוועס פֿאַר די שיפֿן אין האַפֿן, און די קאָנטאָר איז געווען באַלאַגערט מיט „גאָנשטשיקעס״, וואָס האָבן געוואָרט פֿאַרן באַצאָלן זיי פֿאַר ברענגען די פּליטן פֿון די וועלדערדיקע ספּלאַוון.

אין דער לופֿטן איז דעריבער געשטאַנען אַ קוזניען און אַ קלאַפּן פֿון די קאַפּערן, אַ הודיען פֿון די טײַך־דאַמפֿערן, אַ טיעסען פֿון העק, אַ געזשום פֿון זעגן, אַן איבערשרײַען זיך פֿון יאַקאַרשטשיקעס אײַנע מיט די אַנדערע, און איבערן וואַלד פֿון באַהאַרעס, ביים שלעפּן און אײַנשטעלן די פּליטן אין די אַגאַראָדן, איז געשטאַנען אַ טומל און אַ הר־האַ, ווי טויזנטער מענטשן וואָלטן אַרײַנגעוואָרפֿן אַלע זייערע כּוחות, אַרײַנצוטראָגן אַ וועלכן ס׳איז סדר אין דעם אומאויפֿהערלעכן אָנקומען פֿון פּליטן, וואָס האָבן געדראָט צו פֿאַרפּראָפּן אַלע דורכגאַנגען און פֿאַרווערגן דאָס פֿאַנאַנדערגעוויקלטע לעבן אויף די דווינעס.

מלכהלע האָט די גרויסע ענדערונגען ניט געזען. די אויפֿטרייסלונגען, וואָס זײַנען געקומען אײַנע נאָך די אַנדערע, האָבן אויסגעלאָשן אַלץ און אַלעמען אַרום איר. אויסער איר אייגענעם אומגליק, האָט זי קיין זאַך ניט געזען אַרום זיך.

אַז זי איז געקומען פון אוטשאַסטאַק אַהיים, אַנגעזויגן און אָנ־געקאַרמעט ס'קינד, האָט זי געעפנט דעם פּריסטאַוס קאָנווערט, צו זען וואָס דאָרטן איז. אין דעם געדרוקטן פּאַפּיר, וואָס זי האָט לייענען ניט געקאָנט, אָבער זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס מוז זיין די „ראַזרעשעניע", וועלכע דער פּריסטאַוו האָט דערמאָנט, זיינען געלעגן נאָך צוויי צען־רובלדיקע אַסיגנאַציעס. דאָס האָט זי אינגאַנצן אַראָפּגעשלאָגן פון די פיס.

געקומען צו זיך, האָט זי געזוכט פאַנאַנדערצוקלייבן זיך וואָס דער פּריסטאַוו האָט געקאָנט מיינען מיט דעם. אָבער ווי זי האָט ניט גע־חשבונט, האָט זי עס ניט געקאָנט דערפירן צו אַ קלאָרקייט. זיין קאַלטע, שאַרפע וואָרנונג, אַז מ'וועט זי ברענגען „עטאַפּנים פּאַריאַדקאָם" צוריק, אויב זי וועט וואַגן אַוועקצופאָרן אָן פּאַפּירן, זייענדיק זיכער, אַז ער קאָן עס טאָן, האָט איר געבונדן הענט און פיס און זיך ניט געלאָזט רירן פון אָרט. — ווער ווייסט וואָס נאָך פאַר זאַכן עס זיינען דאָ קעגן שלמהקען און איר? — פון דער אַנדערער זייט — דאָס קומען מאָרגן דורכרעדן זיך וועגן די פּאַפּירן, האָט געהאַט אין זיך האָפענונג, אַז ער רעכנט יאָ איר אומצוקערן די פּאַפּירן. ביידע זאַכן האָבן זיך אָבער צונויפפאָרן ניט געקאָנט. זיין באַפרייען זי און לאָזן גיין אַהיים — און ניט צוגערירט זיך אַפילו צו איר — און זיין „ראַזרעשעניע" מיט די נייע צוויי צען־רובלדיקע אַסיגנאַציעס האָבן זיך אויך ניט געלאָזט צונויפבינדן מיט דעם, וואָס ער האָט מיט איר געטאָן... פאַר אירע אויגן האָט נאָך געשווינדלט דער איבערקערנדיקער און פאַלנדיקער קאַבינעט אויף איר...

די נייע צוויי אַסיגנאַציעס האָבן איר ניט נאָר געבערענט די פינ־גער נאָר זייער שטאַרק איבערגעשראָקן. אַ מורא מיט אַ טיפער שנאה האָט אָנגעפילט איר האַרץ. אָבער איר הילפלאָזיקייט קעגן אים האָט אַוועקגענומען יעדע מעגלעכקייט צו ווערן זיך קעגן אים. דאָס גיין מאָרגן צום פּריסטאַוו איז דעריבער געלעגן, ווי אַ באַרג אויפן קאָפּ. אי געמוזט גיין — קיין אַנדערן אויסוועג ניט געהאַט, און אי מורא געהאַט — טאָמער איז דאָס ניט מער, ווי אַ כיטרער שפּיצל.

זי האָט אַ צעטראָגענע, שווער אָטעמענדיק, מיטן קינד אויף די הענט, געשפּאַנט איבערן מיטלסטן חדר פון מייקע הין און צוריק, ברעכנדיק דעם קאָפּ וואָס צו טאָן, און צולעצט אָפּגעמאַכט ביי זיך — צו גיין מאָרגן צום פּריסטאַוו און אומקערן אים אַלע זיינע צען־רובל־דיקע אַסיגנאַציעס אינאיינעם מיט דער „ראַזרעשעניע", ער זאָל וויסן,

אַז זי איז ניט פֿון די... אַז זי וויל ניט זיין געלט און וויל קיין זאַך ניט פֿון אים. זי וויל בלויז די פּאַפּירן, צו קאָנען אַוועקפֿאָרן פֿון דאַנענט...

ביי אָט די געדאַנקען האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר. ס׳איז שוין געווען טונקל. דורך די פֿענצטער האָבן אַריינגעשלאָגן די לעצטע קופּערנע אָפּלייכטונגען אין די מערב־וואָלקנדלעך. מלכהלע איז דורכ־געגאַנגען אין קיך און געעפֿנט די טיר.

אַנטקעגן איר איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן פֿון אַ יאָר אַכט־און־צוואַנציק. הויך, ברייט, מיט אַ קאָפּ שוואַרצע האָר, אָבער מיט ווייסע הערעלעך אַרום די שלייפֿן, און אַ שוואַרץ־שיטערער בערדל, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ס׳וואָלט נאָר־וואָס אַרויס אויף זיין פּנים. דורך די דינינקע הערעלעך האָבן זיך אַרויסגעזען ברייטע, שטאַרקע קינבאַקן; פֿון די טיפֿע, ערנסטע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ רואיקער און זיכערער קוק. אין אַ שוואַרץ רעקל, מיט אַ קאָלירט טיכל אויס־געבונדן אַרום האַלדז, מיט די עקן אַראָפּ אונטערן זשיליעטקע און אין שטיוול, אַרויסגעצויגן הויך אַריבער די קני, האָט ער אויסגעזען אַ סך עלטער און געזעצטער פֿון די יאָרן.

— מלכה שלמהקעס? — האָט דער יונגערמאַן אַ פֿרעג געטאָן.

— מלכה, — האָט זי געענטפֿערט ניט זיכער.

כּדי ניט צו דאַרפֿן אים אַריינבעטן אין מייקע, ווייל אַלץ איז צע־וואָרפֿן און אָפּגעלאָזט פֿון זינט דעם אומגליק, איז זי אַרויס צו אים מיטן קינד אויף די הענט און צוגעמאַכט די טיר.

— אַ גוטן אָוונט, — האָט דער יונגערמאַן אָנגעהויבן. — גע־הערט וועגן אומגליק. געקענט שלמהקען. אַ וואוילער יאַט געווען. גרינג געווען מיט אים זיך אַ קער צו טאָן אויפֿן וואַסער און פֿון אים אַלעמאָל געקאָנט דערוואַרטן אַ העלפֿנדיקע האַנט. אַ שאָד, — האָט ער געזאָגט מיט באַדויער. — נו, קיינער איז פֿון אונדז מיט קיין זאַך ניט זיכער אויפֿן וואַסער, — האָט ער איר אויסגעדריקט זיין מיט־געפֿיל, און צוגעגעבן: — נו, זאָלן טויטע ליגן אין זייער רו. לעבע־דיקע מוזן אָבער אָנגיין מיטן לעבן...

מלכהלע האָט אויף אים געקוקט, באַטראַכטנדיק אים. זי גע־דענקט ניט, אַז זי זאָל אים האָבן ווען עס איז געזען, אָבער ער האָט איר אויסגעזען ווי באַקאַנט. ניט אַנדערש — פֿון עמעצנס דערציילן וועגן אים. און באַלד זיך טאַקע דערמאָנט:

— נאָטע־אַריע קרעזנער פֿון אולע? — האָט זי ניט זיכער גע־פֿרעגט.

— נאַטע־אַריע קרעזנער.

— געהערט וועגן אייך פון שלמהקען.

— קענען מיר זיך דאַך! — האָט נאַטע־אַריע מיט אַ צופרידענעם שמייכל געזאָגט. — אויב אַזוי, לאָמיר איבערגיין צום ענין. איך האָב זייער ווייניק צייט. געהערט, אַז איר קענט קאָכן.

— איך קאָך.

— איך בין געקומען אָט וועגן וואָס: מיין באַלעבאָס — איך בין זיין פּריקאַזטשיק — האָט פאַרקויפט די פּליטן נאָך איידער זיי זיינען אָנגעקומען, און מ׳דאַרף אונטערשרייבן ביי „אַביסל משקה״. ניט אַלע זיינען געמעלדעטע, איז אָנשטאָט ערגעץ אין שטאָט, וויל איך עס מאַכן ביי אייך. ס׳וועלן זיין אַ צוועלף מענטשן: וואַלד־ און געהילץ־סוחרים מיט זייערע פּריקאַזטשיקעס. מ׳דאַרף מאַכן אַ וואַרמעס! און אַ וואַרמעס מיט פאַרשפּייזן, נאָכשפּייזן, פיש, פלייש, און משקה — זאָל זיך גיסן!... גיט אַלץ מיט אַ ברייטער האַנט און — רייסט ניט זיבן, נאָר צען פעלן! שניידט ביזן ביין! זיי וועלן באַצאָלן און קומען נאָכאַמאָל. אויב איר זייט אַ בריה אויף אויסצושניידן עטלעכע ריפּן אויך דערצו — שניידט! — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ שמייכל.

ביי מלכהלען האָט זיך, צום ערשטן מאָל נאָכן אומגליק, אויסגעשניצט אַ שמייכל אויף איר אויסגעמאָגערט און אויסגעחושכט פּנים, און אין די אויגן האָבן אויפגעבליצט עטלעכע לעבעדיקע פייערלעך.

— איך וועל שניידן און איר וועט מיר זאָגן ווי טיף, — גוט?

נאַטע־אַריע האָט זיך צעלאַכט, צופרידן וואָס ער האָט ביי איר אַרויסגערופן אַ שמייכל:

— גוט.

— איך דאַרף זייער שטאַרק האָבן די עטלעכע ריפּן... נאָך קיינמאָל אַזוי ניט געדאַרפט...

— איז אָפּגעמאַכט? — האָט נאַטע־אַריע געפרעגט.

— צו ווען דאַרפט איר דאָס?

— צו מאָרגן, איינס אַזייגער.

— אָפּגעמאַכט.

— ס׳וועט בוויטיק זיין אַ שמייכל, מיט אַ קער, מיט אַ ברען! ווי שווער ס׳זאָל ניט זיין... ניט אָוועקנעמען, נאָר צוגעבן טעם דעם וואַרמעס; ס׳וועט אויך זיין גרינגער צו שניידן... זיי דאַרפן ניט וויסן וואָס אויפן האַרצן. וועלן זיי אַרויס צופרידן, וועט עס עפּענען אַ וועג פאַר אַנדערע. שלמהקע וועט מוחל זיין...

— כ'וועל אָנקניפּן די באַקן... וועל פּרוּוון... — האָט מלכּהלע צוגעזאָגט מיט אַ געצוואונגענעם שמייכל.

— איז אַזוי בלייבט עס. נו, איך דאַרף גיין. האָב ביי אַ שעה צו פּאַטשן אין די רודערס אַרויף־דווינע. איר דאַרפט דאָך מסתמא געלט? אָט האָט איר דערווייל צוויי פינפערלעך. דעם איבעריקן חשבון וועט איר מיר צושטעלן נאָכדעם.

און איבערגעגעבן מלכּהלען דאָס געלט, האָט נאָטע־אַריע פאַרדויכערט אַ פּאַפּיראָס, אַרומגעקוקט זיך און געזאָגט:

— אַ גאָרקייט אויף די דווינעס וואָלט געוועזן גאָר גיט קיין קרומע זאַך. אַזוי פיל געהילץ־סוחרים, פּריקאַזטשיקעס... זייער אַ סך אומגעמעלדעטע... און מ'זאָל בכלל האָבן וואוהין זיך אַריינצוכאַפּן פאַר אַ וואַרמעס... און אַפּילו פאַר אַ וועטשערע... — האָט ער ווי זייטיק איר אונטערגעזאָגט. — ס'וואָלט געקענט געבן אי ברויט, אי צום ברויט. נו, אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, — האָט מלכּהלע שטיל געענטפערט.

נאָטע־אַריע איז אַוועק צום שיפל און מלכּהלע איז געבליבן שטיין מיטן קינד אויף די הענט, באַגלייטנדיק אים מיט די אויגן, ביז ער איז גאַנץ ווייט פאַרשוואונדן מיט זיין שיפל. זי האָט אים באַגלייט ווי איינעם, וואָס איז צו איר געקומען מיט עפּעס, וואָס זי האָט איצט אַזוי שטאַרק נויטיק געהאַט. אַפּילו זיין עצה, כּלומרשט אַזוי זיך, גלאַט אין דער וועלט אַריין, איז אויך צונויפגעפאַלן מיט אירע רעכענונגען פון פאַרן אומגליק.

זיך געכאַפּט, אַז זי האָט זייער ווייניק צייט פאַר צוגרייטן אַ וואַרמעס פאַר צוועלף, האָט זי אַריינגעטראָגן ס'קינד אין מייקע, באַלד אַרויס צוריק, אַרויסגענומען פון האַלץ־שטעלכל דעם פאַראַיאָריקן שנור מיט די פישער־האַקנס, גענומען דעם גראָבאייזן, אַוועקגעלאָפן צום טייך, אָנגעגראָבן ווערים, אָנגעהאַנגען זיי אויף די האַקנס, אָנגעבונדן שטיינער אויפן שנור, און פון דאָרט גלייך אַוועק צום שיפל. אַרויסגעפאָרן אין שפּיץ זווירבהאָלם, האָט זי אין ליידיקן שטיק טייך פאַרלייגט דעם שנור מיט די אָנגעוואָרעמטע האַקנס, לאָזנדיק אַ שווימענדיקן צייכן וואו אים מאָרגן אויפצוהויבן.

אויפן טייך איז שוין געלעגן די לבנה אַן אויסגעזילבערטע. מלכּהלע האָט געוואוסט, אַז איר אַרבעט איז כּמעט אַרויסגעוואָרפן. פאַרלייגן שנורן דאַרף מען ביים זון־פאַרגאַנג. אַזוי האָט זי אַמאָל

געהערט פון טאַטן און פון די פישער אויפן אַזעלע הינטער אולע. אָבער פונדעסטוועגן געהאַפּט, אַז עפּעס קאָן אַמאָל צופאַלן.

געקומען אין מייקע, באַרואיקט דאָס ווייַנענדיקע קינד און אים איינגעשלעפערט, האָט זי זיך גענומען צו ברענגען די מייקע אין אַ שטיקל איינגעשטעלטקייט, מ׳זאָל קאָנען אַרייַנלאָזן די וואַלד־סוחרים מיט די פּריקאַזטשיקעס צום מאָרגנדיקן וואַרמעס. זי האָט אַרויסגעטראָגן דאָס שוסטער־טישל מיט אַלע געצייגן אין שטעלכל, געוואַשן און געסקראָבעט די פּאַדלאָגעס, די ווענט מיט די פּענצטער. אַלץ איז אַזוי פּאַרלאָזן זינט דעם אומגליק... זי האָט געהאָרעוועט זייער שווער.

זי ווייסט ניט ווי שפּעט ס׳איז געווען, ווען אין גרויסן מיטלסטן חדר איז שוין דער טיש געווען איבערגעדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך און יעדעס ווינקעלע האָט געלויכטן. אַפילו אונטערן צאַנקענדיקן לעמפּל האָט אַלץ אויסגעקוקט יום־טובדיק. זי האָט אַ קלער געטאָן — ווי גליקלעך שלמהקע וואָלט געווען, ווען ער וואָלט איצט געלעבט: צוועלף צו אַ וואַרמעס!... איך זומער אַזאַ און ס׳וואָלט געווען גענוג פאַר אַן אייגן שיפל מיט אינסטרומענט! ס׳האָבן איר אַרויסגעשלאָגן טרערן. זי האָט זיך אָבער צונויפגענומען. זי איז געווען אויסגעמאַטערט, אָבער צולייגן זיך שלאָפן מורא געהאַט — קאָן נאָך פאַרשלאָפן. אַזוי וויניק צייט און נאָך אַזוי פיל צו טאָן! זי האָט דעריבער באַשלאָסן דורכזיצן די עטלעכע שעה. אָבער זיך צוגעזעצט אויפן בעט לעבן הענגענדיקן קעסטעלע מיטן קינד, האָט זי באַלד איינגעשלאָפן.

אַז דאָס קינד האָט זי אויפגעוועקט, איז געווען שטאַרק ליכטיק און די זון איז שוין געהאַנגען איבערן טייך. אָבער אַרויס אין דרויסן, האָט זי געזען, אַז ס׳איז נאָך פרי. זי האָט שטאַרק אָנגעקושט ס׳קינד פאַר אויפוועקן זי.

ווי אַ ווינט האָט זי זיך אַוועקגעטראָגן צום שיפל, זיך געזעצט אין די רודערס, אַרויסגעפאָרן צום שפּיץ זווירנהאָלם און גענומען אַרויסהויבן דעם שנור. ס׳האָט איר געציטערט ס׳האַרץ! וואָס וועט זי טאָן, אַז די האָקנס וועלן זיין ליידיקע? דאַרפן פאָרן אין מאַרק נאָך פיש; און ווען זיי מאַכן? אָבער אַרויסגעהויבן אויפן ערשטן האָקן אַ צווייפונטיק העכטל און נאָכדעם אויף יעדן איינעם פון די איבעריקע האָקנס ווידעראַמאָל — אָקוניעס, העכטלעך און שלייענס, האָט זי דערפילט אַ דערלייכטערונג. ס׳איז געווען אַזוי פיל פיש, אַז פינף גאַנץ גרויסע העכטלעך האָבן אין עמער ניט געקאָנט אַריין און האָבן זיך

געוואָרפן אינעם וואַסער, וואָס זי האָט פאַר זיי אָנגעגאָסן אין שיפל. ס'איז געווען ניט נאָר אַ גרויסע דערמוטיקונג, נאָר ס'האָט איר האַרץ אָנגעפילט מיט האָפענונג.

אין נאָטע־אַריעס נעכטיקן קומען, אין די אָזוי פיל פיש אויף די האָקנס, ווען זי דאַרף דאָס אָזוי, האָט זי געזען אַ סימן, אַז אַלץ קען זיך נאָך אויסלאָזן גוט. געווען אַ סימן — ווי זי האָט געהערט — אַז הינטער אלמנות און יתומים שטייט „ער" אַליין אויבן און האַלט אונ־טער — לאָזט ניט פאַלן. און ס'איז איר געוואָרן ליכטיקער אויפן האַרצן. אפשר קלערט זי אַ סך ערגער, ווי ס'איז... אפשר וועט איר דער פריסטאַוו געבן היינט די פאַפירן און זי וועט קאָנען אַוועקפאָרן... מיט אַ־דער גרויסער האָפענונג און אויפגעמונטערטקייט אויפן האַרצן איז זי געקומען אין מייקע, געמאַכט די פיש און עס צוגעשטעלט קאָכן. זי האָט געאַרבעט פיבעריש, ס'האָט ביי איר געברענט אונטער די הענט און זי האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט פרי.

ביז ס'וועט ווערן צייט צו פאָרן אויף מאָסקווער פּאַרשטאָט נאָך פלייש, בראָנפן און די אַנדערע זאַכן, האָט זי אָנגעזויגן ס'קינד און נאָכדעם עס געפירט פאַרן הענטל — עס גלערנט גיין. צוליבן קרעב־קען דעם גאַנצן ווינטער איז עס נאָך ניט אַרומגעגאַנגען, כאָטש שוין אַלט געווען אַנדערהאַלבן יאָר; אָבער זיך שוין געהאַלטן אויף די פיס־לעך און געמאַכט די ערשטע טריטלעך.

אין שאָר איז זי געווען די ערשטע. געקויפט פלייש און אַלע אַנדערע זאַכן, איז זי מיט צוויי גרויסע קוישן געקומען אין מייקע און גענומען זיך גלייך ווייקן און זאַלצן ס'פלייש און צוגרייטן אַלע אַנדערע זאַכן פאַרן וואַרמעס. דאָס פלייש האָט זי געזאַלצן בלויז אַ האַלב שעה, מער קיין צייט ניט געהאַט. דבורה־ברײנע האָט איר געזאָגט, אַז מ'מעג, ווען מ'מוז אין אַן ענגער צייט.

אי דבורה־ברײנע, אי ריישע אברהם לאַפּאַטעס האָבן זיך זייער געפרייט מיט מלכהלעס וואַרמעס פאַר צוועלף. מ'האָט איר אַרויסגע־האָלפן מיט אונטערוואַרפן פּאַליענעס האָלץ אין אויוון, מיט טעפּ, מיט שטולן, טעלער, מעסער, גאָפּלען, גלעזער, וואָס מ'האָט צונויפגעליען ביי אַנדערע יאַקאַרשטשיקעס אויפן האָלעם; אָבער, דער עיקר, — אַוועקגענומען פון איר ס'קינד, זאָל ניט הענגען אויף די הענט.

צו צוועלף אַזייגער איז ביי איר כמעט אַלץ געווען פאַרטיק. אויפן טיש מיטן ווייסן טישטוך זיינען געשטאַנען פלעשלעך מיט משקה, קעלישקעס, טעלער מיט געהאַקטע לעבער, אָנגעשניטענע הע־

רינג מיט ציבעלעס, זויערע אוגערקעלעך פון אייגענעם פעסעלע (גע־בליבן נאָך פון ווינטער), און אַנדערע צובייסנס. דאָס פלייש איז נאָך ניט געווען פאַרטיק, אָבער ביז מ׳וועט דאַרפן דערלאַנגען, וועט עס ווייך ווערן.

צו איינס אַזייגער איז זי געווען אויסגעפּוצט און אָנגעטאָן. די, וואָס האָבן זי געזען זינט דעם אומגליק, וואָלטן זי איצט ניט דער־קענט. זי איז געווען אויסגעוואַשן, די צעפּ אויסגעקעמט און איבער־געפלאָכטן, די אוירינגלעך האָבן רעדעוודיק געבלישטשעט, די פּאַ־טשערקעס האָבן ממש געשפּילט אויף איר טונקעלן דינלעך־אויסגעטאָקטן האַלדז; דאָס ווייסע בלוזקעלע האָט קוים צוגעדעקט אירע הויכע בריסטן און, ווי מיט גאַרנישט ניט אונטערגעהאַלטן, זיך רייצנדיק גע־וויגט אויף איר; דאָס ציגיינעריש־אָנגעפּאַלדעוועט קליידל האָט זיך געהאַלטן אין איין דרייען אַרום איר; די שיכלעך, וואָס שלמהקע האָט איר אַליין אויפגענייט, זיינען געווען, ווי שפּיגלדיקע בעכערלעך אויף אירע דינע פיס; דאָס ווייסע פאַרטוכל אַרום איר דינער טאַליע האָט איר צוגעגעבן אַ באַזונדערע בריהשקייט. דאָס אויסגעמאָגערטע פּנים איז געווען אָנגעפלאַמט פון דרייען זיך די גאַנצע צייט אַרום אויוון, די אויגן האָבן געלויכטן מיט אַ שפּילנדיקן בלישטש. ס׳האָט געטראָגן פון יעדן קער אירן מיט שאַרפן רייץ און האַרץ־וואַרעמענדיקע חנען.

דבורה־ברײנע האָט געוויינט, קוקנדיק אויף איר. ס׳איז טאַקע נאַר־וואָס פון שבעה, און מ׳האָט נאָך ניט געטאָרט אַזוינס, — אָבער שוין בעסער אַזוי, ווי וואַלגערן זיך בייטאָג און ביינאַכט ביי שלמהקען אויפן קבר. און צוליבן שטיקל ברויט פאַר זיך מיטן יתום מעג מען דאָך אַוודאי.

פּונקט איינס אַזייגער זיינען אָנגעקומען אויף שיפלעך די וואַלד־סוחרים מיט זייערע פּריקאַזטשיקעס. געפירט זיי אַלעמען האָט נאַטע־אַריע. ער איז איצט געווען אָנגעטאָן אין אַ נייעם אָנצוג מיט אַ ווייסן קראַגן און שניפּס, אָבער אין די זעלבע הויכע וואַסער־שטיוול אַריבער די קני און אַ ווייכן הוט אויפן קאָפּ, מיט אַ ווייכן קנייטש אינדערמיט און אַ ביסל אויף אַ זייט. ער האָט אַלעמען אַריינגעפירט אין מייקע, צעזעצט זיי אַרום טיש און, אַ קוק געטאָן אויף מלכהלען, איר געלאָזט וויסן מיט די אויגן, אַז זי קוקט אויס גוט און אַז אַלץ איז, ווי ס׳באַ־דאַרף צו זיין.

מ׳האָט געמאַכט די ערשטע לחיימס, צוגעביסן, אונטערגעשריבן פּאַפּירן, געציילט געלט, נאָכדעם האָט מען זיך ערשט גענומען צום עסן

און טרינקען. מ׳האָט גערעדט, געלאַכט און זיך איבערגעוואָרפן מיט ווערטלעך צו מלכהלען. זי האָט פֿלינק און בריהש דערלאַנגט איין שפּײַז נאָכן אַנדערן, געשפּילט צו אַלעמען מיט די אויגן און געוואָרפן מיט שאַרפֿע פֿעפֿערדיקע ווערטלעך. פֿון אירע פֿלינקע באַוועגונגען האָט זיך אַלץ אויף איר אַרום און געהאַלטן אין איין וויגן, דרייען און באַוועגן זיך, אַז אַלעמענס אויגן זײַנען געווען אויף איר און אַלע האָבן זיך געהאַלטן אין איין ווערטלען מיט איר, ניט ווי מיט אַ באַלעבאָסטע, נאָר ווי מיט איינער, וואָס איז געקומען באַיום־טובן דעם מאַלצײַט. זי האָט אָבער אויף איין מינוט ניט פֿאַרגעסן אויף נאָטעריען: דערלאַנגט אים די בעסטע שטיקער פֿיש, די בעסער־אויסגעבראָטענע שטיקער פֿלייש און זיך דורכגעוואָרפן מיט זײַנע שמייכלדיקע בליקן. און יעדעסמאָל האָט זי פֿון אים אַרויסגעלייענט, אַז אי זי אַליין, אי אַלץ איז פּונקט אַזוי גוט, ווי ער האָט געוואָלט עס זאָל זײַן. איר האָט עס הנאה געטאָן.

זי איז אַזוי אַרײַן אין שפּיל, אַז זי האָט אַפֿילו גענומען אַ גלעזל בראָנפֿן מיט איינעם פֿון די סוחרים, ווען יענער איז צוגעשטאַנען צו מאַכן מיט איר אַ „לחיים”. דאָס האָט זי נאָך מער אויפֿגעלעבט. דער וואָרמעס האָט זיך פֿאַרענדיקט זייער אויפֿגעיום־טובט. די סוחרים זײַנען געווען אַזוי צופֿרידן, אַז זיי האָבן פֿאַרן אַוועקגיין אַרײַנגערוקט אין מלכהלעס פֿאַרטוך־קעשענע צונויפֿגעקאָמקעטע געלט־פּאַפּירלעך.

אַז אַלע זײַנען זיך צעגאַנגען, איז נאָטע־אַריע צו איר צוגעגאַנגען און שמייכלענדיק געזאָגט:

— כ׳ניט געוואוסט וואָס איר קענט. אַ זייער גוטער אָנהויב. בעסער ווי גערעכנט. איצט שנײַדט!

— איך פֿאַרלאָז זיך אויף אײַך, — האָט מלכהלע, אָן אויסגעמאַטערטע, אָבער אַ צעפֿלאַמטע און ווי פֿאַרשיכורט־אויפֿגעלעבט, אים געענטפֿערט. — איר ווייסט בעסער, ווי טיף מ׳קאָן שנײַדן...

— אויב איר פֿאַרלאָזט זיך אויף מיר, איז אָט האָט איר, — האָט נאָטע־אַריע געזאָגט שמייכלענדיק, און איר אַרײַנגעלייגט אין האַנט אַ פּעקל צוזאַמענגעדרייטע געלט־פּאַפּירלעך. — אַזאַ אָרט מיט אַזוינס אָפּצועסן דאַרף מען אויף די דווינעס! און אַ מלכה אויף די דווינעס דאַרף מען אויך... — האָט נאָטע־אַריע פֿאַרענדיקט מיט אַן אומדירעקטן אויפֿמונטערנדיקן קאָמפּלימענט. — נו, אַ גוטן.

מלכהלע האָט צוגענומען ס׳פּעקל געלט ניט געציילטערהייט און, אַרויסגייענדיק מיט אים פֿון מייקע, אים באַדאַנקט.

נאַטע־אַריע איז אַוועק צום קלאַדקע. די געהילץ־סוחרים מיט די פּריקאַזטשיקעס זיינען שוין געזעסן אין די שיפלעך. איין שיפל איז אָפּגעפאָרן. ער איז אַריין אין צווייטן, זיך געזעצט אין די רודערס און אַרויסגעפאָרן אויפן מיטן טייך. מלכהלע איז געשטאַנען לעבן בוים, ביז דאָס שיפל האָט אַרומגעבויגן דעם זווירנהאָלם.

זי איז צוריק אַריין אין מייקע און איבערגעציילט דאָס געלט. ס׳האָט אויסגעמאַכט צו דריי רובל אויף יעדערן, אויסער די צוויי פינף־רובלדיקע פון נעכטן. דערצו עלף רובל אין פאַרטוך־קעשענע. דאָס איז געווען זייער אַ סך געלט. זי האָט ניט געוואוסט אין האַרצן, ווי צו דאַנקען נאַטע־אַריען. זי האָט איצט געהאַט געלט מיט וואָס צו פאָרן קיין אולע און ס׳וועט נאָך בלייבן גענוג געלט אַפילו נאָכן באַצאָלן די חובות.

דאָס האָט זי דערמאָנט, אַז זי דאַרף באַלד פאָרן צום פּריסטאַוו. זי איז צוריק געוואָרן אומרואיק. איצט האָט עס איר אָבער אויפן האַרצן ניט אַזוי שטאַרק געדריקט. אַזוי ווי ס׳איז געגאַנגען אַ גאַנצן טאָג, האָט זי געפילט, אַז זי וועט היינט פון פּריסטאַוו קריגן די פּאַפּירן און קאָנען מאָרגן־איבערמאָרגן אַוועקפאָרן. די אומרואיקייט האָט זיך דורכגעשטראַלט מיט האָפענונג, אַז אַלץ וועט זיך אויסלאָזן גוט.

זי האָט געבראַכט ס׳קינד פון דבורה־ברייינען, עס אָנגעקאָרמעט און איינגעשלעפערט; אַ רוים־אויף געטאָן אַביסל דעם חדר, דאָס אי־בעריקע געלאָזן אויף ווען זי וועט צוריק קומען, אַרויפגעוואָרפן דאָס אויסגעקווייטנט טיכל אויף די אַקסלען, וואָס האָט צוגעגעבן אַ סך קאָליר צו איר יום־טובדיקן אויסזען, און אַוועקגעפאָרן אויף מאָסקווער פאַרשטאָט צום פּריסטאַוו.

פֿאַר שלמהקעס נאָמען

אַז מלכהלע האָט געעפֿנט די אויגן, האָט זי געפֿילט זייער גרויסע ווייטיקן, און אַלץ האָט געשערלט, געפֿאַסיקט און געפֿינטלט אַרום איר. פֿונדעסטוועגן האָט זי געזוכט פֿאַנאַנדערצוקלייבן זיך אין דעם אַרומיקן. זי האָט ניט געוואוסט, וואו זי איז און ווי אַזוי זי קומט אַהער. עפּעס אַ מאָדנע ליכט האָט געשלאָגן דורך הויכע פֿענצטער. אַ ווייך ליכט. און, דאַכט זיך, בעטלעך אַרום... אַ סך בעטלעך... און אַלץ און אַלע אין ווייסן... אין שערלען, פֿאַסיקן און פֿינטלען אַרום...

דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי עפֿנט די אויגן און קאָן עפּעס פֿאַנאַנדערקלייבן אינעם אומאויפֿהערלעכן שערלען און פֿינטלען אַרום איר. זי האָט אַ סך מאָל געעפֿנט די אויגן, אָבער קיין זאַך ניט געקאָנט פֿאַנאַנדערקלייבן אינעם דרייענדיקן און וויגנדיקן ליכט. יעדעס מאָל פֿלעגט דאָס אָנהאַלטן אַ ווייל, נאָכדעם פֿלעגט אַ זייער שאַרפֿער ווייטיק אויסלעשן עס, און זי פֿלעגט צוריק אַראָפּזינקען אין חושך און — זינקען און זינקען... און ניט ווערן ערגעץ...

היינט האָט זיך איר אַפֿילו געדוכט, אַז די ווייטיקן זיינען ניט אַזוי שאַרף. אַלץ אין איר טוט זייער ווײ, אָבער ס'איז צו דערטראָגן. זי קען זען עפּעס, כאָטש זייער ניט קלאָר. דאָס שערלען פֿאַר די אויגן צעפֿאַסיקט אַלץ אויף דינינקע שטרייפֿעלעך און פֿינטעלעך און האַלט עס אין איין אַרומוואַרפֿן אַרום איר, און ס'איז שווער צו כאַפּן און צונויפֿשטעלן פֿון זיי עפּעס.

איר דוכט זיך אַפֿילו, אַז זי זעט גריגאָרי יעפּימיטשן לעבן איר בעט. זי האָט אויף אים געקוקט; זיין פּנים, צעשניטן אין דינינקע שטרייפֿעלעך, האָט זיך געפֿאַסיקט און געוואָרפֿן פֿאַר אירע אויגן, אָבער

זי איז כמעט ווי זיכער, אַז ס'איז ער. וואָס טוט ער דאָ? ווי זי האָט אים פּיינט!... ווי טיף ער זיצט אין איר יונגן לעבן! זי האָט אַ ווייל געקוקט אויף זיין וואַרפנדיקן פּנים אַרום איר, נאָכדעם מער ניט געקאָנט און ווייטיקדיק צוגעמאַכט די אויגן.

„וואָס טוט ער דאָ? ווי אַזוי קומט ער אַהער? און וואו איז זי?", האָט זי ניט געקאָנט פאַרשטיין. אָבער ביסלעכווייז האָט יעפּימיטשעס פּנים גענומען אויפליכטיקן אין איר זכרון דאָס דורכגעלעבטע. ס'מוז זיין פון זייער לאַנג צוריק! ווער ווייסט ווי לאַנג?! זי געדענקט קוים! אַט ליכטיקט־אויף יענער וואַרמעס פּאַר צוועלף. אָ, יאָ, זי דערמאָנט זיך. אַז זי איז געקומען אויפן אַדרעס, וואוהין זי האָט געדאַרפט קומען צום פּריסטאַוו, האָט אַ גאָראָדאָוואָי איר געעפנט די טיר. ס'איז געווען דערזעלבער גאָראָדאָוואָי, וואָס האָט זי צום ערשטן מאָל אין אוטשאַסטאָק אַריינגעפירט צום פּריסטאַוו אין קאַבינעט. אַ רייך־אויסגעגאָלט פּנים, לאַנגע וואָנצעס מיט בראָנפן־קישעלעך אונטער די אויגן; אין געפּוצטע שטיוול, שפּאָגע אויפן רימען איבערן אַקסל און אָן אַ היטל. מיט דיזעלבע מאַנירן, ווי פּאַר העכערער נאַטשאַלסטווע, האָט ער זי אַריינגעפירט אין אַ חדר מיט ווייכע מעבל, טעפּיכער פון וואַנט צו וואַנט, בילדער אויף די ווענט און שווערע גאַרדינען אויף די פענצטער. אינמיטן איז געשטאַנען אַ ניט קיין לאַנגער טיש מיט שנאַפּסן, ווײַנען און כלערליי טייערע מאכלים. איבערן מיטן טיש האָבן געברענט ליכט אין צווי הויכע זילבערנע דריי־רערנדיקע לייכטער און פון די פּלעמלעך האָט געשלאָגן מיט האַלב־רויען ליכט איבערן גאַנצן חדר. זי האָט קיינמאָל ניט געזען אַזוינס.

דער גאָראָדאָוואָי איז אַרויס און צוגעמאַכט הינטער איר די טיר. זי איז געשטאַנען אַ ווייל צעמישט און ניט געוואוסט וואו זי געפינט זיך. באַלד האָט זיך אָבער געעפנט די טיר און דער פּריסטאַוו איז אַריין. ער איז געווען אָנגעטאָן אין זיין פולער אוניפאָרם: אין היטל מיט אַ קאָקאַרדע, אין ליכטיק־גרויען פּריסטאַווסקן שינעל, מיטן הענטל פון שפּאָגע פון דער לינקער קעשענע אַרויס, שפּאָרן אויף די לאַקירטע שטיוול — ווי ער וואָלט נאָר־וואָס געקומען פון גאַס. ס'האָט געשלאָגן פון אים מיט אַ לייכטן אָדעקאָלאָן. ער איז געווען זייער אויפּגעלייגט.

— נו, וואָט אי פּרישלאַ! — האָט ער זיך מיט איר דערפרייט. —

— אי פּאָגאָוואָרים... טשטאָ אי קאַק... אי אָ בומאַגאַך!... סאַדיס! אַ יאָ פּאָקאַ ראַזדיעַנוס. [נו, אַט געקומען. וועלן זיך דורכריידן...

וואָס און ווי אַזוי... און וועגן די פּאַפּירן... זעץ זיך. איך וועל זיך דערוויייל אויסטאָן].

דער פּריסטאַוו האָט איר אָנגעוויזן אויף אַ שטול ביים טיש און איז אַרויס זיך אויסטאָן. זי איז פאַרגליווערט געבליבן שטיין אויף איר אָרט און זיך נישט גערירט. דאָס האַרץ האָט איר זייער שטאַרק געקלאַפּט. אָבער דערמאָנט זיך נאָך וואָס זי איז געקומען, האָט זי געזוכט צו באַהאַלטן דאָס שווערע אָטעמען און זיך צונויפגענומען.

ס'האָט געדויערט אַ ווייל און דער פּריסטאַוו איז צוריק אַריין, אָבער איצט אויסגעטאָן. ער איז געווען אין פּריסטאַווסקער טוזשורקע, עפּעס פּאַנאַבדערגעשפּיליעט, אָן אַ היטל און אָן דער שפּאַגע. די קורצע האָר זיינען געווען פאַרקעמט אויף אַרויף, די וואָנצעס פאַרשפּיצלט פון ביידע זייטן. דער ריח פון אָדעקאָלאָן איז ווידער מיט אים אַריין.

דערזען זי אויפן זעלבן אָרט, וואו ער האָט זי געלאָזן, איז ער צוגעגאַנגען צו איר, אַראָפּגענומען פון איר ס'טיכל, אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפע, און קאַוואַלעריש קלינגענדיק מיט שפּאָרן, אָנגענעם שמייכלענדיק און ווערטלענדיק, ווי צו אַ דאַמע, זי גענומען אונטערן אָרעם, זי צוגעפירט צום טיש, אַרויסגערוקט אַ שטול און זי אַוועקגעזעצט. אַליין האָט ער זיך געזעצט אַנטקעגן איר פון דער אַנדערער זייט טיש. דערביי האָט ער איר דערקלערט, אַז ער איז נאָר־וואָס געקומען און איז זייער הונגעריק, און זי געבעטן מיטהאַלטן מיט אים דעם מאָלצייט. נאָכדעם וועלן זיי ריידן וועגן דעם, צוליב וואָס ער האָט איר געהייסן קומען.

ער האָט אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך און געבעטן אויסטרינקען מיט אים. אַז זי האָט זיך אָפּגעזאָגט, האָט ער איר אָנגעגאָסן אין אַן אַנדער גלעזל — ווײַן און זי געצוואונגען אויסטרינקען מיט אים „זאַ דאָבראָיע זדאָראָוויע [פאַרן גוטן געזונט]. ער האָט זי אויך געצוואונגען עפּעס צו נעמען אין מויל.

עסנדיק, האָט דער פּריסטאַוו זי באַשאָטן מיט קאָמפּלימענטן פאַר איר רייצנדיקער און כישופדיקער שיינקייט. אַ צומיש פון ציגיינערישעס אין אַ יידישער טאָכטער טרעפט ער צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן. קיין איין פרוי האָט אים נאָך אַזוי ניט פאַרכאַפּט ווי זי — פון דעם ערשטן מאָל, וואָס ער האָט זי דערזען אויפן זווירנהאָלם.

ער האָט אָנגעגאָסן נאָך צוויי גלעזלעך — שנאַפּס פאַר אים און ווײַן פאַר איר — און קוקנדיק איר טיף אין די אויגן, זיך אַנטשולדיקט פאַר איר פאַר באַגיין זיך קעגן איר ניט ווי געהעריק, און געבעטן

פאַרגעבן און פאַרגעסן וואָס געווען. שולדיק אין אַ גרויסער מאָס איז זי אַליין: איר פּאַטש האָט אים אַזוי אַרויסגעריסן פון גלייכגעוויכט, אַז ער האָט אָנגעוואוירן דעם קאָנטראָל איבער זיך. ער האָט געמיינט בלויז אַרומצונעמען, אַ קוש טאָן. און צי ווייסט זי, וואָס עס קומט פאַר הויבן אַ האַנט אויף העכערער נאַטשאַלסטווע? ער האָט זי דעריבער געבעטן אויסטרינקען מיט איר פאַר פאַרגעבן איינער דעם אַנדערן. די שאַרפקייט אין געוויסע ווערטער נעכטן אין זיין קאַבינעט — האָט ער דערקלערט — האָט ניט קיין ערנסטקייט אין זיך. געווען בלויז אַ שפּיל מיטן שאַרפן ווערטל...

איר האָט אַפּגענומען ס׳לשון, ווען זי האָט זיך פון זיינע ווערטער דערוואוסט, אַז זי איז אַ גאַסט ביי אים אינדערהיים, און אַז דער טיש איז געגרייט ספּעציעל פאַר איר — צו פאַרענטפערן זיך און אַנטשולדיקן זיך פאַר איר.

דער פּריסטאַוו האָט גערעדט וועגן פאַרשידענע זאַכן און פון איר די אויגן ניט אַראָפּגענומען. אַז זי איז איבערגעגאַנגען צו דעם, צוליב וואָס זי איז געקומען, האָט ער איר צוגעזאָגט, אַז מאָרגן אין אָר־טשאַסטאָק וועט ער איר אומקערן די פּאַפּירן און זי וועט קאָנען פאָרן וואוהין זי וועט וועלן. צוליב איר אָוועקפאָרן, האָט ער זי געבעטן אויסטרינקען מיט אים נאָכאַמאָל. און דאָס מאָל פאַרזיכערט, אַז ער וועט נאָך איר זייער שטאַרק בענקען. זי האָט מורא געהאַט אָפּצו־זאָגן, ער זאָל ניט ווערן אין כעס און חרטה האָבן וועגן די פּאַפּירן — און מיט אים ווידער אויסגעטרונקען.

וואָס און וויפיל זי האָט נאָכדעם געטרונקען, און וואָס נאָכדעם איז פאָרגעקומען, געדענקט זי ניט.

אינדערפרי האָט זי זיך אויפגעכאַפּט אין איין העמד און ביים פּריסטאַוו אין בעט. דער קאָפּ האָט געשפּאָלטן פון ווייטיק. ס׳קוקט־אויס, אַז זי איז געווען שטאַרק שיכור. זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון פּריסטאַוו לעבן איר, אַרויסגעשפּרונגען פון בעט, אַרויפגעוואָרפן די קליידער און, ווי אַ פאַרסמטע, אַוועקגעלאָפן אַהיים. די פיר צען־רובלדיקע אַסיגנאַציעס, מיט דער „ראַזרעשעניע״ צו זיין אין ריגע, האָט זי ווידער געפונען אין קעשענע. זי איז זיכער, אַז זי האָט זיי אים אומגעקערט. קוקט־אויס, אַז ער האָט זיי איר צוריק אַריינגעלייגט אין קעשענע, ווען זי איז שוין געווען שיכור.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן פאַר איר דער זומער פון יענעם וואָר־מעס פאַר צוועלף.

זי געדענקט, אַז וויפל זי האָט זיך ניט געוועדט קעגן פּריסטאַוו, געזוכט אַרויסצורייסן זיך פון אים, איז עס איר ניט געלונגען. זי האָט געזען, אַז ער איז זייער פּאַרכאַפּט פון איר און וועט זי ניט לאָזן אַוועקפאָרן. מיט יעדן טאָג האָט ער זי אַלץ מער און מער איינגע־בראָכן. איר פלעגן אָפּט אויפשפּילן שדימלעך אין די געדאַנקען, אַז ער איז אין איר אויף אַן אמת פאַרליבט. און פּונקט ווי טיף זי האָט אים פיינט געהאַט, אַזוי האָט זי זיך אָפּט געקילט — וואָס ער איז באַ־גראָבן אין אַזאַ בלוטיקן שונא. רופן האָט זי אים געמוזט גריגאָרי יעפימיטש, אָדער נאָך קירצער — יעפימיטש.

איינמאָל איז זי צו אים ניט געקומען. געוואָלט זען וואָס ס׳וועט זיין. איז ער גלייך אויף מאָרגן געקומען אויפן האָלעם — זען צי זי איז ניט קראַנק. ס׳האָט זי אויף טויט איבערגעשראָקן: מער פעלט איר ניט — מ׳זאָל זיך אויפן האָלעם דערוויסן וועגן איר מיטן פּריס־טאַוו... פלעגט זי שוין פון דעמאָלט אָן פאָרן צו אים און זיך געהיט פון אויסדרייען זיך. קיין געלט האָט זי פון אים ניט גענומען. געהיט זיך פון זיין געלט, כאָטש ער וואָלט איר געגעבן וויפל זי וואָלט נאָר געוואָלט. דאָס געלט האָט איר דערמאָנט אין די פאַרשפאַרטע פרויען אין אוטשאַסטאָק. און זי פלעגט אויפציטערן פון דעם געדאַנק אַליין.

זי דערמאָנט זיך:

פון באַטע־אַריעס גרינגער האַנט איז ביי איר דער זומער אויפן האָלעם אַוועקגעגאַנגען זייער גוט. כמעט יעדן טאָג האָט זי געהאַט אַ פינף־זעקס פריקאַזטשיקעס אויף וואַרמעסן אַרום טיש, און די שבתים — צוויי מאָל אַזוי פיל. ס׳פלעגן אויך אַריינפאַלן וואַלד־סוחרים מיט זייערע פריקאַזטשיקעס אָפּצושליסן געשעפטלעך. איין מאָל האָט זי אַפילו געהאַט גאַנצע אַכצן מענטשן פאַר אַ וואַרמעס. מ׳האָט פאַר־קויפט ביים וואַרמעס פאַר צענדליקער טויזנטער רובל געהילצן. ס׳איז געווען אַ מלכותדיקער מאָלצייט. זי האָט אַזוי אויסגענומען ביי די סוחרים, אַז מ׳האָט איר אָנגעשטאָפּט אַ פולע פאַרטוך־קעשענקע מיט צונויפגעוויקלטע פאַפּירלעך — גאַנצע דריי־און־צוואַנציק רובל.

יעפימיטש האָט געוואוסט וועגן די אומגעמעלדעטע יידן ביי איר אויף די וואַרמעסן, אָבער קיינמאָל איר ניט געשטערט — זיך קיינמאָל ניט געוויזן צו איר צו אַרעסטירן עמיצן.

דאָס צוגרייטן אַלע טאָג די וואַרמעסן האָט זי געהאַלטן די גאַנצע צייט פאַרנומען און ניט איבערגעלאָזט קיין סך צייט פאַר טראַכטן — וואָס פון דעם אַלץ וועט אַרויסקומען. דאָס מוזן זיך האַלטן גאַנצע טעג

אויפגעמונטערט, גיין יום־טובדיק אָנגעטאָן, דרייען זיך, שפּילן מיט די אויגן, זיך צווידייטיק ווערטלען, אונטערווינקען פּעפּערדיק, וואָס האָט זייער שטאַרק אויסגענומען ביי די סוחרים און פּריקאַזטשיקעס, אויסגעהונגערטע און בענקענדיקע נאָך זייערע ווייבער און קינדער אין די ווייטע שטעטלעך ערגעץ, האָט זי געהאַלטן אין אַ שטענדיקער קינסטלעכער אויפגעמונטערטקייט. אין דער דאָזיקער אויפגעמונטערט־קייט האָט זי געהאַט אַ גייסטיקן אָפּרו, און פאַרגעסנקייט אין די אָוונטן — און אָפּט האַלבע נעכט — מיט גריגאָרי יעפימיטשן. דאָס וואַקסן פונעם קניפּל פון די וואַרמעסן איז געווען נאָך אַ זאַך, וואָס האָט זי געהאַלטן ווי פאַרשיכורט.

ס'איז אויך גאַנץ אָפט אַריינגעקומען נאַטע־אַריע פאַר וואַרמעסן. אים האָט זייער געפרייט, וואָס זי האָט געפאָלגט זיין עצה, און ער האָט פון איר די אויגן ניט אַראָפּגענומען. זי פלעגט אים אויפנעמען ווי זייער אַ נאָענטן פריינט. אים געגעבן פון בעסטן, וואָס זי האָט געהאַט. זי האָט אים אָבער אין די אויגן ניט געקאָנט קוקן גלייך. פון אים האָט זי זיך דערוואוסט, אַז אַזוי יונג איז ער שוין אַן אַלמן, און אַז ער האָט אַ קינד, אַ מיידעלע, ביי זיין טאַטע־מאַמע אין אולע. זי האָט זיך אויך דערוואוסט אַז מיט זיין ערשטן וואַרמעס פאַר צוועלף, איז ער געקומען איר מיט עפּעס העלפן, ווי שלמהקעס אַלמנה, וואָס איז געבליבן מיט אַ קינד אויף די הענט. ניט געווען זיכער, צי זי וועט ביי אים נעמען געלט, איז דאָס געווען דער בעסטער וועג צו העלפן.

די פאַרשיכורטקייט האָט אָנגעהאַלטן ביז זי האָט דערפילט, אַז זי האָט זך פאַרנומען אויף אַ קינד. זי האָט דעם צווייטן חודש שוין געהאַט אַ פאַרדאַכט, אָבער געהאָפט, אַז דאָס איז עפּעס אַנדערש: פון די אויפטרייסלונגען די לעצטע צייט, און ס'וועט דורכגיין. אָבער איצט איז שוין ביי איר מער קיין ספק ניט געווען. ס'איז שוין אין דריטן חודש. ס'האָט זי אַזוי אויפגעטרייסלט, אַז זי איז אַ גאַנצע וואָך געווען קראַנק. זי האָט מיט אַלע כוחות געזוכט צו האַלטן זיך אויף די פיס. כדי גריגאָרי יעפימיטש זאָל ניט קומען אויפן האָלעם זען וואָס זי מאַכט, איז זי קראַנקערהייט געגאַנגען צו אים און זיך געלאָזט מאַ־טערן פון אים.

זי האָט דאָס זייער גרינג געקאָנט לאָזן גיין. קיינער וואָלט ניט חושד געווען. אַלע וואָלטן געווען זיכער, אַז ס'איז שלמהקעס. זי האָט אָבער געוואוסט דעם אמת, און ניט געקאָנט דערלאָזן אַז פון אירע גע־

דערים זאָל אַרויס עפּעס, וואָס איז ניט שלמהקעס — און ניט אירס אַפילו — און דאָס זאָל טראָגן שלמהקעס נאָמען.

זי האָט גאַנצע נעכט ניט געקאָנט שלאָפן. זי האָט געפילט, אַז זי טאָר ניט דערלאָזן צו אַ קימפּעט, און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, כדי פּטור צו ווערן פון דעם. צו גריגאָרי יעפימיטשן איז ביי איר געווען אַזאַ שאַרפע און בלוטיקע שנאה — פאַר זיין אַריינרייסן זיך מיט גוואַלט אין איר יונגן לעבן — אַז ווען ניט דודל, וואָלט זי גרייט געווען אויף אַלץ, אַבי אומברענגען אים — אַפילו איינאיינעם מיט זיך אויב בויטיק — אַבי אַ סוף צו אים.

וואָס זי האָט ניט צעטאָן איבער זיך פּטור צו ווערן פון דעם, איז פון דעם גאָרנישט אַרויסגעקומען. זי איז געוואָרן מיט יעדן טאָג אַלץ מער פאַרצווייפלט. אַפילו אין די בייטאָגן מיט די סוחרים און פריקאַזטשיקעס, בשעת זי האָט זיך געדאַרפט אַרומטראָגן אַרום זיי אַ ווערטלענדיקע און לאַכנדיקע, איז עס איר אויף איין מינוט פון קאָפּ ניט אַרויס. אָ, ווי שווער ס'איז איר דאַן געווען!

ס'האָט אַזוי אַריינגעצויגן אין חודש אלול. זי איז שוין אַריין אין פינפטן חודש.

די דווינעס האָבן זיך אָפּגעליידיקט פון געהילצן. די וואַלד־סוחרים האָבן פאַרקויפט זייערע פליטן און זיך צעפאָרן. געציילטע פריקאַזטשיקעס זיינען פאַרבליבן אויף די דווינעס — אָפּצוליוווערן די איבערגעבליבענע פליטן צו די זעג־מילן און געהילץ־פלעצער.

צו וואַרמעסן איז שוין קיינער ניט געקומען. גריגאָרי יעפימיטש איז אויך ניט געווען די לעצטע פיר וואָכן אין ריגע. מ'האָט אים ערגעץ אָוועקגעשיקט. זי האָט זיך געקאָנט אויסרוען פון אים און געהאַט גענוג צייט פאַר זיך און מיט זיך אַליין. זי האָט גראָד צו דער צייט אָנגעהויבן פילן ס'קינד.

דאָס טראָגן איז געווען קליין. ס'האָט זיך אויף איר כמעט ניט אָנגעזען. און דאָס, וואָס עס האָט זיך יאָ געקאָנט וואַרפן אין די אויגן, האָט צוגעדעקט דאָס אָנגעפּאַלדעוועטע קליידל. אָבער פון יעדן צאַפּל אונטערן האַרצן, האָט זי געפילט, ווי אַ ברודיקייט האָט זיך צעלייגט אין אירע געדערים און האַלט זיך אין איין אויסשפּרייטן אין איר. ס'האָט זי שיער ניט משוגע געמאַכט.

ס'האָט געמוזט זיין אַ צוויי וואָכן אין אלול. איר קלינגט נאָך אין קאָפּ דאָס שופר־בלאָזן אין שול. זי געדענקט ניט ווער ס'האָט זיך געגרייט צו בלאָזן שופר דעם ראש־השנה. ס'איז געווען די נאַכט פון

זונטיק אויף מאָנטיק. אין דרויסן האָט שוין געשמעקט מיט אָנהויב האַרבסט. די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע. ווינטן האָבן מיט געשרייען געריסן דיביימער פאַר די קודלעס און געוואָרפן זיי אין אַלע זייטן. איבער די דווינעס האָבן זיך געטראָגן מוראדיקע וואַלן און די פליטן האָט געוואָרפן אַרויף און אַראָפּ מיט אַ פלינענדיקן רייסן פון די סנאַיעס.

זי ווייסט ניט ווי שפּעט ס׳איז געווען. געמוזט זיין ווייט אין דער צווייטער האַלב־נאַכט. זי האָט ניט געקאָנט שלאָפן. דאָס צאַפּלען אונטערן האַרצן האָט איר אַזוי אויפגעריסן דעם קאָפּ, אַז זי האָט געמיינט, אַז זי וועט אַראָפּ פון זינען. דאָ האָט איר מיטאַמאָל אויפ־געבליצט אַ געדאַנק, וואָס האָט געטראָגן אַ זיכערן סוף צו דעם. ניט געוואָלט וויסן וואָס פון דעם וועט נאָכדעם אַרויסקומען, — אַבי אַ סוף צו דעם! זי איז אַרויסגעלאָפן אין דרויסן, אָנגעלייגט אויף אַ שטריק אַ גרויס בערגל מיט אַרשיניקע פּאַליענעס האָלץ, שטאַרק עס איינ־געבונדן, ס׳זאָל ניט פאַנאַנדערפאַלן. ס׳איז אַרויסגעקומען אַ זייער גרויסער בינט האָלץ. אַרומגעכאַפּט די שטריק אין דער פינצטער און געפילט, אַז ס׳וועט ניט רייסן, האָט זי מיטביידע הענט אַ הויב־אויף געטאָן דעם פּאַק האָלץ און אים אַרויפגעוואָרפן אויפן רעכטן אַקסל. ס׳האָט איר אַ מוראדיקן ריס געטאָן אין די געדערים, אין די אויגן איז איר פינצטער געוואָרן און זי איז געפאַלן מיטן גרויסן בינט האָלץ אויף זיך. זי האָט זיך געפּרואווט אויפהויבן, זי האָט אָבער דערפילט מוראדיקע ווייטיקן און אַ פליוך בלוט פון זיך. אַלץ האָט זיך גענומען אויסלעשן, און זי איז אַראָפּגעזונקען ווי אין אַ חושך.

אַז זי האָט נאָכדעם געעפנט די אויגן, איז געווען ליכטיק. זי איז געלעגן אין אַ בעט... ניט געוואוסט וואו זי איז... אַלץ האָט געשווינדלט פאַר די אויגן... זי האָט ניט געקאָנט גוט זען ווער ס׳איז אַרום איר. נאָך די ווערטער, האָט זיך איר געדוכט, אַז זי הערט, אַז מ׳האָט זי געפונען אין אַ גרויסער לוזשע בלוט לעבן אַ בינט האָלץ... זי האָט אויך געהערט, אַז מ׳האָט אַראָפּגעבראַכט אַ דאָקטאָר אויפן האַלעם, און דער דאָקטאָר האָט געהייסן זי גלייך נעמען אין קראַנקנ־הויז... זי האָט נאָכדעם געפילט, ווי הענט האָבן זי גענומען... גע־טראָגן ערגעץ... אַוועקגעלייגט אויף עפּעס... און ערגעץ געפירט... דערנאָך האָט זיך ווידעראַמאָל אַלץ אויסגעלאָשן... וואָס ווייטער איז געווען, געדענקט זי ניט...

— — — — — — — — — — — —

זי האָט איצט צוריק געעפנט די אויגן און זיך ווידער גענומען אַרומקוקן. ס׳האָט געשערלט און געפּאַסיקט, געפּינטלט און געסעט־קעט פאַר די אויגן. אָבער זי האָט קלאָר באַנומען, אַז זי איז אין אַ קראַנקנהויז... בעטן אַרום... ווייסע בעטן... און אַ ווייכע ליכט פון הויכע פאַרפאַרהאַנגטע פענצטער... אַז זי האָט ברייטער געעפנט די אויגן, האָט זיך איר ווידער געדוכט, אַז זי זעט גריגאָרי יעפימיטשן ניט ווייט פון איר בעט. צי דען איז ער געקומען זען וואָס זי מאַכט? זי האָט קרום אַ שמייכל געטאָן... אַזוי שווער צו שמייכלען מיט אַזעלכע ווייטיקן!... אָבער נאָכדעם האָט אינעווייניק נצחונדיק און גליקלעך אַ לויכט געטאָן: „אַרויסגעוואָרפן אים פון די געדערים!... אַרויסגעוואָרפן די פאַרברודיקטקייט!... צוריק ריין!... ניט פאַר אים אירע געדערים!... קיינמאָל ניט זיין מער!... צוריק ריי־י־ן!...". פאַר די אויגן האָט אַלץ געסעטקעט, געשערלט און געפּינטלט... ביז ס׳האָט זיך ווידער אַלץ אויסגעלאָשן...

אַ סך חדשים איז מלכהלע אָפּגעלעגן אין קראַנקנהויז. זייער אַ לאַנגע צייט געהאַנגען צווישן לעבן און טויט. אָפּגעגאַנגען מיט זייער אַ סך בלוט, האָט זיך אַלץ צו איר געקלעפּט. ערשט נאָך פּורים אַרויס אינגאַנצן פון סכנה און זיך גענומען בעסערן.

אין די שעה׳ן, ווען מ׳פלעגט צו איר צולאָזן, פלעגט אַמאָל דבורה־בריינע, אַמאָל ריישע אברהם לאָפּאַטעס, ברענגען צו איר אין קראַנקנ־הויז איר דודלען. זי האָט אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך אים! אירע אויגן פלעגן אויפשיינען מיט טרערן, קוקנדיק אויף אים; אירע הענט פלעגן ציטערן ביים צודריקן אים צו זיך.

דאָס קינד איז געווען ביי דבורה־בריינען. ביילקע עליעס האָט אים געוואָלט נעמען צו זיך, אָבער ישראל יאַקאָרשטשיק האָט אים ניט געגעבן: צווישן זיבן קינדער — וועט זיין נאָך איינס... אַ יתום איז ביי אים קיינמאָל ניט איבעריק.

דאָס קינד איז געווען אויפן האַלעם אַלעמענס מצוה. מ׳האָט זיך געשפּילט מיט אים, אַנגעגנייט אים פלודערקעלעך, שיכעלעך; און ווי נאָר אַ קרים, איז ביילקע עליעס באַלד געקומען מיט אַ דאָקטאָר פון פאַרשטאָט. מ׳האָט בלויז באַדויערט, וואָס שלמהקען איז ניט באַשערט געווען צו האָבן באַלד אַ נאָמען נאָך זיך.

אַרויס פון קראַנקנהויז איז מלכהלע דריי וואָכן נאָך פּסח. די

דווינעס זיינען שוין אין אַ סך ערטער געווען פאַרשטעלט מיט פּליטן. ביי שאַמיראַן אויפן געהילץ־פּלאַץ האָט מען שוין ווידער געשטאַפּלט, געזעגט און געטעסעט פון די פריע באַגינענס ביז די אָוונטיקע שייטערן ביי די ביידלעך פון די טיאַסטשיקעס. דער גאַנצער האָלעם יאַקאַר־שטשיקעס איז שוין ווידער געווען גאַנצע טעג אויף די דווינעס.

מלכהלע פלעגט אויפציטערן און אויפשוידערן פון דעם געדאַנק וועגן גריגאָרי יעפימיטשן. זי האָט פעסט באַשלאָסן אים מער ניט צו־צולאָזן צו זיך — וואָס עס זאָל ניט זיין. גריגאָרי יעפימיטש איז אין ריגע ניט געווען. געווען שוין דעם פערטן חודש אין קאָמאַנדיראָווקע. דאָס לעצטע מאָל, וואָס זי האָט אים געזען, איז געווען אין קראַנקנהויז. זיין פנים האָט דאַן מאָדנע־צעשוואומען, געשערלט, געפאַסיקט און געוואָרפן זיך פאַר אירע אויגן, ווי דאָס ערשטע מאָל אין קראַנקנ־הויז. ס'איז געווען שווער צו דערקענען, אָבער ס'איז געווען ער.

זי איז געווען צופרידן, וואָס ער איז ניטאָ. זי האָט זיך אָפּגערוט, געקומען צוריק צו די כוחות, און צעבליט זיך נאָך פולער און רייצנ־דיקער, ווי פאַרן אומגליק. דודל איז שוין אַרומגעגאַנגען. זי האָט געקליבן נחת קוקנדיק אויף אים. ווי צוויי טראָפּנס — שלמהקע! זי האָט אים געהאַלטן אין איין דריקן צום האַרצן און קושן.

געלט האָט זי געהאַט פון פאַראַיאָרן. אַז מ'האָט זי געפונען אין דער לוזשע בלוט, האָט מען איר קניפּל איבערגעגעבן עליע מאַגנוסן. האָט עס איר ביילקע איצט צוריקגעקערט. אָנהויבן איבעראַנייעס גרייטן וואָרמעסן פאַר סוחרים און פריקאַזטשיקעס האָט זי ניט געוואָלט — ס'וועט איר ווידער אַראָפּשטופּן צו גריגאָרי יעפימיטשן. האָט זי באַשלאָסן אַרויסצוקריגן די פּאַפּירן און אַוועקפאָרן קיין אולע. זי ווייסט ניט ווי אַזוי זי וועט זיי קריגן, אָבער זי וועט טאָן אַלץ אין דער וועלט צו קריגן זיי. ס'האָט געשלאָגן אויך אַ שטיקל האָפענונג אויף אַ נס: אַזוי לאַנג אָן איר — אפשר האָט ער גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן אין איר...

געקומען צוריק פון זיין קאָמאַנדיראָווקע, האָט גריגאָרי יעפימיטש געשיקט נאָך איר — זי זאָל קומען. ס'איז געווען נאָך שבועות. זי איז געגאַנגען צו אים מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, אָבער אַנטשלאָסן. אַז זי איז געקומען צו אים, איז באַלד איר האָפענונג — אַז ער האָט אין איר פאַרגעסן — אויסגערונען. ער האָט זי אַרומגעכאַפּט און אַזוי ליידנשאַפטלעך געקושט, ווי נאַר־וואָס זיך פאַרליבט אין איר. איר איז קלאָר געוואָרן, אַז ער וועט זי ניט אָוועקלאָזן פון זיך.

זיין יעדער ריר צו איר האָט זי אויפגעשוידערט און יעדער קוש צערודערט. דאָס דורכגעלעבטע פאַרן לעצטן יאָר האָט ווי אַ פייער זיך דורכגעטראָגן דורך איר מוח: צי דען דאַרף מען עס נאָכאַמאָל דורכגיין, נאָכאַמאָל איבערלעבן? אַ פאַרביסענער „ניין", איינגעטונקט אין אַ בלוטיקער שנאה, האָט אַריינגעשלאָגן אין אַ שרעקלעכן געדאַנק, וואָס איז מיט אַ גאַנצער טשאַטע פייערלעך דורכגעפלויגן דורך אירע אויגן. באַזונדערע שטיקלעך פון דעם געדאַנק האָבן זיך אַרומגעטראָגן אין איר מוח די גאַנצע צייט, זינט ער האָט זיך צום ערשטן מאָל אַריינגעריסן אין איר לעבן. איצט האָבן זיי זיך צונויפגעגאָסן אין איין אַנטשלאָסענעם איינס. זי האָט זיך ווי איבערגעקערט: איז מיטאַמאָל געוואָרן לעבעדיק, פריילעך, שעלמיש־צוגעלאָזן און חוזקדיק אויפרייצעריש, ווי פון שמחה, וואָס ער האָט זי ניט פאַרגעסן — זיך אַוועקגעלאָזן אין אַ שפּיל מיט פייער.

זי האָט זיך פון אים געלאָזט קושן, האַלדזן; אַליין אַפילו אים זייער שטאַרק געקושט עטלעכע מאָל, אָבער צו־ווייט גיין אים ניט געלאָזט. אַז ער איז אויף דער סאָפע געוואָרן זייער צודרינגלעך צו איר, האָט זי אים עפּעס לאַכנדיק אַריינגעשושקעט אין אויער אַריין און — געטרייסט אים, אַז אין אַ וואָך אַרום וועט זי שוין זיין אינגאַנצן געזונט און — דאַן...

און זיצנדיק לעבן אים, אַן אויסגעצויגענעם אויף דער סאָפע, אין זיינע אָרעמס, קעמענדיק מיט אירע פינגער זיינע האָר אויף אַרויף, אים איינגערעדט, אַז זיי זאָלן ביידע דאַן אַרויספאָרן אויף אַ שיפל. אין אָוונטן אויפן טייך איז דאָך אַזוי כישופדיק!... און פון דאָרטן אויפן „גראַפּטשיק"... אויפן גראָז... אונטער בוימער... ווי אמתע פאַרליבטע... וואָס האָבן זיך אַזוי לאַנג ניט געזען...

גריגאָרי יעפימיטשן איז עס זייער געפעלן געוואָרן. און זיי האָבן אָפּגעמאַכט, אַז קומענדיקן זונטיק אָוונט וועט זי וואַרטן אויף אים אין איר שיפל ביים ברעג פון מאָסקווער פאָרשטאָט, העכער פון זווירנהאָלם. דאָס אָרט האָט מלכהלע אויסגעקליבן: ניט געוואָלט מ'זאָל זי זען פון האָלעם אויף אַ שיפל מיטן פּריסטאַוו.

זונטיק שפּעט אין אָוונט האָט זי געוואַרט אויף אים אויפן באַשטימטן אָרט. ער איז געקומען ציוויל אָנגעטאָן. אַפּנים ניט געקאָנט זיך לאָזן אין פּריסטאַווסקער אוניפאָרם מיט אַ יידישקע אויפן טייך. אין אַ רוסיש־אויסגענייטער רובאַשקע אַרומגעשפּיליעט מיט קנעפּלעך אַרום האַלדז, מיט אַ קוטאַס באַפרענזלט אויף אַ זייט, אין לאַקירטע

שטיוול און אַ געוויינלעכן היטל, האָט ער מיט זיינע וואָנצעס פאַר־שפיצלט ביי די עקן אויסגעזען יונג און מאָלאַדיעצקע. וואָס אים האָט געפעלט, איז אַ הארמאָשקע איבערן אַקסל און צו זיין עפּעס אָנגע־שנאָשקעט, אָנצונעמען אים פאַר איינעם פון די זומערדיקע אַרויספאָרערס מיט פויערשע מיידלעך איבערן טייך. זיינע גרינע כיטרע פייערלעך האָבן פון אים אַרויסגעגעבן דעם דורכגעטריבענעם געוועזענעם זשאַנ־דאַרמסקן אָפיצער, וואָס האָט זיך ניט איין מאָל איבערגעטאָן אין ציווילע קליידער אין פאַרשיידענע קאָמאַנדיראָווקעס.

ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין שיפל. זי איז אַרויסגעפאָרן אויפן לײדיקן שטיק טייך, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט צווישן זווירנהאָלם און גראָפּנהאָלם — דער וואַסער־טויער פון דער „גרויסער דווינע" אין דער „קליינער דווינע" אַריין. דער פּאַס טייך איז אַלעמאָל געווען ליידיק פון פליטן. דאָ האָט ער זי אומגעביטן אין די רודערס.

מלכהלע האָט זיך אויסגעצויגן אַנטקעגן אים אויפן דעק שיפל, אָנגעשפּאַרט אויף די עלנבויגנס, מיט דער שאַרפער געמבעטשקע אין די דלאָניעס. מיט די לאַנגע צעפּ אויפן רוקן, די אוירינגלעך, ווי בלישטשענדיקע רעדעלעך פון די זייטן, מיט פּאַטשערקעס אַראָפּגעהאָנגען פון איר האַלדז, און מיט אירע פליענדיקע, לאַכנדיקע און שפילנדיקע פייערלעך, איז זי געווען רייצנדיק און זייער שאַרף אָנציענדיק.

גריגאָרי יעפימיטש איז געווען פאַרכאַפּט פון איר רייצנדיקער אויפגעלעבטקייט. ער האָט זי נאָך קיינמאָל אַזוי כישופדיק ניט געזען. ער האָט איר דערציילט פאַרשיידענע זאַכן פון זיין לעצטער קאָמאַנדי־ראָווקע און דורכגעוואָרפן עס מיט צווידייטיקע וויצן. און פאַרנעמענדיק זיך פון ברייטן שטיק טייך צום גראָפּנהאָלם, האָט ער איר אָנגעהויבן צו דערציילן וואָס ער האָט פאַר דער צייט, וואָס זי איז געווען אין קראַנקנהויז, איבערגעלעבט. ער איז געווען אין שפּיטאָל זי זען און געווען זייער אומרואיק וועגן איר; אין די חדשים וואָס ער איז ניט געווען אין ריגע, האָט ער זייער שטאַרק געבענקט נאָך איר, אָבער ניט געהאָפט, אַז ווען ער וועט קומען, וועט ער זי געפינען צווישן די לעבעדיקע, ווייל די דאָקטוירים האָבן ניט געגעבן קיין האָפענונג. אַז ער איז געקומען אין ריגע, איז ער געווען איבערגליקלעך, דערוויסנ־דיק זיך, אַז זי האָט דורכגעטראָגן, געזונט געוואָרן און איז איבדער־היים.

מלכהלע האָט אים קיין וואָרט ניט געגלויבט. געווען זיכער, אַז ער האָט געהאַט און האָט אַנדערע. איר האָט עס ניט געאַרט. עס האָט

זי אויך ניט אינטערעסירט, וואָס ער האָט דערציילט. בלויז פון יוצא־וועגן אַ חוזק געטאָן:

— גאָר קיין אַנדערע ניט געהאַט פאַר דער גאַנצער צייט?... אַלט געוואָרן, יעפימיטש, אַלט געוואָרן...

אַנדערע, ווי אַנדערע, אָבער צו איר קומט קיין איינע פון זיי ניט, האָט ער זי פאַרזיכערט. דערביי איר דערקלערט, אַז קיין איינע האָט נאָך ניט באַוויזן אַריינצוקריכן אים אַזוי אין האַרצן, ווי זי. און וויפל אַנדערע ער זאָל ניט האָבן, וועט זי אַלץ פאַרבלייבן די איינציקע ביי אים טיף אין דער נשמה...

מלכהלע האָט אים געקוקט אין די אויגן מיט אַ שעלמיש־ספקדיקן שמייכל.

דער שפעטער בין־השמשות איז אַריבער אין אַ טיפן בלוי. פון הימל האָבן געדיכטע דינינקע שטערנדלעך גענאָדלט אין וואַסער. די בלויקייט האָט זיך גענומען דורכוועבן מיט סודותדיקייט. אַ מאָדנע שטילקייט איז געהיימניספול־כישופדיק געלעגן אַרום. בלויז דאָס פּאַטשן פון די רודערס האָט ריטמיש געפּליעסקעט — אַריין און אַרויס — דאָס וויגנדיקע וואַסער. דאָס שיפל איז איצט געווען ווייט פון די ברעגן און ווייט פון פליטן — זיך לאַנגזאַם באַוועגט צום גראַפנהאָלם.

מלכהלע האָט אַריינגעשטעקט די רעכטע האַנט אין וואַסער. דאָס וואַסער איז געווען קיל און אָנגענעם.

— אַ, ס׳פאַר אַ וואַסער! — האָט זי געזאָגט. — כ׳האָב פון קינדווייז־אָן ליב געהאַט שעהן־לאַנג צו שווימען אין אַזעלכע נעכט! שווימען, שווימען און שווימען... — האָט זי פאַרחלומט געקוקט ערגעץ אַ ווילע. נאָכדעם מיטאַמאָל ווי עפּעס וואָלט איר איינגעפאַלן: — פאַר־וואָס טאָקע ניט?... פאַרוואָס טאָקע זיך ניט דורכשווימען אין אַזאַ נאַכט?... שוין לאַנג ניט געשוואומען אין אַזעלכע נעכט!...

זי האָט זיך אויפגעשטעלט אין שיפל און נאָכאַמאָל אַ טאַפּ געטאָן ס׳וואַסער.

— וואָס, יעפימיטש, וועגן אַ שווים אינאיינעם? האַ, יעפּי־מיטש?...

— איך בין ניט קיין גרויסער שווימער...

— מיט מיר אינאיינעם, איז ווי צופוס איבערן ים!...

— כ׳פיל ניט ווי...

— אַלט געוואָרן, יעפימיטש!... אַלט געוואָרן!... יונגע מיידלעך בויטיק אָנצוואַרעמען די בלוטן!...

און ניט וואַרטנדיק וואָס ער וועט ענטפערן, אַראָפּגעוואָרפן די קליידער און איינגאַנצן אַ הוילע אַנטקעגן אים, אַ זאָג געטאָן צו אים:

— קומט נאָך מיר, יעפּימיטש, לאָמיר זען...

גריגאָרי יעפּימיטש האָט ניט געהערט, וואָס זי האָט געזאָגט. פאַרכאַפּט פון איר הוילן רייצנדיקן לייב, האָט ער זיך אַ צערייצטער אַ הויב געטאָן פון די רודערס, זי אַ כאַפּ געטאָן אַרום איר טאַליע און זיך איינגעפּרעסן אין איר מיט זיינע ליפּן.

ווי געוואָרט אויף דעם, האָט מלכהלע מיט מוראדיקער שנאה אים אַרומגעכאַפּט מיט אירע הענט, זיך אַ וואָרף געטאָן מיט אים אין אַ זייט. דאָס שיפל האָט זיך שאַרף אַ קער געטאָן, און זיי ביידן אַריינגעשליידערט אין וואַסער.

האַבנדיק אים אונטערן וואַסער, האָט זי צום ערשטן מאָל, זינט ער האָט זיך אַריינגעברודיקט אין איר לעבן, געהאַט די אויבערהאַנט איבער אים. ער האָט געזוכט אַרויסצורייסן זיך פון איר, אָבער זי האָט אים געהאַלטן שטאַרק אַרומגענומען און ניט אַרויסגעלאָזט פון אירע אָרעמס.

אַלע שווערע איבערלעבונגען, אַלע בלוטיקע באַליידיקונגען, אַלע אירע אומדערטרעגלעכע ווייטיקן פאַר די חדשים אין קראַנקנהויז, אַלע אויפטרייסלונגען און קלעמענישן און טרערן — האָבן זיך געריסן פון איר האַרצן פאַר נקמה... פאַר אָפּרעכענונג... פאַר מאַכן אַ סוף צו אים... ווי מיט שטאָל אָנגעגאָסן אין אירע אָרעמס, אין אַלע אירע גלידער, האָט זי אים מיט אַלע כוחות אַרומגעקלאַמערט.

ער האָט געזוכט צו באַפרייען זיך פון איר אונטערן וואַסער. אָבער דאָס וואַסער האָט אים ווי אַוועקגענומען אַלע זיינע כוחות. ער האָט זיך געריסן, געוואָרפן, געשליידערט, אָבער זי האָט אים ניט אָפּגעלאָזן. געדריקט אים מיט דער וואָג פון איר קערפּער אויף אַראָפּ צום גרונט און געהאַלטן אים דאָרט. אַ זייער טיפער אָרט. מ׳דאַרף בלויז האַלטן דאָ און איבערוואַרטן. ווער ס׳וועט האָבן אַ לענגערן אָטעם, דער וועט אַרויס... — איז איר דורכגעפלויגן דורכן געדאַנק...

זי האָט געפילט, אַז יעפּימיטש בליניעט זיך. ס׳האָט אָנגעהאַלטן אַזוי אַ ווייל, נאָכדעם האָבן זיינע הענט געגומען הילפלאָז אַראָפּפאַלן פון אַרום איר. זי האָט אים נאָך געהאַלטן אַ ווייל אַזוי, נאָכדעם אים גע־פּרואווט איינלאָזן. ער איז אַרויסגעזונקען פון אירע הענט... זי האָט אים פונדעסטוועגן נאָך געהאַלטן אויפן גרונט. מורא געהאַט צו מאַכן אַ טעות... איר האָט אָנגעהויבן אויספעלן אָטעם, אָבער זי האָט

אים ניט איינגעלאָזן. זי טאָר אים ניט אַ לעבעדיקן אַרויסלאָזן פון וואַסער!...

האַלטנדיק אים איצט, און פילנדיק נאָך אין אים אַן אינעווייניקסטן קאָנוואולסיוון צאַפּלען, האָט זיך דורכגעטראָגן דורך איר געדאַנק, ווי איינמאָל אין אַ שפּעטן אָוונט אויף דער אָזערע הינטער אולע — זי האָט געמוזט זיין אַ יאָר פופצן דאַן — איז זי פאַמעלעך געשוואומען זינגענדיק. אַזוי ליב געהאַט צו שווימען אין די אָוונטן! די לבנה איז שוין געווען אויפן וואַסער. איז אַ פויער פון אַ יאָר דרייסיק אָנגעפאָרן אויף אַ שיפל, און געוואָלט זי אַריינשלעפּן צו זיך. זי האָט זיך מיט אַלע כוחות ניט געלאָזן. אין געראַנגל האָט זי אים אַרויסגעקוליעט פון שיפל אין וואַסער און אים געהאַלטן אונטן אַזוי לאַנג, ביז זי האָט געפילט, אַז ס'איז גענוג. אים איינגעלאָזן, אַרויסגעוואָרפן זיינע רו־דערס פון שיפל און אַוועקגעשוואומען. ער האָט זיך קוים אַ לעבעדיקער אַריינגעשלעפּט אין שיפל. געקאָנט אים דערטרינקען, ווען זי זאָל אים האַלטן לענגער אונטערן וואַסער. אָבער ניט געוואָלט און ניט געקאָנט דערטרינקען אַ לעבעדיקן מענטשן... נישט איינגעפאַלן אַפילו... אָבער יעפימיטשן קען זי פון וואַסער קיין לעבעדיקן ניט אַרויסלאָזן... טאָר ניט אַרויסלאָזן!... ער וועט זי נישט נאָר באַברודיקן, ער וועט זי איצט אומברענגען!... צוליב דעם יתום טאָר זי דאָס ניט טאָן!... גענוג, וואָס ער האָט קיין טאָטן ניט... אָן איר וועט ער בלייבן איינינקער אַליין אויף דער וועלט...

איר האָט איצט אַזוי פאַרשטיקט און פאַרוואָרגן, אַז זי האָט גע־פילט, אַז נאָך איין האָר און זי וועט, פונקט, ווי יעפימיטש, אויף אַלע־מאָל בלייבן אונטן לעבן אים. זי האָט אים איינגעלאָזן און מיט די לעצטע כוחות זיך אַרויסגעריסן פון אונטערן וואַסער. זי האָט קוים דעם אָטעם אָפּגעכאַפּט. ערשט איצט האָט זי דערפילט, אַז זי איז אינגאַנצן אַן אויסגעשעפּטע. זיך קוים געהאַלטן אויפן וואַסער. די שטאַרקייט אין אירע הענט, בשעת זי האָט געהאַלטן פאַרקלאַמערט יעפימיטשן, ער זאָל ניט קאָנען שווימען, איז איצט, ווי אויסגערונען. זי האָט דערפילט אַ מאָדנע שלאַפקייט אין אַלע אברים. זי האָט דער־פילט אַ קעלט און ס'האָט זי אָנגעהויבן צו טרייסלען. איר רואיקייט אונטערן וואַסער איז איצט פאַרשוואונדן. דאָ, אויבן, האָט זי דערפילט אַ שווערקייט אויפן האַרצן, אַ צעטרייסלטקייט און צעמישטקייט. ניט געוואוסט וואָס ווייטער צו טאָן.

דאָס שיפל האָט אָפּגעטראָגן גאַנץ ווייט פון דעם אָרט, וואו זי

געפינט זיך. ווען זי איז ניט אויסגעשעפּט אַזוי פון די כוחות, איז עס ניט ווייט פון איר, אָבער איצט איז עס זייער ווייט! איר איז אַזוי שווער געוואָרן אויפן האַרצן, אַז זי האָט אַרויסגעשלאָגן אין טרערן. זי האָט שווימען צום שיפל ניט געקאָנט. מ׳האָט געמוזט צונויפנעמען אַביסל כוחות. זי האָט זיך איבערגעקערט אויפן רוקן אָפּצורוען זיך. דער איינציקער וועג אויסצורוען זיך אויפן וואַסער. זי איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן וואַסער מיט די הענט ווייט צעשפּרייט, אומבאַוועגלעך — אַנטקעגן הימל, שלינגענדיק די טרערן, טרייסלענדיק זיך פון קעלט. די דינינקע שטערנדלעך האָבן פון טיפן בלוי געשפּיזלט מיט זילבער־נאָדלען. זי האָט אַ פּאַרטרערטע און עלנטע געקוקט אין הימל, אינעם שטילן פינקלען פון די שטערן, און פּאַר עמעצן ווייט הינטער זיי, געשטעלט זיי פּאַר עדות, אַז זיי האָבן אַלץ געזען און וויסן, אַז זי האָט אַנדערש ניט געקאָנט... קיין אַנדער אויסוועג ניט געהאַט...

זי איז אַ היפּשע ווייל געלעגן אַזוי, נאָכדעם זיך איבערגעקערט. די הענט זיינען איצט געווען אַביסל שטאַרקער און זי איז אַוועק־געשוואומען צום אַוועקגעטראָגענעם שיפל. זי האָט אָנגעיאָגט דאָס שיפל, אַריינגעצויגן זיך אין אים, אַרויפגעוואָרפן די קליידער און אַוועקגעפאָרן אַהיים.

אַריין אין מייקע איז זי ווי אַ שיכורע, זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. ס׳האָט זי אויך נאָך זייער שטאַרק געטרייסלט. זי איז געווען צופרידן, וואָס קיינער האָט זי ניט געזען. זי האָט זיך צוגעשלעפּט צום קינד. ס׳איז רואיק געשלאָפן. זי האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט די קליידער אין בעט און איז באַלד איינגעשלאָפן.

ערשט אינדערפרי, אַז דאָס קינד האָט זי אויפגעוועקט, האָט זי דערפילט אַ דערלייכטערונג. אין קאָפּ איז אָבער געווען אַ מאָדנע צעמישטקייט. פילנדיק די לעצטע קאַנוואַלסן פון יעפימיטשן אין אירע אַלע גלידער, ווי זי וואָלט אים נאָך פון די הענט ניט אַרויסגעלאָזט, האָט זי געפילט אַן אויסגעקילטקייט און אַ באַפרייאונג: זי וועט ענדלעך קאָנען ווידער זיין ריין, ווי מיט שלמהקען געווען. אָבער דאָס פאַרגעקומענע האָט זי ניט געלאָזט אַרויסבאַפרייען זיך... ס׳האָט זי געהאַלטן פעסט אַרומגענומען... ווי זי האָט יעפימיטשן געהאַלטן אונטערן וואַסער...

אין זעקס טעג אַרום האָט זי זיך אויפן האַלעם דערוואוסט, אַז מ׳האָט יעפימיטשן געפונען אַ דערטרונקענעם אַרום דער אייזערנער

בריק, ביי אַ צוויי־און־אַ האַלב וויאָרסט אַראָפּ־וואַסער פון דעם אָרט, וואו זי האָט זיך מיט אים אַרויסגעקערט פון שיפל. קיין סימנים פון מיט־גוואַלטיקער דערטרינקונג אויף אים האָט מען ניט געפונען. מ׳האָט פאַרטייטשט, אַז מסתמא האָט ער אָפּגעטאָן עפּעס אַזוינס, אַז קיין אַנדער אויסוועג איז אים ניט געבליבן — ווי פון בריק אין וואַסער.

מלכהלע איז געווען זייער אומרואיק. זיך קיין אָרט ניט געפונען. ערשט, אַז זי האָט דערהערט כמעט פון אַלעמען אויפן האַלעם: „אַ שיינע ריינע כפרה", „שוין לאַנג געדאַרפט איינגעמען אַ מיתה־משונה", „זיך מיט אַ היפש ביסל יידיש בלוט אָנגעטרונקען!" — האָט זי זיך ביסלעכווייז באַרואיקט און זיך גענומען פּאַקן צום אַוועקפאָרן פון ריגע.

זי האָט אויספאַרקויפט וואָס זי האָט געקאָנט, דאָס איבעריקע אַוועקגעגעבן דבורה־ברייינען און ריישע אברהם לאַפּאַטעס. זיך געזעגנט מיט שלמהקען ביי זיין קבר. געזאָגט צו אים, האַלטנדיק ס׳קינד אויף די הענט:

— אויף איין יאָקאָר, שלמהקע, געהאַנגען אונטערן וואַסער... צו קיין ברודיקער לעבעדיקער מצבה אונטער דיין נאָמען ניט דער־לאָזן... און דיין יתום אויף דער וועלט ניט איבערגעלאָזן.

מיטן קינד אויף די הענט האָט זי זיך געזעגנט מיט פאַרטרערטע אויגן מיט בערגל ערד, וואָס איז פאַרוואַקסן מיט יונגן הויכן גראָז אַרום מצבה־ברעטל, און דעמזעלבן טאָג אַוועקגעפאָרן קיין אולע.

מיט פיר יאָר שפּעטער איז מלכהלע ווידער געקומען אויפן זווירנהאַלם, אָבער ניט אַליין: מיט אַ מאַן און דריי קינדערלעך. צוויי כמעט פון גלייכן עלטער: איינס — איר דודל, דאָס צווייטס — נאַטע־אַריעס, אַ מיידעלע, דאָס דריטע קינד — זייער ביידנס, אַ שותפותדיקס. ליב האָט זי געהאַט אַלע דריי ווי דאָס לעבן, אָבער דאָס האַרץ אירס איז געלעגן אין שאַיעלען. נאָכן אָנהערן זיך פון די ווייבער אין אולע — געציטערט, אַז זי וועט מער ניט קאָנען האָבן קיין קינדער, — און ער, שאַיעלע, איז געקומען — איר האַרץ, איר נשמה!... און אַזוי איינ־געגעבן אין זיי ביידן — ווי זיבן זונען! אַ נאָמען איז ער נאָך נאַטע־אַריעס טאַטן! פאַר צוויי־יאָרן געשטאָרבן.

מלכהלע איז נאָך געווען אין איר טאַליע פונקט אַזוי דין ווי אַמאָל. געגאַנגען איז זי אַלעמאָל אין אירע גרויסע רעדערדיקע אוי־

רינגלעך, שפּילנדיקע פּאַטשערקעס אויפן טונקל־אויסגעטאָקטן האַלדז, אין איר ברייט־צעצווייגטן פּילפּאַלדנדיקן קליידל, אָבער די בלוזקעלעך האָבן שוין מער צוגעדעקט אירע הויכע בריסטן. אַז זי האָט זיך מיט איר פּלינק־בריהשן גאַנגעלע פּאַרבייגעטראָגן, האָט זיך נאָך אויך איצט, ווי אַמאָל, אַלץ געהאַלטן אין איין וויגן, דרייען און באַוועגן זיך אויף איר און אַרום איר, און מאַנסבילן האָבן זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן פון באַגלייטן זי מיט די אויגן.

זי איז אויסערלעך געוואָרן שענער, ברענענדיקער און שפּילנ־דיקער, כאָטש אַ סך דיבינקע, חנעוודיקע קנייטשעלעך האָבן זיך לאַכנדיק צעלייגט אַרום אירע אויגן.

נאָטע־אַריע האָט געקראָגן רעכט אין ריגע, ווי אַ פּריקאַזטשיק ביי אַן ערשטע־גילדיע געהילץ־סוחר. די שכירות זיינען געווען ניט גרויס. געקאָנט קריגן אַ סך מער, אָבער צוליב „פּראַוואַזשיטעלסטוואָ" אין ריגע איינגעגאַנגען אויף קלענערע שכירות. מלכהלע האָט ניט געוואָלט בלייבן אַן אים אין אולע, און אים איז שווער געווען צו שיידן זיך מיט איר און די קינדער. זיין חשבון איז געווען „אויסצואַרבעטן" פאַר זיך רעכטן פון אַן „אַכציקער" אין ריגע, נאָכדעם דערשלאָגן זיך צו אַ בעסערער שטעלע, און פון איר — פאַר־זיך אין געהילץ־מסחר. קיין געלט איז נאָך אָבער פאַר דעם ניט געווען.

דער זווירנהאַלם איז דעריבער געווען דאָס אָרט, וואו מלכהלע האָט געקאָנט צולייגן אירס אַ האַנט — אַרויסצורייסן זיך אויפן ברייטערן שליאַך. דער עיקר האָט זי געחלומט וועגן אַן אייגן האַלץ־פּלעצל: מ'זאָל קאָנען אַלעמאָל זיין אינאיינעם. נאָטע־אַריע זאָל זיך ניט דאַרפן וואַלגערן דאָס גאַנצע לעבן אין די וועלדער און אויפן וואַסער.

נאָך איר אַוועקפאָרן פון האַלעם, האָבן עטלעכע ווייבלעך געפּרואווט איינפירן וואַרמעסן פאַר פּריקאַזטשיקעס ביי זיך. מ'איז אָבער ניט געקומען. ביי מלכהלען איז עס ווידער אַוועקגעגאַנגען.

טאָג־איין, טאָג־אויס — איצט אין אַן אַנדער געדונגענער מייקע אויפן האַלעם — פלעגן ביי איר טיש געהילץ־סוחרים מיט זייערע פּריקאַזטשיקעס און מעקלער אָפּשליסן מסחרים ביי יום־טובדיקע וואַרמ־עסן און לחיימדיקע אויפגערוישטקייטן. זי פלעגט זיך ווי אַ רוח אַרומטראָגן מיט די טעלער פישן, פליישן און יויכן, און שפּילנדיק און ווערטלענדיק זיך, געהאַלטן אַלעמענס אויגן אויף זיך און באַטעמט און באַיום־טובט די מאַלצייטן. גענומען אַ גלעזל מיט אַ סוחר, אַז מ'איז צוגעשטאַנען און — געשניטן אין ביין אַריין. מ'האָט געלאַכט, געצאָלט

און געקומען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל הנאה צו האָבן פון אַ וואַרעמס ביי איר טיש.

אין די אָוונטן פלעגט מלכהלע גאַנץ אָפט אַרויספאָרן אויף איר שיפל איבערן מיטן פון דער „קליינער דווינע" מיט צוויי קינדערלעך אַרום שיפל אין וואַסער און מיט שאַיעלען אינעם קעסטעלע אין שיפל לעבן איר. געלערנט זיי זיין גוטע שווימערס.

צו די ווייבלעך אויפן האַלעם פלעגט זי זאָגן:

— דאָס לעבן איז אַ זייער ברייט וואַסער אַריבערצושווימען. מ'מוז קאָנען זייער גוט שווימען!...

זי פלעגט אויך אַמאָל אַרויספאָרן אויף יענעם אָרט, וואו יעפימיטש האָט זי צום לעצטן מאָל אַרומגעכאַפּט. נאָטע־אַריע איז דער איינציקער, וואָס האָט געוואוסט דערפון. ער האָט דאָס אַרויסגעקראָגן אירע פּאַפּירן פון אוטשאַסטאָק. פון די פּאַפּירן האָט זי זיך דערוואוסט, אַז נאָך שלמהקעס קבורה האָט זי געהאַט זעקס חדשים רעכט נאָך צו זיין אין ריגע צו פאַרקויפן אירע זאַכן, און דער פּריסטאַוו האָט איר דאָן דאָס ניט אויסגעזאָגט.

נאָטע־אַריע און מלכהלע האָבן זיך זייער שטאַרק ליב געהאַט, אָבער דעם ערשטן תשעה־באב, אַז זיי האָבן געבראַכט איר דודלען אויפן בית־עלמין צו שלמהקען אויפן קבר זאָגן קדיש, האָט זי געפילט, אַז טיף אין איר נשמה ליגט ערגעץ אַ וואונד, וואָס קאָן זיך ניט פאַרהיילן, און זי האָט באַשלאָסן מער ניט צו גיין אויף שלמהקעס קבר.

זאַלאָם

די לעצטע יאָרן האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ זייער שווערן קלאַפּ פאַר עליע מאַגנוסן און זיין ווייב ביילקען. זייער על־טערער זון, אהרן, אַ סטודענט פון דאָרפּאַטער אוניווערסיטעט, איז אַריינגעפאַלן פאַר געהערן צו אַ „פּאָדפּאָלנער" רעוואָלוציאָנערער אָר־גאַניזאַציע. מ'האָט אים אַרעסטירט אינאיינעם מיט רוסישע לאַטווישע און עסטאָנישע סטודענטן, געמשפּט און פאַרשיקט ערגעץ זייער ווייט. וואו עליע האָט געהאַט אַ גראָשן איז אַוועק אויף אַדוואָקאַטן, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן. די רעדע, וואָס אהרן האָט געהאַלטן אין געריכט, האָט פאַרחתמעט זיין גורל.

עליעס פעטער, משה שאַמיראַ, איז געווען אויפגעבראַכט פאַר־וואָס עליע האָט פאַרזען אהרנען; וואָס ער האָט דערלאָזן אַריינשלעפּן און פאַרטרייפן דעם נאָמען פון דער משפּחה ביי נאַטשאַלסטווע.

— ווי אַזוי זעט מען עס ניט וואוהין קינדער פאַרנעמען זיך? — האָט דער פעטער אויסער זיך אַרומגעשפּאַנט איבערן קאַבינעט פון שטאַט־קאַנטאָר, רויכערנדיק אַ ציגאַר און בלישטשענדיק מיט כעס דורך די גאָלדענע פענסנע.

עליע האָט אים רואיק, אָבער זייער שאַרף געענטפערט:

— וואָס אהרן האָט געטאָן, האָט מען לאַנג געדאַרפט טאָן. וואָס ער האָט זיך אָנגעזען פון קינדורייז אָן, האָט צו עפּעס אַנדערש ניט געקאָנט און ניט געטאָרט פירן!...

עליעס ענטפער האָט דעם פעטער פריטשמעליעט. ער האָט וועגן דעם מער ניט גערעדט. עליע האָט וועגן דעם אויך ניט געוואָלט רעדן. ער האָט דעם פעטער איבערגעגעבן אַ פולן חשבון פון די אַרבעטן

אויף די געהילץ־פּלעצער און אין די װעלדער, און האָט פֿאַרלאָזן די קאַנטאָר.

ביילקען האָט דאָס האַרץ געציטערט פֿאַר איר אהרנען אין די קעלטן, װאוהין מ׳האָט אים פֿאַרשיקט, אָבער געװײנט האָט זי ניט. געװען פֿאַרשטײנערט אין איר צעװײטיקטער אומרואיקײט און ניט געװאוסט אויף װאָס צו װאַרטן און אויף װאָס צו האָפֿן.

שװערער פֿון אַלץ איז געװען, װאָס זינט מ׳האָט אים פֿאַרשיקט, איז פֿון אים קײן בֿרעקל ידיעה ניט געװען און מ׳האָט אין ערגעץ ניט געקאָנט דערגײן װאו ער איז אַהינגעקומען.

דעם קלאַפּ האָט געפֿילט דער גאַנצער האָלעם, װי אהרן װאָלט געװען זײער אַלעמענס. מ׳האָט געפֿילט, װי ער װאָלט געװען אין אַ זײער װיכטיקער שליחות און איז אַרײנגעפֿאַלן אין אַן אומגליק.

עליעס שטערן האָט צוגעקראָגן זײער שװערע קנײטשן, אין זײנע אויגן האָט זיך אַראָפּגעזעצט אַ טיפֿער אומעט. ער איז געװאָרן קאַרג אויף װערטער און זײער איבערגעלײגט מיט ענטפֿערס. אָבער ער האָט װײטער אָנגעפֿירט מיטן פֿעטער שאַמיראָס געהילץ־פּלעצער און אַלע אַרבעטן אין די װעלדער, װי אַלעמאָל.

ס׳איז נאָך קײן יאָר אין ריגע ניט געװען אַזױ פֿיל פֿליטן, װי דעם זומער. אַלע דװינעס זײנען געװען פֿאַרשטעלט, ביז אַרויף צו די פּאַראָהעס.

אויסער די הונדערטער און הונדערטער פֿליטן פֿון שאַמיראָס װעלדער און פֿון אַנדערע גרעסערע און קלענערע װאַלד־סוחרים, איז נאָך קײנמאָל ניט געװען אַזאַ אָנשװימעניש פֿון קלײנע װאַלד־סוחרים־לעך: יידן, װאָס האָבן געבראַכט צו אַכט, פֿינף, דרײ און אַפֿילו צו אײנציקע פֿליטן.

פּאַראַיאָרן איז געהילץ געװען מיט גאָלד גלײך. מ׳האָט צעצו־קערט יעדעס פֿליטל, יעדן באַלקן. די, װאָס האָבן עפּעס געהאַט אויף די דװינעס, האָבן געמאַכט גאָלד דערפֿון. האָבן דערפֿאַר לעצטן װינ־טער, יעדערער בײַ געהילץ, װאָס האָט נאָר געקענט צונױפֿלײען אַ ביסל געלט, פֿאַרזעצט װאָס ער האָט נאָר געקאָנט, געקױפֿט אַ שטיקל װאַלד, אויסגעאַרבעט אים, אַראָפּגעפֿירט צו אַ טײך, צונױפֿגעבונדן פֿון די באַלקנס עטלעכע פֿליטן און אַראָפּגעלאָזן קײן ריגע.

בײַ אַזאַ אָנשװימעניש פֿון פֿליטן, האָבן די גרױסע געהילץ־קאַנ־

טאָרן, געהילך־פּלעצער און זעג־מילן זיך אָפּגעהאַלטן פון קויפן. זיי האָבן געוואוסט, אַז די „קליינוואַרג״ וועט לאַנג ניט קאָנען האַלטן און מוזן אַוועקגעבן פאַר וויפל מ׳וועט געבן. און דאָס וועט ממילא וואַרפן די פּרייזן אויף געהילץ. די שטאַרקערע וואַלד־סוחרים האָבן אָפּגע־האַלטן די „קליינוואַרג״ פון לאָזן זיך אויסטאָן נאַקעט. זיי האָבן זיי אַרויסגעהאָלפן מיט געלט, אַז יענע האָבן זיך גענויטיקט, און מ׳האָט ניט געאײַלט צו פאַרקויפן פאַר פּרייזן, וואָס זײַנען געווען ווי אַ חלף איבער די העלדזער. בלויז געצײַלטע האָבן זיך ניט אײַנגעהאַלטן: געראַטעוועט וויפל געקאָנט און אַוועקגעפאַרן צעבראָכענע אַהיים.

ס׳איז געווען אַ שטילע, אָבער אַ ביטערע מלחמה — ווער ס׳וועט לענגער אויסהאַלטן.

די פּליטן זײַנען דערווײַל געשטאַנען אין די אַגאַראָדן און פאַר־שפּאַרט אַלע דווינעס. אַזוי האָט זיך עס אַרײַנגעצויגן ביז אין חודש אלול.

שבת, אַ וואָך צו די ערשטע סליחות, אַרום מוסף־צײַט, האָט געגומען בלאָזן אַ קליין ווינטל פון ים. צום ערשט כלומרשט גאָרנישט־מיט־גאָרנישט. אָבער וואָס ווײַטער, אַלץ רוגזהדיקער אַרײַנ־געקראָכן אין די קודלעס פון די בוימער, און צולעצט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר די בוידעם־טירלעך פון די מייקעס, גענומען רײַסן טירן און פענצטער, אײַנברעכן פּלאַנקענס און מיט אַ שדימדיקן צעשטורעם, זיך צעשפּילט איבער די דווינעס. ס׳האָט אָנגעטראָגן שוואַרצע כמאַרעס און אַ מבול האָט זיך צעשניטן מיט געדיכטע קרומע שפּיזן. די דווי־נעס האָבן געיאָמערט. די פּליטן האָבן זיך געריסן און געוואָרפן, און געקרעכצט מיט דורכגענעצטע סנאַסטזשן אויף די סוואַיעס.

ניט געקוקט אויף חודש אלול, זײַנען דעם שבת אַלע יאַקאַרשטשי־קעס אַרײַנגעקראָכן אין די הויכע וואַסער־שטיוול, גענומען די באַהאַרעס און אַוועק אויף די פּליטן: פאַרבייטן אויסגעריבענע און אײַנגעריסענע סנאַסטזשן, שטאַרקער צוקרעפּעווען די פּליטן צו די סוואַיעס און פאַרלייגן צווייענדיקע קייטן אויף די אַגאַראָדן — ס׳זאָל זיי ניט צע־רײַסן.

ס׳איז נאָך געווען ווײַט פון מנחה, אָבער ס׳איז געוואָרן פינצטער ווי אין מיטן נאַכט. דער שטורעם האָט זיך געהאַלטן אין שטאַרקן, דער מבול האָט ניט אויפגעהערט. דאָס וואַסער אין די דווינעס האָט

זיך אױפֿגעהױבן און גענומען פֿאַרטרינקען די נידעריקע ערטער פֿון האַלעם.

שפּעט אין אָװנט האָט דער שטורעם אַ קער געטאָן אױף צוריק: פֿריער האָט ער געריסן פֿון ים אַרױף־דװינע, איצט האָט ער געריסן צוריק אין ים אַרײַן. דאָס װאַסער האָט גענומען נידעריקער װערן, ס'האָט געריסן די כמאַרעס און אָפּגעהאַקט דעם מבול, דער שטורעם איז אָבער נאָך שטאַרקער געװאָרן. ס'האָט זיך געװיזן די לבנה, אַן אױסגעמאַטערטע און בלאַסע; זי האָט מיט אַלע כּחות זיך געזוכט דורכצורײַסן דורך די טראָגנדיקע פּענצטער און טירן איבערן קאַלטן, שטורעמדיקן הימל, אָבער װי נאָר זי פֿלעגט זיך באַװײַזן, פֿלעגן די טראָגנדיקע כמאַרעס זי צוריק פֿאַרדעקן.

אױף די דװינעס האָט אַלץ געסקריפּעט און געקרעכצעט, געברומט און געראָװעט, און די פּליטן, װי שדים פֿאַרקאָװעט אױף קײטן צו די סװאַיעס, האָבן זיך געריסן, װי פֿון אונטער שטאַלענע בײַטשן.

אַלע שאַמיראָס פּריקאַזטשיקעס, יאַקאַרשטשיקעס און שומרים זײַנען געװען אױפֿן טײַך. אין די מײקעס אױפֿן זװירנהאַלם זײַנען אַלע געװען אומרואיק: קײנער געדענקט ניט אַזאַ שטורעם אױף די דװינעס.

אַרום האַלב־נאַכט האָט פֿון װײַטן אַרױף־טײַך מיטן שטורעם דערטראָגן אַ װײַט־װײַט קראַכן, װי מוראַדיקע פֿעלדזן־בערג װאָלטן זיך אין אומאױפֿהערלעכן קראַכן פֿאַנאַנדערגעפֿאַלן. צוליב דער װײַט־קײט האָט מען ניט געקאָנט כאַפּן װאָס דאָרטן קומט פֿאָר.

באַלד האָבן זיך פֿון אַלע זײַטן פֿון דער „גרױסער דװינע", פֿון אױבן אױף אַראָפּ, גענומען טראָגן לאַנגע צעצױגענע טרעװאָגע־געשרײען:

— זאַ—לל—אָאָ—ם!... זאַ—לל—אָאָ—ם!... זאַ—לל—אָאָ—ם!...

ס'זײַנען געװען טרעװאָגע־װאָרנונגען — צו ראַטעװען זיך װער ס'קאָן.

װאו ס'איז נאָר געװען אַ שיפּל אױף די דװינעס האָט זיך גענומען טראָגן צו די ברעגן, און פּריקאַזטשיקעס, יאַקאַרשטשיקעס, שומרים, און װער ס'איז נאָר געװען אױפֿן טײַך, האָט גענומען לױפֿן איבער די פּליטן צו די ברעגן פֿון די העלעמער, שרײַענדיק און װאָרנענדיק אײנע די אַנדערע:

— זאַ—לל—אָאָ—ם!... זאַ—לל—אָאָ—ם!... זאַ—לל—אָאָ—ם!...

אַרויף־טייך, עפּעס נידעריקער פון די פּאַראָהעס, האָט דער שטורעם אָפּגעריסן עטלעכע פליטן פון די פלעקער אין די ברעגן, זיי אַרויפגעטראָגן אויף די דערבייאיקע פליטן און זיי אויך אָפּגעריסן. געטראָגן מיט שטורעם פון אויבן און מיט די רייסנדיקע פּאַראָהע־וואַסערן פון אונטן, האָט עס די אָפּגעריסענע פליטן אַ שליידער געטאָן אויף די דערבייאיקע אַגאַראָדן, זיי צעריסן און אָנגעהויבן צו ברעכן די סוואַיעס, אויף וועלכע דאָס גאַנצע געהילץ איז געווען צוגעבונדן. אַראָפּ פון די סוואַיעס, האָט זיך דאָס געהילץ געטראָגן איבער דער גאַנצער ברייט פון דער „גרויסער דווינע", ברעכנדיק און רייסנדיק אַלץ אויפן וועג. דער געטראָג און דער גוואַלדיקער דרוק פון אַלע זייטן האָט צעבראָכן און צעברעקלט די פליטן אויף באַזונדערע באַלקנס און זיי געוואָרפן איינע אויף די אַנדערע. ס'איז איצט ניט געווען קיין שום כוח, וואָס האָט געקאָנט אָפּשטעלן די טראָגנדיקע און ברעכנדיקע געהילצן.

דער גרויסער דרוק פון אַרויף־טייך האָט אויסגעבראָכן אַלע סוואַיעס אין די אונטערשטע טיילן פון דער „גרויסער דווינע" און אַ טראָג געטאָן די גרויסע מאַסע געהילצן אויפן הויכן אייזערנעם בריק, וואָס איז געהאַנגען איבער ביידע זייטן ריגע. אַ טייל פליטן האָט אַוועק־געטראָגן אונטערן בריק, די אַנדערע האָבן זיך אָבער פאַרטשעפּעט פאַר די ביקעס פון בריק, געבליבן שטעקן אויף זיי און פאַרצוימט די דורכגאַנגען ביזן סאַמע גרונט.

ניט געקאָנט דורכגיין, האָט עס די געהילצן געטראָגן, געשטופּט און געוואָרפן אַלץ העכער און העכער אויף אַרויף, ביז ס'האָט אָנגע־וואָרפן פון זיי אַ מוראדיקן באַרג, וואָס איז געוואַקסן אינדערברייט און אינדערהויך, ביז ווייט אַרויף צו די הויכע דוהעס פון דער אייזער־נער בריק.

אין פינף־זעקס שעה איז אַלץ, וואָס איז געווען אויף דער „גרויסער" און „קליינער" דווינעס, פון די פּאַראָהעס אָן, געלעגן אינעם גרויסן באַרג אַרום בריק, וואָס איז ווי אַ גרויסע אויפגעטורעמטע מצבה געווען פאַרשפּיצט צום הימל און ווי מיט אַ גרויסן „פּה נקבר" אָנגעזאָגט, אַז ס'איז נאָך אַלעמען.

צו זעקס אַזייגער אינדערפרי האָט זיך דער שטורעם געלייגט. ס'איז געוואָרן שטיל, ווי קיינמאָל גאָרנישט פּאַסירט. דער הימל איז געווען ריין פון וואָלקנס. וואו־ניט־וואו זיינען ווייסע דורכזיכטיקע וואָלקנדלעך

געלעגן אויף די זייטן פון הימל און, ווי אומשולדיקע שאָף, זיך גע־וואַרעמט אויף די שטראַלן פון דער זון.

אָבער אונטערן הויכן שפּיץ פון דער מצבה, איז געלעגן אַ גרויסער אַנגעוואָרפענער קבר פון אונטערגעגאַנגענע האָפענונגען, פאַרלאָרענע פאַרמעגנס, אייגענע און פרעמדע; געליענע געלטער, פאַרזעצטע צירונג, נדנען פון פאַרתנאַימטע כּלות און אָרעמע ירושות פון אלמנות און יתומים.

ווי נאָר ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז ס׳איז אַ זאַלאָם, האָט עליע מאַגנוס, אין מיטן דער נאַכט, כּל־זמן מ׳האָט זיך געקאָנט אַריבערכאַפּן אין שטאָט, אַוועקגעשיקט אַלע פּריקאַזטשיקעס, יאַקאַרשטשיקעס, שומ־רים און יעדן איינעם, מיט וועמען ער האָט זיך נאָר געקאָנט שאַפן, אָנצודינגען יעדן מענטשן מיט אַ שיפל און באַהאַר אין האַנט און אַלע טייך־דאַמפּערס. געהייסן צאָלן וויפל מ׳וועט בעטן, אָבער זיין זיכער, אַז קיין איין שיפל און קיין איין טייך־דאמפער זאָל ניט בלייבן אויף די דווינעס.

ס׳איז אָנגעקומען ניט שווער. אַרבעטן ביי שאַמיראַן איז ביי אַלעמען געווען אַ גרויסע זאַך. אָפּזאָגן אין אַזאַ צייט, וואָלט געמיינט — קיינמאָל מער ניט קריגן קיין אַרבעט ביי עליען.

זונטיק אינדערפרי זיינען אַרום באַרג אָנגעוואָרפענע געהילצן געשטאַנען אַ פינף הונדערט שיפלעך מיט יאַקאַרשטשיקעס, טייך־דאַמפּערס האָבן געהודיעט און געקוועטשט מיט די קוימענס אין הימל אַריין, און — נאָך עליעס שטרענגן פאַרזאָג — קיינעם פון זייטיקע ניט צוגעלאָזן צום באַרג מיט געהילצן.

מ׳האָט זיך געשטעלט אַרבעטן פון אַלע זייטן בריק. מ׳האָט איבער־געצוימט דעם טייך מיט עטלעכע ליניעס צונויפגעשלאָגענע באַלקנס אויף קייטן, כּדי ס׳זאָל די אַרויסגעריסענע באַלקנס פון באַרג אין ערגעץ ניט אַוועקטראָגן. די שומרים ביי שאַמיראַן, און צווישן זיי מרדכי בימבאַ און בענטשע מאַגנוס, זיינען אויף דאַמפּערס, מיט שניר־לעך שיפלעך מיט אינסטרומענט — מיט צו צוויי יאַקאַרשטשיקעס אין יעדן שיפל — זיך אַוועקגעטראָגן הינטערן בריק צונויפצוזאַמען, וואָס ס׳איז נאָך מעגלעך געווען צו דעריאָגן פון די אַוועקגעטראָגענע געהילצן.

די פּריקאַזטשיקעס מיט די הונדערטער און הונדערטער מענטשן

האָבן גענומען אַרויסשלעפּן די באַלקנס פֿון אַלע זייטן ברעג, געמאַכט פֿון זיי פּליעניצעס, אַרומגעכאַפּט מיט סנאָסטזשן פֿון די דאַמפּערס, אַוועקגעפֿירט אַרויף דער „גרויסער דווינע" און זיי איינגעשטעלט אַרום די ברעגן פֿון זווירנהאָלם און די אַרומיקע העלעמער.

ניט געקוקט אויף זונטיק און דעם קלינגען פֿון די קלויסטערס, איז די אַרבעט אָנגעגאַנגען מיט מוראדיקן אימפּעט. מ'האָט ניט געטאָרט לאָזן אויפֿן בריק אַזאַ משא צו־לאַנד. אַרום פֿיר אַזייגער איז שוין מער קיין אָרט פֿאַר געהילצן אַרום די נאָענטע געהילצן ניט געווען. עליע האָט דעריבער געהייסן בויען שטאַפּלען אין וואַסער, דאָס הייסט: אויף די אָנגעשטעלטע פּליעניעצעס לייגן צווייטע רייען באַלקנס אין דער סקווער, אויף די קווער־רייען נייע רייען אין דער לענג, און ווידער־אַמאָל אין דער קווער. און אַזוי ריי אויף ריי, ביז די גאַנצע משא וועט זיך אַראָפּזעצן אויפֿן גרונט פֿון טייך. און דאַן ערשט אַזוי פֿיל רייען אינדערהויך וויפֿל ס'וועט נויטיק זיין.

עליע איז געשטאַנען אויפֿן שפּיץ פֿון שלעפּ־דאַמפּער, זיך געטראָגן אַרויף און אַראָפּ איבערן טייך און אָנגעוויזן אַלעמען, ווי אָנצוגיין מיט די אַרבעטן. דער עיקר האָט ער געהאַלטן אונטערן אויג דאָס בויען פֿון די שטאַפּלען אין וואַסער. די סוואַיעס אויף די דווינעס האָט אויסגעבראָכן, אויף די פּלעקער אין די ברעגן זיינען די געהילצן ניט געווען זיכער — אַ ניי־צעשפּילטער ווינט האָט ווידער געקאָנט אַלץ אָפּרייסן, צעשיטן און אַוועקטראָגן. זיינען די שטאַפּלען אין וואַסער געווען דער זיכערסטער אויסוועג, כאָטש קיינער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען מ'זאָל שטאַפּלען באַלקנס אין מיטן פֿון די דווינעס. בויען די שטאַפּלען אין וואַסער איז עליען דאָ גופֿא איינגעפֿאַלן. ס'איז געווען איינגאַנצן ניי פֿאַר די יאַקאָרשטשיקעס. מ'האָט דעריבער געדאַרפֿט זען, זיי זאָלן זיי שטעלן ווי ס'איז נויטיק, זיי זאָלן שטיין פֿעסט און זיך ניט צעשיטן.

די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען טאָג און נאַכט, אַלע זיינען געווען אויסגעמאַטערט. אָבער איינע האָבן פֿאַרנומען די ערטער פֿון די אַנדערע און די אַרבעט האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אַפֿילו אויף אַ מינוט.

גלייך אינעם אינדערפֿרי פֿון זאַלאָם זיינען די גרעסערע און שטאַרקערע וואַלד־סוחרים, וועמענס פֿאַרמעגנס ס'זיינען געלעגן באַגראָבן אינעם גרויסן זאַלאָם־באַרג, אַרומגעלאָפֿן פֿאַרשמאַכטע און פֿינצטערע,

ווי די ערד — געזוכט יאַקאָרשטשיקעס מיט שיפלעך צו ראַטעווען עפּעס פון חורבן. דאָס „קליינוואַרג" האָט אַפילו וועגן דעם אויך ניט געקאָנט קלערן. אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה, זיינען זיי אַרויס ווי פון אַ שרפה. ביי איינע האָבן די הערצער ניט דורכגעטראָגן און זיי זיינען געפאַלן, ווי אונטערגעקאָסעטע; אַנדערע — דורך סם געמאַכט אַ סוף צו זיך, אָדער זיינען פון אומגליק אַראָפּ פון זינען.

מענדל קאַראַסיק, אַ הויכער דינער ייד, אין די פופציקער, מיט אַ קורץ אונטערגעשאָרן בערדל, אין אַ שטרויענעם הוט, גאָלדענע פּענסנע אויף אַ שוואַרצן שנירל, אין שטיבליעטן; אַ ייד, וואָס האָט זינט יאָרן און יאָרן געקויפט וואַלד, אויסגעאַרבעט, געבראַכט קיין ריגע, פאַרקויפט און זיך גערעכנט צווישן די שטאַרקערע וואַלד־סוחרים, איז אַרומגעלאָפן פון איינדערפרי־אָן קריגן יאַקאָרשטשיקעס מיט שיפלעך, צו ראַטעווען עפּעס פון גרויסן קבר. האָט אָבער קיין איין מענטשן און קיין איין שיפל, ווי אַלע אַנדערע וואַלד־סוחרים, ניט געקאָנט געפינען. ניט געגעסן, ניט געטרונקען, מיט פאַרטריקנטע ליפּן, אויסגעלאָשענע אויגן, און אַזש איינגעבויגן פון גרויס אומגליק, האָט ער זיך געוואָרפן, וואו אים האָט זיך געדוכט ס'איז פאַראַן אַ שטראַל האָפענונג. באָכמיטאָג האָט ער געכאַפּט עליען אויפן זווירנהאָלם אין קאַנטאָר. עליע איז נאָר־וואָס געקומען אויף אַ ווײַלע פון טייך אַן אויסגעמאַטערטער, ניט אויסגעשלאָפן פון דער גאַנצער נאַכט זיין אויף. ער האָט געדאַרפט עפּעס איבערגעבן אין שטאָט־קאַנטאָר. ער איז געווען רואיק, אָבער אָנגעשטרענגט אויף אַלע נערוון פון דער גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס איז אויף אים געלעגן.

— עליע, גיב מיר אַ צענדליק שיפלעך מיט מענטשן!... — איז מענדל קאַראַסיק צוגעשטאַנען צו עליען.

— איך קאָן דיר קיין איין מענטשן ניט געבן, — האָט אים עליע געענטפערט. — איבער פופציק טויזנט באַלקנס ליגן אונדזערע אין זאַלאָם.

— דו האָסט מער, וויפל דו דאַרפסט!... — האָט מענדל אויסגעשריען.

— וויפל איך דאַרף, ווייס איך בעסער, — האָט אים עליע איבערגעהאַקט.

— דו האָסט פאַרכאַפּט אַלע מענטשן מיט אַלע שיפלעך!... דו קאָנסט אָפּרייסן!... דו דאַרפסט נאָר וועלן!... דו קאָנסט!... — האָט מענדל קאַראַסיק האַלב־וויינענדיק און האַלב־שרייענדיק מער גע־

פֿאַדערט ווי געבעטן. — דו מחוט מיר געבן!... כאָטש עפּעס ראַ־טעווען!... עפּעס!...

— איך קאָן קיינעם קיין איין מענטשן ניט געבן, ביז מיר וועט ניט קלאָר ווערן וואו עס האַלט מיט אונדזערע געהילצן, — האָט עליע אָנטשיידן געענטפֿערט.

קענענדיק עליען, האָט מענדל קאַראַסיק געוואוסט, אַז עליעס ענטפֿער איז אַן ענדגילטיקער, אַז ביי דעם וועט ער בלייבן. האָט ער מיט אַ צוזאַמענגעבראָכן שרייען גענומען קלאַפּן אין טיש:

— פֿינף־און־צוואַנציק פּליטן מיינע... זעקס טויזנט באַלקנס מיינע ליגן אין דעם קבר!... אַלץ וואָס איך פֿאַרמאָג!... אַלץ וואָס איך האָב פֿאַר מיין לעבן אָנגעהאָרעוועט!... פֿאַרלירן אַרום און אַרום!... גזלן!... קאַלטער גזלן!... מורא שאַמירא איז נאָך ניט רייך גע־נוג?!... — האָט מענדל קאַראַסיק ניט אויפֿגעהערט צו קלאַפּן אין טיש און איבערגעגאַנגען אין אַ היסטערישן וויינענדיק־שרייענדיקן צוזאַמענבראָך. — ניט שאַמירא, נאָר דו דערטרינקסט מיך אין מיין אייגן בלוט!... דו!... דו!...

און רייסנדיק די האָר פֿון קאָפּ האָט ער זיך אַרויסגעטראָגן פֿון קאַנטאָר און ביז צעמישטקייט אַ צעטרייסלטער, זיך געלאָזט לויפֿן...

גאַנצע טעג און נעכט, מיט בייטנדיקע איבעררייסן פֿאַר עסן און עטלעכע שעה שלאָף, האָבן די איבער טויזנט מענטשן גע־אַרבעט אַרום מוראדיקן באַרג געהילצן. אַז די דווינע אַרום בריק האָט זיך אָפּגערייניקט, זיינען אנשטאָט די פֿריערדיקע פּליטן, איצט — הויך איבערן וואַסער — געשטאַנען לאַנגע אָנגעשטאָפּלטקייטן פֿון באַלקנס, שטאַפּלען נאָך שטאַפּלען, אין רייען — פֿון די ברעגן צום ווייטן מיטן טייך — מיטן אויג ניט אַרומצוכאַפּן. דער ים געהילצן האָט אָנגעוואָרפֿן אַן אימה אויף אַלעמען. קיינמאָל האָט נאָך דער זווירנהאָלם ניט געזען אַרום זיך און אַרום די אַנדערע העלעמער אַזוי פֿיל געהילצן.

ערב יום־כּפּור איז ישׂראל יאַקאַרשטשיק געפֿאָרן אויף זיין שיפֿל מיט דער „קליינער דווינע״ און פֿונוויטן דערזען עפּעס שווימען. ער איז צוגעפֿאָרן און דערזען, אַז ס׳איז אַ דערטרונקענער. ס׳האָט

אויסגעזען, ווי ער וואָלט געלעגן אַ היפּשע צייט אויפן גרונט ערגעץ, און איצט האָט עס אים אַרויפגעטראָגן אויפן אויבערפלאַך.

ישראל יאַקאָרשטשיק האָט דעם דערטרונקענעם אַריינגעשלעפּט אין שיפל און אויסגעצויגן אויפן דעק מיטן פּנים אויף אַרויף. ס'איז געווען אַ לאַנגער מאַן מיט אַן אונטערגעשאָרן בערדל און אין שטיבליעטן. דאָס פּנים איז געווען טיף בלוי, כמעט אָפּגעשלאָגן אין שוואַרץ און איז געווען צעגריזשעט פון אונטערוואַסערדיקע שרצים. ס'איז אוממעגלעך צו דערקענען ווער דאָס קאָן זיין.

ישראל יאַקאָרשטשיק האָט דעם דערטרונקענעם געבראַכט צום ברעג. עס איז זיך צונויפגעלאָפן דער גאַנצער זווירנהאָלם. נאָכן פּאַס און אַנדערע פּאַפּירלעך אין בוזעם־קעשענע פון פאַרבלאָטיקטן רעקל, כאָטש זיי זיינען געווען פאַרקלעקט פונעם צעפלאָסענעם טינט, האָט מען פונדעסטוועגן דערקענט, אַז דאָס איז מענדל קאַראַסיק.

וואו צו לאָזן דעם מת איז ניט געווען, האָט מען אים געבראַכט אין פּאָרהויז פון שול, אַוועקגעלייגט אין אַ ווינקל אויף דער פּאָדלאָגע און איבערגעדעקט אים מיט אַ שטיק אַלטע לייוונט. אַלע זיינען געווען אַנגעלאָדן מיט ביטערקייט און שווערקייט אויף די הערצער.

איבערגעבן דעם מת אין מאָרג פון רעטונגס־אַנשטאַלט, ווי מען דאַרף טאָן אין אַזאַ פאַל, האָבן זיך ביי קיינעם די הענט ניט געהויבן: מ'וועט אים צעפּאַלמעסן און מ'וועט אַפילו ניט וויסן וואו מ'וועט זיינע ביינער אַהינטאָן. מ'זאָל אים איבערגעבן צום קברות־שטיבל אויפן בית־עלמין, איז שוין געווען צו־שפּעט — ס'איז דאָך ערב יום־כפור. מ'האָט געפילט, אַז יעדער איינער — און אַלע האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט אַרום זאַלאָם — איז עפּעס שולדיק דעם מת: לכל הפחות — בעטן מחילה. איז שוין דער מת געבליבן וואו מ'האָט אים אַוועקגעלייגט.

פאַרן פאַרפאַסטן זיך, איז ישראל יאַקאָרשטשיק מיט אברהם לאָפּאַטען געקומען אין פּאָרהויז פון שול, איבערגעלייגט דעם מת מיטן קאָפּ צום וואַנט און די פיס צום טיר און אָנגעצונדן צוויי גרויסע וואַקסענע ליכט צוקאָפּנס, זיי זאָלן ברענען דעם גאַנצן מעת־לעת.

נאָכן פאַרפאַסטן, האָט מען זיך גענומען קלייבן אין שול. יעדערער, דורכגייענדיק דאָס פּאָרהויז, האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן מת, געבעטן מחילה, אָפּגעזיפצט און מיט אַ שווערן געמיט אַריין אין שול.

דער לעצטער איז געקומען עליע. אין זומערמאַנטל און טלית איבער די אַקסלען, האָט ער זיך אין פּאָרהויז אָפּגעשטעלט לעבן מת. אים איז זייער שווער געווען. מענדל קאַראַסיק... זיין קלאַפּן אין טיש,

זיין ווייַנענדיק שרייַען, האָט אים ניט אויפגעהערט צו קלינגען אין די אויערן און שטאַרק געדריקט אויפן האַרצן.

עליע האָט אָפּגעדעקט דאָס פּנים פון מת, געקוקט אַ ווייַלע אויף אים, נאָכדעם צוריק צוגעדעקט; אַרייַן אין שול, אויפגעהאַנגען דעם מאַנטל אויפן הענגער ביים טיר און אין טלית זיך דורכגעשטופּט צו זיין „שטאָט” אין מזרח — לעבן אָרון-קודש.

די שול איז געווען פול מיט פּריקאַזטשיקעס, שומרים און אומ־געמעלדעטע יידן, וואָס האָבן אַ גאַנצן זומער געאַרבעט ביי עליען אויף די געהילץ־פּלעצער. די לאָמפּן מיט די אַרויפגעדרייטע קנויטן האָבן, פון די דראָטן אונטערן באַלקן, געגאָסן אַן אומעטיק ליכט, און די וואַקסענע יום־כּיפּור ליכט אויפן עמוד און אין די קעסטלעך זאַמד פון אַלע זייטן האָבן געמאַכט נאָך שווערער אויף די האַרצער. פון דער ווייבערשער שול, הינטער דער מיטלסטער וואַנט, מיט אַ ווייסן פּאַר־האַנג פון אויבן, האָט זיך געטראָגן אַ זאָגן פון תּחינות און אַ שטיל וויינען. אייניקע, מיט די אויגן איינגעגראָבן אין די מחזורים, האָבן געקלאַפּט „אָשמנו”, אַנדערע האָבן געזאָגט תּהילים. ס'האָט געהערשט אַ שווערע אָנגעשטרענגקייט און אַ פאַרהאַמעוועטע אָנגעלאָדנקייט אויף די הערצער.

ווי נאָר עליע האָט זיך געשטעלט אויף זיין אָרט, האָט איינער, מיטן טלית איבערגעוואָרפן איבערן קאָפּ, מיט אַ מוראדיקן אימפּעט זיך דורכגעריסן צווישן דער ענגקייט צום שולחן אין מיטן שול, און מיט אַן אויפגערייסלענדיקן אויסברוך, קלאַפּנדיק אין טיש און ווערגנדיק זיך מיט טרערן, גענומען שרייַען:

— אַרויס פון אָרון קודש, מערדער!... אָנגעטרונקען זיך מיט אונדזער בלוט און איצט געקומען צום אָרון קודש?!... ביזט אים מטמא! מערדער!... אַרויס פון אים!...

דאָס האָט געשריִען און זיך פאַרגאַנגען אין ספּאַזמעס שואל ראַפּאָפּאָרט, אַ ייד אין די פופציקער, אַ טשאַרעיער, מיט אַ געל און שפּיציק בערדל, וואָס איז שוין איבערגעגאַנגען אין ווייס, מיט איינ־געזונקענע און אויסגעלאָשענע אויגן פול מיט טרערן.

אַלע האָבן שואלן געקענט אויפן זווירנהאָלם. ער איז געווען איינער פון די ערשטע אומגעמעלדעטע יידן אויפן האָלעם, וואָס זייַנען געקומען אַרבעטן ביי עליען אויפן געהילץ־פּלאַץ. ער האָט פון ניט־דערעסן אָפּגעשפּאָרט גראָשן צו גראָשן און זיך אַרויפגעאַרבעט. די לעצטע יאָרן פלעגט ער אַלע זומער קומען קיין ריגע מיט עטלעכע אייגענע

פּליטן. האַיאָר איז ער געקומען מיט גאַנצע זעקס פּליטן און ביזן לעצטן באַלקן פֿאַרלאָרן אין זאַלאָם.

אַ סקרוך איז דורך די לײַבער. אַ מינוט האָט געהערשט אַ פֿאַרוואָרגענע שטילקייט. נאָכדעם האָט זיך עס אויסגעלאָדן אין אַ שטורעם:

— אַרויסוואַרפֿן אים!...

— אַרויסשליידערן אים!...

— ווי פּאַסמייעט עס אַ ייִד אין שול צו כל נדרי?!!

— קיינער ניט שולדיק אין זאַלאָם!...

— ווי וואַגט דאָס אַ ייִד אַנטקעגן אָרון־קודש?!...

— צום רבונו של עולם האָב טענות!...

דער אויפשטורעם האָט זיך געטראָגן פֿון אַלע זייטן פֿון די פּריקאַזטשיקעס, יאַקאָרשטשיקעס און שומרים בײַ שאַמיראָן, ווי שואל וואָלט עס געשריען ניט צו עליען, נאָר צו זיי, ווי זיי וואָלטן זיך געפֿילט פּונקט אַזוי שולדיק, ווי עליע.

עליע האָט זיך אומגעקערט פֿון אָרון קודש און מיט אַ פֿאַרדעמפּטן קול געזאָגט:

— ס׳ווערן אונטערגעפֿירט זייער שווערע חשבונות און יעדערער דאַרף זײַן דערבײַ. מ׳וועט קיינעם יום־כּיפּור פֿון שול ניט אַרויס־וואַרפֿן!

דער עולם האָט זיך ביסלעכווײַז אײַנגעשטילט. עליע האָט ווײַטער געזאָגט:

— ס׳איז אַלעמען שווער אויף די הערצער, שואלן איז אָבער טויזנט מאָל שווערער.

ס׳איז געוואָרן אינגאַנצן שטיל. עליע האָט געטראַכט אַ ווײַלע, נאָכדעם ווײַטער אָנגעהויבן:

— צו אַ מת איז זייער שווער צו רעדן, דערקלערן אים. איך בין געשטאַנען לעבן מענדלען, געקוקט אויף אים... מיט קיין זאַך קאָן מען זיך פֿאַר אים ניט פֿאַרענטפֿערן... ער באַשולדיקט — אין דער באַשולדיקונג אויף אַלעמאָל פֿאַרגליווערט... מער ווי בעטן מחילה פֿאַר־בלײַבט ניט. מחילה ענדערט אָבער קיין זאַך ניט. נאָך אַזאַ באַשול־דיקונג און — אַנטקעגן אָרון־קודש, און פֿאַר כּל נדרי — וואָלט געווען זייער שווער צו נעמען אַפֿילו פֿאַר דעם שטאַרקסטן... איז גוט, שואל, וואָס דו האָסט געבראַכט אַלייך די טענות און ניט אונטער אַן אַלטן פּאַרוס מיט ליכט. לאָמיר זען וואָס מ׳קאָן טאָן...

עליע האָט געקלערט אַ ווײַלע און נאָכדעם פאָרגעזעצט:

— שואל, איך ווייס ניט צי דיינע באַלקנס זיינען אין די שטאָפּלען, צי ס'האָט זיי פאַרטראָגן ערגעץ אויף די ברעגן, איידער זיי זיינען געקומען צום בריק. אויף דיינע באַלקנס זיינען געווים דאָ דיינע נאָבאָיעס. אויב דו וועסט געפינען כאָטש איין באַלקן דיינעם אין די אויבערשטע רייען פון די שטאָפּלען — וואָס פון זיי איז אונטערן וואַסער, ווייס מען ניט — וועל איך דיר אַרויסגעבן די גאַנצע צאָל באַלקנס, וואָס דו האָסט געהאַט. וועסט אויסצאָלן ביסלעכווייז, וואָס ס'האָט געקאָסט דאָס אַרויסנעמען זיי פון זאַלאָם־באַרג; וועסטו קיין איינעם ניט געפינען, וועל איך דיר פונדעסטוועגן אַרויסגעבן אַ העלפט. אויב ס'איז דאָ נאָך עמעצער פון די נשרפים, וועל איך אויך זען וואָס מ'קען טאָן. מ'דאַרף אָבער געדענקען, אַז די געהילצן זיינען ניט מיינע...

עליע איז אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, נאָכדעם זיך געווענדט צו אַלעמען, ווי ער וואָלט געפילט, אַז ער איז אַלעמען פאַר כל נדרי שולדיק עפּעס:

— איבער פופציק טויזנט באַלקנס זיינען אונדזערע געווען אין זאַלאָם. ווען אַלץ וואָלט אָוועקגעטראָגן אין ים, אָדער איך וואָלט דערלאָזן, מ'זאָל עס צעשלעפּן, וואָלט דער גרעסטער טייל פון זווירנהאָלם און פון אַנדערע העלעמער און נאָך הונדערטער און הונדערטער פאַמיליעס — יידן און ניט יידן — געבליבן אָן ברויט, און אַ סך יידן פון זווירנהאָלם אָן וואוינערעכט אין ריגע. דער האָלעם איז מער, ווי אַן אינדזל צווישן די דווינעס. ס'איז דאָס שטיקל ערד אונטער אונדזערע פיס! פאַר מיר איז דאָס נאָך מער: איך האָב אַריינגעשלאָגן די ערשטע צייכנס פון יידיש לעבן און געבראַכט אים ביז צו איצט. אַזעלכע זאַכן ליגן טיף אין האַרצן און לאָזן זיך ניט אַרויסרייסן. אויף מיר איז געלעגן אַ שווערע משא: ניט נאָר צוליב שאַמיראָן, נאָר צוליב חיונה פאַר אַלעמען, צוליב ניט דערלאָזן צעברעכן איינגעשטעלטע לעבנס. איך האָב געטאָן, ווי איך האָב פאַרשטאַנען. אויב איך האָט געטאָן ניט ווי באַדאַרפט, וועט צו נעילה פאַרחתמעט ווערן אויף מיין חשבון, און איך בין גרייט דעם חשבון צו צאָלן. כ'קלייב זיך קיין זאַך ניט אַראָפּצודינגען... און צי קאָן מען אַראָפּדינגען פון אַ חשבון מיט מתים און ליכט?...

ער האָט אָנגעקוקט אַלעמען אַ ווײַלע, נאָכדעם זיך אומגעקערט צוריק מיטן פנים צום אָרון קודש.

אין שול איז געווען שטיל, ווי אַלע וואָלטן פאַרהאַלטן דעם אָטעם. אין דער לופט זיינען געבליבן הענגען עליעס ווערטער: „צי קאָן מען אַראָפּדינגען פון אַ חשבון מיט מתים און ליכט?"

ירוחם־בער, דער רבי פון זווירנהאָלם, האָט אין קיטל און טלית, אונטערהינקענדיק, זיך דורכגעשטופּט פון זיין אָרט אין מזרח צום עמוד, עטלעכע מאָל אַ פּאַטש געטאָן אין עמוד־סטענדער, ווי אויפצו־וועקן אַלעמען פון דער פאַרגליווערטקייט, און אַ זאָג געטאָן:

— זמן כל נדרי!...

און אונטערהינקענדיק אויפן וועג צוריק אויף זיין אָרט, אָפּ־געעפנט דעם אָרון־קודש. חיים־לייב, זיין פּלימעניק, איז אין טלית און קיטל צוגעגאַנגען צום עמוד און טיף־רירנדיק אָנגעהויבן כל נדרי. די שווערע הערצער האָבן זיך געעפנט פאַר תפילה...

נאָך יום־כפור איז עליען אויפן האַרצן גרינגער ניט גע־וואָרן. נאָך דער קבורה פון מענדל קאַראַסיק האָט זיין וויינען און שרייען נאָך אַלץ אים געקלונגען אין די אויערן און זיין שוואַרץ צע־גריזשעט פּנים צווישן די ברענענדיקע וואַקסענע ליכט איז שאַרף געשטאַנען פאַר די אויגן. נאָך מער: עליען האָט זיך געדוכט, אַז פון הינטער דעם שיין פון די ליכט הערט זיך אַ וויינען און שרייען פון אַלע אַנדערע מתים, וואָס דער זאַלאַם האָט מיט זיך געבראַכט.

אָנשטאָט איבער פופציק טויזנט, זיינען איצט אין שאַמיראָס שטאַפּ־לען, נאָך עליעס קאַרגסטן חשבון, געווען נאָענט צו אַכט הונדערט טויזנט באַלקנס. כמעט אַלץ, וואָס ס'האָט זיך געפונען אויף די דווינעס, פון די פּאַראָהעס ביזן אייזערנעם בריק, האָט זיך איצט געפונען אין די שטאַפּלען. ס'האָט געפעלט בלויז דאָס, וואָס מ'האָט אין צייט פון זאַלאַם אַרויסגעוואָרפן אויף די ברעגן און מ'האָט עס צעשלעפּט, און דאָס, וואָס ס'האָט אָוועקגעטראָגן אין ים און ס'איז ניט געלונגען צו דעריאָגן מיט די דאַמפערן, וואָס עליע האָט אַרויסגעשיקט אינעם פרי־מאָרגן פון זאַלאַם.

וועגן דעם, אַז עמעצער זאָל קאָנען געפינען זיינע באַלקנס אין דעם גרויסן ים געהילצן, מיט פינף־זעקסטל פון יעדן שטאַפּל טיף אין וואַסער, האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין. און אַפילו, אַז עמעצער זאָל שוין יאָ, על פּי נס, עפּעס פון זיינס געפינען, וועט ער דאַרפן באַצאָלן פאַרן אַרויסנעמען עס פון זאַלאַם־באַרג און פון די שטאַפּלען

אַזוי פיל, אַז ס׳וועט אָנטרעפן אַ סך מער, וויפל די באַלקנס זיינען ווערט. ווייל קיין איין וואַלד־סוחר, אָדער געהילץ־קאָנטאָר, וועט ניט אַרויסלאָזן פון די הענט אַזאַ פאַרמעגן; און זיין פעטער, משה שאַמיראַ, אוודאי און אוודאי ניט. אַרויפגעשרויפטע הוצאות וועלן שטיין, ווי אַן אייזערנע וואַנט אַרום דעם פרעמדן פאַרמעגן און קיינער וועט זיך צו אים ניט קאָנען צורירן.

ס׳איז געווען גזילה אינמיטן העלן טאָג, וואָס קיינער קאָן ניט קומען מאָנען און פאַר וועלכער קיינער קאָן ניט משפטן. עליע האָט דאָס באַלד געזען, אָבער ערשט שפעטער באַנומען אין דער גאַנצער טיף, וויפל חורבן די דאָזיקע שטאָפלען האָבן געלאָזן נאָך זיך.

ס׳איז אָבער פאַר אים קיין אַנדער אויסוועג ניט געווען: וואָלט ער ניט אָפגעצוימט דעם זאַלאָם־באַרג, וואָלטן עס אַנדערע געטאָן, אָדער מ׳וואָלט עס צעשלעפט. קיינער וואָלט ניט געזוכט — און ניט געקאָנט זוכן — זייניקס. מ׳וואָלט גענומען, ווי ס׳גייט און אַלע חשבונות געלאָזט אויף שפעטער. נאָך מער: יעדערער וואָלט געזוכט צו פאַרכאַפן וואָס מער און ניט געקלערט וויפל מענטשן ער דערטרינקט דערמיט.

דאָס האָט אָבער ניט געענדערט, אַז גראַד דורך זיינע הענט איז געבראַכט געוואָרן אומגליק אין זייער אַ סך יידישע היימען — נאָך מיט אַלמנות און יתומים.

און ווי אַ צוגאָב צו דעם, איז איבער אַלץ געהאַנגען אַ ביטערער חוזק: די דאָזיקע מוראדיקע גזילה איז ער באַגאַנגען — אַפילו ניט פאַר זיך... און נאָך חוזקדיקער: דורך דעם רויב האָט ער דעם פעטער אַרויפגעשטופט אַזוי הויך, אַז ער, עליע, וועט מער ניט קאָנען אָנפירן מיט זיינע געהילץ־געשעפטן. ס׳וועט נויטיק זיין אַ מענטש מיט אַ סך אַ ברייטערן פאַרנעם און מער וויסן, ווי ער האָט! ער האָט אונטערגעהאַקט די צוויַיג, אויף וועלכער ער אַליין זיצט... אים האָט זיך געדוכט, אַז איבער די שטאָפלען כּיכיקעט אַ שד׳יש געלעכטערל, וואָס צעשיט זיך ברייט און ווייט איבערן טייך.

עליע האָט געפילט, אַז ער מוז זיך נעמען אין די הענט. אַז מ׳מוז אָנגיין, ווי שווער ס׳זאָל ניט זיין. אָבער מענדל קאַראַסיקס צעגריזשעטע פנים צווישן די ליכט פאַר די אויגן, זיין שרייען אין די אויערן, דאָס יאָמערן הינטערן שיין פון די ליכט און דאָס שד׳יש געלעכטערל איבערן טייך, האָבן ניט געלאָזט זיך צונויפנעמען.

און אַרבעט איז געווען זייער אַ סך. ביז די ערשטע פרעסט איז געבליבן ניט קיין סך צייט. אין די פינף־זעקס וואָכן, ביז טיוגע אויף די

דווינעס, וועט מען די שטאַפּלען ניט קאָנען איבעראַרבעטן. וויפל טיאָס־טשיקעס מ׳זאָל ניט אָנשטעלן, וועלן זיי דאָס ניט באַוויזן. מער ווי ניין־צענטל פון די שטאַפּלען וועלן מוזן בלייבן ווינטערן אין אייז, און מיטן אייזגאַנג וועט עס זיי אַוועקטראָגן אין ים. אַפילו מ׳זאָל דעם גאַנצן ווינטער אַרבעטן אויפן אייז און אָפּפירן צו די שיפן אויף שליטנס, וועט מען אויך ניט באַוויזן אַלץ איבערצואַרבעטן, אויסער וואָס דאָס וועט אַריינטרייבן אין אַזעלכע הוצאות, אַז ס׳וועט ניט איבעריקס לוינען די גאַנצע אַרבעט.

ס׳איז געווען איין אויסוועג: אין די פאַרבליבענע וואָכן פאַנאַנדער־וואַרפן די שטאַפּלען און זיי פאַנאַנדערפירן איבער אַלע זעג־מילן און צעשניידן זיי. אויף די געהילץ־פלעצער לאָזן בלויז אַזוי פיל, וויפל מ׳קאָן איבעראַרבעטן מיטן טיאָס־האַק. אָבער עליען האָבן זיך פאַר דעם די הענט ניט געהויבן. ער האָט געוואוסט, אַז מיטן אַוועקלאָזן די באַלקנס אונטער די זעגן, וועלן פון זיי אַראָפּגענומען ווערן די לעצטע סימנים פון פרעמד פאַרמעגן — דער לעצטער טראָט אין דער גזילה. זיינע הענט האָבן זיך ניט געהויבן אַוועקצושטעלן זיין חתימה אויפן לעצטן טראָט אינעם רויב.

ניט ווייסנדיק אַז עליעס אָנווייזונגען וואָס צו טאָן מיט די שטאַפּלען פרעמדע באַלקנס אין וואַסער, האָבן זיך די אַרבעטן אויף די העלעמער אָפּגעשטעלט. די שטאַפּלען זיינען געשטאַנען אין וואַסער און קיינער האָט זיך צו זיי ניט צוגערירט.

נשרפים זיינען געקומען אויף שיפלעך און געזוכט און געניש׳טערט אין די שטאַפּלען. דער און יענער האָט דאָ און דאָרט געפונען זיינעם אַ באַלקן, אָדער עטלעכע, אָבער צורירן זיך צו זיי האָט מען ניט געקאָנט. זיי זיינען געלעגן טיף אין די שטאַפּלען, און דאָס אַרויסקריגן זיי פון דאָרטן וואָלט געקאָסט צען מאָל מער, וויפל זיי זיינען ווערט. און וואו זיינען די הוצאות פאַר אַרויסנעמען זיי פון זאַלאָם־באַרג? זיי זיינען געפאָרן דערשלאָגענע אַרום די שטאַפּלען און צעבראָכענע אַוועק מיט גאָרנישט.

ס׳איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס עליע האָט אין אַ שווערן מאָמענט אַרויסגעלאָזן די לייצעס פון די הענט. יעדערער פון די פריי־קאָזטשיקעס האָט געפילט, אַז מ׳גייט צו אַן אומגליק. קאָפּל־מאיר האָט דער ערשטער אָנגעהויבן צו דערמאָנען עליען, אַז מ׳קאָן אַזוי ניט

לאָזן, אַז מ׳מוז עפּעס טאָן. עס האָבן וועגן דעם אויך גענומען דער־מאָנען פּיניע מאָהילניק, חיים־זלמן און נחמן טשופּריגע. עס זיינען אויך געוואָרן אומרואיק די אַנדערע פּריקאָזטשיקעס. יעדערער האָט געהאַט זיין מיינונג — וואָס מ׳וואָלט געדאַרפט טאָן, אי ניט אינגאַנצן צו באַגראָבן די נשרפים, אי שאַמירא זאָל ניט ליידן, אָבער אַן עליען און איבער עליען — מיט משה שאַמיראָן גראָד איצט אין ענגלאַנד וועגן נייע געהילץ־קאָנטראַקטן — האָט קיינער גאָר ניט געקאָנט טאָן.

עליען איז געווען זייער שווער. ער האָט געוואוסט, אַז קיינער קאָן פון אים ניט אַראָפּנעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן לעצטן און שווערסטן טראָט. ער האָט געפילט, אַז ווי שווער אים זאָל ניט זיין, מוז ער אין זיך געפינען די כחות אַרויפצונעמען די שווערע משא אויף זיך. ער האָט אָבער ניט געקאָנט זיך בייקומען.

ביילקע האָט געזען, אַז עליע עסט ניט, טרינקט ניט, שלאָפט ניט און גייט אַרום שוואַרץ, ווי די ערד. זי האָט געוואוסט וואָס ער גייט דורך. זי האָט געטאָן אַלץ אין אירע כחות פאַנאַנדערצושלאָגן אין אים די געדאַנקען, אָבער אַ פאַרקלעמטע עס געמוזט אויפגעבן. צו אהרנען — אײַן גאָט ווייסט וואו — איז דאָס געווען אַ צוגאָב, וואָס איז געווען איבער די כחות...

זי איז עטלעכע מאָל געגאַנגען צום רבין ירוחם־בערן נאָך אַן עצה, אים אָבער אין זיין מייקע ניט געפונען. פון לאהן, זיין ווייב, האָט זי זיך דערוואוסט, אַז אויך ירוחם־בער עסט ניט, שלאָפט ניט, און איז כמעט די גאַנצע צייט אַרום די שטאָפּלען. און זי גייט אויך אַרום אָן אַ קאָפּ...

עליע האָט זיך אינגאַנצן אַראָפּגעזעצט פון די כחות. ער האָט גאַנצע נעכט מיט אַן אויג ניט צוגעמאַכט. ער האָט קיינעם ניט דערציילט וואָס ער לעבט דורך און ווי שווער אים איז. אַז ביילקע פלעגט צו אים צושטיין ער זאָל עפּעס עסן, פלעגט ער זי אָנקושן און באַרואיקן. ניט געוואָלט איר שווערער מאַכן האַרצן. ער האָט געוואוסט וואָס זי גייט דורך צוליב אהרנען. אַז זי פלעגט זיך אויף אים אָנזעצן ער זאָל עפּעס נעמען אין מויל, פלעגט ער עפּעס נעמען, אָבער געקראָכן אין האַלדז איז אים עס ניט. זיך געהאַלטן מער אויפן רוּיכערן.

דעם ערשטן זונטיק נאָך סוכות האָט זיך עליע פלוצלינג צונויפ־

גענומען און געהייסן קאָפּל־מאירן צונױפֿרופֿן אין אָוונט אַלע פּריקאַז־טשיקעס אין קאַנטאָר. אַז אַלע האָבן זיך צונױפֿגעקליבן, איז עליע געזעסן בײַ זײַן טיש אָנטקעגן זיי און רויִק און זאַכלעך קלאָר געמאַכט זײַן פּלאַן פֿון ווײַטערדיקע אַרבעטן. ס'איז געווען דער אַלטער עליע, ווי די פּריקאַזטשיקעס האָבן אים געקענט, מיט דער גאַנצער רויִקייט און דורכגעטראַכטקייט פֿון דעם וואָס מ'דאַרף טאָן, פֿון דער ערשטער ביז דער לעצטער זאַך.

ער האָט געהייסן נחמן טשופּרינען מאָרגן גאַנץ פֿרי אָנדינגען יאַקאָרשטשיקעס און דאַמפֿערן, פֿאַנאַנדערוואַרפֿן די שטאַפּלען און גרייטן פּאַרטיעס געהילצן פֿאַר די זעג־מילן. קאָפּל־מאירן האָט ער געהייסן זיך שטעלן אין פֿאַרבינדונג מיט אַלע זעג־מילן און זען, אַז זיי זאָלן זיך גלײַך שטעלן זעגן די באַלקנס. פּיניע מאַהילניקן האָט ער געהייסן זיך נעמען צו די באַלקנס פֿאַר טעלעגראַפֿנע סלופּעס, שיף־מאַסטן, שפּאַלן און ספּליטהאָלץ, און אַוועקשטעלן טיאָסטשיקעס וויפֿל ער קאָן נאָר קריגן. חיים־זלמנען האָט ער אַוועקגעשטעלט איבער די אַנדערע פּריקאַזטשיקעס אויף די זעג־מילן. דערבײַ האָט ער אים איבערגעגעבן אַ צעטל מיט מינים געהילצן פֿאַר אויסלענדישע קאָנטאָרן, וואָס מען וועט קאָנען באַלד פֿאַרקויפֿן, און מינים בוי־געהילץ, וואָס וועלן מוזן בלײַבן אַרום די זעג־מילן, ביז מ'וועט געפֿינען וועמען צו פֿאַרקויפֿן.

די פּריקאַזטשיקעס זײַנען געווען געפּלעפֿט. זיי האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז די לעצטע לאָפּעטע ערד אויף אַלץ, וואָס איז געווען עמעצנס אויף די דווינעס. קיינער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט.

ניט געקוקט אויף עליעס רויִקייט, האָבן די פּריקאַזטשיקעס אינעם קרענקלעכן בלישטש פֿון זײַנע אויגן געזען, אַז ער קוקט־אויס, ווי אויפֿגעהויבן זיך פֿון קראַנקן־בעט אָפּצוטאָן זאַכן, וואָס לאָזן זיך מער ניט אָפּלייגן. קיינער האָט ניט געוואָלט זײַן אין זײַן פֿעל. מ'איז אַ ווײַלע געזעסן שווײַגנדיק, נאָכדעם געזאָגט „אַ גוטע נאַכט" און זיך שטיל פֿאַנאַנדערגעגאַנגען.

עליע איז געבליבן זיצן פֿאַרטראַכט, נאָכדעם זיך אויפֿגעכאַפּט, אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ און אַרויס אין דרויסן.

אויפֿן האָלעם איז איצט געווען שטיל. ס'איז געווען אַרום צוועלף. די נאַכט איז געווען אַ פֿריהאַרבסטיקע, אַ קילע, אַ ליכטיקע. דער הימל — טיף־בלוי. וואו־ניט־וואו האָבן זיך דורכלויכטענדיקע וואָלקנד־לעך געצויגן אַרום דער לבֿנה, וואָס האָט מיט זילבער־שטויב געשאָטן איבער די ווײַסע פּאָסן טײַך, איבער די שטאַפּלען באַלקנס אָנגעשטעלטע

אַרום און אַרום אין וואַסער און איבער די דעכער פון די מייקעס. די בוימער אין זייער אָסיענדיקן גאָלד האָבן דערחלומט זייערע לעצטע זומער־חלומות און אַ ווינטעלע האָט געשושקעט אינעם אויסגאָלד פון די בלעטער.

דער געהילץ־פּלאַץ איז געווען אָפּגעליידיקט פון געהילצן און זיך געזען פון עק צו עק. בלויז די מייקעס זיינען געשטאַנען פּאַרגליווערט אין זייערע שאָטנס און אַרויפגעקוקט צו די אויסגעזילבערטע וואָלקנדלעך אינדערהויך.

עליע איז געשטאַנען אַ ווײַלע אין דרויסן, נאָכדעם פּאַמעלעך אַוועק צום ברעג פון דער „גרויסער דווינע", וואו די גרעסטע צאָל שטאַפּלען זיינען געשטאַנען אין וואַסער. פון ווייט האָט ער דערזען עמעצן צווישן די שטאַפּלען אויף אַ שיפל. ס'האָט ניט אויסגעזען, אַז דאָס זאָס זיין איינער פון די שומרים. דאָס שיפל האָט זיך פּאַמעלעך, ווי פאַרטראַכט, דערנעענטערט צום ברעג. אַז ס'איז צוגעפאָרן נעענטער, האָט עליע דערזען, אַז אין די רודערס זיצט דער רבי ירוחם־בער.

— וואָס! דאָ, און אַזוי שפּעט? — האָט עליע פאַרוואונדערט אַ פרעג געטאָן, איבערראַשט צו געפינען ירוחם־בערן אַזוי שפּעט אויף אַ שיפל צווישן די שטאַפּלען.

— אַז ס'ליגן שטיינער אויפן האַרץ, זיינען די חושים וואַך און ס'שלאָפט זיך ניט. און אַז מ'הינקט אונטער, איז אויפן שיפל ס'גלייכסטע אָרט...

— שטיינער... אַ היבש ביסל שטיינער... — האָט עליע צוגעשטימט.

— קומט אַריין אין שיפל, וועט זיין פריילעכער. אַז ס'איז שווער אויפן האַרצן, איז גוט זיך דורכצובאָלאַקען... — האָט ירוחם־בער פאַרבעטן עליען און דערלאַנגט דאָס שיפל מיטן הינטערשטן עק צום ברעג.

עליע איז אַריין אין שיפל און זיך געזעצט אין עק. ער האָט אַליין אויך געפילט צו רעדן צו עמעצן. און מיט ירוחם־בערן שוין לאַנג געוואָלט זיך דורכריידן. פון דעם ערשטן טאָג, וואָס ער האָט אים מיט גוואַלד אַוועקגעזעצט לערנען מיט די קינדער, האָט ער געפילט, אַז אין אים האָט ער געפונען דעם נויטיקן מענטשן פאַרן האַלעם. ער איז געווען דער איינציקער מענטש, וועמען ער האָט געאירצט אויפן זווירנהאָלם. ער פלעגט זיך אַמאָל צוהערן פונדערווייטנס צו זיינע מעשהלעך פון „יצירה" און „גן־עדן התחתון". זיינע געדאַנקען אין די

מעשהלעך האָבן אים גאַנץ אָפּט אַריינגעוואָרפן אין פאַרטראַכטונג וועגן דעם. ער האָט אָבער ניט געזען ווי אַזוי עס קאָן ווען עס איז מקוים ווערן. ער האָט געוואוסט, אַז ירוחם־בער האָט אַ גרויסן חלק אין אהרנס זיין וואו ער איז איצט, — אויב ער לעבט נאָך ערגעץ. ווי שווער אהרנס פאַרשיקונג איז עליען ניט געווען, האָט ער צו ירוחם־בערן קיין טענות ניט געהאַט. אַ קינד דאַרף מען לערנען זיך פאַרנעמען צו די העכסטע הויכן, וויפל געפאַרן ס'זאָלן ניט זיין אין אַן אַראָפּפאַל.

— איז וואָס־זשע טוט איר דאָ אַזוי שפּעט? — האָט עליע ווידער געפרעגט.

— אָט, איך זוך צו פאַרשטיין די שטאָפּלען... — האָט ירוחם־בער זייער ערנסט געענטפערט.

— מ'קאָן ניט זען פון אויסן ווי טיף זיי זיצן... — האָט עליע באַדייטנונגספול געזאָגט. — מ'מוז אַריינקוקן אַ סך טיפער...

— אַ סך, אַ סך טיפער, — האָט ירוחם־בער פאַרטראַכט צוגעשטימט.

— מאָרגן הויבט מען זיי אָן פאַנאַנדערוואָרפן און ס'וועט אפילו נאָך זיי קיין מצבה ניט בלייבן. שווער געווען אויף זיי צו הויבן אַ האַנט, אָבער קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ, — האָט עליע פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און דאָס שוועבעלע אַריינגעוואָרפן אין וואַסער.

ירוחם־בער האָט געשוויגן. ער האָט פּאַמעלעך אַריבערגעלייגט די רודערס אין וואַסער. די לאַנגע לאָפּעטע־עקן פון די רודערס האָבן זיך ריטמיש אַרויסגעהויבן און צוריק אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער מיט אַ זילבערנעם צעשפּריץ. דאָס שיפל האָט זיך לאַנגזאַם געצויגן פון צווישן די שטאָפּלען צום מיטן טייך.

נאָך אַ שטילער פאַרטראַכטקייט, האָט עליע ווידער פאַרצויגן דעם פּאַפּיראָס און זיך געווענדט צו ירוחם־בערן:

— איך קלער וועגן עטלעכע ווערטער, וואָס איך האָב אַמאָל פון אייך געהערט, אַז „אַלץ וועט זיך אויסגלייכן בין אדם לחברו, וועט זיך אויך אַלץ אויסגלייכן בין אדם למקום". ווי אַזוי קאָן קומען די קאַץ איבערן וואַסער, אַז בין אדם לחברו ליגן אַזעלכע מוראדיקע תהומען? ווי בינדט זיך יצירה מיט גזלה? ווי קאָן מען דאָ איבערוואַרפן אַ בריק? אָדער ליגט אפשר גאָר אמתע יצירה אין גזלה? דער שכר איז דאָך, ווי פאַר דער גרעסטער יצירה...

ירוחם־בער האָט פאַרשטאַנען עליען. ער האָט אויך אויפגעכאַפּט

די באַהאַלטענע גאָליקע ביטערקייט אין זיינע לעצטע ווערטער. ער האָט געקלערט אַ ווײַלע, נאָכדעם געענטפערט:

— אַרבעט, גרויס צי קליין, איז ניט געוויינטלעכע מלאכה, נאָר יצירה — אַ פּונק פון צלם אלוקים באדם, אַ פּונק פון יצירת העולם. גנבה און גזלה הויבט זיך אָן דאָרטן, וואו ס'איז ניטאָ קיין יצירה!... יצירה ווייסט פון דעם ניט...

— זייער שאַרף, — האָט עליע יאושדיק דערווידערט, — אָבער פאַרענטפערט קיין זאַך ניט און היילט קיין זאַך ניט!...

ירוחם־בער האָט ניט געענטפערט אויף דעם, און נאָכדעם אָנגעהויבן פון עפּעס אַנדערש:

— איך פאָר די גאַנצע צייט אַרום די שטאָפּלען און זוך צו פאַרשטיין וואָס ס'איז אין זיי פאַרבאָרגן. ווי לאַנג צוריק — געווען אויסגעשטעלט אין פליטן, כמעט ביז אַרויף צו די פאַראָהעס. דעמס, און יענעמס, און אַ דריטנס, און פון הונדערטער אַנדערע. איז געקומען דער שטורעם און אומברחמנותדיק צונויפגעשליידערט אַלץ אין איין קופּע. און ס'איז געוואָרן אַלעמענס, און קיינעמס ניט... און אָט שטייען זיי אין אַ ים פון חורבן אַרום... שווער צו באַנעמען און ניט אויפצוטערן... אין גרונט אָבער וואָלט דאָך געדאַרפט זיין אַ זייער גרויסער יום־טוב...

— אַ יום־טוב גאָר? — האָט אים עליע מאָדנע אָנגעקוקט.

— ניט אַ יום־טוב, נאָר אַ זייער גרויסער יום־טוב!... בלויז דורך מענטשלעכער יצירה קאָן אויפגעבויט ווערן דער גן־עדן התחתון. ווי איצט אַרום די שטאָפּלען, פלעג איך אַמאָל אַרומגיין איבערן געהילץ־פּלאַץ אין די אָוונטן נאָכן אָפּלערנען מיט די קינדער. כ'האָב געזוכט אַ תשובה אויף איין זאַך: — יצירה! דאָ, אויפן געהילץ־פּלאַץ, איז דאָך כולו עבודה, מכל המינים יצירה, פון פריען באַגינען ביז שפּעטער שקיעה! פאַרוואָס־זשע אַזאַ אָרעמקייט אַרום? יצירה גייט דאָך דאָ איבער אין קללה! און ס'איז מיר געוואָרן קלאָר: אַז דער יחיד מיט זיין יחידישער יצירה וועט ניט נאָר קיינמאָל ניט באַשאַפן קיין גן־עדן התחתון, נאָר אַ קליין וועלטל פאַר זיך אַליין אויך ניט. דאָס האָט מיך געבראַכט צום אויספיר, אַז בלויז יצירת יחיד ברשות הכלל וועט בכוח זיין צו באַשאַפן דעם גן־עדן התחתון. אָבער ווי אַזוי? ווי מאַכט מען, אַז דער יחיד זאָל זיין ווילִיק איבערצוגעבן זיין יצירה ברשות הכלל? און פון וואַנען וועט קומען אַזאַ כלל, וואָס זאָל זיין ווילִיק פון אַלע־מענס יצירה אויפצובויען אַ גן־עדן התחתון? דאָס האָב איך ניט

געזען... און אַט איצט דאָ: אַט, אייער אויפטו, צום ביישפּיל, איז פון אַ זייער הויכער מדרגה. איר האָט באַוויזן צו ראַטעווען און צוריק איינשטעלן אין אַ סדר דאָס, וואָס דער שטורעם האָט זיך פאַרמאָסטן צו דערגרייכן. וואָלט דאָך געווען אַ גרויסער יום־טוב, ווען דאָס וואָלט געווען יצירת יחיד ברשות הכלל און לטובת הכלל! אָבער יחידישע יצירה ברשות היחיד, וואָס קלערט בלויז וועגן זיך אַליין — האָט זיך דער יום־טוב אויסגעאָסן אין אַ מוראדיקן אומגליק...

ירוחם־בער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, נאָכדעם ווידער פאַרגע־זעצט:

— און די עשירות פון אייער יצירה וועט מען, ווי אַלעמענס, פאַר־לאָדן אין לאַיוועס און אַוועקפירן.

עליע איז געזעסן פאַרכאַפּט פון ירוחם־בערס געדאַנקען.

— און דער שטורעם אַליין? — האָט ירוחם־בער אָפּגעשלאָסן זיינע געדאַנקען, — איז דאָס ניט אַמאָל אַן אָנדייט אויף וואָס מ׳דאַרף טאָן? קאָן אין שטורעם אַמאָל ניט ליגן די העכסטע מדרגה פון רחמים? אַן אצבע מן השמים וואָס מ׳מוז טאָן? איז דאָס אַמאָל ניט אַן אויפגעהויבן ווינקל פון פאַרהאַנג, וואָס איך האָב ביז איצט ניט געקאָנט אויפ־הייבן?...

דאָס זיינען געווען געדאַנקען, וואָס זיינען ערשט מיטן זאַלאַם געבוירן געוואָרן; זיינען געווען מער פראַגן ווי ענטפערס, און זיינען צופעליק אַרויס אינדערהויך.

זיי זיינען אַזוי אַרומגעפאָרן ביז די ערשטע קופער־אָדערלעך איבערן מזרח.

אַז זיי זיינען צוגעפאָרן צום ברעג, זיינען ביילקע מיט לאהן זייער אומרואיקע אַרומגעגאַנגען איבערן האָלעם זוכן זיי; ניט געוואוסט וואָס איבערצוקלערן. זיי האָבן זיך זייער דערפרייט, דערזעענדיק זיי אַרויסגיין פון שיפל.

זיי האָבן געזאָגט איינע דער אַנדערער „אַ גוטע נאַכט” און אַוועק צו זייערע מייקעס.

עליע איז דערנאָך געלעגן אין בעט מיט די הענט אונטערן קאָפּ און איבערגעטראַכט ירוחם־בערס געדאַנקען. זיי האָבן אים זייער טיף פאַרכאַפּט. ניט באַמערקנדיק ווי אַזוי, איז ער איינגעשלאָפן, און אַזוי אָפּגעשלאָפן גאַנצע צוויי מעת־לעתן.

די פּריקאַזטשיקעס זיינען געקומען אים זען וועגן די אַרבעטן, וועגן זייער וויכטיקע פראַגן, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין משך פון

די טעג, אָבער ביילקע האָט אים ניט געלאָזט אויפוועקן, — געהייסן זיי טאָן, ווי זיי פאַרשטייען.

ס׳איז געווען צום ערשטן מאָל, וואָס עליע איז געשלאָפן אַזוי פיל שעה׳ן אָן איבעררייס. ס׳איז געווען דער שלאָף, וועלכן ער האָט אַזוי נויטיק געהאַט, צו קומען צוריק צו די כחות.

מיטוואָך גאַנץ פרי האָט עליע זיך אויפגעכאַפּט. דערזען, אַז אַזוי פאַרשלאָפן, איז ער אַרויס פון בעט, זיך אָנגעטאָן, גענומען אַ האַנטוך אויפן האַלדז און נאָך אַ זייער שטאַרק פאַרשלאָפענער און צעשויבערטער אַוועק צו דער „גרויסער דווינע״.

אויפן טייך איז נאָך געווען רויכיקלעך־טונקל. די ערשטע בראָנזשנירעלעך האָבן זיך ערשט פאַרנומען איבערן מזרח. קיינער האָט נאָך אויף די דווינעס און אויפן האַלעם ניט געאַרבעט. די שטאַפּלען באַלקנס אויפן וואַסער האָבן אין נעבלדיקן פרימאָרגן־רויכעלע אויסגעזען, ווי אומענדלעכע וואַלן און פאַרטן פון עפעס אָן אומבאַקאַנטער פעסטונג אַנטקעגן שונא.

עליע האָט אַראָפּגעוואָרפן די קליידער, אַריין ביזן ברוסט אין קאַלטן וואַסער און זיך אַראָפּגעטונקט. ער איז געווען אַ לענגלעכע ווײַלע אונטערן וואַסער, נאָכדעם זיך אויפגעהויבן, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און אַוועקגעשוואומען. דאָס וואַסער איז געווען אַסיענדיק־קאַלט, ביז מעסער־שאַרפקייט. ס׳האָט געשטאָכן אין גאַנצן לייב, ווי מיט נאָדלען. ס׳האָט צונויפגעצויגן און איינגעקלאַמערט די מוסקלען פון די הענט און די פיס און געמאַכט זייער שווער דאָס שווימען. דערפאַר אָבער האָט דאָס קאַלטע וואַסער אויסגעטשוכעט, איינגעקרעמפּעוועט אַלע אברים און שטאַרק אָפּגעפרישט. זיך דורכגעשוואומען, איז ער אַרויס פון וואַסער, זיך אָפּגעווישט, אָנגעטאָן זיך, פאַררויכערט און מיטן האַנטוך אויפן האַלדז אַוועק צוריק אין מייקע.

ביילקע, וואָס איז באַלד נאָך אים אַרויס פון בעט, האָט עפּעס אַרויפגעכאַפּט אויף זיך, פאַרוואָרפן אויף הינטן די צעפּ און צוגעשטעלט ציקאָריע; זי איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען אַ גליקלעכע, ווי ער וואָלט זיך ענדלעך אַרויסגעריסן פון אַ זייער שווערער קראַנקהייט. זי האָט זיך ניט איינגעהאַלטן: מיט גרויס ליבשאַפט און פולע אויגן טרערן אים אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז און זיך צעוויינט. ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך און זייער שטאַרק געקושט, ווי ער וואָלט איר געוואָלט אָפּצאָלן

פאַר אַלץ, וואָס זי איז צוליב אים דורכגעגאַנגען די לעצטע וואָכן. די קינדער האָבן נאָך געשלאָפן.

ביילקע האָט אים דערלאַנגט אַ גלאָז שטאַרקע ציקאָריע. ער האָט אויסגעטרונקען, איבערגעביסן עפּעס, זיך אָנגעטאָן, אַ פּוץ געטאָן די שטיוול, פאַרקעמט די האָר, די באָרד און אַוועק אין קאָנטאָר אויס־געפינען וואָס מ׳האָט אָפּגעטאָן פאַר די לעצטע מעת־לעתן, וואָס ער האָט דורכגעשלאָפן.

די זון האָט זיך קאַלטלעך אָבער גאָלדיק־שאַרף צעשפּרייט איבערן מזרח. אויף די דווינעס און אויף די העלעמער האָט מען שוין געאַרבעט. דאָס זשומען פון זעגן און קלינגען פון טיאָס־העק האָט זיך געטראָגן פון אַלע זייטן און די לופט איז פול געווען מיטן געשמאַקן און שאַרפ־לעכן ריח פון געהילצן.

אויסגעהערט פון קאָפּל־מאירן וואָס עס טוט זיך אַרום די שטאָפּלען, און געזען, אַז אַלץ איז כמעט אַזוי, ווי ער האָט אָנגעוויזן זונטיק אוונט אין קאָנטאָר, האָט ער איצט געזאָגט קאָפּל־מאירן, אַז מ׳מוז גלייך אי־בערגיין אַרבעטן אויך דורך די נעכט.

— וועט מען ניט קאָנען אַרבעטן אונטער לבנה־ליכט, וועט מען מוזן אַרבעטן אונטער שייטערן איבערן טייך. די טעג זיינע קורצע — מ׳וועט אַנדערש ניט פאַרטיק ווערן.

ניט געקוקט אויף דער גאַנצער קלאָרקייט אין חשבון אי בנוגע זיך, אי בנוגע אַלץ און אַלעמען, און אַז קיין זאַך האָט זיך ניט געענדערט, האָט אָבער עליע איצט געפילט אַ סך גרינגער און רואיקער, ווי ער האָט געפילט פאַר דער זונטיקדיקער נאַכט מיט ירוחם־בערן אויפן שיפל. מענדל קאַראַסיקס שרייען און וויינען האָט אויפגעהערט, זיין שוואַרץ צעגרייזשעטע פּנים צווישן די ליכט איז פאַרשוואונדן. אַרויפגענומען אויף זיך די שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, האָט ער זי איצט געטראָגן אָן טענות צו קיינעם, ווי אַ זאַך, וואָס ער האָט געמוזט טאָן, — קיין אַנדערן אויסוועג ניט געהאַט.

אַז אין ירוחם־בערס גערדאַנקען וועגן יצירה און וועגן גן־עדן התחתון פאַר אַלעמען ליגט טיף קערנדיקס, איז ביי עליען קיינמאָל קיין ספק ניט געווען; כאָטש אים איז זיי שווער געווען צו באַנעמען אין דער גאַנצער טיף. ירוחם־בער האָט אָבער דאָס מאָל אויף אים

געמאַכט אַן אויפטרייסלענדיקן רושם און זיינע געדאַנקען האָבן אים ניט אָפּגעלאָזן. ער האָט בולט געזען, אַז דאָס בלוט פון זאַלאַם איז ניט אויף זיינע הענט, אַז די סיבה פונעם אומגליק ליגט אַ סך טיפער — אין גזלה פון פרעמדער מי... ער איז בלויז נאָך איינער, וואָס האָט פאַרלאָרן זיין פאַרמעגן אין זאַלאַם. אמת, אַ גאַנץ אַנדער פאַרמעגן. „ס'וועלן קומען לאַיוועס, זיך אָנלאָדן און אַוועקגיין", ווי ירוחם־בער האָט עס אַזוי פשוט געזאָגט. חוזקדיקער נאָך: ער אַליין וועט עס הייסן פאַרלאָדן און אַוועקפירן...

ער האָט צום ערשטן מאָל באַנומען אין דער גאַנצער טיף די באַדייטונג פון „יצירת יחיד ברשות הכלל". נאָך מער: ער האָט אין דעם דערזען די בריקן, וואָס דעקן איבער די אָפּגרונטן „בין אדם לחברו", און ממילא —„בין אדם למקום". ס'וועט אָפּווישן גנבה און גזלה, קנאה און שנאה, אַלע וועלן זיין גליך, קיינעם וועט ניט אַרן אין וועלכן גאָט מ'גלויבט, אַלע וועלן זיין אויסגעלייזט פון הונגער, נויט און אומגליק... און דאָס יידישע לעבן — מיט אַלעמענס...

אָבער ווי אַזוי קאָן עס ווען עס איז מקוים ווערן? יעדנס ברעקל אייגנס, ווי קליין עס זאָל ניט זיין, איז דאָך אַזוי איינגעקאָרעניעט אין די הערצער, אַזוי טיף אינעם בלוט!... ווער רעדט גרויסע פאַר־מעגנס!... דאָ איז אים געקומען אויפן געדאַנק, וואָס ירוחם־בער האָט מער געפרעגט, ווי פאַרענטפערט. לכתחילה האָט ער עס ניט אויפ־געכאַפּט, כמעט דורכגעלאָזט אומבאַמערקט, אָבער איצט האָבן אים אין אויער מיט אַ באַזונדערער שאַרפקייט אויפגעקלונגען ירוחם־בערס שטילע, אָבער זייער טיף אַריינגעטראַכטע ווערטער: „און דער שטורעם אַליין? איז דאָס אַמאָל ניט אַן אַנדייט וואָס מ'דאַרף טאָן?"

דער שטורעם — אַן אָנדייט וואָס מ'דאַרף טאָן?... — האָט עליע איבערגעחזרט אין געדאַנק די דאָזיקע ווערטער אַפריער ווי אַ פראַגע, און נאָכדעם כמעט ווי אַן ענטפער, און — אויפגעשוידערט. דאָס מיינט דאָך, אַז אַלעמענס האָב־און־גוטס זאָל קיינמאָל מער ניט קאָנען זיין דעמס און יענעמס, נאָר שוין אויף אַלעמאָל פאַרבלייבן — „אַלעמענס"!... דאָס מיינט דאָך אַ בלוטיקער מענטשלעכער זאַלאַם, וואָס די וועלט האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען!?... אַ צוזאַמענבראָך פונעם גאַנצן מענטשלעכן לעבנס־סדר!... דאָס מיינט דאָך חורבן און אומקום פון אַ סך, אַ סך טויזנטער... אפשר מיליאָנען — ניט פאַר־מעגנס, נאָר — לעבנס!... דער געדאַנק אין זיין לעבנס־קאָנקרעטקייט האָט אים אויפגעטרייסלט און צערודערט.

אַביסל צו זיך געקומען, האָט ער איינגעזען, אַז ניט געקוקט אויף דער גאַנצער שרעקלעכקייט, איז קיין אַנדער וועג ניטאָ. אָבער ווער קאָן נעמען אויף זיך אַזוי פיל בלוט?... ווי שווער אים איז געווען, ווען ער האָט געפילט, אַז אויף זיינע הענט איז דאָס בלוט פון מענדל קאַראַסיק און די אַלע, וועמעס יאָמער אים האָט זיך בלויז געדאַכט, אַז ער הערט הינטערן שייך פון די ליכט ביי מענדל צוקאָפּנס... און ווי שווער ס'איז אים נאָך איצט, אַפילו ווען ער ווייסט, אַז ער איז אין דעם ניט שולדיק...

אָבער דאָ האָבן זיך אים געשטעלט אַ גאַנצע ריי פראַגן, וואָס זיינען אים קיינמאָל פריער אויפן געדאַנק ניט אַרויפגעקומען: נו, און וויפל מענטשלעך בלוט ליגט אין גזלה פון פרעמדער מענטשלעכער מי, ווען אַפילו די גזלה אין פאַרהערלעכט און פאַרהייליקט?... ימים גאַנצע!... פאַרוואָס קאָנען זיי דאָס? פאַרוואָס טוען זיי דאָס מיט אַזוי פיל רואיקייט?... אין „זיי" האָט זיין געדאַנק אַריינגענומען די אַלע, וואָס האָבן אָנגעשאַרט זייערע רייכקייטן פון פרעמדער האָרע־וואַניע.

וויפל ער האָט ניט געטראַכט און איבערגעטראַכט, האָט ער קיין גרינגערן אויסוועג ניט געפונען, און געקומען צום אויספיר, אַז ווי שווער ס'זאָל ניט זיין, וועט מען מוזן געפינען אין זיך שטאַרקייט פאַר דעם אָן דעם גלויבן, אַז מ'טוט דאָס פאַר דערלייזונג פון מיליאָנען פון דער גאַנצער וועלט.

שטורעם איז דאָך אָבער קודם־כל — כחות!... פון וואַנען קאָנען זיך נעמען אַזעלכע מוראדיקע כחות דורכצופירן דאָס אַלץ?...

אין זיין זכרון זיינען אויפגעשוואומען זיינע זייער שווערע איבערלעבונגען אַמאָל — נאָך דער ערשטער בלוטיקער אָבלאַווע אויפן זווירנהאָלם, בשעת מ'האָט דערשאָסן אויף טויט די פיר אומגעמעלדעטע יידן, און צווישן זיי — מרדכי־דודן מיט זיין יינגל. אָט ליגן זיי אין גרוילעכן באַגינען־ליכט פאַר זיינע אויגן — די פיר מתים. און אַנטקעגן זיי, מיט די רוקנס צו דער „קליינער דווינע", אין אַ לאַנגער שורה, די געכאַפּטע אומגעמעלדעטע יידן מיט פאַרבלוטיקטע פנימער, דאָס בלוט נאָך אינגאַנצן ניט פאַרטריקנט — פאַרגליווערטע, מיט אויסגעלאָשענע אויגן שטייען זיי אַנטקעגן די מתים. אַרום זיי אַ רינג פון גאַראַדאָוואָיעס און אָקאָלאָדאָטשניקעס פון אַ סך ריגער אוטשאַסטקעס, און אין שפּיץ פון זיי — דער פּריסטאַוו, גריגאָרי יעפימאָוויטש ספּירידאָנאָוו. אים שטייט דאָס פאַר די אויגן, ווי ער וואָלט דאָס נאָר־וואָס נאָכאַמאָל

איבערגעלעבט. ער דערמאָנט זיך, ווי יענער אומגליק האָט אים אויפֿגעטרייסלט, ביז די טיפֿסטע טיפֿענישן פֿון זיין נשמה; ווי די הענט האָבן זיך אים אַראָפּגעלאָזן; ווי אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער הימל ליגט אויף דער ערד איבער דעם גאַנצן יידישן לעבן; און ווי נאָכדעם האָט ער דערזען דאָס גרויסע ליכט, וואָס האָט אים געגעבן נייע האָפֿענונגען און נייע כחות.

די האָפֿענונג האָט ער דאָן דערזען אין דעם גרויסן נס — אין די ניט־יידישע מענטשן אַרום; וואָס ניט געקוקט, וואָס זיי זיינען אָרעמע מענטשן, טיף־געקריוודעטע מענטשן, זייער אָפֿט הונגעריקע מענטשן, האָבן זיי דאָך ניט אָנגעוואָרן דעם טיפֿן מענטשלעכן עיקר! וואָס ניט געקוקט אויף אַלע אויפֿרייצונגען דורכן מאַן אויפֿן קרייץ, האָבן זיי דאָך ניט קיין האַנט אין דעם יידישן אומגליק; אַז די דאָזיקע מענטשן זיינען פֿאַרקאָוועט אין די זעלבע קייטן, ווי דאָס יידישע לעבן, נאָר אויף אַן אַנדער אופֿן; און אַז אויך זיי טראָגן אַ טיפֿע שנאה אין זייערע הערצער פֿאַר זייער אָרימען און ביטערן לעבן. ער דערמאָנט זיך, ווי אין די דאָזיקע מענטשן האָט ער דערזען אַ גיבורדיקע האַנט, וואָס ווייסט נאָך ניט וואָס צו טאָן, אָבער אַז די שנאה וועט וועט עס איז פֿון איר צונויפֿקנוילן אַ נקמהדיקע פֿויסט, און וועט זיך אַראָפּלאָזן מיט אַזאַ מוראַדיקן כח, וואָס וועט אַראָפּשלאָגן די קייטן פֿון אַלעמען. דער גלויבן אין זיי, האָט אים דאָן געגעבן כחות און האָפֿענונג ווייטער אָנצוגיין.

קלערנדיק וועגן דעם, האָט ער איצט דערזען, אַז זייערע הונגעריקע לעבנס קומען פֿון דער זעלביקער גזלה, פֿון וועלכער ס'זיינען געפֿאַלן אַזוי פֿיל לעבנס אין זאַלאָם. ער האָט דעריבער דערזען אין זיי די נויטיקע כחות פֿאַרן שטורעם און די, וואָס וועלן אָפּצוימען דעם „זאַלאָם־באַרג געהילצן", ניט לאָזן צעשלעפּן און איבערשטאַפּלען זיי אין אַ גאַנץ נייעם סדר.

אָבער ווי אַזוי מאַכט מען, אַז די דאָזיקע מענטשן זאָלן זיך דערוויסן וועגן זייער גרויסן כח? יעדעס וואָרט צו זיי וועגן זייער גורל ווערט דאָך אויפֿן אכזריותדיקן אויפֿן אויסגעלאָשן; אויסגעלאָשן אינאיינעם מיט די לעבנס, וואָס זיינען זיך מוסר נפֿש צוליב זיי! ער ווייסט דאָך דאָס אַזוי גוט! ער דאַרף דאָס ווייט ניט זוכן — זיין אייגענער אהרן! ער דערמאָנט זיך אָן אהרנען און די אַנדערע מיט אים, וואָס וואַלגערן זיך אויף קאַטאָרגע און קומען אום אין פֿאַרשיקונגען...

אהרן זיצט אים אין הארצן, ווי עפּעס, וואָס איז אים טייערער, ווי ער אַליין. אהרן איז אַ שטיק פון זיין אייגן הארץ אין דעם בלוטיקן צונויפקנויל מיט אַ שונא, טויזנט מאָל שטאַרקער פון אים. דאָס אַוועקשטעלן זיין יונג לעבן אין קאָן — ליכטיקער און גליקלעכער צו מאַכן אַלעמען, איז דאָך אַ באַזונדערער מין קידוש השם!... ער האָט קלאָרער, ווי ווען עס איז פריער געזען, אַז אהרן איז געווען אויף דעם איינציקן ריכטיקן וועג, כאָטש אהרן האָט אים קיינמאָל ניט דערציילט וואוהין ער האָט זיך פאַרנומען. ערשט אין געריכט האָט ער זיך דערוואוסט.

ער דערמאָנט זיך אהרנס יוגנט. אַ דורשט צום וויסן פון קליינוויז אָן, אַן אַראָפּבאַרג ביזן סאַמע דנאָ פון יעדער זאַך, אַ ליבשאַפט און איבערגעבנקייט צו חברים, אַן אומדערשראָקנקייט, דרייסטקייט און געוואגטקייט. פון זייניקס ניט אָפּגעטראָטן, ווען ער האָט געגלויבט, אַז ער איז גערעכט. דאָס וואָלגערן זיך פון די אַנגעפּאַרענע אומגעמעלדעטע יידן אויף די דווינעס אין שטרויענעביידלעך אויף די פּליטן אין ווינטן, שטורעמס און רעגנס, ווי וואַלד־חיות; די אָבלאַוועס אויפן האַלעם, די דערשיסונג פון די פיר אומגעמעלדעטע יידן, ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, האָבן אויף אים געמאַכט אַן אויפשוידערנדיקן רושם. ער האָט עס קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרגעסן. אַ טיפע שנאה איז אין אים אַראָפּגעזונקען. ער האָט ניט געקאָנט בויגן זיין קאָפּ, געטענהט, אַז מ׳מוז שלאָגן צוריק!... געענדיקט „רעאַלנאַיע אוטשילישטשע״ מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל. געזען אָרעמקייט און אומגליק ביי אַזוי פיל און אַלע רייכקייטן ביי אַזוי ווייניק, האָט עס פאַר אים אָנגעצייכנט דעם שונא, וואָס ער, עליע, האָט ניט געזען... ירוחם־בערס „גן־עדן התחתון״, „עם כל העמים״ אויפן ברייטן יסוד „ואהבת לרעך כמוך״ האָבן שוין אָנגעצייכנט דעם ווייטערדיקן וועג... נאָכדעם — דאָרפּאַטער אוניווערסיטעט... ניט אומזיסט איז אהרן ביי ירוחם־בערן אַזוי טיף אין הארצן, און האָט מיט אַזוי פיל דערשיטערונג אויפגענומען זיין פאַרמשפּטונג. ביין, אהרן האָט ניט געקאָנט לעבן אַזוי... זיין רעדע אין געריכט האָט אַלעמען געהאַלטן געשפּאַנט ביז זיין לעצטן וואָרט, און אויפגעטרייסלט אַלעמען. ער, עליע, אַליין האָט ביז דעמאָלט ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ כח הדיבור אהרן האָט. אַזאַ קלאָרקייט פון געדאַנק, אַזאַ גיבורדיקייט פון געמיט, אַזאַ אַנטשלאָסנקייט פאַר ווייטערדיקן קאַמף, אַזאַ טיפן גלויבן אין נצחון!... אהרן האָט געוואוסט, אַז זיין רעדע קעגן קייסער פאַרחתמעט זיין גורל, אָבער ער האָט געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק צו זאָגן, מיט דער האָפענונג,

אַז זיינע ווערטער וועלן דערגיין צו יענע, וועמען ער האָט געזוכט צו דערגרייכן מיט זיי.

ניין, אהרן האָט ניט געקאָנט אַנדערש! דאָס, וואָס ער האָט געזען אין זיין יוגנט, האָט ניט געקאָנט און ניט געטאָרט צו עפּעס אַנדערש פירן!... עך, — ווען ער קאָן אים העלפן! ווען ער קאָן אים אַרויס־רייסן פון זייערע נעגל! אָבער וואו איז ער? די זוכונגען האָבן צו קיין זאַך ניט געפירט — ווי אין וואַסער אַריין. צי לעבט ער נאָך בכלל?...

די ספקות, צי אהרן לעבט נאָך, האָבן אים זייער שווער געדריקט אויפן האַרצן. ער האָט געציטערט זיך אַרויסצוכאַפּן מיט אַ וואָרט וועגן דעם פּאָר ביילקען. כאָטש ער איז זיכער, אַז אויך איר דריקן אויפן האַרצן די דאָזיקע ספקות און זי היט זיך אויך פאַר אים מיט אַ וואָרט אַרויסצוכאַפּן וועגן דעם. ווי זי האָט זיך געענדערט זינט אהרנס פאַרשיקונג! ווייסע האָר זיך באַוויזן אין קאָפּ. אָבער וויינט ניט, ווי זי האָט ניט געוויינט אַמאָל, ווען זייביידע האָבן געפירט דורך די פאַרשנייטע וועלדער און פעלדער די ערשטע צוויי קינדער צו די נאָענטסטע יידישע בית־עלמינס — שוויגנדיק, פאַרשטיינערט, מיט שטילן צעוויטיקטן בלישטש אויף אַן אַרויסגעגבבעטער טרער... וויפל זי האָט דורכגעלעבט! וויפל זי לעבט דורך!...

אַרומגעטראַכט דעם גורל פון די אַלע, וואָס האָבן געפּרואווט אַריינטראָגן אין פּאָלק אַביסל ליכט, וואָס זאָל אויפלייכטן דעם וועג צו אַן אַנדערן, גליקלעכערן לעבן, — און וואָס זיי האָבן דערגרייכט, האָט ער ניט געזען, ווי אַזוי מ׳קאָן עפּעס ענדערן... אפשר ווען־עס־איז... אפשר... אָבער אַזוי ווייט נאָך פון דעם... אַזוי ווייט...

מיט די שווערע געדאַנקען איז עליע אַוועק דורכקאָנטראָלירן די אַרבעטן. ער איז פריער דורכגעגאַנגען דעם געהילץ־פּלאַץ אויפן זווירב־האָלם, נאָכדעם אַריבערגעפּאָרן אויפן גרינעם האָלעם, און פון דאָרטן אויף אַ שלעפּ־דאַמפער אַרויסגעפאָרן איבער דער לענג פון די דווינעס צווישן די שטאַפּלען אין וואַסער, און צולעצט — איבער די זעג־מילן.

די אַרבעטן זיינען אָנגעגאַנגען אויף די דווינעס טאָג און נאַכט מיט שאַרפן אימפּעט. זייער אַ סך יאַקאַרשטשיקעס האָבן געאַרבעט אַרום די שטאַפּלען. אייניקע האָבן אַראָפּגעקייקלט די באַלקנס פון די שטאַפּלען מיט אַ צעשפּריץ אין וואַסער אַריין, אַנדערע האָבן פון זיי

אין וואַסער געבונדן לאַנגע קאַראַוואַנען און מיט שלעפּ־דאַמפּערס אַוועק־געפירט צו די זעג־מילן, און אין די נעכט האָבן די דווינעס געלויכטן מיט שײַטערן און די מענטשן האָבן געאַרבעט, ווי אין אַ פאַרטרונקענעם ברענענדיקן וואַלד.

אין דער זעלבער צײַט האָבן שטאַפּלער מיט פערד, אויף לאַנגע קייטן, געשלעפּט באַלקנס פון וואַסער און אויפגעלייגט זיי אויף לאַנגע שטאַנגענע „רעלסן" אין נײַע צענדליקער שטאַפּלען אויף די העלעמער, און טיאַסטשיקעס — אַ די אַלטע, אי נײַע אָנגעשטעלטע אַרטעלן — האָבן די באַלקנס גענומען אונטער די זעגן, שפּאַלט־העק און שאַרפע בלישטשענדיקע טיאָס־קלינגען.

די טיאַסטשיקעס האָבן איבערגעאַרבעט שטאַפּל נאָך שטאַפּל. אין זייערע טריט זײַנען געגאַנגען די אומגעמעלדעטע יידן און פאַרלאָדן אין לאַיוועס די אויסגעאַרבעטע געהילצן. צוליבן זאַלאַם זײַנען די יידן געבליבן אויפן האַלעם ביז ערשטער טיוגע, כאָטש צוליב די קאַלטע נעכט איז געוואָרן זייער שווער צו נעכטיקן אונטערן פרייען הימל. זינט דער זאַלאַם האָט אַראָפּגעטראָגן די פּליטן אינאיינעם מיט די ביידלעך, האָט מען געמוזט שלאָפן אין אָפענע שיפלעך אויפן טײַך. די יידן האָבן געלאָדן די פאַרטיקע געהילצן אין די לאַיוועס, און דאָס, וואָס מ'האָט ניט געקאָנט לאָדן אין די לאַיוועס, האָט מען געקייקלט אין וואַסער און געמאַכט פליענ־יצע־קאַראַוואַנען פאַר די שיפן אין האָפן.

אַזוי פיל מענטשן אויף די העלעמער און אויף די דווינעס האָט מען אין דעם ווינקל ניט געזען פון זאַלאַם אָן. די האַלעמישע יידן האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט און אַרומגעגאַנגען, ווי אין אַן עולם התהו פון אויסגעמאַטערטקייט, ניט אויסגעשלאָפנקייט און פון דעם גאַנצן טומל און הו־האַ, וואָס איז אָנגעגאַנגען קיילעכדיקע מעת־לעתן.

די שטאַפּלען אויף די דווינעס האָבן זיך גענומען זעצן אַלץ נידעריקער און נידעריקער. אָבער דערגרייכט דאָס אויבערפלאַך פון וואַסער, האָבן זיי זיך ניט געלאָזט אויסשעפּן. אַלץ נײַע און נײַע באַלקנס זײַנען אַרויסגעקראָכן פון אונטערן וואַסער און פאַרנומען דעם אָרט פון די אַוועקגעפירטע. ווי מיט שטראָמען געבראַכט פון אונטערערדישע וועל־דער, האָבן אַלץ נײַע און נײַע רייען באַלקנס אַרויסגעטויכט פון אונטערן וואַסער און געווען גרייט פאַר נײַע קאַראַוואַנען צו די זעג־מילן.

אויפן פערטן טאָג, ווי מ׳האָט זיך געשטעלט אַרבעטן אויף די דווינעס, איז אָנגעפאַרן אויפן זווירנהאָלם משה שאַמיראָ. עליע האָט אים געטראָפן ביים פערעוואָז און אים אָוועקגעפירט איבער די געהילץ־פּלעצער, אים געוויזן ווי די אַרבעטן גייען אָן און וויפל ער רעכנט איבערצואַרבעטן באַלקנס אויף די העלעמער, ביז טיוגע אויף די דווינעס.

משה שאַמיראָ איז שוין געווען אין די זיבעציקער. ער איז געווען ווייס, דיקלעך און עפּעס נידעריקער, ווי געווען אַמאָל. די יאָרן האָבן אים אַראָפּגעזעצט אַביסל. אָבער נאָך געווען פעסט און זיכער. ער האָט געטראָגן אַ שוואַרצן אָנצוג, מיט שאַרפע קנייטשן אין די הויזן; דער גרויער האַרבסט־מאַנטל איז אויף אים געלעגן, ווי אויסגעגאָסן. אין אַ ווייסן קראַגן, שניפּס און אין אַ ווייס זיידן טיכל אויפן האַלדז, וואָס האָט ניט פאַרשטעלט דעם קראַגן מיטן שניפּס, אין צילינדערהוט, גאָלדענע פענסנע, מיט אַ ציגאַר אין מויל איבער דעם אַרומגעשאָרענעם ווייסן קאַמעך־בערדל, אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקל מיטן זילבערנעם הענטל, האָט ער אויסגעקוקט אַ סך יינגער פון זיינע יאָרן, און געמאַכט אַ בכבודיקן איינדרוק מיט זיין אייראָפּייאישן אויסזען, אויסערלעכער אַריסטאָקראַטישער האַלטונג און זיכערער רואיקייט, וואָס האָט זיך ביי אים אויסגעאַרבעט פאַר די יאָרן מיט מענטשן פון אויסלענדישע פירמעס און העכערער נאַטשאַלסטווע. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס משה שאַמיראָ איז געקומען אויפן האָלעם נאָכן זאַלאָם. ער איז ערשט היינט איבערפרי געקומען מיט זיין מיטלסטן זון, דר. לעאָפּאָלד, פון ענגלאַנד. פון זאַלאָם געוואוסט פון עליעס טעלעגראַמעס דורכן שטאָט־קאַנטאָר.

אָנגעשפּאַרט אויפן שטעקל, מיטן ציגאַר אין מויל, איז ער מיט עליען געשטאַנען אין שפּיץ פון אַ טייך־דאַמפער, וואָס האָט געשניטן דורך די שטאָפּלען אין וואַסער און דורך וואַלד יאַקאָרסקע באַהאָרעס. משה שאַמיראָ האָט דורך זיינע בלישטשענדיקע פענסנע־גלעזלעך באַ־טראַכט אַלץ אַרום און נאָכדעם זיך זייער אויפמערקזאַם צוגעהערט, ווי עליע רעכנט איבערצואַרבעטן די גרויסע מאַסע געהילצן. פון זיין שאַרפן בליציקן קוק איז קענטיק געווען, אַז דער פעטער האָט אַרומ־געכאַפּט אַלץ אויפן טייך און ווייס ווי די גאַנצע זאַך שטייט.

צו עליעס חשבון פון איבעראַרבעטן די געהילצן, האָט ער ניט געהאַט וואָס צוצוגעבן און וואָס צו ענדערן. דער גאַנצער איינפאַל פון אַרומצוימען דעם זאַלאָם־באַרג, פון שטאָפּלען די געהילצן אין

וואַסער, און איצט זייער איבעראַרבעטונג אין זעג־מילן, איז אים זייער געפעלן געוואָרן. ס׳איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס איז אַפילו פאַר אים געווען אינגאַנצן ניי. אָבער אים האָט עס ניט איבערראַשט. ס׳האָט אים בלויז נאָכאַמאָל איבערצייגט, אַז ער האָט אין עליען קיין טעות ניט געמאַכט. באַטראַכטנדיק נאָך אַמאָל אַלץ אַרום האָט ער זיך געווענדט צו עליען:

— ווערט מען באַווייזן אַראָפּצונעמען פון וואַסער ביז טיוגע? ניט פאַרלירן קיין צו־פיל צייט?

עליע האָט אין דער פראַגע דערפילט אַן אַנדייט, אַז ער האָט זיך געדאַרפט שטעלן איבעראַרבעטן די שטאַפּלען אַ סך פריער און ניט דורכלאָזן אַזוי פיל צייט. ס׳מיינט, אַז ער האָט געכאַפּט אַפילו מיטן אויג, אַז מ׳האָט זיך געשטעלט צו שפּעט איבעראַרבעטן די שטאַפּלען.

— באַווייזן. — האָט עליע געענטפערט קורץ, נאָכדעם צוגעגעבן:
— מענטשן האָבן פאַרלאָרן אַ סך מער, ווי צייט.

— יאָ, אַ סך מער, ווי צייט... — האָט דער פּעטער צוגעשטימט.

עליע האָט אויף קיין איין מינוט ניט געגלויבט, אַז דעם פּעטער פאַרדריסט, אָדער ער באַדויערט, וואָס אַזוי פיל יידן האָבן פאַרלאָרן אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט. ער האָט זיך קיינמאָל ניט אַרומגעשפּילט מיט רחמנותן, אַז ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן געלט־ אָדער געשעפט־ענינים. און אַזאַ עשירות פאַלט־צו בלויז איין מאָל אין אַ לעבן...

— געווען אַ סך זוכן זייערע באַלקנס? — האָט משה שאַמיראָ ווידער אַ פרעג געטאָן.

— געווען, — האָט עליע געענטפערט. — זייער ווייניק געפונען.

— אַרויסגעגעבן עמעצן באַלקנס?

— אַ טויזנט באַלקנס. גענומען שריפטלעכע התחייבותן פאַר די הוצאות, — האָט עליע געענטפערט און נאָך אַ ווײַלע צוגעגעבן: — און זיי צעריסן.

משה שאַמיראָ האָט געשוויגן, און ס׳איז געווען שווער צו זאָגן, צי אים געפעלט דאָס, צי ניט. ער האָט געקוקט דורך זיינע פּענסנע־גלעזלעך זייער ווייט ערגעץ, פאַרצויגן דעם ציגאַר, אַרויסגעלאָזן דעם רויך און, אומדערוואַרט פאַר עליען, געזאָגט:

— זייער גוט געטאָן. וועט קיינער ניט זאָגן, אַז מ׳האָט שטיינערנע הערצער...

עליע איז געווען פריטשמעליעט. אים איז גאָר ניט איינגעפאַלן, אַז דעם פעטער זיינען די טויזנט באַלקנס, וואָס ער האָט אַוועקגעגעבן די נשרפים, מער ווערט, ווי עמיצער וואָלט פאַר זיי אים וועז עס איז געקאָנט באַצאָלן. ניט חושד געווען, אַז דער פעטער וועט אַזוי פוקסיק אויסנוצן זיינע שווערע איבערלעבונגען פון די לעצטע וואָכן.

אַרויסבאַגלייט דעם פעטער צוריק אין שטאָט, האָט אים עליע געזאָגט, אַז איצט, ווען די שטאַפּלען גייען צו די זעגן, דאַרף מען דערוואַרטן, אַז נשרפים וועלן קומען זוכן זייערע געהילצן אויף די זעג־מילן, און אַז ס׳וועט זיך האַנדלען וועגן אַ סך מער, ווי טויזנט באַלקנס:

— דאָס, וואָס זיי האָבן ניט געקאָנט געפינען אין די רייען באַלקנס אונטערן וואַסער אין די שטאַפּלען, וועלן זיי אויף די זעג־מילן זיכער געפינען. אויב ניט אַלץ, איז אַ היפּש ביסל...

— שיקן זיי אין שטאָט־קאַנטאָר, — האָט דער פעטער געזאָגט ניט געטראַכט, ווי ער וואָלט שוין דעם גאַנצן ענין דורכגעטראַכט און האָט שוין וועגן דעם אַ פּאַרטיקן באַשלוס. — זייערע באַלקנס אויס־מעסטן, פאַרשרייבן צו וועמען עס געהערט און לאָזן אונטער די זעגן. אויסרעכענען זיך מיט זיי וועט זיך שוין די קאַנטאָר.

און פאַרענדיקט האָט ער מיט אַ שאַרפן בלישטש פון זיינע פּענסנע גלעזלעך:

— די עקן פון די באַלקנס ניט האַלטן...

דאָס האָט געמיינט, אַז מ׳זאָל פּטור ווערן אַזוי שנעל, ווי מעגלעך פון די סימנים פון פרעמד פאַרמעגן אויף די באַלקנס, און אַז ער זאָל מער קיינעם קיין באַלקנס ניט אַרויסגעבן. אָפּגעזאָגט דאָס, איז דער פעטער אַרויף אויף דער דראָזשקע, וואָס האָט אויף אים דאָ געוואַרט די גאַנצע צייט, און איז אַוועקגעפאָרן.

עליע האָט פון פעטער קיין אַנדערן ענטפער ניט דערוואַרט. ער איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט פון אים אַראָפּגענומען די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַרן ווייטערדיקן גורל פון די פרעמדע געהילצן. אָבער אין די לעצטע ווערטער זיינע האָט ער דערפילט, ער וויס ניט פאַרוואָס, דעם ערשטן טראָט צו אַ נייעם מענטשן איבער אים. דער פעטער האָט אים אַלעמאָל געלאָזן טאָן ווי ער פאַרשטייט, היינט האָט ער אים

אַנגעזאָגט גאַנץ גענוי וואָס צו טאָן. אַפּנים מורא ער זאָל ניט אויסטיילן נאָך טויזנטער באַלקנס...

זיך אומגעקערט צוריק אין קאַנטאָר, האָט עליע געפילט, אַז צווישן אים און דעם פּעטער איז אויסגעוואַקסן אַ זייער טיפער תהום. עס איז קיינמאָל ניט געווען קיין גרויס נאָענטקייט צווישן אים און דעם פּעטער, נאָר קיינמאָל ניט געווען אַזאַ טיפער אָפּגרונט.

ער האָט זיך דערמאָנט דעם פּעטערס ווערטער דעם ערשטן מאָל אויפן האָלעם, ווען מער ווי גראָז און בוימלעך זיינע אויף אים ניט געווען: „קריך אַריין אין דעם מיט לייב און לעבן און האַלט דאָס, ווי אייגנס... מיינע קינדער — ווייט פון געהילצן... דו ביסט דער, וואָס וועט דאַרפן האַלטן די גאַנצע זאַך אין די הענט... אַפּריער אונטער מיר... שפּעטער אונטער זיי... וועסט אפשר אַליין ווערן אַ טייל פון דעם...״ עליען קלינגען נאָך אין די אויערן די דאָזיקע ווערטער. קאָן זייער זיין, אַז ער האָט אין יענעם מאָמענט באמת אַזוי געפילט, אָבער ווי אַלץ האָט זיך געענדערט פון דעמאָלט אָן...

עליע דערמאָנט זיך, אַז ער האָט קיינמאָל קיין סך האָפענונגען ניט געלייגט אויף די דאָזיקע ווערטער. מ׳האָט פון זיי געקאָנט אַרויסטייטשן זייער אַ סך. טיף אין אים האָט אָבער דער „זייער אַ סך״ קיינמאָל ניט געוואונען די אויבערהאַנט. דער פּעטער האָט קיינמאָל מער די דאָזיקע ווערטער ניט איבערגעחזרט. איצט איז עליע מער ווי זיכער, אַז דער פּעטער האָט דאַן דערשמעקט זיין וועלן גיין פאַר־זיך אין מסחר, און געזוכט איבערצוהאַקן. און איבערגעהאַקט. דעם פּעטער איז אויך ניט געווען צום האַרצן זיין חתונה האָבן מיט ביילקען. געוואָלט האָט ער, ער זאָל חתונה האָבן מיט צלאַלקע גרובערס, דעם אולער עושרס בת־יחידה, פון דער מומעס, זייער רייכער משפּחה. צוליב דעם געדרוקט אים אַלץ העכער און העכער אין די וועלדער. זיין אַרומשלעפּן אים אין די וועלדער יענעם זומער איז ניט געווען צופעליק. דער פּעטער האָט זיך קיינמאָל ניט אינטערעסירט מיט זיין ווייב און קינדער. בלויז פון יוצא וועגן אַמאָל אַ פרעג געטאָן וואָס מ׳מאַכט. קיינמאָל ניט געבעטן צו זיך אויף אַ שמחה, אויף אַ יום־טוב. ביילקע מיט דער מומען האָבן זיך אַפילו ניט געקענט. ניט געוואָלט וויסן איינע פון דער אַנדערער. די מומע איז געשטאָרבן, און די קינדער קענען זיך אַפילו ניט. וועגן אהרנען האָט דער פּעטער זיך דערוואוסט ערשט אין צייט פון משפּט, און אויפגעבראַכט האָט אים בלויז דאָס, וואָס אהרן

האָט אַריינגעשלעפּט דעם נאָמען פון דער משפחה אין אַזעלכע טריפהנע זאַכן...

פון דעמאָלט האָט זיך אַלץ אַנדערש אויסגעלאָזן. דעם פּעטערס קינדער האָבן חתונה געהאַט און זיינען שוין גאָרניט ווייט פון געהילצן. דער עלטערער, דר. לעאָפּאָלד שאַמיראַ, פאַרשטייט יעדעס פּינטעלע אין פּעטערס געשעפטן. ביי פאַרהאַנדלונגען מיט אויסלענדישע פירמעס, פאָרט ער אַליין, ניט דער פּעטער. כאָטש דער פּעטער האַלט נאָך אַלץ זייער שטאַרק אין זיינע הענט, איז זיכער לעאָפּאָלד דער יורש, וואָס וועט שטיין אין שפּיץ פון אַלץ, אַז דער פּעטער וועט צומאַכן די אויגן. די אַנדערע זין לאָזן אויך קיין זאַך ניט אַרויס פון אויג; אָבער צו לעאָפּאָלדס שאַרפקייט קומען זיי ניט. דר. לעאָפּאָלד איז דעריבער דעם פּעטערס ליבלינג.

די דווינעס האָבן זיך אָפּגערייניקט פון די זאַלאַם-שטאָפּלען און די העלעמער פון אַלע געהילצן פונקט אין צייט — צו ערשטע טיוגע, ווי עליע האָט אויסגערעכנט.

פון אַלץ, וואָס ס'איז געווען אויף די דווינעס, איז בלויז אַ טייל אַוועק אין שיפן צו די ענגלישע און דייטשע פירמעס. דאָס איבעריקע — מער פון ניין-צענטל — איז איצט געשטאַנען פאַר וויאָרסטן און וויאָרסטן אַרום די זעג-מילן אין אויפגעטורעמטע יאָרוסן פון קרייצהעלצער, פלאַנקען, מויערלאַטן און ברעטער פון פאַרשיידענע לענגען, ברייטן און גרעבן. דערצו זייער אַ סך — אין ברוינעם און שוואַרצן דוב און טייערסטע קליאָנען — געהילצן מיט גאָלד גלייך.

איצט האָט דאָס דאָזיקע מוראדיקע פאַרמעגן אינגאַנצן געהערט צו שאַמיראַן. קיינער האָט פון אים קיין זאַך מער ניט געקאָנט מאָנען. די צייט פאַר תביעות איז אַריבער. די סימנים פון פרעמדס אויף די באַלקנס האָבן אַראָפּגענומען די זעגן, און די אָפּגעשניטענע עקן פון די באַלקנס מיט די פרעמדע „נאַבאַיעס", זיינען פאַרברענט געוואָרן אין דורך מעת-לעתן ברענענדיקע פייערן און ווייט פאַרטראָגן מיט די רויכן.

נשרפים האָבן געפונען זייער ווייניק פון זייער פאַרמעגן, איידער זייערע באַלקנס זיינען געגאַנגען צו די זעגן. דאָס זעגן טאָג און נאַכט אויף צוויי צענדליק זעג-מילן האָט ניט געגעבן קיין צייט אָפּצווזוכן עפּעס אין צוויי צענדליק ערטער מיטאַמאָל. אָבער אַפילו די, וואָס

האָבן יאָ געפּונען, האָבן אױך גאָרנישט געקראָגן. די חשבונות, װאָס מ'האָט געמאַכט אין שאַמיראָס שטאָט־קאַנטאָר, האָבן װײט איבערגעשטיגן דעם װערט פון זײערע באַלקנס, און לאָדן זיך מיט שאַמיראָס אַדװאָקאַטן אין געריכט איז ניט געװען פאַר זײערע כחות.

צװישן די גרױסע װאַלד־סוחרים, געהילץ־קאַנטאָרן און זעגמילן־פירמעס, װאָס זײנען ניט אָנגערירט געװאָרן פון זאַלאָם, האָט מען זײער שטאַרק מקנא געװען הער שאַמיראָן, און גערעדט װעגן אים מיט אַ סך רעספּעקט:

— קײנער װאָלט ניט געטאָן דאָס, װאָס ער האָט געטאָן צו העלפן די געליטענע אין זאַלאָם, — האָט מען גערעדט. — ניט נאָר האָט ער געלאָזן שטײן אין װאַסער אַלע זאַלאָם־געהילצן פאַר איבער דרײ װאָכן צײט, צו געבן אַ געלעגנהײט יעדן אײנעם פון די אומגליקלעכע אָפּצוזוכן דאָס זײניקע, — נאָר ער האָט זײער אַ סך באַלקנס אָפּגעגעבן זײ אָן קײן שום פאַרגיטיקונג.

אַפילו צװישן די זײער רײכע דײטשע ײדן אין ריגע איז הער שאַמיראָ זײער שטאַרק פאַרהערלעכט געװאָרן דערפאַר. מיט גרױס אַכטונג און רעספּעקט האָט מען געצױגן די צילינדערהיט פאַר אים און אים זײער שטאַרק דאַנקבאַר געװען פאַר דעם שײנעם נאָמען, װאָס ער האָט געמאַכט מיט דעם די „יודען" אין דער „האָער געזעלשאַפט". און דער „אָבער־ראַבינער" האָט גערעדט װעגן אים אין דער „שטאַדט סינאַגאָגע", װי װעגן אַ מענטשן מיט אַ „גרױס ײדיש האַרץ"...

בלױז עליע איז אַרומגעגאַנגען דערדריקט און אַ לאַנגע צײט ניט געקאָנט פאַרגעסן דעם זאַלאָם. זײער אַ סך קנײטשן האָט עס אים אָנגעקאַרבט אױפן שטערן און אַ טיפע ביטערקײט געלאָזן אין האַרצן. כאָטש אים פּערזענלעך האָט עס באַלד ניט אָנגערירט. די טױזנט רובל, װאָס דער פעטער האָט אים געגעבן אַ מתנה, האָבן קײן זאַך ניט פאַרהײלט. פאַרקערט, זײ זײנען אים געװען פריקרע. כאָטש ער האָט זײ זײער שטאַרק נױטיק געהאַט, האָט ער זיך צו זײ ניט צוגערירט און זײ צעשיקט צו די אלמנות און יתומים פון די נשרפים.

עס זײנען אַריבער פיר יאָר פון זאַלאָם.

עליעס אַנדערע צװײ זין, פּעיטע דרײ־און־צװאַנציק יאָר אַלט, און אפרים, אײן־און־צװאַנציק יאָר, נאָך בײלקעס זײדען אַ נאָמען, בײדע

זייער געראָטענע בחורים, סטודענטן אין דאָרפּאַטער אוניווערסיטעט, זיינען אַוועק אין אהרנס וועגן. עליע האָט דאָס געזען, אָבער ניט געקאָנט ענדערן און ניט געפּרואווט אַפילו. ניט געוווען אָרום וואָס זיי צו האַלטן. דאָס לעבן, ווי דאָס איז, האָט אָנגעוואָרן זיין אינערלעכן זין.

אַפילו די מיזינקע, זעלדעלע, אַ נאָמען נאָך עליעס מאַמען, דרייצן יאָר אינגאַנצן, מיט אַן אַרויפגעריסן נעזל, נאָך אין אירע קינדער־צעפּלעך און נאָך שטאַרק פאַרקאַכט אין אירע שטיפערישע שמד־שטיקלעך, — ווי די מאַמע אין אירע יאָרן, — איצט אין צווייטן קלאַס גימנאַזיע, האָט שוין אויך אַרויפגעקוקט צו אירע ברידער.

ביילקע האָט געציטערט איבער פעיטען און אפרימען. בעת זייערע ווינטערן אין דאָרפּאַט. פון איין בריוול צום אַנדערן פון זיי פלעגט דאָס האַרץ ביי איר אַרויספאַלן: צי האָט מען זיי שוין ניט אַרעסטירט... און דורך די זומערדיקע קאַניקול־חדשים אויפן האַלעם, פלעגט יעדער קלאַפּ אין טיר, אָדער לאָדן ביידערנאַכט איר אָפּרייסן ס׳האַרץ. איר פלעגט זיך רק דוכטן, אַז מ׳קומט זיי אַוועקנעמען. אַחוץ צוליב זייערע „אוראָקעס געבן" אויפן פאַרשטאָט דורך די זומערן, פלעגן זיי פאָרן כמעט יעדן אָונט אין שטאָט ערגעץ און קומען זייער שפּעט צוריק. זי האָט זיך אָנגעשטויסן וואוהין זיי פאָרן — אהרן איז אויך אַמאָל אַזוי געפאָרן — זי האָט זיי גאָרנישט ניט געזאָגט און קיין זאַך ניט גע־פרעגט. געוואוסט, אַז זיי וועלן איר קיין זאַך ניט דערציילן. זי פלעגט אָבער איבערנישטערן יעדעס ווינקעלע אין מייקע, אין קעלער און אויפן בוידעם — מ׳זאָל ניט געפינען קיין טריפהנע זאַכן.

שאַמיראַס געשעפטן זיינען פאַר די יאָרן אַריינגעשטיגן אין די מיליאָנען און מיליאָנען רובל — איצט שוין אויסער מיט ענגלישע און דייטשע, אויך מיט פראַנצויזישע פירמעס. געוואָרן איינע פון די גרעסטע געהילץ־קאָנטאָרן אין ריגע. עס זיינען אויסגעוואַקסן גרויסע געהילץ־פּלעצער און זעג־מילן אין אילגעצעס און מילגראַבן, — די לעצטע ווייט אַראָפּ אין ריגער האַפן. עס זיינען אויך אויסגעוואַקסן גרויסע געהילץ־פּלעצער אין דובעלן, מיטאַווע און ליבאַווע, — די לעצטע אָרום ליבאַווער האַפן. וועלדער האָט מען איצט געהאַקט אויף זייער אַ סך טייכן. אויסער דעם האָט מען אַ סך געהילצן איינגעקויפט פון אַנדערע וואַלד־סוחרים. מ׳האָט שוין איצט געהאַט זייער אַ סך אייגענע לאַיוועס, אייגענע טייך־דאַמפּערס און אייגענע שיפן אין האַפן. אָבער צו דעם אַלעם האָט שוין עליע קיין שייכות ניט געהאַט. ער איז פּשוט אומבאַמערקט אַריינגעוואַקסן אין דער דאָזיקער רייכקייט, אַראָפּגעזונקען

אין איר, ווי אין אַן אָנגעוואַקסענעם ווילד־שמאַלץ, פאַרשטיקט און פאַרוואָרגן געוואָרן אין אים.

דער פעטער איז פאַר דריי־יאָרן פּלוצלינג געשטאָרבן. די געשעפטן זיינען איבערגעגאַנגען צו זיינע זין, מיט דר. לעאָפּאָלדן אין דער שפּיץ. אָנגעהויבן די פאַנאַנדערוויקלונגען האָט דער פעטער, און ער האָט זיך נאָך מיט עליען מישב געווען וועגן געוויסע זאַכן. אָבער די ווייטערדיקע אויסשפּרייטונגען זיינען שוין געווען לעאָפּאָלדס. ער האָט שוין אַלץ געטאָן, ניט רעכענענדיק זיך מיט עליען. ער האָט אָנגעשטעלט אַן איבער־פאַרוואַלטער איבער די געשעפטן אונטער אים. הער הובערמאַן האָט מען אים גערופן. אַ טרוקענער, הויך־געבילדעטער דייטש, מיט ספּעציעלער בילדונג אין וואַלד־קענטשאַפט, בוי־מאַטעריאַלן און איבער־אַרבעטונג פון וואַלד. גערעדט האָט ער אויף פיר שפּראַכן — רוסיש, דייטש, ענגליש און פראַנצויזיש — מיט אַ סך פּראַקטישער דערפאַרונג ביי גרויסע ענגלישע פירמעס. דר. לעאָפּאָלד האָט אים געבראַכט פון ענגלאַנד אויף דער רעקאָמענדאַציע פון אַן ענגלישער פירמע. אין זיינע הענט האָט לעאָפּאָלד איבערגעגעבן פון קויפן וועלדער, ביז פירן אונטערהאַנדלונגען מיט אויסלענדישע פירמעס וועגן נייע באַשטעלונגען אויף געהילצן, פון איינשטעלן נייע געהילץ־פּלעצער, ביז בויען נייע זעג־מילן. ער האָט אויך געהאַט צו זאָגן איבער אַלע מענטשן. עליע איז איצט געווען אונטער אים.

עליע האָט זיך ניט געוואונדערט. ער האָט געוואוסט, אַז ס׳וועט קומען צו דעם. ער איז געבליבן ביים פריערדיקן — געהאַט צו טאָן מיט די אַרבעטן אויף די צוויי העלעמער, — אויפן זווירנהאָלם און גרינעם האָלעם, און מיט האַקן די וועלדער, וואָס האָבן געדאַרפט צו־שטעלן די באַלקנס פאַר די צוויי געהילץ־פּלעצער אונטער אים. אָבער דאָס אָנקוקן וועלדער, וואָס ער האָט אַזוי פיל יאָרן געטאָן אונטערן פעטער, האָט ביי אים הער הובערמאַן אַוועקגענומען. ער האָט זיך געפילט ביטער וועגן דעם. ער האָט געפילט, אַז וואָס איז נוגע וואַלד, ווייסט ער אַ סך מער פון הער הובערמאַן. אָבער ענדערן עס האָט ער ניט געקאָנט, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז הער הובערמאַנס אָראַנזשי־רונגען שטייען זייער הויך ביי לעאָפּאָלדן, און די צייט, ווען מ׳האָט זיך גערעכנט מיט זיינע מיינונגען, איז אַריבער. ער האָט געפילט ווי אַוועקצוגיין. אָבער אַוועקגיין פון שאַמיראָן האָט געמיינט אָנווערן דאָס וואוינערכט אין ריגע, צעברעכן ס׳איינגעשטעלטע לעבן, אַריבערגיין אויף קלענערע שכירות, אַוועקנעמען פון די קינדער די מעגלעכקייט צו פאַר־

ענדיקן זייער בילדונג און דערצו אַרויסרייסן פּון האַרץ דאָס אַלץ, אין וואָס ער האָט אַזוי פּיל לעבן אַריינגעלייגט, געוואָרן אַ טייל פון אים — די געהילף־פּלעצער, די יידן אויפן האָלעם, די מייקעס, וועלכע ער האָט געהאָלפן בויען, די שול, אַפילו די אומגעמעלדעטע יידן אויפן האָלעם, וועלכע ער האָט אין גרעסטן טייל באַזאָרגט מיט אַרבעט. ער האָט דעריבער ניט געזען קיין אַנדערן אויסוועג און געבליבן ביי שאַמיראָן. ניט געקוקט, וואָס די שכירות זיינען געבליבן די זעלבע, די דעה איבער די מענטשן אונטער אים — די זעלבע, מיט קאָרעקטער אַכטונג פון הובערמאַנען צו אים פאַר זיינע לייסטונגען אין צייט פון זאַלאָם, איז אים אין האַרצן דאָך געבליבן אַ מאָדנע פּוסטקייט. ער האָט געפילט, ווי זיין גאַנץ לעבן וואָלט איצט געווען אַראָפּגעדריקט אין אַ פאַרשלאָסענעם רינג, פון וועלכן ער קאָן ניט אַרויס; ווי זיין גאַנץ לעבן וואָלט אָפּגעהאַקט געוואָרן פון זיין וויטערדיקן באַרג־אַרויף, — געבליבן בלויז אַ באַרג־אַראָפּ...

וועגן אהרנען זיינען קיין ידיעות ניט געווען. די האָפענונג, אַז ער לעבט נאָך, האָט גענומען אויסרינען. אַ טיפער וויטיק און אַ שווערע אומרואיקייט האָט זיך אַראָפּגעזעצט אין עליעס און ביילקעס הערצער.

עס זיינען אויפן האָלעם אין משך פון יאָרן צוגעקומען נאָך צרות. נחמן טשופּרינעס עלטערן זון, לייבן, האָט מען אָפּגעגעבן און ער דינט ערגעץ אין אַ סיבירער פּאָלק. און פּיניע מאָהילניקס איינציקער זון, דאָדע, דינט אין אַן אַנדערן סיבירער פּאָלק. אים האָט אַפילו ניט געהאָלפן זיין ערשטע ליגאָטע. ער איז אַנטלאָפן פון פּאָלק אַוועקצופאָרן קיין אַמעריקע, האָט מען אים געכאַפּט און ער האָט בערג מיט צרות. קאָפּל־מאירס עלטערער זון איז אַריינגעפאַלן: מ'האָט אים אַרעסטירט מיט עטלעכע סטודענטן פון ריגער פּאָליטעכניקום. מ'האָט אים שטאַרק געשלאָגן אין דער געהיים־פּאָליציי — געוואָלט פון אים דערגיין נעמען פון אַנדערע סטודענטן. אין קאָפּל־מאירן האָט געבלוטיקט ס'האַרץ. דאָס איינציקע, וואָס האָט געלינדערט זיינע וויטיקן, איז געווען, וואָס זיין דאָדע האָט אונטער אַלע פּייניקונגען קיינעם ניט אַרויסגעגעבן. ישראל יאַקאָרשטשיקס זון, מוליע, אויך אַ סאָלדאַט ביי פּאָניען, איז אַריינגעפאַלן מיט עפּעס „טריפהנע בלעטלעך” אין קאַזאַרמע. איז פאַרשפּאַרט און וואַרט אויף משפּט. ווי אַזוי צו אים קומען פּראָקלאַמאַציעס פון אַן אַרומיקער פאַבריק, האָט קיינער ניט געוואוסט. מ'זאָגט, אַז אים דערוואַרט לאַנגע יאָרן קאַטאָרגע.

דאָס אַלץ איז שווער געהאַנגען אויף די הערצער. קיינער איז ניט געווען זיכער מיט די קינדער. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז דאָס גאַנצע לעבן זינקט אַראָפּ אין אַ פינצטערן תהום און עס זעען זיך ניט די כחות, וואָס זאָלן עס קאָנען אָפּהאַלטן פון פאַרזינקען.

פון די דאָזיקע פיר יאָר איז אָבער דאָס לעצטע יאָר געווען דאָס שווערסטע. אָנגעהויבן האָט עס זיך, ווי אַלע יאָר. נאָכן אייזגאַנג — חול המועד פסח — האָבן קאָפערן גענומען שלאָגן סוואיעס אין די דווינעס. און איידער זיי האָבן נאָך באַוויזן אָפּצוטאָן זייער אַרבעט, האָבן זיך גענומען שיטן קאַראַוואַנען פליטן פון די סוחרישע וועלדער, און יאַקאָרשטשיקעס און שלעפּ־דאַמפּערס האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט איבערצונעמען און איינצושטעלן זיי אין די נאָך ניט פאַרטיקע אָגאַראָדן. די פליטן האָבן זיך געשאָטן טאָג און נאַכט אָן אַן אויפהער, אָן אַן עק, ווי ס׳וואָלט קיינמאָל קיין זאַלאַם ניט געווען אויף דער וועלט און קיינמאָל קיין נשרפים ניט געווען. בלויז „קליינוואַרג״ איז געוואָרן עפּעס ווייניקער.

ביי שאַמיראָן האָט מען ווידער געשטאַפּלט די פליטן אויף די געהילץ־פּלעצער אונטער עליען און אויפן זווירנהאָלם זיינע אַלע געווען אַריבערן קאָפּ אין אַרבעט. מ׳האָט זיך ווי דורשטיקע צוגעכאַפּט צו דער אַרבעט; זי האָט פאַרטויבט די שווערקייט אויף די הערצער און ניט איבערגעלאָזט קיין צייט פאַר טראַכטן.

עס זיינען אויך, ווי אַלע יאָר, אָנגעקומען אין די הונדערטער אומגעמעלדעטע יידן פון די שטעטלעך, זיך צעשאָטן איבער די ביידלעך אויף די פליטן און געאַרבעט אי ביי עליען, אי ביי אַנדערע יידישע וואַלד־סוחרים אויף די דווינעס. זיי זיינען געקומען מיט זייערע אייגענע דאגות און ביטערקייטן אויף די הערצער און די צרות אויפן האַלעם זיינען זיי ניט אָנגעגאַנגען.

אָבער אַ פיר וואָכן שפּעטער האָבן אָנגעהויבן דערגיין ידיעות וועגן אַ בלוטיקן פּאָגראָם אויף יידן אין קישינעוו. די ידיעות, וואָס האָבן דערגרייכט דעם האַלעם — סיי פון יידן אויף מאָסקווער פאַרשטאָט און סיי פון די יידישע וואַלד־סוחרים, וואָס זיינען געקומען מיט זייערע פליטן — האָבן דערציילט וועגן טויזנטער און טויזנטער צעראַבירטע, געהרגעטע און צעקאַליעטשעטע. נאָך שרעקלעכער זיינען געווען די איינצלהייטן פון פּאָגראָם — אַז מ׳האָט געוואָרפן עופעלעך פון די אויבערשטע שטאָקן אויפן ברוק; פאַרגוואַלדיקט יידישע פרויען און מיידלעך, קינדער נאָך; אַז מ׳האָט אויפגעשניטן די בייכער ביי טראָגע־

דיקע אין די הויכע חדשים; געשלאָגן טשוועקעס אין יידישע קעפּ; אָפּגעשניטן בריסטן; אויסגעשטאָכן אויגן, אונטערגעצונדן שולן און געריסן, געטראָטן מיט די פיס און באַשמוציקט מיט בית־הכסא צואה די ספר תורהס; און אַז די פּאָליציי און סאָלדאַטן, וואָס זיינען גע־שטאַנען אין די גאַסן, האָבן ניט נאָר ניט געשטערט די פּאָגראָמ־שטשיקעס, נאָר געהאָלפן אין דעם פּאָגראָם.

די דאָזיקע ידיעות האָבן אויפגעטרייסלט אַלעמען. דער ווייטיק איז נאָך געווען דערדריקנדיקער, וואָס די יידן האָבן זיך ניט געשטעלט אַנטקעגן — זיך געלאָזט אויסשעכטן ווי שאָף, ניט געהאַט דעם אינער־לעכן כח צו שטאַרבן מיט די ציין און נעגל אין די גאָרגלען פון די מערדערס, וואָס יעדער איינער דאָ אויפן האָלעם וואָלט געטאָן. מ׳איז אַרומגעגאַנגען דערשלאָגענע; ס׳האָט אונטערגעהאַקט דעם גלויבן אינעם אייגענעם קיום...

ניט פאַרהיילט נאָך די דאָזיקע וואונד, זיינען געקומען ידיעות וועגן אַ נייעם פּאָגראָם אויף יידן — אין האָמעל, מיט נייע געהרגעטע און צעקאַליעטשעטע.

דאָס לעצטע פון די פיר יאָר, האָט זיך דעריבער זייער שווער אַראָפּגעזעצט אין די הערצער.

נאָך שווערער האָט זיך אָבער אָנגעהויבן דאָס נייע יאָר. כמעט אין רעכטן אָנהויב האָט אויסגעבראָכן די מלחמה מיט עפּעס אַ יאַפּאָניע. פון וועלכער מ׳האָט פריער קיינמאָל ניט געהערט און ניט געוואוסט וואו זי געפינט זיך. און באַלד האָבן אָנגעהויבן דערגרייכן דעם האָלעם ידיעות וועגן מוראדיקע מפּלות מיט צענדליקער און צענדליקער טויזנטער געפאַלענע אין די שלאַכטן — און אַ סך יידישע סאָלדאַטן צווישן זיי. נחמן טשופּרינע און פּיניע מאָהילניקס זין זיינען מיט זייערע פּאָלקן אַריינגעפאַלן אין סאַמע פייער פון די שלאַכטן. לכתחילה איז פון זיי ביידן קיין ידיעות ניט געווען. נאָכדעם איז אָנגעקומען די בלוטיקע בשורה צו נחמן טשופּרינע, אַז זיין זון לייב איז געפאַלן אין די ערשטע שלאַכטן. פון דאָדע פּיניע מאָהילניקס איז קיין ידיעות ניט געווען. צו דעם האָבן זיך אָנגעהויבן מאָביליזאַציעס נאָך מאָביליזאַציעס, מיט נייע פּאָגראָמען: מאָביליזאַציע־פּאָגראָמען. מ׳האָט דערציילט, אַז מאָבי־ליזירטע סאָלדאַטן פון זאַפּאַס זיינען אַרויס שיכורע איבער יידישע שטעט און שטעטלעך, ראַבעווען יידישע הייזער און קוילענען יידן אין די גאַסן, און פּאָליציע שטייט אָן אַ זייט און לאָזט עס צו.

אמת, אין ריגע האָט מען ניט געהערט פון אָנפאַלן אויף יידן.

די מאָביליזירטע פֿון זאַפּאַס — רוסן, דײַטשן, ייִדן און לאַטישן — האָבן שווײַגנדיקע, אין זייערע ציווילע קליידער, זיך געיאָוועט אויף די סבאָרנע פּונקטן. זיי זײַנען אַרומגעגאַנגען פֿאַרביטערטע, אָפּט שטאַרק אָנגעשיכורטע, מיט אויגן ווי לאַמטערנעס, אָבער קיינעם ניט געריִרט, — ווי זיי וואָלטן געפֿילט, אַז די שולדיקע אין אַלע זייערע צרות זײַנען ניט דאָ, נאָר געפֿינען זיך ערגעץ אַנדערש־וואו, און ניט אין זייערע כּחות זיי צו דערגרייכן...

אין די טעג פֿון „אַטפּראַווקע", האָבן זיי — שוין איצט אין סאָל־דאַטסקע קליידער און אין פֿולער מלחמה־אויסשטאַטונג, מיט ביקסן אויף די אַקסלען — געמאַרשירט אונטער מיליטערישע אָרקעסטערס איבער די גאַסן זייער לעצטן וועג, מיט ציווילע מענטשן פֿון ביידע זײַטן אויף די טראָטואַרן, באַגלייטנדיק זיי מיט באַדויער און גרויס רחמנות; זיי האָבן זיך געזעגנט אויף די „טאָווארנע סטאַנציעס" מיט זייערע יאָמערנ־דיקע ווײַבער און קינדער, און צעוויייטיקטע מיט פֿאַרוואָרגענע טרערן אין די העלדזער זיך „געלאָדן" אין די לאַנגע „טאָווארנע" וואַגאַנעס אויף די בלישטשענדיקע רעלסן. פֿאַרשטיינערטע און אונטערגעגעבענע זייער גורל, האָבן זיי זיך „געלאָדן" פֿאַר שחיטה אין די ווײַטע פֿרעמדע ווײַטן אַרײַן.

אין איינעם אַ טאָג, אײַנמיטן זומער, האָט מען זיך דערוואוסט, אַז אין „פּעטערסבאַרג" אויפֿן וואָקזאַל האָט מען געוואָרפֿן אַ באָמבע און דערהרגעט אַ מיניסטער מיטן נאָמען פּליעווע, און אַז עס קומען פֿאַר זייער גרויסע אָביסקעס אין שטאָט און איבער גאַנץ רוסלאַנד.

קיינער האָט אויפֿן האָלעם ניט געוואוסט וואָס עס קומט פֿאַר און וואָס דאָס באַדײַט. דאָס, וואָס מ'האָט געהרגעט פּליעווען, האָט אויס־געקילט די הערצער, ווײַל מ'האָט אין שטאָט גערעדט, אַז ער איז דער שולדיקער ניט נאָר אין קישעניעווער, נאָר אויך אין אַלע הײַ־יאָריקע פּאָגראָמען. אָבער אײַנאיינעם מיט דער אויסקילונג איז געקומען די מורא פֿאַר נקמה־פּאָגראָמען, נאָך אפֿשר גרעסערע פֿון קישעניעווער.

און באַלד טאַקע זײַנען פֿון מאָסקווער פֿאַרשטאָט געקומען קלאַנגען, אַז מ'טיילט בלעטלעך אַרום די קלויסטערס, אין די טשיינעס און טראַק־טירן, אין וועלכע מ'באַשולדיקט די ייִדן אין אַלע מפּלות אין דער מלחמה און אין אַלע צרות און אומגליקן, וואָס די מלחמה האָט מיט זיך געבראַכט און מ'רופֿט צו אַ פּאָגראָם אויף די ריגער ייִדן.

מ'איז געוואָרן אומרואיק אויפֿן האָלעם. דער פֿאַראַיאָריקער קישע־ניעווער פּאָגראָם איז איצט געהאַנגען איבער די קעפּ און אָנגעפֿילט

די לופט מיט זיין בלוטיקן אָטעם. אַ ביטערע שנאה איז אַראָפּ אין די הערצער צו אַלע גוים, און ביי יעדן פאַרדעכטיקן קרים אין זייערע פּנימער איז מען גרייט געווען אַריינצוקריכן מיט די נעגל אין די גאָרגלען.

שווער האָט עליע איבערגעלעבט די יידישע פּאָגראָמען. זיי האָבן אים אַזוי צערודערט, אַז ער האָט ניט געקאָנט שלאָפן קיין נעכט. ניט אַזוי די מורא האָט עליען צערודערט, ווי דאָס, וואָס עס האָט אין אים צעטרייסלט דעם גלויבן אין די ניט־יידישע מענטשן, אין ווען ער האָט געזען די גרויסע כחות פון מענטשלעכן זאַלאָם, — די גאולה פאַר אַלעמען. וואָס האָט מיטאַמאָל איבערגעקערט די דאָזיקע מענטשן? פון וואַנען אַזאַ רוצחישער סם אין זייערע הערצער?...

מיט די דאָזיקע שווערע געדאַנקען איז עליע אַרומגעגאַנגען איבער די געהילץ־פּלעצער. ער איז געגאַנגען פון שטאַפּל צו שטאַפּל, פון איין אַרטעל טיאָסטשיקעס צו דער אַנדערער, פון איינע יאַקאָרשטשיקעס צו די אַנדערע, געשטעלט פראַגן און אויסגעהערט ענטפערס. שטעלנדיק די פראַגן, האָט ער געקוקט די מענטשן אין די אויגן און געזוכט אין זיי עפּעס, וואָס זאָל אים צעשלאָגן די ביטערע ספקות בנוגע זיי. ער האָט ניט געוואָלט גלויבן, אַז די דאָזיקע מענטשן, וואָס האָרעווען אַזוי ערלעך און שווער אויפן שטיקל ברויט, וועלן מיטאַמאָל אויפהויבן זייערע טיאָס־העק אויף אומשולדיקע מענטשן — ווערן איבעראַנאַכט מערדער און רויבער...

וויפל ער האָט ניט געזוכט, האָט ער אין זייערע אויגן ניט געפונען קיין ענטפער אויף דעם. ער האָט באַמערקט אין זייערע אויגן אַ פאַרטראַכטקייט, אַן אַראָפּגעזעצטע שווערקייט אויף די הערצער, אָבער אויסער דעם זיינען זיי געווען פונקט ווי אַלעמאָל: ערלעך, טיף־מענטשלעך, געאַרבעט שווער צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט פאַר זיך מיט ווייב און קינדער. ער האָט אָבער ניט געגלויבט, אַז דאָס איז אַלץ אין די מענטשן. עס מוז דאָך זיין אין זיי עפּעס מער, ווי דאָס, וואָס זיין אויג האָט אין זיי געקאָנט אויפכאַפּן. די פּאָגראָמען זיינען דאָך ניט קיין אויסגעטראַכטע. מענטשן אַזעלכע ווי זיי, האָבן עס דאָך געטאָן... טוען עס דאָך...

עליע האָט אָפּגעריסן צייט און זיך אַרויסגעלאָזט איבער די אָרעמע גאַסן און געסלעך פון מאָסקווער פאָרשטאָט און אַנדערע פאָרשטעט פון

ריגע. ער האָט באַטראַכט די מענטשן אויף די טראָטואַרן, אין די טראַמווייען, אין די מערק, אויף די וואָקזאַלן, געזוכט אונטערצוהערן וואָס מ׳רעדט, פאַרפירן געשפּרעכן.

ער האָט זיך אַ זונטיק אַרויסגעלאָזט צו די קלויסטערס, צו זען מיט זײַנע אייגענע אויגן, ווי מ׳טיילט די פּאָגראָם־בלעטלעך און אָנקוקן די טיילער. ס׳איז געווען ביים גרויסן פּראַוואָסלאַוונעם קלויסטער אויף דער גרויסער מאָסקווער גאַס, די רוקן־ביין גאַס פון מאָסקווער פאַר־שטאָט. ווינטער גייט מען פון דעם דאָזיקן קלויסטער טובלען דעם יויזל אין אַ פּראָרובקע אינעם אייז פון דער „קליינער דווינע", פּונקט אַנטקעגן זווירנהאַלם. ס׳האָבן געקלונגען אַלע גלעקער און דער עולם האָט זיך נאָך די מאָליעבענעס אַרויסגעשאָטן פון די שווערע, ברייט־צעעפנטע קלויסטער־טירן. איינער האָט אונטן ביי די טרעפּ פלינק געטיילט בלעטלעך. ער האָט געזען, אַז קיין איינער זאָל ניט אַוועקגיין אָן אַ בלעטל. דער עולם האָט גענומען פון אים די בלעטלעך און געלייגט אין די קעשענעס.

עליע האָט זיך איינגעקוקט אינעם טיילער פון די בלעטלעך. ס׳איז געווען אַ גוי פון אַ יאָר פערציק, מיט ברייטע פּלייצעס, אַן אָנגע־פּליישיקטע נאָז איינגעשמאָלציקט אין גראָבע באַקן, באַוואָקסן מיט אַ פאַרקאַלטנט בערדל, פאַרגעלט פון קייענדיקן טאַבאַק. ער האָט אַרויס־געקוקט מיט קליינע, שאַרפע אויגעלעך, אָנגעלאָדענע מיט קוועלנדיקער רציחה. געטיילט האָט ער די בלעטלעך מיט אַ התלהבות פון איינעם, וואָס האָט הנאה פון מעסערס פאַר מענטשלעכער שחיטה, אין וועלכער מ׳וועט קאָנען שעכטן און רויבן אומגעשטערט. די לאַנגע פינגער פון זיינע הענט האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן שוין אַ היפּש ביסל מענטשן אַריינגעזעצט אַ מעסער אונטערן האַרצן. אַזוינע הענט האָט עליע אַמאָל געזען ביי די „נאָבערעזשניקעס", בשעת זיי האָבן זיך מיט מעסערס אַרויפגעוואָרפן אויף אים און זיינע פּריקאָזטשיקעס.

ניט ווייט פון קלויסטער, אין מיטן גאַס אויף זיין פּאָסטן, איז געשטאַנען אַ גאָראָדאָוואָי. ער איז געשטאַנען מיטן רוקן צום קלויסטער און זיך ניט אומגעקערט, ווי מ׳וואָלט אים אָנגעזאָגט צו שטיין אַזוי, ביז מ׳וועט צעטיילן די פּאָגראָם־בלעטלעך.

עליע איז צוגעגאַנגען צום טיילער, איינגעקוקט זיך אין אים, גענומען פון אים אַ בלעטל און אים גאַרנישט געזאָגט. זאָגן אים עפּעס, אָדער אָננעמען ביים גאַרגל, ווי ער האָט געפילט צו טאָן, וואָלט קיין זאַך ניט געענדערט, ווייל ער האָט היינט אַרום די אַנדערע קלויסטערס

גענזען נאָך אַזעלכע טיילערס פון פּאָגראָם־בלעטלעך. און אויך דאָרטן זיינען די גאָראָדאָוואָיעס אָדער געשטאַנען מיט די רוקנס צו די קלויס־טערס, אָדער איגנאָנצן, ווי אַנטרונען געוואָרן פון זייערע פּאָסטנס. און היינט איז ניט דער איינציקער זונטיק, וואָס מ׳טיילט זיי.

דער טיילער איז אים פאָרגעקומען באַקאַנט. ער האָט זיך בשעת מעשה ניט געקאָנט דערמאָנען וואו ער האָט אים געזען. אָבער גייענדיק אַהיים, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער איז פון די אַמאָליקע „נאַבערעזש־ניקעס״. סטיאָפּקאָ נאָזש״ האָט מען אים גערופן. ער האָט אַ היפּש ביסל שומרים צעשניטן אויף די דווינעס. פאַר צעשניידן אויף טויט אַ יאַקאָרשטשיק פאַרמשפּט געוואָרן צו צען יאָר קאַטאָרגע. ער איז שוין זיין צייט אָפּגעזעסן און, ווי געהערט, צוריקגעקומען אַן „אויס־געמענטשלטער״. ס׳איז עליען געוואָרן קלאָר, ווי אַזוי ער קומט צום „סאָיוז רוסקאָווא נאַראָדא״, צו די פּאָגראָם־בלעטלעך. ער איז דאָך ווי געבאָרן געוואָרן פאַר פּאָגראָמען...

אַרומדרייענדיק

אַרומדרייענדיק זיך איינמאָל אַ נאָכמיטאָג איבער די גאַסן, איז עליע צום אָונט אַרויסגעקומען אין אַן אומבאַקאַנטער געגנט, וואו ער איז קיינמאָל פריער ניט געווען. ס׳האָט אויסגעקוקט צו זיין אַ דורכאויס לאַטווישע געגנט. ס׳האָט, נאָך זיין חשבון, געקאָנט זיין צווישן פּעטערבורגער פאָרשטאָט און „רויטער דינע״. ס׳איז געווען לעבן אַ גרויסער אומבאַקאַנטער אייזן־ אָדער אפשר מאַשין־בוי פאַבריק. איבער פאַררויכערטע ציגלנע בנינים מיט אַ סך פענצטער, טייל מיט גלעזערנע דעכער, אַרומגעצוימט מיט אַ פּלאַנקען, האָבן הויכע קוימענס גערויכערט אין הימל אַריין. דורך אַן אָפענעם ברייטן טויער צום גאַס, האָבן אַנגע־אָדערטע שלעפּ־פערד מיט ברייטע העלדזער און גראָבע קאָסמאַטע פיס, מיט די קעפּ דורך די דוהעס ביז דער ערד אַראָפּגעבויגן געריסן מיט אַלע כחות שווערע לאַסט־וועגענער, פאַרלאָדענע מיט לאַנגע הילצערנע קאַסטנס. נאָכן שווערן רירן פון די וועגענער, איז געווען קענטיק, אַז אין די קאַסטנס מוזן ליגן זייער שווערע זאַכן.

עליע האָט געקוקט אַ ווײַלע אויף די הויכע רויכערנדיקע קוימענס, אויף די בנינים אין הויף צווישן בערג פון אַלטן אייזן און אויף די שלעפּנדיקע פערד, און זיך צוגעהערט צו דער טעמפּער געקלאַפּערײַ פון שווערע האַמערס און דער טראַסקערײַ פון מאַשינעס, וואָס האָט אָנגעפילט די לופט. דער הימל איז געווען — ווי אַלע טעג אין היי־יאָריקן זומער —

פאַרכמורעט מיט אַן אָנגעלאָדענעם בליי און געדראָט מיט רעגן. עליע איז אַריינגעגאַנגען אין אַ קליין קרעמל אויף דער אַנדער זייט גאַס, געקויפט אַ פעקל פאַפּיראָסן, באַצאָלט, פאַררויכערט און זיך געלאָזט צום טיר. אָבער ווי נאָר ער איז אַרויס אין דרויסן האָט זיך צעהודיעט דער הודאָק פון דער פאַבריק.

דער הודאָק האָט אין זיך געהאַט אַ מאָדנע רעווענדיקע גבורה. דאָס רעווען האָט צעטרייסלט די גאַנצע לופט און זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן אַרום. און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ טרובען, אַ פייפן, אַ בלאָזן, אַ ריטשען און אַ רעווען פון אַלע זייטן. איינע הודאָקעס האָבן זיך אָפּגערופן מיט אַ טעמפּן רעווען פון גאָר ניט ווייט, אַנדערע, פאַרקערט, האָבן פון זייער ווייט געענטפערט, ווי זיי וואָלטן פייפן אויף דער גאַנצער וועלט. און אַז דער גאַנצער עסק הויבט זיי ניט אָן צו געפעלן, און זיי וועלן אַלץ איינס טאָן ווי זיי וועט געפעלן; אַנדערע האָבן געריסן די לופט מיט אַן אכזריותדיקן באַסאָוון טרובען, לאַנג און צעצויגן, ווי געלאָזט וויסן, אַז אויב עמעצן גלוסט זיך זיי זאָלן טרובען, וועלן זיי זיך אַזוי אַריינעגבערן אין אַלעמענס הערצער און אויפרייסן די מוחות, אַז מ׳וועט פאַרזאָגן אַ צענטן אָנצוזאָגן זיי דעות וועגן צו פאַרענדיקן די אַרבעט; אַנדערע האָבן געפייפט גלאַט אַזוי: אַלע פייפן, פייפן זיי אויך. אויב אַלעמען גייט אין לעבן צו פאַרענדיקן די אַרבעט, קאָנען זיי זיך עס אויך פאַרגינען; אַנדערע, פאַרשפעטיקטע, האָבן זיך, ווי אָנגעצ־צונדענע אַריינגעריטשעט, ווי געבערנט אויף אַלעמען, וואָס מ׳לאָזט זיי ניט צו־רו: וואָלט מען ניט גערעוועט און געטומלט, וואָלט מען נאָך געקאָנט אַרבעטן און אַרבעטן. אָבער אַלע האָבן זיי זיך אונטערגעגעבן דער רעוועדיקער גבורה פון דער פאַבריק אַנטקעגן און זיך צונויפ־געגאָסן מיט איר אין הודיענדיקן, פייפנדיקן, ברומענדיקן, טרו־בענדיקן, בלאָזנדיקן און ריטשענדיקן גערעוו. ס׳האָט אָנגעהאַלטן אַזוי אַ פּאָר מינוט, נאָכדעם איז שטיל געוואָרן.

און באַלד האָט טאַקע אויפגעהערט דאָס קלאַפּעריי פון די האַמערס און דאָס געטראַסקעריי פון די מאַשינעס, און פון די בנינים האָבן זיך אַרויסגעשאָטן אַזוי פיל אַרבעטער, אַז דער גאַנצער הויף איז געוואָרן פול מיט זיי. אַלע מיט אויסגעשמירטע פנימער — אייניקע מיט סאַזשע, אַנדערע מיט אויל, אָבער די מערסטע מיט אַן אַראָפּגעזעצטן שטויב פון אייזן און זשאַווער, וואָס האָט זייערע פנימער געמאַכט טונקל־ברוין, ווי אויסגעשמירט מיט אַ טונקעלן זשאַווער־לאַק. אַלע זיינען זיי געווען אין די קליידער, אין וועלכע זיי האָבן געאַרבעט, ניט איינגעוואַשן, די

אַרבל פון די אַרבעטס־העמדער אַרויפגעראָלט ביז די עלנבויגנס, די רעקלעך אויף די אָרעמס און בלעכענע קעסטלעך אין די הענט. אין אַלעמען האָט זיך געפילט אַן אויסגעשעפּטקייט פון שווערן טאָג אַרבעט. דאָ זיינען כמעט אַלע געווען לאַטישן, דורכאויס מענער — יונגע, מיטליאָריקע און עלטערע, אַ סך אין ברילן. זיי האָבן זיך אַרויפ־געלאָזן פון טויער און, ווי אַרויסגעשאָטענע זשוקעס פון אַ גרויסער קאַדקע, זיך צעקראָכן איבער דער גאַנצער ברייט פון גאַס. ס׳איז געוואָרן שוואַרץ פון מענטשן.

מיטאַמאָל האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל און אַ שאַרפע גרילצנ־דיקע פייפעריי פון לויפנדיקע גאַראַדאָוואָיעס. די אַרבעטער האָבן פאַר־לאַנגזאַמט זייער גאַנג פאַר אַ ווײַלע, אַ קער געטאָן די קעפ אין דער ריכטונג פון דער פייפעריי, — געכאַפּט וואָס דאָ קאָן זיין, און געגאַנ־גען ווייטער, ווי דאָס גייט זיי ניט אָן.

מיטן טראָטואַר, וואו עליע איז געשטאַנען, איז געלאָפן אַ יונגער, בלאָנדער אַרבעטער, מיט צעשאָטענע זאַמדיק־ברוינלעכע האָר אויף אַ זייט, זיין פנים צעפלאַמט, מיט ברענענדיקע אויגן פון איינעם, וואָס טוט אַ פאַרבאָטענע, אָבער הייליקע זאַך. ער האָט זיך געטראָגן און אַלע ווײַלע פון אונטערן רעקל אַרויסגעכאַפּט אַ פּעקל פּאַפּירלעך און אַ שליידער געטאָן. זיי האָבן זיך ווי אַ רעגן צעשאָטן אינדערהויך איבער די אַהיים־גייענדיקע אַרבעטער. נאָך אים זיינען געלאָפן צוויי גאַראַדאָוואָיעס, גרילצנדיק מיט זייערע פייפלעך. איינעם פון די גאָ־ראַדאָוואָיעס, וואָס האָט געהאַלטן אין אָניאָגן דעם אַרבעטער מיט די בלעטלעך, האָט עמעצער אונטערגעשטעלט אַ פוס און ער איז געפאַלן. גלייך זיינען איבער אים געפאַלן עטלעכע אַרבעטער, ווי זיי וואָלטן זיך אָן אים פאַרטשעפּעט. ליגנדיק איינער אויף די אַנדערע אויפן גאָראָ־דאָוואָי, האָבן זיי אים אין לאַטוויש געזידלט מיט גרויס שנאה, וואָס ער האָט זיך אויסגעמאַטערטע אונטערגעדרייט אונטער די פיס. ס׳איז אָבער געווען קענטיק, אַז ס׳איז געטאָן געוואָרן בכיוון, צו געבן צייט דעם אַרבעטער מיט די בלעטלעך צו אַנטלויפן. דער יונגער אַרבע־טער איז דערווײַלע פאַרשוואונדן צווישן עולם און אַלע ווײַלע האָט, אין אַן אַנדער אָרט, אַרויפגעשאָסן אינדערהויך אַ נייער רעגן בלעט־לעך. דעם צווייטן גאַראַדאָוואָי, וואָס האָט זיך געזוכט דורכצורייסן צום אָרט, וואו די בלעטלעך האָבן אַרויפגעשאָסן, האָבן די אַרבעטער פאַרשטעלט דעם וועג. כאָטש קיינער האָט זיך אויף אים ניט אומגע־קוקט, אים, דאַכט זיך, ניט געזען, — אָבער וואו ער האָט זיך נאָר אַ

קער געטאָן, איז דער װעג געװען פאַרשפּאַרט מיט אַ װאַנט פון פּלײ־צעס און ער האָט זיך ניט געקאָנט דורכרײסן. עליע האָט זיך אײנגע־בויגן, אויפגעהויבן אַ בלעטל און אַרײנגעלײגט אין קעשענע. ער איז געװען צופרידן, װאָס מ׳האָט דעם פּראָקלאַמאַציע־װאָרפער ניט גע־כאַפּט. אים איז געפעלן געװאָרן, װי די אַרבעטער האָבן פאַרהאַלטן די גאָראָדאָװאָיעס.

אַז די אַרבעטער זײנען זיך צעגאַנגען און די גאַס איז געװאָרן לײדיק, האָט מען אין ערגעץ קײן אײן פּראָקלאַמאַציע ניט געזען. אַ סימן, אַז מ׳האָט זײ צעכאַפּט. אָבער באַלד האָט ער דערזען, אַז צװײ אַנדערע גאָראָדאָװאָיעס מיט אַן אָקאָלאָדאָטשנעם האָבן געפירט דעם יונגן אַרבעטער פון די פּראָקלאַמאַציעס אַ צעשלאָגענעם און צעבלו־טיקטן, מיט די הענט פאַרבונדן אויף הינטן. די צעשלאָגנקײט האָט געװיזן, אַז דער אַרבעטער האָט זיך שטאַרק געװערט, ביז זײ זײנען אים בײגעקומען. דער אַרבעטער איז געגאַנגען און בלוט האָט פון אים גערונען, אָבער אין זײנע אויגן האָט געברענט אַ נצחונדיק פײערל — אַפּנים פון דעם, װאָס ער האָט זײן שליחות אָפּגעטאָן בשלימות: אַלע בלעטלעך, ביז אײנעם צעטײלט! ס׳האָט זיך גערדאַכט, אַז װען דעם אַרבעטער געלינגט זיך אַרויסצורײסן פון זײ, װאָלט ער דאָס מאָרגן געטאָן נאָכאַמאָל.

עליע האָט דאָס זעלבע פײערל געזען בײ אהרנען, בעת ער האָט געהאַלטן זײן לעצטע רעדע אין געריכט: יענע רעדע, װאָס האָט פאַרחתמעט זײן גורל. ער האָט מיט די אויגן באַגלײט דעם אַרעס־טירטן, ביז מ׳האָט זיך מיט אים פאַרקערט אין אַ זײטיקער גאַס. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, װאָס עליע האָט געזען מיט זײנע אײגענע אויגן, װי מ׳טײלט פּראָקלאַמאַציעס און װאָס דאָס קאָסט. מיט אַ דריקנדיקער שװערקײט אויפן האַרצן איז ער אַװעק אַהײם.

עליע איז געזעסן בײ זײן טיש אין קאַנטאָר. ס׳איז געװען נאָך עלף אין אָװנט. דער קעראָסין־לאָמפּ האָט פון באַלקן אומעטיק־לעך באַלויכטן אויפן טיש אַ צװײ צענדליק בלעטלעך, װאָס עליע האָט צונויפגעקליבן אַרום די קלויסטערס, אַרום די טראַקטירן און אַרום עטלעכע פאַבריקן, צו װעלכע ער איז צופעליק אַרויסגעקומען אין צײט, װען די אַרבעטער זײנען געגאַנגען פון דער אַרבעט. די טיר איז גע־װען פאַרקײטלט פון אינעװײניק, קײנער זאָל פלוצלינג ניט אַרײנקו־

מען. אין חדר איז געווען שטיל. בלויז פון דרויסן האָט זיך געהערט אַ רייסן פון דעם ווינט, אַ שרייען פון די בוימער איבערן דאַך; דורך די פענצטער האָט, פון הינטער די טראַגנדיקע שטיקער וואָלקן, זיך געזוכט דורכצורייסן מיט איר שוואַכן ליכט אַן אָפּגעבראָכענע לבנה.

אַלע בלעטלעך, אויסער פיר, זיינען געווען פול מיט בלוטיקסטע בלבולים אויף יידן; באַשולדיקט זיי — פון קרייציקן דעם „דער־לייזער", ביז טרינקען קריסטלעך בלוט, פון קוילענען קריסטלעכע קינדער אויף פסח, ביז אין אַלע אומגליקן אין דער מלחמה. די בלעט־לעך זיינען געווען בלוטיקער איינס פון אַנדערן און אַלע האָבן זיי גע־רופן צו אַ פּאָגראָם אויף די יידן.

די פיר אַנדערע זיינען געווען קליינע פּראָקלאַמאַציעס. זיי האָבן קלאָר געמאַכט דעם חורבן אין מאַנדזשוריע, די סיבות פון דער מלחמה און די שולדיקע אין איר. גערופן האָבן זיי אַראָפּצואוואַרפן דעם קייסער, כדי צו קאָנען פאַרענדיקן די מלחמה און מאַכן אַ סוף צו אַלע אומגליקן. פאַרענדיקט האָבן זיי זיך מיט אַ פלאַמענדיקן „דאָלאָי צאַריאַ!" און „דאָלאָי סאַמאָדערזשאַוויע!" עליע האָט אינגאַנצן איינ־געשטימט מיט די אויספירונגען אין די פּראָקלאַמאַציעס. ס'איז גע־ווען דער איינציקער אויסוועג. — דאָס וואָלט באמת געקאָנט ראַטעווען פון אַלע צרות...

אָבער ניט געקוקט אויף דעם, האָט עליע אויף זיי געקוקט מיט אַ זייער שווערן געמיט. אויף איין זייט זיינען געלעגן זעכצן בלוטיקע פּאָגראָם־בלעטלעך, אַנטקעגן זיי — אינגאַנצן פיר קליינע פּראָקלאַ־מאַציעס. די פּאָגראָם־בלעטלעך זיינען געווען מיט פעטע קלאָרע אותיות אויף אַ זייער גוט פּאַפּיר, און יעדער, וואָס קאָן נאָר צונויפלייגן אַן אות מיט אַן אות, האָט זיי געקענט לייענען; זיי קאָנען איבערגיין אין הונדערטער הענט און מ'וועט זיי נאָך אַלץ קאָנען לייענען. פאַרקערט, די פּראָקלאַמאַציעס זיינען געווען געדרוקט אויף אַ זייער שלעכט פּאַ־פּיר, מיט זייער קליינע אותיותלעך און אַזוי אומקלאָר, ווי די אותיות־לעך וואָלטן געווען אָפּגעריבענע. דערצו איז עס נאָך געווען מיט אַזאַ בלאַסער פאַרב, אַז פאַר אַ גוטן לייענער איז אויך געווען שווער דורכ־צוקריכן. מ'האָט געדאַרפט מער טרעפן, ווי לייענען. און נאָכן דורכגיין עטלעכע הענט, וועלן זיי זיך זיכער צעפאַלן אויף שטיקלעך.

אים איז אַרויף אויפן זכרון, ווי מ'האָט דעם יונגן בלאָנדן אַר־בעטער, מיט די זאַמדיק־ברוינלעכע האָר צעשאָטן אויף אַ זייט, געפירט

אַ צעשלאָגענעם און צעבלוטיקטן, מיט די הענט פאַרבונדן אויף הינטן. עליע האָט בײַ אַנדערע עטלעכע פאַבריקן אויך געזען פונקט אַזעלכע סצענעס. בלויז אַרום איין פאַבריק איז געלונגען דעם פּראָקלאַמאַציע־טײלער צו אַנטלויפן. די איבעריקע האָט מען געכאַפּט, צעמזיקט און אַוועקגעפירט. און דאָרטן וועט מען זיי מסתמא ערשט אויף אַן אמת שלאָגן... ער האָט פאַרגליכן דאָס מסירת־נפשדיקע טײלן פון די פּראָקלאַמאַציעס מיט דעם רואיקן און אָפענעם פאַרטײלן פון די פּאָגראָם־בלעטלעך, און האָט געזען וואָס פאַר אַ ניט גלײַכע מלומדה! וואָס פאַר אַ ניט גלײַכקייט פון כחות! קוקנדיק אויף די פּראָקלאַמאַציעס, וואָס זײַנען געלעגן פאַר אים, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט אויף זיי ניט נאָר ס׳בלוט פון די פאַרטײלער, נאָר אויך זײַן אהרנס בלוט... אַ טיפער ווייטיק און נאָך אַ טיפערע שנאה איז אַראָפּ אין זײַן האַרצן צו די אַלע, וואָס שטייען הינטער די טײלער פון די פּאָגראָם־בלעטלעך, ביז גאָר אַרויף — פון וואַנען אַלע אומגליקן שטאַמען.

ער איז דורכגעגאַנגען אין זכרון — ווי דער עולם פון די קלויז־טערס האָט די פּאָגראָם־בלעטלעך אַרײַנגעלייגט אין די קעשענעס און אַוועקגעטראָגן אַהיים. ער האָט אין יעדן פּאָגראָם־בלעטל געזען אַן אַוועקגעטראָגן בלוטיק מעסער פאַר יידישע העלדזער. ס׳האָט זיך איצט געווענדט ניט אין די מעסערס, נאָר אין די מענטשן.

דורכנעמענדיק אין געדאַנק אַלע ערטער, וואו ער איז אויסגעווען זינט די יידישע פּאָגראָמען, די מענטשן, וואָס ער האָט געזען, די געשפּרעכן, וואָס ער האָט געפירט, די שמועסן, וואָס ער האָט אונטער־געהערט, איז זײַן אונטערגעפירטער סך־הכל געווען, אַז ער האָט אין קיינעם קיין זאַך ניט באַמערקט, וואָס מ׳זאָל קאָנען זאָגן, אַז זיי זײַנען מיט עפּעס אַנדערש געוואָרן, ווי אַלעמאָל געווען. ער האָט בלויז געפילט, אַז יעדערער איז פונעם שווערער־געוואָרענעם לעבן זינט דער מלחמה טיפער אַראָפּ אין זיך, און פון דאָרטן מיט אַ מאָדנער אומ־רואיקייט אַרויסגעקוקט צו די מענטשן אַרום, — ווי אַנגעוואָרן דעם גלויבן און צוטרוי איינער צום אַנדערן. אָבער ער האָט זיך ניט געקאָנט באַפרייען פונעם געדאַנק, אַז טיף אין זיי קאָן זײַן עפּעס אַזוינס, וואָס זײַן אויג האָט ניט געקאָנט אויפכאַפּן, — וואָס זאָל אויסלעשן אין אים די האָפענונג, אַז זיי זײַנען די זעלביקע ערלעכע מענטשן, ווי אַלעמאָל געווען.

ס׳האָט זיך איצט געווענדט — ווי טיף ס׳איז אין זיי דער מענטש־לעכער עיקר; ווי שטאַרק ס׳איז אין זיי דאָס אינערלעכע פירנדיקע

ליכט, דורכצושטראַלן זיך דורך אַלע בלוטיקע בלבולים צום אמת; און דער עיקר: ווי שטאַרק קאָנען זייערע הערצער דערפילן דעם אמת דאָרטן, וואו ס׳אויג קאָן אים ניט זען און דער שכל ניט אָנטאַפּן?...

ער האָט געוואוסט, אַז — זאָל קומען, חס וחלילה, צו עפּעס, וועלן מכל המינים „נאַבערעזשניקעס״ זיין אין סאַמע געדיכטן פונעם פּאָגראָם: זיי וועלן זיין אי די פירער, אי די קוילער. ס׳איז זייער יום־טוב... אָבער ניט פאַר זיי האָט ער מורא געהאַט. זיי קאָן מען בייקומען דורך שלאָגן צוריק. די סכנה איז געלעגן אין די הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען ערלעכע מענטשן, אין זייער אַראָפּגליטשן זיך צו רויב און מאָרד... ניט נאָר דער יידישער, נאָר אַלעמענס גורל איז געהאָנגען אויף דעם!... אַלע חלומות און האָפענונגען וועלן זיך דאַן אויסלעשן, ווי בליצן אַריינגעשלאָגענע אין אַ שטורעמדיקן ים... קיין איין סאַמאָ־אָבאָראָנע וועט דעמאָלט ניט העלפן...

מיט די שווערע געדאַנקען איז ער נאָך אַ לאַנגע צייט געזעסן אין קאָנטאָר.

נ אַ כ ט

ס'איז געווען אַ שווערער רעגנדיקער זומער. פון נאָך שבועות אָן האָט געהאַלטן אין איין פליוכען. דער הימל איז שטענדיק געווען פאַרצויגן מיט שווערע פינצטערע כמאַרעס און ווינטן האָבן געיאָמערט, געקערט און געריסן. פלעגט זיך די זון אַרויסכאַפּן אויף אַ ווייל, פלעגן די כמאַרעס צוריק, ווי מיט בליי פאַרגיסן די דורכ־געריסענע ערטער אין הימל, און אַ פרישער מבול פלעגט ווידער דורכ־פליוכען יעדן אָרט, צו וועלכן ס'האָט זיך צוגערירט אַ שטראַל, — ווי די וואָלקנס און רעגן וואָלטן זיך אַנגעזעצט ניט צו דערלאָזן קיין ברעקל זון צו דער ערד.

די פליטן האָבן זיך אַ גאַנצן זומער געוואָרפן און געריסן פון די סוואַיעס. איבער יעדער נאַכט איז געהאַנגען די סכנה פון אַ נייעם זאַלאַם. די יאַקאַרשטשיקעס האָבן אַ גאַנצן זומער געהאַלטן אין איין איבערבינדן די פליטן אויף די סוואַיעס און אין איין איבערקרעפּעווען די אַגאַראָדן. מ'איז גאַנצע טעג אַרומגעגאַנגען דורכגענעצטע ביז די ביינער. ס'האָבן ניט פאַרהיט קיין רעגנמאַנטלען, ניט אַנגעוואַרעמט קיין פאַנאַנדערגעלייגטע פייערן.

נאָך שווערער איז געווען די אומגעמעלדעטע יידן אין די ביידלעך אויף די פליטן. ס'האָט אויסגעמאַטערט דאָס שלאָפן אין די נעכט, דורכגענעצטע ביזן לעצטן פאָדעם. וואו אַנדערש אַהין צו טאָן זיך איז ניט געווען. אַבלאַוועס זיינען געהאַנגען, ווי חלפים איבער די העלדזער, און מ'האָט ניט געקאָנט ריזיקירן איבערצונעכטיקן אויפן האַלעם, אַפילו ניט אונטער אַן איבערגעוואָרפן דעכל צווישן שפּליטהאָלץ־קלאָפּטערן. גראַד אַזעלכע נעכט קלייבן „זיי” אויס פאַר אַבלאַוועס.

ס'איז געווען אַ זומער, ווי ביי אַלעמען אויף די הערצער.

ערב תשעה באב האָט זיך דער טאָג איינגעגעבן אַ זייער שווערער. פון אינדערפרי אָן האָט געגאָסן ווי פון צעבערס. ווינטן האָבן געריסן די לאַדנס און דעכער און די בוימער געשמיסן און געריסן אין אַלע זייטן, ווי זיך פאַרנומען אַרויסצורייסן זיי אינאיינעם מיט די וואָרצלען. אויף די דווינעס האָט געשטורעמט, געשליידערט און געיאָמערט. דאָס וואַסער האָט זיך אויפגעהויבן צו אַ דראָענדיקער הייך און פאַרטרונקען די נידעריקע ערטער אויפן האַלעם און געדראָעט אַראָפּצוטראָגן אַלע געהילצן פון די ברעגן. דערצו איז אַ גאַנצן טאָג געווען חושך, ווי אין מיטן נאַכט. אַפילו אין האַיאָריקן שווערן זומער איז נאָך אַזאַ טאָג ניט געווען.

די יאַקאָרשטשיקעס זיינען געווען אַ גאַנצן טאָג אויף די דווינעס. כדי צו פאַרהיטן פון אַראָפּטראָגן די געהילצן פון די ברעגן, האָט עליע געהייסן לייגן צוויי ליניעס אַגאַראַדן אויפן האַלעם גופא, ווי אַן אַרומצוימונג אַרום די געהילצן. יאַקאָרשטשיקעס זיינען געשטאַנען אין די קליידער ביזן ברוסט אין וואַסער און צונויפגעשלאָגן באַלקנס מיט שטיקלעך קייטן איינע צו די אַנדערע אַרום גאַנצן האַלעם. אויסער דעם האָט מען די פּליטן אויף שוואַכערע סוואַיעס אונטערגעקרעפּעוועט מיט אַנקערס. אָבער ניט געקוקט אויף אַלע אָנשטרענגונגען, האָט מען ניט געגלויבט, אַז מ׳וועט זיך אויסדרייען פון אַ זאַלאָם.

נאָך האַלבן טאָג האָט מען גערעכנט, אַז אַלץ איז פאַרלאָרן און געוואַרט פון מינוט צו מינוט אויף דאָס ערגסטע. צום אָוונט האָט זיך אָבער דער ווינט אַ קער געטאָן אין אַן אַנדער זייט און האָט זיך אָנגעהויבן לייגן. ס׳האָט גענומען, קעגן אַלעמענס דערוואַרטונגען, צו ווערן עפּעס גרינגער. דאָס וואַסער אויף די דווינעס האָט גענומען פאַלן און די פאַרטרונקענע ערטער פון האַלעם זיינען צוריק אַרויס פון אונטערן וואַסער.

מ׳האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, און דורכגעווייקטע און אויסגעמאַטערטע זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערגיין איבער די מייקעס. ס׳איז איצט געווען אַ האַפּענונג, אַז מ׳וועט קאָנען זאָגן קינות. ס׳האָט נאָך גערעגנט, דער ווינט איז נאָך געווען שטאַרק, אָבער צו אַזוינס איז מען שוין געווען געוואוינט האַיאָריקן זומער.

פאַרפאַסט, איז מען אַוועק אין שול זאָגן קינות.

קיין יאָר איז ניט געווען אַזוי שווער אויף די הערצער ביים זאָגן קינות ווי האַיאָר. זיצנדיק אין שול אויף קורצע קלעצלעך, מיט ליכטלעך אין די הענט איבער די קינות, האָט מען מיט אַראָפּגעלאָזטע

קעפּ, ווי אבלים, טיף דערדריקט אויפגענומען דעם אומגליק פון אַמאָליקן ייִדישן חורבן, וואָס ציט זיך אָן אויפהער, ביז הייַנטיקן טאָג, און עס זעט זיך ניט קיין סוף.

פון שול איז מען זיך צעגאַנגען שווייַגנדיקע. געקוקט אויפן אומרואיקן הימל און ניט געגלויבט, אַז מ׳וועט קאָנען רואיק דורכשלאָפן די נאַכט.

מ׳איז אַרייַן אין די מייקעס און באַלד געגאַנגען שלאָפן, כדי וואָס עס זאָל זיך ניט מאַכן, זאָל מען דערווייַל אַרייַנכאַפּן עטלעכע שעה שלאָף.

אויך ביי עליען איז מען באַלד געגאַנגען אין די בעטן. אַלע זייַנען געווען אויסגעמאַטערט — פייטע און אפרים האָבן אַ גאַנצן טאָג געהאָלפן דורכציען די אָגאָראָדן אַרום האָלעם — און באַלד אייַנגעשלאָפן. בלויז עליע, ניט געקוקט, וואָס ער איז געווען זייער שטאַרק אויסגעמאַטערט, איז געלעגן אַ לאַנגע צייַט און ניט געקאָנט מיט אַן אויג צומאַכן. ער איז עטלעכע מאָל אַרויס אין דרויסן, אַ קוק געטאָן אויפן הימל, אויף די דווינעס. אַז ער איז אַרויס דעם לעצטן מאָל — אַרום איינס בייַנאַכט — האָט דער רעגן אויפגעהערט. דער ווינט איז נאָך געווען שטאַרק, אָבער קיין סכנה איז שוין ניט געווען. ער איז אַרייַן אין מייקע, זיך געלייגט און באַלד אייַנגעשלאָפן.

ווי נאָר ער האָט אייַנגעשלאָפן — ס׳האָט געמוזט זייַן נאָענט צו צוויי — האָט אַ בילן פון די האָלעמשע הינט און אַ מוראדיקער טראַסקען אין דער טיר און די לאָדן אַלעמען אַרויסגעריסן פון די בעטן. אייַנאיינעם מיטן טראַסקען האָט זיך געטראָגן פון יענער זייַט טיר:

— אָטקראָי, פּאָליציאַ! [עפן, פּאָליציע!].

עליע איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט אַ בלאַסער און אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. ביילקע האָט אויפגעציטערט און אויך אַרויס פון בעט. ס׳איז געווען קלאָר — מ׳איז געקומען נאָך די קינדער. באַהאַלטן פייטען מיט אפרימען איז ניט געווען וואו. לויפן דורך די פענצטער האָט מען ניט געקאָנט. פּאָליציע האָט אויסגעקוקט צו זייַן אַרום און אַרום.

עליע האָט זיך אָנגעטאָן און, ניט געקוקט אויפן אכזריותדיקן טראַסקען, ניט געאייַלט מיטן עפענען די טיר. זינט דער ערשטער בלוטיקער אָבלאַווע אויפן האָלעם, ווען זיי האָבן פון זייַן טראָגעדיקער ביילקען אַראָפּגעריסן די קאָלדרע, עפנט ער מער ניט די טיר, כל זמן ביילקע איז ניט אָנגעטאָן. ער האָט אַלעמאָל געזען, אַז אויך די קינדער זאָלן זייַן אַרויס פון די בעטן און אָנגעטאָן.

אַלע האָבן דעריבער פּיבערדיק געשלעפּט אויף זיך די קליידער. אַז אַלע זיינען געווען אָנגעטאָן, האָט עליע געעפנט די טיר.

אין מייקע האָבן זיך אַריינגעריסן אויפגעקאָכטע זשאַנדאַרמען און געהיים־אַגענטן, אינגאַנצן פרעמדע עליען. אַ סימן, אַז די אַבלאַווע האָט ניט צו טאָן מיט דער פּאָליציי פון מאָסקווער פּאַרשטאָט — מיטן כאַפּן אומגעמעלדעטע יידן.

— טי פּאַטשעמו ניע אָטקריל ניעמעדליענאַ? [פאַרוואָס האָסטו ניט באַלד געעפנט?] — האָט אַ דונער געטאָן דער זשאַנדאַרמסקער אָפיצער.

— דאַל וואָזמאָזשנאָסט סעמיע אָדיעטסיאַ [געגעבן דער פאַמיליע אַ מעגלעכקייט אָנצוטאָן זיך], — האָט עליע בלאַס, אָבער רואיק געענטפערט.

דער זשאַנדאַרמסקער אָפיצער האָט אים אָנגעקוקט אַ ווײַלע מיט אָנגעצונדענע גלעזערנע אויגן, נאָכדעם, אין אַ געענדערטן טאָן, אָבער שאַרף אַ פאָדער געטאָן:

— פּאַספּאָרט!

עליע האָט אים דערלאַנגט דעם פּאַס.

ביילקע איז געשטאַנען ווייס, ווי קאַלך, אָבער מיט אַלע כחות געזוכט צו באַהאַלטן איר ציטער איבער די קינדער. איר האַרץ האָט זייער שטאַרק געקלאַפּט. זעלדעלע האָט אַ צעשראָקענע זיך געטוליעט צו איר. ביילקע האָט זי צוגעדריקט צו זיך און געזוכט זי צו באַרואיקן. פייטע און אפרים זיינען געשטאַנען בלאַסע און פאַרביסענע.

די זשאַנדאַרמען און געהיים־אַגענטן האָבן זיך אַוועקגעלאָזן נישטערן איבער די אַנדערע חדרים. דער זשאַנדאַרמסקער אָפיצער האָט אַריינגעקוקט אין עליעס פּאַס און געפרעגט:

— עליאַ מאַגנוס?

— דאַ, עליאַ מאַגנוס, — האָט עליע געענטפערט פאַרזיכטיק, ניט וויסנדיק וואָס נאָך ער וועט פרעגן.

— אַ עטאָט קטאָ? [און דער ווער איז?] — האָט ער פלוצלינג אַ פרעג געטאָן, אַ וואָרף טוענדיק דעם פינגער אויף פייטען.

— מאָי סין פייטאַ, אַ עטאָט מלאַדשי, אפראַים [מיין זון פייטע, און דער איז דער יינגערער, אפרים], — האָט עליע מיט אַ ציטער אין האַרצן, אָבער זייער איינגעהאַלטן געענטפערט.

— גדיע אַראָן? טי גדיע יעוואָ ספּריאַטאַל? — האָט דער זשאַנ־

דאַרמסקער אַפּיצער אַנגעהויבן דונערן. — טהי גדיע יעווא ספּרי־אַטאַל? [וואו איז אַראַן? וואו האָסטו אים באַהאַלטן?].

די פראַגע האָט עליען אינגאַנצן צעמישט. ער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך. ביילקעס שוואַרצע אויגן האָבן זיך ברייט אויפגעריסן און מיט גרויס אומרואיקייט געקוקט אויפן זשאַנדאַרמסקן אָפיצער, ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס מער הערן וועגן איר אהרנען.

— סאָ דניא סודא ניע סליכאַל אָ ניאָם [זינט זיין משפּט ניט גע־הערט פון אים], — האָט עליע מיט אַ שטאַרק קלאַפּנדיק האַרץ, אָבער איינגעהאַמעוועט געענטפערט.

— ביעזשאַל, סוואָלאָטש! אָן זדיעס אי טי זנאַיעש גדיע אָן! [אַנט־לאָפן, דער לומפּ! ער איז דאָ און דו ווייסט וואו ער איז], — האָט דער זשאַנדאַרמסקער אָפיצער ווידער געדונערט. — מי יעווא ווסיאָ ראַוונאָ נאַידיאָם!... [מיר וועלן אים סיי ווי געפינען!].

אויפגעכאַפּט די סיבה פונעם אַביסק, האָט שוין עליען ניט געאַרט ניט זיין שרייען און ניט דאָס זוכן, און שוין רואיקער געזאָגט:

— פּאָזשאַלוסטאַ אישטשיטיע... [ביטע, זוכט].

ביי ביילקען האָבן אין די ווינקלען פון אירע אויגן אַרויסגעשלאָגן קליינינקע פרייד־טרערעלעך. פּייטע און אפרים האָבן אויך מיט אַ סך פאַרזיכט רואיקער אָפּגעאָטעמט.

די זשאַנדאַרמען און געהיים־אַגענטן האָבן איבערגעקערט אַלץ אין מייקע; זיי האָבן געזוכט אין קעלער, אויפן בוידעם, געקלאַפּט אין די ווענט, אויפגעריסן פּאָדלאָגעס אין די האַנט־קאַמערן און שטעלכלעך אין הויף, געקראָכן אונטערן וועראַנדע, איבערגענישטערט אין אַלע פאַר־דעכטיקע ווינקעלעך, איבערגעדרייט אַלץ אין די שופלאָדן און אַלמערס, געזוכט אַפּנים אויך בריוו פון אַהרנען, אָדער אַנדערע סימנים פון זיין זיין דאָ, אָדער וואו ער געפינט זיך.

אַז פאַליציע האָט נאָך אַ גאַנצער שעה איבעררירן און איבער־נישטערן יעדעס ווינקעלע פאַרלאָזט דעם האָלעם, האָט עליע אויס־געפונען, אַז די אַבלאַווע איז אָנגעגאַנגען איבערן גאַנצן האָלעם, און ביי אַלעמען האָט מען געזוכט אהרנען, מיטן חשד, אַז ער קאָן זיין ביי עמעצן אַנדערש אויסבאַהאַלטן אויפן האָלעם. צום גליק האָט מען אויך קיינעם פון די אומגעמעלדעטע יידן אויפן האָלעם ניט געפונען און קיינעם ניט אַרעסטירט.

דאָס איז געווען די יום־טובדיקסטע אַבלאַווע, וואָס דער האָלעם האָט ווען עס איז געהאַט, און ביי עליען און ביילקען און די קינדער —

די גליקלעכסטע, כאָטש קיין ברעקל ידיעה וואו אהרן געפינט זיך האָבן זיי ניט געהאַט. נאָך איידער פּאָליציע האָט אויף שיפלעך אָפּגעטשאַליעט פון האָלעם, האָבן שוין אַלע געוואוסט די נייעס וועגן אהרנען, און נאָך דער גרויס פון דער אָבלאַווע באַגריפן די וויכטיקייט פון זיין אַנטלויפן.

ווי שטאַרק עליע און ביילקע האָבן ניט געוואָלט זען אהרנען, האָבן זיי אָבער געציטערט ער זאָל זיך פלוצלינג ניט אַראָפּלאָזן אויפן האָלעם. ווייל נאָך אַזאַ אָבלאַווע וועלן זיכער אַ סך אויגן וואַכן איבערן האָלעם.

אויף מאָרגן נאָך תשעה באב, איז דער טאָג נאָך געווען אַ זייער ווינטיקער, אָבער גערעגנט האָט ניט מער. פאַרקערט, די ווינטן האָבן צעריסן די וואָלקנס און דער הימל האָט זיך גענומען אויסלייטערן. ביי אַלעמען אויף די הערצער איז אָבער געווען יום־טובדיק, ווי דאָס וואָלט געווען דער שענסטער טאָג פון אַלע זומערן. און ווי צוצוטראָגן צו אַלעמענס פרייד, האָט צום סוף טאָג אַרויסגעשיינט די זון, און פון איין זייט הימל צום אַנדערן האָבן זיך אויסגערעגנבויגנט זיבן דימענ־טענע בריקן.

עטלעכע טעג שפּעטער איז עליע צוגעגאַנגען צום דער „גרויסער דווינע" — זען וואָס עס טוט זיך אויפן טייך. פון אַ צו־געפאָרן שיפל אין צוויי פּאָר רודערס איז אַרויסגעגאַנגען אַ הויכער אומבאַקאַנטער יאַקאָרשטשיק, מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל און באַהאָר אויפן פּלייצע. דער אַנדער יאַקאָרשטשיק איז געבליבן אין שיפל. דער יאַקאָרשטשיק מיטן פּאַפּיראָס אין מויל איז צוגעגאַנגען צו עליען, געבעטן אַ שוועבעלע צו פאַררויכערן און געפרעגט וואו מ'קאָן דאָ זען „גאָספּאָדין מאַגנוס", דעם עלטסטן פּריקאַזטשיק אויף שאַמיראָס געהילץ־פלאָץ. עליע האָט אים דערלאַנגט אַ קעסטל שוועבעלעך. איבערצייגט זיך, אַז דער, וואָס האָט אים געגעבן די שוועבעלעך, איז טאַקע „גאָספּאָדין מאַגנוס" אַליין, האָט ער פאַררויכערט דעם פּאַפּיראָס, אומגעקערט די שוועבעלעך, באַדאַנקט און איבערגעגעבן עליען אַ קליין קאָנווערטל. געבעטן עליען צו עפענען דאָס קאָנווערטל שפּעטער, איז ער אַוועק צוריק צום שיפל און מיט דעם אַנדערן יאַקאָרשטשיק, ווידער אין צוויי פּאָר רודערס, אָפּגעפאָרן פון האָלעם.

געעפנט דאָס קאָנווערטל, האָט עליע אין אים געפונען אַ קליין

צעטעלע אויף רוסיש: „נאַ סוואָבאָדיע. זדאָראָוו. גאָלאָווי ווישע. באָר־באַ טאָליקאָ נאַטשינאַיעטסיא. מי פּאָבעדים” [בין פרייַ. געזונט. האַלט די קעפּ אין דער הויך. דער קאַמף הויבט זיך ערשט אָן. מיר וועלן זיגן]. קיין אונטערשריפט איז ניט געווען. אָבער די האַנטשריפט איז געווען אהרנס.

דעם שבת נחמו האָט עליע פאַרבעטן דעם גאַנצן האָלעם צו זיך אין מייקע אויף לעקעך־און־בראָנפן, און ביילקע האָט נאָך קיינמאָל ניט אָנגעשטעלט אַזוי פיל צום פאַרבייסן. קיינער, אויסער ביילקען, פייטען, אפרימען און ירוחם־בערן, האָט ניט געוואוסט פון אַהרנס צעטעלע. עליע האָט עס ניט געהאַלטן — פאַרברענט. אָבער אַלע האָבן זיך שטאַרק געפרייט און געוואונטשן קאָפּל־מאירן און ישראל יאַקאָר־טשטיק גאָר אינגיכן אַזעלכע אָבלאַוועס מיט לעקעך־און־בראָנפנס.

און ניט געקוקט אויף חודש אלול, האָט ווי מיט פרישע פרילינג־ווינטלעך געטראָגן איבער די דווינעס.

ווערטער־פאַרטייטשונגען

א

אַביסקעס — רעוויזיעס, זוכונגען
אַבלאַווע — אַ זוכונג־אָנפאַל פון פּאָליציי
אָדם איז בצלם אלוקים — דער מענטש, באַשאַפן אין גאָטס פּאָרעם
אַגאַראַד — אָפּגעצוימטע שטיקער טייך מיט שווימענדיקע באַלקנס — צו האַלטען פליטן פאַרן זומער
אַדעקאַלאָן — שמעקעדיק וואַסער, אַ מין פּאַרפום
אודע — אַ ווענטקע צו כאַפּן פיש
אוטשאַסטאַק — פּאָליציי־קאַנצעלאַריע
אויסגעכלאַפּאָטשעט — אַרויסגעקראָגן
אוראָקעס — לעקציעס
אָטפּראַווקע — אָפּשיקן צום פראָנט
אָטקראַי — עפן
איקרע — רויג
אָסטראָג — טורמע, תפיסה
אצבע אלוקים — אַ „פינגער", אַ צייכן פון גאָט
אָקאָלאָדאָטשניקעס — נידעריקער ראַנג פּאָליציימאַן
אַרטעל — אַ פּאַק־גרופּע
„אָשמנו" — מיר האָבן געזינדיקט

ב

באַהאָר — אַ לאַנגער שטעקן מיט אַ הוק
בומאזשניק — געלט־טאַש
בין אדם לחברו — צווישן מענטש און מענטש
בין אדם למקום — צווישן מענטש און גאָט
ביטשאָווקעס — שטריק
ביקעס — די סלופּעס אויף וועלכע עס האַלט זיך די בריק
בלשון רבים — אין מערצאָל
בצלם אלוקים — אין גאָטס פּאָרעם
בראַטיקעס — ברידערלעך
ברשות הכלל — אין רשות פון דער געזעלשאַפט

ג

גאָנשטשיקעס — מענטשן, וועלכע פירן די פליטן איבערן וואַסער
גאָספּאָדין — הער
גאָראָדאָוואָי — פּאָליציימאַן
גן עדן התחתון — גן עדן אויף דער וועלט
גויאַווועט — געקומען, געוויזן זיך
גריוונע — רוסישע מטבע פון 10 קאָפּי־קעס

ד

דאָלאָי צאַריאַ — אַרונטער מיטן צאַר
דאָלאָי סאַמאָדערזשאַוויע — אַרונטער מיט זעלבסט־הערשאַפט
דוהע — דער האַלב־רונדער הילצערנער אויסבויג איבערן פערד, וואָס איז געשפּאַנט צווישן צוויי דישלעס
דוואָרניק — אַ סטרוזש, וועכטער
דיעזשורני — פּאָליציאַנט אין דינסט
דיעליאַנקעס — אַ קלענערער טייל וואַלד באַשטימט אויף אויסצוהאַקן
דראַהאַלקעס — לאַנגע רודערס אויף צו פירן פליטן

ה

האַלעם — אינדזל אויף אַ טייך ביי זיין אַריינגוס אין ים
הוסאַרסקע — ווי ביי אַ הוסאַר — ריי־טער־סאָלדאַט.
הודאָק — פייף

היילענדיקע — ליאַרעמדיקע
הליאַק — אַ גרויסער קרוג פאַר שבת־דיקן טיי
הריווניע — רוסישע מטבע פון 10 קאָפּיקעס
הרף־עין — אויגנבליק
השי״ת — השם יתברך — גאָט

ו

ואהבת לרעך כמוך — זאָלסט ליב האָבן דיין פריינט (אַלע מענטשן) ווי זיך אַליין
וואַליען — איינוואַרפן
וואַליקעס — פילצענע שטיוול
וואַלן — כוואַליעס
וואַזשיקעס — אַריבערפירער
וויטשקעס — דינע צווייגן

ז

זאַביאַקע — שלעגער
זאַוויעדויושטשי — פאַרוואַלטער
זאַלאָם — צוזאַמענברוך
זאַסלינקעס — אויוון־טירלעך
זאַפּאַס — רעזערוו־סאָלדאַטן
זאַקאָן — געזעץ
זשיליעטקע — וועסטל

ח

חבלי לידה — געבורט־ווייען

ט

טאַבורעטקע — אַ קליין בענקל אָן אַ ווענטל
טאַוואַרני פּאָיעזד — פראַכט־באַן
טאַלקוטשקע — מאַרק
טוזשורקע — רעקל
טיאַסטשיקעס — טעסלערס, העקערס
טיוגע — געדיכט־שווימענדיקע קליינע שטיקלעך אייז
טי קטאָ — ווער ביסטו?
טראַקטיר — שענק
טשיינע — טיי־הויז

י

יאַונס קונגס — יונגערמאַן
יאַקאָר — אַן אַנקער
יאַקאָרשטשיק — אַרבעטער ביים פירן געהילץ און טאָן אַנדערע אַרבעטן אויפן טייך
יצירה — באַשאַף
יצירים — שאַפערס
יעווריי — אַ ייד

כ

כביכול — גאָט
כולו עבודה מכל המינים יצירה — לויטער אַרבעט, פון כלערליי שאַפונגען
כולו גן עדן — לויטער גן־עדן
כופר בעיקר — לייקנט אין די גרונט־פרינציפּן פון אמונה אין גאָט
כאַלאָסטיאַק — אַ בחור, אַ ניט־פאַר־הייראַטער
כלאָפּצאַקעס — יונגען
כרת־ימים — פאַרקירצטע יאָרן

ל

לחם לאכול ובגד ללבוש — ברויט צום עסן און אַ קלייד צום אָנטאָן
לייווע — באַרזשע

מ

מאַליעבענעס — תפילות
מאָהילניק — קריסטלעכער בית־עלמין
מאַמוליע — מאַמע
מונדשטוק — ציגאַרשפּיץ
מייקעס — שטיבער
מעדיצינסקי סמאָטר — מעדיצינישער אויפזיכט איבער פּראָסטיטוטקעס

נ

נאַבאָיעס — צוגעשלאָגענע צייכנס
נאָוואָ־ווערדיעניע — אַ נייע איינפירונג
נאָזש — מעסער
נאַטשאַלסטווע — די מאַכט, טשינאָווניקעס

נאַרעס — פּלעצער צום שלאָפֿן
נוקם ונוטר — אַ שטרענגער גאָט, וואָס נעמט נקמה
ניוועץ — דער אַפּפּאַל

ם

סאַדיס — זעץ זיך
סאַיוז רוסקאַווּאַ נאַראָדאַ — „פֿאַרבאַנד פֿון רוסישן פֿאָלק" — אַ רעאַקציאָנער־כוליגאַנישע אָרגאַניזאַציע
סאַמאַ־אַבאַראָנע — זעלבסטשוץ
סאַמאָדיעל — אַליין געמאַכט
סבאָרני פּונקט — זאַמלפּונקט
סוואַיעס — שווערע קלעצער
סוואָלאָטש — לומפּ
סטאַראָאָבריאַדצעס — אַלט־גלויביקע רוסן
סטאַרעץ — אַ זקן
סטאַלאָווע — עס־צימער
סטראַכיר־געזעלשאַפֿט — פֿאַרזיכערונג־געזעלשאַפֿט
סטרעכע — דער אונטערשטער ברעג פֿון שטרויענע דעכער
סנאָסטשזן — שטריק מיט וועלכע מען בינדט צונויף די קלעצער
סכאָדקע — געהיימער רעוואָלוציאָנערער צוזאַמענקונפֿט
סעלאָ — אַ דאָרף
סעניקעס — שטרוי־זעק
סערמיגע — לייוונטענער פּויערשער בגד
ספּירן — באַלקנס, פֿון וועלכע מען מאַכט מאַסטן פֿאַר שיפֿן
ספּלאָוון — צוזאַמענגעבונדענע פּליטן, וואָס שווימען אויפֿן טייך
סקאָבעס — רינגען

ע

עד השמים — ביזן הימל
עוקר מן השורש — אויסרייסן מיטן וואָרצל
עם כל העמים — צוזאַמען מיט אַלע פֿעלקער

ערשטע גילדיע — אַ סוחר פֿון ערשטן קלאַס

פּ

פּאָדן — פּאָדלאָגעס, דילן
פּאָדאָקאָניק — דאָס אונטערשטע ברעטל פֿון פֿענצטער
פּאָדאָשיקעס — פּראָנט פֿון שטיבל, וואָס איז געשיצט מיטן שטיקל אַרויס־סטאַרטשענדיקן דאַך
פּאָדוואָינע — טאָפּלטע
פּאָדזשאָג — אונטערגעצונדן
פּאָדפּאָלנער — אונטערערדישער
פּאָדפּאָרעס — אונטערשפּאַרונגען
פּאָד קאָזיריאָק — מיליטערישער סאַלוט
פּאָדריאַד — קאָנטראַקטן דורכצופֿירן
פּאָוויעסטקע — שריפֿטלעכע אויפֿפֿאָדערונג צו דערשיינען
פּאָזשאַרנע — פֿייערלעשער
פּאָיעזד — אַ באַן
פּאָליענעס — שטיקער האָלץ
פּאָמעלעס — בעזעמער אָדער שמאַטעס צו רייניקן אויוונס
פּאָסמייען — וואַגן
פּאָפּלאָוואָקעס — אַ שטיקל קאָרעק, אויף וועלכן עס געפֿינט זיך דער וואָרעם און האָקן
פּאָ פּערוואָי ליגאָטע — לויט דער ערש־טער מדרגה
פּאַפּקע — אַ קליין רענצל צו האַלטן פּאַפּירן און דאָקומענטן
פּאַראָהעס — ערטער אויף דער דווינע, וואו דאָס וואַסער טראָגט זיך שטורעמ־דיק דורך אַרויסשטאַרטשענדיקע פֿעל־זיקע שפּיצן
פּאַראָם — אַ פּרימיטיווע פֿלאַכע פֿלאָט־פֿאָרמע־שיף
פּאַרוטשיק — אַ לייטענאַנט־אָפֿיצער
פּאַרטופּייע — אַ שיידל
פֿלישטשיקעס — זעגער, די וואָס זעגן
פּיסאַרעס — קאַנצעליאַריע־שרייבער

פלאַנקען — קלעצער, פלעקער
פלודערן — הויזן
פליטן — צונויפגעבונדענע קלעצער, וואָס שווימען ווי אַ פלאַטפאָרמע
פליעניצע
פעלערינע — קורצער מאַנטל אָן אַרבל
פערעוואָזטשיק — אַן אַריבערפירער
פערעקלאַדינעס — ברעטער וואָס האַלטן צוזאַמען די שורות באַלקנס זיי זאָלן זיך ניט צעשיטן
פראַוואָזשיטעלסטוואָ — וואוינרעכט פאַר יידן
פראַוואָסלאַווני — רוסיש־קריסטלעכער
פראָרובקע — פּאָלאָנקע: אַן אויסגעהאַקטע עפענונג אין אייז
פריסטאַוו — פּאָליציי־אינספּעקטאָר
פריקאַזטשיק — אָנגעשטעלטער

פּ

פּאַרהלושען — פּאַרטויבן, איבערשרייען
פּאַרקאָנטשען — פּאַרענדיקן

צ

צאַרסקע סלוזשבע — דינסט אין צאַרישער אַרמיי
צאתך לשלום — אַ פּאָר געזונט
צדק לפניו יהלך — אַ פּסוק וואָס מען זאָגט ביי אַ לויה
צוטשאַלייען — צושווימען
ציפּליאַטעס — הינדעלעך, קינדער

ק

קאָזיריאַק — דאַשעק ביים היטל
קאָזלעס — געקרייצטע הילצערנע געשטעלן, אויף וועלכע מען לייגט ברעטער פאַר אַ פּראָוויזאָרישן טיש
קאָליאַדעס — קריסטלעכע חגאות, ווען מען זינגט „קאָלענדעס"
קאָלאָווראָט־אָקסל — די אַקס פון דעם רעדל
קאָמאַנדיראָווקע — אויף דינסטלעכער רייזע
קאָמעס וואַטע — שטיקער וואַטע
קאַניקול־חדשים — זומער־וואַקאַציע
קאָסיאַק — דאָס זייטל פון איר
קאָפּבאַלקן — באַלקנס וואָס האַלטן צוזאַמען די קלעצער פון אַ פּליט
קאָפּטעטשקע — בלוזקע
קאָקאַרדע — ראַנג־צייכן
קאַרמיליעץ — אַ דערנערער
קאַרניזן — ראַנדן פון דאַך
קלאָדקע — אַ ברעט איבערגעוואָרפן איבער אַ קליין בלאָטקעלע
קליאַק — מאַרך, וועזנטלעכער עסענץ
קראַסאַוויצע — שיינהייט
קריעס — שטיקער אייז

ר

ראַזרעשעניע — דערלויבעניש
רעאַלנאַיע אוטשילישטשע — רעאַל־שולע

ש

שכר — אַ לוין פון גאָט
שאַר — יאַטקע
שטאַפּלען — באַלקנס צונויפגעלייגט איינער אויפן אַנדערן
שטיבליעט— שיך מיט גומי אין די זייטן
שיניעל — מאַנטל
שליוזן — קליינע דאַמבעס
שלויכן — וואַסער־קישקעס
שפּאַגע — אַ מין שווערד
שפּאַלן — קלעצער פאַר אייזנבאַן־וועגן

אָרגאַניזאַציעס און יחידים, — ספּאָנסערס פון בוך

(לויטן א"ב)

אסתר באלטיק קולטור קלוב
ווילי‌אַמסבורג פּראָטערנאַל קלוב
יידישער שרייבער פאַראיין ביים איקוף
לייב סאָברין־ש. י. קאַזיניץ איקוף קלוב
ריגא־דווינסקער רעליף

ראָוז אַראָנאָוו
אַננא און דזשאָ
אסתר און דזשאָ
מרים באומעל
חיים גאָלדבערג
לילי גאָלדבערג
דאָרא גרונער
דזשעק גרינהאַוז
סערע גרינהאַוז
רובין האָך
סאָפע וואָלטמאַן
א. ווינער
פעני ווערבין
ליזאַ טאראנט
מלכה יודאווין
אַננא לעהמאַן
בערטאַ מאָס
מאָריס מאָס
מינא מאַרקעל
דינה נודעלמאַן
יוסף נודעלמאַן
רעי סאלמאן
הילדע סיגעל
פּיליפּ סיגעל
ראָוז סיימאָן
אַננא סילווערמאַן
מינא סימס
מאַקס ספּאָנדזשין
רעבעקאַ עווענס
הערי עווענס
פעני עווענס
נאום פּאָלאַק
ליליען קאַזיניץ
מינא קיידעש
משה קיש
דוד קעס
מאָריס ראַדזשערס
נח ראַפּאָפּאָרט
בען ריפין
בערטא ריפין
וואולף רעימאָנד
בערטא שול
קאַרל שול
טעמע שענקער